This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

8

1978

היימלאנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון ססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

אויגוסט

8

1978

אינהאַלט

ל. אי. ברעזשנעוו. ווידערגעבורט 3

אווראָם גאָנטאר. פונעם בוך „דער מאָרגנשטערן" 43
הערשל פּאָליאנקער. דער לערער פון מעדזשי־באָזש (ראָמאַן) 48
אווראָם קאצעוו. באַוויַיז מיר די וועלט (לידער) 97
העשל ראַבינקאָוו. דריַי דערציילונגען . . . 99
הירש רעלעס. צוויטערלעך אין גראָז (לידער) 111

אקטועלע פּראָבלעמען פון דער ליטעראַטור־קריטיק

אין שיַין פון דער באַשטימונג פון צק קפּסס וועגן ליטעראַטור־קריטיק. אוראַן גוראַלניק. דער קאָמפּאַס פון דער ליטעראַטור 113
צום 150־טן געבורטסטאָג פון ל. נ. טאָלסטאָי. הערש רעמעניק. לעוו טאָלסטאָי און די ייִדישע ליטעראַטור 117
צו דער מענדעלע־פאָרשונג. ארן ראַסקין. מענדעלעס דערציילונגען פון די 80־ער — 90־ער יאָרן . 129
אָנהייבער פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור. הירש בעריאָזקין. אייניקע באַאָבאַכטונגען איבער עזרא פינינבערגס ליריק 135
שריַיבער און ווערק. אירמע דרוקער. פון לאַנד צו לאַנד 152

וועגן שפּראַך־פראַגן. מוישע איטקאָוויטש. די קונסט פון איבערזעצן; יעשועַ הוטנער. באַמערקונגען צו „אייניקע באַמערקונגען" 170
צו אונדזער קינסטלערישער ביַילאַגע. מ. לאַזארעוו. דאַוויד שטערענבערג 174
טעאַטער און עסטראַדע. ערעוו דער פּרעמיערע. יוסף ריקלין. גאַסטראָל־ריַיזעס איבערן לאַנד. 176
בלעטערנדיק זשורנאַלן און ציַיטונגען. שאָלעם־אַליי־כעמס אייניקל בעל קאופמאַן צוגאַסט אין מאָסקווע . 179
דאָס איז טשיקאַווע. וו. אַרדאַטאָווסקי. באַ לעוו טאָלסטאָיס אייניקל 181
קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע 182
דאָס פּראָגרעסיווע ייִסראָעל קעמפט (פּאַטאָ־אינפאָרמאַציע) 184
פארשיידנס 186
ביראָבידזשאַן: דער בוי־אָטעם אין צענטן פינפיאָר (פּאַטאָ־אינפאָרמאַציע) 188
כראָניק 181, 190
מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור 191
ע. פאַלקאָוויטש. פאַר די, וואָס לערנען ייִדיש . 193
פונעם פאָלקס־אויצער. איז געווען אמאָל א פאַסטעכל . 195
רעזומע לויט די מאַטעריאַלן פונעם נומער (רוסיש, ענגליש) I

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ.ביידער (שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר), א. גאָנטאר, ש. גאָרדאָן, ט. גען, נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער, ב. מילער, כ. מעלאַמוד, ה. פּאָליאנקער, ס. פריַיז, ה. רעמעניק, י. שוסטער (פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאָר)

ל. אי. ברעזשנעוו

ווידערגעבורט

1

דאָס גראָז האָט שוין באַוויזן דורכצושפּראָצן דורכן אײַזן און שטיין־דריב, פֿונווײַטן האָט זיך געהערט די בילערײַ פֿון פֿאַרווילדעוועטע הינט, און אַרום זײַנען געווען בלויז כורוועס, און אויף די צווײַגן פֿון אָפּגעברענטע ביימער זײַנען געהאַנגען שוואַרצע קראָ־נעסטן. עפּעס ענלעכס איז מיר אויסגעקומען צו זען נאָכן בירגערקריג, נאָר דעמאָלט האָט אָנגעוואָרפֿן אַן איימע די טויטע שטילשווײַגעניש פֿון די זאַוואָדן, איצט אָבער איז פֿון זיי ביכלאַל געבליבן ניט מער ווי הוילער אַש.

עס איז געשטאַנען דער הייסער זומער פֿון 1946. אין יענעם יאָר האָט די פּאַרטיי מיך געשיקט קיין זאַפּאָראָזשיע. צוערשט האָט מען מיך באַופֿטראָגט באַקאַנען זיך מיט אַלע איניאָנים פֿון דער געגנט, לייגנדיק אַ באַזונדערע אַכט אויף דער בויונג און דער לאַנדווירטשאַפֿט. דער צק פֿון דער פּאַרטיי האָט מיר אַרויסגעגעבן דעם געהעריקן מאַנדאַט, און איך בין גלײַך טאַקע אַרויסגעפֿאָרן אין דער געגנט.

איך בין נאָך דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע דעמאָביליזירט געוואָרן ניט טייקעף און אַהער געקומען נאָך אין מײַן מיליטערישער אוניפֿאָרם. קאַיאָר האָב איך זיך אוועקגעלאָזט אויף דער בויונג, אָבער דערפֿאָרן האָט זיך מיר אײַנגעגעבן בלויז ביזן קאָקס־כימישן זאַוואָד, פּינקטלעכער ביז די רויִנען, וועלכע זײַנען פֿאַרבליבן פֿון זײַנע מעכטיקע קאָרפּוסן. ווײַטער איז קיין וועג ניט געווען, איז אויסגעקומען גיין צופֿוס. געבלאָנקעט האָב איך ביז שפּעט און אומעטום געזען אופֿגעריסענעם בעטאָן, דריוו פֿון ציגל, בערג מיסט, אַ געפֿלעכט פֿון צעקאַליעטשעטע באַלקעס. די אויגן האָבן ניט געהאַט אויף וואָס אָפּצורוען.

עס איז געגאַנגען אין פֿולן ברען דאָס פֿאַנאַנדערקלײַבן די אָנוואַלגערונגען, פֿיל טויזנטער בויער האָבן געאַרבעט אויף די אָביעקטן, דערבײַ שיר ניט אויף אַלע גלײַכצײַטיק. געאַרבעט האָט מען קימאַט אָן מעכאַניזמען, מיט די הוילע הענט — ס'האָט זיך געדוכט, אַז עס וועט קיין סאָף ניט נעמען צו אָט דער אַרבעט. אין וועג האָט מען מיך באַקאַנט מיט מענטשן, שפּעטער האָב איך פֿיל פֿון זיי דערקענט און פֿאַרגעדענקט, נאָר דערווײַל האָב איך בלויז געהערט זייערע דערקלערונגען און דעריקער געקוקט, ווײַל דאָס וויכטיקסטע איז אַזוי אויך געווען קלאָר: די פּרעכטיקע שטאָט פֿון מעטאַלורגן און ענערגעטיקער איז, אין טאָך גענומען, מער ניטאָ אויף אונדזער ערד. אַלץ איז אופֿגעריסן, פֿאַרברענט, כאָרעוו געוואָרן דורך דער מילכאָמע.

די פֿאַרמילכאָמעדיקע זאַפּאָראָזשיע האָב איך גוט געקענט. פֿון דניעפּראָפּעטראָווסק, ווו איך האָב דעמאָלט געאַרבעט, איז דאָס געווען גאָר נאָענט, אויף אַ מאַשין — אַרום אָנדערהאַלבן שאָ. עס פֿלעגט אָפּט אויסקומען פֿאָרן צו די שכיינים, מיט וועלכע מיר האָבן שוין לאַנג געפֿירט אַ פֿרײַנטלעכע פֿאַרמעסטונג. אין זיקאָרן זײַנען פֿאַרבליבן די שאָטנדיקע סקווערן, די געמיטלעכע פּלעצער מיט פֿאָנטאַנען, די שיינע ווױן־הײַזער, מיט וועלכע די זאַפּאָראָזשיער האָבן שטאָלצירט, זייערע אָפּרו־באַזעס אויפֿן אינדזל כאָרטיצאַ און דער ברייטער גרינער לעבן־פּראָספּעקט, וואָס האָט זיך געצויגן דורך דער גאַנצער שטאָט הארט ביזן דניעפּער. אין די אָוונטן, ווען איך פֿלעג געוויינלעך אומקערן זיך אַהיים, פֿלעגן די פּורפּור־רויטע אָפּגלאַנצן שעמערירן אינעם בלויען הימל איבער די דאַמבעס פֿון „זאַפּאָראָזשסטאַל“, און פֿאָרויס פֿלעגן די הונדערטער פֿײַערן, וועלכע האָבן זיך געשפּיגלט אינעם וואַסער, צייכענען די דוהע פֿון דער באַרימטער הרעבליע.

דניעפּראָהעס איז ניט פּאָשעט אײנע פון די הונדערטער עלעקטראָסטאנציעס, וועלכע זײַנען אויסגעבויט געוואָרן אין די יאָרן פון דער סאָוועטנמאכט. הײַנט זײַנען פאראן נאָך מעכטיקערע, מער פארפולקומטע עלעקטראָסטאנציעס, אָבער די דאָזיקע, די דניעפּרישע, איז געוואָרן פאר אונדז א מין סימבאָל פון דער אינדוסטריִעלער מעכטיקײַט פונעם סאָוועטן־לאנד. די דאָזיקע הרעבליע, וואָס איז אלעמען גוט באקאנט פון דער קינאָ־כראָניק, פון די פּאָטאָגראפיעס אין די צײַטונגען און זשורנאלן, פארמאָגט עפּעס א באזונדערע שײנקײַט. מע האָט מיר דערציילט, אז מיט א קורצער צײַט צוריק האָט אף אײנער פון די עקסקורסיעס א יונג מיידל, א סטודענטקע, דאָ איבערגעלאָזט אזא אופשריפט: „דניעפּראָהעס אף אונדזער ערד — דאָס איז ווי פושקין אין דער ליטעראטור, ווי טשײַקאָווסקי אין דער מוזיק. וועלכע גיגאנטן עס זאָלן ניט אופקומען אף דער וואָלגע, אף אנגארא, יעניסיי, וועלן זיי מיט זיך ניט פארשטעלן די מאיעסטעטישע גרויסקײַט פונעם פאטריִארך פון דער סאָוועטישער ענערגעטיק". גוט געזאָגט!

אָבער אין יענעם נאָכמילכאָמע־יאָר איז געווען ביטער און שווער צו זען, סארא שאָדן עס האָט געליטן דער אוניקאלער בנין. די היטלעריסטן האָבן אײַנגעמויערט אינעם קערפּער פון דער הרעבליע הונדערטער אוויִאבאָמבעס, צו א האלבן טאָן יעדערע, און בלויז דער העראָיִזם פון אונדזערע סאפּיאָרן און אויסשפּירער האָט זי געראטעוועט פון פולער פארניכטונג. ווען דאָס סאָוועטישע מיליטער האָט פאָרסירט דעם דניעפּער, האָט מען אף אײנעם פון די אָנשפּאר־זײַלן פון דער הרעבליע געפונען אן איבערגעהאקטן דראָט, וואָס האָט געפירט צום אופרײַס־מאטעריאל, און דערנעבן — דעם קערפּער פון א דערהארגעטן שלאכטמאן. פעסטשטעלן זײַן נאָמען האָט זיך ניט אײַנגעגעבן, און פון דעמלט אָן שטייט באם דורכגאנג פון דער הרעבליע א דענקמאָל דעם אומבאוווסטן העלד.

האגאם די פאשיסטן האָט זיך ניט אײַנגעגעבן אויסצופילן ביזן סאָף זייער בארבארישן פּלאן, זײַנען אלע טורבינעס, גענעראטאָרן, קראנען אופגעריסן געוואָרן, פון די זיבן און פערציק צײַטווײַליקע דורכפלוס־סעקציעס זײַנען גאנץ געבליבן פערצן. עס איז מער ניט געווען קײן וואסער־רעזערוואר אפן דניעפּער. ס'האָבן זיך אנטבלויזט די אוראלטע פעלדזן. דער טײַך, וועלכן מיר זײַנען געוווינט געווען צו זען א רויִקן, האָט ווידער, ווי אין די אלטע צײַטן, געשוימט באַ די שוועלן. אף דער בויונג זײַנען דעמלט פּאָפּולער געווען די לידער, וועלכע עס האָט אָנגעשריבן אײנער פון די דניעפּער־בויער:

Бьются волны о серый гранит
Приднепровских седеющих скал.
Этот берег навек сохранит
Славу тех, кто его защищал...[1]

פאראן אף אוקראַיִניש א בילדעריש וואָרט, א וואָגיקס און א פינקטלעכס לויטן זין: перемога — זיג. אלץ זײַנען בײַגעקומען די סאָוועטישע מענטשן, אלץ איבערגעליטן, אויסגעהאלטן און געזיגט אין דער שווערסטער פון די מילכאָמעס. איצט איז זיי פאָרגעשטאנען צו באזיגן דעם חורבן, אָפּהאלטן א זיג אין דער פרידלעכער מי.

און אָט דעם גאנצן אומענדלעכן, הייסן, פײַנלעכן טאָג האָב איך, באקאנענדיק זיך מיט דער פאקטישער לאגע, געטראכט: פון וואָס זאָל מען דאָ אָנהייבן? אן אײַנדרוק האָט זיך געשאפן, דארף מען זאָגן, א גאנץ טרויעריקער. די פאשיסטן האָבן אופגעריסן אין שטאָט אלע זיבעציק זאוואָדן. ווען מע האָט אף „זאפּאָראָזשסטאל" אָנגעהויבן אופשטעלן דאָס געשטעל, וואָס וואלצעוועט שטאָל־בויגנס, האָט מען אף אלע קאָלאָנעס פון דער מיטעלער ריי געפונען פארשריבענע מיט רויטן פארב לאַטײַנישע ליטערעס «F» (פונעם דײַטשישן וואָרט „פאָיער" — פײַער). די רויטע ווײַזערס האָבן באוויזן, ווּהין מע דארף פארלייגן דעם טאָלואָל.

אין כורוועס איז געלעגן אויך די גאנצע שטאָט. די מעלוכע־קאָמיסיע האָט אונטערגערעכנט: אין זאפּאָראָזשיע זײַנען כאָרעוו געוואָרן העכער טויזנט גרויסע ווױן־הײַזער, פיר און צוואנציק שפּיטאָלן, פיר און זיבעציק שולן, צוויי אינסטיטוטן, פינף קינאָ־טעאטערס, צוויי הונדערט נײַן און דרײַסיק מאגאזינען. די שטאָט איז פארבליבן אָן וואסער, אָן באהייצונג, אָן עלעקטרע. א ריזיקער שאָדן איז פארשאפן געוואָרן אויך דער לאנדווירטשאפט ארום זאפּאָראָזשיע.

---

[1] קלאפן כוואליעס אין גרויען גראניט
פון די גרײַז־גראָווע פעלדזן באם דניעפּער.
אָט דער ברעג וועט אף אייביק פארהיטן
דעם רום פון די, וואָס האָבן אים באשיצט... (ווערטערלעכע איבערזעצונג)

דער צענטראל־קאָמיטעט פון דער פארטיי האָט מיך געשיקט אין אָט דער געגנט אין א קאָמפליצירטן מאָמענט. אנערעך מיט א כוידעש פריִער ביז מײַן קומען אהין, דעם 27 יול 1946, האָט אין דער צײַטונג „פראוודא“ זיך באוויזן א קאָרעספאָנדענץ „פארוואָס פארהאלט זיך די אופשטעלונג פון „זאפאָראָזשסטאל”. דער ענטפער איז געווען אזא: „די ניט־אָרגאניזירטקײַט איז די הויפט־סיבע. ניטאָ קיין פראָיעקט פון אָרגאניזירן און מעכאניזירן די ארבעט. ניטאָ פאקטיש אויך קיין גראפיק. די אויספילונג פונעם פלאן ווערט דיסקאָנטירט ניט אינעם פיזישן פארנעם, נאָר אין רובלס. און אָף דעם באָדן צעבליט זיך די אויגנפארבלענדעניש...”
דערנאָך איז די „פראוודא” ארויסגעטראָטן מיט א נײַ ארטיקל אונטערן קעפל: „דרײַ פארטיי־קאָמיטעטן און איין בויונג”. אין אים זײַנען קריטיקירט געוואָרן דער ראיקאָם פון דער פארטיי, דער שטאָטקאָם און געגנטקאָם דערפאר, וואָס ארײַנמישנדיק זיך אָן א סאָף אין די איניאָנים פון די בויער, ווײַזן זיי ארויס ניט קיין גענוגע הילף, און צומאָל א ניט־קוואליפיצירטע. ענדלעך, איז דערשינען א באשלוס פונעם צק פון דער אלפארבאנדישער קאָמוניסטישער פארטיי (באָלשעוויקעס) און א פארבונדענער מיט אים באשלוס פונעם צק פון דער קאָמוניסטישער פארטיי (באָלשעוויקעס) פון אוקראיִנע „וועגן צוגרייטן, אָפקלײַבן און פאנאנדערטיילן די אָנפירנדיקע פארטייִשע און סאָוועטישע קאדרען אין דער אוקראיִנישער פארטיי־אָרגאניזאציע”.

אזא איז געווען די סיטואציע, און וועגן דעם איז געגאנגען אָן אָפענער און שארפער שמועס אָפן XI פלענום פון זאפאָראָזשיער געגנטלעכן קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פארטיי (באָלשעוויקעס) פון אוקראיִנע, אין וועלכן איך האָב נאָך א פארלויפיקער באקאנטשאפט מיט די בויונגען גענומען אָן אָנטייל. ערעוו דעם פלענום האָט מען מיר אָנגעקלונגען פונעם צק פון דער פארטיי קיין זאפאָראָזשיע:

— עס איז אָנגענומען א באשלוס צו רעקאָמענדירן אײַך אלס ערשטן סעקרעטאר פון געגנטקאָם. פירט דורך דעם פלענום.

קיין זאפאָראָזשיע איז געקומען א פארוואלטער מיט אן אָפטייל פונעם צק פון דער אלפארבאנדישער קאָמוניסטישער פארטיי (באָלשעוויקעס). די צווייטע פראגע אָפן פלענום איז געווען אן אָרגאניזאציִאָנעלע: לויט דער רעקאָמענדאציע פונעם צענטראל־קאָמיטעט פון דער אלפארבאנדישער קאָמוניסטישער פארטיי (באָלשעוויקעס) האָט מען מיך אויסגעוויילט אלס ערשטן סעקרעטאר פון זאפאָראָזשיער געגנטקאָם פון דער פארטיי. דאָס איז געווען דעם 30 אווגוסט 1946.

צום ערשטן מאָל אין לעבן האָב איך דערפילט אזוי אָנשוילעך און מאמאָשעסדיק די פאראנטוואָרטלעכקײַט פאר דער פארטיי און פאָלק פארן צושטאנד פון די איניאָנים אין א גאנצער געגנט. מע האָט דערווארט פון מיר ניט פאָשעט אָרנטלעכע ארבעט, נאָר קענטיקע פאָרשריטן, אנטשיידענע ענדערונגען. מע האָט דערווארט, עס זאָל באנײַט ווערן דער ארבעטססטיל אין דער גאנצער געגנטלעכער פארטיי־אָרגאניזאציע, עס זאָלן שארף פארגיכערט ווערן די טעמפן פון דער בויונג אָף א ריי אונטערנעמונגען, און קוידעמקאָל אין „זאפאָראָזשסטאל”. איך האָב גוט פארשטאנען, אז די דאָזיקע אופגאבע איז וויכטיק פאר דער מעלוכע ניט בלויז אין ווירטשאפטלעכן, נאָר אויך אין פאָליטישן זין.

און וואָס איז דאָ באשטאנען דער טאָך? דער געזעץ וועגן דעם פערטן פינפיאָר־פלאן (1946—1950), וועלכער איז געווען אָנגענומען אין מארט 1946, האָט פאָרויסגעזען דעם ווידערגעבורט פון „זאפאָראָזשסטאל”: „אופשטעלן די פראָדוקציע פון קאלטגעוואלצעוועטע דינע בויגנס אָפן דאָרעם...” סאכאקל איין שורע, נאָר פאר מענטשן פארשטאנדיקע איז דאָס זייער א וואָגיקע שורע. נעמענדיק אָבער אין אכט די קאָמפליצירטקײַט פון דער אופגאבע, האָט מען דעם דאָזיקן אָביעקט ניט פארוואנדלט אין אן אָביעקט פון דער ערשטער ריי. עס איז געגאנגען א רייד, אז בלויז אָף פאנאנדערצוקלײַבן די אָנוואלגערונגען וועלן, קאָן זײַן, זיך פאָדערן עטלעכע יאָר. עס זײַנען ארויסגעזאָגט געוואָרן מיינונגען, אז עס וואָלט געווען לײַכטער צו שאפן די פראָדוקציע אפסנײַ, אין אן אנדער אָרט. אזוי, לעמאָשל, האָבן געייצעט צו טאָן די ספעציִאליסטן פון דער צווישנפעלקערלעכער אָרגאניזאציע צו העלפן די לענדער, וועלכע האָבן געליטן פון דער פאשיסטישער אינוואזיע (ЮНРА). באזוכט זאפאָראָזשיע, האָבן זיי אָנגעשריבן, אז אופשטעלן „זאפאָראָזשסטאל” האָט ביכלאל קיין זין ניט, אויסבויען א נײַעם זאוואָד וועט קאָסטן ביליקער.

איך האָב קיין שום גרונט ניט צו האלטן די דאָזיקע ספעציִאליסטן פאר ניט־קאָמפעטענטע אָדער ניט־געוויסנהאפטיקע מענטשן. זיי האָבן זייער סקרופולעז אלץ באטראכט, אלץ קלאָר געמאכט, אלץ אויסגעמאָסטן — ווי ווײַט עס איז רויִנירט, דעם ניוואָ פון דער טעכניק, אונדזער דעמלטיקע ענערגעטישע באוואָפנטקײַט, וויפל מיר פארמאָגן הייב־מעכאניזמען, ארבעטסרעסורסן אאוו. זיי האָבן ניט געקענט אָפשאצן „סאכאקל בלויז” די לעבנסהאפטיקײַט פון אונד־

זער פאָלק, דעם פּאַטריאָטיזם פון די סאָוועטישע מענטשן, דעם אָרגאַניזירנדיקן ווילן פון דער פּאַרטיי.

דאָס דאָזיקע האָבן ניט גענומען אין אכט אויך די פּאָליטיקער מעייוּוער־לעיאם. ווי־זיט אויס, זיי האָט זיך שוין זייער שטאַרק געוואָלט גלייבן דעם פאַשיסטישן גענעראַל שטילפּ־נאַגעלן, וואָס האָט אַזוי ראַפּאָרטירט היטלערן נאָך דעם, ווי מע האָט אים מעשאַלייעך געווען פון דעם ביידניעפּער־געביט: „אַ צייט־אָפּשניט פון פינף און צוואַנציק יאָר — אָט וואָס פאַר אַ טערמין רוסלאַנד וועט דאַרפן האָבן, קעדיי אופשטעלן דאָס רויִנירטע". אין די סאַמע פינצ־טערע פּראָגנאָזן האָבן געוואָלט גלייבן די אימפּעריאַליסטן פון די פּאַרייניקטע שטאַטן, ווייל צו יענער צייט האָבן זיי שאַרף געענדערט זייער באַציִונג צום סאָוועטנפאַרבאַנד — צו זייער פאַרבינדעטן אין דער אַנטיהיטלערישער קאָאַליציע.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיט די אַמעריקאַנער פּאָליטיקער איז ביכלאַל שווער האָבן צו טאָן. דער פּרעזידענט פראַנקלין רוזוועלט איז געשטאָרבן, און די נייַע אַדמיניסטראַציע, ווען זי האָט פאַרנומען דאָס ווייַסע הויז, האָט טייקעף פאַרגעסן אַלע פריִערדיקע „פעסטע" צוזאָגן און „שטאַרקע" אָפּמאַכן. די אַמעריקאַנער, צום ביישפּיל, האָבן זיך גענומען אויספּאַר־טיקן פאַרן „דניעפּראָהעס" אַ פולן קאָמפּלעקט אַגרעגאַטן, נאַר, פאַרקויפט דרייַ מאַשינעס, האָבן זיי פּלוצעם אָפּגעשטעלט די ליפערונגען. זיי האָבן דעם שטאָלבויגן אַרייַנגעשטעלט אין דער רעשימע פון סטראַטעגישע מאַטעריאַלן און האָבן פּונקט אַזוי אומגעריכט אים אָפּגעג־הערט אונדז צו פאַרקויפן. אָבער אָן דעם דאָזיקן בויגן קאָן מען דאָך ניט אויסאַרבעטן קיין אוטאָמאָבילן, ניט קיין טראַקטאָרס. מענטשן פון עלטערן דאָר געדענקען מינהאַסטאַם, ווי אין די נאָכמילכאָמע־יאָרן זייַנען אָף אונדזערע וועגן געגאַנגען לאַסטמאַשינעס מיט הילצערנע קאַבינעס און מיט פּליגלען פון דיקט.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די „קאַלטע מילכאָמע". זי האָט געהערשט אַ סאַך יאָרן, פּאַקטיש צוויי יאָרצענדליקער. דאָס איז געווען ניט דער ערשטער און, צום באַדויערן, ניט דער לעצטער פּאַל, ווען די קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס האָבן, לייגנדיק האָפענונגען אָף אונדזערע שווערי־קייַטן, געפּרווּוט דיקטירן אונדז זייער ווילן, אַרייַנמישן זיך אין אונדזערע אינערלעכע אָנגעג־לעגנהייַטן. דער כּעזשבן איז געווען אַ פּאַשעטער: סייווי, הייסט עס, וועט דער סאָוועטנפאַר־באַנד בעטן די דאָזיקע מאַשינעס, דעם דאָזיקן שטאָל־בויגן, אינערגעץ וועלן די קאָמוניסטן זיך ניט אַהינטאָן, זיי וועלן זיך פאַרנייגן, פאַלן קוירים... און וואָס, מיר זייַנען אומגעקומען? צוריקגעטראָטן? אָפּגעשטעלט אונדזער באַוועגונג? ניין! די כאַכאָמים פון מעייוּוער־לעיאם האָבן אַ טאָעס געהאַט אין זייער פּאָליטיק, וועגן וואָס עס לוינט צו דערמאָנען הייַנט, אָף וויפל דאָס איז סייַ באַלערוודיק, סייַ אַקטועל.

אָן איבעריק מאָל איז באַוויזן געוואָרן פאַר דער גאַנצער וועלט, ווי אומויסשעפּלעך עס זייַנען די רעזערוון פון דער סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיק, די מעגלעכקייַטן פון אונדזער פּלאַ־נעווער ווירטשאַפט, די גרויסע מעכטיקייַט פונעם לאַנד, וואָס קאָן אין פּאַל פון נייטיקייַט איבערגרופּירן זייַנע קויכעס, קאָנצענטרירן זיי אָף די הויפּט־ריכטונגען.

אין סאַכאַקל זייַנען די אַרבעטן אָף די בויונגען, וועגן וועלכע עס גייט דאָ די רייד, ניט בלויז ניט אָפּגעשטעלט געוואָרן, נאַר, פאַרקערט, אַוועק אין אַ שטייַגנדיקן טעמפּ. די טורבי־נעס און גענעראַטאָרן, וועלכע די אַמעריקאַנער האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרקויפן, האָבן פאַר אונדז געמאַכט די אַרבעטער, אינזשעניערן, קאָנסטרוקטאָרן פון לענינגראַד און נאָוואָקראַמאַ־טאָרסק. און כאָטש די טערמינען זייַנען זיי געגעבן געוואָרן זייער באַגרענעצטע, האָבן זיי אַרויסגעגעבן אַזעלכע מאַשינעס, וועלכע זייַנען געווען מער זיכערע און מער מעכטיקע, איי־דער די אַמעריקאַנער.

אין פריִען פרילינג פון 1947 האָט דער אָפּסנייַ געבוירענער „דניעפּראָהעס" געגעבן דעם ערשטן שטראָם. וואָס שייַעך דער פּראָדוקציע פון שטאָלבויגן, האָבן די סאָוועטישע מענטשן אופגעטאָן אומעגלעכס — זיי האָבן אופגעשטעלט די סאַמע קאָמפּליצירטע פּראָדוקציע סאַכאַקל אין מעשעך פון איין יאָר. די ערשטע ריי פונעם זאַוואָד „זאַפּאָראָזשסטאַל" אָפּן נאָמען פון סערגאָ אָרדזשאָניקידזע (פינף צעכן, וואָס יעדער פון זיי איז פּאַקטיש אַליין געווען אַ זאַוואָד) האָבן מיר געלאָזט אין גאַנג אין הארבסט פונעם זעלבן, 1947 יאָר.

איך בין גליקלעך, וואָס איך בין געווען אַן איידעס און אַן אָנטיילנעמער פון די דאָזיקע גרויסע אופטוען, וואָס מע האָט מיר אָנגעטרויט אַ וויכטיקן באַצירק פון דעם נאָכמילכאָמעדיקן ווידערגעבורט, וואָס איך האָב געאַרבעט צוזאַמען מיט די זאַפּאָראָזשצעס אינעם אומפאַרגעס־לעכן יאָר. זייער פיל איז מיר אין יענער צייַט אויסגעקומען איבערצוטראַכטן, באַגרייַפן, אַ סאַך אויסגעקומען צו אויסלערנען זיך. אַ שול בין איך דאָ דורכגעגאַנגען די שווערסטע.

2

ארבעטנדיק איבער די דאָזיקע נאָטיצן, האָב איך געבעטן די טוער פֿון די פּאַרטייִשע און סאָוועטישע אַרכיוון, זיי זאָלן מיר צושיקן אייניקע מאַטעריאַלן פֿון יענע יאָרן. באַנוצנדיק זיך מיט דער געלעגנהײַט, וויל איך באַדאַנקען זיי פֿאַר דער הילף: אַ ריי דאָקומענטן האָב איך גרינגלעך פֿאַרגעסן, און אַנדערע האָב איך דערזען צום ערשטן מאָל.

אַזעלכע זײַנען, צום בײַשפּיל, די זײַטן פֿונעם פּראָטאָקאָל, וואָס איז געפֿירט געוואָרן אָף איינער פֿון די ערשטע זיצונגען פֿון דער ביוראָ פֿונעם געגנטקאָם (1946, סענטיאַבער). עס געדענקט זיך, די זיצונג האָט געדויערט לאַנג. עס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אַ סאַך איניאַנים, וועלכע מע האָט באַדאַרפֿט דרינגענדיק לייזן. אָט איז זייער רעשימע, ווײַט ניט קיין פֿולע:

באַריכט פֿון נאָוואָוואָסיליעווסקער ראַיקאָם פֿון דער פּאַרטיי;

וועגן באַוואַכן און אָפּהיטן די טוווּע אָף די פֿאַרגרייט־פּונקטן און אין די אונטערנעמונגען פֿונעם פֿאַרגרייטונגס־מיניסטעריום;

וועגן אַרײַנפֿירן נאַפֿט־פּראָדוקטן פֿאַר דעם שניט פֿון דער גערעטעניש און פֿאַר די טוווּע־פֿאַרגרייטונגען אין דער געגנט;

וועגן דעם גאַנג פֿונעם ווינטער־פֿאַרזיי און פֿונעם פֿריר־אַקער אין וואַסיליעווסקער און אַסיפּענקאָווער ראַיאָנען;

וועגן דער באַשטימונג פֿונעם צק פֿון דער אַלפֿאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (באָלשעוויקעס) און מיניסטאָרן־ראַט פֿון פֿססר „וועגן די מאָסמיטלען צו ליקווידירן דאָס ברעכן דעם סטאַטוט פֿון לאַנדווירטשאַפֿטלעכן אַרטעל אין די קאָלווירטן";

וועגן צוגרייטן און דורכפֿירן דעם דריטן יאָרטאָג, זינט זאַפּאָראָזשיע איז באַפֿרײַט געוואָרן פֿון די דײַטשיש־פֿאַשיסטישע פֿאַרכאַפּערס...

אין אָט דער שפּעט איניאַנים, וועלכע זײַנען מיך גלײַך באַפֿאַלן און האָבן געוואַרט אָף אַ שנעלער לייזונג, איז לײַכט געווען צו דערטרונקען ווערן. טראַכטנדיק וועגן דעם, בין איך געקומען צום אויספֿיר: מיט די לויפֿנדיקע איניאַנים דאַרף מען זיך פֿאַרנעמען — אינערגעץ ווערסטו פֿון זיי זיך ניט אַהינטאָן, — נאָר דאָס ערשטע אָרט דאַרפֿן פֿאַרנעמען די פֿראַגן פֿון ראַדיקאַל פֿאַרבעסערן די אָרגאַניזאַטאָרישע און פּאַרטייִש־פּאָליטישע אַרבעט.

די ערשטע אײַנדרוקן האָבן מיך ניט אָפּגענאַרט. אָפֿן בוי־פּלאַץ פֿון „זאַפּאָראָזשסטאַל" זײַנען געווען זייער אַ סאַך מענטשן (אין העכסטן פּונקט פֿון דער בוייונג — זיבן און פֿערציק טויזנט), און קיין קאָלעקטיוו איז ניט געשאַפֿן געוואָרן. געאַרבעט האָבן אַרום פֿערציק בוי־פֿאַרוואַלטונגען און סוב־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זײַנען געווען אונטערגעאָרדנט פֿאַרשיידענע הויפּט־פֿאַרוואַלטונגען פֿון פֿאַרשיידענע מיניסטעריומס. עס איז טייקעף אויסגעקומען אָנצושטויסן זיך אָף דער צעשיידטקײַט פֿון אָט די קאָנטאָרן, אָף אומענדלעכע שטרײַטן, קעגנזײַטיקע באַשולדיקונגען. אומעטום האָבן זיי די אַרבעטן אָנגעהויבן און אינערגעץ קיין זאַך ניט פֿאַרענדיקט. די דיסציפּלין איז געווען אַ נידעריקע, קיין שום קעגנזײַטיקע הילף און מיט־אַרבעט. אַנדערש גערעדט, עס איז ניט געווען דאָס אַלץ, וואָס פֿאַרוואַנדלט אַ מענטשן־מאַסע אין אַן אָרגאַניזירטן קאָלעקטיוו.

מײַן ערשטע זאָרג איז געווען צו שאַפֿן אַן אַטמאָספֿער פֿון פּינקטלעכקײַט, פֿון פּאַרטייִשער פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט. הײַנט וועט קיינער ניט אָנהייבן קיין בויונג אָן אַ גראַפֿיק, און דעמלט האָבן אייניקע אָנפֿירער גאַנץ ערנסט געפּרוּווט דערווײַזן, אַז אין אונדזערע באַדינגונגען איז אַ גראַפֿיק ביכלל ניט אָנעמבאַר. דאָס איז, זעט איר, ניט קיין „נאָרמאַלע" בויונג — מיר קלײַבן פֿאַנאַנדער אָנוואַלגערונגען, מיר שלעפּן אַרויס רערן, באַלקעס, רעלסן, גאַנץ געבליבענע מאַשין־דעטאַלן, אַזאַ מין אַרבעט קאָן מען ניט נאָרמירן.

דאָס איז אַרײַן אין דער פּראַקטיק: די מענטשן האָבן געאַרבעט אָן נאָרמעס, די אַרבעטס־פּראָדוקטיווקײַט האָט מען געמאָסטן אָפֿן קוק. אַנדערש גערעדט, דעם פּלאַן האָט מען צוגעפּאַסט צו די שמאָלע ערטער, אונטערגעגלײַכט לויט זיי די טעמפּן פֿון ווּקס, אַרויסגייענדיק פֿון דעם, וואָס מע קאָן באַווײַזן אויפֿטאָן פֿאַר אַ וואָכטע אָדער פֿאַר אַ כוידעש, און ניט פֿון דעם, וואָס מע דאַרף, וואָס עס איז אַבסאָליוט נייטיק אויפֿצוטאָן.

אַזעלכע שטימונגען האָט מען געדאַרפֿט בײַקומען, און אָף איינעם פֿון די פּלענומס פֿונעם שטאָטקאָם פֿון דער פּאַרטיי (לויט דער דעמלטיקער אָרדענונג בין איך אײַנצײַטיק געווען אויך דער ערשטער סעקרעטאַר פֿון שטאָטקאָם) איז אויסגעקומען ספּעציעל צו ריידן וועגן דעם. אורטיילנדיק לויט דער סטענאָגראַם, האָב איך פֿאַרגעוואָרפֿן די בויער: „גיט אַ קוק, אין דער

לאַנדווירטשאַפט, ווען עס גייט דער פּאַרזיי, באַקום איך יעדן אָוונט א סוואָדקע, איך קאָן אַרײַנמישן זיך, העלפן, אונטערוואַרפן דעם הינטערשטעליקן ראַיאָן ברענשטאָף, רעזערוו־טיילן. צי דען קאָנען מיר זיך ניט דערשלאָגן, אַז פּונקט אַזאַ קלאָרקײַט זאָל בײַ אונדז זײַן אויך אַפן בוי־פּלאַץ? זאָל דערווײַל זײַן שווער צונויפצושטעלן א גראַפיק פאַר דעם גאַנצן ריזיקן קאָמ־פּלעקס, אָבער אַף די אָביעקטן, וועלכע דאַרפן גלאַט ווערן אין גאַנג, אַף די אַנטשיידנדיקע אָביעקטן איז ער פּולשטענדיק נייטיק. אויב עס איז ניטאָ קיין גראַפיק, — האָב איך ווײַטער געזאָגט, — אויב מיר האָבן ניט אין אונדזערע הענט די מיטלען, וואָס מיט זייער הילף קאָן מען קאָנטראָלירן, פאָדערן, סטימולירן, און אויב נייטיק — אויך באַשטראָפן, איז ניטאָ וואָס צו טראַכטן וועגן אַוועלכן־ניט־איז שאַרפן פאַרויסגאַנג פון דער אַרבעט".

די פּאָזיציע פונעם געגנטקאָם האָבן אַקטיוו אונטערגעהאַלטן סײַ דער דירעקטאָר פונעם זאַוואָד „זאַפּאָראָזשסטאַל" א. נ. קוזמין, וואָס האָט דאָ געאַרבעט נאָך ביז דער מילכאָמע, סײַ דער נײַער פּאַרוואַלטער פונעם טרעסט „זאַפּאָראָזשסטראָי" וו. ע. דימשיץ, וועלכער איז אַהער געקומען אינגיכן נאָך מיר. מענטשן זײַנען זיי אין אַלץ געווען פאַרשיידענע, נאָר אויסערסט געלונגען דערגאַנצט איינער דעם אַנדערן.

אַנאַטאָלי ניקאָלײַעוויטש קוזמין, א מענטש פון מיטלען וווּקס, א פּולבלעכער, געטראָגן פּענסנע, האָט, אַף וויפל איך געדענק, קיינמאָל ניט געשרײַען. לויטן אויסזען איז ער געווען א טיפּישער אינזשעניער־אינטעליגענט, און בלויז מיט א סאַך צײַט שפּעטער האָב איך זיך דער־וווּסט, אַז ער שטאַמט פון א מישפּאָכע פּיטערער פּראָלעטאַריער. אַלץ האָט ער פאַרמאָגט: ערודיציע, סייכל, הויכע אַרבעטספּייִקייט. ער האָט געהאַט אַן אומבאַשטרײַטבאַרן אויטאָרי־טעט אין די פּראָדוציר־אייניאַנים. אָבער מער פאַר אַלץ האָט זיך מיר פאַרגעדענקט זײַן רויִ־קײַט. עפּעס איז ניט אין אָרדענונג, עס ווערט אָראָפּגעריסן דער פּלאַן — אַנאַטאָלי ניקאָלײַע־וויטש איז אויסערלעך רויִק. עס זײַנען אַוועק דערפּאָלגן, מיטינגען — ער איז ווידער רויִק. א געזעצטער, זאַכלעכער מענטש.

אַפן זאַוואָד איז אים אויסגעקומען איבערצולעבן א שווערע צײַט. אין אויגוסט 1941 האָט דאָס פאַשיסטישע מיליטער, וואָס איז אַרויס אַפן רעכטן ברעג פונעם דניעפּער, אָנגעהויבן באַשיסן די שטאָט. פינף און פערציק מעסלעס האָט אונדזער אַרמיי העראָיִש אײַנגעהאַלטן דעם לינקן ברעג, און פאַר דער דאָזיקער צײַט איז בלויז פון „זאַפּאָראָזשסטאַל" אַרויסגעפירט געוואָרן נײַן טויזנט זעקס הונדערט וואַגאָנעס ווערטפולסטע אויסשטאַטונג. דאָס איז געווען א העלדנטאַט: אונטער אַרטילערישע באַשיסונגען, אונטער באָמבאַרדירונגען האָבן מענטשן דע־מאָנטירט די שווערסטע ווערקשטעלן, געפּאַקט מאַשין־קנופּן, געלאָדן זיי אַף פּלאַטפאָרמעס, מאַר־קירט, צונויפגעשטעלט מאָנטאַזש־סכעמעס. דאָס אַלץ אונטערן קאָנטראָל פון א. נ. קוזמין. דעם זאַוואָד האָט ער פאַרלאָזן, ווי א קאַפּיטאַן פאַרלאָזט זײַן שיף, — דער לעצטער, בוכשטעבלעך מיט א האַלבער שאָ פריִער, איידער אַף דער טעריטאָריע האָבן זיך אַרײַנגעריסן די היטלע־ריסטן.

און שוין אין א האַלב יאָר אַרום האָט א גרופּע זאַפּאָראָזשיער וואַלצער געאַרבעט אין נאָוואָסיבירסק אַפן ווערקשטעל, וואָס וואַלצעוועט דינע בויגנס. דער עלעקטרישער קאַבעל, וועלכן מע האָט באַוויזן אַרויסצײַען פון די אונטערערדישע טונעלן (מער פון נײַן הונדערט קילאָמעטער), האָט געהאָלפן צו קאָמפּלעקטירן צוגאָבלעך צענדליקער שוץ־זאַוואָדן אַפן מיזר־רעך פונעם לאַנד. אָבער דער גרונט־טייל פון דער אויסשטאַטונג פון „זאַפּאָראָזשסטאַל" איז אָנגעקומען אַף דער מאַגניטקע, ווו עס איז זייער שנעל אויסגעבויט געוואָרן א צעך אַף צו וואַלצעווען מיטעלע בויגנס, וועלכער האָט געגעבן דעם לאַנד פּאַנצער־מאַטעריאַל פון הויך־לעגירטן שטאָל.

לויטן כאַראַקטער איז דימשיץ דער פּולער הייפּעך פון קוזמינען: אין די אָפּשאַצונגען פּלעגט ער צײַטנווײַז זײַן קאַטעגאָריש, אָבער אויך אויסגעצייכנט געוווּסט די סטראַטעגיע פון דער זאַך און איז געווען, קאָן מען זאָגן, א מײַסטער פון טאַקטישער אָנפירונג. ער האָט ליב געהאַט דרייסטע אינזשעניערישע באַשלוסן, געקאָנט אונטערהאַלטן א נאָוואַטאָר און שטעלן אַפן אָרט א פּלוידערזאַק. די בויער זײַנען ביכלאַל א ספּעציפישער אוילעם: אַף זייערע פּלאַ־ניאַרקעס פּלעגן זיך הערן אַמאָל ווײַט ניט קיין פּאַרלאַמענטאַרישע אויסדרוקן. און, איך וויל ניט דורכלאָזן, — דער מילדער און גוטהאַרציקער קוזמין האָט אויך אין אַזאַ אומגעבונג גע־קענט פּרינציפּיִעל און פעסט פאַרטיידיקן זײַן פּאָזיציע.

צווישן די בויער און עקספּלואַטאַציע־טוער איז געוויינלעך קיין אײַנפאַרשטענדעניש ניטאָ, נאָר קוזמין און דימשיץ האָבן שטענדיק געפונען א געמיינזאַמע שפּראַך, און קיין קאָנפליקטן צווישן זיי געדענק איך ניט. דער געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי האָט שטענדיק געווירקט אַף זייערע באַציִונגען. אין דער פראַגע וועגן דעם גראַפיק זײַנען ביידע פון די ערשטע טעג אָן

מאסקים געווען מיט מיר, און אין סאכאקל איז ער געוואָרן א רעאלע זאך. דער שטרענגער מעסלעס־גראַפיק האָט פארבונדן אין איין גאנצעס די ארבעט, וועלכע עס האָבן געפירט פארשיידענע פארוואלטונגען, ער האָט געהאָלפן קאָנטראָלירן די פעסטע טערמינען פון לאָזן אין גאנג די אָביעקטן. דאָס איז געווען אונדזער געמיינזאמער זיג.

די זאָרגזאם צונויפגעשטעלטע גראַפיקעס זײַנען דערנאָך פארמערט געוואָרן אין דרוקערײַ אין דער פאָרם פון קליינע ביכעלעך. אזעלכע ביכעלעך זײַנען געווען ניט בלויז בא דער נאָטשאַלסטווע פון דער בויונג, נאָר אויך בא די מײַסטערס, פּראָראבן, בא די פארטייִשע, פראָפאריינישע, קאָמיוגישע טוער, בא די זשורנאליסטן, וועלכע פלעגן קומען אפן בוי־פלאץ. זיי האָבן מיטגעהאָלפן דער עפנטלעכקײַט, וואָס איז פאר דער אויסבילדונג פון א קאָלעקטיוו אויך נייטיק. איין זאך איז, ווען א מענטש גריבלט זיך אף זײַן באצירק, ניט ווויסנדיק, וואָס ארום אים טוט זיך, און גאָר א צווייטע זאך איז, ווען ער איז אין קורס פון אלץ, וואָס אף דער בויונג קומט פאָר, ער ווייסט זײַן אָרט אין דער אלגעמיינער ריי.

פארשטייט זיך אָבער, אז אײַנפירן א גראַפיק איז בלויז א האלבע ארבעט. מע האָט געדארפט זיך דערשלאָגן צו א טאָגטעגלעכן קאָנטראָל, וויִאזוי ער ווערט אויסגעפילט, צו א ברייטער און, ווידעראמאָל, עפנטלעכער באריכט־אָפגעבונג. די בויער האָבן געלייזט אויך די דאָזיקע אופגאבע, שאפנדיק אן אפאראט פון דיספעטשער־אמט. הויפט־דיספעטשער איז געוואָרן גריגאָרי לובענעץ, דער איצטיקער מיניסטער פון בויען אונטערנעמונגען פון דער שווערער אינדוסטריע אין דער אוקראַיִנישער סאָוועטן־רעפובליק (ביכלאל איז אף אונדזערע זאוואָדן און בויונגען אויסגעוואקסן א היפש ביסל גוטע פארטייִשע אוןווירטשאפטלעכע אָנפירער). דעמלט איז ער נאָך געווען א יונגער, קרעפטיקער יאט, ער איז געזעסן אין דער ארומרינגלונג פון א צענדליק טעלעפאָנען און האָט באוויזן א קונץ צו זען אלץ, געדענקען אלץ, אומעטום באווײַזן, און צו 17.00, ווען עס פלעגט פאָרקומען דער טעגלעכער דיספעטשערישער ראפּאָרט, האָט ער געקאָנט ענטפערן אף יעטווידער אופגעקומענער פראגע. עס האָט גענומען א סאָף צו די פוסטע קריגערײַען, צום פארופן זיך אף דעם, אז מע האָט עפעס ניט באוויזן צו באזאָרגן, עפעס ניט געבראכט צו פירן, — די ציפערן זײַנען שטענדיק געווען פינקטלעכע.

מיר איז געפעלן געווען בײַצוזײַן אף די בעראטונגען פון די בויער: די אָפּעראטיווקעס פלעגן בא זיי דורכגעפירט ווערן בעעמעס אָפּעראטיוו, די „פינפמינוטקעס" פלעגן זיך ניט פארציִען אף צוויי שאָ. זעלבסטפארשטענדלעך, אָנגעקומען איז דאָס אלץ ניט לײַכט, מע האָט געדארפט בײַקומען די אינערציע, קעמפן קעגן דער פסיכאָלאָגיע פון „נישקאָשע, ווי־ניט־איז", אָבער צוביסלעכווײַז האָט זיך אָנגעהויבן אײַנשטעלן אן אָרדענונג, די בויונג איז ארײַן אין ריטם, און אויב עס פלעגן זיך טרעפן מיספארשטייענישן, פלעגן זיי געלייזט ווערן אָן פארשלעפענישן.

איך געדענק, אין אָנהייב מײַ 1947 האָבן מיר אין קליינעם זאל פון געגנטקאָם דורכגעפירט א פארזאמלונג פונעם פארטייִש־ווירטשאפטלעכן אקטיוו פון „זאפּאָראָזשסטראָי". דעם באריכט וועגן דער ארבעט האָט געהאלטן דימשיץ, ארויסגעטראָטן איז אויך קוזמין, וועלכער האָט מיט סקרופולעזע פּראָטים איבערגערעכנט די פאָדערונגען צו די בויער, עס האָבן גענומען ווערטער די ארבעטער. מיר איז אויסגעקומען צו שליסן די פארזאמלונג, און איך האָב באטאָנט, אז מע דארף קאָנצענטרירן די קרעפטן אף די אָביעקטן, וועלכע מע לאָזט אין גאנג, — דעמלט זײַנען דאָס געווען די טערמאָעלעקטראָצענטראל און דער דאָמנע־אויוון:

— א סיטואציע האָט זיך געשאפן זייער ניט קיין געוויינלעכע. אפילו בא דער רײַכסטער דערפארונג דארפט איר אנערקענען, אז מיט אזעלכע בוי־טעמפן, מיט אזעלכע מאסשטאבן טרעפט איר זיך דאָס ערשטע מאָל. און דער טערמין פון לאָזן אין גאנג איז פאר אונדז אלעמען אן אומבאדינגטער. ווען מע זאָל ניט קאָנצענטרירן די קרעפטן אף די אָביעקטן, וועלכע ווערן געלאָזט אין גאנג, ניט שאפן, אויב מע מעג זיך אזוי אויסדריקן, קיין שלאָג־פויסט, וועלן מיר אין די טערמינען זיך ניט ארײַנלייגן. אף אייניקע באצירקן, באזונדערס אף אזא וויכטיקן אָביעקט, ווי די דאָמנע, האָבן מיר דערווײַל געארבעט, ווי מע זאָגט עס, ניט מיטן פויסט, נאָר מיט א צעעפנטער דלאָניע. און דאָס איז ניט קיין שטארקער קלאפּ.

מיר אלע האָבן אין יענעם יאָר זיך געלערנט און דעם דאָזיקן מעטאָד — צונויפקלײַבן די קרעפטן אין א פויסט — גענומען דערנאָך אף באוואָפענונג. אים האָט באמערקט און אָפּגעשאצט דאָס גאנצע לאנד. די אופשטעלונג פון „זאפּאָראָזשסטאל" און „דניעפּראָהעס" איז אנערקענט געוואָרן אלס קלאסישער מוסטער פון קאָנצענטרירן די קרעפטן און מיטלען אף די שלאָג־באצירקן פון דער אלפאָלקישער בויונג. שפעטער האָבן טאקע אזוי זיך געפירט א סאך אונדזערע גרויסע בויונגען. אזוי זײַנען געבויט געוואָרן די סופּערמעכטיקע דאָמנע נום. 9 אין קריוואָיראָג און דער ווערקשטעל „3600" אין זשדאנאָוו, דער וואָלגער אווטאָזאוואָד און „קאמאז"; די

דאָזיקע דערפֿאַרונג נוצן אויך הײַנט אויס די נאַפֿט־ און גאַז־אַרבעטער פֿון טיומען, די בױער פֿון דער בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל.

אויסנוצנדיק די געלעגנהײַט, וואָלט איך געוואָלט באַטאָנען די סאַמע ענגע קעגנזײַטיקע פֿאַרבינדונג צווישן דעם נעכטיקן טאָג פֿון לאַנד, צווישן דעם וועג, וועלכן מיר זײַנען דורכגעגאַנגען, און דער שטעלונג פֿון נײַע אויפֿגאַבן. פֿון יאָר צו יאָר וואַקסן דער שוווּנג פֿון אונדזערע פּלענער, דער מאַסשטאַב און די קאָמפּליצירטקייט פֿון די פּראָבלעמען, און לייזן זיי קומט אויס אַף אַ נײַעם ניוואָ, אַף אַ נײַעם אויפֿן. דערבײַ אָבער איז בײַטיק צו נעמען אין אַכט די רײַכסטע פּראַקטיק פֿון בויען דעם סאָציאַליזם, די היסטאָרישע דערפֿאַרונג פֿון דער פּאַרטיי און פֿון די פֿאָלקסמאַסן.

איצט, לעמאָשל, האָבן מיר פֿאַר זיך אַ פּראָגראַם פֿון אַ באַזונדערער באַדײַטונג — באַהערשן אַף אַ קאָמפּלעקס־אויפֿן די ערד־טיפֿעניש און אַנטוויקלען די פּראָדוציר־קרעפֿטן פֿון מײַרעוו־סיביר. דאָס איז בעעמעס אַ גרויסע בויונג פֿון אונדזער צײַט, אַ בויונג, וואָס שטײַגט איבער לויט איר פֿאַרנעם, לויט דער גרייס פֿון די קאַפּיטאַל־אינוועסטיציעס, לויט דער קאָמפּליצירטקייט פֿון די טעכנישע און טראַנספּאָרט־אויפֿגאַבן אַלץ, וואָס מיר האָבן געהאַט אין די פֿרײַערדיקע יאָרן און פֿינפֿיאָרן. דערפֿאַר איז נאָך וויכטיקער, נעמענדיק אין אַכט די אָנגעזאַמלטע דערפֿאַרונג, ניט דערלאָזן דאָ קיין צעשפּליטערונג פֿון די קויכעס. אַלץ קאַטעגאָרישער שטעלט זיך די אויפֿגאַבע, מע זאָל באַצײַטנס קאָנצענטרירן די רעסורסן אַף די הויפּט־ריכטונגען, ריכטיק באַשטימען די פּריאָריטעטן, דאָס הייסט דעם סיידער פֿון לייזן די פּראָבלעמען אין העסקעם מיט זייער באַדײַטונג פֿאַר דער פֿאָלקסווירטשאַפֿט.

קענען אַנטפּלעקן יענע קאָנקרעטע רינגען, וווּ מע קאָן מיט מינימאַלע הוצאָעס באַקומען דעם גרעסטן און שנעלן עפֿעקט, קענען צוגיין צום לייזן אַ באַליביקע אויפֿגאַבע פֿונעם שטאַנדפּונקט פֿון די ענדגילטיקע רעזולטאַטן — גראָד אין דעם באַשטייט די קונסט פֿון פּלאַנירן און פֿון ווירטשאַפֿטלעכער אָנפֿירונג ביכלאַל.

מיט איין וואָרט, אויב ריידן מיט דער לענינישער שפּראַך, אויסטיילן יענע רינגען, וואָס באַם אָנכאַפּן זיך פֿאַר זיי קאָנען מיר אַרויסשלעפּן די גאַנצע קייט, האָט פֿאַר אונדז ווי פֿרײַער אַן אַנטשיידנדיקע באַדײַטונג. און צום ערשטן מאָל האָב איך דאָס אָנגעהויבן ווי געהעריק צו פֿאַרשטיין, באַנעמען אַפֿן סמאַך פֿון דער אייגענער דערפֿאַרונג אינעם אָנגעשטרענגטן און שלאַכטפֿולן יאָר פֿון דער זאַפּאַראָזשיער בויונג.

3

פֿון אירע ערשטע טעג איז, אויסער דער אָרגאַניזאַטאָרישער אַרבעט, אויסגעקומען צו שעכן, ווי ס׳איז שוין געזאָגט געוואָרן, גרויס אויפֿמערקזאַמקייט דער פּאַרטיייִש־פּאָליטישער אַרבעט. די דאָזיקע פֿראַגן זײַנען פּאַקטיש געלייזט געוואָרן אייננצײַטיק. די קאָמפּליצירטקייט איז באַשטאַנען דערין, וואָס, צום אונטערשייד פֿון די אײַנגעשטעלטע קאָלעקטיוון, איז בײַ אונדז דעמלט אַלץ געווען אין באַוועגונג. מע האָט געדאַרפֿט לייזן די פֿראַגן וועגן וווינונגען, לעבנסשטייגער, באַדינונגס־ספֿער. אַלע טאָג זײַנען דאָך אַף דער בויונג געקומען צו פֿאָרן הונדערטער מענטשן — דעמאָביליזירטע קריגסלײַט, מאָנטאַזשניקעס פֿון אַנדערע געגנטן, אונדזערע מעטאַלורגן, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט פֿון סיביר, פֿון אוראַל, די אָרטיקע אײַנוווינער, וועלכע זײַנען פֿאַרטריבן געוואָרן קיין דײַטשלאַנד, די יוגנט פֿון די אַרומיקע קאָלווירטן. די מענטשן האָבן זיך געשטעלט אַפֿן פּאַרטיי־דיסקאָנט. און שוין אין גאַנג פֿון די אַרבעטן האָט מען געדאַרפֿט זיך צוקוקן, וואָס איז דער אָדער אַנדערער ווערט.

פֿון די בעסטע מענטשן פֿון דער בויונג זײַנען געוואַקסן די פּאַרטיי־רייען. אין „זאַפּאַראָזשסטראַי” האָבן מיר אין דער ערשטער העלפֿט פֿון 1947 אָנגענומען אין די רייען פֿון דער אַלפֿאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (באָלשעוויקעס) קימאַט צוויי מאָל מער אַרבעטער, איידער פֿאַרן גאַנצן יאָר 1946, צווישן זיי איז געווען, אַשטייגער, דער מאָנטאַזשניק איוואַן רומיאַנצעוו, וועמענס נאָמען עס האָט אין יענע יאָרן געדונערט. אַזוי־אַרום איז קרעפֿטיקער געוואָרן דער שלאַכט־קערן פֿונעם פּילטויזנטקעפּיקן קאָלעקטיוו, און עס איז וויכטיק געווען צו דערמאָנען די מענטשן, אַז אַ סעקרעטאַר פֿון אַ פּאַרטיי־קאָמיטעט איז קודעמקאָל אַ פּאָליטישער אָנפֿירער, און יעדער קאָמוניסט איז אַ פּאָליטישער שלאַכטמאַן.

אף איינעם פון די פּלענומס פון געגנטקאָם איז מיר אויסגעקומען צו קריטיקירן דעם סעקרעטאַר פון נאָוואָוואָסיליעווסקער ראַיקאָם פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי (באָלשעוויקעס) פון אוקראַיִנע. א טוער איז ער אין אַלגעמיין געווען א גוטער, און איניציאַטיווער, נאָר ער האָט זיך צופיל פאַרכאַפּט מיט ווירטשאַפטלעכע איניאָנים, איבערן קאָפּ געווען אין זיי פאַרטאָן. איך האָב דעמלט געזאָגט, אַז א סעקרעטאַר פון א ראַיקאָם איז קודעמקאָל א אָנגעזעענער פּאָליטישער טוער, א פאַרשטייער פונעם צק פון אונדזער פאַרטיי אין א גרויסן אַדמיניסטראַטיוון ראַיאָן. די ארויסטרעטונגען פון אייניקע סעקרעטאַרן אונדזערע זײַנען אָבער מער ענלעך אף פאַרטראָגן פון ווירטשאַפטלעכע טוער — פילסט ניט אין זיי די פּאָליטישע ליניע. אָט האָט דער נאָוואָוואָסיליעווסקער סעקרעטאַר גוט גערעדט וועגן טראַקטאָרן און אָקסן, נאָר ווי ער איז דערגאַנגען צו דער פאַרטיי־אַרבעט, האָט ער באַלד זיך פאַרהאַקט. אַזוי טויג ניט! אין דער פאַרטיי־אַרבעט איז נייטיק פריִער פאַר אַלץ א פּאָליטישער אַנאַליז פון דער סיטואַציע. דעמלט וועסטו אויך אין די ווירטשאַפטלעכע איניאָנים וויסן, פון וועלכער זײַט צוטרעטן.

אין די טעג, ווען עס זײַנען געבליבן הינטערשטעליק די בויער פון „זאַפּאַראָזשסטאַל", ווען עס האָט געפילט גרויסע שווערקײַטן דער „דניעפּראָסטראַי", האָב איך די גאַנצע צײַט געהערט: גיט צעמענט, וועט די אַרבעט אַוועקגיין ווי עס באַדאַרף צו זײַן. א סאַך מענטשן האָט זיך געדוכט, אַז אַלץ איז אָפּהענגיק פונעם מאַנגל אין מאַטעריאַלן. א מאַנגל איז, פאַרשטייט זיך, געווען, אָבער אין דער זעלבער צײַט איז געווען אויך קלאָר: מענטשן האָבן זיך אָפּגעוווינט צו טראַכטן וועגן די אייגענע פעלערן. הינטער דער האַווערײַ, שטרײַטן, זאָרגן פון דער געגעבענער מינוט איז אָפּגערוקט געוואָרן אין א זײַט די פּערספּעקטיוו, פאַרלוירן געגאַנגען דער איקער. בלעטערנדיק איצט די סטענאָגראַמעס פון די פּלענומס, קאָנפערענצן, פאַרזאַמלונגען פונעם אַקטיוו, זע איך, ווי אָפט איז מיר דעמלט אויסגעקומען צו ריידן גראָד וועגן דעם.

— צעמענט איז, אָן שום ספק, נייטיק. אָן אים וועסטו ניט פאַרמישן קיין בעטאָן. אָבער ס'איז פיל וויכטיקער, אַז דער מענטש, וואָס פאַרלייגט בעטאָן אין דער הערבליע, זאָל פאַרשטיין, פאַרוואָס דאַרף מען דעם דאָזיקן בעטאָן אײַנלייגן און אײַנפּרעסן אף א הייך פון פערצן מעטער, ווען עס ברענט א פראָסט פון צוואַנציק גראַד. די היטלעריסטן האָבן געהאַט א סאַך טעכניק און אַלץ, וואָס עס איז נייטיק צו דער שלאַכט. און דאָך האָבן מיר געזיגט, דערפאַר, וואָס סײַ מיר, סײַ די סאָלדאַטן, וועלכע מיר האָבן געפירט אין שלאַכט, האָבן טיף פאַרשטאַנען, לעשעם וואָס מיר שטורעמען דעם סוינעס באַפעסטיקונגען, וועלכע האָבן געשפּיגן מיט פײַער און טויט. אָט פאַרוואָס די פאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס זײַנען מעכוייעוו צו שטעלן אין צענטער פון זייער טעטיקײַט די אופגאַבן פון דערציִען דעם מענטשן. דעמלט, דאַרף מען דאָ זאָגן, וועט זיך אָן ספק גיכער באַוויזן סײַ צעמענט, סײַ אַלדאָס איבעריקע, און אונדזערע איניאָנים וועלן אַוועקגיין א סאַך שנעלער.

די מילכאָמע פלעגן מיר אין די רעדעס דערמאָנען ניט זעלטן. און ניט בלויז דערפאַר, ווײַל די פראָנט־בײַשפּילן זײַנען דעמלט געווען באַזונדערס נאָענט און פאַרשטענדלעך, נאָר אויך דערפאַר, ווײַל די גאַנצע אומגעבונג האָט אין יענעם יאָר דערמאָנט א שלאַכט־סיטואַציע — די בויונגען זײַנען געווען שלאַכטפעלדער. איך געדענק גוט מײַן ערשטע באַגעגעניש מיט די דניעפּערבויער. אינגיכן נאָך דעם, ווי איך בין צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, איז לויטן באַשלוס פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פאַרטיי (באָלשעוויקעס) געשאַפן געוואָרן דער דניעפּראָסטראָיעווער ראַיקאָם פון דער פאַרטיי, וועלכער האָט פאַראייניקט די קאָמוניסטן פון דער ריזיקער בויונג. די ערשטע קאָנפערענץ זייערע איז דורכגעגאַנגען זאַכלעך, עס זײַנען אַרויסגעטראָטן אַרבעטער, אינזשעניערן, שעפן פון די אַמטן, עס זײַנען אופגעהויבן געוואָרן שאַרפע טעכנישע פּראָבלעמען, מע האָט גערעדט וועגן די אומאָרדענונגען, עס האָבן ניט געפעלט קיין קעגנזײַטיקע פאָרוווּרפן. איך בין געזעסן באַם פּרעזידיום־טיש, אופמערקזאַם געהערט, עפּעס־וואָס פאַרשריבן אין בלאָקנאָט. דערנאָך האָב איך געבעטן א וואָרט.

עס קאָן זײַן, אַז אייניקע האָבן זיך געריכט, אַז דער סעקרעטאַר פון געגנטקאָם וועט גלײַך אורטיילן, ווער פון די רעדנער איז גערעכט, און ווער איז שולדיק, נאָר איך האָב באַוווסטזיניק ניט גענומען זיך מישן אין די שטרײַטן. איך האָב געהאַלטן: אף דער ערשטער באַגעגעניש וואָלט דאָס געווען פריצײַטיק. איך האָב געזאָגט, אַז וועגן דער טעכניק פון הידראָבויונג וועל איך ביכלאַל ניט ריידן — אין די דאָזיקע איניאָנים וועלן זיי זיך פאַנאַנדערקלײַבן אָן מיר. נוצלעכער וועט זײַן, אויב מיר וועלן איצט קאָנצענטרירן די אופמערקזאַמקײַט אף דער אָרגאַניזאַטאָרישער און פּאָליטישער אַרבעט. איך האָב באַשלאָסן אָנצוהייבן

פון דרײַ גרונט־פראגן: די דיסציפלין אױף דער בױונג, קריטיק און זעלבסטקריטיק, די אנטװי־קלונג פון דער סאָציאַליסטישער פאַרמעסטונג.

„װי האַלט בײַ אונדז מיט דער פאַרמעסטונג? איך װעל זאָגן אָפֿן: זײער שלעכט. אין דער צײַט פון דער פאַטערלענדישער מילכאָמע, באַזונדערס אױף די אַנטשײדנדיקע עטאַפּן אירע, װען עס פלעגט געשטעלט װערן פאַרן מיליטער אַ שװערע אױפגאַבע, איז די אַנשױלעכע אַגיטאַ־ציע אױסגענוצט געװאָרן אױסערגעװײנלעך אַקטיװ, כאָטש עס האָבן אױסגעפעלט מאַטעריאַלן, װאַרשטאַטן און אַלדאָס אַנדערע. לעמאָשל, װען מע האָט זיך געגרײט צו אײַנעמען קיִעװ, דאָס מיליטער איז דיסלאָצירט געװען אין די װעלדער, עס איז אָבער ניט געװען קײן אָרט, װוּ עס זאָלן זיך ניט װאַרפן אין די אױגן פּלאַקאַטן און לאָזונגען. איר האָט געקאָנט זען אַ בױם מיט אַ שניט אױף דער קאָרע, װוּ עס איז געװען אָנגעשריבן: „דאַיאָש קיִעװ!" אױף אַ שטיק דיקט — אַן אױפשריפט: „שלאַכטמאַן, מאָרגן װעסטו זײַן אין קיִעװ!" מיט אַזעלכע קורצע רופן, אָנגעשריבן אױף די טאַנקען, פורן, אױטאָמאַשינעס — װוּ נאָר ס'איז געװען מעגלעך — זײַנען מיר געגאַנגען קײן בערלין, באַפרײַט פּראָג... און הײַנט בין איך געװען אױף דער סטאַנציע, אױף דער הערבליע און האָב אַזױנס גאָרנישט ניט געזען: ניט קײן לאָזונגען, ניט קײן רוף, קײן אײן פאַמיליע פון אַן אַװאַנגאַרדיסט, קײן אײן ציפער — פאַר װאָס און װוּ מיר קעמפן. אָט אַזױ האַלט עס מיט דער אַנשױלעכקײַט פון דער פאַרמעסטונג.

אַ פּאַרטײ־קאָמיטעט, — איז װײַטער געזאָגט געװאָרן, — דאַרף קענען אַלע שלאָגלערס פון מי. און ניט בלױז קענען. מיט דער הילף פון די אַגיטאַטאָרן און פּראָפּאַגאַנדיסטן מאַכן זײערע דערגרײכונגען, און װאָס עס איז באַזונדערס װיכטיק, זײערע מעטאָדן פאַרן אײגנס פון אַלע בױער. אױף װיפל פּראָצענט האָט די אָדער יענע בריגאַדע אױסגעפילט דעם פּלאַן, דאַרף גלײַך אױף מאָרגן װערן באַװוּסט דורך דער פּרעסע, דורך ראַדיאָ, מיט דער הילף פון פלוגבלעטלעך. מיר זײַנען מעכױעװ אױסצונוצן דעם גאַנצן אַרסענאַל מיטלען, װעלכע די פּאַרטײ האָט אָנגעזאַמלט. און אױב דער פּאַרטײ־קאָמיטעט װעט זיך דערשלאָגן עפעקטיװקײַט פון דער פאַרמעסטונג, װעט זי מאַכן פאַר אַן עמעס מאַסעװער, װעט „דניעפּראָהעס" געלאָזט װערן אין גאַנג צום טערמין. אױב אָבער דער פּאַרטקאָם באַקאַנט זיך בלױז מיט דער סװאָד־קע פונעם פּלאַן־אָפּטײל, — איז דאָס ניט קײן אָנפירונג מיט דער סאָציאַליסטישער פאַרמע־סטונג...

א שטים פון זאל: בײַ אונדז אָבער אורטײלט מען שטענדיק בלױז לױט דער סװאָדקע!

— דאַרף מען, הײסט עס, מאַכן דערצו אַ סאָף. די פאַרמעסטונג איז דירעקט אָפּהענגיק פונעם ניװאָ פון דער אינערלעך־פּאַרטײַישער אַרבעט. יעדער פון אונדז װײסט: װען די פּאַרטײ װיל לײזן עפּעס אַ קאָמפּליצירטע פראַגע, פאַרשטאַרקט זי די אינערלעך־פּאַרטײַישע אַרבעט. אױב אױף דער בױונג װעט זײַן אַ שטרענגע פּאַרטײ־דיסציפּלין, װעלן מיר מאַכן אַן אָרדענונג, און די גאַנצע אַרבעט װעט גײן בעסער, װײַל עס איז ניטאָ אַזאַ באַפעל, װאָס זאָל פאַר אַ קאָמוניסט זײַן שטאַרקער פונעם באַפעל פון דער פּאַרטײ..."

לײענענדיק הײַנט די דאָזיקע אַרױסטרעטונגען, באַמערקסטו אײניקע איבערכאַזערונגען, אָבער אינגאַנצן גענומען װאָלט איך די דאָזיקע פּאָזיציע אױך איצט באַװיליקט און אונטער־געהאַלטן. װײַל די ליניע, די פּאָליטישע ליניע, שטעלט זיך אײַן ערשט דעמלט, װען טאָג נאָך טאָג, כסדר נאָך כסדר קעמפסטו פאַר דעם געשטעלטן ציל, אַנטװיקלסט דײַנע אידײען, זאָגסט זיך ניט אָפּ פון דײַנע װערטער, פאַרגעסט ניט דײַנע אײגענע באַשלוסן. אָט איז נאָך אַ סטענאָגראַם. דער שמועס קומט פאָר שױן אין אַן אַנדער אַאודיטאָריע, אָבער די טעמע איז די זעלבע.

„...איך מוז אױך אָפּמערקן, כאַװײרים, אַז די אַנשױלעכע אַגיטאַציע שפּיגלט בײַ אײַך לאַכלױטן ניט אָפּ דעם גאַנג און דעם שװוּנג פון דער בױונג. אַלגעמײנע רופן, זײ האָבן דאָך נאָך קײנעם ניט געהאָלפן. „זאַפּאָראָזשסטאַל" — דאָס איז דער פּערל פון דאָרעם!" אַ שײנער פּלאַקאַט? יאָ, אַ שײנער. אַ ריכטיקער? אַװדע, אַ ריכטיקער. נאָר װאָס גיט ער, צו װאָס צילט ער? אונדז זײַנען נײטיק קאָנקרעטע רופן צו מײַסים, עס זײַנען נײטיק פּלאַקאַטן, װוּ עס זאָלן זײַן ציפערן, דאַטעס, נעמען פון אינזשעניערן — נאָװאַטאָרן, סטאַכאַנאָװצעס, אַרבעטער פון די פירנדיקע פּראָפעסיעס. דערבײַ ניט אײנע און די זעלבע, אַזױ צו זאָגן, אײן־מאָל פאַר אַלעמאָל אױף שטענדיק באַשטעטיקטע, נאָר אַלץ נײַע און נײַע, — יענע, װעלכע האָבן זיך הײַנט אַרױסגעריסן אין דער פאַרמעסטונג פאָרױס. מיר דאַרפן װײַזן דעם פאָלק די דאָזיקע פּרעכטיקע קאָהאָרטע האָרעפּאַשניקעס פון „זאַפּאָראָזשסטראָי"!"

סײַ די אָרגאַניזאַטאָרישע אַרבעט, סײַ די פּאָליטישע האָבן געפירט צו אײן ציל. דער געגנטקאָם פון דער פּאַרטײ האָט געקעמפט דערפאַר, אַז די מענטשן־מאַסע זאָל װערן אַ קאָלעקטיװ, אַז אינעם קאָלעקטיװ זאָלן אױסװאַקסן פירער, קאָנטיקע, הערלעכע מענטשן. און

אזעלכע מענטשן זײַנען, פארשטייט זיך, אויסגעוואקסן א סאך. איך האָב זיי געקענט, ניט בלויז געהערט וועגן זיי. באזוכנדיק די בױונגען, האָב איך געשמועסט מיט זיי דירעקט דאָרט, ווו זיי האָבן געארבעט. אין אזא סיטואציע, פונקט ווי אין א שלאכט־טראנשיי, קאָן מען אמבעסטן דערקענען א מענטשן.

אָט איז איינער א מערקווירדיקער גורל. יעדעס מאָל, ווען מיר פלעגט אויסקומען באזוכן דעם „דניעפּראָסטראָי״, פלעג איך נאָך פונווײַטן דערהערן די קלינגענדיקע שטימען פון די מיידלעך, וועלכע פלעגן דערלאנגען בעטאָן אינעם קערפער פון דער הרעבליע. ביז די ברעמען אײַנגעקוטעט אין טיכלעך, באשאָטן מיט צעמענט־שטויב, אין היץ, צי אין קעלט, פלעגן זיי קיינמאָל ניט פארלירן די מונטערקײַט. פרעגסט בא זיי, ווי גייען די געשעפטן, קומט שטענדיק א קלינגענדיקער ענטפער: „גוט!״ דאָס איז געווען די בריגאדע פון אניא לאָשקאריאָווא, וועלכע איז געווען פארשריבן אינעם ערן־בוך פון דער רעפובליק. אף איינער פון די פארזאמלונגען פונעם אקטיוו, אין וועלכער עס האָבן אָנטיילגענומען שלאָג־בריגאדעס, קאָמיוגישע און פראָנט־בריגאדעס, זײַנען צו מיר אינעם איבערײַס צוגעגאנגען אויסגעפוצטע מיידלעך, אז איך האָב אפילע ניט גלײַך דערקענט מײַנע אלטע באקאנטע.

— און איר זײַנט דאָך אויך א פראָנט־בריגאדע?

— געווען א פראָנט־בריגאדע.

— ניין, אניא. איך בין ניט מאסקים. עס וועט זיך באלד אָנהייבן דער אײַזגאנג. מע דארף גוטן בעטאָן, פון אײַך איז אָפהענגיק די קוואליטעט פון דער ארבעט פון אלע בריגאדעס. אײַער פראָנט איז נאָך פאָרויס.

געארבעט האָבן די מיידלעך גוט. בייס דער פײַערונג פונעם דרײַסיקסטן אָקטיאבער־יאָרטאָג האָב איך זיי דערזען צווישן די דעמאָנסטראנטן און אויסגעשריִען אין מיקראָפאָן: „א גרוס דער בריגאדע פון אניא לאָשקאריאָוואו!״. זיי האָבן זיך אומגעקוקט, זיך צעשמייכלט...

און אינגיכן איז מיר געוואָרן באוווּסט, אז אניא איז שווער קראנק. עס האָט זיך געלאָזט פילן די הונגעריקע קינדהײַט אין די מילכאָמע־יאָרן — בא איר האָט זיך צעשפילט דער שווינדזוכט. אוואדע האָבן מיר געטאָן אלץ, אז אניא זאָל ווערן געזונט, מיר האָבן איר פאָרגעלייגט אָן אנדער ארבעט, נאָר זי האָט זיך קאטעגאָריש אָפגעזאָגט: „איך קאָן ניט אָן דער בױונג און אָן די מיידלעך״.

פאר דער אופשטעלונג פון „דניעפּראָהעס״ האָט אניא לאָשקאריאָווא באקומען א לעניןאָרדען. און מיט עטלעכע יאָר שפעטער, אין מאָלדאוויע, האָבן זיך אונדזערע וועגן ווידער איבערגעקרייצט: זי איז געזונט געוואָרן און האָט צוזאמען מיטן מאן געבויט די דובאָסארער הידראָעלעקטראָסטאנציע. איך בין איבערצײַגט: אויסגעהיילט זי האָבן ניט בלויז די רעפועס און די דאָרעמדיקע סאנאטאָריעס. אניא האָט זיך אליין געראטעוועט דערמיט, וואָס זי האָט אײַנגעהיט די מונטערקײַט, ניט געוואָרפן די ארבעט, זיך ניט פארשלאָסן אין זיך, געלעבט מיט א פולבלוטיק לעבן. ניט לאנג צוריק האָט מען מיר דערציילט: אנא סטעפאנאָוונא האָט דערצויגן פיר געזונטע יאטן און ארבעט אלס קאָמענדאנט פון אן ארבעטער־צוזאמענוווינונג. איך מיין, אז זי איז א גוטע דערציִערן פאר דער יוגנט.

אף א צווייטן בוי־פלאץ האָב איך זיך באקאנט מיטן רערן־מאָנטאזשניק איוואן רומיאנצעוון. דאָס איז געווען א יונגער, גרוי־אויגיקער שיינער יאט, א שארפזיניקער, א כאָכעם, אן עמעסער מײַסטער פון זײַן פאך. אן ארבעטער איז ער געוואָרן, מעגלעך, צו פרי. דער פאָטער איז אומגעקומען אפן פראָנט, האָט ער באשלאָסן העלפן דער מוטער. נאָר דאָס, וואָס ער האָט זיך ניט אויסגעלערנט אין שול, האָט ער דערגרייכט אדאנק זײַן וויסנגיריקײַט, דערפארונג און טאלאנט. איוואן האָט געבויט גרויסע אונטערנעמונגען אין יאראָסלאוול, גאָרקי, טשירטשיק, און בא אונדז האָט ער געארבעט אין „זאפאָראָזשסטראָי״. דאָס האָט ער טאקע פאָרגעלייגט דעם נײַעם אין יענער צײַט מעטאָד פון מאָנטירן גרויסע בלאָקן.

— מיר מאָנטירן די רערן אף דער ערד, — האָט ער דערקלערט, — מיר פראוועָן, מאכן די ריכטאָווקע, מאָנטירן אין רינגען. אזוי ארבעטן איז לײַכטער, באקוועמער און, פארשטייט זיך, גיכער. מיט א הייב־קראן אָדער א לעביאָדקע הייבן מיר אוף א פארטיקן קנופ אינדערהייך. עס בלײַבט איבער בלויז צו פארייניקן אים אין איין גאנצעס. אָן קיין שום קונצן!

— און דאָס איז ניט ריזיקאליש? צי איז דאָס ניט געפערלעך פאר די מענטשן?

ער האָט זיך צעשמייכלט:

— פאר די אויגן זעט עס אויס שרעקלעך, אָבער די הענט טוען. באומרויִקט זיך אָבער ניט, לעאָניד איליטש, מיר האָבן אלץ פאָרויס אויסגערעכנט, אינזשעניערן האָבן דאָס קאָנטראָלירט.

רערנלייטונגען זײַנען אין דער מעטאלורגיע פאראן א סאך. זיי פארבינדן אלע צעכן, פלעכטן זיך איבער אין אלע ריכטונגען — דאָס איז געווען אן אָנגעשטרענגטער ארבעטס־

באַצירק. איך האָב געייצעט די מיטגלידער פון דער פּאַרטיי־ביוראָ פון דער מאָנטאַזש־פּאַר־וואַלטונג, זיי זאָלן בעטן רומיאַנצעוון אַרויסטרעטן אויף אַן אָפענער פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג. אַ באַריכט וועגן דער פאַרזאַמלונג האָט אָפּגעדרוקט אונדזער צײַטונג „סטראָיטעל“, דערנאָך האָט די „פּראַוודאַ“ פאַרעפנטלעכט אַ גרויס אַרטיקל „איוואַן רומיאַנצעווס דערפאַרונג — אויף אַלע בויונגען“, און דער מעטאָד האָט ברייט זיך פאַרשפּרייט איבערן לאַנד.

שפּעטער האָט איוואַן אַלעקסאַנדראָוויטש געאַרבעט אויף דער בויונג פונעם פּאַלאַץ פון קולטור און וויסנשאַפט אין וואַרשע, געהאָלפן מאָנטירן דעם בכלל־ער מעטאַלורגישן קאָמבי־נאַט אין אינדיע...

אַזעלכע באַגעגענישן זײַנען געווען אַ סאַך. אַלע וועסטו ניט איבערעכענען, און זאָלן זיך ניט באַליידיקן די כאַווירים, וועלכע איך האָב דאָ ניט געקאָנט אָנרופן. איך האָב זיי ניט פאַרגעסן.

4

בּיכלאַל, ווען איך באַמערקן, אַז ניט אַרויסלאָזן פון זיקאָרן מענטשן, באַזונדערס גוטע, אין פּאָר אַ פּאַרטיי־טוער סײַ אַ מענטשלעכער כויוו, סײַ אַ פּראָפעסיאָנעלע פליכט. אַ פּאַר־קער מיט זיי איז שטענדיק נייטיק. ער באַרײַכערט דעם פּאַרטיי־טוער, פאַרשטאַרקט זײַן פאַרבינדונג מיטן לעבן, העלפט אים, ווי מע זאָגט, צו דערוויסן זיך פון די ערשטע קוואַלן די געדאַנקען, אינטערעסן, באַדערפענישן פון די מענטשן. ענדלעך, איז פּאַשעט אַ פאַרגעניגן צו אַנטדעקן פאַר זיך אַ גוטן מענטשן — אַן אַרבעטער, אַ קאָלווירטניק, אַ בויער, אַן אַגראָ־נאָם, אַ קינסטלער, אַ זשורנאַליסט, אַ געלערנטן. איך האָב קיינמאָל ניט געקאַרגט דערויף קיין צײַט, און, צום גליק, העלפט אין דעם מיט דער עצם כאַראַקטער פון דער פּאַרטיייִשער און פּאָליטישער אַרבעט.

אויף איינער פון די זיצונגען פון דער ביוראָ אין זאַפּאָראָזשיע האָבן מיר צעטיילט די פליכטן צווישן די סעקרעטאַרן פונעם געגנטקאָם. איך וועל אָנרופן יענע פליכטן, וועלכע זײַ־נען אויסגעפאַלן אויף מײַן כיילעק: די אַלגעמיינע אָנפירונג מיט דער געגנט, צוגרייטן די פראַגן אויף דער ביוראָ, לאַנדווירטשאַפט, פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע, אָנפירן מיט דער אַרבעט פון געגנטפּלאַן, פון געגנטקאָם פונעם קאָמיוג, פון די פּאַרוואַלטונגען פון מיניסטעריום פון מעלי־כע־זיכערהייט, מיניסטעריום פון אינערן־איניאָנים, די פּראָקוראַטור, די קאַדרען־פראַגן. און אין אָט דער גאַנצער אַרבעט איז דער איקער — די מענטשן, דער איקער — פאַרשטיין זיי און זײַן פאַרשטענדלעך פאַר זיי.

אין דער אַרבעט פון אַן ערשטן סעקרעטאַר זײַנען ניטאָ קיין צווייטראַנגיקע איניאָנים. לאָמיר זאָגן, דער אופנעם פון דער באַפעלקערונג — צי קאָן מען דאָס האַלטן פאַר אַ ניט וויכטיקן איניען? ניט לאַנג צוריק איז אין דער צענטראַלער טעלעוויזיע אַרויסגעטראָטן אַן אַלטער עקסקאַוואַטאָרשטשיק פון „זאַפּאָראָזשסטאַל“ און האָט דערציילט וועגן אַזאַ עפּיזאָד: זײַן פרוי האָט פאַרלאָרן אַלע פּראָדוקטן־קאַרטלעך. פיר מענטשן זײַנען קימאַט אויף אַ כוידעש צײַט פאַרבליבן אָן ברויט. און אָט, דערציילט דער אַרבעטער, איז ער אַוועק אויף אַן אופנעם צום ערשטן סעקרעטאַר פון געגנטקאָם, און יענער האָט פאַראָרדנט צו העלפן. איך אַליין האָב שוין לאַנג פאַרגעסן אָט דעם פאַל, און דער מענטש געדענקט. פאַר אים איז דאָס דעמלט געווען לעבנסוויכטיק.

די געשיכטע מיט די ברויט־קאַרטלעך איז אַ סימבאָלישער עפּיזאָד. הינטער אים שטייען די קאָלאָסאַלע שוועריקייטן, וועלכע מיר האָבן איבערגעלעבט. נאָכן מילכאָמע־כורבן האָט גע־קאָסט אומגעהייערע מי אַראָפּצונעמען די טוווע פון די פעלדער, אָפּהיטן די דאָזיקע טוווע, שיר ניט אָפּסנײַ צו אַנטוויקלען די פּיצוכט אויף די רויִנירטע, פאַרברענטע פּערמעס. עס האָט גע־קאָסט ריזיקע אָנשטרענגונגען אײַנצורעגולירן די דערנערונג אין די אַרבעטער־גאָרקיכן, באַ־זאָרגן מיט פּראָדוקטן די קינדער־אַנשטאַלטן און די שפּיטאָלן, וועלכע מע האָט דערצו נאָך געמוזט בויען אָפּסנײַ. גוואַלדיק שווער איז געווען צו באַזאָרגן צענדליקער טויזנטער מענטשן מיט וווינונגען. „מיר קאָנען ניט לאָזן אין גאַנג אַ זאַוואָד, ניט האָבנדיק קיין דירעס“, — האָט קוזמין איבערגעכאַזערט שיר ניט אויף יעדער פאַרזאַמלונג, און ער איז געווען, פאַרשטייט זיך, גערעכט. פאַרלויפנדיק פּאַרויס, וועל איך זאָגן, אַז גראַד „זאַפּאָראָזשסטראָי“ האָט אינעם פּע־ריאָד פון אופשטעלן די שטאָט אײַנגעגלידערט דעם שנעלן שטראָם־מעטאָד, פאַרקירצנדיק אין דרײַ מאָל די געוויינלעכע טערמינען פון בויען הײַזער. און דעמלט זײַנען דאָך די געבײַדעס

ניט געווען קיין טיפיזירטע, ווי איצט, אופשטעלן איז אויסגעקומען די הײַזער־סקעלעטן — פארשיידענע און פארשיידנארטיק רויִנירטע. אין 1947 זײַנען אָפּגעגעבן געוואָרן פינף און פופציק טויזנט קוואדראט־מעטער וווינונגען — פאר יענע צײַטן א גוואלדיקע דערגרייכונג...

ביז איצט איז געגאנגען א רייד דעריקער וועגן „דניעפּראָהעס” און „זאפּאָראָזשסטאל”, אָבער דאָס באטײַט קלאל ניט, אז אין שטאָט און אין דער געגנט זײַנען ניט געווען קיין אנדערע אָביעקטן, וועלכע האָבן געפּאָדערט קעסיידערדיקע אופמערקזאמקײַט. עס איז אופגעשטעלט געוואָרן, לאָמיר זאָגן, דער קאָמבײַן־זאוואָד „קאָמונאר”. צוערשט האָט ער אין די נאָך האלב כאָרעווע צעכן ארויסגעלאָזט שנײַד־ און קאָפּנע־מאשינעס, געהאָלפן די קאָלווירטן צו רעמאָנטירן די גאנץ געבליבענע קאָמבײַנען, געמאכט פאר זיי כעדערס, און דאָס איז געווען פאר אונדז זייער וויכטיק. אין הארבסט 1946 האָט די ביוראָ פון געגנטקאָם געפּאָדערט צו פארגיכערן דעם ארויסלאָז פון א נײַער מאשין, דערצו א מער פולקומע. אין פרילינג 1947 איז אף דער ביוראָ געגאנגען א רייד וועגן א סעריע־פּראָדוקציע פון די קאָמבײַנען „C-6”, און אפן אָקטיאבער־פּלענום פון געגנטקאָם איז שוין אָפּגעמערקט געוואָרן, אז זייער ארויסלאָז איז אינעם דריטן קווארטאל אויסגעוואקסן לעגאבע דעם צווייטן אין 3,3 מאָל.

אז מע גיט א קוק אף צוריק, אז מע דערמאָנט זיך, וואָס עס איז אָפּגעטאָן געוואָרן, שעפּן מיר געוויינלעך פון דער דאָזיקער דערפארונג דאָס, וואָס עס טויג הײַנט און וועט נוצלעך זײַן אין דער צוקונפט. אין דער שווערער, אָנגעשטרענגטער צײַט האָב איך פון דער אייגענער פּראקטיק זיך איבערצײַגט — אין דער ריכטיקײַט פונעם מעטאָד, וועלכער איז בא אונדז געוואָרן א טראדיציאָנעלער: די ביוראָ פונעם געגנטקאָם פלעגט שטענדיק, אײַנגעשפּארט, קאָטעגאָריש זיך אומקערן צו די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען. אויב די אופגאבע איז שוין געשטעלט געוואָרן, דארף מען איר לייזונג דערפירן ביזן סאָף! מיט די יאָרן בין איך פעסטער געוואָרן אין דער דאָזיקער פּאָזיציע: דאָס העכערן די אָרגאניזירטקײַט, דיסציפּלין און פאראנטוואָרטלעכקײַט איז ניט אָפּצוטיילן פונעם קאָנטראָל, ווי עס ווערן אויסגעפילט די באשלוסן. ווען אונדזערע ווירטשאפטלעכע אָנפירער וואָלטן פולשטענדיק אויסגעפילט אלע באשלוסן, וועלכע זיי אליין האָבן אָנגענומען, וואָלט וועגן א סאך כעסרוינעס שוין לאנג קיין רייד ניט געווען.

אין א געוויסער צײַט איז אין זאפּאָראָזשיע זייער שארף געשטאנען די פּראָבלעם פון אָרטיקע בוי־מאטעריאלן — פון זיי זײַנען אָפּהענגיק געווען סײַ „דניעפּראָסטראָי”, סײַ „זאפּאָראָזשסטראָי”, סײַ דער זעלבער „קאָמונאר”, סײַ די וווינונגס־בויונג אין דער גאנצער געגנט. ווי עס פירט זיך, האָב איך געהערט, אז מע פארופט זיך אף אָביעקטיווע שוועריקײַטן, עס זײַנען געווען קאָלערליי ביוראָקראטישע ענטפערס און טרוצים, עס האָט זיך געדאכט, אז מע קאָן שוין גאָרנישט ניט טאָן, אָבער אין מארט 1947 האָבן מיר באהאנדלט אף דער ביוראָ די זעלבע פראגע, אין מײַ האָבן מיר זיך צו איר אומגעקערט, ניט פארגעסן וועגן דעם טאָגטעגלעכן קאָנטראָל, און זינט דער צווייטער העלפט פונעם יאָר איז פון אונדזערע פּראָטאָקאָלן פארשווּנדן דאָס וואָרט „ציגל”. די פּראָבלעם איז געלייזט געוואָרן.

עס איז אויסגעקומען צו פארנעמען זיך אויך מיט אזעלכע פראגן, וועלכע זײַנען ניט פארבונדן מיט דער ווירטשאפט, מיט די שטייגער־פּראָבלעמען, אָבער וועלכע זײַנען אויך געווען וויכטיק, ווײַל זיי האָבן אָנגערירט מענטשלעכע גורלאָס. די זיכרהײַט־אָרגאנען האָבן געפירט אן ארבעט צו אָפּזוכן און דעמאסקירן די פארעטער, וועלכע האָבן געהאָלפן די פאשיסטן, די פּאָליצײַען, די הענקער, וועלכע האָבן זיך אויסבאהאלטן אין אלע לעכער. זיי האָבן ניט געדארפט אויסמײַדן די שטראָף. די דאָזיקע ארבעט האָט מען אָבער געדארפט טאָן מיט דער העכסטער אופמערקזאמקײַט און פּאָרזיכטיקײַט, קעדיי ניט באליידיקן מיט כשאד אָרנטלעכע מענטשן. דער פּארטייִשער אָנטייל אין אזא איניען איז געווען אָבליגאטאָריש. מיר איז אויסגעקומען ספּעציעל צו באטאָנען, אז מע טאָר ניט כוישעד זײַן אין פאראט יעדן איינעם, וואָס איז ניט לויט זײַן ווילן פארבליבן אף דער אָקופּירטער טעריטאָריע.

פון דער צווייטער זײַט, איז קעדײַ אָפּצומערקן, אז די נאָכמילכאָמע־צײַט האָט געפּאָדערט א באזונדערע וואכזאמקײַט. קיין וואָך איז ניט אריבער אָן די פארשיידענע ЧП (אויסעראָרדנטלעכע געשעענישן), עס פלעגן זיך נאָך אפילע באווײַזן באוואָפנטע באנדעס, עס איז אויסגעקומען צו הערן א שיסערײַ אין די נאכט־שאָען. איך בין א סאך ארומגעפאָרן איבער די וועגן, אָפט באנאכט, איינער אליין, זעצנדיק זיך אליין צום רודער פונעם אויטאָמאָביל. און עס וואָלט געווען א פארדראָס: דורכגייענדיק די גאנצע מילכאָמע, אָנטרעפן אף א נאָרישער קויל. דעם עמעס געזאָגט אָבער, איז קיין צײַט ניט געווען צו טראכטן וועגן פּערזענלעכער זיכערהײַט, עס האָט באאומרויִקט עפּעס אנדערס — מע האָט געדארפט זיכערן די געפארלאָזיקײַט, דאָס רויִקע לעבן פון דער גאנצער באפעלקערונג.

אין פעווראַל 1947 איז דער ביוראָ פון געגנטקאָם אויסגעקומען אָנצונעמען אַ ספּעציעלע באַשטימונג וועגן די מיטלען צו פאַרשטאַרקן דעם קאַמף קעגן פאַרבּרעכערישקייט. עס געדענקט זיך, ס'איז געווען געזאָגט, אַז מיר זײַנען מכוּיעוו צו וואַרפן אַף אָט דעם פראָנט די קאָמוניסטן און קאָמיוגיסטן, פאַרשטאַרקן די אָרגאַנען פון אָפּהיטן די אָרדענונג. אָפּרייניקן זיי פון ניט שטאַנדהאַפטיקע מענטשן: „באַגאַנגען אַן אַמאָראַלישן אַקט — פאַרבײַט דעם דאָזיקן מענטשן! זאָל בעסער בלײַבן אַ ליידיק אָרט. דעמלט וועלן לעכאַלהאַפּאַכעס, אַלע זען, אַז דאָס אָרט איז ליידיק, אַז מע דאַרף שיקן אַהין אַ שטאַרקן טוער. אָדער נעמט זיך ערנסט, מיטן גאַנצן קאָלעקטיוו פאַר זײַן איבערדערציִונג".

זייער וויכטיק איז געווען די אַרבעט פון דער מיליציע. פאַרשיידענע מענטשן פלעגן קומען קיין זאַפּאַראָזשיע, און אין שטאָט איז פּינצטער, אָן לאַמטערנס, אָן טראַנספּאָרט, און איך געדענק אַ מאָמענט, ווען רויבערײַען און כוליגאַנישע פאַלן האָבן ערנסט געשטערט אַוועקצושטעלן די אַרבעט אין דער דריטער וואַכטע. מע האָט געמוזט העכערן דעם אויטאָריטעט פון דער מיליציע, פאַרפעסטיקן זי, און זי איז דאָך געווען (עס געדענקט זיך אויך אַזאַ דעטאַל) מאַמעש קרוע־בלוע. אַף איינער פון די זיצונגען האָב איך געזאָגט: „מיר דאַרפן די מיליציאָנערן קיידעמקאָל אָנטאָן, מע זאָל פונוויַיטן זען — עס גייט דער היטער פון געזעצלעכקייט און אָרדענונג".

מע קאָן אָנרופן אַ סאַך אַנדערע זאַכן, קלוימערשט ניט קיין גרויסע אין פאַרגלײַך מיט די פּראָבּלעמען פון די גיגאַנטישע בוויִנגען. נאָר דאָס אַלץ איז — לעבן, און אַף אַלץ האָט מען געדאַרפט געפינען צײַט און ריכטיקע באַשלוסן. פאַרשטייט זיך, מיר וואָלט זיך קיינמאָל ניט אײַנגעגעבן, ווי מע זאָגט, אַרויסצושלעפּן דעם דאָזיקן וואָגן, ווען די אָנלאָדונג וואָלט ניט צעטיילט געוואָרן צווישן די אַנדערע סעקרעטאַרן פונעם געגנטקאָם, ווען אין אָט דער אַרבעט וואָלטן זיך ניט אָנגעשלאָסן אַלע אָפּטיילן און דער אַפּאַראַט פונעם געגנטלעכן קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, ווען, ענדלעך, דער גרעסטער טייל פון אָט די פראַגן וואָלט פּראַקטיש ניט געלייזט געוואָרן אין די סאָוועטישע און ווירטשאַפטלעכע אָרגאַנען. און דאָ וויל איך באַטאָנען איין וויכטיקן שטריך פון אַ פּאַרטייִשן אָנפירער: ער דאַרף קענען ניט פאַרבײַטן אַנדערע טוער, נאָר געפינען מיטכאַווירים, טרויען זיי, טיילן מיט זיי די זאָרגן און די אַרבעט, אָננעמען פאַראַנטוואָרטלעכע באַשלוסן קאָלעקטיוו.

אין זאַפּאַראָזשיע האָט זיך דער אוילעם אונטערגעקליבן אין גרונט אַ שטאַרקער, אַ באַהאַוונטער, אַ זאַכלעכער. איך וויל זאָגן, אַז דער צווייטער סעקרעטאַר פון געגנטקאָם איז געווען אַנדריי פּאַוולאָוויטש קירילענקאָ. סעקרעטאַרן פון געגנטלעכן קאָמיטעט זײַנען געווען ג. וו. יעניוטין, פּ. ס. רעזניק, אַלס צווייטער סעקרעטאַר פון שטאָטקאָם פון דער פּאַרטיי האָט געאַרבעט נ. פּ. מאָיִסייענקאָ. אַזויאַרום האָב איך געהאַט אַף וועמען אָנצושפּאַרן זיך...

אָנגעהויבן פון פרילינג 1947 פלעג איך שיר ניט איבער אַ טאָג קומען אַפן „זאַפּאַראָזשסטראַי", און זומער האָב איך אַפילע אַריבערגעטראָגן אַהין מײַן אַרבעטס־קאַבינעט. צווישן דער טערמאָעלעקטראָצענטראַל, וואָס האָט זיך געבויט, און דער דאַמבע נומ. 3 איז געווען אַ סובסטאַנציע, וואָס אַ העלפט פון איר איז גאַנץ געבליבן נאָכן אופרײַס. דאָ האָט מען פאַר מיר געפונען אַ צימער, אַוועקגעשטעלט דאָרט אַ שרײַבטיש, אַ טעלעפאָן, אַ פּאָר שטולן און אַ בעט. אַפן פאַל, אויב איך וועל בלײַבן אַף דער באַנאַכטיקער וואַכטע. אַזעלכע פאַלן זײַנען געוואָרן אַלץ מער.

עס איז אויסגעקומען צו פאַרנעמען זיך פּראַקטיש מיט אַלע פראַגן פון דער בוויִנג. די צײַט איז געווען אַ שווערע, און יעדער טאָג האָט געשטעלט פאַר אונדז אַ נײַע פּראָבּלעם. מיר האָבן אָנגענומען, געדענק איך, אַ באַשלוס אַריבערצוגיין אַף אַרבעט אין צוויי וואַכטעס. דאָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקײַט צו פאַרגיכערן די בוויִנג, אויספּילן דעם פּלאַן. פאַרשטייט זיך אָבער, אַז אָן באַלײַכטונג קאָן מען אין אָוונט ניט אַרבעטן. קריגן אָבער אין דער געגנט עלעקטרישע לעמפּעלעך איז פּראַקטיש געווען אומעגלעך. האָב איך באַשלאָסן צו ווענדן זיך מיט אַ בריוו אין צק אַלקפּ(ב) צום כאַווער זשדאַנאָוו. איך האָב דערקלערט די לאַגע און געבעטן העלפן צושיקן דרײַ טויזנט לעמפּעלעך. עס זײַנען אַוועק ניט מער ווי דרײַ טעג, און מיר האָבן באַקומען ניט בלויז אַ פּאָזיטיוון ענטפער, נאָר אויך לעמפּעלעך. עס איז געוואָרן מעגלעך צו אָרגאַניזירן אַ צווייטע וואַכטע, פאַרלײַכטערן די מי פון אַ סאַך מענטשן. דאָס רעדט וועגן דעם, מיט וואָס פאַר אַ גרויסער אויפמערקזאַמקײַט האָט זיך באַצויגן דער צק צו יעדער, אַפילע קליינער, באַקאָשע, וועלכע האָט געהאַט אַ שײַכעס צום אופשטעלן דעם אינדוסטריִעלן גיגאַנט.

פון דער בוויִנג פלעגט אָבער צומאָל אויסקומען זיך אָפּוועגדן. בייס דעם פּאַרזיי, געדענק איך, האָב איך זיך אומגעקערט פון בערדיאַנסק, געאײַלט, געגעכטיקט אין פעלד אין אַ

פאראַריקער קאַפּנע און אַרום זיבן אַזייגער אינדערפרי פאַרפאַרן אין פּאָלאַגער ראַיאָן. שמועסנדיק מיטן סעקרעטאַר פון ראַיקאָם שערסטיוק, האָב איך געפרעגט, ווי גייט דער פאַרזיי, ווי האַלט עס מיט דער טעכניק, און ער, זע איך, קנייטשט זיך עפּעס.

— וואָס איז, אַלעקסאַנדער סאַוויטש? — רייד אָפן, וואָס איז בא דיר געשען?

— בא מיר איז אין אָרדענונג... די ראַדיאָ האָט איר אינדערפרי געהערט?

— ניין, וואָס איז?

— אין „פּראַוודאַ", פאַרשטייט איר, האָט מען איינעם לייטאַרטיקל אונדז שטאַרק קריטי־קירט פאַר דעם נידעריקן טעמפּ פון אופשטעלן „זאַפּאָראָזשסטאַל". די פּאַרמולירונגען זיינען זייער שאַרפע.

מיר האָבן אַ ווײַלע געשוויגן.

— אַזוי... — זאָג איך. — הייסט עס, סטאַלין וועט קלינגען. מע דאַרף פאָרן.

באַנאַכט האָט מיר טאַקע געקלונגען. י. וו. סטאַלין, און דער שמועס איז געווען אַן ערנ־סטער. דאָס, וואָס מיר האָבן באַוויזן צו דערשלאָגן זיך, וואָס מע האָט נאָך ערשט ניט לאַנג געהאַלטן פאַר אַ דערפאָלג, איז מיטאַמאָל געוואָרן שיר ניט אַ דורכפאַל. עס האָבן זיך גע־ענדערט די אומשטענדן — ניט בא אונדז אין דער געגנט, נאָר אין לאַנד און אין דער וועלט. די טערמינען פון לאָזן אין גאַנג דעם גאַנצן קאָמפּלעקס, וועלכער האָט געדאַרפט פּראָדוצירן דעם שטאָלבויגן, האָט מען אונדז אַריבערגעטראָגן אויפן נאָענטסטן האַרבסט, די טעמפּן פון דער בוייונג האָט מען באַפוילן צו פאַרסירן. איך האָב שוין געזאָגט, אַז דאָס איז געווען פאַר־בונדן מיטן „קאַלטן קריג".

דעם 16 מאַרט 1947 איז אַרויס די באַשטימונג פונעם מיניסטאָרן־ראַט פון פּססר וועגן די נײַע טערמינען, גלײַך נאָך איר נאָך איינע — וועגן פאַרגיכערן דעם מאָנטאַזש פון דער אויס־שטאַטונג, און דעם 8 אַפּרעל האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָ־מוניסטישער פּאַרטיי (באָלשעוויקעס) אָנגענומען אַ באַשטימונג וועגן דער אַרבעט פונעם פּאַרטקאָם פון דער בויונג, דאָס הייסט וועגן איר פּאַרטיייש־פּאָליטישער באַזאָרגונג. דרײַ מאָל אין מעשעך פון איין כוידעש האָבן די העכסטע פּאַרטיייִשע און מעלוכישע אָרגאַנען פון לאַנד זיך אומגעקערט צו אונדזערע ענינים.

די באַשטימונג פון צק האָט שאַרף קריטיקירט דעם פּאַרטיי־קאָמיטעט פון „זאַפּאָראָזש־סטראָי" דערפאַר, וואָס אין די קאָמפּליצירטע באַדינגונגען איז ער ניט געשטאַנען אויף דער הייך פון דער לאַגע. און כאָטש איך בין אַפּאָנעמעסן צוגעטראָטן צו דער אַרבעט ערשט צום סאָף יאָר, כאָטש איך האָב געקאָנט זאָגן, אַז מײַן שולד איז דאָ ניטאָ, האָב איך די גאַנצע לאַסט פון דער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט געדאַרפט נעמען אויף מײַנע אַקסלען. דאָס איז נאָך איין שטריך אין דער אַרבעט פון אַן ערשטן סעקרעטאַר פון געגנטקאָם: אַלס אַן אָנפירער, אַלס אַ קאָמוניסט, קאָן ער זיך ניט אָפּריידן דערמיט, אַז ער, זעט איר, איז בא אַ געשעעניש ניט בײַגעווען, עפּעס־וואָס ניט געוווּסט, און אַז פאַר עפּעס־וואָס זײַנען פאַראַנטוואָרטלעך אַנדערע כאַווירים. זינט יענער שאָ, ווען ער האָט אָנגענומען די אָנפירונג מיט דער געגנטלעכער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, איז דער ערשטער סעקרעטאַר פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלץ.

אויפן דריטן טאָג נאָכן פאַרעפנטלעכן די באַשטימונג פון צענטראַל־קאָמיטעט איז דורכ־געפירט געוואָרן אַ פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג פון „זאַפּאָראָזשסטראָי". דער שמועס איז געגאַנגען אַן אָפנער, ניט קיין אָנגענעמער, אַ שאַרפער. אין מײַן אַרויסטרעטונג האָב איך נאָך אַ קרי־טישן אַנאַליז פון דער לאַגע אויף דער בויונג גענוי גערעדט אויך וועגן די כעסרוינעס אין דער אַרבעט פונעם שטאָטקאָם און געגנטקאָם פון קפּ(ב)או.

דעם 28 אַפּרעל האָבן מיר די פּראַגע וועגן דער באַשטימונג פונעם צק אַלקפּ(ב) אַרויס־געטראָגן אויף דער זיצונג פונעם פּלענום פון זאַפּאָראָזשיער שטאָטקאָם פון דער פּאַרטיי. די בויער און די עקספּלואַטאַציע־טוער זײַנען געקומען צום פּלענום שוין מיט אָנמערקונגען וועגן די נײַע פּלענער, מיט אַ גראַפיק, און דער שמועס איז געווען אַ קאָנקרעטער. קוזמין, לעמאַשל, האָט געבראַכט אַזאַ כעזשבן: אויב גיין אויפן ניוואָ פון דעם, וואָס מיר האָבן דער־גרייכט אין מאַרט, וועט אויף לאָזן אין גאַנג דעם דאָמנע־אויוון זיך פאָדערן פיר כאָדאָשים, אויף לאָזן אין גאַנג דעם סליאַבינג — נאָך פיר, און פאַרן צעך פון קאַלטער וואַלצונג — מער פון אַכט כאָדאָשים.

— מע טאָר זיך ניט באַרויקן, וואָס דער מאַרט־פּלאַן איז אויסגעפילט, — האָט געזאָגט דער דירעקטאָר פונעם זאַוואָד. — אַפילו אין פאַרגלײַך מיט אַפּרעל דאַרפן די טעמפּן, יעדנ־פאַלס, אין צוויי מאָל פאַרגרעסערט ווערן.

מע האָט געמוזט היפּש העכערן די אַרבעטס־פּראָדוקטיווקײַט.

— אף דער בויונג, — האָט זיך דעמלט געררעדט אפן פּלענום פון שטאָטקאָם, — מיזן זיך היינט דרייסיק טויזנט אַרבעטער. און פונדעסטוועגן פילן די באַצירקן אַ מאַנגל אין מענטשן. ווען אונדז וואָלט זיך איינגעגעבן צו העכערן די אַרבעטס-פּראָדוקטיווקייט אף צוואַנציק פּראָצענט, וואָלט עס זיין געגליכן צו די זעקס טויזנט מענטשן, וועלכע פעלן אויס אף דער בויונג!

עס איז געקומען די צייט, ווען דער כעזשבן איז בא אונדז אוועק ניט אף יאָרן, נאָר אף כאָדאָשים און אפילע אף טעג. פאַר אַלעמען איז געוואָרן קלאָר: מיר זיינען מעכוייעוו אַרויסגיין אין אונדזערע פּלענער ניט פון דעם, וואָס מע „קאָן", נאָר פון דעם, וואָס מע „דאַרף". ווען עס איז דערקלערט געוואָרן, אַז יעדן מעסלעס וועט אויסקומען אויסצופילן די בוי־און מאָנ־טאַזש־אַרבעטן אף אַ מיליאָן רובל, האָט דער זאַל געגומען רוישן. אַ סאַך האָבן נאָך גע־צווייפלט אין זייערע קויכעס. (אַגעוו, אין דער דאָזיקער גרענעץ־פּונקט שוין דערגרייכט געוואָרן צום סאָף מיי, און אין האַרבסט, ווען עס זיינען געלאָזט געוואָרן אין גאַנג די וואָלץ־צעכן, איז דער באַטרעף פון דער אַרבעט, וואָס איז אויסגעפילט געוואָרן פאַר אַ מעסלעס, דערגאַנגען ביז צוויי מיליאָן).

איך בין אַרויסגעטראָטן צום סאָף פון דער זיצונג. איך האָב גערעדט דעריקער וועגן דעם, אַז אף דער בויונג מוז מען שאַפן אַ סיטואַציע פון שלאָכט־מאָבילקייט, פון אַלגעמיינער אונ־טערגעצייגנקייט, שפּאַרעוודיקייט און זעלבסטדיסציפּלין. גראָד דאָס איז איצט געוואָרן דער איקער, דער טאָך, פון דעם איז אָפּהענגיק אַלץ. בא מיר האָט צו דער דאָזיקער צייט זיך אָנ־געזאַמלט היפש באַאָבאַכטונגען, קעדיי אָנשוילעך באַווייזן אונדזערע בלויזן און מעגלעכ־קייטן.

איך האָב דערמאָנט דעם פאַל, ווען אינעם גרויסן צעך האָט מען אָנגעגלאָזט אַלע פענצ־טער און דעם לאַמטערן פונעם דאַך, אָבער אינגיכן האָט מען בישכיינעס דורכגעפירט אַן אופּרייס. פון די שויבן איז קיין זייכער ניט געבליבן. הייסט עס, אַז די אַרבעטער אַגיטירן מיר וועגן עקאָנאָמיע, און אַליין ברעכן מיר די שויבן. אַזוי אַרבעטן טויג ניט! פאַר אומווירט־שאַפטלעכקייט דאַרף דער פּאַרטקאָם פון „זאַפּאָראָזשסטראָי" אָפּמאָנען בא די אָנפירער־קאָמוניסטן, ניט שוינענדיק קיינעם. דאָס איז באַטאָנט געוואָרן אפן אַנטשיידנדיקסטן אויפן. אָבער דאָ האָב איך געהאַלטן פאַר נייטיק צוצוגעבן:

— ווען מיר טוען גאָרנישט, ווען מיר זיינען מויכל פאַר אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט, איז דאָס זייער געפערלעך. איך וויל אָבער ניט רופן דעם פּאַרטיי־קאָמיטעט צו אויסשליסן ווערמען ביט־איז פון דער פּאַרטיי אָדער, ווי מע זאָגט עס, אָנשיטן אַ זאַק מיט אויסריידן. דאָס איז אויך ניט קיין מעטאָד.

עס איז וויכטיק געווען צו וואָרענען די כאַוויירים, זיי זאָלן זיך ניט וואַרפן אין אַ צוויי־טער עקסטרעמקייט...

5

באַלד פון די ערשטע טעג האָבן מיר געקעמפט פאַר אַ זאָרגזאַמער באַציִונג צו די קאַ־דרען, געהאַלטן טייער די אַטמאָספער פון פּאַרטיייִשער גוטווילִיקייט, וואָס האָט זיך שוין איינ־געשטעלט אין אונדזער אָרגאַניזאַציע. איך בין ביכלאַל קיינמאָל ניט געווען קיין אָנהענגער פון גראָבן, ליאַרעמדיקן, אָדער, ווי מע רופט אים נאָך, „ווילנספולן" מעטאָד פון אָנפירונג. אויב דער מענטש איז אָנגעשראָקן, וועט ער אף זיך קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט ניט נעמען. און אונדז איז נייטיק געווען ניט צו פּענטען, נאָר, פאַרקערט, אונטערהאַלטן די סאַמע ברייטע איניציאַטיוו. איך יענע אָנגעשטרענגטע באַדינגונגען וואָלטן מיר אָן גאָוואַטאַרישקייט, אָן אַק־טיווע זוכענישן צו גאָרנישט זיך דערשלאָגן. אייגנטלעך, איז אין רויִקע באַדינגונגען ביכלאַל ניטאָ וואָס צו טומלען.

איך וועל ברענגען אַזאַ ביישפּיל. אַפּן מאָנטאַזש האָט בא אונדז געאַרבעט דער טורעם־קראַן 151־БК, אַ מעכטיקער פאַר יענע צייטן. צוליב פאַרגיכערן די אַרבעט האָט מען אים איבערגעלאָדן, און דער קראַן איז אומגעפאַלן, קאַליע געוואָרן. ווען מע האָט מיטגעטיילט וועגן דער אַוואַריע, בין איך באַלד געקומען אַפּן פּלאַץ, און דאָרט — אַ געשריי, אַ טומל, דער קראַן־מאַשיניסט שטייט אַ בלאַסער, מע האָט שוין באַוויזן צו קומען פון „קאָטלאָנאַדזאָר" און אפילע פון די אויספאָרשונגס־אָרגאַנען. רויִק איז געבליבן, דוכט זיך, בלויז קוזמין.

— קיין קאָרבאָנעס זיינען ניטאָ? — פרעג איך בא אים.

— ניטאָ, — ענטפערט ער. — אומגעפאַלן מער ווי געלונגען. ווען מע וואָלט מאַכן אַ ספּעציעלע אויסרעכענונג, וואָלט מען אין אונדזער ענגשאַפט בעסער אים ניט אַוועקגעשטעלט.

מע האָט אָנגעהויבן זיך פאַנאַנדערקלײַבן: בעעמעס, דער קראַן איז אומגעפאַלן אַף אַ פרײַען באַצירק, האָט קיינעם ניט דערהאַרגעט, גאָרנישט ניט צעבראָכן. אָבער איך הער שוין אַ היסטעריקע: „שעדיקערײַ! מישפּעטן דעם מאַשיניסט! דעם פּראָראַב מישפּעטן!” איך וויל, מע זאָל מיך ריכטיק פאַרשטיין: איך בין דערפאַר, מע זאָל שטרענג און, דעריקער, אומבאַדינגט באַשטראָפן די עמעסע אויסוואורפן און פאַרברעכער, ווען עמענס שולד עס איז פולשטענדיק דערוויזן. אָבער דאָ האָב איך זיך איבערצײַגט, אַז קיין שום בײַזוויליקײַט איז ניט געווען, ס׳איז געווען נאָר אומפאָרזיכטיקײַט, האָב איך געפאָדערט, מע זאָל ענדערן דעם טאָן. צוליב וואָס שאַפן אַן אַטמאָספער פון נערוועזקײַט און שרעק? אַדעראַבע, אַפּעלירנדיק צום געפיל פון פאַרדראָס, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך אָט דעם אומגליק, דאַרף מען סטימולירן די מענטשן, זיי זאָלן זוכן אַ שנעלן, אַ מער סייכלדיקן אויסוועג פון דער לאַגע.

און אַן אויסוועג איז געפונען געוואָרן, די בויער האָבן אויסגענוצט די סיסטעם פון וואַנטאָווע דעריקעס, דער מאָנטאַזש איז געפירט געוואָרן ווײַטער און איז אפילע ניט אַרויס פונעם גראַפיק. וואָס וואָלט געגעבן דער בויונג, דער זאַך, וועלכער מיר דינען, ווען מע באַשטראָפט שטרענג די מענטשן? נו, לאָמיר זאָגן, דער דאָזיקער בײַשפּיל וואָלט אָנגעשראָקן די אַנדערע קראַן־מאַשיניסטן, די אַנדערע פּראָראַבן. אָבער זאָלן אונדזערע שלאָגלער און אינזשעניערן־נאָוואַטאָרן אָנהייבן אַרבעטן „פונדאַנען ביז דאָרטן”, האַלטנדיק זיך באַ אַלע פּאַראַגראַפן פון דער אינסטרוקציע, וואָלט אפילע ניט געווען וואָס צו טראַכטן וועגן אויספילן די האַרבסטע טערמינען פון דער בויונג.

קיין וויסנשאַפט וועגן אופשטעלן כורבוינעס האָט ניט עקזיסטירט, קיין לערנביכער, וועלכע זאָלן לערנען, ווי אופצוהייבן פון די פאַרברענטע, צעבראָכענע, אופגעריסענע אײַנריכטונגען, איז ניט געווען. אַלץ צום ערשטן מאָל, אַלץ אַפּסנײַ. די אופגאַבע אַליין איז געווען אַ דרייסטע, און ס׳איז וויכטיק געווען ניט אַוועקהאַרגענען דעם גײַסט פון נאָוואַטאָרישקײַט, מע האָט געדאַרפט סטימולירן די דרייסטקײַט באַ אַלעמען — באַ די אַרבעטער, אינזשעניערן, פּאַרטיי־טוער. אין יענעם הייסן, אין דירעקטן און אַלעגאָרישן זין, זומער האָבן די מענטשן אַף אַלע באַצירקן פון דער שלאָג־בויונג געבראָכן די געוויינלעכע נאָרמעס און, בעמיילע, געגאַנגען אַף אַ ריזיקע. דאָס איז אָבער געווען אַ באַרעכטיקטע און באַטראַכטע ריזיקע, וואָס האָט זיך געשטיצט אַף קענטענישן, אַף דערפאַרונג, פּינקטלעכער אויסרעכענונג.

עס איז נייטיק געווען, לעמאָשל, אַראָפּנעמען פון דער אײַזנבאַן־פּלאַטפאָרם דעם לאַפּעט פונעם וואַלץ־געשטעל, וועלכער וועגט צוויי און אַכציק טאָן. און דער קראַן אַפן בויגן־וואַלצער קאָן אופהייבן דרײַסיק טאָן. לויט אַלע אינסטרוקציעס האָט זיך געפאָדערט אַ מעכטיקערע טעכניק, און די בריגאַדע האָט געקאָנט פּראָסט־פּאָשעט אָפּזאָגן זיך פון דער אַרבעט. געפינט, זײַט מויכל, דעם נייטיקן קראַן, ברענגט אים אַפן אָרט, און מיר וועלן צוואַרטן. די מענטשן האָבן אָבער געהאַנדלט אַנדערש.

דער אַלטער מײַסטער פון טאַקעלאַזש־אַרבעטן אַלעקסאַנדער ניקאָלײַעוויטש טשעפּיגאַ, אַ שווײַגער, אפילע אַ כמורנער לויטן אויסזען, איז אַרומגעגאַנגען די פּלאַטפאָרם פון אַלע זײַטן, באַטראַכט דעם זייער שווערן לאַפּעט, דערנאָך — דעם פונדאַמענט, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן פאַר אים. עפּעס האָט ער אויסגערעכנט אַליין, דערנאָך איז ער געזעסן מיט דער בריגאַדע, מיט די אינזשעניערן, קאָנטראָלירט די אויסרעכענונג, און אין רעזולטאַט איז אָפּגעטאָן געוואָרן אַ קונץ, וואָס מע האָט באַ אונדז אַ נאָמען געגעבן אַ „צירק־נומער”. צווישן דער פּלאַטפאָרם און דעם פונדאַמענט האָט מען אויסגעבויט אַ בריק פון שפּאַלעס. דערנאָך האָט מען דעם לאַפּעט צוגעטשעפּעט פאַר דעם אייבערשטן טייל, און לויט טשעפּיגעס קאָמאַנדע האָט דער קראַן (דער זעלבער, וואָס קאָן אופהייבן בלויז דרײַסיק טאָן) אַריבערגעטראָגן דעם דאָזיקן טייל אַפן בריק. דערנאָך האָט מען צוגעטשעפּעט דעם צווייטן עק און צוגעפירט צום פונדאַמענט. אָט אַזוי האָט מען צוביסלעכווײַז אַוועקגעשטעלט דעם לאַפּעט אין דער נייטיקער לאַגע. די קונץ איז באַשטאַנען דערין, וואָס די גאַנצע צײַט איז די גרונט־שווערקײַט פון דער מאַסע אויסגעקומען אַפן פעסטן אָנשפּאַר. און דאָס איז טאַקע בעעמעס געווען אַ קונץ, באַזירט אַף אײַנפּאַלערישקײַט, דערפינדערישקײַט און פּינקטלעכער אויסרעכענונג פון אַ טאַלאַנטפולן אַרבעטס־מענטש.

פונקט אַזוי האָט ער געקאַנטעוועט דערנאָך דעם לאַפּעט פון דער שער פונעם וואַלץ־געשטעל, וואָס וועגט שוין הונדערט מיט דרײַסיק טאָן. די צײַט־נאָרמע איז דערבײַ פאַר־

קירצט געוואָרן אין נײַנציק מאָל! און ענלעכער עפּיזאָד איז געווען אויך באַם אופשטעלן די טערמאָעלעקטראָצענטראַל, ווען מע האָט דעם שווערן באַראַבאַן פונעם קעסל אופגעהויבן אַף א גרויסער הייך. דאָס איז א פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט. קיין נייטיקע קראַנען זײַנען דאָ אויך ניט געווען, נאָר איינער פון די אינזשעניערן האָט פאַרגעלייגט א קאָמבינירטן אופהייב מיט דער הילף פון א קליינמעכטיקער קראַן־פּײַל און מיט די פּערמעס פונעם בינייען גופא. די ספּעציאַליסטן פון „סאַיוזפּראָממאָנטאַזש" האָבן געמאַכט א ליאַרעם. ווען זיי זײַנען אָבער געקומען אינעם קעסל־זאַל, איז דער באַראַבאַן שוין געווען אײַנגעשטעלט. אַנשטאָט עטלעכע טעג האָט די אַרבעט פאַרנומען צוויי און דרײַסיק מינוט.

איינמאָל בין איך צוגעגאַנגען צו א גרופּע מאָנטאַזשניקעס, וועלכע זײַנען געקומען צו פאָרן פון סטאַלינגראַד: „א גוטמאָרגן, כאַווײרים גוואַרדייער!" איך האָב זיי אַזוי אָנגערופן ניט בלויז דערפאַר, ווײַל א סאַך פון זיי האָבן נאָך ניט אויסגעטאָן די סאָלדאַטישע גימנאַסטיאָרקעס, נאָר אויך דערפאַר, ווײַל די מאָנטאַזשניקעס זײַנען בא אונדז געווען דער שלוס־רונג, פון זיי איז אָפּהענגיק געווען דער ענדגילטיקער טערמין, און, ווי מע זאָגט עס, אָפּ־טרעטן איז שוין זיי ניט געווען ווהין. איך האָב געפרעגט געוויינלעך, וואָס הערט זיך נײַס אַפן באַצירק, און זיי לאַכן. ווען זיי האָבן דערציילט, וואָס בא זיי האָט געטראָפן, האָב איך זיך אויך צעלאַכט.

דער עפּיזאָד איז געווען א קאָמישער. צו זיי איז אַרײַנגעפאַלן א צייכענונג מיט א קאָר־טעגאָרישער רעזאָליוציע: „אוואַריע־צושטאַנד! מאַכן נאָך הײַנט. ליוושיץ". נו, האָבן די מאָנ־טאַזשניקעס א קוק געטאָן און האָבן זיך דערשראָקן: לויט די שטרענגסטע נאָרמעס האָט די אַרבעט געדאַרפט דויערן א טאָג דרײַ. עס האָט ניט געפעלט קיין שאַרף וואָרט, נאָר קיין ברייערע איז ניטאָ. זיי האָבן זיך א נעם געטאָן מיט סייכל און אַלץ מאָנטירט אינעם זעלבן טאָג. דאָ לויפט צו זיי א מיידל פון דער קאָנסטרוקטאָרן־ביוראָ: „ווו איז די צייכענונג?" לאָזט זיך אויס, אַז די רעזאָליוציע פונעם כאַווער ליוושיץ, דעם שעף פונעם ענערגעטישן סעקטאָר פון „גיפּראָמעז", האָט ניט געהאַט קיין שום שײַכעס צו די מאָנטאַזשניקעס. ער האָט געבעטן בלויז, מע זאָל מאַכן א קאָפּיע פון דער צייכענונג.

בוכשטעבלעך אַף אַלע באַצירקן האָבן די מענטשן געאַרבעט מיט מעסירעסנעפעש, טאָ־לאַנטפול, דרייסט. עס פלעגט טרעפן, אַז זיי פלעגן ניט גיין אהיים, ביז זיי וועלן ניט אויס־פילן די פאַרגעבונג, צו עטלעכע טעג פלעגן זיי פאַרבלײַבן אַף דער בויונג — שלאָפן ערגעץ אין שאָטן א דרײַ־פיר שאָ און ווידער צו דער אַרבעט. עס איז געשאַפן געוואָרן די אַטמאָ־ספער, פאַר וועלכער דער געגנטקאָם האָט געקעמפט פון סאַמע אָנהייב, די אַטמאָספער פון אַלגעמיינעם אופשטײַג, פון ריזיקער צילגעווענדטקײַט, גרענעצלאָזן גלויבן אין די אייגענע קויכעס. איך האָב דערפילט: אַף דער בויונג איז אָנגעקומען אַן אַנטשיידענער איבערבראָך, איצט וועלן מיר גיין פאָרויס און פאָרויס. עס איז אויסגעוואַקסן אַן אַרבעטס־גוואַרדיע, וועל־כע וועט זיך ספּראַווען מיט די סאַמע דרייסטע פּלענער, סאַמע געפרעסטע טערמינען. עס איז וויכטיק געווען ניט צו פאַרלירן דעם טעמפּ, ווי אַפן פראָנט נעמען א פעסטונג נאָך א פעס־טונג...

די רעזולטאַטן פון דער אַרבעט פון די זאַפּאָראָזשצעס האָבן זיך געגומען פילן אַפן אַל־געמיינעם אַרבעטס־פראָנט. „אַזוי ווי אין פּעריאָד פון די ערשטע פינפיאָרן, — האָט געשריבן די „פּראַוודאַ", — האָט דאָס גאַנצע לאַנד געבויט דעם „מאַגניטסטראָי" און „קוזנעצקסטראָי", אַזוי דאַרף איצט דאָס וואָרט „זאַפּאָראָזשסטראָי" זײַן דער פּאַראָל פון שלאַכט־אַרבעט ניט בלויז פאַר די בויער, נאָר אויך פאַר יענע אַלע, פון וועמען עס איז אָפּהענגיק די שנעלע אופשטעלונג פונעם זאַפּאָראָזשיער מעטאַלורגישן זאַוואָד".

צווישן דער גרויסער צאָל מיטלען פון באַגײַסטערן די מענטשן האָט אין יענעם זומער אָפּגעשפּילט א גרויסע ראָליע די פּרעסע, דאָס הערלעכע באָלשעוויסטישע וואָרט. געקומען אַף דער אַרבעט קיין זאַפּאָראָזשיע, בין איך גלײַך באַשטאַנען דערויף, מע זאָל פאַרגרעסערן דעם טיראַזש פון די געגנטלעכע צײַטונגען. און כאָטש קיין פּאַפּיר האָט אין לאַנד ניט גע־קלעקט, איז דער צק אַלקפּ(ב) געגאַנגען אונדז אַנטקעגן. מיר האָבן זיך דערשלאָגן אויך דערצו, מע זאָל ראַדיאָפיצירן די אַרבעטער־יישוווים. דערנאָך האָבן די טוער פונעם אַפּאַראַט זיך געכידעשט, וואָס צום ערשטן מאָל אין זייער פּראַקטיק שטעלט דער ערשטער סעקרע־טאַר פון געגנטקאָם אַף דער ביוראָ דעם באַריכט פון דער רעדאַקציע פון דער זאַפּאָראָזשבויע־רישער פּילטיראַזשקע „סטראָיטעל". אינעם באַשלוס פון דער ביוראָ איז פאַרשריבן געוואָרן: „דער פאַרטקאָם דערשאַצט ניט די קאָלאָסאַלע אָרגאַניזירנדיקע ראָליע פון דער צײַטונג אינעם פאַרשטאַרקן די אידעאָלאָגישע אַרבעט צווישן די מאַסן, נוצט זי ניט אויס אַלס א טריבונע..."

אין דער סאמע הייסער צײַט האָבן אפן בוי־פלאַץ געאַרבעט די אַרויספאַר־רעדאַקציעס פון די צײַטונגען „פּראַוודאַ", „ראַדיאַנסקאַ אוקראַיִנאַ", „באַלשעוויק זאַפּאַראָזשיאַ". דעם פאַר־וואַלטער מיטן אָפּטייל פון אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע אין אונדזער געגנטלעכער צײַטונג אַנדריי קליונענקאָ האָב איך געקענט פונעם פראָנט. מיר זײַנען צוזאַמען דורכגעגאַנגען פון קאַווקאַז ביז פּראַג. ער איז געווען אַ דרייסטער פּאָלק־קאָמיסאַר, און אַ זשורנאַליסט איז ער געוואָרן אַ דרייסטער — אינעם צײַטונגס־וועזן איז די דאָזיקע קוואַליטעט אויך נייטיק. איך געדענק אויך דעם רעדאַקטאָר פון דער אַרויספאָר־רעדאַקציע פון „באַלשעוויק זאַפּאַראָזשיאַ" וולאַדימיר רעפּינען. אַ דאַרלעכער, אַ הויכער, אין ברילן, האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זײַן אומגע־וויינלעכער קענטשאַפט צו אַרײַנדרינגען אין יעדער קלייניקײַט, ער האָט געקענט דער־שטער דערוויסן זיך די נײַס פון דער בויונג, און זיי זײַנען טייקעף — דורך דער צײַטונג, דורך פלוגבלעטלעך — געוואָרן באַוווּסט אַלעמען.

פלוגבלעטלעך וועגן באַזונדערס וויכטיקע געשעענישן האָבן מיר אָנגעהויבן אַרויסלאָזן רעגולער. די קאָמיוגיסטן פלעגן זיי אַראָפּוואַרפן אין שטאָט פון די לאַסטמאַשינעס, צומאָל אויך פונעם קלײנינקן אַעראָפּלאַן „ПО־2". אָט איז דער טעקסט פון איינעם אַזאַ פלוגבלעטל, געווידמעט דעם זייער טײַערן פאַר אונדז זיג:

„בליץ־טעלעגראַם. הימלאַנד, נעם אָן אונדזער ראַפּאָרט:

פּאַראַן
זאַפּאַראָזשיער
טשוהון!

הײַנט האָבן די דאָמנע־אַרבעטער אַרויסגעגעבן די ערשטע פּראָדוקציע פון נאָכמילכאָ־מעדיקן טשוהון. זאַפּאַראָזשבויער! דו זעסט די פּרוכט פון דײַן מעסירעסנעפּעשדיקער מי צום ווילזײַן און צום רום פונעם באַליבטן הימלאַנד.

דאָס גאַנצע סאָוועטישע פאָלק באַגריסט דעם ווידערגעבורט פון דער העכסט מעכטיקער דאָמנע און פון דער טערמאָעלעקטראָצענטראַל פון „זאַפּאַראָזשסטאַל". וועלכע זײַנען ווי אויפ־געשטאַנען טכיאַס־האַמייסים, ווײַל עס ווייסט, צו וואָס פאַר אַ גרענעץ פון כורבן עס האָבן זיי דערפירט די פאַשיסטישע ראָצכים.

דאָס גאַנצע לאַנד רופט אָן הײַנט מיט דאַנקבאַרקײַט דײַן נאָמען — זאַפּאַראָזשבויער! פּאָרויס, צו נײַע זיגן!"

איך בין אָבער פאַרלאָפן פּאָרויס: ביז אָט דער פײַערונג האָט מען, ווי מע זאָגט, נאָך געדאַרפט דערלעבן. פלוגבלעטלעך זײַנען אַרויסגעגעבן׳ געוואָרן אויך שאַרף־קריטישע — מיט די פאַמיליעס פון יענע, וועלכע האָבן פאַרהאַלטן די בויונג. איך וועל ברענגען אַזאַ, דוכט זיך, אומבאַדײַטנדיקן בײַשפּיל. עמעצער האָט איבערגעלאָזט אפן וועג אַ סליאַב[1]. דאָס האָט געשטערט צו אַרבעטן. און אָט האָט אף דעם דאָזיקן סליאַב זיך באַוויזן אף מאָרגן אינדער־פרי אַזאַ אויפשריפט: „מײַסטער פון פּראַליאָט[2]! נעמט אוועק דעם סליאַב — ער שטערט צו אַרבעטן. דער טערמין — 5 אַזייגער." און אַ כסימע. און וואָס מיינט איר — מע האָט אָפּגע־ראַמט, אָפּגערייניקט! מע דאַרף זאָגן, אַז דאָס האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג.

גוט האָט „געאַרבעט" אויך די קאַלערליי אָנשוילעכע אַגיטאַציע. דו גייסט איבערן פּלאַץ, און אומעטום ציפערן, דאַטעס: לאָזן אין גאַנג דעם סליאַבינג צו אַזאַ און אַזאַ דאַטע, דעם געשטעל פון קאַלטן וואַלץ — צו אַזאַ און אַזאַ, עס זײַנען פאַרבליבן 30 טעג, דערנאָך 15... 10... 5 טעג. ווי עס האַלט אף דער בויונג, האָט געוווּסט די גאַנצע שטאָט, אף די מיטינגען פלעגן מיר אײַנלאַדן אַלע אײַנוווינער, די בויער פלעגן קומען מיט די געזינדן.

— וואָס איז דאָס, — האָט געקאָנט פרעגן עמעצנס אַ יונגע פרוי. — אַנדערע לויבט מען, און וועגן דיר קיין וואָרט ניט?

אָדער אַ פראַגע פון אַ קינד:

— פאַרוואָס, טאַטע, אָפּלאָדירט מען דעם פעטער פּיאָטער, און דיר ניט?

דאָס איז טאַקע אָן עמעסע, לעבעדיקע מאַסן־אַרבעט, און איר עפעקטיווקײַט איז זייער גרויס. עס איז אַ גרויסער טעות צו מיינען, אַז קלוימערשט בלויז מאַטעריעלע סטימולן זײַנען נייטיק דעם מענטשן. ניין, דעם סאָוועטישן מענטשן איז נייטיק זייער אַ סאַך — דער באַוווּסט־זײַן פון זײַן שײַכעס צו דער גרויסער זאַך, די שטרעבונג צו אויסדריקן זיך אין דער אַרבעט, דער שטאָלץ מיט זײַן מײַסטערשאַפט, די אַכטונג פון כאַווײרים, קאָוועד.

---

[1] אַ שטאָלענע פּליטע, וואָס דינט אַלס פורעם אף צו וואַלצעווען שטאָל־בויגנס. (רעד.)

[2] פּראָליאָט — די לענג פון דער צער־ליניע. (רעד.)

אָבער אַט די אַלע מאָראַלע באַדערפֿעניש דאַרף מען, פֿאַרשטייט זיך, דערציִען. און דאָ האָבן די אומעטום בײַוועזנדע זשורנאַליסטן זייער גוט אונדז געהאָלפֿן. פֿאָרגעשריטענע דערפֿאַרונג, אַ הערלעכער גורל פֿון אַ מענטשן, עמעצנס אַ רעקאָרד, שלאַכט־אופֿטוען אָף עפּעס אַ באַצירק — דאָס אַלץ איז אָפּעראַטיוו באַלויכטן געוואָרן אין די צײַטונגען. דער זשורנאַליסט איז געווען אַ פֿולבאַרעכטיקטער אָנטיילנעמער אין דער בויונג.

איך געדענק, כ׳האָב געראַטן די מיטאַרבעטער פֿון די אַרויספֿאָר־רעדאַקציעס אומבאַדינגט אָנטיילנעמען אינעם באַזוכן די אָביעקטן, וועלכע ווערן געלאָזט אין גאַנג, און אַזעלכע באַזוכן האָבן מיר צוזאַמען מיט די אָנפֿירער פֿונעם זאַוואָד און פֿון דער בויונג דורכגעפֿירט אַלע טאָג. דאָ זײַנען שטענדיק אופֿגעקומען אינטערעסאַנטע פֿראַגן, עס האָבן זיך פֿאַרבונדן נוצלעכע געשפּרעכן, עס זײַנען געוואָרן באַקאַנט נײַע העלדן פֿון דער בויונג. פֿון דער פּרעסע האָבן מיר דערוואַרט ניט בלויז לויב־געזאַנגען, נאָר אויך אַ שאַרפֿע קריטיק.

אַגבֿ וועל איך באַמערקן, אַז מיר האָבן זיך באַמיט צו אויסהיטן די בויער, די מאָנטאַזשניקעס, עקספּלואַטאַציע־טוער אויך פֿון איבעריקע אַרויסרופֿן אין פֿאַרשיידענע אינסטאַנציעס. „די גאַנצע אַרבעט טראָגט אַריבער אָף די אָביעקטן, — פֿלעג איך אָפֿט זאָגן צו מײַנע כאַווײרים. — אויב עס איז פֿאַראַן אַן אינינען, פֿאַרט אַרויס אָפֿן בוי־פּלאַץ״. און אָף וויפֿל זיי האָבן געזען: אַליין דער ערשטער סעקרעטאַר פֿון געגנטקאָם טוט גראָד אַזוי, איז דאָס אײַנגיכן געוואָרן אַ געוווינהײַט בײַ אַלע סעקרעטאַרן, פֿאַרוואַלטערס מיט די אָפּטיילן, אינסטרוקטאָרן פֿון ראַיאָנישן, שטאָטישן און געגנטלעכן קאָמיטעטן פֿון דער פּאַרטיי. און דאָס איז פֿאַר זיי אַליין געווען זייער נוצלעך.

6

די אַרבעט איז געפֿירט געוואָרן מיט אַ וואַקסנדיקן טעמפּ, די בויונג האָט געפֿאָדערט מאָביליזירן אַלע מעגלעכקײַטן, די נאָוואַטאָרישע אַרבעטס־מעטאָדן, פּראָגרעסיווע טעכנישע לייזונגען, דרייסטקײַט און אײַנפֿאַלערישקײַט. איך האָב באַמערקט: אונדזערע קאָלעקטיוון שוועריקײַטן און מאַנגלען געבוירן נײַע און אָריגינעלע אידייען. אָט זײַנען צוויי בײַשפּילן פֿון פֿיל, וועלכע האָבן זיך פֿאַרהיט אין זיקאָרן.

די דאַמבע נומ. 3, וואָס מע האָט אופֿגעשטעלט די ערשטע, איז געווען די איינציקע, וואָס איז געבליבן גאַנץ נאָכן אופֿרײַס. זי האָט זיך אָבער אָפּגעזעצט, אָנגעבויגן זיך אין אַ זײַט, מאַמעש ווי דער פּיזאַנער טורעם. פֿון ענדגילטיקן פֿאַלן האָט זי אָפּגעהאַלטן בלויז די שיכטע, וואָס איז געבליבן הענגען אײַנוויניק. אַן אויסוועג, האָט זיך געדוכט, איז פֿאַראַן איינער: דעמאָנטירן דעם גיגאַנטישן איוון און דערנאָך אים שטעלן אָפּסנײַ. אָבער די טוער פֿון דער פֿאַרוואַלטונג „סטאַלקאָנסטרוקציאַ״, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפֿירט דער סאַמע דערפֿאַרענער מאָנטאַזשניק מ. ב. טשודאַן, זײַנען אוועק מיט אַן אַנדער וועג. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אויסגלײַכן די דאַמבע, וואָס אַזעלכס האָט קיינער און קיינמאָל נאָך ניט געטאָן. דער הויפּט־אינזשעניער פֿון דער פֿאַרוואַלטונג א. וו. שעגאַל, וואָס האָט פֿאַנאַנדערגעאַרבעט דעם דאָזיקן פּראָיעקט, האָט מיר געזאָגט אַזוי:

— די סיטואַציע צווינגט אונדז צו דערגאַנצן די באַוווּסטע מעטאָדן פֿון דער בוי־קונסט מיט עלעמענטן פֿון „היילונגס־כירורגיע״.

אין איינעם אַ שײַנעם פֿרימאָרגן האָבן די מאָנטאַזשניקעס באַזײַטיקט דעם „קאָזיאָל״ (דעם פֿאַרגליווערטן טשוהון), אונטערגעפֿירט אונטער דער דאַמבע נײַן הידראַווּלישע דאָמקראַטן מיט אַ מעכטיקײַט פֿון הונדערט ביז צוויי הונדערט טאָן, דערנאָך צעשניטן דעם „קאַזשון״ פֿונעם איוון און גענומען אים אופֿהייבן. אַרום זײַנען געשטאַנען פֿאַרגליווערט הונדערטער בויער. אַ סאַך זײַנען פֿאַרבליבן נאָך דער וואַכטע, מידע, ניט אויסגעשלאָפֿענע, נאָר אַלע האָבן אָנגעשטרענגט געוואַרט, מיט וואָס וועט זיך דאָס ענדיקן. איך בין אויך פֿאַרבליבן. אין דעם דאָזיקן טאָג האָב איך געהאַט אויך אַנדערע איניאַנים, נאָר, פּונקט ווי אַלע, האָב איך אַוועקגיין ניט געקאָנט. דער גיגאַנטישער איוון האָט קוים באַמערקבאַר אַ ציטער געטאָן און האָט לאַנגזאַם גענומען זיך דערנענטערן צום ווערטיקאַל. פֿינף מיט אַ האַלבער שאָ האָט געדויערט דאָס אופֿהייבן, און קיינער האָט ניט פֿאַרלאָזט דעם פּלאַץ. איך בין אויך געשטאַנען ביזן סאָף, ביז מע האָט דעם שפּאַלט, וואָס האָט זיך געשאַפֿן, ניט אַרומגעשמאָלצן פֿון ביידע זײַטן מיט שטאָלענע ווענטלעך. די זאַך איז אָפּגעטאָן געוואָרן. אָנשטאָט צוויי כאָדאָשים — פֿינף מיט אַ

האלבער שאָ! דערמיט איז אײַנגעשפאָרט געוואָרן דער מעלוכע מער פון א מיליאָן רובל. פאר דער דרייסטער לייזונג זײַנען מיכאיל ניקאָלײַעוויטש טשודאָן און אײַזיק וואָלפאָוויטש שעגאל באערט געוואָרן מיט דער מעלוכע־פרעמיע.

א לאורעאט פון דער מעלוכע־פרעמיע איז געוואָרן אויך דער שעף פון דער פארוואלטונג פון „סטאלמאָנטאזש" מארק איוואנאָוויטש נעדוזשקאָ, א מענטש פון גרויסן טאלאנט און דרייסטקײַט. ער איז געווען מײַן לאנדסמאן, פון דניעפראָפעטראָוושטשינע. געבוירן געוואָרן אין דער מישפּאָכע פון אן אָרעמפויער. אפן זאוואָד איז ער געווען א שלאָסער, א שווייסער, דערנאָך געוואָרן א מאָנטאזשניק. אין די יאָרן פון די פינפיאָרן האָט ער שוין אָנגעפירט מיטן מאָנטאזש אף די בויונגען פון אוראל און סיביר, בייס דער מילכאָמע געפירט די ארבעט פון דורכלייגן א בענזינלייטונג צום באלאגערטן לענינגראד. די רערן האָט מען מאָנטירט אפן אײַז פון דער לאדאָגער אָזערע, און דערנאָך אראָפגעלאָזט זיי אפן דעק, באזאָרגנדיק אזוי־ארום דעם לענינגראדער פראָנט מיט ברענשטאָף. בייס א באשיסונג איז מארק איוואנאָוויטש אראָפגעפאלן אינעם אײַז־קאלטן וואסער פון דער לאדאָגע און זינט דעמלט געווען שווער קראנק. נאָר געארבעט האָט ער ביזן סאָף פון זײַן לעבן.

אין זאפאָראָזשיע האָט מען זײַן פארוואלטונג באופטראָגט אופצושטעלן די וואלץ־צעכן — די זעלבע, וועלכע די פאשיסטן האָבן כאָרעוו געמאכט מיט א באזונדער גרויזאמער פונקטועלקײַט. (איך האָב שוין גערעדט וועגן די רויטע ליטערס „F" אף די קאָלאָנעס.) און אָט, זיך פאנאנדערגעקליבן אין אָט דעם אָנוואלגער פון שטאָלברוך, האָט מארק איוואנאָוויטש פאָרגעלייגט אופהייבן די צעכן־ליניעס אין זייער פולער גאנצקײַט. דער געדאנק האָט איבעראשט מיט זײַן דרייסטקײַט און נײַקײַט. ער האָט דעם צעך, וואָס דארף אופגעשטעלט ווערן, צעטיילט אף ריזיקע בלאָקן: יעדער בלאָק האָט אנטהאלטן ביז צוואנציק קאָלאָנעס און זײַן וואָג האָט באטראָפן ניט ווייניקער פון טויזנט טאָן. דערנאָך האָט ער אָפגעטיילט איין בלאָק פונעם צווייטן, צעשנײַדנדיק זיי מיט אויטאָגען, און נאָכדעם זײַנען אוועק אין גאנג די טעלעסקאָפישע שטאטיוון — די הייב־מעכאניזמען, וועלכע נעדוזשקאָ האָט קאָנסטרויִרט צוזאמען מיטן הויפט־אינזשעניער פון זײַן פארוואלטונג גריגאָרי וואסיליעוויטש פעטרענקאָ. ווי אנכאפנדיק דעם צעך פארן דאך, האָבן זיי געצויגן ארופצו גאנצע באצירקן פון דער צעך־ליניע, און צוביסלעכווײַז האָבן די צעקאָליעטשעטע קאָלאָנעס זיך אויסגעגלײַכט, די באלקנס און די באלקעס האָבן פארנומען זייער געזעצלעך אָרט. א סאך דעטאלן איז, פארשטייט זיך, געווען אומעגלעך אופצושטעלן, האָט מען זיי באזײַטיקט און אף אייניקע קאָנסטרוקציעס ארופגעלייגט נעט און לאטעס, — דאָס איז געווען אלץ די זעלבע „היילונגס־כירורגיע".

אין סאכאקל האָט די ארבעט אפן סאמע קאָמפליצירטן באצירק זיך אײַנגעגעבן צו פארגיכערן וויניקסטנס אף א יאָר צײַט. עס זײַנען געראטעוועט געוואָרן ניט ווייניק זייער טײַערע קאָנסטרוקציעס, וועלכע מע האָט זיך געקליבן אָפצוגעבן אין מעטאלברוך. אָט אזוי איז געשאפן געוואָרן די וויסנשאפט פון אומקערן ווידער צום לעבן כאָרעווע זאוואָדן, וועלכע זײַנען אונדז דעמלט געווען העכסט נייטיק, כאָטש בעסער וואָלט געווען קיינמאָל און אינערגעץ מער מיט איר זיך ניט באנוצן.

מיר האָבן אופגעשטעלט דאָס טעכנאָלאָגישע קייטעלע פון דער ערשטער ריי פון „זאפאָראָזשסטאל", וואָס איז באשטאנען בלויז פון יענע רינגען, וועלכע האָבן זיך געפאָדערט אף פראָדוצירן דעם שטאָלבויגן. די טערמאָעלעקטראָצענטראל און די לופטגעבלעז־אגרעגאטן האָבן געדארפט געבן געבלעז פאר דעם דאָמנע־אויוון. די דאָמנע וועט, אויסארבעטנדיק טשוהון, געבן אויך הייסן גאז, וואָס איז נייטיק פאר די וואלץ־צעכן. באגרענעצן זיך אָבער בלויז דערמיט האָבן מיר ניט געקאָנט, און גלײַכצײַטיק האָבן זיך געפירט ארבעטן אף אומקערן צום לעבן די גאנצע אונטערנעמונג — די אײַזנבאן־נעץ, די וואסער־באזאָרגונג, ענערגיע־באזאָרגונג, די געהילף־אונטערנעמונגען און אזוי ווײַטער. די דערפארונג, וואָס איז אָנגעזאמלט געוואָרן דורך דער שלאָג־בויונג, איז געווען זייער א ווערטפולע, און עס איז וויכטיק געווען אין קיין פאל זי ניט פארלירן, ניט פארגעסן, אלזײַטיק אויסנוצן אף די אנדערע אָביעקטן.

דער זאפאָראָזשיער שטאָטקאָם פון דער קאָמוניסטישער פארטיי (באָלשעוויקעס) פון אוקראִינע האָט אָנגענומען א ספעציִעלע באשטימונג „וועגן דערלערנען און פארשפרייטן די פאָרגעשריטענע ארבעטס־מעטאָדן פון די נאָוואטאָרן פון „זאפאָראָזשסטראָי". מיט א קורצער צײַט צוריק, איידער מע האָט אָנגעצונדן דעם דאָמנע־אויוון, האָבן מיר דורכגעפירט א פארטייִש־ווירטשאפטלעכן אקטיוו. מער פון אלץ האָב איך, נאטירלעך, גערעדט אפן אקטיוו וועגן די אקטועלע אופגאבן ערעוו דעם לאָזן אין גאנג דעם אויוון, אָבער עס איז געזאָגט געוואָרן אויך וועגן דער פערספעקטיוו:

— מיר האָבן געקענט צוזאמען מיט אײַך פאר א קורצן פעריִאָד א קערעווע טאָן די

אופמערקזאַמקייט פון די ווירטשאַפטלעכע אָנפירער און פון די קאָמוניסטן צו דער אופגאַבע פון אויספילן די מעלוכע־פּלענער. מע דאַרף אָבער קוקן ברייטער. איך וואָלט וועלן, אַז די פּראַקטיק פון „זאַפּאַראָזשסטראַי", וואָס איז די סאַמע כאַראַקטעריסטישע פון שטאַנדפּונקט פון דער פּאַרטייִשער אָנפירונג מיט דער זאַך, זאָל ווערן אַ בײַשפּיל פאַר אונדזער גאַנצער פּאַר־טיי־אָרגאַניזאַציע, פאַר אַלע אינדוסטריִעלע אונטערנעמונגען.

דאָס גאַנצע לאַנד האָט צו יענער צײַט געהאָלפן אופבויען אונדזער זאַוואָד. באַנאַנד מיטן בוי־פּלאַץ זײַנען געשטאַנען פּאַלאַטקעס מיט אופשריפטן: „גאָרקי", „ריגע", „טאַשקענט", „באַקו", „ווײַטער מיזרעך" — אין זיי האָבן געלעבט בוי־בריגאַדעס. אונדזערע באַשטעלונגען האָבן אויסגעפילט העכער צוויי הונדערט זאַוואָדן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין זיבעציק שטעט. פון גאָרקי זײַנען געגאַנגען לאַסטמאַשינעס, אַרכאַנגעלסק האָט געליפערט שפּאַלעס, יאַראָסלאַוול — עלעקטראָמאָטאָרן, באַקו און גראָזני — ביטום און אַנדערע נאַפט־פּראָדוקטן. ווערקשטעלן זײַנען צו אונדז אָנגעקומען פון מאָסקווע, רעלסן — פון קוזנעצק, געהילץ — פון ווײַסרוסלאַנד, מעטאַל־קאָנסטרוקציעס — פון די זאַוואָדן פון דניעפּראָפּעטראָווסקער געגנט, דערונטער פון מײַן לײַבלעכער דזערזשינקע. אַפילו פּראָיעקטן פון אופשטעלן די צעכן האָבן פאַר אונדז געגרייט קיִעוו, כאַרקאָוו, דניעפּראָפּעטראָווסק, ראָסטאָוו־אָפן־דאָן, לענינגראַד, מאָסקווע. כאָטש אין זאַפּאָראָזשיע האָט זיך שוין באַוויזן אַן אייגענער פיליִאַל פון „גיפּראָמעז". און דאָ ווילט זיך דערמאָנען מיט אַ גוט וואָרט איין באַשיידענע פּרוי — דעם אינזשעניער פון „זאַפּאָראָזשסטאַל" יע. ס. שערעמעט. צי קאָן אַ סאַך אופטאָן איין מענטש? אַ סאַך, אויב ער איז איבערגעגעבן דער זאַך און געדענקט זײַן פליכט. אין די פינצטערע טעג פונעם צוריקטריט, ווען די היטלעריסטן האָבן באַשאָסן די שטאָט, האָט זי צונויפגעזאַמלט, אַרויסגע־פירט, דערנאָך אָפּגעהיט און ענדלעך אומגעקערט אַפן זאַוואָד אַלע קאַלקעס און צייכענונגען. אַ סאַך טויזנטער בויגנס. און ווי שטאַרק זיי זײַנען צוניץ געקומען! עס איז אָנגעקומען אויס־שטאַטונג — סײַ די צוריקגעקערטע פון עוואַקואַציע, סײַ די אַפּסנײַ אַרויסגעלאָזטע פאַר אונדז, — די אַלטע צייכענונגען האָבן געהאָלפן די פּראָיעקטירער און מאָנטאַזשניקעס צו שפּאָרן טײַערע צײַט. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז די קאָנסטרוקטאָרן און די אַרבעטער האָבן באַוויזן אַ קונץ צו מאָדערניזירן און פאַרבעסערן אַפילו די אַלטע מאַשינעס. צום בײַשפּיל, דער סליאַבינג, וועלכן עס האָבן מאָנטירט באַ אונדז די קראַמאַטאָרצעס, איז פאַרבליבן דער זעלבער, וואָס איז געווען ביז דער מילכאָמע, אָבער די מעכטיקייט פון אָט דעם פּרעס־ווערק־שטעל, וואָס האָט געגעבן אין אַ יאָר 1.200.000 טאָן מעטאַל־גוס, איז אויסגעוואַקסן ביז 2.00.000 טאָן.

די אַלפאַרבאַנדישע סאָציאַליסטישע פאַרמעסטונג האָט אין יענעם יאָר זיך אָנגעהויבן לויט דער איניציאַטיוו פונעם קאָלעקטיוו פון „זאַפּאָראָזשסטראַי". זייער פּאָפּולער איז דעמלט געווען די באַפליגלטע פראַזע, אַז אינעם שלאַגלערישן יאָר זײַנען אַף אַ שלאַגלערישער בויונג ניט 365 טעג, נאָר 365 מעסלעס. איך געדענק, ווי אונדז האָט דערפרייט די מיטיילונג פון די לענינגראַדער: זיי האָבן ניט בלויז אַליין פריִער פונעם אָנגעמערקטן טערמין אָפּגעשיקט אונדז די זייער בײַטיקע אַפּאַראַטור, נאָר גערופן אַלע עלעקטראָטעכנישע אונטערנעמונגען פון לאַנד אויסצופילן די זאַפּאָראָזשיער באַשטעלונגען פאַרן טערמין. באַלד האָבן מיר צוגעשיקט אַן ענטפער־טעלעגראַם:

„לענינגראַד. דעם געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי כאַוו. פּאָפּקאָוו, דעם זאַוואָד „עלעקטראַ־אַפּאַראַט" כאַוו. קאַמענסקי, דעם סנאַבטשערמעט כאַוו. ספּעקטאָראָוו:

באַקומען אײַער מיטיילונג, אַז עס איז אַרויסגעשיקט פאַרן טערמין די הויכוואָלטיקע אַפּאַראַטור. די לאַגע מיטן עלעקטראָמאָנטאַזש האָט זיך שטאַרק פאַרבעסערט. דאָס גיט אַ מעגלעכקייט אויסצופילן צום טערמין די עלעקטרישע מאָנטאַזש־אַרבעטן אַף אַ ריי אָביעקטן, וועלכע ווערן געלאָזט אין גאַנג. מיר באַדאַנקען דעם זאַוואָד־קאָלעקטיוו פאַר דעם פאַרטער־מיניקן אָפּשיקן.

סעקרעטאַר פון זאַפּאָראָזשיער געגנטקאָם פון קפּ(ב)או ל. ב ר ע ז ש נ ע וו.

דירעקטאָר פונעם זאַוואָד „זאַפּאָראָזשסטאַל" אַ. ק ו ז מ י ן".

אַף דער לעצטער פאַרזאַמלונג פונעם אַקטיוו ערעוו דעם לאָזן אין גאַנג, וועגן וועלכער איך האָב שוין גערעדט, איז אופגעקומען די פראַגע וועגן „קליינע אַרבעטן". די אָנפירער פון אַ סאַך באַצירקן האָבן מיט שטאָלץ ראַפּאָרטירט, אַז עס זײַנען פאַרענדיקט די גרעסטע לויטן פאַרנעם אַרבעטן, און די פאַרבליבענע, קלוימערשט אומבאַדײַטנדיקע, האָבן זיי אַראָפּגעוואָרפן פון כעזשבן. אָבער ביזן פאַרענדיקן אָט די „אומבאַדײַטנדיקע" אַרבעטן האָט ניט געקאָנט זײַן קיין רייד וועגן לאָזן אין גאַנג די אונטערנעמונג. מע האָט געדאַרפט זיכערן אַן עמעסע

אָרדענונג אַף דער בויונג, אַן עכטע פּלאַנעווע דיסציפּלין, און אָט וואָס עס איז וועגן דעם געזאָגט געוואָרן:

„כאַוו. קוזמין. די סומע קליינע אַרבעטן איז אַמאָל וויכטיקער פון אַ גרויסן פאַרנעם. און בא אונדז האַלטן דאָך שוין די טערמינען פון אַלע אַרבעטן באַם סאָף.

כאַוו. ברעזשנעוו. גוט, וואָס איר האָט אופגעהויבן די דאָזיקע פראַגע. מע וואָלט באַדאַרפט שטרענגער זאָגן: די בויער דאַרפן נאָך געבן דעם זאַוואָד דריי וואָכן אַף אויספּרוּוון די מעכאַניזמען. דעם 10 מיי פליי איך אַרויס אַף דער פּאָליטביוראָ מיט אַ פּאָרטראָג וועגן דעם גאַנג פון דער בויונג, און אייער דערקלערונג איז מיר זייער וויכטיק...״

איך וואָלט וועלן באַטאָנען: ניט בא די בויער, ניט באַם געגנטקאָם, ניט בא מיר פּערזענלעך איז אַפילע קיין געדאַנק ניט אופגעקומען, אַז מיר קאָנען אַראָפּרייסן די אָנגעמערקטע טערמינען, בעטן אָפּצולייגן דעם טערמין פון לאָזן אין גאַנג, שטעלן די פראַגע וועגן „קאָרעקטירן״ די פּלאַן־פאַרגעבונג. דער פּלאַן איז דער הויפּט־אינסטרומענט פון רעאַליזירן די עקאָנאָמישע פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי. אים קאָן מען און מע דאַרף באַהאַנדלען אין דער סטאַדיע פון פאַנאַנדעראַרבעטונג. ווען דער פּלאַן איז שוין אָבער באַשטעטיקט און האָט באַקומען די קראַפט פון אַ געזעץ פון אונדזער מעלוכע, פאַרבלייבט איין פליכט — אויספילן אים, דערביי אויספילן בלויז צום טערמין, מיט די קלענסטע הויצאָעס און מיט די בעסטע ציי̆גערס.

פאַרשטייט זיך, אַז אַ בויונג פון אַזאַ מאַסשטאַב וואָלטן מיר ניט געקאָנט אופהייבן אָן דער אַקטיוועסטער און עפעקטיוועסטער הילף פונעם צק אַלקפּ(ב) און מיניסטאָרן־ראַט פון פססר. מע האָט בא אונדז שטרענג געמאָנט, אָבער אויך אָפּעראַטיוו געהאָלפן, אויב עס איז נייטיק געווען. גענוג צו זאָגן, אַז עס זיינען געווען טעג, ווען אַפן בוי־פּלאַץ פלעגן אין איין און דער זעלבער צייט צונויפקומען זיך פינף מיניסטאָרן, וועלכע זיינען געקומען פון מאָסקווע. דעם „זאַפּאָראָזשסטאַל״ האָבן געדאַרפט העלפן און עס האָבן געהאָלפן די מיניסטעריומס פון דער אויטאָמאָביל־ און אוויִאַציע־אינדוסטריע, די מינסטעריומס פון באַוואָפענונג, פון מאַשינבויונג פאַרן טראַנספּאָרט, פון דער קוילן־אינדוסטריע, נאַפט־אינדוסטריע.

אָפטער פון אַנדערע פלעגן קומען צו פאָרן דער מיניסטער פון בויען אונטערנעמונגען פון דער שווערער אינדוסטריע פון פססר פ. אַ. יודין און דער מיניסטער פון דער שוואַרצער מעטאַלורגיע פון פססר אי. פ. טעוואָסיאַן. מיט איוואַן פּיאָדאָראָוויטשן האָבן מיר זיך באַקאַנט אַפן פראָנט, אין די טעג, ווען עס זיינען באַפרייט געוואָרן די אינדוסטריִעלע צענטערס פון דאָרעם. ער האָט נאָך דעמלט גערעדט וועגן דעם ווידערגעבורט פון די דאָמנעס, מאַרטענען, וואַלץ־צעכן. איצט, קומענדיק צו אונדז, פלעגט איוואַן פּיאָדאָראָוויטש אומבאַדינגט זיך באַטייליקן אין די אינדערפריִיקע קאָנטראָל־באַזוכן און לייזן אַפן אָרט די אופקומענדיקע פּראָבלעמען. דאָס איז געווען אַ גרויסער אָנפירער, אַן אויטאָריטעטער, וואָס ווייסט זיין זאַך.

די טעג זיינען געלאָפן, די צייט איז געוואָרן אַלץ אָנגעשטרענגטער, די מענטשן האָבן געאַרבעט טאָג און נאַכט, און אינגאַנצן גענומען געדענקט זיך מיר די דאָזיקע צייט אַלס אַ קלאָרע און פריידיקע. ס׳איז אָנגעקומען קיין זאַפּאָראָזשיע דער ערשטער מאַרשרוט קריוואָראָגער אַרץ — דאָס איז געווען אַ טריומף. די דאָמנע האָט מען געשטעלט טריקענען — אַ פרייד. מע האָט אָנגעהויבן אויספּרוּוון די לופטגעבלעז־אַגרעגאַטן פון דער טערמאָעלעקטראָצענטראַל. עס האָבן גענומען פויזען איבער דער שיפּוּעדיקער בריק די ערשטע שמעלצונגען מיט שיכטע — ווידער זיינען דאָס געווען געשעענישן, פולע מיט אַ באַזונדערער באַדייטונג פאַר יעדן אָנטיילנעמער פון דער בויונג.

פון מאָסקווע איז געקומען אַ מעלוכע־קאָמיסיע בעראָש מיטן באַוווּסטן מעטאַלורג, וויצע־פּרעזידענט פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פססר איוואַן פּאַוולאָוויטש באַרדין, וואָס איז מיר געווען באַקאַנט נאָך פון דניעפּראָדזערזשינסק. געוויינלעך אַן איינגעהאַלטענער אין פאָרמולירונגען, האָט ער פאַרשריבן אינעם אופנעם־אַקט פון דער ערשטער ריי פונעם זאַוואָד „זאַפּאָראָזשסטאַל״: „די בויער און מאָנטאַזשניקעס האָבן דאָ אָפּגעטאָן אַזעלכע גרויסע אַרבעטן, וועלכע האָבן צו זיך קיין גלייכן נישט ניט לויטן פאַרנעם, ניט לויטן לייזן די טעכנישע אופגאַבן״.

ענדלעך, איז געקומען דער לאַנגדערוואַרטער מערקווירדיקער טאָג. צום לעצטן מאָל האָט מען דורכקאָנטראָלירט, צי אַלץ איז גרייט, און ס׳איז אָפּגעגעבן געוואָרן דער באַפעל: „אופּבלאָזן די דאָמנע״. דער גאַזאָווּשטשיק האָט אַ דריי געטאָן דעם שיבער פון הייסער בלעזונג, דער אָבערמייסטער איז געלאָפן מיט אַן אָנגעצונדענעם פאַקעל צו דער טשוהון־עפענונג, דער אויוון האָט גענומען הודען, און אין דעם זעלבן מאָמענט האָט אַפן הויפּט־קאָרפּוס פון דער טערמאָעלעקטראָצענטראַל מיט דער גאַנצער קראַפט זיך צערעוועט דער הודאָק, וואָס האָט

אָנגעזאָגט דאָס צווייטע געבורט פון „זאַפּאָראָזשסטאַל“. דערהערט אים, זײַנען אין שטאָט אַלע ארויסגעלאָפן אפן גאַס, אומבאַקאַנטע מענטשן האָבן זיך געהאַלדזט, געוויינט פון פרייד. און מיט אַ טאָג שפּעטער, דעם 30 יוני 1947, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דער אַזוי טײַערער פאַר אונדז אַלעמען זאַפּאָראָזשיער טשוהון.

איך געדענק דעם דאָזיקן טאָג מיט אַלע פּראַטים. דער אויוון האָט רעגלמעסיק געהודעט, ריידן איז אויסגעקומען מיט אַן אָנשטרענגונג, אָבער דאָס איז געווען אַ הודעניש, וואָס איז געוויינלעך פאַר יעדן מעטאַלורג, און מיך האָט זי אויך געפרייט, ווײַל טיף אין האַרצן האָב איך זיך געפילט אַלס אַ מעטאַלורג. דער זויערשטאָף־מעסער האָט דורכגעבערנט די עפענונג, און עס האָט זיך באַוויזן אַ דין שטרעמל ביז ווײַס צעשמאָלצענער מעטאַל. צעשיטנדיק אַף זײַן וועג שטערנס, האָט דאָס שטרעמל אָנגענומען זיך מיט קראַפט און איז געוואָרן אַ פליסיקער טשוהון־טײַך. ציטערנדיקע כוואַליעכלעך זײַנען געלאָפן איבער אָט דעם טײַך, און מיר אַלע זײַנען זיי נאָכגעגאַנגען, געקוקט, ווי דער קאָווש פילט זיך אָן צום ערשטן מאָל. איך געדענק, ווי איך מיט באַרדינען האָבן לאַנג געדריקט איינער דעם אַנדערן די הענט און איבערגעקושט אַלע מײַסטערס פונעם שמעלץ־אויוון.

דאָ אפן אָרט, אינעם הויף פון זאַוואָד, איז פאָרגעקומען אַ מיטינג, אַף וועלכן עס האָבן זיך פאַרזאַמלט מער פון זעכצן טויזנט מענטשן. איך האָב באַגריסט די בויער, מאָנטאַזשניקעס, מעטאַלורגן מיטן גרויסן פּראָדוצירישן זיג און זיי גערופן ניט צו פאַרקלענערן די טעמפּן — פאַרענדיקן דעם יאָר־פּלאַן און לאָזן אין גאַנג די וואַלץ־צעכן צום גרויסן יובילײַ פון לאַנד — צום דרײַסיקסטן יאָרטאָג פונעם גרויסן אָקטיאַבער.

יאָ, דאָס איז געווען מיט העכער דרײַסיק יאָר צוריק... אין סאָף יולי האָבן מיר אפן סליאַבינג דורכגעוואַלצעוועט די ערשטע גוס־שטיקער. דעם 30 אויגוסט האָט די רעגירונגס־קאָמיסיע אָנגענומען דעם צעך פון הייסער וואַלצונג, און דעם 28 סענטיאַבער איז בײַ אונדז פאָרגעקומען דער הויפּט־מיטינג פון „לאָזן אין גאַנג“ — אין צעך פון קאַלטער באַאַרבעטונג פון די בויגנס. דירעקט אַנטקעגן דער טריבונע איז געשטאַנען אַ לאָקאָמאָטיוו, באַפּוצט מיט בלומען, הינטער אים — פּלאַטפאָרמעס מיט פאַרטיקער פּראָדוקציע, וועלכע מיר האָבן געשיקט דעם מאָסקווער אויטאָזאַוואָד. אַף איינער פון די פּלאַטפאָרמעס איז געווען צוגעפּעטיקט אַ פּלאַקאַט: „נעם, הײמלאַנד, דעם זאַפּאָראָזשיער שטאָל־בויגן!“

די זאַפּאָראָזשיער האָבן געהאַלטן וואָרט, און דאָס לאַנד האָט אָפּגעשאַצט זייער העלדנטאַט לויט די פאַרדינסטן. צוואַנציק טויזנט אָנטיילנעמער פון דער בויונג האָבן באַקומען דעם מעדאַל „פאַר אויפשטעלן די אונטערנעמונגען פון דער שוואַרצער מעטאַלורגיע“. עס זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן די אוקאַזן פון פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר וועגן באַלוינען די פאַרגעשריטענע קאָלעקטיוון. דער טרעסט „זאַפּאָראָזשסטראָי“ און דער זאַוואָד „זאַפּאָראָזשסטאַל“ זײַנען באַערט געוואָרן מיט דער העכסטער באַלוינונג פונעם הײמלאַנד — מיטן לענין־אָרדען. דעם לענין־אָרדען האָבן באַקומען אַ סאַך אַרבעטער, אינזשעניערן, קאָמאַנדירן פון דער פּראָדוקציע, פּאַרטיי־טוער. צווישן זיי זײַנען געווען אויך יענע, וועלכע זײַנען דערמאָנט געוואָרן אין אָט די נאָטיצן, — אי. אַ. רומיאַנצעוו, מ. נ. טשודאַן, אַ. וו. שעגאַל, מ. אי. נעדזושקאָ, וו. ע. דימשיץ, אַ. נ. קוזמין. אין דער רעשימע איז געווען אויך מײַן פאַמיליע. דאָס איז געווען זייער אַ טײַערע באַלוינונג — מײַן ערשטער לענין־אָרדען.

אין נאָיאַבער 1947 האָט אין זאַפּאָראָזשיע אָנגעהויבן אַרבעטן דער קאָקס־כימישער זאַוואָד, וואָס איז אויפגעהויבן געוואָרן פון די רויִנען, — די דאָמנע־אַרבעטער האָבן איצט געהאַט אַ זיכערן הינטערלאַנד. אָבער אַף דער דאָזיקער פּײַערונג איז מיר שוין ניט אויסגעקומען בײַזײַן: לויטן באַשלוס פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער אַלקפּ(ב) האָט מען מיך געשיקט אין דניעפּראָפּעטראָווסקער געגנט.

פון זאַפּאָראָזשיע בין איך אַוועקגעפאָרן מיטן באַוווּסטזײַן פון אַן אויסגעפילטן כויוו. אָט וואָס פאַר אַן אויסטויש מיט רעפּליקעס עס איז פאָרגעקומען אפן XIX פּלענום פון זאַפּאָראָזשיער געגנטקאָם פון קפּ(ב)או — דעם לעצטן, אין וועלכן איך האָב דאָ גענומען אָן אָנטייל. צווערשט האָט מען גערעדט פאַרשיידענע גוטע ווערטער וועגן מײַן אַרבעט, וועלכע איך וועל דאָ ניט ברענגען, דערנאָך האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט דער סעקרעטאַר פון געגנטקאָם פּיאָטער סאָוועליעוויטש רעזניק, וועלכער האָט פאַרוואַלטעט מיט די פראַגן פון דער לאַנדווירטשאַפט. די אויגן זײַנען בײַ אים געווען כיטרע צוגעפּזשמורעטע. איך וועל ברענגען אַלץ אַזוי, ווי עס איז פאַרשריבן געווען אין דער סטענאָגראַם.

„כאַוו. ר ע ז נ י ק. נו, מיילע, וועלן מיר איצט פאַרמעסטן זיך מיטן כאַוו. ברעזשנעוו. און אונדזער געגנט געפינט זיך, דערעכאָגעוו, אין אַן אויפשטײַג, אַ פונדאַמענט איז פאַרלייגט געוואָרן ניט קיין שלעכטער. ערשטנס, האָבן מיר היאָר אָנשטאָט 500 טויזנט העקטאַר פאַר־

זייט 600 טויזנט. די ווינטער־קולטורן געפינען זיך אין בעסטן צושטאנד. וויטער האָבן מיר אופגעהויבן פריר־אקער, דעם מעלוכע־פלאַן האָבן מיר אָפּגעליפערט, איצט ליפערן מיר א צוגאָבלעכן פלאַן. דעם כאוו. ברעזשנעוו וועט אויסקומען שאַפן אין דניעפּראָפּעטראָווסק פונקט אזא אָנשטרענגונג, ווי ער האָט געשאַפן אין זאפּאראָזשיע, און איך קאָן פאַרזיכערן, אז אים וועט אויסקומען שווערלעך. (א געלעכטער אין זאל.)

כאוו. ב ר ע ז ש נ ע ו ו. מע דאַרף נעמען אין אכט, אז אין דניעפּראָפּעטראָווסקער געגנט זײַנען שטאַרקע באָלשעוויקעס.

כאוו. ר ע ז נ י ק. נעמט אָבער אין אכט, אז די פאַרלאָזטקײַט איז איצט אויך א שטאַרקע! (געלעכטער.)

כאוו. ב ר ע ז ש נ ע ו ו. א דאנק, כאווירים! וואָס איז שײַעך דער פאַרמעסטונג, וועט זי טראָגן א געזונטן, באָלשעוויסטישן כאראקטער...״

7

אלזאָ, א נײַ ארבעטס־אָרט...

פאַרשטייט זיך, אז אין מעשעך פון די אלע יאָרן האָב איך ניט פאַרלוירן די פאַרבינדונג מיטן קאנט, ווו איך בין געבוירן געוואָרן און אויסגעוואקסן. ארבעטנדיק אין זאפּאראָזשיע, האָב איך בא יעדער געלעגנהײַט באזוכט די מוטער, די קרויווים, געווען אָף מײַן זאוואָד, גערעדט וועגן איניאַנים אינעם שכייניש געגנטלעכן צענטער, ווו איך פלעג, נאַטירלעך, ארײַנגיין אין געגנטקאָם, זיך געטראָפן מיט די פריִערדיקע כאווירים לויט דער ארבעט. און אָט בין איך איצט ווידער אין דער היים און שוין אָף לאַנג. איך בין אויסגעוויילט געוואָרן אלס ערשטער סעקרעטאר פון געגנטלעכן קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. און מיט די פריִערדיקע מײַנע כאווירים דערמאָנען מיר שוין ניט בלויז די פאַרגאנגענע צײַט, מיר ריידן וועגן דעם, וואָס מיר וועלן טאָן מאָרגן.

דניעפּראָפּעטראָווסקשטשינע איז בין דער מילכאָמע געווען בארימט מיט איר מעטאלורגיע, מיט די צענדליקער שאכטעס פון אײַזנארץ און מארגאנעץ, מיט די רײַכע גערעטעניש פון ווייץ און קוקורוזע, מיט דער הויכער פּראָדוקטיווקײַט פון דער פּיצוכט. דאָס איז געווען איינע פון די גרעסטע אָף אוקראַיִנע לאַנדווירטשאַפטלעכע און אינדוסטריִעלע געגנטן, און כאָטש איך האָב זי ניט שלעכט דערלערנט אין די ביזמילכאָמע־יאָרן, האָב איך איצט באַדאַרפט אפּסנײַ, דערצו שנעל ארײַנגיין אין קורס פון די איניאַנים, פאַנאַנדערקלײַבן זיך אין די שווערי־קײַטן, באגרײַפן די נאָענטסטע אופגאָבן, אָנמערקן די פּערספּעקטיוון.

דער כורבן איז אויך דאָ געווען א שרעקלעכער. אין דניעפּראָפּעטראָווסק האָבן די היטלעריסטן אופגעריסן און פאַרברענט הונדערט זיבעציק זאוואָדן, זעקס הונדערט זיבן און פופציק גרויסע ווױן־הײַזער, אכט און צוואַנציק שפּיטאָלן. זיי האָבן ארָאָפּגענומען און ארויסגעפירט קיין דײַטשלאַנד אכט און זעכציק קילאָמעטער טראַמוויי־ליניעס און העכער הונדערט קילאָמעטער מעשענע קאָנטאקט־דראָטן. כאָרעוו געמאכט דעם אָפּערע־ און באַלעט־טעאטער, דעם קינסטלערישן מוזיי, דעם אוניווערסיטעט, קימאַט אלע שולן און אלע אינסטיטוטן, די וואָקזאַלן און אײַזנבאַן־בריקן. דעם פרעכטיקן פּאַלאַץ פון די מעטאלורגן האָבן די פּאַשיסטן פאַרוואַנדלט אין א פערדשטאַל: די ליכטיקע זאַלן האָבן זיי איבערגעצאמט און געמאכט פון זיי סטאַילעס, דעם מאָלערישן פּאַרקעט פאַרוואַלגערט מיט פערדישער צויג.

די פּאַשיסטן האָבן געפּרוּווט אָרגאַניזירן אין דעם קאַנט די פּראָדוקציע פון מעטאַל. עס זײַנען געקומען צו פליִען פאַרשטייער פון די פירמעס „שטאַלווערקע בראַונשווייג״, „פּאָש״, „פערײַניגטע אליומיניומווערקע״, „יונקערס״. זיי האָבן געוואָלט אופשטעלן דעם זאפּאראָזשיער אליומיני־זאוואָד, „דניעפּראָספּעצסטאַל״, „זאפּאראָזשסטאַל״, נאָך די דיווערסיעס פון די אונטערערדלער און דער ווידערשטאַנד פון אונדזערע ארבעטער האָבן געמאכט צונישט פון אלע זייערע פּלענער. עמעס, אין דניעפּראָפּעטראָווסק האָבן די אָקופּאַנטן יאָ אָרגאַניזירט איין פּראָדוקציע: נאָך די פּילצאָליקע און אומגעלונגענע פּרוּוון צו לאָזן אין גאַנג די מאַרטענעס און דאָמנעס האָבן זיי אין מעטאלורגישן זאוואָד אָף פּעטראָווסקיס נאָמען געעפנט א... מאַרמעלאַד־פאַבריק...

איך געדענק ווי איצט דעם פריידיקן טאָג, ווען עס זײַנען באפרײַט געוואָרן די היימישע פאַר מיר ערטער — דניעפּראָפּעטראָווסק און דניעפּראָדזערזשינסק. אונדזער שטאַב האָט זיך

געפונען אפן טאמאנער האלב־אינדזל. מיר זײַנען דאָ דיסלאָצירט געווען אױף דער טעריטאָריע פֿון א געוועזענעם פיציכטלערישן סאָווירט. די ווירטשאַפטלעכע ביניאָנים פֿונעם סאָווירט זײַנען פאר אונדז געוואָרן אייגנארטיקע פאלאַקעס. באנאכט דעם 25 אָקטיאַבער 1943 איז געקומען צו לויפן צו מיר דער גענעראל זארעלוא, אופגעוועקט:

— סאַרא פרייד — מע האָט באפרײַט דניעפּראָפּעטראָווסק! אונדזער מיליטער האָט מיט שטורעם איינגענומען סײַ דניעפּראָפּעטראָווסק, סײַ דניעפּראָדזערזשינסק! מאָסקווע סאַליוטירט! צו יענער צײַט האָבן מיר זיך שוין צוגעוווינט צו די זיג־סאַליוטן, אָבער דער דאָזיקער סאַליוט איז געווען פאר מיר א באזונדערער.

זײַענדיק נאָך אפן פראָנט, האָב איך זיך שטענדיק אינטערעסירט, ווי האלט עס אױף דניעפּראָפּעטראָווסקשטשינע נאָך דעם, ווי עס זײַנען פאַרטריבן געוואָרן די אָקופּאַנטן. שוין אפן דריטן טאָג, דעם 28 אָקטיאַבער 1943, האָבן די אַרבעטער־פּעטראָווצעס געלאָזט אין גאנג איינע פון די טורבינעס פון דער טערמאָעלעקטראָצענטראל און געגעבן דער שטאָט עלעקטרישע ענערגיע, און זומער 1944 האָבן זיי געלאָזט אין גאנג דעם ערשטן מארטען־איוון. אין מײַן לײַבלעכער דזערזשינקע האָט מיך גערירט ביז טרערן א באשיידענער דענקמאָל אינעם סקווער בא דעם דורכגאנג אפן זאוואָד. אפן פּאָסטאמענט איז געלעגן א גוס־שטיק שטאָל. מער גאָרנישט. דער אופשריפט האָט מיטגעטיילט:

„דער ערשטער גוס־שטיק שטאָל, וואָס איז אָפּגעגאָסן געוואָרן אפן מארטען־איוון נומ. 5 דעם 21 נאָיאַבער 1943, אפן 26־טן טאָג נאָכן פארטרײַבן די דײַטשישע אָקופּאַנטן פון דער שטאָט דניעפּראָדזערזשינסק. שמעלצונג נומ. 5—1. שטאָלקאָכער פּ. אי. מאקלעס און ג. א. פּאַנקראַטענקאָ".

מע האָט מיר דערציילט, אז פראנץ יאָסיפּאָוויטש מאקלעס און גאָרדיי אנטיפּאָוויטש פּאַנקראַטענקאָ האָבן ניט בלויז אויסגעשמאָלצן דעם דאָזיקן ערשטן שטאָל, זיי האָבן אליין פּאַנאנדערגענומען די וועגטלעך און דעם געוועלב פֿונעם כאַרעוון איוון, ארויסגעדלובעט דעם צוניפגעבאקטן „קאָזיאָל" (פארגליווערטן מעטאל), אליין אופגעשטעלט דעם מארטען. ביידע זײַנען זיי שוין געווען זקיינים, ביידע אָנטיילגענומען אויך אינעם בירגערקריג, ביידע געווען ארטילעריסטן אױף א פּאַנצערצוג, וואָס איז אויסגעניטעוועט געוואָרן אױף אונדזער זאוואָד אינעם ווינטן 1919. און ביידע האָבן מיט זיך פארקערפּערט די אַרבעטסלײַט, וועגן וועלכע וולאַדימיר איליטש לענין האָט געזאָגט אינעם זעלבן 1919:

„די ערשטע פּראָדוציר־קראַפט פון דער גאנצער מענטשהײַט איז דער ארבעטער, דער הארעפּאשניק. אויב ער וועט בלײַבן לעבן, וועלן מיר אלץ ראטעווען און אופשטעלן".

נאָך דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע איז דער דאָזיקער געדאנק באשטעטיקט געוואָרן אויסערגעוויינלעך בוילעט. און אין צוזאמענהאנג דערמיט וואָלט איך וועלן ארויסזאָגן איינעם א געדאנק. אין דער וועלט גייט א קעגנזײַטלעכער קאמף פון צוויי סאָציאַלע סיסטעמען. ער האָט זיך אָנגעהויבן, ווען לענין האָט נאָך געלעבט, ער דויערט הײַנט, און עס זײַנען אומפארמײַדלעך די פארגלײַכן — ווער וויפל האָט אויסגעשמאָלצן שטאָל, ארויסבאקומען נאפט, פּראָדוצירט עלעקטרישע ענערגיע, ברויט, בוימוואָל. צו די דאָזיקע כעזשבוינעס קומען מיר אָן, עס פירן זיי אויך אונדזערע אידעאָלאָגישע קעגנער. זײַענדיק געצוווּנגען צו אנערקענען, אז אין א סאך הינזיכטן האָט דער סאָוועטנפארבאנד דערגרייכט, לעמאָשל, די פּשאָ און אין א ריי וויכטיקסטע עקאָנאָמישע צײַגערס אפילע ווײַט אריבערגעיאָגט, שטעלן זיי אָבער די גאנצע צײַט ארויס יענע צײַגערס פון דער עקאָנאָמיק, אין וועלכע די גרעסטע קאפּיטאליסטישע מעלוכע האָט נאָך דערווײַל ניט אָפּגעטראָטן דאָס ערשטע אָרט.

דערבײַ פארשווײַגן זיי זארגזאם, פּרוּוון זיך אויסבאהאלטן פון זייערע לייענער און צוהערער יענע היסטאָרישע באדינגונגען, אין וועלכע מיר זײַנען געווען און אין וועלכע זיי. אין אָט דעם, לויט זייערע ווערטער, „אָרנטלעכן" פארמעסט האָט אגעוו איין צאד, וואָס איז אָפּגעצאמט דורכן אָקעאן פון דעם סוינעס אינוואזיעס, אָנגעלעבט פארמעגנס פון יעדער מילכאָמע, און דער צווייטער צאד איז אויסגעשטאנען קעסיידערדיקע פּראָוואָקאציעס, געטראָגן אױף זיך די שווערסטע לאסט פון די מילכאָמעס און כורבנות, איז אין פיל געביטן געווען געצוווּנגען אָנצוהייבן שיר ניט אלץ פון אָנהייב. אזוי איז געווען סײַ אין זאפּאָראָזשיער געגנט, סײַ אין דניעפּראָפּעטראָווסקער — דאָס האָב איך געזען מיט די אייגענע אויגן. אזוי איז געווען אינעם גאנצן לאנד: די צווייטע וועלט־מילכאָמע האָט פארניכטעט א דריטל פון אונדזערע נאציאָנאלע רײַכטימער.

ניט ווילנדיק טראַכטן וועגן דעם, וואָס וואָלטן מיר אופגעטאָן, אױף ווי ווײַט וואָלטן מיר אוועק פאָרויס סײַ אין דער סאָציאָלער, סײַ אין דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג, ווען מע וואָלט אונדז ניט געשטערט, ניט געשטעלט קיין שטעקנס אין די רעדער, ניט אָפּגעריסן פון דער

פרידלעכער ארבעט, ניט געצוווּנגען מיטן באַוואָפענונגס־געיעג צו פּאַטערן גרויסע קויכעס און מיטלען אַף דער לאַנדשוץ. און וואָס פאַר א קראַפט פאַרמאָגט די סאָוועטישע אָרדענונג, אונדזער פאָלק, אויב, ניט געקוקט אַף אַלע שטערונגען און מעכיצעס, האָבן מיר זיך דער־שלאָגן צום העכסטן ניווא פון דער עקאָנאָמיק, וויסנשאַפט, קולטור, מיט וועלכע מיר זײַנען געקומען צום זעכציקיאָריקן אָקטיאַבער־יובילײ!

...סאַכאַקל א יאָר מיט דרײַ כאַדאָשים איז מיר אויסגעקומען צו אַרבעטן אין זאַפּאָראָזשיע, נאָר קיין דניעפּראָפּעטראָווסק בין איך שוין אַריבער מיט א באַשטימטער דערפאַרונג. דאָ האָב איך אויך אָנגעהויבן פון רײַזעס איבער די זאַוואָדן און קאַלווירטן, אָפּט געווען אַף די בויונ־גען, אַראָפּגעלאָזט זיך אין די שאַכטעס, זיך באַמיט צו זײַן וואָס מער פאַרבונדן מיט מענטשן. דער כאַראַקטער פון דער פּאַרטיי־אַרבעט איז א סאַך מענטשן באַקאַנט, דעריבער וועל איך זאָגן וועגן עפּעס אַנדערס, וועגן דעם עצעם סטיל פון אָט דער אַרבעט. צו יענער צײַט האָבן די אַרבעטס־דערפאַרונג, די מילכאָמע, דער פאַרקער מיט מענטשן, דאָס לייענען און די באַ־טראַכטונגען שוין געוויס באַשטימט מײַן אַרבעטס־ און לעבנס־סטיל. אין פּרינציפּ דאַרף בא אַלע אונדזערע אָנפירער זײַן איין סטיל — א לענינישער, א פּאַרטייִשער, אין אַלגעמיין איז דאָס טאַקע אַזוי. דערבײַ אָבער קאָן יעדערער האָבן זײַנע אייגנאַרטיקייטן. בא דער גאַנצער געמיינזאַמקייט פון די אויפגאַבן, פונעם פליכטן־קרײַז, בא דער גאַנצער מאָס פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פון די ערשטע סעקרעטאַרן פון די געגנטקאָמען ווײַזן זיך אומבאַדינגט אַרויס די כאַראַקטער־שטריכן פונעם מענטשן אַף אָט דער אַרבעט.

אין דניעפּראָפּעטראָווסק איז מיר אויסגעקומען צו פאַרבײַטן א מענטשן, וועמען איך האָב געקענט נאָך ביז דער מילכאָמע: פּ. א. נײַדיאַנאָוו איז דעמלט געווען פאַרזיצער פון געגנט־אויספּירקאָם. א פּראַנטאָוויק, אַן אַקטיוועה, ענערגישער אָנפירער, א טיף ערלעכער מענטש און מײַנער א גוטער כאַווער — איך געדענק וועגן אים א סאַך גוטס. אין זײַן אַרבעט זײַנען אָבער געווען אויך כעסרוינעס, די איניאַנים אין דער געגנט זײַנען געווען ניט קיין פויגלדיקע, און געענדיקט האָט זיך אַלץ דערמיט, וואָס דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער אַלקפּ(ב) האָט געשטעלט די פראַגע וועגן בײַטן די אָנפירונג.

מײַן לעבנס־דערפאַרונג איז צוניץ געקומען אויך דאָ, אין דניעפּראָפּעטראָווסק. איך גע־דענק די ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט די דירעקטאָרן פון די גרעסטע זאַוואָדן. עס איז געגאַנ־גען דער שניט, איך האָב געפרעגט בא פּ. יע. גאַנזינען, דעם פאַרוואַלטער מיטן לאַנדווירט־שאַפטלעכן אָפּטייל פון געגנטקאָם: ווי האַלט בא אונדז מיטן טראַנספּאָרט? דער ענטפער איז געווען אַזאַ, ווי איך האָב זיך גערעכט: שלעכט. און די שטאָטישע מאַשינעס? האָט ער געענט־פערט, אַז אַן אָנווײַזונג די זאַוואָדן — וויפל וועט עס דאַרף צושיקן לאַסטמאַשינעס — איז גע־געבן, נאָר די דירעקטאָרן ציִען, לײַגן, און אויב אפילע זיי גיבן, איז די סאַמע ערגסטע.

אין אָט דעם איניען איז געווען א פּעלערהאַפטע סיסטעם: פון אויבן — ציפערן, געגעבענע פון באַלקן, פון אונטן — דריידלעך פון מענטשן, וועלכע דאַרפן אויך אויספּילן זייער זאַוואָד־פּלאַן. דערבײַ האָבן יענע, וועלכע פאָדערן, און יענע, וועלכע ענטפערן, אויסגעצייכנט געוווּסט, אַז אויב עס זײַנען פאַרשריבן, לאָמיר זאָגן, פערציק מאַשינעס, ריכט מען זיך ניט מער ווי אַף צוואַנציק, — דאָס האָט זיך איבערגעכאַזערט אַלע יאָר. איך האָב זיך געזעצט צום טעלעפאָן און געבעטן, מע זאָל מיך פאַרבינדן מיטן דירעקטאָר פון ניקאָפּאָלער רערן־זאַוואָד נ. א. טי־כאָנאָוו. זיך באַגריסט, זיך פאַרגעשטעלט, דערנאָך געזאָגט:

— איך וועל אומבאַדינגט, ניקאָלײַ אַלעקסאַנדראָוויטש, קומען צו פאָרן צו אײַך, נאָר שפּעטער. איצט אָבער העלפט, זײַט אַזוי גוט, — עס איז רײַף געוואָרן אַן אויסגעצייכנטע טוווע־גערעטעניש. איך ווייס, אַז איר זײַט א גוטער דירעקטאָר, איך ווייס, אַז בא אײַך איז א גוטער זאַוואָד. אויב איר וועט קאָנען העלפן דעם שניט, וועלן מיר אײַך זײַן זייער דאַנקבאַר. אָבער איך בעט די בעסטע שאָפערס, גוטע מאַשינעס.

— פּופּצן וועל איך קאָנען אויסטיילן, — האָט ער, א טראַכט טוענדיק, געזאָגט.

— גיט א טראַכט, האַלט זיך אַן אײַצע מיט מענטשן. עס איז א שאָד, אויב מיר וועלן פאַרלירן ברויט...

אומגעפּער דאָס זעלבע האָב איך גערעדט מיט די אַנדערע דירעקטאָרן. די צאָל לאַסטמאַ־שינעס, וואָס איז באַשטימט געוואָרן לויט דער ראַזוויאָרסטקע, האָבן זיי צום שניט ניט צו־געשטעלט, נאָר באַקומען האָבן מיר בעעמעס גוטע מאַשינעס און שיר ניט אין צווי מאָל מער איידער אין די פריִערדיקע יאָרן. און דאָס האָט מען געקאָנט זיך דערשלאָגן סאַכאַקל בלויז אַדאַנק א רויִקן מענטשלעכן געשפּרעך.

צו יענער צײַט האָב איך שוין גרינטלעך פאַרשטאַנען, אַז אַפילע פּאַנאַנדערגייענדיק זיך מיט עמעצן אין א פּרינציפּיעלער פראַגע, דאַרף מען זיך סטאַרען מענטשלעך ניט באַאוולען

דעם טוער, ניט פאַרטרײַבן אין א ווינקל און ניט דערנידעריקן. מע קאָן זאָגן: „איר האַקט א טשײַניק!" — און מע קאָן, אויב דער מענטש רעדט מיט הארץ, זאָגן: „א דאַנק פאַר דער אײַצע, מיר וועלן א טראַכט טאָן. און וואָס, אויב מע זאָל א פּרוּוו טאָן אַזוי?.." איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מע דאַרף אײַנהאַלטן די עמאָציעס, אַז אַף דעם פּאָסטן, אַף וועלכן די פּאַרטיי האָט מיך אַרויסגערוקט, האָב איך ניט קיין רעכט אַף אַן אומבאַטראַכט וואָרט. ווען איך פלעג צונויפרופן די מענטשן אַף א באַראַטונג, האָב איך בעצמעס זיך געײַצעט מיט זיי, געגעבן יעדערן אַרויסצוזאָגן א מיינונג און זיך ניט געאײַלט מיט מײַנער. עס זײַנען דאָך אָבער פאַראַן אויך אַזעלכע כאַווײרים — זיי כאַפּן אויף דעם שטאַנדפּונקט פון דער „נאַטשאַלסטווע", און פּאַרטיק, קיין אַנדער מיינונג ווערסטו שוין ניט הערן.

אַן אָנפירער איז שטענדיק פאַר אַלעמען אין די אויגן און טאָר ניט דעריבער אַרויסווײַזן קיין פאַרלוירנקײַט, שוואַכקײַט. וואָס עס זאָל ניט זײַן אַף דער נעשאָמע, מוז ער זײַן צוזאַמענגעהאַלטן, מונטער און האַלטן די נערוון אין א צוים, קעדיי אויך די מענטשן זאָלן באַקומען פון אים אַן אָנלאָד פון זיכערקײַט. צומאָל דערשאַצן מיר ניט די ראָליע פון הומאָר, אָבער זייער אָפט קאָן מען דאָך אויך מיט א וויץ העלפן דער זאַך.

אַלס וויכטיקן הייבער אינעם אופשטײַג פון דער לאַנדווירטשאַפט, אינעם קאַמף פאַר ברויט האָבן מיר דעמלט געהאַלטן די שעף־הילף פון די זאַוואָדן פאַר די קאָלווירטן. באַזונדערס וויכטיק זײַנען געווען געדעקטע טויקן, און מע וואָלט, נאַטירלעך, געקאָנט ווידער אָנהייבן פון א ראַזוויאַרסטקע, באַפעלן, שטראָפן, נאָר איך בין זיך באַגאַנגען אַנדערש. אײנמאָל זײַנען זיך צונויפגעקומען אין געגנטקאָם די דירעקטאָרן פּ. נ. באַלאַקין, נ. ר. פּאַפּאָוו, אי. אי. קאַראַבאָוו, פּ. וו. סאַווקין און אַנד. דער געשפּרעך איז געגאַנגען וועגן די זאַוואָדישע איניאַנים, און מיטאַמאָל האָב איך א זאָג געטאָן:

— אָט האָט מען מיר איבערגעגעבן, אַז פּיאָטער וואַסיליעוויטש האָט אויסגעדריקט זײַן ווילן צו אויסשטאַטן צוואַנציק געדעקטע טויקן.

סאַווקין, דער דירעקטאָר פונעם זאַוואָד אַף לענינס נאָמען, שפּעטער א העלד פון סאָציאַליסטישער מי, האָט זיך שיר ניט דערוואָרגן:

— ניין, לעאָניד איליטש, קיין צוואַנציק וועל איך ניט אַרויסציִען. נײַן — עפּשער יאָ.

— נו, מיילע, אָפּגערעדט! און וואָס וועט זאָגן איליאַ איוואַנאָוויטש?

דערנאָך האָבן מיר אַלע געלאַכט, אָבער דער אײניקער האָט זיך א רוק געטאָן פון אָרט. אָדער א צווייטער פאַל. זומער, אין די גרויסע היצן, האָב איך אײַנגעלאַדן צו זיך דעם פאָרזיצער פון געגנטפּלאַן און דעם פאַרוואַלטער מיטן אָפּטייל פון דער אַרטיקער אינדוסטריע פון געגנטקאָם. מיר האָבן געשמועסט וועגן די אָרדנטלעכע איניאַנים, און ווי דערעכאַגעוו האָב איך א פרעג געטאָן:

— עס וואָלט ניט געשאַדט אויסטרינקען א גלעזל ברויט־קוואַס, האַ?

— אוואַדע גוט, — האָבן ביידע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— אין דער געגנט אַרבעט מען אים אויס?

— ניין... דערווײַל.

האָב איך אָנגעקוועטשט די קנאָפּקע, און, ווי עס איז געווען אָפּגערעדט, האָט מען אין קאַבינעט אַרײַנגעטראָגן א קריגל קוואַס, וואָס איינע פון די מיטאַרבעטערנס האָט געבראַכט פון דער היים.

— זײַט זיך מעכאַבעד...

מיטן געגנטפּלאַן האָט פאַרוואַלטעט ג. מ. דריוטשענקאָ, מײַנער אַן אַלטער באַקאַנטער, מיט וועמען מיר האָבן געדינט נאָך אין טראַנסבײַקאַל אין איין טאַנקען־ראָטע. ער האָט גלײַך פאַרשטאַנען, וואָס איך בין דאָ אויסן.

— נו, גריגאָרי, — פרעג איך, — א גוטער קוואַס?

— מירן זיך פאַרנעמען, — ענטפערט ער. — הײַנט נאָך וועלן מיר צונויפרופן די מענטשן.

— ווי זשע שעמט איר זיך ניט? — זאָג איך. — אויב דאָ בא אונדז איז הייס, ווי זשע איז איצט בא די מאַרטענען, בא די דאָמנע־אויוונס? מיט וואָס זאָל דער אַרבעטער שטילן דעם דאָרשט? ווער זשע, אויב ניט דער געגנטפּלאַן, די אָרטיקע אינדוסטריע האָבן געדאַרפט וועגן דעם א טראַכט טאָן? ווען וועט איר דאָס טאָן? טערמינען!

עס איז דערגאַנגען: אין דעם זעלבן זומער האָט אין שטאָט זיך באַוויזן קוואַס.

מענטשן זײַנען פאַראַן פאַרשיידענע, און ריידן מיט זיי דאַרף מען אויך פאַרשיידן. אָבער אַן אַנדערשמאָל איז אויך שווײַגן שיין גערעדט. אַפן פּעטראָווסקי־זאַוואָד איז געווען א שאַרפע לאַגע מיטן לאָזן אין גאַנג דעם צעך פון רעלסן־באַלקעס. די טערמינען האָבן שוין געהאַלטן באַם ענדיקן זיך, און דאָרט — אַרבעטן, ניט דערפירטע ביזן סאָף, שטרײַטן צווישן די

פּראָיעקטירער, בויער, סובליפעראַנטן — ס׳איז אויסגעקומען צונויפגערופן זיי אין געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי. די אינערלעכע רײַסערײַען זײַנען פאַרגעזעצט געוואָרן אויך דאָ — דעריקער זײַנען אלע אָנגעפאלן אפן זאַוואָד, וועלכער פאַרהאַלט, זעט איר, מיטן אָנעמען די אַרבעט. דעמלט האָט זיך אופגעהויבן דער שעף פונעם צעך פון רעלסן־באַלקעס און גענומען פאַרבייגן די פינגער: דאָרט זײַנען די באַלטן ניט פאַרשרויפט, דאָרט א דעטאַל ניט אפן אָרט, דאָרט די עלעקטריק ניט אָפּרעגולירט — ער קאָן ניט אונטערשרײַבן דעם אַקט, אף דעם דאָזיקן געשטעל דאַרף ער דאָך אַרבעטן.

אלע האָבן זיך אַרויסגעזאָגט. און, ווי עס פירט זיך, האָט מען געוואַרט אף דער רעזיומע פונעם ערשטן סעקרעטאַר, עפּשער אויך אף א גאָב, נאָר איך האָב בלויז געפרעגט:

— כאַווײרים, אַלעמען איז קלאָר, וואָס מע דאַרף טאָן?

— קלאָר, — ענטפערט מען.

— איז גייט און טוט.

אָט איז דאָס גאַנצע שלוסוואָרט. איך האָב דערזען, אַז די מענטשן, ווען זיי האָבן זיך נאָך געגרייט צו דער באַראַטונג, האָבן זיי זיך פאַנאַנדערגעקליבן אין זייערע אומקאָאָרדינירטקײַטן, דערפילט זייער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט. עס איז וויכטיק געווען צו געבן זיי צו פילן, אַז דער געגנטלעכער קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי שפּירט נאָך דעם דאָזיקן וויכטיקן אָביעקט און גלייבט, אַז זיי וועלן מיט דער אופגאַבע זיך ספּראַווען. און אַזוי איז דאָס געווען.

8

זייער גרויס אופמערקזאַמקײַט האָט דער דניעפּראָפּעטראָווסקער געגנטקאָם געשענקט דער פראַגע וועגן צוקלײַבן, פאַנאַנדערשטעלן און דערצי׳ען די קאַדרען. די דאָזיקע פראַגע איז דעמלט געשטאַנען מיט א באַזונדערער שאַרפקײַט: טויזנטער פּאַרטיי׳ישע און סאָוועטישע טוער זײַנען אומגעקומען אף די פראָנטן, אין די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן, אין דער אונטער־ערד. די מענטשן, וועלכע זײַנען געקומען זיי פאַרבײַטן, האָט נאָך געפעלט דערפאַרונג, קענ־טעניש. „די פראַגע וועגן דער אָנפירונג — דאָס איז א פראַגע וועגן קאַדרען״ — אָט דאָס איז דער פּרינציפּ, בא וועלכן מיר האָבן זיך געהאַלטן, אוועקשטעלנדיק די אַרבעט. די ביוראָ פון געגנטקאָם האָט אָפט באַהאַנדלט די פּאָליטישע און זאַכלעכע אייגנשאַפטן פון די קאָמוניסטן, וועלכע ווערן אַרויסגערוקט אף אָנפירנדיקע פּאָסטנס, געפאָדערט, מע זאָל דרייסטער אַרויס־רוקן ענערגישע, פעיִקע מענטשן, און אינגאַנצן גענומען האָבן מיר, ווי די צײַט האָט באַוויזן, קיין טאָעס אין זיי ניט געהאַט.

עס פלעגן טרעפן, פאַרשטייט זיך, אויך ניט געוויסנהאַפטע טוער, אָנפירער, וועלכע זײַ־נען „פאַרזויערט״ געוואָרן, מענטשן מיט „לעכערדיקע נעשאָמעס״ (אויסדרוקן פון די דעמל־טיקע סטענאָגראַמעס) — צו זיי זײַנען מיר געווען אומקאָמפּראָמיסלעך. אין דעקאַבער 1947 איז אין לאַנד דורכגעגאַנגען די געלט־רעפאָרם, און עס האָבן זיך געפונען טוער, וועלכע האָבן, אויסנוצנדיק זייער אַמט־לאַגע און וויסנדיק פאָרויס די טויש־באַדינגונגען, זיך א וואָרף געטאָן אַרײַנטראָגן געלט אין די שפּאָרקאַסעס, קעדיי דערוף געווינען. איך בין באַשטאַנען דערוף, מע זאָל זיי אויסשליסן פון דער פּאַרטיי. פונקט אַזוי האָב איך זיך דערשלאָגן, מע זאָל אַראָפּ־נעמען פון די פּאָסטנס (אָן „אײַנאָרדענען״ אף אַנדערע, אויך אָנפירנדיקע פּאָסטנס) די מענטשן, וועלכע האָבן דורכגעוואַלגערט די אַרבעט איבער זייער אומפעיִקײַט, באַגרענעצט־קײַט. אויס מענטשלעכקײַט איז אף אייניקע געווען אויך א ראַכמאָנעס, מע טאָר אָבער ניט זײַן קיין גוטער אפן מעלוכישן כעזשבן.

און יענע, וועלכע האָבן דערוויזן, אַז זיי קענען אַרבעטן, ווענען דער געגנטלעכער קאָמי־טעט פון דער פּאַרטיי האָט געטרויט, האָבן געדאַרפט פילן דעם דאָזיקן צוטרוי. מיטן אַלגע־מיינעם אָפּטייל פון געגנטקאָם האָט בא אונדז פאַרוואַלטעט יע. נ. מאַליאַרעווסקי, מיט וועמען מיר זײַנען געווען באַקאַנט נאָך ביז דער מילכאָמע און מיט וועמען מיר האָבן זיך געטראָפן אפן פראָנט. „אויב דו דאַרפסט עפּעס, גיי אַרײַן, ווען דו ווילסט״, — האָב איך אים געזאָגט, ווען איך בין געקומען קיין דניעפּראָפּעטראָווסק. און ווירקלעך, איך פלעג אים שטענדיק אויס־הערן, אונטערהאַלטן, העלפן, ווען מע דאַרף, מיט אַן אייצע. איך זע — די אַרבעט קען ער. הייסט עס, אַז מע דאַרף אים געבן איניציאַטיוו אינעם אויספילן יענע אופגאַבן, וועלכע זײַנען פאַר אים אוועקגעשטעלט.

באוויזן א סאך טועה, אז איך טרוי זיי, און טאקע איבערגעבנדיק זיי די לייזונג פון דער מערהייט לויפנדיקע פראגן, האָב איך באקומען פרייע צייט צו מאכן אן אנאליז פון דער סי־טואציע, באטראכט די פערספעקטיווע פראָבלעמען, שטעלן פרינציפּיעלע אופגאבן. די ער־שטע פון אָט די אופגאבן איז פעסט דערלערנט געוואָרן נאָך אין זאפּאָראָזשיע — דערשלאָגן זיך א קענטיקע פארבעסערונג סיי פון דער אָרגאניזאטארישער, סיי פון דער פארטייישׂ־פּאָלי־טישער ארבעט. אף דער געגנטלעכער פארטיי־קאָנפערענץ אין פעוורואל 1948 איז וועגן דעם געזאָגט געוואָרן:

— די אופגאבע באשטייט דערין, אז מע זאָל ריכטיק צונויפפּאָרן די פארטייישע ארבעט מיט דער ווירטשאפטלעכער אָנפירונג. דאָס איז — קונסט. און אָט דער קונסט אין דער פּאר־טיי־ארבעט דארף מען זיך לערנען...

איך דארף זאָגן, אז מיר אליין איז אויך אויסגעקומען די גאנצע צייט צו לערנען זיך. און דאָס איז, פארשטייט זיך, נייטיק אלעמען — די סיטואציע ענדערט זיך די גאנצע צייט, עס קומען אוף נייע פּראָבלעמען. א פארטיי־אָנפירער, אויב ער וויל ניט בלייבן הינטערשטע־ליק, דארף דאָס גאנצע לעבן זיך לערנען.

אין דניעפּראָפּעטראָווסק האָב איך געטראָפן דעם אָרדנטלעכן עטאפּ פון דער אופשטעלונג: די זאוואָדן האָבן שוין אָנגעהויבן געבן פּראָדוקציע. און כאָטש א סאך צעכן זייערע זײַנען נאָך געווען כארעווע, כאָטש א סאך שאכטעס זײַנען נאָך געווען פארטרונקען, האָט די אינדו־סטריע זיך געשטעלט אף די פיס. איצט האָט מען געדארפט אונטערציִען די וווינונגס־בויונג, די קולטור, דעם שטייגער. קעדיי עס זאָל קלאָר ווערן די שארפקייט פון דער פראגע, וועל איך ברענגען א טייל פון אן ארויסטרעטונג אף דער X שטאָטישער פארטיי־קאָנפערענץ אין דניעפּראָדזערזשינסק:

„איך זע אין זאל א סאך מײַנע כאווירים, געוועזענע מיטשילער, וועלכע ארבעטן איצט אלס שעפן פון צעכן, שעפן פון וואכטעס, — די כּכ. לעווינאָוו, אָלייניק, גרעטשקין און אנ־דערע. זיי און אײַך אלעמען וויל איך אָפן זאָגן, אז מיט דער וווינונגס־בויונג האָבן דער געגנטלעכער קאָמיטעט און דער שטאָטקאָם פון דער פארטיי זיך פארנומען ניט גענוגנדיק. צו וואָס איז דערגאנגען די זאך, אויב עס קומט אויס מיטיילן אף דער קאָנפערענץ, אז דער וווינונגס־פּלאן איז אויסגעפילט סאכאקל אף 11 פּראָצענט.

א ש ט י ם פ ו ן ז א ל: אף 7 פּראָצענט!

— אפילע אף 7. דאָס איז דאָך א ביזאָיען! מיר ריידן, אז מע דארף פארפעסטיקן די אר־בעטער, און מיר דולדן אזא לאַגע. דער נײַ־אויסגעוויילטער באשטאנד פון שטאָטקאָם און געגנטקאָם פון דער פּארטיי דארף מאכן דערצו א סאָף. די מענטשן האָבן זיך גענוג אָנגעמאָ־טערט אין די מילכאָמע־יאָרן, האָבן איבערגעלעבט גרויסע שוועריקייטן צוליב אונדזער זיג, און איצט האָבן זיי רעכט צו פּאָדערן, מע זאָל פארבעסערן די שטייגער־באַדינגונגען. מיר, באָל־שעוויקעס, האָבן געגעבן א געוויסן וועקסל דעם פאָלק, אז מיר וועלן העכערן דעם מאַטע־ריעלן און קולטור־ניוואָ פון די ארבעטנדיקע. מיר זײַנען מעכויעוו צו דעקן דעם ארויסגעגע־בענעם וועקסל!"

די קאָמפּליצירטקייט פון דער סיטואציע איז באשטאנען דערין, וואָס די אָרטיקע סאָוועטן האָבן נאָך געהאט וויניק געלט, די גרונט־מיטלען האָבן זיך געפונען אין די הענט פון די זאוואָד־דירעקטאָרן, און בויען שטעט האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט. אין דניעפּראָפּעטראָווסק איז, פאקטיש, ניט געווען קיין צענטער, דער קארל מארקס־פּראָספּעקט איז נאָך געלעגן אין רוי־נען, און אין די פּארשטעט האָבן זיך געבויט פּרימיטיווע ארבעטער־יִישוּוים. מע האָט אפילע צוגעטראַכט אן אייגנארטיקע טעאָריע, אז די שעפן פון די צעכן — פונעם דאָמנע־צעך, שטאָל־שמעלצונג, וואלצונג — זײַנען, מאָלט אײַך, מעכויעוו צו וווינען באַם זאוואָד. דעמלט איז דאָך נאָך קיין טעלעפאָן ניט געווען, קיין טראַמווײַען, קיין מאשינעס, אין בעסטן פאל — א בעדארקע מיט א פערד. (איך געדענק, איינער פון די אָנפירער האָט אף דער פראגע, פארוואָס האָט ער פארשפעטיקט אף דער פּלאַניאָרקע, געענטפערט מיט א באַס: „קיין מאשין האָב איך ניט, און די שקאפע האָב איך געשטעלט אף פּראָפילאקטיק".)

מע האָט געדארפט צווינגען די זאוואָדן צו בויען ניט קיין ביליקע צײַטווײַליקע הײַזקעס, נאָר וויל־אײַנגעאָרדנטע הײַזער, און ניט אין עק שטאָט, נאָר אין צענטער. שמועסנדיק פּרײַנטלעך מיט די דירעקטאָרן, האָב איך זיי דערוויזן: זייער אמטלעכע בוי־פּאָליטיק גיט בלויז אן אילוזיע פון שפּאָרן מיטלען, פּריִער אָדער שפּעטער וועט זיך דאָס ענדיקן מיט הע־זײַקעס. אף דער ביוראָ פון געגנטקאָם איז שוין געגאנגען אן אָפּיציִעלער געשפּרעך וועגן דעם, אז מיר זײַנען מעכויעוו צו פארבויען די הויפּט־מאגיסטראָלן פון שטאָט, אוועקשטעלן אף זיי שיינע הײַזער, באזעצן זיי מיט די בעסטע פּראָדוקציר־ארבעטער, מיט אינוואַלידן פון דער

פֿאָטערלענדישער מילכאָמע, מיט די מישפּאָכעס פֿון די אומגעקומענע, זיי זאָלן אָפּנעמעסן דערפֿילן די זאָרג פֿון דער פּאַרטיי און רעגירונג וועגן פֿאַרבעסערן זייער לעבן. אָבער די אַרבעט איז געגאַנגען לאַנגזאַם.

אין סאָף מײַ 1948 בין איך ווידעראַמאָל אויסגעפֿאָרן די גאַנצע געגנט, געווען אין ניקאָפּאָל, פּאַוולאָגראַד, קריוואָי ראָג, נאָוואָמאָסקאָווסק, מאַרגאַנעץ, איך האָב אַ סאַך געזען, און זיך פֿאַרפֿעסטיקנדיק אין מײַנע פֿאַרטראַכטן, האָב איך צונויפֿגערופֿן די דירעקטאָרן פֿון די גרויסע זאַוואָדן און אָפֿן געזאָגט, אַז קיין קוסטאַרשטשינע וועט דער געגנטקאָם מער ניט דולדן, די שטאָט דאַרף זײַן אַ שטאָט — עס איז געקומען דערויף די צײַט. די דירעקטאָרן האָבן זיך געהאַלטן פֿאָרזיכטיק, זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי זײַנען דערפֿאַר מיטן גאַנצן האַרצן, נאָר קיין מיטלען זײַנען ניטאָ, און קיין גוטע פּראָיעקטן זײַנען אויך ניטאָ, די בוי־באַזע איז אַ שוואַכע און נאָך פֿאַרשיידנס, וואָס עס ווערט גערעדט אין ענלעכע פֿאַלן.

— איך האָב אַ פֿאָרשלאָג, — האָב איך געזאָגט צום סאָף. — לאָמיר אַלע צוזאַמען אַ קוק טאָן אַ גוט אָרגאַניזירטע שנעל־בויונג. מיר וועלן באַשליסן, וואָס מע קאָן איבערנעמען. ווײַטער וועט ניט אויסקומען. מאַסקים?

— מאַסקים, — ענטפֿערט מען.

— לאָמיר טאַקע ניט אָפּלייגן. פֿאַרזאַמלען זיך מאָרגן בײַ דער געבײַדע פֿון געגנטקאָם זיבן נאָל־נאָל.

און זיבן אינדערפֿרי האָבן מיר זיך אָװעקגעלאָזט אײנע נאָך די אַנדערע אױף עטלעכע מאַשינעס — דירעקטאָרן, אָנפֿירער פֿון בוי־טרעסטן, טוער פֿון שטאָטקאָם און געגנט־אויספּירקאָם. איך געדענק, דער טאָג איז געווען אַ כמורנער. מיר זײַנען פֿאַרבײַגעפֿאָרן מאַנדריקאָווקע — איינע פֿון די סלאָבאָדקעס מיט הײַזקעס, וועלכע האָבן זיך געקלעפּט צום באַרג־שיפּוי, — און זיך געלאָזט אויף דאָרעם איבער אַ צעקלאַפּטן וועג. קימאַט אויפֿן גאַנצן מעהאַלעך איז ער געווען פּוסט, קיין פֿאַרבײַגייער האָבן מיר קימאַט ניט געטראָפֿן, מאַשינעס — קיין איינע ניט. די ביימער פֿון ביידע זײַטן זײַנען געווען פֿאַרברענט, די פֿעלדער צעגראָבן מיט אָקאָפּעס, בלויז ערגעץ־וווּ האָבן געאַרבעט טראַקטאָרן אָדער טראָפּײנע שלעפּ־מאַשינעס. אָט אַזוי זײַנען מיר געפֿאָרן אַ שאָ צוויי. דערנאָך זײַנען מיר אַרויף אויף אַ בערגל, און פֿון אונטן האָט זיך געעפֿנט די פּאַנאָראַם פֿון „דניעפּראָהעס". הינטער איר איז אין אַ קעסלטאָל געלעגן אַ גרויסע ווײַסע שטאָט. ס'האָט פֿונקט זיך באַוויזן די זון, וועלכע האָט אַ שפּיל געטאָן אין די פֿענצטער, די הײַזער האָבן אויסגעזען הויכע, ליכטיקע... אַ וואַרעם געפֿיל האָט מיך אַרומגעכאַפּט: איך בין געפֿאָרן קיין זאַפּאָראָזשיע ווי אַ פֿאָרשטייער פֿון דער שכײנישער געגנט, נאָר אין דער זעלבער צײַט בין איך דאָ געווען אַן אייגענער מענטש.

ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז בעסער איז איין מאָל זען, איידער הונדערט מאָל הערן. מײַנע עקסקורסאַנטן האָבן געזען דעם אַספֿאַלטבעטאָן, וועגן וועלכן איך האָב זיי ניט איין מאָל דערציילט. זיי האָבן זיך פֿאַרינטערעסירט מיט די קאַבעל־קראַנען, וועלכע די זאַפּאָראָזשצעס האָבן שוין גענוצט. מיט אַ באַזונדער אויפֿמערקזאַמקײַט האָבן זיי געקוקט, ווי מע לייגט אײַן לויטן „מעטאָד פֿון דורכשטעכן" די וואַסערלייטונג. די הידראַווּלישע דאָמקראַטן האָבן אַרײַנגעקוועטשט אין גרונט 800־מילימעטערדיקע רערן, און אַזויאַרום איז פֿאַר אונדז אין די אויגן דורכגעגאַנגען שיר ניט אַ גאַנצער קוואַרטאַל. עס זײַנען, פֿאַרשטייט זיך, געווען אַ סאַך פֿראַגן — וועגן די טערמינען, וועגן דעם קאָסט, אַרבעטס־פּראָדוקטיווקײַט, וועגן בוי־מאַטעריאַלן. דערנאָך האָבן מיר געגעסן מיטיק אין דער אַרבעטער־גאָרקיך און שפּעט בײַנאַכט זיך אומגעקערט אַהיים. אויף צוריקוועגס איז אויסגעקלאָרט געוואָרן, אַז צוויי דירעקטאָרן — פֿונעם זאַוואָד אויף באַבושקינס נאָמען און פֿונעם זאַוואָד אויף ליבקנעכטס נאָמען — האָבן שוין אויסגעקוקט די פּאַסיקע פּילשטאָקיקע הײַזער און אַפֿילו זיך צונויפֿגערעדט וועגן אויסנוצן אַ צווייט מאָל די פּראָיעקטן... און אין אַ האַלב יאָר אַרום זײַנען אויפֿן הויפּט־פּראָספּעקט אויסגעוואַקסן אָט די הײַזער־קראַסאַווצעס, וועלכע האָבן געגעבן אַ שטויס צו פֿאַרבויען דעם צענטער. דער אָנהייב איז געמאַכט געוואָרן!

אינטערעסאַנטער פֿון אַלץ, עפּשער, איז געווען דער גורל פֿון דער באַרג־גאַס. איצט איז עס דאָס שענסטע אָרט אין שטאָט, און דעמלט האָבן די פֿאַשיסטן איבערגעלאָזט פֿון איר בלויז חורוועס. איך האָב זיך פֿאָרגעשטעלט אָט די באַרג־גאַס אַן אָפּגעבויטע. אָבער די ווירטשאַפֿטלער, וועלכע זײַנען אַרײַנגעדרונגען אין די פֿריידיקע פּערספּעקטיוון, האָבן בלויז געשאָקלט מיט די קעפּ: „ווער וועט דערלעבן צו זען אַזאַ פּראַכט?" און קימאַט אַלע האָבן דערלעבט! גאָר גיך האָט דער אוילעם זיך געכאַפּט, אַז באַזעצן זיך אויפֿן באַרג איז גאָר ניט שלעכט — דער דניעפּער איז אַ דניעפּער, — האָט מען זיך אַ וואָרף געטאָן בעטן באַצירקן, נאָר עס איז שוין געווען שפּעט — דער אויספּירקאָם פֿון שטאָטסאָוועט האָט זיי שוין צעטיילט אויף פֿאַרבויען.

פאַרשטייט זיך, אין די שווערע נאָכמילכאָמע־יאָרן האָט דאָס לאַנד געוואָרפן די גרונט־קויכעס און מיטלען אַף אופלעבן די אינדוסטריע, די לאַנדווירטשאַפט — דאָס איז געווען געזעצ־מעסיק און ריכטיק. צומאָל אָבער האָבן אונטערן צודעק פון אָט דעם ריכטיקן לאָזונג זיך אויסבאַהאַלטן ניטערירעוודיקײַט, אומווירטשאַפטלעכקײַט, די אַפּוועזנהײַט פון פּאַשעט קענען אַרבעטן. אָבער די הינטערשטעליקײַט אין פּראַט פון וווינונגען, טראַנספּאָרט, שטייגער, קול־טור האָט אומבאַדינגט געווירקט אַף דער אַרבעטס־פּראָדוקטיווקײַט און, דאָס הייסט, אויך אַפן וווקס פון דער פּראָדוקציע.

דער געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי האָט געפּאָדערט בא די אָנפירער — פּאַרטייִשע, סאָוועטישע, ווירטשאַפטלעכע — איניציִאַטיוו. איינמאָל האָב איך א זאָג געטאָן די סעקרעטאַרן פון דניעפּראָפּעטראָווסקער שטאָטקאָם פון דער קפּ(ב)או ק. ק. טאַראַסאָוון, פּ. פּ. כראַפּונאָוון און דעם פּאָרזיצער פון שטאָט־אויספירקאָם נ. יע. גאָוורילענקאָן:

— נעמט א גרויס רענצל און פּאָרט קיין מאָסקווע. אומבאַדינגט אַף אָן אופנעם צו די מיניסטאָרן. דערציילט זיי וועגן די כורבוינעס, באַווײַזט זיי פּאָטאָגראַפיעס. זאָלן זיי געבן מיט־לען פאַרן בעשוטפעסדיקן אָנטייל אינעם בויען א וואַסערלייטונג־טורעם, דעם טראַמווײַ, די קינ־דער־גערטנער, וווינונגען. זאָגט, אַז דאָס איז נייטיק טאַקע פאַר זייערע אַרבעטער. גייט אַרײַן אַנטשיידן, פּאָדערט פעסט. איר זײַט קאָמוניסטן, און א קאָמוניסט דאַרף זײַן דרייסט.

עס איז אויסגעקומען אַזוי צו טאָן, און דאָס האָט געגעבן גוטע רעזולטאַטן. די זאַוואָדן האָבן אָפּגעגאָסן טשוהונענע שטאַכעטן פאַר די סקווערן, געשטעלט לאַמטערנס, סלופּעס פאַר די טראַמווײַ־ליניעס, טויזנטער אַרבעטער און אָנגעשטעלטע זײַנען אַרויס אַף אַרבעטס־זונ־טיקן — פּאַנאַנדערגענומען די אָנוואַלגערונגען, געפלאַנצט בלומען אוןביימער. דעמלט זײַנען פאַרלייגט געוואָרן דער טשקאַלאָוו־פּאַרק און דער שעווטשענקאָ־פּאַרק — די שענסטע אין שטאָט. א גרויסע פרייד איז געווען פאַר די קינדער דאָס עפענען די קינדערשע אײַזנבאַן. דערנאָך האָבן מיר באַקומען אין אַלפאַרבאַנדישן צענטראַלן ראַט פון די פּראָפּאַריינען געלט אַף אופשטעלן דעם פּאַלאַץ פון די קאַטערינע־צײַטן. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו איבערגעבן אים די סטודענטן, און יעדער סטודענט פון א הויכשול האָט אָפּגעאַרבעט צו 50 שאָ אַף דער בויונג. אָט אַזוי איז געבוירן געוואָרן בא אונדז א קולטור־פּאַלאַץ פון די סטודענטן — א פּרעכ־טיקער אַרכיטעקטור־דענקמאָל און דער פּאָפּולערסטער יוגנט־קלוב אין דניעפּראָפּעטראָווסק.

נאָר אָט וואָס מע דאַרף דאָ צוגעבן. פּאָדערנדיק איניציִאַטיוו פון די מענטשן, דאַרף זיי דער פּאַרטיי־אָנפירער אין קאָמפּליצירטע מאָמענטן נעמען אונטער דער שוץ, אופנעמען דעם קלאַפּ אַף זיך. אַזוי איז געווען, לעמאָשל, מיטן דירעקטאָר פון ניקאָפּאָלער רערן־זאַוואָד נ. א. טיכאָנאָוו. וועגן דעם שטייגער פון די אַרבעטער האָט ער זיך געזאָרגט, קאָן מען זאָגן, בעסער פון אַנדערע, און בא אים אַפן זאַוואָד איז די אַרבעט געגאַנגען ניט שלעכט. (דאָס איז, אַגעוו, געזעצמעסיק: ווו עס איז ניטאָ קיין זאָרג וועגן די מענטשן, דאָרט איז ניטאָ וואָס צו וואַרטן אַף גוטער אַרבעט). אונטערהאַלטנדיק די ליניע פונעם געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי, האָט טיכאָנאָוו געעפנט א סטאַציִאָנאַר פאַר קראַנקע אַרבעטער, האָט אָרגאַניזירט א גוטע „אָרס"[1]־גאָרקיך, האָט אָנגעהויבן אופשטעלן דעם וועג, וועלכן די פּאַשיסטן האָבן כאָרעוו גע־מאַכט, ער האָט איינער פון די ערשטע אין דער געגנט אָפּגערעמאָנטירט דעם זאַוואָד־קלוב. נאָר אַפן רעמאָנט האָט מען אים אויסגעטיילט, געדענקט זיך, זיבן הונדערט טויזנט רובל, און אויסגעבן איז אויסגעקומען שיר ניט אין דרײַ מאָל מער. דאָ איז אַראָפּגעקומען צו אונדז טעוואָסיאַן, מיר זײַנען געפאָרן זאַלבעדריט, און איוואַן פיאָדאָראָוויטש האָט גערעדלט דעם דירעקטאָר:

— ווער ביסטו, ראָפּקעלער? דערוף האָבן מיר דיר געגעבן געלט?

דערווײַל האָט די מאַשין זיך אָפּגעשטעלט, מיר זײַנען אַרויס און דערזען פאַר זיך דעם ראַכוועסדיקן, ריינעם, שיינעם ביניען פונעם קלוב.

— יאָ־יאָ, — האָב איך געזאָגט, ווי אונטערהאַלטנדיק דעם מיניסטער, — אָט אַזאַ מין „דאַ־טשקע" האָט ער אויסגעבויט פערזענלעך פאַר זיך!

טעוואָסיאַן האָט א כמיקע געטאָן, מיר זײַנען אוועקגעפאָרן ווײַטער, פאַרקערעוועט אַפן נײַעם ווער, און דאָ איז ער ווידער געוואָרן אופגעבראַכט.

— וואָס זאָל מען מיט דיר טאָן? — האָט ער זיך א קער געטאָן צום דירעקטאָר. — מע האָט מיר שוין פון פינאַנץ־מיניסטעריום געקלונגען, זיי ווייסן וועגן אָט דעם ווער.

— און דער געגנטקאָם ווייסט, — האָב איך געזאָגט, — אָן אים וואָלט ניט געווען קיין

---

[1] „אָרס" — отдел рабочего снабжения — אָפּטייל פון אַרבעטער־באַזאָרגונג (איבערז.)

נאַכט־וואַכטע. ער האָט דאָך ניט פאַר זיך, איוואַן פיאָדאָראָוויטש, ניט פאַר זײַן פּערזענלעכער קעשענע. איר ווילט, וועלן מיר אָט דעם וועג פאַרענדיקן ווי אַ פּאָלקס־בויונג?

אַזוי האָבן מיר דערנאָך געטאָן, און פונעם שטורעם האָבן מיר דעם גוטן דירעקטאָר אויסגעהיט. און דאָס איז געוואָרן באַוווּסט אין דער געגנט, אַזעלכע זאַכן ווערן גיך פאַרשפּרייט און ברענגען, פאַרשטייט זיך, נוצן, רופן זיך אָפּ אין אַנדערע ערטער.

9

די זאַך — אָט דאָס איז דער שאַרפשטיין, אַף וועלכן עס ווערט אויסגעפּרוּווט די ווירקלעכע פּרײַז פונעם מענטשן, און ווער עס קען ניט די זאַך, זיצט ניט אַף זײַן אָרט, יענער וועט פריִער אָדער שפּעטער פּרוּוון פאַרפולן זײַנע בלויזן מיט פּעלשונגען און אַנדערע קונצן. ווי זאָגט זיך עס באַם מעשאָלים־שרײַבער קרילאָוו?.. „אָבער אין הארצן וועט דער כוינעף שטענדיק אָפּזוכן אַ ווינקל״.

— איר לייגט פאַר אַן איניען, — פלעג איך געוויינלעך זאָגן אַזעלכע מענטשן. — מיר דאַרפן ניט קיין לויב־געזאַנגען און קיין קוירים־פאַלן. ניט צוליב דעם האָבן מיר אײַך אײַנגעלאַדן אין געגנטקאָם.

און דאָס לעצטע, אויב ריידן וועגן דעם אַרבעט־סטיל, וועגן די קעגנזײַטיקע באַציִונגען מיט מענטשן: איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מע דאַרף זיך ניט פּרוּוון איבערמאַכן זיי אָפּן אייגענעם שטייגער. קיין גוטס קומט פון דעם, אַלס קלאַל, ניט אַרויס. אַ פּאַרטיי־אָנפירער דאַרף אופנעמען כאַווײרים לויט דער אַרבעט אַלס אַזעלכע, ווי זיי זײַנען, אומבאַדינגט וויסן זייערע שוואַכקײַטן, אָבער זען און ריכטן צום נוצן פון דער זאַך די שטאַרקע זײַטן. עס קומט אָפּן זיקאָרן אַזאַ בײַשפּיל.

אין דניעפּראָפּעטראָווסק האָבן זיך באַ מיר ניט מיטאָמאָל אײַנגעשטעלט די באַציִונגען מיטן דירעקטאָר פונעם גרעסטן אין דער געגנט מעטאַלורגישן זאַוואָד אַף פּעטראָווסקיס נאָמען איליאַ איוואַנאָוויטש קאָראָבאָוו. ער איז געווען אַ פּאָרשטייער פון אַ באַרימטער אַרבעטער־דינאַסטיע, זײַן פאָטער האָט געאַרבעט אַלס אָבער־מײַסטער אין מאַקייעווקע, די ברידער זײַנען אויך געווען דאָמנע־אַרבעטער, און, ווי איך מיין, אויך די זין און איצט אַפּילע די אייניקלעך זעצן פאָר די טראַדיציע. די מישפּאָכע קאָראָבאָוס האָט געקענט סטאַלין, זי איז געווען באַוווּסט אין לאַנד. און אַלץ וואָלט געווען נישקאָשע, נאָר ווי אויסדריקן זיך ווייכער, אַ מענטש פלעגט צומאָל פאַרלירן דאָס געפיל פון רעאַליטעט, פאַרײַסן די נאָז.

וואָס זשע, איך האָב געפירט מײַן ליניע, קעסיידער געהאַלטן זיך מיט די קאָראָבאָוס רויק, אָפט געווען אָפן זאַוואָד, זיך באַגעגנט מיטן קאָלעקטיוו, געשמועסט מיט די אַרבעטער, אונטערגעהאַלטן די איניציאַטיוו פון די שטאָלקאָכער פון אָט דער אונטערנעמונג — פון נעוורטשאַסן, סאַצקאָ, דעם מײַסטער פונעם שמעלץ־אויוון טראַפּימאָוו און אַנד. איך האָב געוווּסט אויך קאָראָבאָוס שטאַרקע זײַט: אַ דאָמנע־אַרבעטער איז ער טאַקע ווירקלעך געווען אַן ערשטראַנגיקער. און כאָטש מענטשלעך האָט מיך, איך וועל ניט אויסבאַהאַלטן, זײַן אײַנגעשפּאַרטקײַט אַ ביסל אופגערעגט, האָט מען דערוף קיין אַכט ניט געדאַרפט לייגן, ווײַל אַן אַרבעטס־מענטש איז ער געווען אַ גוטער, און דאָס האָט באַשטימט אַלץ.

אין סאָף 1949 האָט אַף אוקראַיִנע זיך געשאַפן אַן אָנגעשטרענגטע לאַגע מיט הייצוואַרג און עלעקטרישער ענערגיע. דער פּעטראָווסקי־זאַוואָד, ווי פּיל אַנדערע, איז געזעסן אַף אַ הונגער־ראַציאָן, דער פּלאַן איז געווען אונטער אַ געפאַר. און קאָלזמאַן די דירעקטאָרן האָבן געזוכט הילף לויט זייערע קאַנאַלן, האָבן מיר אין געגנטקאָם אַנאַליזירט די סיטואַציע און פעסטגעשטעלט, אַז ניט ווייניק הייצוואַרג ווערט אַרויסגעוואָרפן אין דער אַטמאָספער אַלס קאָלאָשניק־גאַז. דאָס האָבן אַלע געוווּסט. נאָר איבעראַשט האָט די סאַכאַקל־ציפער: די פאַרלוסטן זײַנען געווען געגליכן צו אַ האַלבן מיליאָן טאָן קוילן. איך האָב צונויפגערופן די דירעקטאָרן: אָט איז דער אויסוועג! אַלע דאַרפן פאַררייניקן די אָנשטרענגונגען, געפינען און דורכוואַלצעווען מעטאַל פאַר די רערן (פון די אָנוואַלגערונגען, פונעם מעטאַל, וואָס אַנטשפּרעכט ניט דער קאָנדיציע, פון דער פּראָדוקציע העכער דעם פּלאַן) און דורכלייגן גאַזלייטונגען. איך דאַרף אָנערקענען, אַז קאָראָבאָוו האָט איינער פון די ערשטע זיך אָנגעכאַפּט פאַר דער דאָזיקער אידיי, אַ סאַך געטאָן, און מיר האָבן זי גאַנץ גיך פאַרווירקלעכט אין לעבן.

דערנאָך האָט זיך געלאָזט פילן קאַראַבאַוואָס אײַנגעשפּאַרטער כאַראַקטער, פונעם זאַוואָד זײַנען אוועק אָנקלאַגעס אין צק אלקפּ(ב). עס איז געשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן אראָפּ־נעמען אים פונעם דירעקטאָר־פּאָסט. און דאָ האָב איך אנטשיידן דערוווידערט, כאָטש, איך כאָזער איבער, אונדזערע פּערזענלעכע באַציִונגען וואָלטן ווינטשנסווערט געמעגט זײַן א סאַך בעסערע.

— איך האַלט, אַז כאָטש קאַראַבאַוו איז ניט קיין פּאַרפאַלענער אָנפירער, — האָב איך געזאָגט אַף דער ביוראָ פונעם געגנטקאָם. — יאָ, עס זײַנען געווען פעלערן, עס זײַנען געווען אומגאַרמאַלקייטן און מע האָט אים ריכטיק אָנגעוויזן אַף זיי. איך בין אָבער איבערצײַגט, אַז פאַר אָט דעם מענטשן לוינט נאָך צו קעמפן.

די זאַך האָט זיך באַגרענעצט מיט אַן אויסרייד, און דאָס האָט געבראַכט נוצן. איליא איוואַנאָוויטש האָט אָנגעפירט מיטן זאַוואָד נאָך א ריי יאָרן, האָט א סאַך געטאָן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער דאָמנע־פּראָדוקציע אין גאַנצן לאַנד, איז געוואָרן א דאָקטאָר פון טעכ־נישע וויסנשאַפטן, א לאַורעאַט פון דער לענין־פּרעמיע, א העלד פון סאָציאַליסטישער מי. הייסט עס, אַז איך האָב קיין טאָעס ניט געהאַט, ווען איך האָב זיך אָנגענומען פאַר אים.

אַן ענלעכער פאַל איז געווען אויך אין זאַפּאַראָזשיע. מיטן „דניעפּראָסטראָי" האָט אָנגע־פירט דער באַוווּסטער הידראָבויער פּיאָדאָר געאָרגיעוויטש לאָגינאָוו. דאָס איז געווען, קאָן מען זאָגן, א געבוירענער טאַלאַנט. אַן ארבעטער איז ער געוואָרן צו עלף יאָר. עס איז אים אויסגעקומען זיך שלאָגן קעגן די קאַלטשאַקאָווצעס, דעניקינצעס, און נאָך זײַענדיק א יינגל איז ער אויסגעוואַקסן ביז א געהילף פונעם פּאָלק־קאָמאַנדיר. דערנאָך האָט ער פאַרענדיקט א אינסטיטוט און געאַרבעט אַלס דעסיאַטניק אַפן ערשטן „דניעפּראָסטראָי", אַלס פּראָראַב אַפן באַקסאָן און אַף די מיטלוואָלגער הידראָעלעקטראָסטאַנציעס, אַלס שעף פון דער בויונג אַפן טשירטשיק. דאָס איז געווען א קאַלאָריטפולער מענטש — א ריזיקער וווּקס, אַן אַנטשיידענער, מיט אַן אייגנאַרטיקן כאַראַקטער. אַלץ פלעגט ער נעמען אַף זיך, באַמערקונגען לעגאַבע זיך פון קיינעם ניט געקאָנט דולדן.

דער פּרינציפּ פון איינפּערזאָניקייט איז נוצלעך, אַף א בויונג פון אַזא מאַסשטאַב איז ער אַפילע נייטיק, עס איז אָבער שלעכט, ווען דער „איינפּערזאָניקער" הערט אוף אופּצונעמען קרי־טיק. לאָגינאָוו איז געווען גראָב מיט מענטשן, ניט אײַנגעהאַלטן, א קײַסן און, וויסנדיק אָט די כעסרוינעס זײַנע, האָט ער אַפילע פאַרפירט צײַל־בײַנדלעך. „איך וועל איבערקלײַבן ביינד־לעכווײַז, — האָט ער מיר דערקלערט, — און אָט אַזוי וועל איך זיך באַרויִקן". צווישן מיר מיט אים פלעגן טרעפן ערנסטע צוזאַמענשטויסן, און מיר, דעמלט נאָך א יונגן סעקרעטאַר פון געגנטקאָם, איז געווען מיט אָט דעם מענטשן ניט לײַכט.

די ערשטע אַגרעגאַטן פון „דניעפּראָהעס" האָבן געאַרבעט, אָבער מיטן לאָזן אין גאַנג די איבעריקע האָט זיך פאַרצויגן, און געענדיקט האָט זיך דאָס דערמיט, וואָס עס איז דערשינען א באַשטימונג פונעם צק קפּ(ב)או וועגן די בלויזן אַף דער בויונג. לאָגינאָוו, וואָס איז געווען צוגעוווינט, מע זאָל אים לויבן סײַ אין דער פּרעסע, סײַ מינדלעך, האָט געשיקט א טעלעגראַם אין צק, אַז ער איז מיט אָט דער באַשטימונג אַנטשיידן ניט מאַסקים. דעם 1 נאָיאַבער 1947 איז פאָרגעקומען א פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג פונעם קאָלעקטיוו פון „דניעפּראָסטראָי", אַף וועלכער האַלטן דעם פאַרטראָג האָט מען באַאופטראָגט מיך.

און ווידעראַמאָל, ריידנדיק געגנוי וועגן די בלויזן, איבערצײַגט די מענטשן, אַז די פּע־לערן זײַנען לאַכלוטן ניט קיין אויסגעטראַכטע, זיי זײַנען בעעמעס דערלאָזט געוואָרן, האָב איך זיך ניט געגומען, ווי מע זאָגט, דערטרינקען דעם מענטשן, נאָר, פאַרקערט, זיך באַמיט וויַזן אים א ווירדיקן אויסוועג פון דער לאַגע. איך האָב ספּעציִעל באַטאָנט, אַז דער געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי שאַצט לאָגינאָוון אַלס א טוער, האַלט פאַר וויכטיק, וואָס גראַד ער פירט אָן מיט אָט דער ריזיקער בויונג, און אויסגעדריקט די זיכערקייט, אַז פּיאָדאָר געאָר־גיעוויטש, אויב ער וועט מאַכן אויספירן פון דער קריטיק, וועט ער זיכער וואָס גיכער לאָזן אין גאַנג די סטאַנציע אַף דער פולער מעכטיקייט. איך האָב בעעמעס געזען און געשאַצט די שטאַרקע זײַטן פון אָט דעם מענטשן — גרויסע קענטעניש, קאָלאָסאַלע דערפאַרונג, פעסטער ווילן, איבערגעגעבנקייט דער זאַך.

— באַ דער גאַנצער אַכטונג צו לאָגינאָווס אמט, צו זײַן פּאַרטיייִשקייט, סטאַזש, — האָב איך געזאָגט צום שלוס, — באַ דער גאַנצער אָן סאָפעק נייטיקייט אונטערצוהאַלטן זײַן אויטאָ־ריטעט אַלס אַן אָנפירער, באַ דער גרייטקייט צו העלפן אים, האַלט איך, אַז מיר דאַרפן מיט דער גאַנצער אומדערבאַרעמדיקייט און ביזן סאָף קריטיקירן זײַנע כעסרוינעס, ניט מאַכן קיינע האַנאָכעס ניט לאָגינאָוון — דעם שעף פון דער בויונג, ניט לאָגינאָוון — דעם קאָמוניסט. באַ אַזא שטעלונג פון דער פראַגע קאָנען מיר העלפן סײַ דער בויונג, סײַ לאָגינאָוון. אַן אַנדער

שטעלונג פון דער פראַגע איז ניט אונדזערע, און מיר זײַנען מעכּויעוו אַנטשיידן זי אָפּצו־וואַרפן!

אויב אַ מענטש קען די זאַך, איז געטרײַ דער זאַך, אויב ער קעמפט פאַר אַלעמענס וווילזײַן, דאַרף מען אים אונטערהאַלטן. דאָ איז דער ציל איינער: פאַריכטן, קאָרעגירן, דערציִען דעם טוער, אָבער ניט אײַנברעכן אים. דער איקער איז — אױפדעקן און אויסנוצן פאַר דער זאַך זײַנע גוטע זײַטן.

די פראַגע וועגן קריטיק און זעלבסטקריטיק איז אַזוי ערנסט, אַז איך האַלט פאַר נוצלעך ספּעציִעל צו אָפּשטעלן זיך אויף איר. ניט צופעליק איז אין אונדזער נײַער קאָנסטיטוציע, אינעם אַרטיקל 49, פאַרשריבן, אַז יעדער בירגער פון פּססר האָט רעכט אַרײַנצוטראָגן אין די מעלוכע־אָרגאַנען און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס פאָרשלאָגן וועגן פאַרבעסערן זייער טעטיקײַט, קריטיקירן די בלויזן אין דער אַרבעט. און עס ווערט באַטאָנט, אַז רודיפן פאַר קריטיק איז פאַרבאָטן.

דאָס דאָזיקע אַרטיקל פונעם גרונט־געזעץ האַלט איך פאַר פּרינציפּיִעל וויכטיק. אויב הײַנט קעמפן מיר פאַר אַ הויכער, איך וואָלט געזאָגט, העכסטער אָרגאַניזירטקײַט, מיר ווילן פאַרשטאַרקן די דיסציפּלין אויף יעדן ניוואָ — די אַרבעטס־דיסציפּלין, די טעכנאָלאָגישע דיסציפּלין, די פּלאַן־דיסציפּלין, — איז אונדז נייטיק אַ פאַרינטערעסירטער, אופמערקזאַמער, קריטישער קוק אויפן צושטאַנד פון די איניאַנים. ער וועט העלפן צו זיכערן דעם נייטיקן דערצו געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן קלימאַט. אַ קלימאַט, וואָס זאָל געבוירן דעם פאַרלאַנג צו אַרבעטן עפעקטיווער, פּראָדוקטיווער, בעסער, וואָס זאָל שאַפן אַ סיטואַציע פון אומטאָלעראַנץ צו פּראָגולשטשיקעס און לײַדיקגייער, צו יעדן פאַקט פון נאַכלעסיקײַט און אומווירטשאַפטלעכקײַט, פון אייגן־פאַרבלענדעניש און צושרײַבן פאַלשע ציפערן.

אויסהיטן אַן אָנפירער פון קריטיק הייסט — אים אומברענגען. יענער, וואָס הערט אויף אופנעמען קריטיק, איז פאַרלאָרן פאַר דער זאַך. אויב מע זאָל איצט אופהייבן די סטענאָגראַמעס פון די פּלענומס, קאָנפערענצן, אַקטיוון פון יענע יאָרן, וועגן וועלכע דאָ גייט די דערציילונג, וועט איר ניט געפינען אַזאַ, ווו עס זאָל ניט זײַן קיין קריטיק. זי איז געווען בײַ אונדז סײַ אַ זאַכלעכע, סײַ אַן איבערצײַגעוודיקע, סײַ אַ קאָנסטרוקטיווע. קעדיי ניט ריידן גלאַט אין דער וועלט אַרײַן, וועל איך ברענגען עטלעכע בײַשפּילן.

אָט איז אַ קורצער דיִאַלאָג, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1947 אויפן XVI פּלענום פון זאַפּאָראָזשיער געגנטקאָם פון דער קפּ(ב)או. אין די דעבאַטן איז אַרויסגעטראָטן אַ. מ. זשאַליִלאָ, דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פונעם זאַוואָד אויף קיראָווס נאָמען, און האָט זיך דערלויבט אַזאַ פּאַסאַזש, אַז עס איז אויסגעקומען מיר זיך אַרײַנמישן.

„כאַוו. זשאַלילאָ: ...צום באַדויערן, זײַנען אויף אונדזער זאַוואָד פאַראַן אויך אַנדערע כאַווײרים, וועלכע קריטיקירן צופיל. אָט, לעמאָשל, דער שעף פונעם מעכאַנישן אָפּטייל כאַוו. זײַצעוו...

כאַוו. ברעזשנעוו. און איר וואָס, פאַרהאַמעוועט זי?

כאַוו. זשאַלילאָ. ניין. זיי דאַרפן אָבער אויך זײַן זעלבסטקריטיש.

כאַוו. ברעזשנעוו. איר ווילט, הייסט עס, זיי זאָלן נאָר זיך קריטיקירן, און אויב אײַך, טאָר מען ניט. (אַ טומל אין זאַל.)

כאַוו. זשאַלילאָ. קריטיק און זעלבסטקריטיק איז אָן שום ספּק אַ גוטע זאַך, מע טאָר אָבער ניט קריטיקירן, קעדיי אונטערצורײַסן דעם אויטאָריטעט פון דער אָנפירונג.

כאַוו. ברעזשנעוו. עס איז פונדעסטוועגן אַ ביסעלע ניט קלאָר, נעפּלהאַפט.

כאַוו. זשאַלילאָ. איך זאָג, אַז אייניקע כאַווײרים פאַרשטייען ניט גענוגנדיק די פּאַרטיי־דיסציפּלין און די פּאַרטיי־עטיק. מע דאַרף אַליין אַרבעטן, און ניט טרײַבן קיין רעכילעס.

כאַוו. ברעזשנעוו. נו, אויב עס האָבן זיך פאַרפירט רעכילעסטרײַבער, דאַרף מען וועגן דעם ריידן אויפן פּלענום? אומעטום זײַנען פאַראַן רעכילעסטרײַבער, און אויף אײַער זאַוואָד זײַנען זיי אוודע אומבאַדינגט פאַראַן. (אַ געלעכטער אין זאַל.)

כאַוו. זשאַלילאָ. יאָ, אַן אויסערסט שמאָל אָרט איז בײַ אונדז אויפן זאַוואָד.

כאַוו. ברעזשנעוו. אויף וויפל איך האָב פאַרשטאַנען, איז דאָס שמאָלסטע אָרט אויף אײַער זאַוואָד די קריטיק. מוירע האָבן פאַר איר איז ניטאָ וואָס, ווײַל זי זעט פאַרויס אויך אַכטונג צום מענטשן!"

צו אַזעלכע, וואָס האַמעווען די קריטיק, איז די באַציִונג פון געגנטקאָם געווען אַ גאַנץ קלאָרע, און אויסגעדריקט געוואָרן איז זי אָפן, אָן דריידלעך, ניט געקוקט אויף פאַרזאָנען. פון דער צווייטער זײַט, האָב איך באַם לייענען די דאָזיקע סטענאָגראַמעס דערזען: גאַנץ אָפט,

קריטיקירנדיק פון דער טריבונע א מענטשן, פלעג איך באַלד אַפּן אָרט באַטאַנען, געהאַלטן פאַר נייטיק צוצוגעבן, אַז אַלס טוער שאַץ איך אים. זאָגן וועגן דעם איז צומאָל נייטיק.

אין דניעפּראָפּעטראָווסק איז דער גרעסטער אינדוסטריעלער ראַיאָן געווען דער לעניני־שער, און ערשטער סעקרעטאַר פון ראַיקאָם איז געווען דאָרט געאָרגי פּעטראָוויטש קוצאַוו. א אינזשעניער־מעטאַלורג פון פּעטראָווקע, האָט ער געאַרבעט ענערגיש, זאַכלעך, נאָר אַף איי־נעם פון די פּלענומס פון שטאָטקאָם פון דער פּאַרטיי, אַף וועלכן ער איז אַרויסגעטראָטן מיט א באַריכט, איז מיר אויסגעקומען צו קריטיקירן אים שאַרף.

— איך וויל זיך אָפּשטעלן אַפן פאַרטראַג פונעם כאַווער קוצאַוו. איך וואָלט ניט געוואָלט אייַך באַליידיקן, כאַוועד קוצאַוו, נאָר איך קאָן נישט ניט אַרויסזאָגן מייַן מיינונג אַפן פּלענום פון שטאָטקאָם. איך האַלט, אַז דער פאַרטראַג איז געווען א פאַרעוועד. ער האָט דאָך קיינעם אַבסאָליוט ניט אָנגעריירט, ניט אויפגעדעקט קיין כעסרוינעס אין דער אַרבעט פון ראַיקאָם פון דער פּאַרטיי, קיין איין זאַוואָד־דירעקטאָר אָדער סעקרעטאַר פון א פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע האָט איר ניט אָנגערופן, און די גאַנצע אויפמערקזאַמקייַט האָט איר קאָנצענטרירט אַף די רוי־טע ווינקלען. איך שטעל זיך ניט פאָר, וויזוי האָט מען געקאָנט דערמיט אַרויסטרעטן. אַז מע רופט מיך אַרויס אַף א פּלענום פון צק — זאָל זייַן וועגן א פראַגע פון דער אינדוסטריע אָדער לאַנדווירטשאַפט, צי פּאַרטייִש־מאַסאָווער אַרבעט, — פּאַטער איך עטלעכע טעג, קעדיי וואָס טיפער באַזיניקן דעם צושטאַנד פון די איניאַנים אין שטאָט און אין דער געגנט. דער צענ־טראַל־קאָמיטעט אינטערעסירט זיך, וויזוי שאַצט אָפּ די ביוראָ פון געגנטקאָם די לאַגע פון די איניאַנים אַפן אָרט. און בא אונדז קומט אַפן פּלענום פון שטאָטקאָם פון דער פּאַרטיי אַפילע אַזא דורכקאָנטראָלירטער, זאַכלעכער טוער, ווי דער כאַוועד קוצאַוו, דער סעקרעטאַר פון א ראַיקאָם אינעם גרעסטן זאַוואָדישן ראַיאָן, ניט האַלטנדיק פאַר נייטיק צוצוגרייטן זיך ווי געהעריק.

ווי דאָס טרעפט ניט זעלטן אין אַזעלכע פאַלן, איז קוצאַוו געשטאַנען בייס דעם איבערייַס אָפּגעזונדערט פונעם אוילעם, אויסגעזען האָט ער ניט פריילעך, דאָס פּאָנעם פאַרוואָלקנט. באַ־מערקט דאָס, בין איך צו אים צוגעגאַנגען:

— פייַן האָב איך דיר אַריינגעזאָגט?

— שוין איינמאָל... איך ווינטש דאָס קיינעם ניט.

— אָבער דאָך אויך אונטערגעהאַלטן!

איך געדענק ניט, וועגן וואָס איך האָב נאָך גערעדט מיט אים, נאָר דאָ איז וויכטיק גע־ווען געבן צו פאַרשטייַן די מענטשן, אַז אונדזערע באַציונגען האָבן זיך ניט געענדערט: יאָ, די קריטיק איז געווען א גאַנץ שאַרפע, אָבער אָט שטייען מיר דאָך און פירן א פרייַנטלעכן שמועס — ווי מיר זייַנען געווען כאַווירים, אַזעלכע זייַנען מיר פאַרבליבן.

10

דערמאָנענדיק זיך מייַן אַרבעט אין יענע יאָרן, איבערקלייַבנדיק אין זיקאָרן א סאַך באַ־געגענישן מיט מענטשן, זע איך, אַז איך האָב געשאַצט אין זיי קודעמקאָל די אייַנגעשפּאַרט־קייַט, זעלבשטענדיקייַט פונעם געדאַנק, קאָמפּעטענטקייַט, דאָס פאַרשאַרפטע געפיל פאַר נייַעם, דאָס קענען באַצייַטנס באַמערקן און אונטערהאַלטן די איניציאַטיוו און די שאַפונג פון די מאַסן. איך דאַרף באַמערקן, אַז אויך הייַנט זייַנען די דאָזיקע אייגנשאַפטן, דער דאָזיקער, אויב איר ווילט, טעטיקייַט־סטיל נייטיק מער פאַר אַלץ. עס איז וויכטיק ביזן סאָף אויסלעבן פון דער פּראַקטיק פון דער ווירטשאַפטלעכער אָנפירונג די איבערסטראַכירונג און פאַרשלעפּעניש, די אומנייטיקע ווענדונגען אין די העכערשטייענדיקע אינסטאַנצן וועגן אומבאַדייַטנדיקע פראַגן, די שטרעבונג אַרויסצודרייען זיך פון פאַראַנטוואָרטלעכקייַט, אַריבערלייגן זי אַף פרעמדע אַקסלען. ליידער, קומט אויס צו טרעפן זיך דערמיט.

אין מייַן פּראַקטיק האָב איך זיך באַמיט צו אונטערהאַלטן די דענקענדיקע, דרייסטע, פאָרגעשריטענע מענטשן. איך האָב געוווּסט, אַז דאָס וועט דעקן די הויצאָעס אין הונדערט מאָל. א געוויסע צייַט, לעמאָשל, איז אינעם גאַנצן דניעפּער־קאַנט געווען א שמאָל אָרט די פּוטעראָווקע פון די דאָמנע־אויוונס.[1] זיך דערוווּסט, אַז די אַרבעטער פון אי. פּ. קאַרפּאַטשאָוואָס בריגאַדע, וועלכע אַרבעטן אַף די פייַערשטאַנדהאַפטיקע מאַטעריאַלן, שטייַגן קעסיידער איבער

[1] באַדעקן זיי פון אינווייניק מיט א פייַערשטאַנדהאַפטיקן מאַטעריאַל (איבערז.).

די נאָרמעס, בין איך אוועק צו זיי. געטראָפן די אַרבעטער אַפן דעק פונעם האָרן פון דער דאַמבע. מיר האָבן זיך געזעצט, פאַררייכערט, זיך צערעדט.

— אויוונס לייגן מיר אויס פאַרשיידענע, — האָט אויספירלעך געגומען דערציילן קאַרפּאַטשאָוו. — מאַרטען־אויוונס, באַווארעמונגס־אויוונס, אויוונס אַף צו פּאַרהאַרטעווען, ברען־אויוונס. א סאַך אַזעלכע זײַנען פאַראַן אין דער אינדוסטריע, און קימאַט אַלע דאַרף מען זיי פוטערירן. דאָס זײַנען נאָך ניט די סאַמע קאָמפּליצירטע.

— און דאַמנעס אַליין האָט איר וויפל אויסגעלייגט, איוואַן פּיאָדראָוויטש?

אים איז אויסגעקומען צו פאַרבייגן די פינגער, אַזויפיל זײַנען זיי געווען אין קושווע, ניזשני טאַגיל, קוזנעצק, זאַפּאַראָזשיע... איך וועל אַגעוו באַמערקן, אַז אַזעלכע געשפּרעכן דאַרף מען פירן ניט געאײַלט, מאַכן זיי כאַפּ־לאַפּ טאָר מען ניט. נו, ס'הייסט, איך האָב קיין צײַט ניט, דערלאַנגט גיכער, נעענטער צום איניען! און אויב עס האָט זיך אײַנגעגעבן געווײַנלעך צו געפינען מיט די אַרבעטער אָדער קאַלווירטניקעס א געמיינזאַמע שפּראַך, איז דאָס, אַפּאַנעם, דערפאַר, ווײַל זיי האָבן געזען — דער אינטערעס צו זייערע איניאַנים איז בא מיר ניט קיין געמאַכטער, און איך פלעג בעעמעס האַנאָען האָבן פון אַזעלכע באַגעגענישן.

מיט די זעלבע פּראָטים האָט קאַרפּאַטשאָוו דערציילט, ווי עס איז אָרגאַניזירט די אַרבעט, וועגן דער פּראָגרעסיוו־פּרעמיאַלער סיסטעם, וועלכע איז בא זיי אָנגענומען, וועגן די פאַרדינסטן פון דער בריגאַדע (די סומעס זײַנען, פאַרשטייט זיך, אָנגערופן געוואָרן לויטן אַלטן פּרײַזן־מאַסשטאַב).

— אָט נעכטן, — זאָגט ער, — האָב איך פאַרדינט פאַר א וואַכטע הונדערט פיר און פופציק רובל. די נאָרמע איז נײַן און זעכציק ציגל, און איך האָב אויסגעלייגט צוויי הונדערט פיר.

— אין דרײַ מאָל איבערגעשטיגן!

— קימאַט, — האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ דער בריגאַדיר. — מע קאָן אָבער אויך מער. טיכאָנאָוו האָט בא אונדז געגעבן דרײַ הונדערט פופציק פּראָצענט.

— און די קוואַליטעט? — האָב איך פאַרגעבן א פראַגע. — איר האָט דאָך אויסגעלייגט לעשטשאַד[1], די פאָדערונגען זײַנען דאָ די שטרענגסטע.

די אַרבעטער האָבן זיך איבערגעקוקט: זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן צו טאָן ניט מיט קיין פּראָפאַן. אויסלייגן לעשטשאַד האָט זיך פון שטענדיק אָן גערעכנט ניט בלויז פאַר א שווערער מעלאָכע, נאָר אויך פאַר א קונציקער. די נאָט צווישן די ציגל טאָר ניט זײַן מער פון א האַלבן מילימעטער. נאָך יעדן אַרבעטער, וואָס איז באַשעפטיקט מיטן פײַערשטאַנדהאַפטיקן מאַטעריאַל, גייט א קאָנטראָליאָר און קאָנטראָלירט די נעט מיט א ספּעציעלן זאָנד. גראָד אין דעם אָרט וועט זיך דאָך אָנזאַמלען דער צעשמאָלצענער מעטאַל.

— פינקטלעכקייט אינעם דאַזירן דאָס געמיש, — האָט געזאָגט קאַרפּאַטשאָוו, — דאָס איז דער הויפּט־סאָד. א געמיש נוצט מען בא אונדז א שיטערן, מיט א קעלמע וועסטו אים ניט אָוועקלייגן. יעדן ציגל מוז מען באַנעצן פון דרײַ זײַטן. א סאַך טונקען אים טאַקע דרײַ מאָל. און מיר האָבן זיך אויסגעלערנט צו באַגיין זיך מיט איין באַוועגונג.

ווען מע דרינגט אַרײַן אין טאָך פון די דערגרייכונגען פון די קונציקע באַלמעלאָכעס, באַמיט מען זיך, נאַטירלעך, צו טאָן אַלץ, אַז זייערע „סודעס" זאָלן ווערן אויס סודעס. אײַנגיכן האָבן די אינזשעניערן פון „סאַיוזטעפּלאָסטראָי" לויט מײַן פאָדערונג געהאָלפן אי. פּ. קאַרפּאַטשאָוון צו באַשרײַבן די מעטאָדן פון זײַן אַרבעט, און זיי זײַנען געוואָרן דאָס אייגנס פון א סאַך בריגאַדעס — סײַ אין זאַפּאָראָזשיער געגנט, סײַ אין דניעפּראָפּעטראָווסקער.

אַזעלכע באַגעגענישן זײַנען געווען א סאַך. ווען איך פלעג זיך שוין אַרויסרײַסן אַף א זאַוואָד אָדער א בויונג, בין איך שוין דאָרט פאַרבליבן אַף לאַנג און גערעדט מיט די מענטשן, ווי מע זאָגט עס, ניט פאַרבײַלויפנדיק. איך געדענק, ווי אַף דער שאַכטע „גיגאַנט" האָב איך זיך אָנגעטאָן אין א שאַכטיאָרישער ראָבע, אוועק איבער די שטרעקעס, זיך פאַרכאַפּט און אָפּגעווען מיט די שאַכטיאָרן א שאָ פינף אָדער זעקס. נאָכדעם איז לײַכט צו פאַרשטיין די שטימונגען, די אָנפראַגן, פעלערן פון די מענטשן.

אַפן זאַוואָד אַף פּעטראָווסקיס נאָמען, דעם גרעסטן אין דער געגנט, דער באַרימטער פּעטראָווקע, פלעג איך זײַן באַזונדערס אָפט. עס פלעגט טרעפן, אַז אין דער זאַוואָד־פאַרוואַלטונג פלעגט מען וואַרטן אַפן ערשטן סעקרעטאַר פון געגנטקאָם, גרייטן זיך צו זײַן קומען. נאָר איך פלעג גיין ניט אַהין, וווהין מע פלעגט מיך אײַנלאַדן, ווו מע פלעגט אַפילע דאָס סטעזשקעלע אויסקערן, נאָר פאַרקערעווען, לאָמיר זאָגן, צום אויוון, ווו אָרדענונג איז געווען

[1] לעשטשאַד — דער פּאָד (די דעק) אין א דאַמנע־אויוון (איבערז.)

גראַד ווייניקער. עס האָט געהאָלפֿן די דערפֿאַרונג פֿון אַ מעטאַלורג: אין דער יוגנט בין איך אַליין דורכגעגאַנגען אַף אַזאַ זאַוואָד שיר ניט אַלע שטופֿעס — פֿון אַ קאָטשעגאַר ביז אַן אינזשעניער.

געהאָלפֿן האָט דאָס אויך אינעם פּאַרקער מיט די אַרבעטער. אַ שמועס געטאָן מיט איין בריגאַדע, מיט אַ צווייטער, זיך געטראָפֿן מיט די מײַסטערס פֿון די דאָמנעס, מיט די שטאָל־קאָכערס, מיט די וואַלצערס, מיט זיי טאַקע געגעסן מיטיק אין דער זאַוואָדישער גאַרקיך. און וואָס זיי וואָלטן ניט געזאָגט אין אָפּיציעלער אומגעבונג, לייגן זיי דאָ אויס אַלץ מיט דער גאַנצער אָפֿנקייט. דערנאָך פֿלעג איך זיך געוויינלעך פֿאַרשפּאַרן אין עפּעס אַ קאַבינעט אַף אַ האַלבער שאָ, אַף אַ שאָ, אָנמערקן טעזיסן, און אין אָוונט בין איך גרייט געווען אַפֿן פּאַרטיי־אַקטיוו ניט בלויז שטעלן אַלגעמיינע אויפֿגאַבן, נאָר פֿאַרבינדן זיי מיט די קאָנקרעטע אומ־שטענדן אין דער געגעבענער אונטערנעמונג:

— לאָמיר, כאַווײרים, ריידן מיט אַן אָפֿן האַרץ. איך האָב אײַך אַרויסגעזאָגט אַלץ, וואָס איך טראַכט, איצט רעדט איר אויך, ווי אַרבעטער ריידן, אָפֿן. ווי זאָלן מיר פֿאַרבעסערן די זאַך? וואָס שטערט? ווו זײַנען אונדזערע רעזערוון?

די קריטיק אין אַזעלכע פֿאַלן איז געווען ניט קיין פּוסטע, נאָר אַ זאַכלעכע, הייסט עס, אַ קאָנסטרוקטיווע.

די לייענער קאָנען שטעלן אַ געזעצלעכע פֿראַגע: עס איז לײַכט געווען, זעט איר, צו דער־צײַען אַנדערע, און ווי פֿלעגט דער אויטאָר אַליין אויפֿנעמען קריטיק? איך וועל ענטפֿערן ערלעך: איך פֿלעג אויפֿנעמען שווער, אָבער אַנדערש קאָן דאָס, מיסטאַמע, ניט זײַן. קריטיק איז ניט קיין שאָקאָלאַדע, מע זאָל זי ליב האָבן. בלויז אַ לײַכטזיניקער, פּוסטער מענטש קאָן הערן פֿאַרוואָרפֿן, צושמייכלען און באַלד אַפֿן אָרט אַרויסוואַרפֿן אַלץ פֿון קאָפּ. איינמאָל איז מיר אויסגעקומען ספּעציעל צו באַרירן אָט די טעמע אַף אַ געגנטלעכער קאָמיוגישער קאָנ־פֿערענץ אין דניעפּראָפּעטראָווסק (אין פֿעוורואַל 1948). איך ווייס, מע האָט דעמלט גערעדט, אַז צווישן אונדז איז ניטאָ אַזאַ מענטש, וואָס זאָל זאָגן: איך קאָן ניט אָפּעסן קיין פּרישטיק, אויב קיינער האָט מיך ניט אַ קריטיקיר געטאָן. די קריטיק אָבער רופֿט אַרויס בײַ עמעצע באַל־שעוויקעס אײַנגעשפּאַרטקייט, פֿון אומצופֿרידנקייט ווערט געבוירן דרייסטקייט, אַ שטרעבונג צו אַרבעטן בעסער.

אין לעבן איז מיר אויסגעקומען צו הערן פֿאַרשיידענע באַמערקונגען, און ווי שווער עס פֿלעגט צומאָל ניט זײַן, פֿלעג איך זיך באַמיִען צו אויסגעפֿינען אין זיי דעם ראַציאָנעלן קערן, מאַכן ערנסטע אויספֿירן, וואָס פֿלעגט סאָפּקאָלסאָף ברענגען נוצן סײַ מיר אַליין, סײַ דער זאַך. אָבער די קריטיק פֿון אויבן נעמען, אַזוי אָדער אַנדערש, אַלע אָן, אַ סאַך קאָמפּליצירטער האַלט עס מיט דער קריטיק פֿון אונטן. עס טרעפֿט, דו הערסט אַ בייזן רעדנער און כאַפּסט זיך אַפֿילע אַליין, אַז ער איז דיר דערווידער: „סאַראַ שלאַק דאָס איז, אונטער אַלץ גראָבט ער זיך!" אָבער אָוועקלייגנדיק די האַנט אַפֿן האַרצן, קאָן איך זאָגן: עס איז ניט געווען קיין איין פֿאַל, איך זאָל נאָך אַזעלכע אַרויסטרעטונגען בענעגייע מיר ענדערן מײַן באַציִונג צום מענטשן. שטענדיק פֿלעגט עס בלײַבן אָן פֿאַלגן.

אין דניעפּראָפּעטראָווסק האָבן זיך מיר באַזונדערס פֿאַרגעדענקט די קריטישע רעדעס פֿונעם סעקרעטאַר פֿון אַקטיאַבערישן ראַיקאָם פֿון דער פּאַרטיי ניקאָלײַ ראָמאַנאָוויטש מיראָ־נאָוו. דאָס איז געווען אַן אָריגינעלער מענטש, אַ דרייסטער, ער איז פּרינווויליק אַוועק אַפֿן פֿראָנט פֿונעם פֿינפֿטן קורס פֿון אוניווערסיטעט, אויסגעצייכנט זיך געשלאָגן, שווער פֿאַרוווּנ־דעט געוואָרן, נאָר פֿאַרבליבן אַ פֿריילעכער. יאָט, אַ גוטער ספּאָרטסמען. בײַ אונדז האָט ער געאַרבעט אין גרויסן ראַיאָן פֿון הירכשולון, און, לאָמיר זאָגן, די אויפֿשטעלונג פֿונעם סטודענטן־פֿאַלאַץ איז געווען זײַן איניציאַטיוו. איז אָט, מיראָנאָוס אַרויסטרעטונגען אַף אונדזערע קאָנ־פֿערענצן האָבן אויך זיך אויסגעצייכנט מיט דרייסטקייט, שאַרפֿקייט אינעם שטעלן די פּראָ־בלעמען. און אויב ער האָט גערעדט וועגן די בלויזן אין דער אַרבעט פֿונעם שטאָטקאָם אָדער געגנטקאָם פֿון דער פּאַרטיי, האָט ער ניט געפּראָוועט קיין דיפּלאָמאַטישע שטיק, ניט געזוכט קיין אַרומגעטאַקטע אויסדרוקן, נאָר אָנגערופֿן די נעמען פֿון די קאָנקרעטע טוער, דערונטער אויך מײַן נאָמען.

וואָס קאָן מען דאָ זאָגן? איך האָב געהערט אַזעלכע אַרויסטרעטונגען, און מיר האָט גע־דוכט, אַז ניט אין אַלץ זײַנען זיי יוישערדיקע, איך אַליין האָב דאָך אויך פֿונעם ערשטן טאָג אָן געשטעלט די דאָזיקע פֿראַגן, געקעמפֿט פֿאַר דעם, וואָס די רעדנער פֿאָדערן. אָבער, האָב איך געטראַכט, אויב זיי ריידן יאָ וועגן דעם, הייסט עס, אַז איך האָב זיך נאָך ניט דערשלאָגן. פֿון אַ זײַט זעט מען בעסער. דערצו איז מיר געווען קלאָר, אַז מיראָנאָוו וויל אויסבעסערן די זאַך, לעבט פֿאַר איר איבער, בלויז דערמיט ווערט דיקטירט זײַן קריטיק, און דעריבער איז

מײַן באַציִונג צו אים פאַרבליבן ניט בלויז פּאַשעט א גוטע, נאָר, איך וואָלט געזאָגט, א פרײַנטלעכע — סײַ אין דניעפּראָפּעטראָווסק, סײַ שפּעטער אין מאָסקווע, ווען ניקאָלײַ ראַמאַנאָוויטש איז אריבער אַף ארבעט אינעם אפּאַראַט פון צק קפּסס, — סאַמע ביז זײַן טראַגישן אומקום אין אַן אוויִאַציע־קאַטאַסטראָפע.

איצט וועל איך באַווײַזן (לויט א סטענאָגראַם), וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן אינעם ענטפער אַף דער קריטיק, לאָמיר זאָגן, אַף דער געגנטלעכער פּאַרטיי־קאָנפערענץ אין 1948:

„כ א וו. ב ר ע ז ש נ ע וו: איך האָב אופמערקזאַם אויסגעהערט אלע ארויסטרעטונגען און איך וועל קיין טאָעס ניט האָבן, אויב איך וועל זאָגן, אַז די קריטיק האָט דעם אָדער אַנדערן מיטארבעטער, דעם אָדער יענעם טוער פון אונדזער געגנטלעכער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פאַרשאַפן געוויסע אומאַנגענעמלעכקײַטן. איך דאַרף זאָגן, אַז אין א סאַך פאַלן האָב איך די דאָזיקע קריטיק אופגענומען אַף מײַן אדרעס און אויך איבערגעלעבט, מיר דאַרפן אָבער פון דער דאָזיקער קריטיק מאַכן פאַר זיך אויספירן. בא אונדז, בא באָלשעוויקעס, דאַרף אָט די אומצופרידנקײַט, אָט דער אינערלעכער אומרו, פון זײַן זײַט, ארויסרופן איניציאַטיוו, ענערגיע אין דער ארבעט, א פאַרלאַנג צו פאַריכטן וואָס גיכער די בלויזן, וועלכע זײַנען קריטיקירט געוואָרן. איך פּערזענלעך מאַך פאַר זיך בלויז אזא אויספיר".

מע דאַרף ניט מיינען, אַז דער שלאַל קריטישע באַמערקונגען ריידן וועגן דעם שלעכטן צושטאַנד פון די איניאַנים. די פּאַרהעלטעניש איז גראָד א פאַרקערטע: וואָס מער עס איז פאַראַן אָפּענע, דירעקטע קריטיק, אַלץ בעסער גייען די איניאַנים. די האָרעפּאַשניקעס פון דניעפּראָפּעטראָווטשינע האָבן מיט דערפּאָלג פאַרענדיקט דעם פערטן פינפיאָר־פּלאַן פון אופשטעלן און אנטוויקלען די פאָלקסווירטשאַפט. די פּאַרזיי־שעטעכן אין אונדזער געגנט זײַנען געוואָרן גרעסערע איידער די פאַרמילכאַמעדיקע. פּעטראָווקע, דזערזשינקע און א סאַך אַנדערע זאַוואָדן האָבן אויך איבערגעשטיגן דעם פאַרמילכאַמעדיקן פּראָדוציר־ניוואָ. די שאַכטעס פון קריוואָראָזשיע און ניקאָפּאָל זײַנען אופגעשטעלט געוואָרן און האָבן באַזאָרגט מיט ארץ די מעטאַלורגיע פונעם דאָרעם און פונעם צענטער פון לאַנד. די ווונדן, וועלכע די שווערסטע פון די מילכאָמעס האָט דעם בײַדניעפּער־קאַנט, זײַנען פאַרהיילט געוואָרן.

דעם עטאַפּ פונעם ווידערגעבורט פון דער פאָלקסווירטשאַפט האָבן מיר, קאָן מען האַלטן, פאַרענדיקט צום יאָר 1950. צו דער רעשימע פון די איניאַנים פונעם ערשטן סעקרעטאַר פון געגנטקאָם, וועלכע זײַנען לאַכלוטן ניט געוואָרן קירצער, זײַנען צוגעקומען נײַע אינטערעסאַנטע איניאַנים. איך געדענק, ווי ביז אזייגער צוויי באַנאַכט זײַנען געזעסן בא מיר די אַקטיאָרן פונעם טעאַטער אַף שעווטשענקאָס נאָמען. זיי האָבן דערקלערט, פאַרוואָס איז ניטאָ קיין קלאַסיק אין זייער רעפּערטואַר, זיך געקלאָגט, אַז עס איז זייער שווער מיט דעקאָראַציעס, עס פעלן אויס קאָסטיומען, און אין אַלץ איז אויסגעקומען אַרײַנצודרינגען, ארויסווײַזן זיי הילף. אין 1949 זײַנען בא אונדז דורכגעפירט געוואָרן אלפאַרבאַנדישע פאַרמעסטונגען פון וואַסער־ספּאָרט, זאָרגן אַרום זיי זײַנען אויך געווען א סאַך, נאָר אזעלכע זאָרגן, וואָלט איך געזאָגט, האָבן ניט אויסגעמאַטערט, פאַרקערט, זיי האָבן געפרייט. הייסט עס, ס'איז געקומען פאַר זיי די צײַט, און מענטשן ציִען זיך צו קולטור, קונסט, ספּאָרט, — דאָס איז אויך א באַווײַז פונעם ווידערגעבורט. ווען עס פלעגן זיך אויסגעבן פרײַע שאָען, פלעג איך צומאָל אליין צופאָרן אַפן סטאַדיאָן. א באַזונדער אינטערעס פלעגן ארויסרופן די מאַטשן פון די לאַנגאַניקע קאָנקורענטן, די פוטבאָל־קאָמאַנדעס פון זאַפּאָראָזשיע און דניעפּראָפּעטראָווסק — „מעטאַלורג" און „סטאַל". און, זאָגנדיק ערלעך, פלעג איך באַגלײַך „קרענקען" פאַר יענע און פאַר די אַנדערע.

אין מײַן קאַבינעט פלעגן אַלץ אָפּטער זיך באַווײַזן ארכיטעקטאָרן מיט זייערע פּראָיעקטן, קינסטלער מיט עסקיזן פון דער אויספורעמונג, רעזשיסערן פון אמאַטאָרן־קונסט, רעקטאָרן פון הויכשולן, ספּאָרט־מײַסטערס, געלערנטע, פּעדאַגאָגן, דאָקטוירים. איך וועל צוגעבן צו דעם, אַז אין יענער צײַט האָב איך זיך באַגעגנט מיטן אָנגעזעענסטן אָנפירער פון די טשעכאָסלאָוואַקישע קאָמוניסטן קלעמענט גאָטוואַלד. עטלעכע שאָ האָבן מיר פאַרבראַכט אין א כאַווערישער אַטמאָספער, ער האָט זיך מיט מיר געטיילט מיט די פּלענער פון אנטוויקלען די סאָציאַליסטישע טשעכאָסלאָוואַקיע, איך האָב גערעדט וועגן פאַרטיפערן די פרײַנטשאַפט צווישן אונדזערע פעלקער, דערמאָנט, ווי איך האָב זיך באַטייליקט אינעם באַפרײַען פּראַג.

הײַנט גייען אזעלכע באַגעגענישן — מיט די פרײַנט פון די סאָציאַליסטישע לענדער, מיט די געסט פון די זיך אנטוויקלענדיקע לענדער, מיט די פאָרשטייער פון די קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס — אַלץ ברייטער ארײַן אין דער פּראַקטיק פון די אָנפירער פון די געגנטלעכע פּאַרטיי־קאָמיטעטן, און זיי אליין פאָרן אַלץ אָפּטער ארויס קיין אויסלאַנד, און דאָס מאַכט זייער

ארבעט נאָך וויכטיקער פאַר דער פּאַרטיי און פאַרן לאַנד. פון דער אייגענער דערפאַרונג האָב איך פאַרשטאַנען, ווי פיל עס איז אָפּהענגיק פונעם ערשטן סעקרעטאַר פון א געגנטקאָם, סאַרא קאָמפּליצירטער, שווערער און פאַראַנטוואָרטלעכער, וואָלט איך געזאָגט, פּאָסטן דאָס איז אין אונדזער פּאַרטיי.

* * *

באַטראַכטנדיק מײַן וועג, דערמאָנענדיק זיך די יאָרן, וועלכע זײַנען אײַנגאַנצן אָפּגעגעבן דעם בײַדניעפּער־געביט, קאָן איך זאָגן, אַז איך בין דעמלט צום צווייטן מאָל געוואָרן א קאַרעוו מיטן וווּנדערלעכן קאַנט פון מעכטיקע אונטערנעמונגען און בליענדיקע פעלדער. עס איז פרײדיק, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו אַרבעטן צוזאַמען מיט די אַרבעטער, קאָלווירטניקעס, בויער, אינזשעניערן, אַגראָנאָמען, געלערנטע פון דער דאָזיקער געבענטשטער ערד.

„ווּ איך בין געבוירן געוואָרן, דאָרטן האָב איך געטויגט״ — זאָגט א רוסיש שפּריכוואָרט.[1] הײַנט איז עס, קאָן מען זאָגן, פאַרעלטערט. הונדערטער טויזנטער, מיליאָנען סאָוועטישע פּאַטריאָטן פאָרן אַוועק לויטן רוף פון דער פּאַרטיי פון זייער שוועל, קעדיי נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אינעם איבערשטאַלטן דאָס לאַנד, אינעם בויען דעם קאָמוניזם. און צוויי מאָל א לײַבלעכע, א באַזונדערס טײַערע ווערט פאַר זיי די ערד, מיט וועלכער זיי האָבן איבערגעלעבט די שוועריקייטן און די גרויסע ניצחונעס, אַף וועלכער זיי האָבן געאַרבעט, צו וועלכער זיי האָבן, ווי מע זאָגט, צוגעלייגט זייערע הענט.

און איך אויך, ווען מיר קומט אויס צו זײַן אין די היים־ערטער, קוויק איך זיך ניט פּאַשעט מיט דער שיינקייט פון די דניעפּער־ברעגן, נאָר איך דערמאָן זיך: אָט דער וועג איז דורכגעלייגט געוואָרן נאָך אין מײַן צײַט, און אָט דער קולטור־פּאַלאַץ איז געבויט געוואָרן, ווען איך בין דאָרט געווען, און אָט די זאַוואָדן, עלעקטראָסטאַנציעס, שאַכטעס, און אָט די שטאָטישע גאַסן, און די קאָלווירטישע דערפער — אין זיי איז פאַראַן א קיילעק פון מײַן מי, פון מײַנע מאַכשאָוועס, פון מײַנע אומרוען, שלאָפלאָזע נעכט...

---

[1] אין רוסיש ווערט דאָס שפּריכוואָרט אויסגעלייגט אַזוי: «где родился, там и пригодился» (איבערז.)

אווראַם גאַנטאַר

פֿונעם בוך „דער מאָרגנשטערן"

וועגן

ווער קאָן דען אויסציילן די וועגן,
וואָס איך בין נאָך ניט דורכגעגאַן,
און כ'ווייס ניט, ווען זאָל איך פרעגן,
צי איז א וועג אזא פאַראַן,

און אומגעשטערט פון אַלץ געניסן,
אָן ווילדער נאָגעניש, אָן פּײַן,
אין קרײַז פון ווילטיק זיך פארשליסן
און גליקלעך זײַן, און גליקלעך זײַן.

וואָס איז דער לעצטער, דער געגאַרטער,
וואָס שמידט אָף אײביק צו דעם בליק,
איך זאָל פון דאָרטן, א פאַרנאַרטער,
ניט זוכן מער קיין וועג צוריק.

ניין, ניין, כ'בין מויכלו! בעסער בלאָנקען
און זוכן, וואָגלען אײַנגעשפּאַרט.
ניטאָ קיין גליק, אויב ס'איז געשאָנקען,
אויב האָסט אליין עס ניט געבראַכט.

איך וועל נאָך מער באַקומען

קיין זאַך געהערט ניט מיר,
איך האָב דאָס לאַנג באַנומען,
אויב עפּעס־וואָס כ'פאַרליר,
וועל איך נאָך מער באַקומען.

אויב ס'איז מײַן וואָרט דיר ליב,
אויב דיר איז ליב מײַן גלויבן,
איז נעם עס, נעם, איך גיב —
דו וועסט מיך ניט באַרויבן.

אויב דאַרפסט מײַן האַרץ, מײַן מוי'ך,
אויב דאַרפסט מײַן לײַב־און־לעבן,
אָן צווייפלעניש כ'וועל אויך
דאָס אַלץ, מײַן היים, דיר געבן.

די וועלט האָט אירע דראַכים

איך בין ניט קליגער פון דער וועלט —
קיין אויסנאַם, קיין מעיוכעס,
דאָך טרעפט אמאָל, אז מיר געפעלט
פאַרקערט טאָן, אפּצולאָכעס.

איך אַקשן זיך — כאָטש ביסט גערעכט,
און טײַנע: — ס'איז א ליגן!
מיט זיך אליין אין דעם געפעכט
כ'בין גרייט אָף טויט זיך קריגן.

איך לאַך, ווען ס'שטיקט א בייזע טרער,
ווען ס'רעגנט, כ'גיי שפּאַצירן.
כ'בין האָפּעדיק, ווען ס'ווערט מיר שווער —
איך האָב ניט וואָס פאַרלירן.

נאָר שפּעטער כ'זאָג צו זיך אליין:
— וואָס ראַנגלסטו זיך, כאָכעם?!
האָסט שוין פון לאַנג געמעגט פארשטיין —
די וועלט האָט אירע דראַכים.

לויטן אײַנגעשטעלטן סיידער

די ערד איז שווארץ און שווײַגט קעסיידער,
נאָר טראָגט געטרײַ איר פליכט,
און לויטן אײַנגעשטעלטן סיידער
דעם כעזשבן פירט.

אום ווינטער גרייט זי אין די טיפן
איר זאַפט, וואָס יוירט, ווי ווײַן,
ווען ס׳וועט דער פראָסט־טוי נעמען טריפן,
זאָל ער שוין פארטיק זײַן.

דערקוויקן וועט אָט די רעפוע
דעם בוים, דאָס גראָז, דעם קוסט,
די דרעמלענדיקע שוואכע טווע,
דעם זאנג, וואָס איז נאָך פוסט.

די ערד איז שווארץ און שווײַגט קעסיידער
און טראָגט איר פליכט געטרײַ.
און לויטן אײַנגעשטעלטן סיידער
פארבלײַבט זי שטענדיק נײַ.

די וועלט איז שטענדיק גוט

1

קעסיידער גיי איך אום פארגאַפט,
ווי זײַן כ׳וואָלט ערשט געבוירן.
דאָס אויג איז אָנגעשטרענגט, פארשארפט
און אָנגעשפיצט די אויערן.

און אלץ איז נײַ, און אלץ איז פריש,
און ס׳איז ניט גרינג באנעמען
פון וואר און כאָלעם דעם געמיש,
וואָס האלט מיך, ווי אין קלעמען.

מיר דאכט, דער שניי איז דינער האפט,
דער ווינט איז בעגילופן.
אויב שיקרעס הייסט אויך זײַן פארגאַפט,
איז זאָל מיך גאָט ניט שטראָפן.

2

כ׳וועל שטענדיק בלײַבן א באלכויוו
דעם יאַם, דעם פעלד, דעם וואלד,
דעם שפערל און דער ווילדער טויב,
וואָס אפן דאך זיך האלט.

אָן דעם, וואָס האָט געלעבט נאָך פרי־ר,
אָן דעם, וואָס בליט אצינד,
אָן דעם, וואָס ליב איז מיר און דיר,
כ׳וואָלט שטום געווען און בלינד.

דאָך טרעפט, אז אלץ מיר נימעס ווערט,
עס ווערט די וועלט מיר קליין.
נאָר איך פארשטיי — כ׳בין ניט גערעכט,
אז שולדיק כ׳בין אליין.

איך טרײַב דעם וויי, פארבײַס די ליפּ,
כאָטש ס׳קאָכט און ברויזט דאָס בלוט.
איך בעט דיך, טײַערע, פארגיב,
די וועלט איז שטענדיק גוט.

הימלדיקע יאַמען

אויב האָסט קיין יאַם ביז איצט ניט געזען,
דאַן טו אַ קוק אין הימל־טיפן.
דער הימל איז אַמאָל, געוויס, אַ יאַם געווען —
דו זעסט, דאָרט שווימען זעגל־שיפן.

זיי זוכן ניט קיין האַפן, ניט קיין היים,
זיי זײַנען, ווי מײַן דימיען, וואַנדערער.

די גרויסע וועלט איז פאַרן דימיען קליין,
דערפאַר־אָ זוכט ער וועלטן אַנדערע.

דער ערשטער אַסטראָנאַווט אין טיף פון רוים
געווען עס איז מײַן אורזיידע, מיסטאַמע.
זײַן שטרענגן מישפּעטער, זײַן גאָט,
ער האָט אין טרוים
געפונען אין די הימלדיקע יאַמען.

שלעסער אַף זאַמד

עס טרעפט אַמאָל, אַז אַלע געטער
אין איין מינוט פאַרלירן זייער קראַפט.
דו בלײַבסט צעטומלט און פאַרגאַפט,
ווי דו אַליין געווען וואָלסט אַ פאַרעטער.

דעם ציטער פון דער גלײַענדיקער הויט
כ׳וועל צווינגען זיך פאַרגעסן,
צעוואַלגערן די אויסגעטרוימטע שלעסער,
וואָס כ׳האָב אַף זאַמד געבויט.

נאָר ס׳וועט דעם מוי׳ך ניט אָפּסאַמען דער
ווײ —
כ׳וועל אויסמײַדן דעם וועג־און־שטעג,
וואָס פירן צו דעם הויז פון צוויַעס,
דעם טאַם פאַרגעסן פון די אָפּגעסאַמטע טעג,
די האַלב־פאַרמאַכטע צניעסדיקע ווייַעס.

כ׳וועל סײַוויסײַ אין פרײַנטשאַפט גלויבן,
וואָס קילט און וואַרעמט, ווי דער ערשטער
שניי,
וואָס בלענדיק מאַכט די שײַן אין מײַנע אויגן.

אירפּען

צוגן אײַלן דאָ פאַרבײַ,
רוישנדיקע, פלינקע.
יאָר נאָך יאָר איך קום אָפּסנײַ
אין דעם גרינעם ווינקל.

און די פליגעלעך אין וואַלד
פרייען זיך און זשומען.
מיט אַ שׂימחה, מיט אַ גוואַלד
טרעפן זיי מײַן קומען.

זיי צעבײַסן מיך פאַר פרייד —
רײַסן פאַשעט שטיקער.

ווי איר זעט זיי — זיי — קליינערהייט —
ווער איך פון זיי שיקער.

צוגן אײַלן אין אירפּען
האַסטיקע און שנעלע.
כ׳האָב אין לעבן פיל געזען —
דו ביסט מיר געפעלן.

מיט דײַן טײַך און מיט דײַן גראָז,
מיט די שטעגן־וועגן.
כ׳ווייס אַליין גאָר ניט פאַרוואָס,
אויב מע זאָל מיך פרעגן.

וואָס האָט געטראָפן

דו כידעשסט זיך, דו ווייסט ניט וואָס
עס האָט אונדז געטראָפן?
דאָס ערשטע פרעסטל איז אין גראָז
אַ גאַנצע נאַכט געשלאָפן.

און כאָטש עס איז צעגאַן קאַיאָר,
איז דאָך אַ פלעק געבליבן...
גענוג! ס׳איז קלאָר, ס׳איז אַלץ שוין קלאָר —
וואָלסט בעסער שוין געשוויגן.

שטילקייט

פון אָט דער שטילקייט קאָן מען ווערן טויב!
און איך האָב מורא טויב צו ווערן.
דו וועסט א רוף טאָן מיך, איך ווייס, איך גלויב,
ווי זשע וועל איך עס דײַן קאָל דערהערן?

נאָר ווי די נאַכט ניט זײַן זאָל כוישעך־שוואַרץ,
דאָך פּיקט זי דורך א הייסער שטערן.
אויב איך וועל טויב ווערן, דאַן וועט מײַן האַרץ
דײַן רוף דערהערן.

* * *

כ'בין ניט אַזוי פראָסט, ווי דו מיינסט,
נאָר כ'וויל זיך מיט דיר גאָרניט שפּאַרן,
דו לאַכסט, נאָר איך ווייס, אז דו וויינסט —
דו וועסט מיך ניט נאַרן.

ניט איינמאָל דאָס לײַב און דאָס בלוט
געבריט האָט די קעלט און דאָס פײַער.

און ווײַל איך געדענק עס נאָך גוט,
עס קאָסט מיך דײַן וויי אזוי טײַער.

כ'בין ניט אַזוי פראָסט, ווי דו מיינסט,
און דאַרף דײַנע סודעס ניט וויסן —
ווי שטענדיק דאָס גוטס און דאָס בייז'ס
וועסט ווידער פאַרטרויען דער קישן.

* * *

כ'וועל בענטשן דיך, איך וועל דיך לויבן
און רימען אָן אָן ענד —
דעם פלאַם פון דײַנע הייסע אויגן,
דעם סאַמעט פון די הענט.

די לויטערקײַט איך וועל געדענקען
ביז ווייטעק אינעם ביין,
און אייביק כאַלעמען און בענקען,
ביז ס'וועט מײַן טאָג פאַרגיין.

אַלץ וועט זײַן מיר ניכע

דאָס אויג קאָן אָפּנאַרן אַמאָל
און דער געהער פאַרפירן,
און פאַלשעווען עס קאָן דאָס קאָל,
דו זאָלסט דעם קאָפּ פאַרלירן.

דער שטים פון האַרצן שטענדיק כ'טרוי,
כאָטש דאָ כ'בין אויך ניט זיכער.
איך ווייס דערפאַר אָבער גענוי,
אז אַלץ וועט זײַן מיר ניכע.

קידער־ווידער

— וואָס כמורעסטו די ברעמען, זאָג?
ס'איז הײַנט א זוניק־העלער טאָג
און ס'וועט ניט גיין קיין רעגן.

— דו רעדסט שוין ווידער אַלץ פאַרקערט:
„אַליין געזען, אַליין געהערט..."
ס'איז ניט געשטויגן, ניט געפלויגן.

— איך ווייס אָן דיר, ס'וועט גיין,
ס'וועט גיין, — — — — — — — — — — — —

און שפּאַר זיך ניט, איך ווייס אַליין.
מע וועט בא דיר ניט פרעגן.

— יאָ, יאָ, מײַן ליבע, ביסט גערעכט,
איך האָב א דונער ערשט געהערט.
דער הימל האָט מיט וואָלקנס זיך פאַרצויגן.

ווען אין דײַן אויג עס שטייט א טרער —
איך זע א בליץ, א דונער כ'הער,
און כ'דאַרף שוין גאָרניט פרעגן —
אָט באַלד וועט גיין א רעגן...

דאָס רעדעלע עס דרייט זיך

צי ביסטו דאָ, צי שוין ניטאָ,
דאָס רעדעלע עס דרייט זיך.
איז כּײַ־געלעבט א ליאַדע שאָ,
געהוליעט און געפרייט זיך!

דער קראַנקער קרעכצט, ער מאַכט א גוואַלד
און כאַפּט זיך פאַרן רוקן.
קוים ווערט אים גרינגער, אײַלט ער באַלד
דעם טעלעוויזאָר קוקן.

איז כּײַ־געלעבט כאָטש א מינוט,
ס'וועט זײַן נאָך צײַט צו שטאַרבן.
די וועלט איז שיין, די וועלט איז גוט
מיט אַלע אירע קאַרבן.

האַרבסט

דער טאָג עס ווערט שוין קלענער
און קילער דער פאַרנאַכט.
אַז אַלץ זאָל ווערן שענער,
דער האַרבסט האָט צוגעטראַכט:

דאָס גראָז זאָל גיכער וויאַנען,
דער דעמב זאָל גיין אין גאָלד,
די גערטנער און באַשטאַנען
מיט געל און גרוי באַמאָלט;

דעם ווינט געהייסן הוילן,
די ערד צעווייקט, פאַרפלעקט.
די וואָלקנס שטרענג באַפוילן:
— די זון אין הייך פאַרדעקט!

די קרוין פון גאָלד פאַרלאָרן —
דער דעמב עס שטייט פאַרשטיינט.
און ס'האָט דער האַרבסט פאַר צאָרן
אַליין זיך שטאַרק צעוויינט.

פונדאַנען הייבט זיך אָן די וועלט

די שטילקײַט וואַקסט דאָ מיטן ווייץ צוזאַמען,
וואָס האָט דערגרייכט שוין ביז די קני.
אין קילע מינענדיקע פלאַמען
פון הימל קומט דער אײַנדערפרי.

ער טוט א גלעט די יונגע זאַנגען,
מיט גיבן גאָלד — א לײַכטן שמיר.
א ווינט נעמט מיטן ווייץ זיך ראַנגלען,
וואָס בײַט אָן אופהער דעם קאָליר.

און קוואַליעס הייבן אָן צו יאָגן —
צום האָריזאָנט עס אײַלט דאָס פעלד.
פונדאַנען קומען די פאַרטאָגן,
פונדאַנען הייבט זיך אָן די וועלט.

הערשל פּאָליאַנקער

דער לערער פון מעדזשיבאָזש

ראָמאַן

די מאַשין איז קאַליע געוואָרן

עליען האָט זיך שוין אָנגעהויבן דוכטן, אז ער איז טאַקע פאַרקישעפט פונעם טויט. דאָס, וואָס זייַן שווערע דאָליע האָט אים צונויפגעפירט מיט אָט דעם שאָפער האַנס איינאַרדן, איז געווען ווי אַן עמעסער נעס. יענער איז אים פאַרלאָפן אַלע וועגן און אים געראַטעוועט פון פיל צאָרעס.

אין עק פון די קאָלאָנעס, וואָס האָבן זיך באַוועגט אַלץ טיפער אין לאַנד, אַף מיזרעך, האָט זיך געשלעפט די ווירטשאַפט־קאָמאַנדע, און די פאַרוווּנדעטע זייַנען געווען ווי אַ בעלמע אַף אַן אויג. דאָך, אַז מע האָט זיי געפירט מיט זיך, האָט האַנס געזען, מע זאָל ערגעץ ניט איבערלאָזן זייַן גוטן שאָכן, באַ וועלכן די וווּנדן האָבן זיך פאַרהיילט זייער פּאַמעלעך.

פאָרזעצונג. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד” נומ. 7, 1978.

האנס האָט זיך צעשיידט מיט זײַנע מיליצעס, זיך ווידער געזעצט צום רודער אַף זײַן מאַ־שין און געפֿירט דעם שעף, מיט וועלכן ער איז געווען אין גאָר גוטע באַציִונגען. ווי נאָר ער האָט געקאָנט, האָט ער אַרײַנגעוואָרפֿן א גוט וואָרט וועגן אַט דעם פֿאָלקסדויטש ערנסט גרוי־שקאַ.

עמיל שמוץ, דער אָבער־לייטענאַנט, האָט זיך אַלץ אָפֿטער געווענדעט צו ערנסטן, ווען מע האָט געדאַרפֿט עפּעס איבערזעצן. יענער האָט ניט געהערט צו די גאָר גרויסע העלדן, און ווען מע האָט זיך אָפּגעשטעלט ערגעץ אין א דאָרף און מע האָט געדאַרפֿט ריידן מיט דער באַפֿעלקערונג, האָט ער געשיקט דעם איבערזעצער. ער האָט זיך אַלץ מער און אָפֿטער פֿאַר־לאָזט אַף אים און געווען זיכער, אַז דער איבערזעצער וועט אים ניט אונטערפֿירן.

און יענער האָט אים טאַקע ניט אונטערגעפֿירט.

אין אָנהייב אָסיען האָבן די סאָוועטישע דיוויזיעס אין דאָנבאַס אָפּגעשטעלט דעם אָנגריף, געצוווּנגען דעם פֿײַנט זיך פֿאַרגראָבן אין דער ערד. באַם אָבער איז שטאַרק קאַליע געוואָרן די שטימונג. ער האָט פֿאַרשטאַנען, פּונקט ווי א סאַך אַנדערע זײַנע קאָלעגן, אַז דאָס איז דער אָנהייב פֿון דעם סאָף. אויב עס וועט ווידער אויסקומען איבערווינטערן אין די קאַלטע רוסישע סטעפּעס, אין דער אַרומרינגלונג פֿון האַס און סינע מיצאַד דער באַפֿעלקערונג, וועט די מיל־כאָמע אינגאַנצן פֿאַרשפּילט ווערן. און ווער ווייסט, צי וועט מען זיך קענען אַרויסרײַסן פֿון דעם רוסישן גענעם? וואָס טראַכט זיך דאָרטן דער פֿיורער? זײַנע פּלענער ווערן דאָך צע־שמעטערט, און די סאָלדאַטן פֿאַרלירן ביסלעכווײַז דעם מוט.

עמיל שמוץ האָט דאָס אין דער הייך ניט אַרויסגעזאָגט, כאָלילע, נאָר אַזוי האָט ער אָנגעג־הויבן טראַכטן. און מיט יעדן טאָג, אַלץ שטאַרקער. ווער־ווער, נאָר ער ווייסט דאָך גוט סאַראַ פֿאַרלוסטן די אַרמיי האָט געהאַט דעם זומער. עס האָט זיך בלויז געדאַכט, אַז דער אָנגריף ווערט פֿאַרגעזעצט און מע האָט זיך דערשלאָגן גרויסע רעזולטאַטן — דאָס איז אין די בלע־טער, אין די רעדעס פֿונעם פֿיורער און געבעלסן. אָבער אין דער ווירקלעכקײַט איז דאָס בילד גאָר־גאָר א מוירעדיקס. און אויב מע דאַרף שוין ווידער גרייטן ווינטער־דירעס, איז טאַקע ביטער. נאָך א גליק, וואָס ער, עמיל שמוץ, מיט זײַן קאָמאַנדע געפֿינט זיך ווײַט פֿונעם פֿײַער. אָבער דאָס איז פֿון דער צווייטער זײַט אויך ביטער. ער ווייסט ניט גענוי, וואָס עס טוט זיך אַף די פֿראָנטן. און אויב די רוסן וועלן פֿאָרנעמען א גרויסן קאָנטער־אָנגריף, וועט זיך באַקו־מען, אַז ער מיט זײַן בראַוווער קאָמאַנדע וועלן אַרײַנפֿאַלן אין געפֿענקעניש, אָדער אומקומען, ניט ווויסנדיק ווען מע דאַרף אָפּטרעטן.

אין אַט די טעג האָט דער אָבערלייטענאַנט אַרויסגערופֿן צו זיך דעם איבערזעצער און געוונומען אויספֿרעגן, ווי־אַזוי באַציִען זיך די רוסן צו די דײַטשן, וועלכע פֿאַלן אַרײַן צו זיי אין געפֿענקעניש? צי איז דאָס עמעס, אַז מע פֿאַרשיקט זיי קיין סיביר, ווו עס לויפֿן אַרום איבער די גאַסן ווײַסע בערן?

ערנסט גרושקאָ האָט אים באַרויִקט, געזאָגט, אַז די רוסן באַציִען זיך גאַנץ גוט צו די דײַטשן, וועלכע גייען איבער אַף זייער זײַט, אָדער גיבן זיך איבער אין געפֿענקעניש. עליען זײַנען די פּראָגן זייער געפֿעלן געווען. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ניט בלויז סאָל־דאַטן, נאָר אויך אָפֿיצערן הייבן אָן קוקן אַף מײַרעוו, פֿאַרטראַכטן זיך אַף זייער גורל.

און דער געשפּרעך האָט זיך געענדיקט דערמיט, וואָס עמיל שמוץ האָט אים דערלויבט אין די נעכט הערן די ראַדיאָ פֿון מאָסקווע און אים גלײַך איבערגעבן אַלץ, וואָס די רוסן זאָגן. יענע קען מען בעסער גלייבן, ווי די טראַסקערײַען און באַרימענישן פֿון בערלינער ראַדיאָ.

דער האַרבסט האָט זיך אַלץ שטאַרקער געלאָזט פֿילן, עס האָבן געגאָסן קאַלטע רעגנס און געמאַכט פֿון די וועגן אויסצודרייען.

כאָטש די דײַטשישע כאַיאָלעס זײַנען שוין געווען ניט ווײַט פֿון סטאַלינגראַד און געפֿירט אָנגעשטרענגטע שלאַכטן, רײַסנדיק זיך צו דער שטאָט, צו דער וואָלגע, האָט עמיל שמוץ באַקומען א געהיימען באַפֿעל, ער זאָל גלײַך צוגרייטן ווינטער־קוואַרטירעס. פֿון דער סטאַ־לינגראַדער ריכטונג, ווו, לויט די רעדעס פֿונעם פֿיורער און זײַן פֿליגעל־אַדיוטאַנט געבעלס, גייען די געשעפֿטן אַזוי גוט, וואָס בעסער קאָן גאָר ניט זײַן, זײַנען געקומען אָנצאָליקע סאַ־ניטאַר־עשעלאָנען מיט פֿאַרוווּנדעטע דײַטשן, און זייער צאָל איז געוואַקסן מיט יעדן טאָג. די קאָמאַנדע האָט ניט באַוויזן צוניפֿקלאַפּן קיין טרונעס פֿאַר די געהאַרגעטע קאָלעגן. אומעטום זײַנען געוואַקסן סאָלדאַטישע בעסוילעמס פֿון אָסינע־צלאָמים מיט די קאַסקעס אַף זייערע שפּיצן.

די פֿאַרוווּנדעטע דײַטשן, וואָס זײַנען דורכגעפֿאָרן דורך דער גרויסער סטאַנציע, האָבן דערציילט שרעקלעכע זאַכן, און סאָלדאַטן האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ.

דאָס, וואָס ערנסט גרושקאָ האָט געזען מיט זײַנע אויגן און געהערט באַנאַכט דורך ראַדיאָ פֿון מאָסקווע, האָט אים שטאַרק געפֿרייט. ער האָט די נײַס מיטגעטיילט פּינקטלעך זײַן נאַטשאַלניק, און יענער איז פֿון די יעדיעס געוואָרן בלאָו און גרין. ער האָט זיך ניט פֿאַרגעשטעלט, ווי ווײַט ער זיך אַרויסרײַסן פֿונדאַנען. עס האָט מיט אים געמאָרדעוועט, ווי אין א גוטן קאַדאָכעס, ווען ער האָט א טראַכט געטאָן, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט די שווערע פֿאַרלוסטן באַ סטאַלינגראַד, קאָן מען אים אָפּשיקן אַהין, אויף די פֿאָדערשטע פּאָזיציעס. כאָטש ער איז ניט קיין שלאַכט־אָפֿיצער, נאָר א שטיקל אינטענדאַנט, נאָר אין אַזאַ שווערער צײַט וועט קיינער זיך ניט רעכענען דערמיט.

עמיל שמוץ האָט זיך באַמיט ניט שטאַרק זיך נויקעם זײַן אין דער באַפֿעלקערונג — ווער ווייסט וואָס עס קאָן נאָך זײַן, וויאַזוי וועט זיך עס אויסדרייען באַ סטאַלינגראַד.

דערווײַל האָט מען דאָ, אין הינטערלאַנד, געגרייט ווינטער־קוואַרטירעס, טרונעס און צלאָמים פֿאַר די געפֿאַלענע — נאָך דעם מין סכוירע איז דער נאָכפֿרעג געוואָרן גאָר א גרויסער און איז אַלץ געוואַקסן!

זעענדיק, ווי דער אָבער פֿאַרטרויט אַלץ מער זײַן איבערזעצער, האָבן זיך צו אים אָנגעהויבן באַציִען מיט מער אַכטונג די זעלנער. אַלץ מער געוואָרן מיט אים אָפֿנהערציק, אַלץ אָפֿטער האָט מען זיך גענומען נאָכפֿרעגן באַ אים, וויאַזוי די רוסן באַציִען זיך צו די קריגסגעפֿאַנגענע, צי שרײַבן זיי דעם עמעס אין זייערע פֿלוגבלעטלעך, וואָס זיי שלײַדערן אַראָפּ פֿון די עראָפּלאַנען, אַז די געפֿאַנגענע דײַטשן נעמט מען דאָרט גוט אויף, מע גיט עסן, א וואַרעם געלעגער און נאָך דער מילכאָמע וועט מען אָפּלאָזן אַהיים?

ניט איין זעלנער האָט זיך באַוואָרנט מיט אַזעלכע פֿלוגבלעטלעך... ווער ווייסט, עפּשער וועט מען אַרײַנפֿאַלן אין געפֿענקעניש, וועט מען באַווײַזן די בלעטלעך...

עליען האָט געפֿרייט דאָס, וואָס א סאַך דײַטשן פֿאַרטראַכטן זיך שוין אויף זייער גורל און אָפֿן גורל פֿון זייער היימלאַנד, פֿילנדיק, אַז רוסלאַנד איז אומעגלעך באַזיגן.

כאָטש די שלאַכטן זײַנען שוין געגאַנגען ניט ווײַט פֿון סטאַלינגראַד, נאָר אין הינטערלאַנד האָט מען גוט געפֿילט, אַז די דאָזיקע שטאָט איז א האַרב ניסל, און מע וועט זיך צעבראָכן די ציינער, צעבײַסנדיק עס.

די ווירטשאַפֿט־קאָמאַנדע האָט זיך אַריבערגעקליבן ערגעץ ניט ווײַט פֿון טאַגאַנראָג און דאָ געדאַרפֿט צוגרייטן ווינטער־קוואַרטירעס. הייסט עס, אַז עס וועט אויסקומען ווידער האַלטן דאָ ווינטער, און דאָס איז דער בעסטער סימען, אַז מע ליגט טיף אין דער ערד. דאָ וועט אויסקומען שטאַרבן, ניט אַנדערש.

ניט ווײַט פֿון דער שטאָט, אין א גרויסן דאָרף ניקאָלײַעווקע, האָט די קאָמאַנדע פֿונעם אָבער זיך אָפּגעשטעלט.

דער אָבער האָט דעם איבערזעצער דערלויבט זיך אָפּשטעלן אין א כאַטע, ווו עס האָט געוווינט אַן אַלטיטשקע פֿויערטע, די באַבקע אוליאַנע.

אַן אײַזערנע שווײַגערקע, אַן אָנגעדראָלענע, האָט זי מיט פֿאַרוואָרף פֿײַנטלעך באַגעגנט איר קוואַרטיראַנט „דעם דײַטש". כאָטש זי איז געווען א רירעוודיקע, נאָר זיך געמאַכט קראַנק. קיין וואַסער אין שטוב ניט אַרײַנגעטראָגן, דעם אויוון ניט געהייצט. זי האָט באַשטימט, די אַלטע, אַז זי וועט אַליין דאָ פֿרירן, נאָר זאָל איר קוואַרטיראַנט אויך ציטערן פֿון קעלט, זיך צוקילן און אײַנעמען א מיסע־מעשונע. זי האָט אים באַגעגנט מיט סינע.

אָבער אין עטלעכע טעג אַרום האָט זי זיך איבערצײַגט, אַז דאָס איז עפּעס גאָר אַן אַנדער דײַטש. ער איז ניט ענלעך אויף יענע, וועלכע זי האָט געזען פֿריִער. ער איז ניט ווי יענע קאַטן, וואָס האָבן אַמאָל אַרויסגעפֿירט פֿון איר שטאָל די לעצטע בעהיימע, אויפֿגעפֿרעסן די פֿאַר הינער, וואָס זײַנען אַרומגעלאָפֿן איבערן הייפֿל.

אַלע דײַטשן, זעט זי, גייען מיט אַראָפּגעלאָזטע נעזער, זײַנען עפּעס שטאַרק אָנגעבלאָזן, נאָר דער איז פֿריילעך, באַריידעוודיק און באָמקעט זיך אונטער אונטער דער נאָז פֿריילעכע ניגונדלעך. דאָס וואָס די דײַטשן האָבן אָנגעהויבן כאַפּן גוטע קלעפּ, אַרט אים, ווי דער פֿאַראיאָריקער שניי.

ער האָט אָפּט אַרײַנגעבראַכט איר אין שטוב ברויט, פֿלייש, גריפּן און אַפֿילע ציץ אויף א קלייד. דאָס האָט די אַלטע דערוואַרעמט, נאָר דעריקער איז זי געווען צופֿרידן דערפֿון, וואָס ער האָט איר אַלעמאָל געבראַכט גוטע גרוסן, דערציילט בעסאָד־סוידעס, אַז אינגיכן וועט מען צעקלאַפּן די פֿאַשיסטן באַ דער וואָלגע, און דער גאַנצער קאַנט וועט באַפֿרײַט ווערן פֿון די אָקופּאַנטן.

זי האָט געקוקט אויף דעם „גוטן דײַטש", ווי זי האָט אים איצט גערופֿן, מיט אירע גרויסע, קאָרע, פֿאַרדײַגעטע אויגן. דערבײַ האָט איר לײַנגלעך פֿאַרברוינט פּאָנעם גוטמוטיק אונטער־

געשמייכלט. לאָזט זיך אויס, אַז זי איז גאָר ניט אַזאַ ביייזע און אַזאַ שוויַיגערקע, ווי אים האָט זיך פון אָנפאַנג אויסגעוויזן.

ביסלעכוויַיז האָבן אין די אָפּדערנאָכטן אָנגעהויבן אַריַינקומען צו דער באַבקע אוליאַנע גוטע שכיינים, קרויווים, און דער „גוטער דיַיטש" האָט זיי בעסאָד־סוידעס איבערגעגעבן, וואָס דערציילט די ראַדיאָ פון מאָסקווע. און איינמאָל האָט ער, בעשאַס נאָענטע, באַגלייבטע שכייַנים זיַינען דאָ געזעסן, איַינגעשלאָסן דעם ראַדיאָ־אויפנעמער. מע האָט דערקענט די שטים פון מאָסקווע, און אַלע זיַינען דערציטערט געוואָרן, טרערן האָבן געשיַינט אויף די אויגן בא די מענטשן, וואָס האָבן שוין אַזויפיל כאָדאָשים ניט געהערט די שטים פונעם היימלאַנד, ניט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט.

אַלע האָבן מיט שיַינענדיקע אויגן געקוקט אויף דעם יונגן „גוטן דיַיטש" און ניט געוווּסט, וויאַזוי אים אָפּדאַנקען. די באַבקע אוליאַנע, באַוואַשנדיק זיך מיט פרייד־טרערן, האָט געזאָגט, אַז, זעט אויס, עס איז דאָ אַ גוטער גאָט אין הימל, וואָס האָט איר צוגעשיקט אַזאַ טיַיערן קוואַרטיראַנט. ער טראָגט נאָר אַ רעקל פון אַ דיַיטשישן סאָלדאַט, האָט זיך ניט געקענט באַרויקן די באַבקע אוליאַנע, נאָר אונטער דעם רעקל, זעט אויס, שלאָגט בא אים אַן ערלעך האַרץ!

צווישן די איַינגעייער אין שטוב איז געווען אַ יונג מיידל, אַ קאָלווירטעלערן קלאַווע. יענע האָט געהערט דעם „גוטן דיַיטש" מיט אַנציקונג. דאָס, וואָס ערנסט גרושקאָ האָט איר דער־ציילט, האָט זי מיט אייניקע כאַווערטעס איבערגעשריבן אויף די זיַיטלעך פון שילערישע העפטן און זיי איבערגעגעבן דורך טריַיע מענטשן אין די נאָענטע דערפלעך. זאָלן אַלע וויסן. אַזוי זיַינען אַהער, אין טיפן הינטערלאַנד, געקומען אָפט די סוואָדקעס פון סאָוואינפאָרמביוראָ און געבראַכט דעם אוילעם אַ סאַך פרייד. קלאַווע האָט דעם יונגן מענטשן געגלייבט, ווי זיך אַליין, און איַינגיכן פאַרטרויט אַ גרויסן סאָד, אַז זי איז אַ קאָמיוגיסטקע.

איינמאָל, שפּעט באַנאַכט, איז קלאַווע געקומען צו לויפן אַהער צוזאַמען מיט דער מוטער, פאַרוויינטע, דערשראָקענע. זיי האָבן אויפגעוועקט ערנסטן. בא זיי איז געשען אַ גרויסער אומגליק. ערגעץ אויף דער באַן־סטאַנציע האָט אַפּגעברענט אַ סקלאַד מיט ברענשטאָף און אין אַ ריי דערפער האָט מען פאַרהאַלטן פאַרדעכטיקטע. דאָ אין ניקאָליַיעווקע האָט מען פאַר־שפּאַרט אין אַ קעלער קלאַוועס קראַנקן ברודער וואַסילן און נאָך אַ גרופּע פויערים. גאַנצפרי וועט מען זיי אָוועקפירן אין ראַיאָן. ערנסט האָט זיך אָוועקגעלאָזט צום שעף. ער וועט אים דערציילן, וואָס די ראַדיאָ האָט איבערגעגעבן. אויב עס וועט זיַין אַ מעגלעכקיַיט, וועט ער זיך באַמיִען העלפן די אומגליקלעכע.

דער שעף איז געווען אין אַ גוטער שטימונג און אויסגעהערט זיַין איבערזעצער, וועל־כער האָט באַמערקט, אַז מע האָט אָן באַוויַיזן איַינגעזעצט מענטשן, וואָס רעמאָנטירן גוט די וועגן, זיַינען טריַי דעם רייַך, דערביַי איז ניט דערוויזן, אַז זיי האָבן אַ שיַיכעס צום אויפריַיס. דערצו איז די דיוועריסיע פאָרגעקומען ניט אויף זייער באַצירק, און עס איז ניט קעדיַי אין אַזאַ ציַיט זיך פאַרקריגן מיט דער באַפעלקערונג, וואָס פּילט אויס אַלע באַפעלן...

דער אָבער האָט לאַנג זיך געבראָכן דעם קאָפּ און באַשטימט דערוויַיל באַפריַיען די פאַר־האַלטענע.

קוים כאַפּנדיק דעם אָטעם, איז ערנסט גרושקאָ געלאָפן צום קעלער. ער האָט נאָך פונ־וויַיטנס דערזען אַ גרויסן אוילעם — פרויען, קינדער, אַלטע לייַט. מע איז געשטאַנען אין אַ זיַיט דערשיטערטע, דערשראָקענע, געוויינט, ווי מע זאָל זיך אויף שטענדיק געזעגענען מיט די אַרעסטירטע.

דערזען דעם „גוטן דיַיטש", וועלכער האָט געשפּאַנט אין דער ריכטונג צו דעם קעלער, איז מען שטיל געבליבן. ער האָט דערזען צווישן אוילעם אַ פאַרוויינטע און דערשיטערטע קלאַווען, נאָר געמאַכט דעם אויסזען, אַז ער קען זי ניט, ער קען קיינעם ניט פון די אַרומיקע.

צוגעגאַנגען צום וועכטער, וועלכער האָט געהיט דעם קעלער מיט די אַרעסטירטע, האָט ער אַ הייב געטאָן די האַנט, אַ באַמקע געטאָן „הײַל היטלער", און איבערגעגעבן דעם באַפעל.

אַ רעגע האָט יענער זיך נאָך געקווענקלט, נאָר דערהערנדיק, אַז דאָס איז דער באַפעל פונעם שעף, גלייַך אויפגעשלאָסן די טיר און אַרויסגעטריבן די מענטשן, וואָס זיַינען דאָרטן געווען פאַרשפּאַרט.

אַ פרייד האָט אַרומגעכאַפּט דעם אוילעם. מע האָט זיך מיט געוויין אַ לאָז געטאָן צו די באַפריַיטע, זיי געהאַלדזט און געקושט. אַלע וואָלטן דאָס זעלבע געטאָן מיטן איבערזעצער,

מיט ערנסט גרושקאַ, נאָר פאַרשטאַנען, אַז מע דאַרף ניט אַרויסווײַזן, אַז מע איז מיט אים באַקאַנט. אין דער מינוט האָט ער זעלבסט זיך געפרייט, דאַכט זיך, מער ווי אַלע. אים האָט זיך אײַנגעגעבן אַפּראַטעווען פֿון טויט אַזויפיל מענטשן.

קומענדיק אַהיים, צו דער אַלטיטשקער באַלעבאָסטע, האָט ער געבעטן, זי זאָל גלײַך גיין רופֿן קלאַווען. ער האָט איר געדאַרפֿט איבערגעבן, אַז נאָך הײַנט זאָל איר ברודער און אויך אַלע באַפרײַטע אַנטרונען ווערן פֿונעם דאָרף און אַ צײַט זיך אַהער ניט אומקערן, ביז דער טומל וועט ניט איבערגיין.

מיטן גרעסטן אַפּשײַ האָט מען דערנאָך באַגעגנט דעם „גוטן דײַטש". דער אוילעם איז געווען פאַרגאַפֿט פֿון אים, ניט געוווּסט וויאַזוי אים אַפּדאַנקען. אַזויפיל מענטשן האָט ער געראַטעוועט פֿון טויט!

דער ווינטער איז אַרײַנגעפֿאַרן פּלוצעם און אומדערוואַרט.

אַ גאַנצע נאַכט האָט געדרייט און געוואָיעט אַ מוירעדיקע זאַווערוכע און אַלץ פֿאַרוואָרפֿן מיט שניי־הורבעס.

פֿריִער האָט דער אוילעם פֿון ניקאָלײַעווקע נאָך געקענט זיך אַרויסכאַפּן אין די נאָענטע דערפֿלעך עפּעס אויסבײַטן אויף ברויט און קאַרטאָפֿל, איצט איז אומעגלעך געווען אַרויסגיין פֿון יענער זײַט שוועל, און די מענטשן האָבן גוט געבידעוועט. ווען מע האָט אַראָפּגענומען די געריעטעניש, האָבן די דײַטשן דאָס גאַנצע ברויט אַרויסגעפירט פֿונדאַנען, און איצט איז געבליבן נאָר איין שפּײַכלער מיט טווּע. די שול איז פֿול געווען מיט ברויט, וואָס מע האָט צוליב די אומוועגן ניט געקאָנט אַרויספֿירן.

ביז אונטער דער סטעליע זײַנען אין זאַל, אין די קלאַסן געלעגן צונויפֿגעשאַרט בערג ווייץ און קאָרן, געוואַרט, די גרויסע לאַסט־מאַשינעס זאָלן זיך דורכרײַסן אַהער.

אין איינער אַ פֿראָסטיקער נאַכט, ווען די שול מיט ברויט האָט אַפּגעהיט אַן אַלטיטשקער הינקענדיקער וועכטער, ערנסטס אַ גוטער באַקאַנטער, האָט ער אים באַנאַכט אַרײַנגערופֿן צו זיך אין כאַטע, יענער זאָל זיך אָנוואַרעמען, זיך צושפּאַרן אויף אַ פּאָר שאָ, און ער, ערנסט, וועט אים פֿאַרבײַטן. פֿאַר די פּאָר שאָ וועט גאָרנישט ניט געשען. אין אַזאַ נאַכט וועט קיין מעשוגענער הונט ניט אַרויסגיין פֿון יענער זײַט שוועל. ער נעמט אַלץ אויף זיך.

ערנסט איז זיך דורכגעגאַנגען איבער עטלעכע היזער, געהייסן זײַנע באַקאַנטע פּויערים קומען צו דער שול מיט זעק און קוישן און שנעל־שנעל זיך באַזאָרגן מיט ברויט. דער אוי־

לעם איז זיך צונויפגעקומען, דערזען באַם אַרײַנגאַנג פון שול דעם „גוטן דײַטש", האָבן זיי צעעפנט די אויגן. נאָר ער האָט שוין געעפנט אַ זײַטיק פענצטער, און עטלעכע מענטשן זײַנען אַרײַנגעשפּרונגען אינווייניק, אָנגעפילט מיט ברויט די זעק און קוישן, וואָס מע האָט זיי פון דער זײַט דערלאַנגט, און דער אוילעם איז געלאָפן אַהיים, אײַנגעשלונגענע פון דער זאַווערוכע, וואָס האָט מוירעדיק געדרייט, געשלײַדערט פון די פיס, און די שפורן זײַנען שנעל פאַרדעקט געוואָרן מיט שניי.

ער האָט אונטערגעטריבן דעם אוילעם, מע זאָל זיך ניט פאַרהאַלטן. די צײַט גייט. קיין שרעק האָט ער ניט געפילט — געוווסט, אַז די דאָזיקע אָפּעראַציע וועט דורכגיין אומבאַמערקט. קיינער האָט דאָס ברויט ניט געוויגן, ווען מע האָט עס פאַרשאָטן אַהער. דערווײַל וועלן די מענטשן אַ ביסל אופגעריכט ווערן.

די קעלט און די זאַווערוכעס האָבן גענומען מיט יעדן טאָג אַלץ מער דערקוטשען. באַ עליען האָבן די ווונדן זיך שטאַרקער געלאָזט פילן, אים מוירעדיק געמאַטערט, און אָפט האָט ער ניט געוווסט, ווו מע טוט זיך אַהין. אין שפּיטאָל האָט ער שוין ניט געקענט גיין — וויפל וועט מען זיך מיט אים פאַרנעמען? און אויב מע וועט אים דורכטרײַבן פון דער קאָמאַנדע, וועט ער אינגאַנצן בלײַבן, ווי אַפן וואַסער. דאָ, צווישן באַקאַנטע, דעריקער לעבן דעם שאַפער האַנסן און דעם אָבערלייטענאַנט האָט ער זיך געפילט זיכער. אויב ער וועט פון זיי אָפּשטיין, וועט ער זיך מיט זײַנע ווונדן צו קיין בעסערן ברעג ניט צושלאָגן. דעריבער האָט ער זיך צוגעוווינט צו די שמערצן, זיך געהיילט ווי־ניט־איז אַליין, אָן זײַטיקער הילף, געקראָגן פאַרשיידענע מעדיקאַמענטן און אַזוי געלעבט. ער האָט דערבײַ ניט געטאָרט אַרויסגעבן, אַז ער איז קראַנק און פילט זיך שלעכט.

מעדיקאַמענטן האָט ער געדאַרפט קריגן ניט בלויז פאַר זיך אַליין, נאָר אויך פאַר די באַקאַנטע אין דאָרף, וועלכע זײַנען קראַנק געווען. עס האָבן זיך גענייטיקט אין מעדיקאַמענטן פאַרווונדעטע רויטאַרמייער, וואָס זײַנען געבליבן אין קלעם, און וועלכע די פּויערים האָבן אויסבאַהאַלטן באַ זיך אין די אַרומיקע סטאַניצעס.

ווו נאָר עס האָט זיך געלאָזט, האָט ער געקראָגן רעפּועס און איבערגעגעבן זײַנע באַקאַנטע. דערבײַ איז אויסגעקומען זיך פירן זייער פאָרזיכטיק, מע זאָל אים ניט מאַסערן.

יאָ, אַ שווערע לאַסט האָט ער אָף זיך גענומען.

און דערווײַל האָט אים דער גורל ניט אונטערגעפירט.

די צײַט האָט זיך געשלעפט פּאַמעלעך, און נאָך פּאַמעלעכער האָבן זיך צו אים אומגעקערט די קויכעס.

די איינציקע טרייסט איז געווען דאָס, וואָס אין די טיפע נעכט, אײַנשליסנדיק דעם קליינינקן ראַדיאָ־אַפּאַראַט, האָט ער געהערט די שטים פון מאָסקווע. פון טאָג צו טאָג זײַנען די נײַס געוואָרן אַלץ פריידיקער, און אַלע גאַנצפרי האָט ער געקענט איבערגעבן קלאַווען און אַנדערע באַקאַנטע פון דאָרף גוטע בסורעס. באַ סטאַלינגראַד האָט מען מיט יעדן טאָג דערלאַנגט די דײַטשישע כאַיאָלעס אַלץ שטאַרקערע קלעפּ, און עס האָט געהאַלטן דערבײַ, די גרויסע דײַטשישע גרופּירונג, וואָס איז געשטאַנען לעבן דער וואָלגע, זאָל אַרומגערינגלט און פאַרניכטעט ווערן. און דאָס וואָלט שוין ווירקלעך געווען דער אָנהייב פונעם סאָף פון די אָקופּאַנטן.

אַ פרייד האָט אים אַרומגעכאַפּט, זעענדיק, ווי מיט יעדן טאָג לאָזן נידעריקער אַראָפּ די קעפּ די דײַטשן און באַהאַלטן שוין ניט איינער פונעם אַנדערן דעם האַס צום פירער, וואָס האָט זיי אַרײַנגעפירט אַזוי טיף קיין רוסלאַנד, און מע זעט ניט וויאַזוי וועט מען זיך פון די סטעפּעס קענען אַרויסרײַסן מיטן לעבן.

דערווײַל האָבן אייניקע אָנגעהויבן אונטערקלײַבן אָף די פעלדער פלוגבלעטלעך, וועלכע די רוסישע באָמבאַרדירער האָבן אַראָפּגעוואָרפן צוזאַמען מיט די באָמבעס. אין סאָף פון יעדער בלעטל איז געווען אַן אויסווײַז מיט אַן אונטערשריפט, אַז דער אויסווײַז איז גילטיק באַם אַריבערגיין צו די רוסן אין געפענקעניש. יעדער איינער, וואָס וועט קומען מיט אַזאַ אויסווײַז, וועט בלײַבן לעבן און זיך קענען אומקערן נאָך דער מילכאָמע צו זיך אַהיים...

אין איינעם אַ פראָסטיקן אָוונט איז געקומען קלאַווע און געזאָגט, אַז אינעם נאָענטן כוטאָר וועלן זיך צונויפנעמען אין אַ געדרימער כאַטע עטלעכע יונגע כעווריע, מיידלעך, קלוימערשט אָף אַ מאָלצײַט, נאָר דעריקער צוליב דעם, ער, ערנסט, זאָל זיך אַהין אַראָפּכאַפּן אָף אַ האַלבער שאָ און דערציילן, וואָס עס טוט זיך אָף די פראָנטן, ווו מע האַלט אין דער וועלט. מע ווייסט דאָך דאָרטן גאָרנישט. מע ווייסט נאָר פון די פאַשיסטישע בלעטלעך, אַז די געשעפטן באַ די דײַטשן גייען גאָר־גאָר גרויסאַרטיק און אָט־אָט וועט אַדאָלף היטלער אַרײַנפאָרן קיין סטאַלינגראַד.

ער האָט גוט געוווּסט, אַז דאָס איז אַ געפערלעכער עניניָן, נאָר זיך ניט באַנוצן מיט אַזאַ געלעגנהייט זיך דורכשמועסן מיט אונדזערע מענטשן, האָט ער ניט געקענט, און פּונקט צו דער צייט געקומען אין כוטאָר.

אין כאַטע איז געווען וואַרעם אָנגעהייצט. אַ קליינער אוילעם, קלאַוועס פריינט, זיינען געזעסן, ווו עס האָט זיך געמאַכט — אַף די לאַנגע בענק אַרום טיש, אַף דער שוועל און אַפן דיל. פון יענער זייט טיר זיינען געשטאַנען צוויי שאָמרים און אַכטונג געגעבן, עס זאָל אַהער ניט צוקומען אַ רוער, אַ פאַרקויפטע נעשאָמע.

די כעווערע האָבן מיט נייגעריקע אויגן באַטראַכט דעם שלאַנקן, בלאָנדהאָריקן גאַסט, אים מאָמעש געגעסן מיט די אויגן, און פאַרגאַפטע זיך איינגעהערט אין זיינע רייד. ער האָט געשיינט. היינט האָט ער געהאַט וואָס צו זאָגן דעם אוילעם! באַנאַכט האָט ער געהערט די מאָסקווער ראַדיאָ, און דאָס האַרץ זיינס האָט זיך געפרייט פון די נייס, וואָס מע האָט פון דאָרטן איבערגעגעבן. בא דער וואָלגע האָט די סאָוועטישע אַרמיי אַרומגערינגלט די פאַשיסטישע כאַיאַלעס און דערלאַנגט זיי שווערע קלעפּ. היינט־מאָרגן וועט די גאַנצע פאָולוס־אַרמיי, אַף וועלכער היטלער האָט געלייגט גרויסע האָפענונג, פאַרניכטעט ווערן אָדער זיך איבערגעבן אין געפענקעניש.

און דאָס האָט ער איצט דערציילט זיינע צוהערער. ער האָט זיי אויך אָנגעזאָגט, וואָס מע דאַרף טאָן, קעדיי העלפן די סאָוועטישע טיילן, ווען זיי וועלן זיך דערנעענטערן צו דעם קאַנט.

ווי פאַרקישעפטע, האָבן די מענטשן זיך איינגעהערט אין די ווערטער פון דעם „גוטן דייטש״ ערנסטן. מע האָט זיך אָנגעהויבן אָנשטויסן, אַז דאָס דאַרף זיין קיין געווייגלעכער מענטש. אַזעלכע האָבן זיי פאַר די שווערע כאַדאָשים אָקופּאַציע נאָך ניט באַגעגנט און געווען איבעראַשט און באַגייסטערט פון זיין העלדנמוט.

ער האָט געקוקט אַף די צוהערער און געזען אַף זייערע אויגן פרייד־טרערן. זיך ניט געקאַנט איינהאַלטן און אַרויסגענומען אַ טיכל, אַליין אָנגעהויבן אויסווישן די פייכטע אויגן.

נאָך דעם ווי ער האָט געגעבן אַ גאַנצע ריי אייצעס, וואָס מע דאַרף טאָן, ווען די אָקופּאַנטן וועלן אויך פון דעם קאַנט נעמען אָפּטראָגן די ביינער, האָט ער זיך אָפּגעזעגנט מיט זיינע צוהערער און פאַרלאָזט די כאַטע.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער איבערגעגעבן קלאַווען די לאַנגדערוואַרטע בסורע וועגן דעם גרויסן בראָך פון די פאַשיסטישע כאַיאַלעס בא סטאַלינגראַד און וועגן דעם, אַז אַדאַלף היטלער האָט געמאָלדן אַ דרייטאָגיקן טרויער צוליב זיין גרויסן בראָך.

יענע האָבן געטריוּעט, און אינעם דאָרף ניקאָלייעווקע, ווי אויך אין די אַרומיקע כוטאָרס און סטאַנציעס, האָט דער אוילעם שטילערהייט געפּראַוועט יאָמטעוו.

די האַרבע פרעסט האָבן מוירעדיק געמאַטערט, נאָר בא אַ סאַך מענטשן איז געווען פרילינג, פריילעך אַפן האַרצן.

אין איינעם פון די פאַרנאַכטן, ווען די קאָמאַנדע מיטן גאַנצן ביסל באַלעבאַטישקייט האָט זיך אָנגעהויבן קלייבן אין צוריקוועג, אָפּטראָגן ווייטער די ביינער, איז דער „גוטער דייטש״ געקומען צו קלאַווען און איר פאַרטרויט אַ גרויסן סאָד:

— איך ווייס ניט, צי וועט אונדז אויסקומען זיך נאָכאַמאָל באַגעגענען ווען־ניט־איז, נאָר איך האָב צו דיר איין־און־איינציקע באַקאָשע, וואָס דו מוזט אויספילן...

זי האָט געקוקט אַפן פאַרומערטן באַכער און געזאָגט:

— איר האָט פאַר אונדז געטאָן אַזויפיל גוטס, אָפּגעראַטעוועט מיין ברודער, צענדליקער מענטשן פון טויט, צי דען וועל איך ניט אויספילן, וואָס איר זאָלט ניט הייסן? איך בין פאַר אייך גרייט אַפילע דאָס לעבן אָפּגעבן. — האָט זי געזאָגט און מיט אומגעדולד געוואַרט, וואָס ער וועט איר הייסן אויספילן.

ערנסט האָט אַרויסגענומען פון בוזעם צוויי קאָנווערטן און איבערגעגעבן דעם מיידל:

— זאָלסט זיי גוט באַהאַלטן און היטן, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג, — האָט ער געזאָגט, — ווען עס וועט אַהער אַריינקומען די ערשטע רויטאַרמייישע טייל, זאָלסטו ביידע בריוו איבערגעבן דעם קאָמאַנדיר, אין שטאַב.

דאָס מיידל האָט מיט ציטערנדיקע הענט געהאַלטן ביידע קאָנווערטן, איבערגעפירט פון דעם באַכער אַף די קאָנווערטן איר אומרויקן בליק. זי האָט אַ לייען געטאָן, וואָס עס איז געווען אָנגעשריבן אַף די קאָנווערטן. איין בריוו איז געווען אַדרעסירט אין שטאַב פון דאָרעם־מיירעווודיקן פראָנט, דער צווייטער קיין מאָסקווע אין שוץ־מיניסטעריום.

אַ קעלט האָט אַרומגעכאַפּט איר לייב. זי האָט ווידער איבערגעפירט דעם בליק אַף דעם טייערן, גוטמוטיקן באַכער און, ניט שעמענדיק זיך, באַהאַלטן באַם האַרצן די קאָנווערטן.

אינעם מיידלס גרויסע, ליכטיקע, עטוואָס דערשראָקענע און פּײַכטע אויגן איז געווען אַן א שיר טרויער. עס האָט זיך אזוי ניט געוואָלט צעשיידן מיט דעם טײַערן און הארציקן מענטשן, מיט וועלכן ניט נאָר זי, נאָר א סאַך אײַנוווינער פונעם דאָרף האָבן זיך געפילט זיכער, באַשיצט. דערצו נאָך איז געווען אין אירע אויגן אומרו און פּאַכעד: צי וועט זי בלײַבן לעבן? צי וועט זי קאָנען אויספילן זײַן באַקאָשע? זי האָט ניט געוווסט, וואָס אין די ביידע בריוו איז געווען אָנגעשריבן, נאָר פאַרשטאַנען מיט דער גאַנצער נעשאָמע, אז דאָס איז פאַר דעם מענטשן זייער וויכטיקע בריוו און זיי מוזן אָרײַנפאַלן אין גוטע הענט.

— ערנסט, איר מעגט זײַן רויק... אויב איך וועל בלײַבן לעבן, וועל איך אײַער באַקאָשע אומבאַדינגט אויספילן. אויב דאָס זאָל מיר אפילע קאָסטן דאָס לעבן, וועל איך פאַר אײַך אַלץ טאָן. עפשער וועל איך כאָטש מיט וואָס-ניט-איז קענען אײַך אָפּדאַנקען פאַר אַלץ, וואָס איר האָט פאַר אונדז געטאָן דאָ, אין גענעם.

זיי האָבן זיך הארציק אָפּגעזעגנט, און די פינצטערע פּראָסטיקע נאַכט האָט אים אײַנגעשלונגען.

ער האָט געגלייבט, אז דאָס מיידל וועט אים ניט אונטערפירן, אז זי וועט אויספילן זײַן באַקאָשע פּינקטלעך.

אין א פּאָר טעג ארום האָט זיך אין דאָרף אָנגעהויבן א גרויסער גערודער. פון ווײַט האָט זיך אהער דערטראָגן דער טעמפּער און פילאָנזאַגנדיקער געברום פון קאַנאָנען. אינעם הימל האָבן זיך באַוויזן עראָפּלאַנען מיט רויטע שטערנס אָף די פליגלען.

די פּאַניק צווישן די דײַטשן איז אָנגעוואַקסן מיט יעדער שאָ אַלץ שטאַרקער. א מוירעדיקע סומאַטאָכע האָט געהערשט אָף די וועגן. און דער אוילעם האָט ארויסגעקוקט פון אַלע שפּארונעס, שפּירנדיק, ווי די אָקופּאַנטן שטעלן פיס פונדאַנען. זיי זײַנען, נעבעך, געלאָפן לויט היטלערס ווילן „אויסגלײַכן די פראָנט-ליניע", ריכטיקער געזאָגט, ראַטעווען די פעלן.

אין איינעם א פּראָסטיקן פרימאָרגן איז דער אוילעם פון ניקאָלײַעווקע ארויס פון די באַהעלטענישן באַגעגענען די באַפרײַער.

קלאַווע, א יאָמטעוודיקע, א גליקלעכע, איז געלאָפן זיך דערפרעגן ווו איז דער סאַמע גרעסטער קאָמאַנדיר פון דער טייל. אַרײַנגעקומען אין דער עקסטער כאַטע, ווו עס האָט זיך אָנגעהויבן אײַנאָרדענען דער שטאַב, איז זי געשטאַנען פאַר א שטאַלטנעם, פאַרויכערטן און אָנגעפעלצטן קאָמאַנדיר און מיט א צאַפּלדיק הארץ אים איבערגעגעבן ביידע קאָנווערטן, וואָס ערנסט גרושקאָ האָט איר פאַרטרויט.

דער באַיאָרטער קאָמאַנדיר האָט אופגעעפנט איין קאָנווערט און זיך פאַרטיפט אינעם געדיכט-באַשריבענעם בייגעלע פּאַפּיר.

ער האָט איבערגעלייענט שטילערהייט — בלויז דאָס מיידל האָט קוים געהערט, אז דער לייטענאַנט איליא איסאַקאָוויטש פרענקיס, אַרויסרײַסנדיק זיך אין דער פולער פּאָרם, מיט געווער פון דער ארומרינגלונג מיט א טייל רויטאַרמייער, איז א שווער פאַרוווּנדעטער אַרײַנגעפאַלן צום סוינע אין געפענקעניש און ווי נאָר ער האָט זיך א ביסל געשטעלט אָף די פיס, פּאַרגעזעצט אויספילן זײַן סאָלדאַטישן כויוו, ניט אויווער געווען אָף קיין האָר זײַן שוווּע דעם פּאַטערלאַנד.

קלאַווע האָט ניט פאַנאַנדערגעקליבן אַלץ, וואָס דער קאָמאַנדיר האָט געלייענט, אין איר זיקאָרן איז אָבער פאַרבליבן יענעמס נאָמען.

און דאָס הארץ אירס האָט א צאַפּל געטאָן.

אָט ווער עס איז געווען יענער „גוטער דײַטש", ערנסט גרושקאָ! א פרייד האָט זי ארומגעכאַפּט, דערוויסנדיק זיך דעם גרויסן סאָד.

זי האָט זיך אוועקגעלאָזט אהיים, צו דער באַבקע אוליאַנע, ווו דער „גוטער דײַטש" איז געשטאַנען אָף קוואַרטיר, איר דערציילט אַלץ, און די אַלטע האָט, אויסהערנדיק מיט קאָפּ קלאַוועס ווערטער, זיך אָנגערופן:

— נו יאָ, אָוודע, דאָס הארץ האָט מיר די גאַנצע צײַט אונטערגעזאָגט, אז ער איז אַן אונדזעריקער, א גאָלדענע נעשאָמע! זאָל אים דאַרטן, ווו ער איז ערגעץ, דער אייבערשטער היטן פון אַלע געפאַרן, ער זאָל נאָכאַמאָל קאָנען קומען צו אונדז צוגאַסט, און מיר זאָלן די שווערע כאַדאָשים דערמאָנען אין פרײדן. זאָל אים גאָט שענקען דאָס לעבן פאַרן גוטס, וואָס ער האָט דאָ געטאָן פאַר אונדזערע מענטשן.

דער נאָווי פון מעדזשיבאָזש

ס'האָט זיך אים אפילו ניט געכאָלעמט, דעם באַכער פון מעדזשיבאָזש, וואָס איז אַף א צייט אריינגעקראָכן אין א פרעמדן מונדיר, אז ער קאָן זײַן א שטיקל נאָווי!

נאָר, פון דער אַנדערער זײַט, איז דאָס קיין כידעש ניט. זײַן ווײַטער לאַנדסמאַן, דער באַלשעם, האָט אמאָל אויך פאָרויסגעזאָגט, וואָס עס וועט זײַן מיט דער וועלט. און זײַן פרייַ לעכער קאָרעוו, הערשעלע אָסטראָפּאָליער, האָט אוודע און אוודע יעדן איינעם געקענט פינקטלעך אויסשטעלן, וואָס מיט אים וועט געשען.

יאָ, עליע פרענקיס, פאַרדאָן, ערנסט גרושקאָ, האָט נאָך א סאַך פריִער פאָרויסגעזאָגט, אז די דײַטשישע כאַיאָלעס וועלן אײַנעמען א מיסע מעשונע בא דער וואָלגע און אין דאָנבאַס וועלן זיי כאַפּן א וויסטע מאַפּאָלע און פאַרזאָגן קינדס-קינדער מער ניט קריכן אהין, זיך פאַרשעלטן די ביינער, וואָס מע האָט אָנגעהויבן די מילכאָמע מיט רוסלאַנד, ניט וויסן, ווי מע טראָגט אוועק פון דאָרטן די ביינער.

אין יענעם פּראָסטיקן ווינטער-פרימאָרגן, ווען ער איז געזעסן אין זײַן ווינקל באם ראַדיִאָ-אופנעמער און מיט א פּאַרטײַטען אָטעם זיך אײַנגעהערט, וויִאַזוי היטלערס בעסטע אַרמיי האָט געכאַפּט די מאַפּאָלע, און ווי עס האָבן זיך איבערגעגעבן אין געפענקעניש דרײַ הונדערט טויזנט קוילער צוזאַמען מיט זייער פאָלויסן, איז עליע שיר ניט צעשמאָלצן געוואָרן פון פאַרגעניגן. עס האָט זיך אים געוואָלט טאַנצן און שפּרינגען. ער איז גרייט געווען גלײַך לויפן איבער די כאַטעס און אָנזאָגן אַלעמען די גוטע בסורע.

די דײַטשן זײַנען דאָ די לעצטע צײַט ארומגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, פאַרומערטע, דערשיטערטע. זיי האָט זיך ניט געגלייבט, אז אזוי אומדערוואַרט וועט פאַרקומען זייער גרויסער בראָך. יעדער איינער האָט זיך גוט פאַרגעשטעלט וואָס עס האָט זיך געטאָן בא סטאַלינגראַד, בא דער וואָלגע און געדאַנקט דעם אייבערשטן, וואָס ער האָט זיך איבער אים דערבאַרעמט און איבערגעלאָזט דאָ, אין הינטערלאַנד, ווײַטער פון יענעם גענעם. פונדאָנען, האָבן זיי פאַרשטאַנען, וועט גרינגער זײַן מאַכן די פליייטע.

דערווײַל האָט ערנסט גרושקאָ אָנגעצונדן דעם קאַנעץ, פאַרשריבן אַף א בייגעלע פּאַפּיר דאָס, וואָס ער האָט געהערט אין ראַדיִאָ און עס איבערגעגעבן קלאַוועז, געבעטן זי זאָל אַלץ בעסאָד-סוידעס איבערשרײַבן און איבערגעבן פון האַנט צו האַנט. ווען ער איז דערנאָך אריינגעקומען צו דעם אָבער און אים דערציילט, וואָס ער האָט אָקאָרשט געהערט דורך דער ראַדיִאָ, איז יענער געבליבן געפּלעפּט און זיך אָנגעהויבן פאַרהיקען.

ער איז גרייט געווען אין דער מינוט דערשטיקן דעם איבערזעצער פאַר דער וויסטער יעדיִע, נאָר פאַרשטאַנען, אז דערמיט וועט ער גאָרניט פּויעלן. ער האָט געוווּסט, דער אָבער, אז בא דער וואָלגע גייען די געשעפטן מיִעס, וואָס מיִעסער קאָן גאָר ניט זײַן, נאָר ער האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט, אז דאָס אַלץ קאָן זיך ענדיקן אזוי מיִעס.

קומענדיק א ביסל צו זיך, האָט ער באַפוילן זײַן קאָמאַנדע, מע זאָל זיך גרייטן אין וועג אַרײַן. די דירעס, וואָס ער האָט צוגעגרייט אַפן ווינטער, האָט מען שוין ניט געדאַרפט. דאָרטן, אין געפענקעניש, וועלן שוין זײַנע באַלעבאַטים באַקומען נײַע דירעס... לאַנג זיך דאָ פאַרהאַלטן האָט מען, זעט אויס, שוין ניט געקענט, מע קאָן נאָך אַרײַנפאַלן צו די רויטע אינײַנעם מיט דער גאַנצער באַלעבאַטישקײַט.

עליע האָט אָנגעהויבן גלייבן אין זײַן נעוויִעס. דאָס הארץ האָט אים שוין לאַנג געזאָגט, אז דעם ווינטער מוז ווערן פריילעכער אַפן פראָנט. נאָך דעמלט, ווען ער האָט זיך באַגעגנט מיט קלאַוועס יונגע פרײַנט אין כוטאָר, האָט ער זיי אַלץ פאָרויסגעזאָגט.

אינמיטן דער נאַכט האָט די קאָמאַנדע מיטן ביסל באַלעבאַטישקײַט פאַרלאָזט דאָס דאָרף. די אײַנוווינער האָבן באַדויערט, וואָס מע האָט זיך צעשיידט מיט ערנסטן, זייער באַשיצער און זייער גוטן נאָווי. מע האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, וואָס וועט איצט זײַן, צי וועט מען נאָך באַגעגענען ווען-ניט-איז אזא טײַערן מענטש.

דער וועג צוריק איז געווען שווער און געפערלעך. אַלע מאָל זײַנען אָנגעפלויגן די רויסישע באָמבאַרדירער און באַגאָסן די אָפּטרעטנדיקע קאָלאָנעס מיט פײַער. און כאָטש די טויט-געפאַר איז געהאַנגען איבער ערנסטן, פונקט ווי איבער אַלעמען, נאָר עס האָט אים געפרייט, וואָס מע לויפט, וואָס מע לײַדט שווערע פאַרלוסטן, וואָס די אָקופּאַנטן זײַנען אין פּאַניק, וואָס זייער יאָמטעוו האָט זיך געענדיקט און וואָס די סאָוועטישע אַרמיי האָט זיי ניכטער געמאַכט.

מיט גרויסע שוועריקײַטן האָט די קאָמאַנדע זיך דערקליבן אין איינער א פאַרשטאָט פון זאַפּאָראָזשיע.

די שטאָט און די באַרימטע הרעבליע איז געווען אופגעריסן, געלעגן אין רויִנעס, אין ברוכשטיקער. א פּאַכעד האָבן אָנגעוואָרפן די פּוסטע גאַסן. נאָך א שטאַרקערער פּאַכעד און א גרענעצלאָזער ווייטעק איז אים, ערנסטן, געווען קוקנדיק אָף די פאַרלאָשענע זאַוואָדישע קוימענס, אָף די אופגעריסענע צעכן פון די זאַוואָדן, וואָס האָבן אמאָל געשעמט איבער דער גאַנצער וועלט.

ערנסטן איז שווער געווען אויסבאַהאַלטן זײַן פרייד, ווען ער האָט געקוקט אָף די טויט־דערשראָקענע סאָלדאַטן און זייערע נאַטשאַלניקעס. דאָס האַרץ איז איבערפולט געוואָרן מיט נאַכעס. ווו איז אַהינגעקומען זייער האָנער, זייער שטאָלץ? זיי האָבן אָנגעהויבן זינגען גאָר אַן אַנדער לידל. „מע גלײַכט אויס די פראָנט־ליניע"... אָבער ווייניק־וועך האָט איצט אין דעם געגלייבט. מע איז מעקאַנע געווען יענע סאָלדאַטן, וואָס זײַנען דאָ דורכגעפאַרן אין די סאַניטאַר־צוגן. אָן פּיס, אָן הענט, צעקאַליעטשעטע, צעמאַזיקטע — יענע האָבן שוין פאַרענדיקט מילכאָמע־האַלטן און וועלן נאָך, מעגלעך, זיך אומקערן אַהיים. און וואָס וועט זײַן מיט זיי, מיט די גאַנצע, מיט יענע, וואָס האַלטן זיך נאָך אָף זייערע פּיס?!

אין איינעם פון די טעג האָט מען זיך דערוווּסט, אַז דער פעלד־געריכט האָט פאַרמישפּעט צום טויט צוויי סאָלדאַטן פון דער קאָמאַנדע. ביידע האָבן זיך דורכגעשאָסן די רעכטע האַנט. מע האָט עס געטאָן אַזוי אומגעלומפּערט, אַז די דאָקטוירים איז דאָס לײַכט געווען פעסטצושטעלן. איין יעפרייטאָר האָט מען צעשאָסן פאַרן סטרוי דערפאַר, וואָס ער האָט דעזערטירט פון דער קאָמאַנדע — ער איז שוין זאַט געווען מיט דער מילכאָמע.

א שוידער איז באַפאַלן דעם אוילעם. דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אין דער קלייִנינקער קאָמאַנדע אין מעשעך פון עטלעכע טעג. ס'איז ניט שווער געווען פאָרשטעלן, וואָס עס האָט זיך געטאָן אין די שלאַכט־טיילן!

דער אָבער איז שטאַרק געפאַלן באַ זיך. ער האָט זיך איצט באמיט זײַן וויכער צו זײַנע סאָלדאַטן און צו דער גרופּע געפאַנגענע, וואָס איז געווען לעבן זײַן קאָמאַנדע און געטאָן אַלע שוואַרצע און שווערע אַרבעטן. ער האָט אפילע געפּרוווט אַרויסווײַזן גוטסקײַט צו דער באַפעלקערונג, צווישן וועלכער מע האָט געווינט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מע טאָר זיך אין אַזאַ שווערער צײַט ניט פאַרקריגן.

דערווײַל איז ער מיט זײַנע מענטשן געזעסן, ווי מע זאָגט, אָף די טשעמאָדאַנעס און איז געווען גרייט אָפּטרעטן נאָך ווײַטער, אפילע צו זיך אַהיים. ער האָט געטראַכט, אַז עס איז א גליק, וואָס די געסטאַפּאָ פאַרמאָגט נאָך ניט אַזעלכע מאַכשירים, וואָס זאָלן קענען זיך דערוויסן, וואָס באַ אים אין מויעך טוט זיך, וואָס ער טראַכט וועגן דעם פּירער — ווען זיי ווייסן כאָטש א צענטכיילעק, וואָלטן זיי אים געוויס געהאַנגען!

די גאַנצע צײַט, ווי נאָר ערנסט גרושקאָ איז געקומען אָף א נײַ אָרט, האָט ער זיך אָנגעהויבן צוקוקן צום ציווילן אוילעם. ער האָט געזוכט זײַנע מענטשן, מיט וועלכע ער האָט געדאַרפט אײַנשטעלן קאָנטאַקטן.

דאָ, אין דער פאַרשטאָט, איז עס אים שווער אָנגעקומען. די מענטשן האָבן זיך באַמיט וואָס ווייניקער באַווײַזן אָף די גאַסן. מיט האַס און צאַרן האָט מען געקוקט אָף די דײַטשן, ווי אויך אָף די געפאַנגענע. אין אַלעמענס אויגן איז געווען אָנגעשריבן סינע, פײַנטשאַפט.

ער האָט אָבער באַמערקט, אַז כאָטש דער אוילעם איז הונגעריק, דערשלאָגן, זײַנען אַלע פול מיט האָפענונג. דעריקער, די לעצטע צײַט, ווען מע האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם גרויסן בראָך פון די דײַטשן באַ דער וואָלגע. כאָטש די פאַשיסטישע בלעטלעך האָבן געשריבן, אַז אָף די פראָנטן איז אַלץ אין אָרדענונג, די דײַטשן גרײַפן אָן, און אינגיכן וועלן זיי זיגן, האָט מען דאָך זיך ביסלעכווײַז דערוווּסט דעם גאַנצן עמעס.

אין איינעם פון די טעג, ווען ערנסט איז געגאַנגען איבער דער גאַס, האָט ער דערפילט, אַז זײַנע שיך זײַנען צעפאַרן געוואָרן און אינווייניק האָבן גענומען קוואַקען זשאַבעס.

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין א האַלב־פינצטערן קעלער, ווו עס איז געזעסן אַן אַלטיטשקער שוסטער און פאַריכט א שקראַב.

יענער האָט אים אָפּגעמאָסטן, דעם אומדערוואַרטן גאַסט, מיט א פײַנטלעכן בליק און זיך ווידער פאַרטיפט אין דער אַרבעט.

סטעפאַן גורטשענקאָ — דער שוסטער — האָט זיך געמאַכט טויב און שטום און אפילע ניט געענטפערט אָף יענעמס באַגריסונג.

אפן פֿאַרשלאָג פֿאַריכטן די שיך האָט דער אַלטער אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסל און קוים אַרויסגעבראַכט, אַז ער האָט ניט מיט וואָס — נישטאָ קיין טשוועקלעך, ניט קיין דראָטווע, ניט קיין פֿלעקלעך — גאָרניט איז בײַ אים נישטאָ, און זאָל יענער גיין צו אַ צווייטן.

אינגיכן האָט אָבער דער שוסטער באַמערקט, אַז דער דאָזיקער דײַטש איז גאָר אַף קיין מיליטערמאַן ניט ענלעך. דאָס אַנטאָן איז צעקנייטשט און אַ פֿאַנעם האָט ער פֿון כּויזעק. שפּעטער, ווען ערנסט האָט זיך מיט אים צערעדט, האָט יענער פֿאַרשטאַנען, אַז דער געקומענער איז עפּעס גאָר אַ מאָדנער סאָלדאַט. ער האָט זיך געפּאָרעט מיט זײַנע שיך און אַלץ זיך צוגעקוקט צו אים. אפֿן אַנדערן טאָג האָט ערנסט געבראַכט דעם שוסטער ברויט און צוקער. ער האָט אים אויך געגעבן אָנצוהערן, וואָס עס טוט זיך אַף די פֿראָנטן, אַזוי, אַז סטעפּאַן גורטשענקאָ האָט ברייט צעעפֿנט די אויגן.

אינגיכן האָט ערנסט פֿאַרשטאַנען, אַז דער שוסטער פֿאַרנעמט זיך ניט בלויז מיט פֿאַריכטן שקראַבעס. אין דעם האָט ער זיך איבערצײַגט, ווען גורטשענקאָ האָט אים געבעטן קומען אַהער, ווען ער וועט צונויפֿנעמען עטלעכע שכיינים „גוטע מענטשן”, וועלכע ס'וועט ציקאַווע זײַן אויסהערן, וואָס עס קומט פֿאָר אַפֿן פֿראָנט.

עליע האָט עס גערן געטאָן.

אין האַלב־פֿינצטערן קעלער זײַנען געזעסן עטלעכע באַיאָרטע אַרבעטער. מיט שײַנענדיקע אויגן האָט מען באַטראַכט דעם אַרײַנגעקומענעם „דײַטש”. דאָס וואָס ער האָט דערציילט, האָט אַלעמען דערפֿרייט, און פֿון די ערשטע ווערטער זײַנע האָט מען פֿאַרשטאַנען, אַז דער באַכער האָט ניט קיין שום שײַכעס צו די דײַטשן — ער איז אַן אייגענער, ניט אַנדערש, ווי אַ צוגעשיקטער פֿון דער „גרויסער ערד” אַף צו דערציילן די מענטשן דעם עמעס, זיי מיטהעלפֿן מיט וואָס ער וועט נאָר קענען.

און ווירקלעך, ער האָט אַלץ אָפּטער אַראָפּגעבראַכט אַהער, אין קעלער, צום שוסטער, דעם „אײַזערנעם שווײַגער” גורטשענקען, פּראָדוקטן און מעדיקאַמענטן, בלעטלעך, ווו עס זײַנען געווען פֿאַרשריבן די נײַס, וואָס די סאָוועטישע אינפֿאָרמאַציע־ביוראָ האָט איבערגעגעבן פֿון מאָסקווע, און דאָס איז געווען פֿאַר די אונטערערדלעך טײַערער פֿון אַלץ אַף דער וועלט.

מע האָט זיך אינגיכן באַפֿרײַנדעט מיטן „גוטן דײַטש”, נאָר באַדויערט, וואָס ער האָט זיך ניט לאַנג פֿאַרהאַלטן אין דער אַרבעטער־פֿאָרשטאָט. די קאָמאַנדע האָט זיך איבערגעקליבן לעבן יוזעווקע, ריכטיקער געזאָגט, ניט ווײַט פֿון דער שאַכטיאָרישער הויפּטשטאָט.

אַרום און אַרום האָבן זיך געשוואַרצט הויכע טעריקאָנעס. עס זײַנען געשטאַנען טויטע און פֿאַרגליווערטע עסטאַקאַדעס, שאַכטעס, וועלכע זײַנען געווען פֿאַרטרונקען מיט וואַסער. די פּרעסט האָבן געברענט, נאָר קיינער האָט ניט אַרויסבאַקומען קיין קוילן. גאַנצע טעג האָבן קינדער און פֿרויען אַרומגעקלעטערט איבער די פֿאַרגליווערטע טעריקאָנעס, געזוכט צווישן דער פּאָראָדע שטיקלעך אַנטראַציט.

אויך דאָ האָט ערנסט באַגעגנט אַף יעדן שריט און טריט אָנגעכמורעטע, בייזע מענטשן, וואָס האָבן געקוקט אַף אים מיט האַס און אָפּפֿרעגונג. אים האָט פֿאַרדראָסן, וואָס ער קאָן ניט צוגיין צו יעדן איינעם און זאָגן דעם עמעס ווער ער איז און וויאַזוי איז ער געקומען אַהער. ער וואָלט יעדן איינעם געהאָלפֿן מיט וואָס ער וואָלט געקאָנט, נאָר גיי טו עפּעס, אַז מע קוקט אַף דיר מיט סינע און פֿאַראַכטונג!

ער האָט געהאָפֿט, אַז דאָ וועט זיך אים אײַנגעבן פֿאַרבינדן מיט דער אונטערערד — אַז מע וועט אים העלפֿן, ער זאָל זיך קאָנען אַריבערכאַפּן אַף יענער זײַט פֿראָנט־ליניע אָדער צו די פּאַרטיזאַנער, נאָר קאַלוזמאַן ער איז דאָ, דאַרף ער העלפֿן די אויסגעהונגערטע, אויסגעמאַטערטע מענטשן, מיט וואָס נאָר ער וועט קאָנען. ער וועט זיי איבערגעבן אַלץ, וואָס ער וועט זיך דערוויסן. שוין ניט איין מאָל האָט ער זיך איבערצײַגט, אַז דאָס איז פֿאַר די מענטשן טײַער פּונקט ווי ברויט און לופֿט.

איינעם אַרבעטער־יִשעוו האָט עליע זיך צופֿעליק באַקאַנט מיט אַ פֿרוי, וואָס האָט געאַרבעט אַף דער שאַכטע „סמאָליאַנקע”. זי האָט זיך אָנגערופֿן נינע. די דאָזיקע פֿרוי האָט גוט געקענט דעם אוילעם פֿונעם אַרבעטער־יִשעוו, ווי אויך פֿון די אַרומיקע יִשוווים.

אינגיכן האָט נינע אים באַקאַנט געמאַכט מיט אַן אַלטן אַרבעטער, וואָס האָט זיך אָנגערופֿן מיטן נאָמען אַלעקסין. לויט יענעמס אויגן האָט ערנסט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס דאַרף זײַן ניט זײַן עמעסער נאָמען. אין יענער צײַט האָבן פֿיל מענטשן ניט געקאָנט לעבן אונטער זייער עמעסן נאָמען.

ערנסט האָט אײַנגיכן פאַרשטאַנען, אַז פאַר די דאָזיקע צוויי מענטשן האָט ער ניט וואָס זיך צו היטן, ער קאָן מיט זיי ריידן אָפן.

די מענטשן האָבן זיך געגנייטיקט ניט בלויז אין פּראָדוקטן און מעדיקאַמענטן, וועלכע ער האָט זיי אָפּט געבראַכט, נאָר אויך אין געווער און אין אופּרײַס-מאַטעריאַלן. כאָטש ניט גרינג איז געווען דאָס אַלץ צו קריגן, נאָר מיט דער הילף פון דעם שאָפער האַנסן, וואָס איז קעסיי-דער אַרומגעפאָרן אין פאַרשיידענע שליכעס, ווי אויך מיט דער הילף פון אַנדערע סאָלדאַטן, מיט וועלכע ער איז געווען אין גאַר גוטע באַציִונגען, האָט זיך אים אײַנגעגעבן קריגן אַ סך זאַכן און ער האָט דאָס פּאַרזיכטיק איבערגעפּעקלט אין גוטע הענט.

די שיטער-געוואָרענע דײַטשישע טיילן האָבן זיך געגנייטיקט אין מענטשן, און מע האָט אוועקגעטריבן פון דער קאָמאַנדע אַף די פאָדערשטע פּאָזיציעס די סאָלדאַטן, וועלכע זײַנען געווען פייִק האַלטן געווער אין די הענט.

און מיט זיי צוזאַמען האָט מען אוועקגעטריבן דעם אָבערלייטענאַנט עמיל שמוצן מיט האַנסן. אַ פּאַכעד איז אָנגעפאַלן אַף ערנסטן.

ער האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, ווער וועט עס קומען אַהער אַף זייערע ערטער. ניט גרינג וועט אים, מינאַסטאַם, איצט זײַן. אַ נײַער בעזעם, זאָגט מען, קערט ריין. מע האָט צו-גענומען זײַנע בעסטע מענטשן — יענע, בײַ וועלכע ער האָט לײַכט געקראָגן פּראָדוקטן און מעדיקאַמענטן, אַפילע אופּרײַס-מאַטעריאַלן.

אַפן אָרט פונעם אָבער האָט מען צוגעשיקט עפּעס אַ קאַפּיטאַן, וועלכער איז שוין צוויי מאָל געווען פאַרוואונדעט אין די שלאַכטן, פראַנץ שליאַגע האָט ער געהייסן. דער איז אײַנגאַנצן ניט ענלעך געווען אַפן פּאַריקן שעף, וועלכער האָט ערנסטן אַ סך זאַכן אָנגעטרויט. אַ קליינינקער, אַן אײַנגעשרומפּענער, אַ קרענקלעכער, וואָס האָט זיך געמאַטערט מיט שטיינער אין די נירן, איז ער ענלעך געווען אַף אַ צערייצטן קעלעוו, זיך געוואָרפן מיט די פויסטן אַף זײַנע זעלנער. אַ מוירעדיק נערוועזער, האָט ער אָפּטלעך זיך געכאַפּט פאַרן פּאַראַבעלום, ווען ער האָט זיך אַף עמעצן געבייזערט.

נאָר דאָס איז געווען בלויז די ערשטע טעג נאָך זײַן קומען. אײַנגיכן איז ער אײַנגעשטילט געוואָרן. די שווערע פאַרלוסטן, וואָס די דײַטשן האָבן געליטן, די אָפּטע אָנפאַלן פון די סאָוועטישע באָמבאַרדירער האָבן אים געמאַכט ניכטערער, אײַנגעהאַלטענער. דערבײַ האָט אים אַלע מאָל אַ כאַפּ געטאָן די קרענק, און ער האָט געזען דעם מאַלעכהאַמאָוועס פאַר די אויגן.

דער נײַער שעף האָט ניט פאַרשטאַנען קיין וואָרט רוסיש און דאָס וואָס ער האָט געהאַט לעבן זיך אַזאַ גוטן איבערזעצער, ווי ערנסטן, דעם פרייִלעכן פּאָלקסדויטשע, האָט ער געהאַלטן, אַז אים האָט פּאַשעט אָפּגעגליקט.

וואָס ווײַטער האָט ער אַלץ מער און מער פאַרטרויט ערנסטן.

זעט אויס, אַז דער קאַפּיטאַן האָט באַשלאָסן זײַן וואָס ווײַטער פון די פאָדערשטע פּאָזי-ציעס, ווו ער האָט שוין באַוויזן פאַרגיסן בלוט פאַרן פיורער, און פעסט באַשטימט, אַז אום יעדן פרײַז דאַרף ער אַ לעבעדיקער זיך אַרויסרײַסן פון דער שרעקלעכער מילכאָמע, און דאָס האָט אים געצווונגען מער זיצן אין שטוב, אונטער אַ דאַך און ווייניקער קריכן אַהין, אין די אַרבעטער-יִשוּווים, ווו ער קאָן אַרײַנכאַפּן אַ מעסער אין דער פּלייצע. דעריבער האָט ער זיך אָנגעהויבן אָפּטער שאַפן מיט ערנסטן און דורך אים איבערגעבן סײַ זײַנע זעלנער, סײַ דער באַפעלקערונג אַלע באַפעלן.

ערנסטן איז דאָס דאָפּקע געפעלן געוואָרן.

ער האָט באַקומען אַ מעגלעכקײַט אין נאָמען פונעם קאַפּיטאַן אַרויסבאַקומען באַם קאָפּ-טענאַרמוס פּראָדוקטן און גרעט וויפל אים איז נייטיק געווען. אייניקע זאַכן האָט ער איבערגע-געבן זײַנע נײַע כאַווײרים.

און געטאָן האָט ער עס פון דער ברייטער האַנט און געפילט זיך גליקלעך, וואָס ער קאָן באַהילפיק זײַן די שאַכטיאָרן, וואָס ער לעבט ניט אומזיסט אַף דער וועלט, אַז אַלץ, וואָס ער טוט, העלפט מיט אונדזערע מענטשן.

ער האָט געוווּסט, אַז זײַנע גוטע פרײַנט, די געטרײַע סאָוועטישע מענטשן, וועלן בײַ אַ נויט אים אויך מיטהעלפן.

נאָך די גרויסע פּרעסט האָט מיטאַמאָל אַ שמייכל געטאָן דער אָנקומענדיקער פרילינג און אַפן האַרצן איז געוואָרן אַ ביסעלע לינדער. דער דאָנעצער סטעפּ, די וועגן און שטעגן זײַנען אײַנגאַנצן צעפאָרן געוואָרן און מע האָט פּאַשעט ניט געקאָנט זיך באַוועגן. מאַשינעס זײַנען פאַרהריזשעט געוואָרן אין די געדיכטע בלאָטעס — כאָטש שלעפּ אַלץ אַף די אייגענע פּלייצעס.

די קאָמאַנדע איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ שיטערער, און דער הער קאַפּיטאַן איז שיר ניט אַרויסגעקראָכן פון דער הויט. אינדערעמעסן, איז דאָס טאַקע ניט געווען קיין קאָמאַנדע, נאָר אַן אינוואַלידן־קאָמפּאַניע. קימאַט אַלע געזונטע זעלנער האָט מען צוגענומען און צוגע־שיקט אַהער האַלבע קאַליקעס פון די שפּיטאָלן. מיט אָט דעם כאַיִל און מיט די עטלעכע צענ־דליק געפאַנגענע רוסן, אוקראַיִנער, גרוזינער ווערסטו א סאַך אויפטאָן?! זיי וואַרטן בלויז אַף א גינסטיקן מאָמענט אַף צו אַנטלויפן. זיי טוען, עמעס, אַלץ, וואָס ער באַפעלט, נאָר אַלע קוקן אַף דיר מיט סינע, מע וואָלט דיך דערשטיקט, ווען מע האָט די מינדסטע מעגלעכקייט.

דעריקער האָט זיך געערגערט דער קאַפּיטאַן דערפון, וואָס מע שטייט אַף איין אָרט — מע רירט זיך ניט פאָרויס און ניט צוריק. מע געוווינט זיך צו אַזא לעבן, און די אַרטיקע באַפעלקערונג הייבט אויף דעם קאָפּ. די דיסציפּלין איז שטאַרק געפאַלן. נאָר וואָס ווערסטו מאַכן, אַז מע ווינט אין שטיבער, ניט אין קאַזאַרמע און מע קאָן ניט נאָכשפּירן יעדן באַזונ־דער, אַרײַנקריכן יעדן איינעם אין דער נעשאָמע.

כאָטש ערנסט גרושקאָ האָט געטאָן זײַן אַרבעט, — איבערגעזוצט דעם נאַטשאַלניק, וואָס יענער האָט באַפוילן — דעריקער געהערט די ראַדיִאָ און דערציילט אַלע טאָג, וואָס מע גיט איבער, האָט ער זיך דאָך באַמיט פירן פאָרזיכטיק — ער זאָל ניט אונטערפירן זײַנע נײַע באַקענטע.

דער נײַער בעזעם האָט פון אים ניט אַראָפּגעלאָזט דאָס אויג, ווי ער זאָל זיך עפּעס אָנ־שטויסן. נאָר ערנסט איז געווען אַף דער וואַך.

דער קאַפּיטאַן איז אַרומגעגאַנגען, ווי א פּריטשמעליעטער און ניט געוווּסט, וואָס פאַר אַן אַרבעט ער זאָל געבן זײַנע מענטשן. גרייטן נײַע דירעס? נאָר ווו? די העכערע נאַטשאַל־סטווע האָט אַליין ניט געוווּסט, אַף וואָס פאַר א וועלט מע געפינט זיך און וואָס וועט צר־טראַכטן דער פיורער. מע האָט געדאַרפט אונטערהאַלטן דעם מוט בא דער אַרמיי, נאָר וויִאַזוי? אַז א סאַך זײַנען אומגעגאַנגען אַנטוישטע און דערשיטערטע. ניט געקוקט אַף די נעוויִעס פונעם פיורער און זײַן פליגל־אַדיוטאַנט, געבעלסן, זײַנען די געשעפטן געגאַנגען ביז גאָר שלעכט, און ניט בלויז דאָ, אַפן רוסישן פראָנט, נאָר אויך דאָרטן אין דער היים, ווו די אַמע־ריקאַנער און ענגלענדער זײַנען אַלע מאָל אָנגעפאַלן פון דער לופטן אַף די גרויסע שטעט, זיי באָמבירט און פאַרוואַנדלט אין רויִנעס.

דער הער קאַפּיטאַן האָט אַלץ אָפטער צונויפגענומען זײַנע סאָלדאַטן און אין זיי געפּרוּווט אַרײַנפּאָמפּען א ביסל האָפענונג און גלייבן.

עמעס, איצט האָט ער שוין ניט גערעדט ווי פריִער וועגן דעם, אַז עס איז שוין געבליבן ניט קיין סאַך צײַט, מע זאָל ענדיקן פאַרניכטן די רוסישע אַרמיי. איצט האָט ער מער גערעדט וועגן דעם, אַז דער דריטער רײַך און דאָס פאָטערלאַנד איז אין א סאַקאָנע, און מע דאַרף גרייט זײַן אָפּגעבן דאָס לעבן, קעדיי ניט לאָזן די רוסישע וואַרוואַרן קיין דײַטשלאַנד.

ער האָט אָפטער דערמאָנט וועגן דעם, אַז דער פיורער האָט עפּעס א מין געהיים געווער, וואָס וועט איניגיכן געלאָזט ווערן אין גאַנג און פאַרניכטן ניט בלויז רוסלאַנד, נאָר אויך ענג־לאַנד, קאַנאַדע און אַמעריקע.

די צוזאָגענישן האָבן די זעלנער אויסגעהערט שווײַגנדיק — מע האָט די מײַסעס שוין ניט איין מאָל געהערט. מע איז שוין, הייסט עס, זאַט מיט זיי.

אַף יענע זעלנער, וועלכע זײַנען די גאַנצע צײַט דאָ, ווײַט פון די פאָדערשטע פּאָזיציעס, האָבן דעם קאַפּיטאַנס רייד נאָך געהאַט א שטיקל ווירקונג. נאָר יענע, וואָס האָבן פאַרזוכט דעם טאַם פון די רוסישע האַרמאַטן, קאַטיושעס, האָבן די מײַסעס ניט גערירט.

דער קאַפּיטאַן האָט אָבער ניט געקענט שווײַגן. ער האָט אויסגעפּילט פּינקטלעך די באַ־פעלן פון זײַנע באַלעבאַטים: אום יעדן פּרײַז העכערן דעם שלאַכטמוט בא די זעלנער, העכ־כערן דעם גלויבן אינעם פיורער און אינעם ניצאָכן איבער די רוסן.

אין אָט די טעג האָט ערנסט גרושקאָ פּלוצעם באַקומען א בריוו און זיך שטאַרק פאַר־לוירן. ער האָט פון קיינעם ניט דערוואַרט קיין בריוו. ווער האָט עס אים געקענט שרײַבן? אַף דער גאַנצער וועלט איז איצט ניט געווען קיין מענטש, וועלכער זאָל געוואָלט עפּעס וויסן וועגן אים, ווו ער געפינט זיך און מיט וואָס ער איז פאַרנומען און צי לעבט ער ביכלאַל נאָך אַף דער ערד!

לאָזט זיך אויס, אַז דאָס האָט אים צוגעשיקט א בריוו פונעם פראָנט האַנס אײַנאַרד!

איבערגעלאָפן מיט די אויגן די ערשטע שורעס, האָט ערנסט זיך דערשראָקן — ער האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, וויִאַזוי איז דאָס בריוול דורכגעגאַנגען די דײַטשישע צענזור. עמעס, צו די עטלעכע ערשטע שורעס האָט זיך קיין שום צענזור ניט געקענט צוטשעפּען, נאָר ווײַטער!

„קאַמראַד ערנסט, — האָט יענער געשריבן, — איך שיק דיר אַ גרויסן און פריינטלעכן גרוס פונעם פראָנט, — איך בין זייער צופרידן, וואָס איך געפין זיך אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס און דין גוט דעם פיורער... איך דערמאָן בלויז צו גוטן אונדזער קאָמאַנדע און די ערטער, ווו מיר זייַנען געוועזן צוזאַמען. אין פאַרגלייַך מיט דעם, ווו איך בין איצט, איז בא אייַך אַן עמעסער גאַניידן. אַלע קאַמראַדן, וועלכע זייַנען געקומען אַהער צוזאַמען מיט מיר, זייַנען שוין אויף דער וועלט ניטאָ. בלויז איך האַלט זיך נאָך. דער אָבער אונדזערער איז געפאַלן אײנעם ערשטן שלאַכט, דאָס הייסט, דעם צווייטן טאָג ווי מיר זייַנען אַהער געקומען. אַלץ וואָלט געווען גוט, ווען די רוסישע האַרמאַטן און די „קאַטיושעס" לאָזן כאָטש איין נאַכט זיך אויסשלאָפן. פאַר אַ קורצער צייַט איז פון אונדזער באַטאַליאָן איבערגעבליבן ווייניקער פון צוויי צענדליק זעלנער. ווי־אַזוי איך בין געבליבן לעבן, שטעל איך זיך ניט פאָר. איך גלייב שוין ניט, אַז איך וועל נאָך ווען־ניט־איז זען מייַן היים, מייַן פרוי און די קליינינקע טאָכטערקע מייַנע דאָריס, וועלכע איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען. מייַן פרוי קעטע שרייַבט, אַז זיי וויסן דאָרטן אויך ניט פון קיין רו. גאַנצע נעכט נאָכאַנאַנד באָמבירט מען זיי. עסן איז נישטאָ וואָס. מע לייַדט פון הונגער און נויט און מע פאַרשעלט זיך די ביינער, וואָס מע איז געבוירן געוואָרן אויף דער וועלט. אַ גרויסן דאַנק אונדזער אַלמעכטיקן פיורער. מיר דאָ, אין די קאַלטע רוסישע סטעפּעס, און אונדזערע דאָרטן — אין דער היים, האָבן אַ שיין לעבן... און ביכלאַל, ווי דו שטעלסט זיך אַליין פאָר, קאַמראַד ערנסט, איז אונדז זייער פריילעך. עס ווערט, זעט אויס, זייַן פּינקטלעך, ווי דו האָסט אַמאָל פאָרויסגעזאָגט... אויב מיט מיר וועט אַן אומגליק געשען, שרייַב אָן מייַן פרוי... דעם אַדרעס האָסטו".

עליע האָט געלייענט די בריוו און געקליבן נאַכעס. ער האָט, עמעס, שטאַרק ראַכמאָנעס געהאַט אויף זייַן פריינט, אויף האַנסן, און אויף יענע זעלנער, וועלכע האָבן אים דאָ אַמאָל שטאַרק מיטגעהאָלפן, אַדאַנק וועלכע ער איז ניט איין מאָל געראַטעוועט געוואָרן. אָבער אַלץ, וואָס ער האָט געזען אַרום, אָט דאָ אין הינטערלאַנד, ווייַט פון די פאָדערשטע פּאָזיציעס און דאָס, וואָס ער האָט אויסגעלייענט פון זייַן קאַמראַדס בריוו, האָט אים צוגעגעבן מוט און גלויבן.

אין אַ פרייַער מינוט פלעגט ערנסט זיך אַרייַנכאַפּן צו דער באַקאַנטער פרוי, איר ברענגען, וואָס עס האָט זיך געמאַכט, איבערגעגעבן די נייַעס, וואָס ער האָט זיך דערוווּסט.

זייַן אַרבעט איז אָבער מיט יעדן טאָג געוואָרן געפערלעכער. צופיל האָט זיך צו אים גענומען צוקוקן דער קאַפּיטאַן. ניט אַנדערש, ווי ער האָט עפּעס אָנגעשמעקט. נאָר יענער האָט זיך נאָך ניט באַוויזן ווי געהעריק באַקענען מיט די מענטשן, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, ווי זייַנע שטיינער אין די נירן האָבן אים אָוועקגעוואַלגערט אויף לאַנג. און ערנסט האָט ניט געוווּסט, צי דאָס איז פאַר אים, פאַר ערנסטן, בעסער צי ערגער. יענער נייַער נאַטשאַלניק האָט ליב געהאַט זיך גריבלען אין פרעמדע נעשאָמעס, אויספרעגן נאָכאַמאָל און אָבעראַמאָל, ווער איז ער און ווי־אַזוי איז ער געקומען אַהער, און עס איז אויסגעקומען אויסטראַכטן אַלע מאָל אַ נייַע געשיכטע, לייַגן, פאַנטאַזירן, אַרויסרופן בא יענעם מיטגעפיל און צוטרוי.

און דאָס איז געווען ניט קיין גרינג שטיקל אַרבעט.

אָט איז געקומען אַ נייַער רועך, שוין דער דריטער, אַן אָבערלייטענאַנט מיטן נאָמען ריכאַרד שולץ, אַ פרישינקער, אָקאָרשט געקומען פון דייַטשלאַנד און נאָך קיין פולווער ניט געשמעקט. דאָס איז געווען אַ באַיאָרטער פאַרשוין מיט אַ דאַר אָפּגעצויגן פּאָנעם, אין גרויסע ברילן מיט דיקע גלעזלעך, אַ קורצזיכטיקער, מיט אַן עטוואָס אויסגעבויגענער פּלייצע. זעט אויס, פון די לעצטע רעזערוויסטן היטלערס. אַן אַנדערש מאָל וואָלט מען אָט דעם נעבעכל נאָענט צו דער מילכאָמע ניט צוגעלאָזט, נאָר איצט, ווען די אַרמיי איז אַזוי שיטער געוואָרן, איז דאָס פאַרן פיורער אויך געווען אַ שטיקל סכוירע.

ערנסט האָט פון דעם ערשטן טאָג פאַרשטאַנען, אַז דאָס דאַרף זייַן אַ מוירעדיקער פּאַכדן. ווי נאָר אין דרויסן ווערט טונקל, האָט ער מוירע אַרויסרוקן די נאָז פון יענער זייַט שוועל און שאַפּט זיך מיט זייַנע זעלנער, און אויך מיטן איבערזעצער.

דעם נייַעם נאַטשאַלניק האָט געקימערט דאָס, וואָס אין דער קאָמאַנדע האַלט מען די עטלעכע צענדליק רוסישע שווייַנען, די געפאַנגענע. עמעס, זיי פּילן אויס די באַפעלן, רעמאָנטירן די וועגן און טוען אַלע שווערצע אַרבעטן, נאָר ער האָט געוווּסט, אַז דאָס אַרבעטן זיי אויס מוירע, און עס איז גענוג, אַז עס זאָל זיך ערגעץ אַ דריי טאָן ניט אַזוי, ווי זיי וועלן אים און זייַנע זעלנער דערשטיקן. ער האָט געפּרוווט זאָגן וועגן דעם זייַן העכערער נאַטשאַלסטווע, נאָר יענע האָבן אים אָנגעקוקט, ווי אַ מעשוגענעם — וואָס זשע, ער ווייסט דען ניט, אַז

אין רײַך זײַנען קיין איבעריקע סאָלדאַטן ניטאָ און מע מוז זיך האַלטן מיט די שוויַנען. וואָס זשע, ער אַליין וועט עפּשער פאַריכטן די וועגן?

און ער איז שטיל געבליבן, פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף זיך וויניקער פאַרנעמען מיט זײַטיקע זאַכן און טאָן, וואָס נאַטשאַלסטווע הייסט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מע דאַרף זיך ניט פאַרקריגן מיט די מענטשן, וואָס רינגלען אים אַרום, ווי אויך מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג, מע דאַרף זיך האַלטן ווײַטער פון דער געסטאַפּאָ און פונעם פײַער. ער האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז אָט דאָ, אין הינטערלאַנד, אין דער קאָמאַנדע, זײַנען פאַראַן שאַנסן אָפּ בלײַבן לעבן.

כאָטש דער נײַער נאַטשאַלניק האָט ניט שטאַרק געגליייבט דעם איבערזעצער, נאָר זיך מיט דער צײַט צוביסלעך צוגעוווינט צו אים — אַן אַנדער ברייַרע האָט ער געהאַט, אַז אין דער רוסישער שפּראַך האָט ער זיך ניט פאַנאַנדערגעקליבן. נאָך מער — ער האָט זי פאַרהאַסט, דעריבער האָט ער געמוזט אָנקומען צו דער הילף פון אָט דעם ערנסטן.

מיט גרויסע שוועריקײַטן איז ערנסטן אָנגעקומען זיך דערנענטערן מיטן אָבעריעפרייַטער הענריך בוש, דעם נײַעם קאַפּטענאַרמוס. דער פאַרשוין האָט פאַרמאָגט איין אויג. מע האָט אים צוגעשיקט אַהער פונעם שפּיטאָל, דאָ איז ער געוואָרן דער גאַנצער באַלעבאָס איבער די שפּײַכלער פון פּראָדוקטן און מעדיקאַמענטן — איבער אַלץ, וואָס ערנסט האָט שטאַרק גענדאַרפט האָבן פאַר זײַנע באַקענטע, די שאַכטיאָרן.

ווי ערנסט האָט ניט געפּרוווט זיך דערנענטערן צו דעם אָנגעדראָלענעם, אומגעלומפּערט־וווקסיקן פאַרשוין, וואָס האָט יעדן איינעם געזידלט מיט די סאַמע מיִעסע ווערטער, האָט ניט געהאָלפן.

עמעס, איין מאָל האָט יענער אויסגעגעבן ערנסטן דעם סאָד, אַז אין האַמבורג האָט ער אַ באַקאַנטע אַלמאָנע, מיט וועלכער ער פּירט שוין פון אַ שטיק צײַט אַ ליבע, נאָר ער לײַדט דערפון, וואָס ער קאָן איר ניט שרײַבן קיין ליבע־בריוולעך. עס באַקומט זיך באַ אים ניט און ער שטעלט זיך ניט פאָר, וואָס ער דאַרף טאָן. יענע וועט געוויס זיך אויסשפּײַען אָף אים און זיך אָפּזוכן אַ צווייטן.

און ערנסט האָט ניט לאַנג געטראַכט, זיך אוועקגעזעצט און אָנגעשריבן דער אַלמאָנע אַ בריוו, וואָס האָט געקענט רירן אַ שטיין. דער אָבעריעפרייטער האָט אַזש געלאָזט אַ טרער, אויסהערנדיק, וואָס דער ערנסט האָט אָנגעשריבן. פון דעם טאָג אָן האָט ער שוין ערנסטן ניט געלאָזט רוען און אַלע מאָל אים אַרײַנגערופן צו זיך און געבעטן שרײַבן פאַר אים בריוו.

די דאָזיקע בריוו האָבן פאַר ערנסטן געעפנט ניט בלויז דאָס האַרץ פונעם בייזן אָבערעפרייטער, נאָר אויך די שפּײַכלערס, מיט וועלכע יענער האָט אָנגעפירט.

ער האָט ערנסטן גאָרנישט ניט געקאָנט אָפּזאָגן און אים געגעבן, וואָס יענער האָט געבעטן.

ערנסט האָט זיך איצט אָפּטער באַגעגנט מיט נינען. אים האָט זיך אײַנגעגעבן קריגן אופרײַס־שטאָף, מעדיקאַמענטן, וועלכע מע האָט איבערגעפּעקלט די פּאַרטיזאַנער.

נאַטירלעך, אַז ער האָט געוווּסט אָף וואָס פאַר אַ געפערלעכן וועג ער גייט. נאָר באַרויקט האָט אים דאָס, וואָס ער טוט דאָס, וואָס איז נייטיק, וואָס די צײַט גייט באַ אים ניט אומזיסט.

אָט דאָ, אינעם שאַכטיאָרישן יִשובֿ, האָט ערנסט גרושקאָ זיך דעראָבערט אַ סאַך גוטע פרײַנט צווישן די אַרבעטער.

ביסלעכווײַז האָבן זיך צו אים אומגעקערט די קויכעס. ער האָט שוין ניט געפילט אַזעלכע ווייטעקן, ווי פריִער, און באַשטימט, אַז ער קאָן פאַרלאָזן די „שטעלע זײַנע" אין דער קאָמאַנדע און אַרבעטן מיט די היגע מענטשן, מיט די פּאַרטיזאַנער, נאָר נינע און אירע כאַווייריםהאָבן אים אָפּגעהאַלטן דערפון. זיי האָבן געטײַנעט, אַז קיין שענערע מיסיע, ווי ער פילט אויס, טראָגנדיק דעם פרעמדן שינעל, איז איצט ניטאָ. ער ברענגט די אַרבעטער אַזויפיל נוץ, מוט און גלויבן און דאָס איז טײַערער פון אַלץ. ניין, ער דאַרף נאָך דערווײַל זײַן אָף זײַן אָרט. ער האָט אַ סאַך אופגעטאָן פאַר די מענטשן, פאַר זײַן היימלאַנד און איז נאָך בעקויעך אַ סאַך אופצוטאָן!

די דאָזיקע ווערטער האָבן דעם באַכער באַגײַסטערט און ער האָט געגלייבט, אַז קיינער וועט אים קיינמאָל ניט קענען פאַרוואַרפן, אַז ער האָט ניט געטאָן דאָס, וואָס איז געווען אין זײַנע קויכעס.

עליע האָט געגלייבט, אַז זײַנע צווי בריוו, וועלכע ער האָט אין ניקאָלײַעווקע איבערגעגעבן קלאָוען, וועלן אַרײַנפאַלן אין גוטע הענט, און וויבאַלד אַזוי, וועט מען וויסן, אַז ער האָט ניט אוועקגעלייגט דאָס געווער אין די שווערסטע טעג פון זײַן לעבן, ניט געזוכט זיך קיין רויִק, גרינג לעבן און ביזן סאָף אויסגעפילט זײַן סאָלדאַטישן כויוו.

יאַמטעוו אין שטעטל

מיט יעדן טאָג האָט זיך דער פרילינג געלאָזט פילן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. די זון האָט אָן אַן עמעסן אָנגעהויבן וואַרעמען, און מע האָט ניט באַמערקט, ווען אויף די ביימער האָבן זיך צעגרינט די קנאָספּן און געגומען ארויסוואַרפן די ערשטע בלעטלעך. די דאָנבאַסער ערד האָט אָנגעהויבן ביַיטן איר קאָליר. און אויך אויף דער נעשאַמע האָט אָנגעהויבן ווערן וואַרעמער, נאָר איינצייַטיק אומרויִקער.

עמעס, קיינער האָט זיך נאָך ניט געקענט פאָרשטעלן, וואָס וועט ברענגען אָט דער פרי־לינג — פרייד אָדער אַנטוישונג.

אויפן הארצן איז געוואָרן פריילעכער דערפון, וואָס בווילעטער האָט זיך אהער דערטראָגן דער געהילך פון די רוסישע קאַנאָנען און אַלץ אָפטער האָבן זיך הויך אין הימל באַוויזן די רוסישע באָמבאַרדירער און שטורמאַוויקעס מיט די רויטע שטערנס אויף זייערע פליגלען. זיי האָבן אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די דייַטשן און געבראַכט פרייד און האָפענונג פאַר די אויס־געהונגערטע, אויסגעמאַטערטע אַרטיקע איינוווינער, וואָס האָבן ארויסגעקוקט אויף זייערע רע־טער מיט גרויס אומגעדולד. אומרויִקער איז געוואָרן דערפון, וואָס דער פּיורער האָט איבער־געוואָרפן אהער פון פאַרשיידענע פראָנטן און באַצירקן פרישע קיִכעס, טעכניק און געדראָט מיט „געהיים־געווער”. כאָטש אַלע האָבן שוין גוט געוווּסט די ווערט פונעם פיורערס סטראַ־שונקעס, נאָר דער סוינע איז נאָך געווען שטאַרק.

קלאָר איז געווען איינס — ווען די וועגן וועלן אויסגעטריקנט ווערן, וועלן די דייַטשישע כאַיאָלעס מאַכן אַ נייַעם פּרוּוו זיך באַמיִען נעמען רעוואַנש פאַר זייער שווערער מאַפּאָלע בא סטאַלינגראַד, בא דער וואָלגע.

דער נייַער נאַטשאַלניק ריכאַרד שולץ איז געווען טויט דערשראָקן און ניט געוווּסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער געפינט זיך.

אים האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז מע וועט אים גאָר איינגיכן אוועקטרייַבן אויפן פראָנט, אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס און ער וועט דאָרטן אומקומען, ווי הונדערטער זיינע באַקאַנטע, וואָס זיינען אהער געקומען צוזאַמען מיט אים פון דייַטשלאַנד, און אָנשטאָט אייַזערנע קרייצן, וועגן וועלכע זיי האָבן אַזוי געטרוימט, האָבן זיי באַקומען אָסינאָווע און ערגעץ אין די רוסישע סטעפּעס זיינען געבליבן זייערע קוואָרים.

צי דען איז דאָס אויך זיין גורל?

צוריק מיט אַ שטיקל צייַט האָט ער נאָך געגלייבט, אַז מע וועט אויסגלייַכן, ווי דער פּיו־רער האָט באַהויפּטעט, די פראָנט־ליניע, אָפּשטעלן דעם סוינע און מע וועט קענען קומען אַ ביסל צו־זיך. אַלץ וועט זיך שטעלן אויף אַן אָרט, נאָר לויט דעם, וואָס ער האָט זיך דערוווּסט די לעצטע צייַט פונעם איבערזעצער זיינעם, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס אַלץ איז אַ כאָלעם, פּוסטע מייַסעס, דער ניצאָכן איז נאָך גאַנץ ווייַט און נעפּלדיק, אויב ביכלאַל עס איז אין אַזעלכע באַדינגונגען מעגלעך אַ ניצאָכן.

ער, ריכאַרד שולץ, האָט אַמאָל געזען פּאַוליוסעס אַרמיי אויפן מאַרש, ווען זי איז געגאַן אויף מיזרעך, אויף רוסלאַנד. עטלעכע טעג און נעכט זיינען די קאָלאָנעס געגאַנגען. עס האָט זיך געצויגן אַזאַ מעכטיקע טעכניק, אַז קיינער פון די דייַטשן האָט ניט געצווייפלט אין דער אומ־באַזיגבאַרקייַט פון פּאַוליוסעס אַרמיי. און אויב דאָס אַלץ איז אין די רוסישע סטעפּעס פאַר־ניכטעט געוואָרן, אַריינגעפאַלן אין געפענקעניש, איז ביטער, וואָס ביטער הייסט!

און ריכאַרד שולץ האָט נאָך דעם קראַך בא דער וואָלגע ניט געגלייבט אין קיין שום ניסים און אין דעם פּיורערס „געהיים־געווער”, אין זיינע נייַע צוזאָגעכצן. ער האָט געמאַכט פאַר זיך איין אויספיר — ווי עס זאָל ניט זיין, נאָר ער דאַרף ראַטעווען דאָס לעבן, זיך אומ־קערן, זאָל זיין אַפילע אַ קאַליקע, נאָר זיך אומקערן אהיים!

און ער האָט אַלץ אָפטער גערופן צו זיך דעם איבערזעצער און געהייסן יענער זאָל אים פּינקטלעך דערציילן אַלץ, מיט אַלע איינצלהייַטן, וואָס עס גיט איבער די ראַדיאָ פון מאָסק־ווע. ווער־ווער, נאָר ער, אָט דער ערנסט גרושקאָ, פאַרשטייט דאָך גוט די רוסישע שפּראַך. ער האָט דאָך דאָס גאַנצע לעבן געוווינט צווישן די רוסן, דאָרטן אין דער דייַטשישער קאָלאָ־ניע בא דער וואָלגע און פאַרשטייט, ווי זאָגן די באָלשעוויקעס דעם עמעס און ווי פאַנטאַזירן זיי?

און דער איבערזעצער האָט אויסגעפּילט די באַפעלן פון זיין שעף מיט גרויס כיישעק. מיט נאָך גרעסערן כיישעק האָט ער געשריבן פאַרן אָבעריעפרייטער העגריך ליבע־בריוולעך צו דער האַמבורגער אַלמאָנע...

די באריכטן, וואָס ערנסט האָט געמאכט פאר זײַן שעף, האָט יענעם קיין פרייד ניט פארשאפן. פארקערט, ער האָט פארלוירן די רו און דעם שלאָף. שולץ האָט פארשטאנען, אז עס איז ניט גוט. אָבער טאקע ניט גוט. אפילע זייער ביטער! נאָר וואָס האָט ער געקאָנט טאָן. צעשיסן דעם איבערזעצער פאר די שרעקלעכע נײַס, וואָס ער ברענגט אים? וואָס זשע וועט עס אים געבן, דעם אָבערלייטענאנט? און ווי עס ווײַזט אויס, זײַנען די סוואָדקעס פון מאָסקווער ראדיִאָ ניט ווײַט פונעם עמעס. און וואָס האָט דאָ געקאָנט מאכן ריכארד שולץ? ער איז ביכלאל ניט קיין פראָפעסיִאָנעלער מיליטערמאן און דארף אָט די וויסטע מילכאָמע, ווי א לאָך אין קאָפּ. ער איז זיך אלע יאָרן געווען א באשיידענער אגענט פון דער פירמע „מערסעדעס־בענץ" און געצויגן פאמעלעך די פארנאָסע. צופרידן געווען מיט זײַן ווײַב, מיט זיינע דרײַ קינדער און מיטן אייגענעם הויז, וואָס געפינט זיך ניט ווײַט פון פראנקפורט. דאָרט איז זײַן קעניגרײַך, און דאָס איבעריקע דארף ער האָבן אף קאפּאָרעס. פאר זײַן שטוב מיט דער קלייניקער מישפּאָכע, מיט זײַן ארבעט וועט ער אײַך אוועקגעבן דעם גאנצן דריטן רײַך מיטן פיורער אײנײנעם! זאָל מען אים בלויז לאָזן רויִק זיך אויסלעבן זײַנע יאָרן. ער וויל ניט און דארף ניט רוסלאנד מיט אירע בלאָטעס און פעלדער, אירע שאכטעס מיט אירע ערדן! ער האָט, ווי א סאך אנדערע, געטראכט בלויז וועגן דעם, ווי מע רײַסט זיך ארויס א לעבעדיקער פון דעם רוסישן געהענעם! ער איז היטלערן מויכל די מילכאָמע!

דאָך האָט אים טיילוויַיז אָפּגעגליקט, ריכארד שולצן, כאָטש דערמיט, וואָס ער איז ווײַט פונעם פײַער און קיין נאָענטע געפאר דראָט אים ניט. פונדאנען וועט אים גרינגער זײַן אָפּטרעטן, אויב עס וועט אויסקומען לויפן. ווער זשע קאָן אים דראָען — די געסטאפּאָ? באמית ער זיך טאקע האלטן פון איר וואָס ווײַטער. צו זײַנע סאָלדאטן באציט ער זיך ניט אזוי הארב, ווי אנדערע און ער האָט, דאכט זיך, מיט זיי געפונען א געמיינזאמע שפראך. דאכט זיך, ער רופט צו זיך ניט ארויס קיין סינע. ער לאָזט זיי רויִק לעבן, און זיי פארשאפן אים אויך ניט קיין אנגסטן. וואָס איז שײַעך די שווײַנען, די רוסישע געפאנגענע, קאָן ער זיי ניט אָנקוקן. זיי רופן בא אים ארויס עקל, נאָר זיי פילן אויס זייערע ארבעטן, טאָ זאָלן זיי דערווײַל לעבן. ער רייצט זיי ניט אויף. און אויב עס וועט ווערן א שטיקל זאווערוכע, גלייבט ער, אז קיינער פון זיי וועט אים ניט פלעטן מיט א שטיין דעם קאָפּ. ניט אויסשיסן אין דער פלייצע...

איז וואָס זשע? פון וואָס פאר א זײַט קאָן אים דראָען א געפאר?

מיט די אײַנוווינער פון די ארומיקע ארבעטער־ייִשוּווים איז ער ניט גאָר זיכער. זיי הונגערן שטארק און בידעווען, נייטיקן זיך שרעקלעך אינעם שטיקל ברויט. זיי קומען אום אָן ארבעט, מאטערן זיך מיט זייערע קינדער, ווי אפן טויט. מע דערגייט זיי די יאָרן, ווען עס קומען אראָפּ די לײַט פון דער געסטאפּאָ און עסעס, מע כאפּט מענטשן און מע פארטרײַבט זיי ווער ווייסט וווהין. נאָר דאָס איז ניט זײַן שולד. מיט דער געסטאפּאָ און עסעס מיט דער פעלד־זשאנדארמעריע האָט ער ניט קיין שום שײַכעס — ער האָט אליין מוירע פאר זיי. קיין אָבלאוועס אף די רוסן פירט ער פערזענלעך ניט דורך, אין די טורמעס פארטרײַבט ער זיי אויך ניט. וואָס זשע, ער טרײַבט זיי אף ארבעט, נאָר ווי זשע קאָן עס זײַן אנדערש? ווער דען וועט פאריכטן און בויען די וועגן?

ער פילט בלויז אויס דעם באפעל און מער גאָרניט. ער איז א סאָלדאט און מוז אויספילן אלע באפעלן.

עס האָט זיך דערנעענטערט דער ערשטער מײַ. און דאָ איז דעם אָבערלייטענאנט געקומען אפן געדאנק, אז מע דארף צונויפרופן די מענטשן פון ייִשעוו, זיי א ביסעלע אונטערווארעמען און דערצו אָנשרעקן, זיי זאָלן ענערגישער זיך נעמען צו דער ארבעט.

ווען ער האָט באפוילן דעם איבערזעצער צונויפטרײַבן די מענטשן אפן פלאץ, האָט יענער אים אָנגעקוקט מיט דערשראָקענע אויגן. — אזוינס איז נאָך ניט געווען מיט קיין איין נאטשאלניק, כאָטש ער האָט שוין דאָ איבערגעלעבט עטלעכע און גאנץ פארשיידענע.

נאָר א באפעל בלײַבט א באפעל. און ערנסט האָט זיך געלאָזט צונויפרופן דעם אוילעם.

נאָך דער ארבעט האָט מען גענומען זיך זאמלען אפן פלאץ לעבן דער פארברענטער שאכטע־קאָנטאָר. עס זײַנען געגאן מאנצבלען, פרויען — יונגע האָבן זיך באהאלטן, מוירע האָבנדיק, אז דאָס איז א שפּיצל — מע וועט זיי כאפּן און אָפּשיקן קיין דײַטשלאנד.

דער אָבער האָט זיך באוויזן אפן הויכן גאנעק פון זײַן וווינונג, באטראכט די צונויפגעזאמלטע און א ניט צופרידענער באמערקט, אז ניט אלע זײַנען געקומען. דערנאָך האָט ער ארויסגענומען פון דער קעשענע א גרויסן פאפּיר און עפּעס אָנגעהויבן לייענען. נאָר קיינער האָט ניט פארשטאנען זײַן דײַטש, און ער האָט זיך געכאפּט, אז מע דארף באפעלן דעם איבערזעצער, יענער זאָל גלײַך איבערזעצן פאר די שווײַנען, וואָס ער האָט זיי געוואָלט זאָגן.

ערנסט גרושקאַ האָט גענומען דאָס פּאַפּיר, דורכגעלאָפן מיט די אויגן די ערשטע שורעס. א קעלט איז אים דורכגעגאַן איבערן לײַב. ווי קאָן ער איבערזעצן פאַר די מענטשן אָט די אַלע ליגנס.

און דאָ האָט ער א קלער געטאָן: זאָל זײַן וואָס עס וועט זײַן, נאָר ער וועט אַרײַנקוקן אין פּאַפּיר און זאָגן דאָס, וואָס ס'איז בא אים אַף דער נעשאָמע. ער וועט זיך באַמיִען ווי־ניט־איז דערפרייען די שאַכטיאָרן. ער פאַרשטייט, אַז דאָס איז געפערלעך, א גרויסע ריזיקע. נאָר אַזא וועג האָט ער זיך אויסגעקליבן — ער שטעלט די גאַנצע צײַט אײַן דאָס לעבן פאַר מענטשן. דער נאַטשאַלניק ווייסט ניט קיין וואָרט אַף רוסיש. עמעס, עס קענען צווישן אוילעם זײַן קליינלעכע נעשאָמעלעך, מעגלעך, נאָר ער וועט זאָגן, וואָס ער וויל. ער וועט זיך באַמיִען ריידן פאַרשטעלט, נאָר דער אוילעם זאָל אים פאַרשטיין.

— צו אײַך, בירגער, ווענדעט זיך אונדזער פילגעשעצטער אָבערלייטענאַנט ריכארד שולץ.

דערהערט, ווי דער איבערזעצער האָט אָנגערופן זײַן נאָמען, האָט דער אָבער זיך לײַכט פאַרנייגט, כאָטש ער האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס יענער האָט געזאָגט. — ער פּאָדערט פון אײַך, — האָט ערנסט פאָרגעזעצט, — איר זאָלט אין דער שווערער צײַט אָפּגעבן אַלע אײַערע קויכעס דעם דריטן רײַך.

איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם, האָט ער פאָרגעזעצט:

— דערפאַר וועט איר באַקומען א גרויסן דאַנק פונעם פּיורער... איר ווייסט, ווי דער ווינטער איז אַדורך בא דער וואָלגע. נאָר דאָס איז דער אָנהייב — איר וועט אינגיכן זען... די רוסן באַקומען פון סיביר און אוראַל, ווו זיי האָבן אופגעשטעלט די זאַוואָדן, הונדערטער טאַנקען און עראָפּלאַנען, פרישע דיוויזיעס און אַרמייען באַקומען זיי פון הינטערלאַנד. אומעטום, אין די פאַרכאַפּטע געביטן, אין די וועלדער, אַף דער אײַזנבאַן־נעץ אָרודוען פּאַרטיזאַנער. און דאָס איז נאָך ניט אַלץ. אײַער ערד ווערט שנעל באַפרײַט, און איר דאַרפט, בירגער, העלפן מיט וואָס נאָר איר קאָנט... טוט אַלץ פאַרקערט, וואָס מע באַפוילט אײַך. אײַער געגאַרטע צײַט דערנעענטערט זיך, זי וועט אינגיכן קומען, און יעדער איינער דאַרף אויספילן זײַן כויוו, עס זאָל ניט זײַן קיין ביזויען קוקן אין די אויגן יענע, וואָס וועלן אינגיכן אַהער קומען.

דער אוילעם איז געשטאַנען מיט צעעפנטע מײַלער און זיך צוגעהערט צום איבערזעצערס ווערטער. מע האָט פאַרשטאַנען, אַז ער לייענט ניט פונעם נאַטשאַלניקס פּאַפּיר, נאָר זאָגט טרייסט־ווערטער, וועלכע דערפרייען די נעשאָמע.

ער האָט זיך אויסגעהוסט און פאָרגעזעצט, טיפער אַרײַנקוקנדיק אין פּאַפּיר:

— אונדזער אַרמיי איז אומבאַזיגבאַר, אין דעם האָט איר זיך ערשט ניט לאַנג איבערצײַגט. פון מײַרעוו גייט הילף. דאָס וואָס די דײַטשן האָבן אין אָנהייב מילכאָמע געמאַכט פון אונדזערע שטעט, מאַכט מען איצט פון זייערע שטעט. זיי פילן גוט, וואָס הייסט מילכאָמע. און זיי וועלן ערשט אינגיכן דערפילן.

איז אָט, דער אָבערלייטענאַנט ווענדעט זיך צו אײַך, איר זאָלט אַרבעטן פאַרן דריטן רײַך... דער גרויסער פּיורער טוט אַלץ, ער זאָל זיגן אין דעם קריג. מיר הערן זיך צו צום וואָרט פונעם גרויסן פּיורער. זײַן באַפעל איז אַלץ. ער האָט פאַרטראַכט א גרויסן פּלאַן — אויסגלײַכן די פראָנט־ליניע. זי וועט אינגיכן אויסגעגלײַכט ווערן...

דער אָבער איז געשטאַנען אַף די טרעפּ און גערייכערט זײַן גראָבן ציבעק. אַף זײַן פּאָנעם איז געלעגן די רו, ער איז געווען צופרידן, וואָס די שווײַגנדע הערן אַזוי אופמערקזאַם זײַן רעדע, וואָס דער איבערזעצער לייענט.

ערנסט האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, געוואָרפן אַן אומרויִקן בליק אַף דעם אָבער און פאָרגעזעצט:

— איז אָט, זאָג איך אײַך, אינגיכן וועט זיך ענדיקן די שוואַרצע נאַכט, וואָס האָט זיך איבער אײַך אַראָפּגעלאָזט. עס דערנעענטערט זיך אײַער יאָמטעוו און איר דאַרפט טאָן אַלץ, קעדיי אים דערנעענטערן.

אין די אויגן בא א סאַך מענטשן האָבן זיך באַוויזן טרערן. ערנסט האָט דערזען נינעג, וואָס איז געשטאַנען צוגעשפּאַרט צו א שטאַם פון א בוים און איר פּאָנעם האָט זיך געמינעט, — זי האָט אַף אים געקוקט עפּעס בייז, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס, מע דאַרף ענדיקן און זיך פאַנאַנדערגיין.

— איז אָט, בירגער, צו אײַך ווענדעט זיך דער אָבערלייטענאַנט ריכאַרד שולץ, איר זאָלט מיט אַלע קויכעס העלפן אין דער שווערער צײַט דעם רײַך. איר דאַרפט, זאָגט ער, א סאַך אַרבעטן, אַלץ טאָן צוליב דעם זיג פונעם רײַך און דערפאַר וועט איר באַקומען א דאַנק פונעם גרויסן פּיורער...

ער האָט צונויפגעלייגט דעם פּאַפּיר און איבערגעגעבן אים דעם נאַטשאַלניק, אויסגע־שריגן דערבײַ:
— הײַל היטלער!
דער אָבער האָט אַרײַנגעלייגט דעם פּאַפּיר אין קעשענע און זיך געווענדעט צום איבער־זעצער:
— פרעג בא די שווײַנען, ערנסט, אלץ האָבן זיי פארשטאַנען?
— איר האָט אלץ פארשטאַנען, בירגער?
— אלץ פארשטאַנען, — האָבן זיך געהערט אויסגעשרייען דאָ און דאָרט.
— וועלן זיי ארבעטן, די שווײַנען, ווי עס דארף צו זײַן?
— איר וועט ארבעטן, פרעגט דער אָבערלייטענאַנט?
— מירן זיך סטאַרען!
דער אוילעם איז זיך פאנאַנדערגעגאַנגען ניט געײַלט, מע האָט מיט גוטע בליקן באַגלייט דעם איבערזעצער, שטילערהייט צווישן זיך גערעדט, סאַראַ אומגעווײנלעכער דײַטש, ער האָט הײַנט מאַמעש דערפרייט די נעשאָמע. מע האָט באַוווּנדערט זײַן דרייסטקײַט און אומגעהויערע שרעקלאָזיקײַט. עס זאָל זיך כאָטש ניט געפינען קיין פּאַסקודע, וואָס קאָן אים פארקויפן!
אין די שאַכטיאָרישע הײַזער האָט מען נאָך לאַנג גערעדט וועגן ערנסט׳ס רעדע און זיך ניט געקאָנט אָנלויבן, איבערגעגעבן יענע, וואָס זײַנען ניט געווען אַפן פּלאַץ דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט.

א טויט מידער, א פארפּאַליעטער איז ערנסט גרושקאָ געקומען אהיים. זײַנע שכיינים — דרײַ סאָלדאַטן — האָבן שטאַרק געכראָפּעט, ליגנדיק אין אָנטאָן אַף זייערע בעטלעך. זיך דער־מאָנט, אז ער דארף אָנשרײַבן פארן אָבעריעפרייטאָר א ליבע־בריוו קיין האַמבורג צו דער אַלמאַנע, וואָס לעכצט נעבעך באַקומען א בריוו פונעם פראָנט, האָט ער זיך געזעצט צום טיש. כאָטש ער איז געווען אויפגערעגט און פארמאַטערט, האָט ער זיך באַמיט שרײַבן ציכטיק און דעריקער, צוקלײַבן פאַר דער אַלמאַנע שיינע ווערטער, וועלכע זאָלן רירן איר אָנגע־ווייטיקטע נעשאָמע. ערנסט האָט געדאַרפט באַקומען פון דעם פארשוין א ביסל מעדיקאַמענטן און פראָדוקטן, דעריבער האָט די בריוו געדאַרפט אויסנעמען באַם אָבעריעפרייטאָר.
און דאָך האָט די מידקײַט גענומען אירס. די פען איז ארויסגעפאַלן פון ערנסט׳ס האַנט, און ער האָט זיך אין אָנטאָן אויסגעצויגן אַף זײַן בעטל, גיך אײַנגעשלאָפן.
אינמיטן דער נאַכט האָט אים עמעצער פאַרזיכטיק אופגעוועקט:
— ערנסט, שנעל שטיי אוף! דאָס בין איך, הענריך. איך קום פון יוזעווקע... עפּעס א מיטינג איז דאָ געווען, און דו האָסט גערעדט שלעכטע זאַכן.
ערנסט האָט זיך אופגעכאַפּט, דערשראָקן אויסגעריבן די אויגן, געקוקט אַף דעם איבער־געשראָקענעם פארשוין.
— שנעלער טו זיך אָן! איך בין געווען אין שטאַב און צופעליק זיך דערוווּסט, אז די געסטאַפּאָ־לײַט אינטערעסירן זיך מיט דיר און קלײַבן זיך אהער. עמעצער האָט אף דיר עפּעס אָנגעשריבן. מעגלעך, דאָס איז גאָרניט, נאָר דערווײַל דארפסטו אף א צײַט אַנטרונען ווערן. מיט יענע שפּאַסט מען ניט. דאַרפסט זיך באַהאַלטן...
א קאַלטער שוויס האָט באַשלאָגן ערנסטס פּאָנעם. ער האָט זיך ארומגעקוקט.
— שנעלער, ערנסט... — האָט הענריך אים אונטערגעײַלט, — מעגלעך, אַז דאָס איז א מיספארשטייעניש, נאָר דערווײַל זאָלסטו כאָטש אף א פּאָר טעג פארשווינדן, זיי קאָנען קו־מען דיך ארעסטירן און פון זייערע הענט איז שווער זיך ארויסצורײַסן. זיי זײַנען איצט בייז, ווי די ווילדע שלענג. כאָטש אף עטלעכע טעג מוזסטו פונדאַנען אוועק. עפּשער איז דאָס אף דיר א מעסירע... נאָר בעסער, איז אף דער הייסער מינוט זיך מיט זיי ניט באַגעגענען. עס וועט שטילער ווערן, וועסטו זיך אומקערן.
ערנסט האָט געשוויגן. שנעל און פאַרזיכטיק, קעדיי קיינעם פון זײַנע שכיינים ניט אופ־וועקן, זיך גענומען אָנטאָן.
הענריך האָט געוואַרט אף אים בא דער שוועל. ארום איז געווען שוואַרץ, ווי דאַנבאַסער שטיינקוילן. הענריך האָט אים איבערגעגעבן א קליין טאָרבעלע, א פּאָר פּעקעלעך סיגאַרעטן, א זשמעניע מאַרקעס און געזאָגט:
— שנעלער, ערנסט טײַערער, אף א פּאָר טעג מוזסטו זיך באַהאַלטן, קעדיי ניט אַרײַנ־

פאלן אין די לאַפּעס פון געסטאַפּאָ. וועסט מיר שפּעטער דערשראַיבן די בריוו צו מײַן מעד־כען, זאָלסט ניט פאַרגעסן.

מע האָט זיך אָפּגיך אָפּגעזעגנט, און די כווישעכדיקע נאַכט האָט ערנסטן גלײַך אײַנגע־שלונגען.

עס איז נאָך קיין שאָ ניט דורכגעגאַן, ווי א שטאַרקער געוויש פון צוויי פּאַרמאַכטע לאַסט־מאַשינעס האָבן צעשטערט די רו פונעם קליינעם געסל, ווו עס איז אײַנגעשטאַנען די קאָמאַנדע. עטלעכע געסטאַפּאָ־אָפּיצערן און סאָלדאַטן זײַנען אַראָפּגעשפּרונגען און זיך געלאָזט צו די הײַזער.

הענריך, וואָס איז נאָך געזעסן אָפּן געלעגער א ניט אויסגעטאָנענער, האָט דערפילט, ווי מורעשקעס זײַנען איבערגעלאָפן איבער זײַן לײַב. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז מען געקומען נאָך ערנסטן. אַראָפּגעוואָרפן פון די פיס די שטיוול, איז ער אַרײַנגעקראָכן אונטער דער קאָלדרע און זיך איבערגעדעקט מיט איר.

אין א פאָר מינוט אַרום האָט זיך אין שטוב, ווי אויך אין די שכייניסע הײַזער אופגע־הויבן א מוירעדיקער טומל. מע האָט די זעלנער געצוווּנגען זיך שטעלן צו דער וואַנט.

אַלע זײַנען געווען אָף אַן אָרט, בלויז איין בעטל איז געשטאַנען פּוסט אַן אָפּגעקילטס, א צעוואָרפנס. דאָס איז געווען דעם איבערזעצערס בעטל. בלויז ער איינער איז דאָ ניט געווען, און די געסטאַפּאָוועס האָבן אָנגעהויבן די אונטערזוכונג.

— ווו איז ער, דער שווײַן? גלײַך זאָלט איר אים אהער ברענגען א לעבעדיקן אָדער א טויטן! שנעלער! ווו איז ערנסט גרושקאָ, דער איבערזעצער? — האָט געשריגן א דיקער וואָק־סיקער פאַרשוין מיט א פאַראַבעלום אין דער האַנט. א צעבייזערטער, א רויטער און אופגע־רעגטער.

נאָר קיינער פון די טויט־דערשראָקענע סאָלדאַטן האָט ניט געקאָנט ענטפערן. אַפילו דער אָבעריעפרייטאָר הענריך, וואָס איז געשטאַנען בא זײַן בעטל און געציטערט מיט אַלע אייוו־רים.

ער האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז עס וועט זיך אָנהייבן אַזא מעהומע צוליב עפּעס א נאַרישקײַט, א מיטינג, צי דער טײַוול ווייסט וואָס.

דער וועג אָף זאַפּאַראָזשיע

אומדערוואַרט האָט ערנסט זיך דערפילט, ווי א פיש אַן אַרויסגעשלײַדערטער אָף דער יאַבאָשע.

ער האָט געשפּאַנט מיט א טיפער דאַנקבאַרקייט באַלקע, און איבער אים איז געהאַנגען א שווערער בלײַענער הימל. כווישעך. וויסט. פּוסט. דער ווינט האָט טרויעריק געבלאָזן. א פאַר־כעד האָבן אָנגעוואָרפן די שוואַרצע טעריקאָנעס. ערגעץ אין דער זײַט פון די שוואַרצע פאַר־גליווערטע גיבוירים דאַרף זיך געפינען ניגעס שטיבל. אהין דאַרף ער גיין, און די פרוי וועט, מעגלעך, אים באַהאַלטן אין א זיכערן ווינקל. זי וועט אים עפּשער קענען ראַטעווען — זי און אירע כאַווײרים. ער האָט געוווּסט, אַז ווײַט טאָר ער זיך איצט ניט פאַרקלײַבן, מע וועט אים געוויס זוכן. און אויב מע וועט אים קומען אײַנזעצן, וועט קיינער זיך ניט אָנשטויסן, אַז ער געפינט זיך ערגעץ דאָ נאָענט, אין יישעוו, בא די געסטאַפּאָוועס אונטער דער נאָז.

א נימעס, אײַנגעגעסן רעגנדל האָט געשמיסן אין פּאָנעם. אונטער די פיס האָט געגוואַ־דזיעט די בלאָטע. עס איז געווען שווער צו גיין, באַזונדערס, נאָך דעם, ווי ער האָט דערהערט א שטאַרקן געדודער פון לאַסט־מאַשינעס, וועלכע האָבן פאַרקערעוועט צו יענעם געסל, ווו ער מיט דער קאָמאַנדע האָט געוווינט. אויב דאָס זײַנען געקומען די געסטאַפּאָוועס נאָך אים, שטעלט ער זיך פאָר, וואָס פאַר א פאָגראָם זיי וועלן דאָרטן מאַכן.

נאָר ער האָט זיך וואָס גיכער געדאַרפט באַהאַלטן. ער איז געבליבן צווישן הימל און ערד און קאָן אַזוי נאַריש אַרײַנפאַלן אין זייערע לאַפּעס!

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער זיך אַרויסגעדראַפּעט פון דער באַלקע און שטילערהייט אָנגעקלאַפּט ניגען אין פענצטער.

קיינער האָט ניט געענטפערט. אין א מינוט אַרום האָט זיך דערהערט די שוואַכע שטים פון ניגעס אַלטער מוטער. די אַלטע איז לאַנגע כאַדאָשים געווען צוגעקאָוועט צו דעם קראַנקן־

בעט, געבעטן אף זיך דעם טויט, ניט געשלאָפֿן דורך די נעכט און די ערשטע דערהערט, ווי עמעצער קלאַפּט אין פֿענצטער.

— נינע, דו הערסט, נינע! מע קלאַפּט... וואָס פֿאַר אַ טײַוול שלעפּט זיך אַרום אין אַזעל־כע בייזע נעכט?

נינע איז נאָך געבליבן ליגן אַפֿן געלעגער עטלעכע ווײַלעס, זיך אײַנגעהערט און דער־פֿילט אַ ציטער אין די קני. זי האָט זיך ניט פֿאַרגעשטעלט, ווער האָט עס געקאָנט קומען אַזוי שפּעט? און עפּשער איז דאָס גאָר דער ווינט.

ווידער האָט מען אָנגעקלאַפּט אין פֿענצטער. דאָס מאָל ענערגישער, און נינע האָט אַרויפֿ־געוואָרפֿן אַף די נאַקעטע פּלייצעס די וואַרעמע שאַל, פֿאָרזיכטיק זיך געלאָזט צו דער טיר.

— ווער איז דאָרט?

— עפֿן אויף, נינע, ס'איז איך, ערנסט.

— אַזוי שפּעט? וואָס איז געשען? — זי האָט דערשראָקן אָפּגעעפֿנט די טיר און אפֿילע אין דעם כוישעך באַמערקט, אַז ער איז שטאַרק צעטראָגן. ניט אַנדערש, ווי עפּעס איז מיט אים פֿאָרלאָפֿן און ער נייטיקט זיך אין הילף.

די פֿרוי האָט אים אַרײַנגעפֿירט אין שטוב, אָנגעצונדן אַ קאַנעצל און מיט פֿאַרטײַעטן אָטעם אים באַטראַכט:

— וואָס איז געשען, ערנסט? זאָג, וואָס איז געשען?

— די געסטאַפּאָ זוכט מיך, איך בין אַנטלאָפֿן פֿון דער קאָמאַנדע.

— דײַן רעדע אַפֿן מיטינג? יאָ? עמעצער האָט געמאָסערט?

— זעט אויס, אַזוי.

— יאָ, דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז עס קאָן געשען אַן אומגליק מיט דיר, — האָט זי קוים כאַפּנדיק דעם אָטעם, געזאָגט. — דאָס איז געווען פֿון דײַן זײַט אַ גרויסע ריזיקע...

ער האָט שולדיק אונטערגעשמייכלט און אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסל, געזאָגט:

— אַלץ, וואָס מיר טוען איצט איז פֿאַרבונדן מיט ריזיקע, נינע.

— נינע, ווער איז דאָרט, וואָס איז דאָרט? — האָט זיך דערטראָגן צו זיי אַ הייזעריקלעך־דערשראָקענע שטים פֿון דער אַלטיטשקער. — ווער איז געקומען אַזוי שפּעט?

— עס איז קיינער ניט געקומען, מאַמע. שלאָף... שלאָף...

— וואָס זשע פֿאַר אַ טומל הער איך?

— דאָס איז דער ווינט... אין דרויסן בושעוועט אַ שטאַרקער ווינט, און עס גיסט אַ רעגן.

— ווען ווען זיך שוין ענדיקן אונדזערע צאָרעס? ווען וועט מען לאָזן לעבן? — האָט די אַלטע געריעדט צו זיך אַליין.

נינע האָט אויסגעהערט זײַנע רייד און פֿאַרשטאַנען, אַז זי האָט עטלעכע מינוט אַף באַ־טראַכטן דעם איניען. אויב עמעצער האָט באַמערקט, אַז ער איז געגאַן צו איר, וועלן גיך קו־מען געסט...

אַ צעטראָגענע איז זי אָפּגעטראָטן אין ווינקל, אָנגעטאָן דעם מאַנטל, די גומענע שיך, אַ ווונק געטאָן צו אים, ער זאָל זיך דורכשמוגלען אַזוי, אַז די מוטער זאָל אים ניט באַמערקן, און מע איז אַרויס אין הויף.

אַ פֿאַרלוירן שמייכעלע איז דורכגעלאָפֿן איבער איר בלאַס פּאָנעם:

— איך האָב ניט געוווּסט, ערנסט, אַז דו ביסט אַזאַ... איך ווייס אַליין ניט, ווי־אַזוי איך זאָל עס אָנרופֿן, — האָט זי שטילערהייט געזאָגט, גייענדיק מיט אים לענגויס דעם שטיינער־נעם פּלויטל צום שכיינישן הייפל, — איך האָב גלײַך פֿאַרשטאַנען, אַז דו קוקסט בלויז אַרײַן אינעם נאָטשאַלניקס פּאַפּיר, נאָר לייענסט דײַנס. אַלע האָבן מיר אַזוי פֿאַרשטאַנען. איך האָב אַזוי מוירע געהאַט! דאָס האַרץ איז שיר ניט אַרויסגעפֿלויגן. ווען דײַן עלטסטער פֿאַרשטייט, וואָס דו רעדסט צום אוילעם, וואָלט ער דיך דערשאָסן אַפֿן אָרט. דו האָסט דאָך גערעדט ניט ווי קיין איבערזעצער, נאָר ווי אַן עכטער קאָמיסאַר. געווען געדאַרפֿט זײַן פֿאָרזיכטיקער. אַזוי־פֿיל מענטשן האָבן דיך געהערט! און צווישן זיי איז געווען אַ פּאָר פּאַרקויפֿטע נעשאָ־מעלעך... זעסטו דאָך...

— איך האָב אַנדערש ניט געקענט, — האָט ער שטילערהייט געענטפֿערט. — איך האָב גע־וואָלט דערפֿרייען דעם אוילעם. עס איז דאָך יאָמטעוו, דער ערשטער מײַ. איך וועל דאָ ערגעץ איבערזיצן אַ פּאָר טעג און דערנאָך זיך פּרוּוון אַריבערגיין די פֿראָנט־ליניע צו אונדזערע. איך קאָן מער ניט זײַן צווישן שלענג.

— צווישן די שלענג האָסטו אַ סאַך גוטס געטאָן אונדזערע מענטשן.

זי האָט אים צוגעפֿירט צו אַ האַלב־אײַנגעוואַלגערטן קעלער, וואָס איז געווען פֿאַרוואָרפֿן מיט צעמאַזיקטע קעסטלעך, דייזשעס. זיך פֿאָרזיכטיק אַרומגעקוקט, צי קיינער שפּירט זיי ניט

נאָך. אין צוויטן עק ישעוו האָבן זיך איבערגערופן הייזעריקע הינט. ניט אַנדערש, ווי די לאַסט־מאַשינעס מיט די געסטאַפּאָווצעס האָבן זיי אופגעוועקט פון שלאָף און איצט קאָנען זיי זיך בעשום־אופן ניט בארויקן.

נינע האָט זיך מיט דעם באַנאַכטיקן אומדערוואַרטן גאַסט אַרײַנגעשמוגלט אין קעלער, אָנגעצונדן אַ שוועבעלע, באַוויזן וווהין זיך פאַרקערעווען.

— אָט דאָ וועסטו דאַרפן איבערזיצן ביז עס וועט ווערן רויקער.

זי האָט פון זיך אַראָפּגענומען דעם מאַנטל און אים אַרופגעוואָרפן אויף זײַנע פּלייצעס, איבערגעגעבן שוועבעלעך, געזאָגט, אַז זי וועט קומען צו אים, ער זאָל זיך אײַנערגעץ ניט אַרויסרוקן פונדאַנען.

און אין אַ פּאָר רעגעס אַרום זיך אַרויסגעכאַפּט פון דעם לעבעדיקן קיווער, פאַרשטעלט דעם אַרײַנגאַנג מיט די פּעסלעך און קעסטלעך.

אין דעם כווישעכדיקן נאַסן קעלער, זיצנדיק אויף די שטיינער, צוגעדעקט די קני מיט נינעס מאַנטל, האָט הערשעלע אַסטראָפּאָליערס אייניקל זיך דערפילט פּונקט ווי דעמלט, אין דער פויערישער כאַטע, בעשאַס ער האָט דערזען, ווי די דײַטשן האָבן זיך אַרײַנגעריסן צו אים, און ער האָט אופגעהויבן די איינציקע גראַנאַטע, וואָס ער האָט פאַרמאָגט און באַשטימט אופרײַסן זיך און די טאַליאָנים. דעמלט האָט מוירעדיק געמוטשעט דער שפּליטער, וואָס איז געזעסן אין קאָפּ און די פאַרוווּנדעטע זײַט. דעמלט איז אים ליבער געווען דער טויט, ווי דאָס לעבן, נאָר איצט, ווען ער איז געקומען צו־זיך, עס האָבן זיך אומגעקערט די קויכעס, דאָס געזונט, און ער האָט ווידער געקענט קעמפן, זיך שלאָגן מיטן סוינע, האָט זיך אַזוי ניט געגלוסט שטאַרבן, אַזוי ניט געוואָלט וואָלול און לעפיש אָפּגעבן דאָס לעבן!

ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, וואָס עס טוט זיך איצט אין דער קאָמאַנדע, וויאַזוי די געסטאַפּאָווצעס זוכן אים אין אַלע ווינקעלעך.

ער האָט מיט דאַנקבאַרקייט אַ טראַכט געטאָן וועגן הענריכן, וואָס האָט אים געראַטעוועט דאָס לעבן. עמעס, יענער וועט זיך ווי־ניט־איז אויסדרייען, ער זאָל אפילע זיך אַרײַנכאַפּן צום טײַוול אין די ציינער. אין דער רעגע האָט ער זיך אויך דערמאָנט אין דעם טײַערן קאַמאַראַד זײַנעם, דעם שאָפער האַנס איינאַרד, וועלכער האָט אים ניט איין מאָל געראַטעוועט פונעם טויט. ווו איז ער איצט? צי איז ער געבליבן לעבן נאָך דעם, ווי ער האָט אָנגעשריבן אים די בריוו, נאָך דעם, ווי ער איז אַזא צײַט געווען אין דער אינפאַנטעריע און געלעגן אין די אָקאָפּעס? צי וועט ער ווען־ניט־איז זיך באַגעגענען מיט זײַן פרוי און מיט דעם טעכטערל דאָריס?

ס׳איז אַזוי גוט צו לעבן אויף דער וועלט, ווען דו באַגעגנסט גוטע, האַרציקע, ערלעכע מענטשן!

פונדערווײַטנס האָט זיך דערטראָגן אַ טעמפּער טומל. געשרייען. אַ שיסערײַ. הינט האָבן זיך פאַרכליפּעט אין זייער בילערײַ. עליע האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס זוכט מען אים, דאָס האָט מען צוליב אים אופגעהויבן אַזא סומאַטאָכע. ער האָט אָנגעשטרענגט דעם געהער און געפרוווט כאַפּן מיטן אויער, צי דערנעענטערט זיך דער טומל צו זײַן באַהעלטעניש? זיי קענען דאָך אָנפאַלן אויף זײַנע שפּורן. ניין, ניט וועגן זײַן אייגן גורל האָט ער איצט געטראַכט, ער האָט געטראַכט וועגן דעם גורל פון נינען. ער האָט איצט פאַרשטאַנען, אַז ער וואָלט געדאַרפט אַנטלויפן אין סטעפּ און ניט קומען צו איר זוכן אַ באַהעלטעניש. ער קאָן זי דאָך אַזוי מאַזיקן, און דעמלט וועט ער זיך קיינמאָל ניט קאָנען מויכל זײַן. אים איז גרינגער — אין טאַש ליגט אַ רעוואָלווער און עטלעכע קוילן. ער וועט זיך ניט לאָזן נעמען אַ לעבעדיקן. ער וועט זיך אין זיי אַ ביסל נויקעם זײַן — עטלעכע קלאָווים דערשיסן, און די לעצטע קויל לאָזן פאַר זיך. אָבער זי, אָט די אויסגעמאַטערטע און הונגעריקע יונגע פרוי, און איר אַלטע קראַנקע מוטער, וואָס וועט זײַן מיט זיי?

ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז ער מוז זיך אַרויסרוקן פון זײַן באַהעלטעניש און, קאָלזמאַן עס איז נאָך גוט פינצטער, זיך לאָזן אין וועג אַרײַן. פאַר דער נאַכט, ביז עס וועט ליכטיק ווערן, וועט ער דורכגיין אַ צענדליק קילאָמעטער. ער האָט אָבער גלײַך אָפּגעטריבן פון זיך דעם געדאַנק. די הענקער וועלן אים ניט געפינען אָפן געלעגער, וועלן זיי געוויס זיך לאָזן אים זוכן אויף די וועגן. זיי וועט ניט אײַנפאַלן, אַז ער וועט זיך פאַרהאַלטן אין ישעוו. אַ פּאָר טעג וועט אים דאָך אויסקומען זיך באַהאַלטן דאָ, אין קעלער, און ערשט ווען דער טומל וועט אַ ביסל צעווייעט ווערן, וועט ער זיך לאָזן אין וועג.

אָבער וווהין?

אריבערגיין די פראָנט־ליניע איז איצט אומעגלעך. די דײַטשן האָבן דאָ קאָנצענטרירט אַלע קויכעס. וואַרטן ביז אונדזערע וועלן קומען אהער — טאָר ער ניט. מע מוז עפּעס צו־קלערן. זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און וואַרטן ביז מע וועט קומען און אים באַפרײַען, ווי די ציווילע באַפעלקערונג, וועט ער ניט. ער איז אַ קעמפער, וואָס מוז זײַן טעטיק אין אַלע באַ־דינגונגען. אַף זײַן טאַט און וואָרט, אַף זײַן הילף וואַרטן מענטשן.

סאָפּקאָלסאָף האָט ער באַשלאָסן דאָ איבערזיצן נאָך אַ נאַכט און אויב מע וועט ניט אָנ־פאַלן אַף זײַן שפּור, וועט ער זיך אַוועקלאָזן קיין זאַפּאַראָזשיע. ער האָט דאָרטן עטלעכע גוטע מענטשן, באַקאַנטע, אַף וועלכע מע קאָן זיך פאַרלאָזן און, דעריקער, דאָרט וווינט דער אַלטיטשקער שוסטער, וואָס איז פאַרבונדן מיט גוטע מענטשן... דאָרטן וועט ער באַטראַכטן, וואָס ער האָט צו טאָן.

נאָר וויאַזוי מאַכט מען דורך דעם מעהאַלעך פון העכער צוויי הונדערט קילאָמעטער מיטן גרויסן שליאַך, וווּ עס הערשט אַ גרויסע באַוועגונג? מעגלעך, אַז יענע, וואָס זוכן אים, וועלן איבערגעבן זייערע היצעליעס, מע זאָל אים פאַרהאַלטן אין וועג? מעגלעך, אַז זיי האָבן אַפילע פאַרגעשלאָגן אַ הויכע לוין פאַר זײַן קאָפּ יענעם, וואָס וועט אים, ערנסטן, כאַפּן.

דערווײַל האָט זיך מעשונעדיק לאַנג געצויגן די נאַכט, און ער האָט ביז ווייטעק אין די אויגן זיך אײַנגעקוקט אין דעם שנירעלע פרימאַרגן, וואָס האָט זיך אהער, אין קעלער, געגומען דורכשלאָגן.

נידעריק איבערן קאָפּ איז געהאַנגען די נאַסע סטעליע. די ביינער האָבן אָנגעהויבן נאָגן, די ווונדן האָבן זיך אין דער פּײַכטקייט פון קעלער געלאָזט פילן. וועלנדיק אָפּטרײַבן פון זיך דעם ווייטעק, האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן וועגן זײַטיקע זאַכן. ער האָט זיך געפּרוווט אויפ־הייבן פון די שטיינער, אויסגלײַכן די קריזשעס, נאָר זיך אָנגעשטויסן מיטן קאָפּ אין דער סטעליע.

„יאָ, אַ שיינער פּאַלאַץ!..״ — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, און אַ שמייכל האָט באַשײַנט אַף אַ ווײַלע זײַן פאַרוואַקסן פּאָנעם. „אָבער ווי עס זאָל ניט זײַן דאָ ביטער, איז דאָ דאָך בעסער, ווי אין קעלער פון דער געסטאַפּאָ...״

ער האָט אַליין ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס עס האָט זיך בא אים אָנגעהויבן באָמבלען אַ ניגנדל פון אַן אַלטפאַרגעסן לידל. עס האָבן זיך דערמאָנט די ווערטער: „אַפּן פּריפּעטשיק ברענט אַ פײַערל, און אין שטוב איז הייס. און דער רעבע מיט די קליינע קינדערלעך לערנט אַלעף — בייס...״

אַלעף — בייס... איצט לערנט מען מיט אים באַלעק. ער איז צווישן לעבן און טויט. און ס'איז אַזוי ניט צו דער צײַט! נאָר וואָס ווערסטו מאַכן, אַן אומגליק קומט שטענדיק ניט צו דער צײַט.

ער וואָלט געגרן פאַררייכערט איצט אַ ציגאַר, נאָר ניט געוואַגט — דער רויך קאָן זיך דורכ־שלאָגן פונעם קעלער, און עפּעס אַ טײַוול קאָן עס באַמערקן. בעסער זיך אָפּהאַלטן. ער איז דאָך עפּעס אַן אקשן און קען זיך צווינגען ניט טאָן קיין נאַרישקײַטן. עמעס, ניט שטענדיק...

די צײַט ציט זיך מוירעדיק לאַנג. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער געפינט זיך שוין דאָ אַ גאַנצע אייביקײַט. ווי רײַסט מען זיך אַרויס פונדאַנען? ער ווייסט, אַז ער איז איצט בא נינען אין די הענט און טאָר ניט אַרויסרוקן די נאָז, ביז זי וועט אהער ניט קומען צו אים און ניט זאָגן, וואָס ס'טוט זיך דאָרט, אין יישעווו, צי קען ער שוין אַרויס פון דעם לעבעדיקן קייווער?

הערשעלע אָסטראָפּאָליער איז אים פלוצעם געקומען אַפּן געדאַנק, זײַן באַרימטער לאַנדס־מאַן, דער כאַכעם און פריילעכער לעץ פון מעדזשיבאָזש. וואָס, אַשטייגער, וואָלט הערשעלע צוגעטראַכט, ווען ער איז איצט אַף זײַן אָרט? וואָס וואָלט יענער פּאַרגענומען? הערשעלע האָט געקאָנט פון אַלע וואַסערן אַרויס אַ טרוקענער. ער האָט אָבער געקאָנט זיך באַווײַזן אַף גאַטס וועלטל, זיך באַגעגענען מיט גוטע מענטשן, דערצײַלן אַ פּאָר וויצן, און דערפון איז גלײַך גרינגער געוואָרן אַפּן האַרצן. נו, און ער, עליעז? ווי קאָן ער איצט זיך באַגעגענען מיט מענטשן? ער קאָן נאָר אַרויסגיין פון דעם לעבעדיקן קייווער און גלײַך זיך באַגעגענען מיטן מאַלכאַמאָוועס, מיט דער געסטאַפּאָ.

יאָ, הערשעלע אָסטראָפּאָליערס אייניקל איז איצט גוט אַף צאָרעס! הערשעלען האָט זיך דאָס, וואָס זײַן אייניקל לעבט איצט איבער, אַפילע קיינמאָל ניט געכאָלעמט.

יענעמס שפּאַסן און כאָכמעס פלעגן אַרויסרופן גרימצאָרן און האַס בא די רײַכע באַלע־באַטים, קלייקוידעש, גאַטס סטריאַפּטשעס; הילכיקן געלעכטער און פאַרגעניגן בא די פּראָסטע

מענטשן קאַפּצאָנים, יענער האָט אָפּטלעך אַרײַנגעכאַפּט פּאָר זײַנע פרײלעכע שטיק, נאָר צו קײן טויט איז עס ניט דערגאַנגען. און דאָ האָט עליע פּרענקיס געפּרוּווט א שפּאַס טאָן, אויסלאַכן דעם מאַניאַק, דעם היטלער, מוז ער זיך באַהאַלטן, ווײַל דער טויט לויערט איבער זײַן קאָפּ.

עמעס, הערשעלע אָסטראָפּאָליער, זאָגט מען, האָט צום סאָף פון זײַן לעבן מיִעס אָפּגעשניטן — ער האָט צופיל אָפּגעלאַכט פונעם צדיק, לעבן וועלכן ער האָט זיך א צײַט אופגעהאַלטן. דער צדיק איז דערפאַר אַרײַן אין גרימצאָרן, אַראָפּגעשלײַדערט דעם פרײלעכן לץ פון די טרעפּ, און הערשעלע איז אײַנגיכן געשטאָרבן.

טראַכטנדיק וועגן דעם, האָט עליע פּרענקיס זיך דערמאָנט, אַז ווען ער איז נאָך געווען א צוציק און געוווינט אין מעדזשיבאָזש, האָט אים דער זײדע דערצײלט וווּנדערלעכע געשיכטעס וועגן באַלשעם. דאָס איז געווען, ווי דער זײדע האָט דערצײלט, א גרויסער קאָפּמענטש, א כאָכעם, א רופֿא. ער האָט געקענט הײלן מענטשן פון אַלע קרענק מיט גראָזן און קרײַטעכצער, געווען מאַמעש ווי א קישעפמאַכער. די מענטשן האָבן אים שיִער ניט פאַרגעטערט, אָפּ די הענט געטראָגן, און ער האָט די אָרעמעלײַט געדינט, ווי א טאַטע, געהאָלפן אין אַלע נויטן און אומגליקן.

דער באַלשעם, האָט דערצײלט דער זײדע, איז אַמאָל געווען אַן אָרעם באָכערל. ער האָט געהונגערט, זיך געמוטשעט אויפן טויט. איבער פּאָדאָליע האָט ער אַרומגעבלאָנקעט, געזוכט דאָס שטיקל ברויט. ער האָט כאַסענע געהאַט, געקויפט א פערד און וועגעלע און זיך אוועקגעלאָזט מיט זײַן יונג ווײַבל אין די קאַרפּאַטן־בערג. געגראָבן לײם און געפירט זי איבער די דערפער פאַרקויפן, און אַזוי געצויגן דאָס אָרעמע שטיקל ברויט. זיבן יאָר האָט דער באַלשעם געלעבט צווישן פּויערים וואַלד־העקער, דאָרפישע רופאים, געלײענט טאָג ווי נאַכט ספאָרים, אַלץ, וואָס האָט זיך געטראָפן אונטער די הענט. און דעריקער אין די קאַרפּאַטן זיך אויסגעלערנט, ווי‌אַזוי צו הײלן מיט גראָזן און קרײַטעכצער, מיט היפּנאָז. נאָך די זיבן יאָר האָט ער זיך באַזעצט אין מעדזשיבאָזש.

ער איז, זאָגט מען, אויך געווען א באָקי אין קישעף און פאַרקישעפט מעדזשיבאָזש פון א סאַך צאָרעס, בלויז פון אָרעמקײַט האָט ער ניט געקאָנט פאַרקישעפן די שטאָט...

דער באַלשעם האָט פאַרשפּראָכן די מעדזשיבאָזשער לײַט פון אַלע צאָרעס און קײן שום אומגליק איז צו זײ ניט צוגעשטאַנען.

און דאָ איז עליען געקומען אויפן געדאַנק, פון וועלכן עס האָט אים אָנגעכאַפּט א געלעכטער: עפּשער איז ער, עליע, אויך פאַרקישעפט? אויב אים איז געלונגען דורכגײן אַזעלכע שרעקלעכע ניסיוינעס, צענדליקער מאָל געראַטעוועט ווערן פונעם טויט, זיך אַרויסרײַסן פון די לאַפּעס פון געסטאַפּאָ, איז ער דען ניט קײן פאַרשפּראָכענער?

דערמאָנענדיק זיך אין זײַן מעדזשיבאָזש, האָט עליע באַ זיך נאָך א פרעג געגעבן: נו, און פון די היטלערישע טאַליאָנים איז דאָס שטעטל געווען פאַרקישעפט? וואָס איז פון דעם געבליבן? ער האָט אַפילע מוירע געהאַט א טראַכט טאָן וועגן דער מוטער און בײדע שוועסטער, וועגן זײַנע פרײַנט און באַקענטע, וועלכע זײַנען דאָרטן איבערגעבליבן. און וואָס איז מיט ריטען? ער האָט זיך מיט איר אַפילע ניט באַוויזן געזעגענען. ער שטעלט זיך איצט ניט פאָר, צי האָט זי באַוויזן זיך עוואַקויִרן מיט די עלטערן, וווּהין האָט דער גורל זי פאַרוואָרפן... און אויב זי לעבט, צי וואַרט זי אויף אים, צי וועלן זײ זיך נאָך אַמאָל באַגעגענען?

אים האָט פאַרפלײצט א שלאַל מיט דערינערונגען, אומרויִקע, שווערע. ער האָט זיך פאַרגעבן א סאַך פראַגן, נאָר אויף קײן אײנער פון זײ ניט געקענט ענטפערן.

אין דער שווערער לאַגע, אין וועלכער ער איז אַרײַנגעפאַלן, האָט ער דאָך קײן אײן מאָל ניט א טראַכט געטאָן וועגן טויט, פונקט ווי ער האָט געוווּסט, אַז ער פאַרמאָגט נאָך גענוג קויכעס, קעדײ זיך שלאָגן פאַרן לעבן.

און ער האָט מיט א שמײכל זיך ווידער געזאָגט, אַז ניט אַנדערש, ווי זײַן באַרימטער לאַנדסמאַן, דער באַלשעם, האָט אים אויך, ווי זײַן שטעטל מעדזשיבאָזש, פאַרקישעפט פונעם טויט.

אין דעם לעבעדיקן קײוועער האָט ער, הערשעלע אָסטראָפּאָליערס אײניקל, ניט געקוקט אויף די ווײטעקן, וואָס די ווונדן האָבן אים פאַרשאַפן, פלוצעם דערפילט אין זיך א קויעך, וואָס וועט אים געוויס קלעקן אויף בײַצוקומען און גוויווער זײַן אַלע סאַקאָנעס, דעם מאַלכאַמאָוועס אַלײן, אויב יענער וועט זיך צו אים דערנעענטערן מיט זײַנע שרעקלעכע נעגל!

וויפל איז איצט דער זײגער? וויפל צײַט געפינט ער זיך אין דער באַהעלטעניש? צי וועט זיך צו אים גיך אַראָפּלאָזן זײַן רעטערן נינע און אָנזאָגן די בסורע, אַז ער קאָן זיך לאָזן אין וועג אַרײַן?

עס האָט זיך אַהער דערטראָגן אַ טעמפּער געשריי, אַ געוויש פון מאַשינעס. דאָס האַרץ איז אויפגעצײַטערט געוואָרן. וואָס איז דאָרטן? צי דען איז מען געקומען אים זוכן? מע וועט זי אוועקפירן אין געסטאַפּאָ און קאַטעווען, פּאַדערן, זי זאָל אַרויסגעבן דעם פאַרברעכער. מענטשן האָבן דאָך אַמאָל באַמערקט, אַז ער פלעגט אַרײַנקומען צו איר אין שטוב, זיך באַגעגענען מיט איר.

ניין, ער וועט ניט דערלאָזן, זי זאָל ווערן אַ קאָרבן פאַר אים. ער וועט, ווען עס וועט עפּעס שטילער ווערן, אַרויסגיין אַ קוק טאָן. און אויב מע האָט נינען צוגענומען אין געסטאַפּאָ, אין קאָמענדאַטור, וועט ער אַליין אַהין אוועק און זיך איבערגעבן אין זייערע הענט, מע זאָל זי באַפרײַען.

די צײַט איז געגאַנגען.

דאָס שמאָלע פּאַסיקל שײַן, וואָס איז אַרײַנגעדרונגען אין קעלער דורך דעם קליינינקן קוימענדל, איז געוואָרן ליכטיקער. זעט אויס, עס איז שוין נאָך האַלבן טאָג. דער טומל, וואָס האָט זיך אַהער פאַרגאַנוועט פון דער גאַס, האָט זיך דערווײַטערט, אינגיכן איז אינגאַנצן שטיל געוואָרן. זעט אויס, די טײַוואָלאָנים זײַנען דאָ בלויז דורכגעפאָרן און זיך געלאָזט זוכן ווײַטער.

יאָ, נאָר פאַרוואָס קומט ניט די באַלעבאָסטע? וואָס איז מיט איר? ער מוז דאָך וויסן, אַף וואָס פאַר אַ וועלט ער געפינט זיך!

דער טאָג איז שוין, דאַכט זיך, באַלד ניט קיין היגער, און נינע איז נאָך אַלץ ניטאָ. וואָס זשע דאַרף ער טאָן? דער אומגעדולד האָט אים געמאַטערט. ער האָט שוין אָנגעהויבן שטילערהייט צערוקן די קעסטלעך און דייזשעס, קעדיי אַרויסגיין פון דער באַהעלטעניש. נאָר אין דער מינוט האָבן זיך דערהערט טריט. פאַרזיכטיקע, ניט אײַלעוודיקע, און דאָס האַרץ האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז זי גייט אַהער, נינע.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט די פרוי זיך אַראָפּגעלאָזט צו אים אין קעלער. אין דעם קליינינקן סנאָפּ שײַן, וואָס האָט זיך אַהער אַרײַנגעריסן צוזאַמען מיט זײַן רעטערן, האָט ער זי דערזען.

אין איר אַלטן אָפּגעריסענעם רעקל, אין די גומענע שיך, מיטן קאָפּטיכל אַף די אַקסל איז זי איצט געווען שיין, ווי די וועלט, כאָטש אינדערעמעסן איז זי ווײַט געווען פון אַ שיינהײַט. דאָס פאַרויטלטע, עטוואָס דערשראָקענע לענגלעכע פּאָנעם האָט זיך צעשײַנט מיט אומגעוויינלעכן אינערלעכן כיין און גוטסקײַט.

זי האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט איר ווייטעקלעכן בליק און שטיל געזאָגט:

— דאַנקען גאָט, ערנסט, די הינט זײַנען אוועקגעפאָרן. זיי האָבן איבערגעקערט דעם ישעוו און, דאַנקען גאָט, צו אונדז ניט דערגאַנגען.

— און וווּהין זײַנען די מאַשינעס אוועקגעפאָרן, האָסט ניט געזען?

— געזען! זיי האָבן פאַרקערעוועט צום יוזאָוווקער שליאַך, — האָט זי שטיל געענטפערט. — זיי האָבן אַרעסטירט עטלעכע זעלנער פון דער קאָמאַנדע און, דאַכט זיך, דײַן נאַטשאַלניק אויך.

ערנסט האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז זיי וועלן זיך נאָך אַהער אומקערן, און באַשטימט, ווי נאָר עס וועט טונקל ווערן, זיך לאָזן ווײַטער אין וועג. אָבער נינע האָט אים אָפּגערעדט דערפון. ער דאַרף עטלעכע טעג איבערזיצן דאָ הי. די געסטאַפּאָווצעס האָבן געקענט איבערגעבן אַף דער טראַסע, מע זאָל אים פאַרהאַלטן. זאָל דורכגיין דער טומל, דערנאָך וועט רויִקער זײַן זיך לאָזן קיין זאַפּאָראָזשיע, צו זײַנע באַקענטע...

אין אַ פּאָר שאָ אַרום, נאָך דעם, ווי ערנסט האָט אַ ביסל געשטילט דעם הונגער, זיך אַרומגעוואַשן און געבראַכט דעם „מונדיר“ אין אָרדענונג, האָט נינע זיך מיט אים אוועקגעלאָזט אין סטעפּ, מיט די באַלקעס, צו אַ שכייניש יִשעוו און אים איבערגעגעבן אירע קאַווײרים, ער זאָל בא זיי איבערזיצן. פון דעם יִשעוו האָט מען אים שפּעטער געפירט אין אַן אַנדערן, איבערגעגעבן גוטע זיכערע מענטשן.

עס זײַנען אַריבער צוויי וואָכן, און ערנסט האָט באַשטימט, אַז די געפאַר איז געמינערט געוואָרן. ער קאָן זיך איצט איינער אַליין אוועקלאָזן קיין זאַפּאָראָזשיע. מע האָט שוין אין אים, מעגלעך, אינגאַנצן פאַרגעסן.

אין איינעם אַ זוניקן שטילן פרימאָרגן האָט ער זיך אַרויסגעשלײַכט פון זײַן לעצטער וווינונג, זיך אָפּגעזעגנט מיט די באַלעבאַטים און זיך אוועקגעלאָזט צו דער טראַסע, וואָס האָט געפירט קיין זאַפּאָראָזשיע. אים איז פאַרגעשטאַנען דורכמאַכן ניט קיין ווײַטן, נאָר דאָך אַ געפערלעכן וועג.

ער האָט געוווּסט, אַז אויף וועג וועט ער זיך באַגעגענען מיט די דײַטשישע פּאַטרולן און וועג־וועכטער, פֿאָליצײַען און זשאַנדאַרמען. אָבער קיין אַנדער ברירה האָט ער ניט געהאַט. ער איז געגאַנגען. אויף די וועג־סטויפּעס, אויף די פּלויטן זײַנען געהאַנגען אָנצאָליקע באַפֿעלן און פֿאַראָרדענונגען, געשריבענע אויף דײַטש און אויף רוסיש, און אַלע האָבן זיך געענדיקט מיט די שיינע ווערטער: „טאָדט", „קאַפּוט". אַ טראַכט געטאָן, וויפֿל „טאָדטן" שטייט אים נאָך פֿאָר דורכגיין, האָט ער זיך ענערגיש געלאָזט צום אויפֿגעלעבטן טראַקט, איבער וועלכן עס האָבן זיך געטראָגן הין און הער פֿאַרשיידענע מיליטערישע מאַשינעס.

אונטערבאַמקענדיק אַ ניגנדל, קעדיי זיך מאַכן גרינגער אויפֿן האַרצן, איז ער פֿאַמעלעך געגאַנגען צום קרייצוועג.

יאָ, און וואָס האָט ער מיט זיך, כוץ גרויסע צאָרעס? — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. — ער האָט אַ רעוואָלווער אין קעשענע מיט עטלעכע קוילן. דאָס איז גוט. מיט דעם האָט ער זיך געפֿילט אַ ביסל זיכערער. נאָך האָט ער אַ צעקנייטשטע צײַגעניש, אַז ער איז אַן איבערזעצער אין אַ קאָמאַנדע און דער נאָמען זײַנער איז ערנסט גרושקאָ, אַ פֿאָלקסדויטש... דאָס איז פֿריִער געווען גוט, איצט טויג עס אויף קאַפּאָרעס, ווײַל דעם איבערזעצער ערנסט גרושקאָ זוכט די געסטאַפּאָ, וועלכע האָט שוין, מעגלעך, געמאָלדן אויף די וועגן אין די קאָמענדאַטורן און אַנדערע לײַטישע אַנשטאַלטן, מע זאָל דעם פֿאַרברעכער פֿאַרהאַלטן.

דאַרף מען, הייסט עס, טראַכטן, אַז קיין צײַגעניש האָט ער ניט און ער מוז זי גלײַך פֿאַר־ניכטן.

עמעס, ער האָט בא זיך באַהאַלטן אַ ריינעם בלאַנק פֿאַר אַ צײַגעניש, איצט דאַרף ער גלײַך זיך צוזוכן אַן אַנדער נאָמען, אויספֿילן דעם בלאַנק, ער זאָל כאָטש האָבן וואָס צו באַ־ווײַזן, אויב מע וועט אים פֿאַרהאַלטן.

ער האָט זיך טאַקע באַלד אַראָפּגעלאָזט אין אַ באַלקע, זיך אויסגעצויגן אויפֿן יונגן גראָז און אַרײַנגעשריבן אין פּאַפּיר עפּעס אַ נומער פֿון אַ קאָמאַנדע, וואָס איז אויף דער וועלט ניט געווען און אַ נאָמען, וועלכן ער וועט געדענקען דאָס גאַנצע לעבן. דעם נאָמען פֿון פּעטראָ לאַזוטינען, זײַן טײַערן פֿרײַנט, וואָס איז געפֿאַלן אין שלאַכט, בעשאַס מע האָט זיך געפּרוּווט אַרויסרײַסן פֿון דער אַרומרינגלונג. און עס איז אים עטוואָס געוואָרן גרינגער. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער פֿאַרמאָגט נאָך אין קעשענע צוויי־דרײַ קעסטלעך טערקישע סיגאַרעטן. ער האָט געוווּסט, אַז יעדער סאָלדאַט, יעדער פּאַטרול האָט ליב, אַז מע זאָל אים מעכאַבעד זײַן מיט אַ גוטן סיגאַרעט.

אַ לעגענדע, וויִאַזוי ער איז אָפּגעשטאַנען פֿון זײַן טייל און זוכט זי איצט אַרום, האָט ער שוין צוגעטראַכט. וויבאַלד אַזוי, מעג ער שפּאַנען ווײַטער!

און ער האָט זיך געלאָזט גיין לענגויס דעם אַספֿאַלטירטן וועג, אַ הונדערט שפּאַן אין דער זײַט, מע זאָל אים פֿון די מאַשינעס ניט זען.

ער איז געגאַנגען מיט זײַטיקע וועגן און שטעגן, מיט די באַלקעס, אויסמײַדנדיק באַגע־געענישן מיט מענטשן.

ער האָט זיך אויך באַמיט אויסמײַדן דערפֿער און יישוווים. עס איז געווען וואַרעם, און מע האָט גאַנץ שיין געקאָנט איבערשלאָפֿן אַ נאַכט אונטערן אויסגעשטערנטן הימל. באַטאָג איז ער געזעסן אין אַ צעוואָלגערטער סקירדע שטרוי, צווישן רויִנעס, און ווען עס איז צוגע־פֿאַלן די נאַכט — זיך געלאָזט אין וועג!

אַלץ וואָלט געווען גוט און פֿײַן, ווען אויפֿן וועג זאָלן ניט זײַן קיין טײַכלעך און קיין ריטשקעס. איז טאַקע אויסגעקומען זיך צו פֿאַרקערעווען צו די בריקן, און אַלע בריקן און בריקלעך זײַנען באַוואַכט געווען פֿון גאָר ניט קיין אָנגענעמע פֿאַרשוינען, וועלכע האָבן אַלע־מען אָפּגעשטעלט, פֿאַרהאַלטן. אויסגעפֿרעגט, ווּהין מע גייט און נאָך וואָס מע גייט. זיי האָבן אַ טעווע געהאַט קאָנטראָלירן די דאָקומענטן...

און דער וועג האָט אים אַרויסגעפֿירט צו אַ בריק, וואָס איז געווען באַוואַכט דורך צוויי זעלנער מיט אויטאָמאַטן.

ער האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד ווײַטלעך פֿון דער בריק און געזען, ווי די סאָל־דאַטן שטעלן אָפּ מאַשינעס און פֿוסגייער, קוקן דורך דאָקומענטן, נישטערן אין די קוזאָוס פֿון די לאַסט־מאַשינעס.

עפּעס האָבן די צוויי סאָלדאַטן בא אים ניט אַרויסגערופֿן קיין צוטרוי און ער האָט באַ־שטימט זיך מיט זיי ניט באַגעגענען, צוּוואַרטן ביז עס וועט קומען אַן אומבײַט.

אים איז אויסגעקומען ליגן העכער אַ שאָ צײַט. צו דער בריק זײַנען צוגעקומען צוויי קליינוווּקסיקע מאַנצבלען — ניט קיין מיליטערישע, ניט קיין ציווילע כעוורע מיט ווײַסע

בענדלעך אף די ארבל און מיט אלטע ביקסלעך אף די אקסל. שווארצע, פארברענטע פון דער זון, קליינוואוקסיקע, שווארצויגיקע, ווי צוויי ברידער, ענלעך איינער אפן אנדערן.

„קאזאכן געפאנגענע, זעט אויס", — האָט עליע א טראכט געטאָן און באלד, ווי ביידע דײַטשן זײַנען אוועקגעגאנגען אף אָפּרו, האָט ער זיך געלאָזט צו דער בריק.

די וועכטער האָבן זיך אײַנגעקוקט אין אים, געוואָלט, אפּאָנעם, פאָדערן דאָקומענטן, נאָר עליע האָט זיך פּלוצעם צעבייזערט, געגומען ריידן צו זיי אף דײַטש, געמאכט זיי אן אויסרייד, לעמיי זיי היטן שלעכט די בריק און שטייען ניט לויט דער פאָרם... איידער יענע האָבן עפּעס געענטפערט, איז עליע שוין געווען פון יענער זײַט בריק.

זיי האָבן אים נאָכעשריגן, ער זאָל באווײַזן די דאָקומענטן, נאָר ער האָט זיך אפילע ניט אומגעקוקט צו זיי.

ער איז געווען צופרידן, וואָס דער ערשטער פּרווו האָט זיך אײַנגעגעבן און זיך געלאָזט גיין שנעל, באטראכט, אז בעסער וועט זײַן זיך באוועגן ניט באנאכט, — עס זאָל אף אים קיין כשאד ניט פאלן. די בריקן, די פאטרולן און קאָנטראָל־פּונקטן וועט ער יאָקאָס דורכגיין.

די זון איז שוין געווען הויך און געפאליעט, ווי פאר א רעגן. עליע, פּעטראָ לאזוטין, הייסט עס, האָט דערפילט, אז ער איז הונגעריק. אף א קרום בערגל האָט ער דערזען עטלעכע הײַזער. ניט ווײַט פונעם אספאלטירטן וועג — א שטיקל קאפע, און באשטימט, אז ער דארף זיך אהין ארײַנכאפּן, עפּעס איסטרינקען, קויפן עפּעס אפן וועג.

ארומקוקנדיק זיך, צי קײנער שפּירט אים ניט נאָך, איז ער ארײַן אין א קליינעם צימער, ווו עס זײַנען געשטאַנען עטלעכע טישלעך, ארום וועלכע עס זײַנען געזעסן דרײַ האלבשיקערע סאָלדאטן און א פּאָר עלטערע לײַט, וואָס האָבן שוויײַגנדיק געררייכערט. די דיקע באלע־באָסטע פון דער קאפע האָט גאנץ פריילעך באגעגנט דעם אוירעך, אים פאָרגעלייגט פּאר־טריקנטע קאָטלעטן, ארום וועלכע עס האָבן זיך געפּאסעט אָן א שיר פליגן. זי האָט אים אָנ־



געגאָסן אַ קוואַרט אויסגעקילטע טיי. געשטילט דעם הונגער, האָט ער זיך צערעכנט מיט דער גאַסטפֿריַינטלעכער באַלעבאָסטע און אַרויס אַף דער גאַס. בײַ דער טיר פֿון דער קאַפֿע האָט ער באַגעגנט עטלעכע אופֿגעלייגטע ליַיט אין ציווילע קליידער.

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צום שליאַך מיט שנעלע טריט, אונטערבאַמקענדיק אַ ניגן פֿון אַ פּאָפּולערער דײַטשישער מאַרש־ליד, נאָר דערפֿילט, אַז עמעצער גייט נאָך אים.

עליע האָט זיך אומגעקוקט און דערזען אַ באַיאָרטן שווערן פּאַרשוין מיט אַ געשטופּלט רויט פּאָנעם, מיט אַ קאַראַבין אַפֿן אַקסל און אַ וויַיס בענדל אַפֿן אַרבל.

רייכערנדיק אַן איפּעשדיקן ציגאַר, האָט דער פּאָליציַי אַ ווונק געטאָן צו עליען, ער זאָל זיך מאַטריזען זיַין גיין מיט אים אין דער קאָמענדאַטור, וואָס געפֿינט זיך אין דער עקסטער שטוב. דאָרט וועט מען דורכקוקן זײַנע דאָקומענטן. עס איז דאָ אַזאַ באַפֿעל, האָט יענער גע־זאָגט האַלב אַף רוסיש, האַלב אַף דײַטש און דאָס איבעריקע מיט דער האַנט.

עליע האָט אָפּגעמאָסטן דעם פּאַרשוין מיט ביטל און זיך אָנגערופֿן:

— וואָס פֿאַרא רעכט האָסטו פֿאַרהאַלטן אַ דײַטשישן זעלנער?

דערויף האָט דער פּאָליציַי ווידער רויִק געענטפֿערט, אַז עס איז דאָ אַ שטרענגער באַפֿעל פֿאַרהאַלטן אַלע זעלנער, וועלכע דרייען זיך אַרום אָן זייער טייל.

— וועק! וועק! — האָט זיך צעבייזערט דער סאָלדאַט. — באַלד וועל איך דיר באַוויַיזן, שוויַין! — און זיך געלאָזט גיין וויַיטער צום וועג. נאָר דער פּאָליציַי האָט אים דעריאָגט און, פֿול מיט רעציכע, אַ וויַיז געטאָן מיטן קאָפּ — דער פֿאַרהאַלטענער זאָל מיט אים גיין אין קאָמענדאַטור. ער האָט באַקומען אַ שטרענגן באַפֿעל און מוז אים אויספֿילן.

ניט וויַיט, בײַ דער קאַפֿע, זיַינען געשטאַנען מענטשן. עליע האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער טאָר דאָ ניט אופֿהייבן קיין טומל, נאָר פֿון דער מיִעסער צוטשעפּעניש מוז ער זיך אַרויס־דרייען. און, טראַכטנדיק, וויִאַזוי מע טוט עס, האָט ער אַרויסגענומען פֿון קעשענע אַ פּעקעלע סיגאַרעטן, פֿאַררייכערט, געמיינט, אַז דער פּאַרשוין וועט בײַ אים אויך וועלן נעמען אַ סיגאַ־רעט, נאָר יענער האָט געבלאָזן הויפֿנס רויך פֿון זײַן איפּעשדיקן ציגאַר און געוואַרט דער זעלנער זאָל מיט אים גיין אין קאָמענדאַטור.

„יאָ, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — אָט די מיִעסע ברוע דינט גוט דעם רײַך, פֿון זײַנע הענט וועסטו זיך ניט אויסדרייען, ער וויל, געוויס, פֿאַרדינען בײַ זײַנע באַלעבאַטים אַן אײַזערנעם קרייץ". מיט וואָס פֿאַר אַ פֿאַרגעניגן וואָלט עליע אים אַרײַנגעשאָסן אַ פּאָר קוילן און אָפּגעווישט פֿון דער ערד אָט דעם איפּעש, נאָר ער האָט זיך דערפֿילט אומבאַהאָלפֿן און אָנמעכטיק.

פֿונדערוויַיטנס האָט זיך דערנעענטערט אַ לאַסט־מאַשין. פֿון דער קאַבינע האָבן אַרויסגע־קוקט צוויי זעלנער, ווי זיי וואָלטן עמעצן געזוכט.

עליע האָט אַ הייב געטאָן די האַנט, און די מאַשין האָט זיך ניט וויַיט פֿון אים אָפּגע־שטעלט.

אויסגעשריגן אַף אַ קאָל „הײַל היטלער!" איז ער צוגעלאָפֿן אַ פֿרעג געטאָן, צי וועלן זיי אים ניט אונטערפֿירן ביז זאַפּאָראָזשיע. דערבײַ האָט ער זיי פֿאָרגעלייגט פֿאַררייכערן אַ טער־קישן סיגאַר, און צוויי הענט האָבן זיך אַ צי געטאָן צו דעם קאָלירטן קעסטעלע.

סאַראַ וווּנדערלעכע סיגאַרעטן! שוין לאַנג האָבן ביידע סאָלדאַטן ניט גערייכערט אַזעלכע, די ערזאַץ־סיגאַרן זײַנען שוין נימעס. ווו האָט אַ פּאַשעטער זעלנער געגומען אַזעלכע טײַערע סיגאַרעטן?

עליע פֿרענקיס האָט זיי דערלאַנגט דאָס קעסטעלע. ער רייכערט שטענדיק אַזעלכע. זײַן פֿעטער, דער גענעראַל קורט גליאַקע, עפּשער האָבן זיי געהערט, רייכערט אויסשליסלעך אַזעלכע, און איז אָפּט מעכאַבעד אים, זײַן פּלעמעניק. דאָס, אַגעוו, פֿאָרט ער צו אים, צום גע־נעראַל. נאַטשאַלסטווע האָט אים געגעבן אַף אַ פּאָר טעג אורלויב...

דערהערט מיט וועמען זיי ריידן, האָבן זיך די סאָלדאַטן — דער שאָפֿער און זײַן באַגליי־טער, דער יעפֿרייטאָר, צעשײַנט. מיט גרויס קאָוועד וואָלטן זיי אים אָפּגעפֿירט ביז זאַפּאָראָ־זשיע, נאָר זיי איַילן אין זייער טייל. אַ קילאָמעטער צוואַנציק קאָנען זיי אים פֿירן, און דאָרט וועט ער זיך מוזן אופֿזעצן אַף אַן אַנדער מאַשין. מאַשינעס זײַנען אַפֿן וועג איצט זייער אַ סאַך, און ער וועט זיך שנעל דערקלײַבן.

— זייער גוט! צוואַנציק קילאָמעטער איז אויך אַ זאַך! — האָט זיך דערפֿרייט עליע און זיך אַרײַנגעזעצט באַנאַנד מיטן יעפֿרייטאָר אין קאַבינקע. ער האָט לײַכטער אָפּגעאָטעמט: זיך אָפּגעטשעפּעט פֿונעם אומגליק, פֿונעם עקלדיקן פּאָליציַי.

נאָר וואָס איז דאָס? דער פּאָליציי איז אַלץ ניט אָפּגעשטאַנען, עליע האָט זיך אומגעקוקט און דערזען דורך דעם קליינעם פענצטערל פון דער קאַבינע, ווי דער פּאַרשוין האָט זיך אָנ־געטשעפּעט פאַרן באָרט און זיך אַרופגעדראַפּעט אויפן קוזאָוו. ער פאָרט אויך!

די מאַשין איז געלאָפן אַ שטיק וועג, און עליע האָט זיך אָנגערופן צום יעפרייטער, וואָס איז געזעסן באַנאַנד מיט אים:

— קאַמראַד, עפּעס אַ טײַוול איז אַרופגעקראָכן אויף אײַער מאַשין. זייער אַ פאַרדעכטיק־טער... ער טראָגט אַ ווײַס בענדל אויפן אַרבל, נאָר דאָס איז ניט קיין פּאָליציי, נאָר אַ דיווער־סאַנט, אַ פּאַרטיזאַן.

דערהערט די ווערטער, איז דער יעפרייטאָר געוואָרן אויסער־זיך.

די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט.

דער פּאָליציי האָט עפּעס געמאַכט מיט די הענט, געוויזן אויף זייער צופעליקן פּאַסאַזשיר, נאָר אין איין ווײַלע האָט דער שאָפער אים אַראָפּגעשלעפּט פונעם קוזאָוו, גענומען שלאָגן מיט די הענט און פיס, אַראָפּגעריסן פון זײַן אַקסל דעם קאַראַבין און דערלאַנגט מיטן פּריקלאַד איבערן קאָפּ, געכאַפּט פאַר די פיס און ווי אַ פּעגירע אַ שלײַדער געטאָן אינעם טיפן קיוועט, וואָס באַם וועג.

דער פּאָליציי האָט זיך אײַנגעקאָרטשעט פון ווייטעק און שטיל געבליבן, אומבאַוועגלעך... ער האָט זיך קיין ריר מער ניט געטאָן.

די מאַשין האָט געריררט פון אָרט און גענומען יאָגן שנעלער.

מע איז געפאָרן מיטן גלײַכן אויסגעריבענעם און גלאַנציקן אַספאַלטירטן וועג, גערייכערט די טײַערע טערקישע סיגאַרעטן, געלאַכט און געווען צופרידן, וואָס מע האָט זיך אַזוי פיין צערעכנט מיט אַ רוסישן שווײַן. דאָס האָט אַלעמען האַנאָע געטאָן, באַזונדערס דעם פּאַסאַזשיר.

די צוואַנציק קילאָמעטער זײַנען דורכגעלאָפן שנעל. די מאַשין האָט פאַרקערעוועט, און אַלעמען איז געווען אַ שאָד, וואָס מע דאַרף זיך צעשיידן. נאָר וואָס וועסטו מאַכן — בייס אַ מילכאָמע איז קיין איבעריקע צײַט באַ קיינעם ניטאָ!

די מאַשין איז פאַרשוווּנדן, און עליע האָט נאָך לאַנג געקוקט אויפן שטויב, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט אויפן וועג.

ער האָט באַשטימט זיך אָפּרוקן ווײַטער פון דעם אַספאַלט, איבער וועלכן עס האָבן זיך געטראָגן מיליטערישע מאַשינעס, — מאַלע־וואָער עס קאָן דאָרטן פּאַרן! אײַלן זיך האָט ער ניט געהאַט וווּהין. קיינער וואַרט ניט אויף אים.

זיך אויסגעצויגן אונטער די צעגרינטע ביימלעך אויפן פרישן גראָז, אין אַ קליין וועלדל, ווײַטלעך פונעם וועג, האָט ער זיך אײַנגעקוקט אין הימל, אויף די לײַכטע וואָלקנס, וואָס האָבן זיך געדרייט, ווי זיי זאָלן זיך באַלאַווען מיט דער זון. דער וועג זײַנער איז נאָך געווען אַ ווײַטער, און ער האָט געדאַרפט זײַן זייער פּאָרזיכטיק. דערמאָנענדיק זיך, ווי דער פּאָליציי האָט זיך צו אים צוגעטשעפּעט, געוואָלט אים אוועקפירן אין קאָמענדאַטור, האָט אים אַרומגע־כאַפּט אַ קעלט, אַזוי נאַריש קאָן מען דורכפאַלן!

זיך אָפּגערוט, האָט ער זיך אופגעהויבן פונעם גראָז און ניט געאײַלט זיך געלאָזט שפּאַנען ווײַטער.

אָט דאָ, צווישן הימל און ערד, האָט ער זיך געפילט פרײַ, ווי אַ פויגל, נאָר אַז עס האָט זיך פונדערווײַטנס באַוויזן אַ דערפל, אַ יישעוו, הײַזער, האָט אים אַרומגעכאַפּט אַן אומרו.

אַזוי, האָט ער זיך געטראַכט, וועט זײַן קאָלזמאַן ער וועט ניט געפינען אַ דאַך איבערן קאָפּ. דאָרטן, אין דער גרויסער שטאָט, האָט ער עטלעכע גוטע באַקענטע, עמעס, ס'איז שוין אוועק אַ צײַט זינט ער האָט זיך מיט זיי געזען. ווער ווייסט, וואָס מיט זיי איז געוואָרן?

דער פּאַרנאַכט איז צוגעפאַלן אומדערוואַרט. די זון האָט זיך באַהאַלטן אונטער אַ קרומען באַרג און מער זיך ניט געוואָלט באַווײַזן.

ניט ווײַט איז פאַר די אויגן אויסגעוואַקסן אַ קליין דערפל. ער האָט עס דערזען, ווען ער האָט זיך אופגעהויבן פון אַ טיפער באַלקע. ער האָט דערזען אַ קרענעצע און אַ טראַכט געטאָן, אַז עס וואָלט ניט געשטערט זיך אָנטרינקען, שטילן דעם דורשט.

אויפן צעהוידעטן זשוראַוול, וואָס האָט שטאַרק געסקריפּעט אונטערן ווינט, האָט ער באַ־מערקט אַ באַפעל. ווידער האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן די באַרימטע ווערטער: „טאָדט“, „קאַפּוט“. דאָס הייסט, ווער פון די אײַנוווינער עס וועט אַרײַנלאָזן צו זיך נעכטיקן אַ מענטשן אָן דער דערלויבעניש פון קאָמענדאַנט, פונעם בורגאָמיסטער וועט גרינג פאַרדינען די צוגע־זאָגטע שטראָף. ווײַטער האָט זיך געשריבן, אַז מע זאָל פאַרהאַלטן מיליטערישע, וועלכע בלאָנ־

קען ארום אָן זייערע קאָמאַנדעס, מע זאָל זיי גלײַך אָפּפירן אין קאָמענדאַטור אָדער אין דער פעלד־זשאַנדאַרמעריע.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַרײַנגיין אין אַ כאַטע בעטן אַ נאַכטלעגער, איז ניט שײַעך. מע דאַרף שפּאַנען װײַטער.

אַרויסגעצויגן פון דער טיפער קרענעצע אַ פאַרזשאַווערטן, און אין עטלעכע ערטער צע־קנייטשן עמער וואַסער, האָט עליע זיך גוט אָנגעטרונקען און זיך צוגעזעצט אין אַ זײַט אַף אַ שטיין באַטראַכטן זײַן שײנע לאַגע.

דער אָוונט האָט זיך שטאַרקער גענומען אָנרוקן. אַרום איז ניט געווען צו זען קיין לע־בעדיקע באַשעפעניש, בלויז דאָרטן ווײַט, וווּ עס האָט זיך געשלענגלט דער אַספאַלטירטער וועג, האָבן זיך געטראָגן הין־און־הער מיליטערישע מאַשינעס.

עליע האָט זיך אַרומגעקוקט, געזוכט אַ רויִק ווינקל, ווּ ער וואָלט געקאָנט אָפּשטופּן די נאַכט, זיך אַ ביסל אויסשלאָפן און פלוצעם דערהערט טריט.

ער האָט זיך אײַנגעקוקט אין דער ריכטונג, פונוואַנען עס האָבן זיך געהערט די טריט און דערזען אַ הויכן, דאַרן פויער אין אַן אָפּגעריבענער פופײַקע אַף די אַקסל, מיט אַן אַנטבלויזטן גרויען קאָפּ און אַ לענגלעך פאַרשפּיצט טרוקן פּאָנעם מיט אַ קורץ צאַפּן־בערדל.

מיט צוויי עמער אין די האַנט האָט דער אַלטער זיך דערנעענטערט צו דער קרענעצע. זיך באַגעגנט מיטן בליק פונעם סאָלדאַט, האָט דער מענטש זיך אַ ביסל פאַרלוירן, ווײַל וויער ווייסט וואָס פאַר אַ רועך דאָס איז. יענער קען צוליב פאַרווײַלונג אין אים אויסשיסן און זיך גיין ווײַטער. ער איז געווען אומבאַשיצט, דער אַלטער אין דער אָפּגעריבענער פופײַקע און זיך ניט אָנגעשטויסן, אַז דער סאָלדאַט איז נאָך מער אומבאַהאָלפן.

דער סאָלדאַט האָט זיך מיט אים געגריסט, נאָר דער פויער האָט ניט געענטפערט. ווי איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אַ דײַטשישער זעלנער זאָל זיך גריסן מיט אַ רוסישן מענטשן?

אַ ווייטעקלעך שמייכעלע האָט זיך אויסגעלייגט אַף עליעס פּאָנעם. ער האָט אַ טראַכט געטאָן: „סאַראַ סינע עס ברענט אין דער נעשאַמע פון אַ רוסישן מענטשן צו די אָקופּאַנטן!"

עליע איז אופגעשפּרונגען פון אָרט, צוגעגאַן צו דער קרענעצע, גענומען באַם אַלטן די עמער און זיך אָנגערופן:

— דערלויבט, פּאַפּאַשע, וועל איך אײַך העלפן.

די אויסגעבראַכטע ברעמען באַם אַלטן פויער זײַנען אונטערגעשפּרונגען צום שטאַרק צע־קאַרבטן שטערן, זײַנע מוטנע, נאָר טיפע און קלוגע אויגן האָבן אַ רעגע באַטראַכט דעם דײַטשישן סאָלדאַט.

— דו רעדסט, סאָלדאַט, אַזאַ ציכטיק־ריינעם רוסיש און טראָגסט אָט דעם מונדיר. ווער זשע ביסטו? אַ רוס, אַ דײַטש, אַ טאָטער?

עליע האָט אַרויסגעצויגן פון דער טיף אַן עמער וואַסער, אָפּגעמאָסטן דעם אַלטן מיט אַ לאַנגן טרויעריקן בליק און נאָך אַ לאַנגער פּאַוזע געזאָגט מיט אַ טיפן זיפץ:

— אַ סאַך צו דערצײלן, פּאַפּאַשע... ווער איך בין, פרעגסטו. אַ מענטש...

דער אַלטיטשקער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— געוויס... אַלע רעכענען זיך פאַר מענטשן. נאָר וואָס קומט אַרויס. באַגעגענען איצט אַן עכטן מענטשן איז ניט אַזוי גרינג. דאַכט זיך, דימענטן געפינט מען לײַכטער...

— יאָ, דאָס איז עמעס, — האָט עליע צוגעשטימט און אַראָפּגעלאָזט דעם צווייטן עמער אינעם שוואַרצן טהאָם פונעם ברונעם.

דאָס וואָס דער סאָלדאַט האָט מיט אים צוגעשטימט, איז דעם אַלטן געפעלן, און ער איז געוואָרן עטוואָס באַריידעוודיקער און זיכערער. די כמאַרע איז פאַרשוווּנדן געוואָרן פון זײַן פאַרוואָקסן אָנגעשטרענגט פּאָנעם.

— יאָ, שווער איצט באַגעגענען אַ גוטן מענטשן. אַנדערע זײַנען גרייט זיך פאַרקויפן פאַר אַ טעלער קוליש, פויזען אַפן בויך פאַרן סופּאָסטאַט. זיי האָבן אָנגעטאָן ווײַסע בענדלעך און געגומען ביקסן, שטיקן און מאָרדעווען דעם אייגענעם טאַטן. מיינען, אַז אַזוי וועט זײַן שטענ־דיק. ניין, די מילכאָמע האָט זיך שטאַרק אַ דריי געטאָן... וואָס וועלן טאָן יענע מיט די ווײַסע בענדלעך. ווען די מאַכט וועט זיך אומקערן? עס איז דאָ אַ גאָט אין הימל און זעט אַלץ. דו קענסט מיך אָפּפירן צום סטאַראָסטע און מיך מאַסערן פאַר מײַנע רייד... נאָר איך בין אַלט... עס וואָרט שוין אַף מיר די טרונע און איך קאָן ניט לײַגן... דאָס, וואָס אַף דער לונג, דאָס אַף דער צונג.

— ניין, ניין, פּאַפּאַשע, איך וועל אײַך ניט מאַסערן, — האָט איבערגעשלאָגן עליע, — איך האָב ליב, אַז מע זאָגט דעם עמעס.

— אזוי? וועסטו מיך ניט אויסגעבן? מיר איז שוין אלצאיינס. מעגסט אויסגעבן. איידער אזא לעבן, איז בעסער דער טויט. — ער האָט פאַרדרייט א גראָבן ציגאַר פון סאַמאָסאַד, דער אַלטער, פאַרייכערט, קוקנדיק מיט זײַן קלוגן אָנגעשטרענגטן בליק אַף דעם מענטשן, וואָס איז אַזוי אומגעריכט אויסגעוואַקסן פאַר אים.

— יאָ, איז וואָס זשע, סאָלדאַט, זיצסטו דאָ איינער אליין? דו וואַרטסט אַף עמעצן?

עליע האָט איבערגעגאָסן די וואַסער פונעם פאַרזשאַווערטן עמער אינעם עמער פונעם אַלטן און ניט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן.

— יאָ... דאָס הייסט, מע קאָן זאָגן — ניין. — האָט ער שטילערהייט געזאָגט, — די נאַכט פאַלט צו און מע דאַרף טראַכטן וועגן א נאַכטלעגער. איך קום פון ווײַט און בין פאַרמאַטערט...

דער אַלטער האָט צום ערשטן מאָל א שמייכל געטאָן, און דאָס געדיכט־פאַרוואַקסענע פּאָנעם מיט דער ווײַסער שטשעטינע איז געוואָרן מילד און האַרציק־ווייך:

— א סאָלדאַט און ווייסט ניט ווו איבערנעכטיקן! איך בין אויך אַמאָל געווען א סאָלדאַט, זיך געשלאָגן מיטן פּרוסאַק בעשאַס יענער גרויסער מילכאָמע. אז איך פלעג מיד ווערן, פלעג איך אַרײַנגיין אין ערשטן שטיבל, וואָס איך האָב געטראָפן אין וועג און איבערנעכטיקן, ווי א פּאַרעץ, אַרײַנגיין צו א באַלעבאָסטע, ווען איך האָב געוואָלט עסן און איבערגעביסן בא איר... מענטשן ווינען דאָך אין די שטיבער, ניט קיין כײַעס.

— געוויס איז עס אַזוי, פּאַפּאַשע, נאָר איצט איז די צײַט אַן אַנדערע, האָט געענטפערט דער סאָלדאַט און א ווונק געטאָן אַפן באַפּעל, וואָס איז געהאַנגען אַף א בוים ניט ווײַט פון דער קרענעצע.

דער אַלטער האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— שפּײַ זיך אויס אַף זייערע באַפּעלן! ווען מיר וואָלטן דאָ אויספּילן אַלע זייערע באַפּעלן, וואָלטן מיר שוין לאַנג אַראָפּ פונעם זינען! אַלע טאָג הענגען זיי אַרויס נײַע באַפּעלן. קיינער לייענט זיי שוין ניט פונלאַנג! „טאָדט", „קאַפּוט" — מער ווייסן זיי גאָרניט! דו הערסט, ווי עס דונערט? די באַלעבאַטים פון דער ערד דערמאָנען וועגן זיך... אינגיכן וועט גאָט העלפן און עס וועט א סאָף נעמען צו די באַפּעלן.

ער האָט געוואָלט זאָגן „אויך צו יענע, וואָס שרײַבן זיי", נאָר אין דעם לעצטן מאָמענט זיך אָפּגעהאַלטן.

דער אַלטער האָט געגומען אין בײדע הענט די עמער, ווידער אָפּגעמאָסטן מיט א מיט־פילנדיקן בליק דעם פּאַרשוין, וואָס איז אינגאַנצן ניט ענלעך געווען אַף קיין דײַטשישן סאָלדאַט, און געזאָגט:

— נו, וואָס קאָן איך דיר זאָגן? קיין שיינעם פּאַלאַץ זאָג איך דיר ניט צו, נאָר א געלעגער, א טאָפּטשאַן — מיטן גרעסטן קאָווער. און א קאַרטאָפּליע מיט א שטיקל ברויט וועט זיך פאַר דיר אויך געפינען, אויב דו ביסט הונגעריק. האָסטו ניט קיין בעסערס — טאָ קום צו מיר.

— און איר האָט ניט מוירע, פּאַפּאַשע, ס'איז ניט געפערלעך? אויב דער סטאַראָסטע וועט זיך דערוויסן, — האָט געזאָגט עליע, א דערפרייטער דערפון, וואָס דער אַלטער רופט אים צו זיך איבערנעכטיקן.

— הע, — האָט ער א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, — דער סטאַראָסטע! דאַנילאַ טשורקין. א געקומענער טײַוול! א פאַרקויפטע נעשאָמע. פאַר א שמעק טאַבעק וועט ער דעם אייגענעם טאַטן פאַרקויפן. אין א סאַך דערפער איז ער געווען סטאַראָסטע. ווען זײַנע באַלעבאַטים טרעטן אָפּ, לויפט ער צוזאַמען מיט זיי. יאָ, ער סטאַרעט זיך. איבערגעלאָזט דאָס דאָרף אָן א שטיקל כודאָבע. קיין האָן וועט איר ניט געפינען. קיין ביסל מעל ניטאָ בא קיינעם. איצט איז ער געוואָרן גוט, כאָטש לייג אים צו צו א מאַקע. ער פילט, אז ער וועט פונדאַנען אויך אינגיכן דאַרפן שטעלן פיס. גאַנצע טעג און נעכט שיקערט ער, הוליעט, ווי פאַרן טויט.

עליע האָט א צופרידענער זיך אײַנגעהערט אין די רייד פונעם אַלטן, צוגענומען בא אים בײדע עמער און געזאָגט:

— יאָ, פּאַפּאַשע, אַזוי איז דאָס. ער האָט אים אַרײַנגעקוקט אין פּאָנעם און פאַרגעזעצט. — איך ווייס ניט ווי מע רופט אײַך. וואָס? קאַרפּאָ קאַרטשינסקי? גוט. און מיך רופט מען פּעטראָ לאַזוטין...

דער אַלטער האָט א פאַרווונדערטער אים אָפּגעמאָסטן מיטן בליק און א קנייטש געטאָן מיט די אַקסל:

— פּעטראָ לאַזוטין? אויב אַזוי ביסטו אַן אונדזעריקער, א רוסישער... און וואָס באַטײַט דער שינעל?

ער האָט זיך גלײַך פאַרכאַפּט:

— איצט איז ניט קיין צײַט קריכן יענעם אין דער נעשאָמע, אויספרעגן. איך בין אויך געווען אַמאָל אַ סאָלדאַט און פאַרשטיי... אָבער מיר דאַכט זיך, אַז באַ דיר איז אַ גוט האַרץ. זאָל דיך גאָט היטן פון אַן אומגליק און זאָלסט זיך אומקערן אַהיים צו דײַניקע.

— אַ דאַנק, באַטיאַ.

זיי זײַנען אַריבער די שוועל פון דער קליינער, עטוואָס אײַנגעבויגענער כאַטע, און פּע־טראַ לאַזוטין האָט אוועקגעשטעלט באַ דער טיר די עמער.

אין שטוב איז דער אַלטער געוואָרן עטוואָס זשוואַוער. אַראָפּגעוואָרפן די סוויטקע, האָט ער זיך גענומען פּאָרען באַ די טעפּ, וואָס זײַנען געשטאַנען אַפן פּריפּעטשיק. ער האָט גע־וואָלט מעכאַבעד זײַן דעם גאַסט, נאָר ניט געוווּסט מיט וואָס. מער ווי אַ טעפּל קאַרטאָפליעס מיט שאָלעכץ און אַ שטיקל ברויט האָט ער ניט פאַרמאָגט.

— אָט, כאַפּ איבער. פאַרצײַ מיר, וואָס מער איז אין שטוב גאָרנישט ניטאָ. די אַלטע מײַנע איז פאַראַיאָרן געשטאָרבן, און איך באַלעבאָטעווע אַליין... צוויי זין זײַנען אַפן דריטן טאָג פון דער מילכאָמע אוועק אַפן פראָנט. באַקומען פון זיי עטלעכע בריוו, און שוין. ווי אין וואַסער אַרײַן. ווער ווייסט, צי זיי וועלן זיך אומקערן אַהיים. אַזויפיל מענטשן געפאַלן אין שלאַכטס.

— די זין וועלן זיך אומקערן — האָט דער גאַסט געפּרוּווט אים באַרויִקן.

— ווער ווייסט. נעמט עסט און פילט זיך היימישער. ניטאָ מיט וואָס מעכאַבעד זײַן אַ מענטשן. איך בין דאָ, ווי אַ סיטש... אַ טאָכטערקע איז באַ מיר געווען, האָט מען זי פאַרטריבן קיין דײַטשלאַנד. עפּשער איז זי שוין אויך ניטאָ... איך איינער שלעפּ זיך נאָך אַרום. דער טויט האָט, זעט אויס, אין מיר פאַרגעסן. דער מאַלכאַמאָוועס דרייט זיך אָפּט אַרום אין דאָרף, נאָר מײַן כאַטע גייט ער פאַרבײַ.

— לעבן דאַרף מען, באַטיאַ. לעמײַ זאָלט איר טראַכטן וועגן טויט? איר דאַרפט זיך דער־וואַרטן אַף אײַערע קינדער. איר דאַרפט זיך דערוואַרטן אונדזערע זאָלן זיך אומקערן.

— אונדזערע? — האָט ברייט צעעפנט די אויגן דער אַלטער, און דאָס פּאָנעם איז באַ־שײַנט געוואָרן מיט אַ פאַרוווּנדערט שמייכעלע. זעט אויס, אַז ער האָט קיין טאָעס ניט גע־האַט — ער האָט גלײַך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ניט קיין דײַטש. נאָר ער האָט ניט געוואָלט פאַרגעבן קיין איבעריקע פראַגן.

מע איז געזעסן באַם טיש, און דער קאַנעץ האָט באַלויכטן זייערע אָנגעשטרענגטע פּע־נעמער.

דער אַלטער האָט ניט אויפגעהערט דערציילן, וואָס ער און די שכיינים זײַנען דאָ אויסגע־שטאַנען פון די דײַטשן. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט באַם גאַסט, וואָס עס טוט זיך אַף דער וועלט און וואָס וועט זײַן.

מע האָט זיך פאַרעדט און ניט באַמערקט, ווי דער פרימאָרגן האָט אָנגעקלאַפּט אין פענצטער.

קאַרפּאָ האָט דעם געקומענעם באַלייגט שלאָפן — זאָל דער גאַסט כאַטש אַ פּאָר שאָ זיך אויסרוען. עס שטייט אים דאָך פאָר אַזאַ שווערער און געפערלעכער וועג.

דער אַלטער האָט ניט צוגעמאַכט קיין אויג. ער האָט אָפּגעהיט דעם שלאָף פונעם גאַסט זײַנעם. קוקנדיק, ווי יענער שלאָפט געשמאַק, עפּעס געשעפּטשעט מיט די טרוקענע בלאָווע־לעכע ליפּן, ווי ער וואָלט זאָגן אַ טפילע.

אינגיכן וועט מען זיך דאַרפן צעשיידן. אַ שאָד אָפּלאָזן פון זיך אַזאַ האַרציקן מענטשן! ער האָט שוין לאַנג־לאַנג ניט באַגעגנט אַזעלכע!

אין אַ פּאָר שאָ אַרום האָט דער גאַסטפרײַנטלעכער באַלעבאָס אַרויסגעפירט דעם גאַסט צום ברייטן שליאַך, זיך געזעגנט מיט אים, ווי מע געזעגנט זיך מיט אַן אייגענעם זון.

עס איז געווען שוין טאָג, און די באַוועגונג אַפן טראַקט האָט זיך פאַרשטאַרקט. עליע איז לאַנג געשטאַנען אונטער אַ דיקן בוים און געקוקט אַף די האַסטיק־דורכפליענדיקע מאַשינעס, געטראַכט, אַז איצט איז גלײַכער זײַן ווײַטער פונעם וועג, זיך ניט וואַרפן אין די אויגן. מאַ־לע־וואָס פּאַר אַ שלעק עס קאָנען אים אָפּשטעלן.

מיט אַ געדרייטער פעלד־סטעזשקע, וואָס איז אַלע מאָל פאַרלוירן געוואָרן אין אַ טיפער באַלקע און דערנאָך אַרויסגעשפּרונגען אַף אַרויף, איז ער געגאַנגען ניט געײַלט און באַטראַכט די שיינע וועלט, ווו מענטשן וואָלטן רויִק זיך געקאָנט אויסלעבן די יאָרן און ניט דאַרפן זיך באַהאַלטן פונעם טײַוול, און זיך פאַרנעמען מיט נייטיקערע זאַכן.

פונוויײַטנס האָט זיך געזען אַ ווינטמיל, כאַטעס, און די סטעזשקע האָט אַהין געפירט, נאָר ער האָט זיך אָפּגעקערעוועט — ער דאַרף אויסמײַדן ווו אַ דאָרף.

פון מאָל צו מאָל האָט ער זיך אָנגעשטויסן אָף הײַפּלעך פּויערים און פּויערטעס מיט קינדער אָף די הענט, מיט קלומקעלעך אָף די פּלייצעס, אויסגעצערטע, פאַרמאַטערטע, הונגע־ריקע, שוואַרצע, ווי די ערד. מענטשן האָבן זיך אַרומגעשלעפּט פון דאָרף צו דאָרף, עפּשער וועט מען קריגן א שטיקל ברויט, א ביסל קאַרטאָפליעס, אויסבײַטן א שמאַטע אָף שפּײַז, מע זאָל ניט שטאַרבן פון הונגער ביז די ערד וועט עפּעס געבן, ביז מע וועט זיך דערוואַרטן אָף דער באַפרײַונג...

עליע האָט זיך געפּרוווט אָפּשטעלן לעבן א הײַפל מענטשן, לעבן א צווייטן, געוואָלט פאַר־פירן מיט עמעצן א שמועס, נאָר מע האָט אָף אים געקוקט מיט סינע און צאָרן.

דאָס האַרץ האָט ניט אופגעהערט קלעמען. מענטשן האָבן ניט געענטפערט אָף זײַנע באַ־גריסונגען, ניט געוואָלט קוקן אָף אים. ער האָט פאַרגעלייגט א קליין פאַרמורזשעט ייִנגעלע א שטיקל ברויט, וואָס ער האָט געפונען אין זײַן רענצל, האָט דאָס ייִנגל א קוק געטאָן אָפן ריפטל מיט הונגעריקע אויגן און זיך אָפּגעקערט. ניט געוואָלט עס נעמען פון די הענט בא אן אָקופּאַנט.

טרערן האָבן זיך באַוויזן אָף עליעס אויגן. גיי דערציייל די מענטשן, ווער ער איז! זאָג זיי, אז ער איז פונקט אזוי דערצאָרנט און אומגליקלעך, ווי זיי און, מעגלעך, נאָך מער פאַר זיי.

ער האָט פאַרגיכערט דעם טראָט און זיך באַמיט מער ניט אָפּשטעלן לעבן די אופגערעגטע און דערצאָרנטע מענטשן.

ער וועט בעסער פאַרקערעווען צום שליאַך און אַרויסקוקן אָף א צופעליקער מאַ־ניין, עפּשער וועט ער זיך שנעלער דערקלײַבן צום ציל. אזוי קאָן עס מער ניט דויערן, ער מוז זיך צושלאָגן צו א נײַעם ברעג!

ער ווייסט ניט וויפל צײַט ער איז אזוי געגאַנגען, ביז ער איז אַרויס צו א קרייז־וועג. די באַוועגונג איז געוואָרן שוואַכער. עס זײַנען שוין ניט געגאַנגען, ווי פריִער, קיין קאָלאָנעס, באַזונדערע מאַשינעס האָבן זיך דורכגעטראָגן פאַרבײַ.

פאַריכט דאָס רענצל אָף די פּלייצעס און פאַרייכערט א סיגאַרעט, איז ער צוגעגאַנגען נעענטער צום שליאַך און זיך צוגעזעצט אָפּרוען. אין א מין פּערטל שאָ אַרום האָט א לײַכטער „מערסעדעס" זיך אָפּגעשטעלט און פונדאַרטן איז אַרויס א יונגער לייטענאַנט אין א צאַפּל־דיק פרישן מונדיר.

דער סאָלדאַט איז פלינק אופגעשפּרונגען, באַגריסט דעם אָפיצער לויט אַלע קלאָלים און דערבײַ דערפילט, ווי מורעשקעס לויפן איבער זײַן לײַב.

דאָס האַרץ האָט געגעבן האַסטיק שלאָגן, אין מויעך זײַנען געבוירן געוואָרן אומרויִקע געדאַנקען. דער לייטענאַנט האָט געקוקט אָפן פאַרשוין, וועלכער האָט זיך פולשטענדיק פאַר־לוירן אונטער זײַן דורכדרינגעוודיקן בליק.

צום סאָף האָט דער אָפיצער אַרויסגענומען פון פעלד־טאַש א מאַפּע, לאַנג זיך אײַנגע־קוקט אין איר, און א פרעג געטאָן, וויאַזוי דערקלײַבט מען זיך צו הולײַפּאָליע.

עליע פרענקיס, דאָס הייסט פּעטראָ לאַזוטין, האָט דערפילט, ווי א שטיין איז אַראָפּ פון זײַן האַרצן. ער האָט געוואַרט אָף ערגערס! פאַר אײַן רעגע איז ער געוואָרן גאָר אן אַנדער מענטש. געכאַפּט א קוק אין דער קאַרטע, האָט ער געזאָגט, אז ער קלײַבט זיך אויך אין יענער ריכטונג, און אויב דער הער לייטענאַנט וועט ניט האָבן קעגן, וועט ער מיט אים מיטפאָרן ביז הולײַפּאָליע און ווײַזן דעם וועג.

דער לייטענאַנט האָט אײַנגעשטימט, און דאָ האָט עליע זיך עטוואָס דערשראָקן. יענער קאָן אים נעמען אויספרעגן ווער און וואָס. מע וועט דאָך דעם גאַנצן וועג ניט שווײַגן. נאָר דאָ האָט ער זיך דערמאָנט, אז אין אזא פאַל קאָנען אים העלפן די טערקישע סיגאַרעטן.

עליע האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין דער ווייכער מאַשין, אַרויסגענומען דאָס פּעקעלע סי־גאַרעטן, ברייטהאַרציק מכבד געווען דעם לייטענאַנט און זײַן שאָפער. דערזען זייערע פאַרוווּנדערטע פּנעמער אין שפּיגעלע פון דער מאַשין, האָט ער ביידן, לויט דער רײַ און־טערגעטראָגן זײַן ברענמאַשינקע, אליין צוגערייכערט און זיך טיף פאַרצויגן מיטן געשמאַקן רויך:

— איך מיין, אז טערקישער טאַבעק איז דער בעסטער אין דער וועלט, ווי טראַכט איר, קאַמראַדן? — האָט עליע שנעל־שנעל געגומען ריידן, קעדיי זײַנע באַלעבאַטים זאָלן ניט אָנ־הייבן בא אים אויספרעגן — ווער איז ער און וווּהין שלעפּט ער זיך איינער אליין, — איך בין געווען עטלעכע טעג צוגאַסט בא מײַן פעטער, עפּשער האָט איר געהערט, גענעראַל קורט קליאַגע. ער האָט מיך מכבד געווען מיט די דאָזיקע סיגאַרעטן...

אין שפּיגעלע האָט ער דערזען, ווי דעם שאָפערס פּאָנעם האָט זיך צעשײַנט און איז עטוואָס ווייכער געוואָרן. ער האָט אָנגעשטרענגט געהערט דעם סאָלדאַטס רייד וועגן זײַן פּעטער דעם גענעראַל, וועגן די סיגאַרעטן און קאָניאַק, וואָס יענער האָט אים, קלומערשט, מיטגעגעבן אַפן וועג און געוויען, זעט אויס, צופרידן דערפון, וואָס ער פירט אַזאַ געהויבענעם סאָלדאַט — אַ קאַרעוו פון אַ געהויבענעם גענעראַל!

די מאַשין איז לײַכט געפלויגן איבערן גלאַנציקן אַספאַלט, און דער פּאַסאַזשיר האָט די גאַנצע צײַט עפּעס גערעדט, זיך געכאַכמעט, דערציילט עטלעכע פּעטע סאָלדאַטישע אַנעקדאָטן, און יענע האָבן געלאַכט, געווען שטאַרק צופרידן, וואָס גאָט האָט זיי צוגעשיקט אין וועג אַזאַ פריילעכן זעלנער און שטאַרק באַדויערט, ווען מע האָט דערזען אויף אַ סטויפּ דאָס גרויסאַרטיקע שילדל: „ביז הוליאַפּאָליע — צען קילאָמעטער". דאָ ערגעץ איז געווען דער סאָף פון דער רײַזע. דער פריילעכער און באַריידעוודיקער פּאַסאַזשיר האָט געבעטן זיך אָפּשטעלן, — אָט דאָ ניט ווײַט געפינט זיך זײַן טייל. ער האָט שיין אָפּגעדאַנקט פאַר דער רײַזע און זיך נאָך שענער אָפּגעזעגנט מיטן הער לייטענאַנט און זײַן שאָפער.

עליע האָט לאַנג געוואַרט באַם וועג אויף אַ נײַער אָקאַזיע און זיך דערוואַרט. אויף אַ גרויסער אומגעלומפּערטער לאַסט־מאַשין האָט ער זיך דערקליבן ביז אָרעכאָוו. דאָ איז שוין צוגעפאַלן די נאַכט, און מע האָט געדאַרפט אַ טראַכט טאָן וועגן איבערנעכטיקן. דערווײַל איז אַלץ אין אָרדענונג. ער האָט זיך אַלץ מער דערנעענטערט צו זאַפּאָראָזשיע.

נאָך איין טאָג אָפּגעשטופּט. איצט האָט מען געדאַרפט געפינען אַ נאַכטלעגער און עפּעס אויף איבערצוכאַפּן.

פאַרגעסן אין אַלץ, האָט ער זיך געלאָזט מיטן זאַמדיקן וועג צו אַ דערפל, וואָס איז געשטאַנען אָפּגעזונדערט פונעם שליאַך און פאַרקערעוועט צו דער עקסטער כאַטע, פון וועלכער עס האָט זיך געהויבן איבער דער שטרויענער סטריכע אַ רויכל און אָנגעזאָגט, אַז אין שטוב איז עמעצער פון די באַלעבאַטים פאַראַן.

און, ווירקלעך, דערהערט שווערע טריט, איז אויף דער שוועל אַרויסגעגאַנגען אַ פּולבלעכע, עטוואָס צעפּאַליעטע פרוי אין אַ געצאַצקעט לאַנג קלייד. זי האָט שפּילעוודיק אָפּגעמאָסטן מיט אַ שמייכלענדיקן בליק דעם זעלנער, וואָס איז, דאַכט זיך, ניט צו דער צײַט געקומען. אויסגעהערט זײַן באַקאָשע וועגן איבערנעכטיקן, האָט זי געזאָגט, אַז זי וועט אים אַרײַנלאָזן מיטן גרעסטן קאָוועד, אַפילע אויף אַ וואָך, נאָר זאָל ער דערווײַל אַרײַנגיין צום קאָמענדאַנט, וואָס געפינט זיך אײַנמיטן דאָרף, דאָרטן, ווו דער דאָרפסראַט איז אַמאָל געווען, און זאָל ער איר ברענגען אַ דערלויבעניש אויף איבערנעכטיקן. אַזאַ געזעץ. איצט איז עס זייער שטרענג.

ער האָט באַטראַכט די אופגעלעבטע פרוי מיטן שמייכלענדיקן זעלבסטצופרידענעם זאַטן פּאָנעם און פאַרשטאַנען, אַז ער איז געקומען ניט אַהין, ווו ער וואָלט געדאַרפט. ער האָט זיך שוין געלאָזט גיין אויף צוריק, ווי אַפן גאַנעק האָט זיך באַוויזן אַ שיקערלעכער באָכער מיט אַ ווײַס בענדל אַפן אַרבל, אָן אַ היטל, מיט אַ צעשויבערטן אומגעלומפּערטן קאָפּ האָר און געמאָלדן, אַז ער וועט בלויז נעמען זײַן ביקס און באַגלייטן דעם סאָלדאַט צום קאָמענדאַנט. דאָרטן וועט מען אים געבן אַ דערלויבעניש אויף נאַכטלעגער און מע וועט אויך אויספאָרשן ווער ער איז, דער סאָלדאַט, און פאַרוואָס גייט ער אַרום איינער אַליין.

עליע האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז מיִעס אַרײַנגעפאַלן און זיך ניט פאַרגעשטעלט, וויאַזוי דרייט מען זיך אַרויס פונעם פּאָליצײַ. ער האָט אַרויסגענומען זײַן צײַגעניש און באַוויזן דעם היטער פון דער אָרדענונג, נאָר יענער האָט געזאָגט, אַז לייענען קאָן ער ניט. ער וועט אים בלויז אָפּפירן צום הער קאָמענדאַנט, יענער איז אַ געלערנטער.

זיי זײַנען געגאַנגען מיטן שטויביקן שליאַך. דער פאַרהאַלטענער האָט אַרויסגענומען דאָס פּודעלע סיגאַרעטן, העפלעך אויסגעשטרעקט דעם פּאָליצײַ, ער זאָל פאַררייכערן אַ טערקישן סיגאַרעט, מיט וועלכן זײַן פּעטער, דער גענעראַל קורט קליאַגע האָט אים מעכאַבעד געווען, נאָר דער שיקער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געזאָגט, אַז דאָס טינעף רייכערט ער ניט, ער רייכערט בלויז מאַכאָרקע.

עליע האָט געפּרוּווט פאַרפירן אַ געשפּרעך מיטן פּאָליצײַ, נאָר יענער האָט געזאָגט, אַז ער האָט ניט קיין רעכט צו פירן קיין שום געשפּרעכן מיט אַ פאַרהאַלטענעם.

דאָס דאָרף איז געווען פּוסט. בלויז פון יענער כאַטע, ווו לאַזוטין איז נאַרוואָס געווען, האָט זיך געהערט אַ שיקערער געלעכטער. אַזוי נאַריש זיך אַרײַנגעכאַפּט — האָט לאַזוטין זיך געבייזערט. געוואָען געדאַרפט זיך גוט צוקוקן, וווהין ער גייט. דער רוצח האָט אים געדאַרפט פאַרטראָגן אַהין, און איצט...

דאָ און דאָרט האָבן זיך איבערגערופן הינט. א ווינטל האָט געבושעוועט אין די זײַטיקע סעדלעך. די גאס איז געווען אַן אומגעלומפּערט־לאַנגע, און עס איז ניט באַוווסט געווען, וויפל וועט זיך ציִען אָט דער וועג.

ענדלעך האָט זיך באַוויזן א געראַמיקע הויז. אין פענצטער האָט מען געזען שײַן. זעט אויס, אַז מע האָט זיך דערנעענטערט צו דער קאָמענדאַטור.

פון דער זײַט האָט זיך דערהערט א מיידלש געלעכטער. ער האָט זיך געטראָגן פון די קוסטעס. לאַזוטין האָט דערזען א לאַנגן דײַטש, וואָס האָט זיך געבאַלעוועט מיט א מויד. זי איז אָפּגעשפּרונגען פונעם לאַנגן דראָנג, און יענער, פאַריכטנדיק דאָס אַנטאָן, איז אַרויס פון די קוסטעס אַן אומצופרידענער, אַן אָנגעדראָלענער, לעמײַ מע האָט אים געשטערט די רו, און זיך צעשריגן אויפן פּאָליצײַ.

דער פּאָליצײַ האָט א ווונק געטאָן אויפן פאַרהאַלטענעם. דער דײַטש האָט באַטראַכט עליען פון קאָפּ ביז די פיס, דערהערט, אַז דער זעלנער בעט א דערלויבעניש איבערנעכטיקן אין דאָרף, האָט ער באַרויגעז א בורטשע געטאָן, אַז דער געקומענער זאָל זיך צוזעצן דאָרטן לעבן דער קאָמענדאַטור, אויף דער באַנק, און וואַרטן. דער קאָמענדאַנט וועט איינגיכן קומען, וועט ער דורכקוקן זײַנע פּאַפּירן און אָנשרײַבן א דערלויבעניש. ער, דער יעפרייטאָר, האָט ניט דעם שליסל פון שראַנק און האָט ניט קיין רעכט אַרויסצוגעבן אַן דעם קאָמענדאַנט א דערלויבעניש. עס איז פאַראַן א שטרענגער באַפעל פאַרהאַלטן די סאָלדאַטן, וואָס שלעפן זיך אַרום איבער די וועגן אַן זייערע טיילן... די טעג איז אָנגעקומען א פּאַפּיר מיט פאָטאָגראַ־פיעס פון עטלעכע דעזערטירן, וועלכע די געסטאַפּאָ זוכט...

א קעלט איז איבערגעלאָפן איבער עליעס לײַב, דערהערנדיק פונעם לאַנגן יעפרייטאָר אַזעלכע ווערטער. עפשער זוכט מען אים אויך, מע האָט אפילע פאַנאַנדערגעשיקט זײַן פאָ־טאָגראַפיע?

— נאָר איך, קאַמראַד, האָב דאָקומענטן. מײַן פעטער, דער גענעראַל קורט קליאַגע...

און ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע די צײַגעניש. נאָר דער יעפרייטאָר האָט אים איבער־געשלאָגן. ער האָט דאָך צו אים גאָרניט. זאָל ער זיך צוזעצן אָט דאָרטן אויף דער באַנק, און זיך אָפּרוען, פאַרייכערן. דער קאָמענדאַנט וועט קומען, וועט ער אים געבן א דערלויבעניש אויף איבערנעכטיקן...

געזאָגט דעם פּאָליצײַ, אַז ער מעג גיין, האָט דער יעפרייטאָר באַוויזן אויף דער קאָמענ־דאַטור, געהייסן דעם פאַרהאַלטענעם זיצן אויף דער באַנק און וואַרטן.

עס איז געווען צו זען, אַז דער יעפרייטאָר איז געווען בייז סײַ אויפן פּאָליצײַ, סײַ אויפן פאַרהאַלטענעם, וועלכע דער רועך האָט אָנגעטראָגן אין אַזא מאָמענט, ווען ער איז געווען פאַרנומען מיט אַזא וויכטיקן איניען.

געשטאַנען א פּאָר מינוט און געקוקט, ווי דער סאָלדאַט גייט צו דער באַנק, איז דער יעפרייטאָר ווידער אַרײַן אין די געדיכטע קוסטעס און א רוף געטאָן זײַן מויד, וואָס האָט זיך ערגעץ אין דער געדיכטעניש פאַרטײַעט.

פּעטראָ לאַזוטין האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער באַנק. פון דער שטוב, ווו עס האָט גע־ברענט א בלאַס לעמפּל, האָט זיך געהערט א כראָפּערײַ — עמעצער איז געשמאַק געשלאָפן, זעט אויס, נאָך א גוטער קויסע.

ער איז געזעסן און געקוקט אויפן דאָרפישן כוישעך. צו זײַן אויער האָט זיך דערטראָגן דאָס מ׳עסע כראָפּען פון דער קאָמענדאַטור־שטוב און דער פאַרשטיקטער געלעכטער פון דער מויד, וואָס האָט זיך אין די קוסטעס פאַרווײַלט מיטן לאַנגן דראָנג, מיטן אָנגעדראָלענעם יעפריי־טאָר. לאַזוטין איז דאַנקבאַר געווען דער נעקייווע, וואָס האָט פאַרהאַלטן דעם געליבטן אירן, און געבעטן גאָט זי זאָל אים לענגער פאַרווײַלן.

דאָס וואָס עליע האָט זיך צופעליק דערוווּסט פונעם יעפרייטאָרס רייד, האָט אים דערשיי־טערט. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, ווי דער קאָמענדאַנט שליסט אויף דעם סייף און נעמט אַרויס פונדאָרטן זײַן פאָטאָ. מער דאַרף ער גאָרניט, לאַזוטין! דערהערט, אַז אין די קוסטעס איז שטיל געוואָרן, האָט עליע זיך אויפגעהויבן פון דער באַנק און אויף די שפּיץ פינגער זיך געלאָזט צום געדיכטן סעדל, אַריבערגעקראָכן איבערן פּלויט, און זיך געלאָזט לויפן.

עס האָט אים געטראָגן, גלײַך ווי א צענדליק שיידים וואָלטן זיך געיאָגט נאָך אים.

פרײַער האָט ער אָפּגעאָטעמט, ווען ער איז שוין געווען אויסער דעם דאָרף. זיך אַראָפּ־געלאָזט אין א טיפער באַלקע, איז ער פאַרזיכטיק אַרויסגעגאַנגען צום אַספאַלטירטן שליאַך, אַריבערגעלאָפן אויף דער קעגנײַבערדיקער זײַט און שנעל געגומען שפּאַנען מיטן פוסטן סטעפּ אַלץ ווײַטער פון דעם פאַרשאָלטענעם דאָרף, ווו ער איז שיר ניט דורכגעפאַלן.

די נאכט איז געהאנגען איבערן קאָפּ אַן אויסגעשעטערנטע און לויטערע. ער האָט זיך פֿון מאָל צו מאָל אָפּגעשטעלט, ארומקוקנדיק זיך, צי יאָגט מען זיך ניט נאָך אים. ווען עס וועט אָנקומען דער פרימאָרגן, וועט ער ווידער דארפֿן ארויסגיין צום זאַפּאַראָזשיער שליאַך. מער קיין נאכטלעגער וועט ער ניט זוכן. צו דער שטאָט מוז ער זיך דערקלײַבן בלויז אַף צופּע־ליקע מיליטערישע מאשינעס, קעדיי מע זאָל ניט קאָנטראָלירן זײַנע דאָקומענטן, ניט אָפּפירן אין די קאָמענדאטורן און פּאָליציי־באצירקן. געוויס זײַנען נאָך ביז זאַפּאַראָזשיע פאראַן עטלעכע בריקן מיט קאָנטראָל־פּונקטן, וועלכע ער דאַרף דורכפאָרן אָן אַן אָפּהאַלט, אנדערש קאָן זיך זײַן רײַזע ענדיקן טראגיש.

דער פרימאָרגן איז געקומען צוזאמען מיט א שטארקן גרילצערײַ פון א טאנקען־קאָלאָנע, וואָס האָט זיך באוועגט מיטן געדרייטן וועג. די לופט ארום איז אָפּגעסאמט געוואָרן פון א בענזין־געשטאנק און פון שטיקנדיקן רויך.

יאָ, אין דעם מישמאש איז בעסער ניט קריכן. און פעטראָ לאַזוטין איז געגאנגען מיטן פעלד־וועג, וואָס האָט זיך געשלענגלט צווישן גרינע שפּראָצונגען.

ער האָט אינערגעץ ניט געײַלט און געשפּאנט פאמעלעך. קיינער האָט אף אים ניט גע־וואָרט, אויב ניט רעכענען די געסטאַפּאָ, וואָס האָט אים, זעט אויס, געזוכט. דערווײַל האָט ער זיך געפילט זיכער. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער איז שוין קימאט צוויי וואָכן אין וועג.

דער וועג האָט געפירט אראָפּ בארג צו א ברייטער בריק, וואָס איז געווען איבערגעלאָדן מיט טאנקען און לאסטמאשינעס, פוסגייער און וועגענער. דאָרטן, בא דער בריק, האָט גע־הערשט א טומל, א זידלערײַ. די וועג־רעגולירער האָבן זיך ניט געקענט ספּראווען מיט דער באוועגונג און זיך געזידלט מיט די לעצטע ווערטער.

פעטראָ לאַזוטין האָט באטראכט, אַז גראדע אין אזא סומאטאָכע וואָלט ער געדארפט ארי־בערגיין די בריק. ווײַמען וועט איצט קריכן אין קאָפּ, אַז מע דאַרף פאַרהאַלטן א סאָלדאט און בא אים דורכקאָנטראָלירן די דאָקומענטן, אַז עס טראָגן זיך הין און הער, ווי די פּאַרסאמטע, הונדערטער סאָלדאטן און אָפיצערן אַף מאשינעס און צופוס. ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און זיך אראָפּגעלאָזט נעענטער צו דער בריק.

דערזען ניט ווײַט פונעם בריק א קליינעם אָבאָז וועגענער מיט ברויט, וואָס האָט געוואַרט אַף זײַן ריי אריבערצופאָרן אַפן אנדערן ברעג, איז עליע צוגעשטאנען צו אים, פאַרייכערט מיטן עלטסטן — א הינקעדיקן סאָלדאט, וואָס האָט זיך פאַר אים געקלאָגט, אַז מע שטייט שוין דאָ עטלעכע שאָ, און מע קאָן זיך ניט אריבערקלײַבן, האָט עליע געזאָגט, אַז ער וועט העלפן. גענומען אין די הענט א בײַטש, איז ער פלײַסיק ארויסגעגאַנגען צו דער בריק און, אָפּשטעלנדיק זיך לעבן א פעמפּעקעוואטן, היציקן לייטענאנט, וואָס האָט רעגולירט די באוועגונג, ענערגיש זיך צו אים געווענדעט, ווײַזנדיק אַף די פורן:

— הער לייטענאנט, דאָרטן, אין שטאָט, זיצן אונדזערע סאָלדאטן אָן ברויט, און מיר שטייען דאָ מיטן אָבאָז עטלעכע שאָ. דערלויבט דורכפאָרן... איר ווייסט אליין גאנץ גוט, וואָס הייסט איצט ברויט.

דער לייטענאנט האָט אָפּגעמאָסטן מיטן בליק דעם פּאַרדײַגעטן סאָלדאט מיט דער בײַטש, אים שיין אויסגעזידלט, נאָר דאָך באטראכט, אַז יענער איז טאקע גערעכט. מע דאַרף דורכ־לאָזן די וועגענער מיטן ברויט.

אין עטלעכע מינוט ארום איז שוין פעטראָ לאַזוטין, פאָכנדיק מיט דער בײַטש איבער די קעפּ פון די פערדע, הוקענדיק אַף זיי און שיטנדיק מיט קלאָלעס, ווי אַן עכטער אָבאָזניק, שטאָלץ געגאַנגען מיט די פורן איבער דער בריק, און די איבעריקע אָנטרײַבער האָבן אַף אים געקוקט מיט אכטונג — אָ, דאָס איז א כוואט! ווען אָט דער ענערגישער זעלנער קומט צו פרײַער, וואָלטן זיי ניט געוואַרט בא דער בריק אזויפיל שאָ!

מיטן אָבאָז האָט ער זיך באוועגט א פּאָר שאָ און אָפּגעקערט פון דעם שליאַך. די נאכט איז ער שוין איבערגעשלאָפן אין סטעפּ, לעבן אַן איבערגעפרײַטער סטערטע שטרוי. און כאָטש אַן א שיר מײַזלעך האָבן דערקוטשעט, געשפּרונגען איבער אים, איז ער שנעל אײַנ־געשלאָפן מיט א געפיל, אַז קיין בעסערער און זיכערער געלעגער איז אַף דער גאנצער וועלט ניטאָ.

ביז זאַפּאַראָזשיע איז געבליבן ניט קיין סאך וועג. אופגעכאַפּט זיך פונעם געלעגער, האָט ער אָפּגעטרייסלט פון זיך די איבערגעפּוילטע שטרוי און זיך געלאָזט גיין מיטן געדרייטן סטעפּישן פּראָסיאָלאָק.

דאכט זיך, אלע בריקן שוין דורכגעגאנגען און אלע געפארן זײַנען שוין געבליבן הינטער אים, נאָר ער האָט זיך דערמאָנט אין דער לעצטער שטערונג, וואָס וועט פאר אים איניגיכן זיך שטעלן — דער דניעפּער!..

אָט דאָ דארף מען זײַן מיט אכצן קעפּ, מע זאָל עפּעס צוטראכטן, קעדיי זיך דורכשמוגלען איבער דער הרעבליע.

ער האָט, עמעס, געוווסט, אז די הרעבליע פון דניעפּראָהעס איז נאָך דעמלט, אין די ערשטע מילכאָמע־כאַדאָשים אופגעריסן געוואָרן און זי ליגט אין רויִנעס, נאָר באנאנד מיט דער הרעבליע הענגט א פּאָנטאָן־בריק, וואָס ווערט שטארק באוואכט, און איבערגײן אף יענער זײַט איז ניט אזוי פּראָסט.

דאָ האָט זיך עליע פרענקיס פארטראכט.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אף א קורגאַן, זיך אײַנגעקוקט אין דער ווײַט. פונדאנען האָט ער געזען די ברייטע סטענגע פונעם ווונדערלעכן טײַך, וואָס האָט געשוועבט אין זײַנע זילבערנע ברעגן. פון יענער זײַט האָט געווייעט מיט פרישקײַט. די זון האָט זיך געטוווּלט אין די זויבערע און צעבושעוועטע וואסערן פונעם דניעפּער.

ער האָט איבערגעפירט דעם בליק אף דער געדרייטער סטענגע אספאלט, וואָס איז אוועקגעלאָפן אהין, צו דער הרעבליע, צו די איבערגעפלאָנטערטע און צעריסענע עלעקטרישע דראָטן, וואָס האָבן זיך געהוידעט אונטערן ווינט.

די באוועגונג איז שוין ניט געווען אזא שטארקע, ווי פריִער, ווען ער האָט זיך דורכגעשמוגלט מיטן אָבאָז איבער דער פּאָריקער בריק. דאָ זײַנען געגאנגען הין און צוריק פארשיידענע מאשינעס, בא דער פערעפּראווע האָבן זיי פארלאנגזאמט דעם גאנג. די וועכטער האָבן ביסלעכווײַז דורכגעלאָזט די מאשינעס צו די פּאָנטאָנעס, וואָס האָבן זיך געהויבן און אונטערגעשפּרונגען אף די כוואַליעס.

ער האָט פארשטאנען, אז דאָס שטיין אפן קורגאַן און באטראכטן די וועלט וועט אים ניט העלפן. מע דארף זיך לאָזן ווײַטער. און ער איז געגאנגען לענגויס דעם שליאַך, צוטראכטנדיק פארשיידענע פּלענער, ווי מע קלײַבט זיך אריבער אף יענער זײַט.

ער איז שוין געווען ניט ווײַט פון דער פערעפּראווע, ווען ער האָט באמערקט, ווי די באוועגונג איז פּלוצעם געוואָרן שטארקער. באם ברעג האָבן זיך צונויפגעזאמלט א סאך מאשינעס, וואָס האָבן געוואַרט אף זייער ריי. פּלוצעם האָט זיך דערהערט א שטארקער טראַסק, א געשריי, גוואלדן, און גלאָז האָט זיך א שאָט געטאָן אפן אספאלט. צוויי מאשינעס האָבן זיך צונויפגעשטויסן ניט ווײַט פון דער בריק, און עס איז דאָרטן געוואָרן א לויפעריַי, א גערודער. סאָלדאטן זײַנען זיך צונויפגעלאָפן צום אָרט פון דער אווארייע. פעטראָ לאזוטין האָט זיך אויך אראָפּגעלאָזט אהין.

א מוירעדיקער געשריי איז געשטאנען. מע האָט געטומלט, געגוואלדעוועט, גערופן צו הילף סאניטארן, וואָס זאָלן העלפן די עטלעכע פארווונדעטע זעלנער.

פעטראָ לאזוטין איז שוין געשטאנען אין דער ענגשאפט. ווי די אנדערע, איז ער געווען איבעראשט פונעם געשעענעם. ער האָט געטומלט, געמאכט מיט די הענט. ארויסגעכאפּט פון זײַן רענצל א מארליע־בינט, האָט ער גענומען איבערבינדן א פארווונדעטן, געהאוועט ארום אים. עס איז צוגעפאָרן א לאסטמאשין, און עמעצער פון די אָפיצערן האָט אָנגעהויבן שרײַען, לעמײַ האָט מען זיך צונויפגעשטויסן, ווי אף א יאריד. מע דארף שנעלער אריבערפירן די פארווונדעטע אף יענער זײַט, ווו עס זײַנען פאראן האָספּיטאלן...

צעעפנט די באָרטן פון דער מאשין, האָט מען אָנגעהויבן פּאַרזיכטיק ארופטראָגן אף דער מאשין די פארווונדעטע. לאזוטין האָט פּלײַסיק געטאָן באגלײַך מיט אנדערע די ארבעט, זיך אופגעהויבן מיט „זײַן" פארווונדעטן אין קוזאָוו, און איניגיכן האָט די מאשין געריַרט צו דער פערעפּראווע.

די וועכטער פון דער בריק האָבן אופגעהויבן דעם שלאגבאום און אונטערגעטריבן דעם שאָפער, ער זאָל יאָגן שנעלער מיט די פארווונדעטע, מע האָט אפילע פארגעסן, אז מע האָט ניט דורכגעקאָנטראָלירט די דאָקומענטן און די אויסווײַזן בא די „פרײַוויליקע באגלייטער".

פעטראָ לאזוטין האָט פרײַער אָפּגעעטעמט, ווען די מאשין איז פארבײַגעפאָרן די שיצער פון דער צווייטער זײַט בריק. אייגער פון זיי האָט גראָדע געפרווט אָפּשטעלן די מאשין, נאָר דערזען, אז מע פירט פארווונדעטע, האָט ער א מאך געטאָן מיט דער האנט און זי דורכגעלאָזט.

אין א האלבער שאָ ארום איז די מאשין צוגעפאָרן צו א גרויסן הויז, צו א שפּיטאָל, זיך אָפּגעשטעלט, און פעטראָ לאזוטין האָט באטראכט, אז זײַן מיסיע האָט ער גלענצנדיק אויס־

געפילט און ער קאָן שוין גיין. ער האָט זיך אומגעקוקט אַף דער פּערעפּראַווע, וואָס איז שוין געווען ווײַט, אויסגעווישט דעם שווייס פון פּאָנעם און פרײַער אָפּגעטעמט.

ער איז געשטאַנען נאָך עטלעכע לאַנגע מינוטן, זיך ארומגעקוקט און ניט געגלייבט זײַנע אויגן, אַז ער איז שוין פון דער זײַט פּערעפּראַווע.

דער טאָג האָט זיך צוביסלעך געווקט פּאַרויס. די פּאַרשטאָט איז געווען פּוסט און אײַנגעהילט אין שטילקײַט. זעלטן האָט מען איצט געזען אַף דער גאַס ציווילע מענטשן. מע איז געזעסן פאַרשפּאַרט אין די הײַזער. א סאַך געבײַדעס זײַנען געשטאַנען פּוסטע, צעבראָכענע, מיט אויסגעזעצטע שויבן, צעעפנטע טירן — אָן א שיר מענטשן זײַנען אוועק אין די ארומיקע דערפער, אהין, ווו מע האָט נאָך געקאָנט קריגן א שטיקל ברויט, א ביסל קאַרטאָפליעס.

עליע האָט ניט דערקענט די פּאַרשטאָט, וואָס איז געלעגן אין שרעקלעכע רויִנעס. דאָ און דאָרט, אַף די ווענט און טעלעגראַף־סלופּעס זײַנען געהאנגען באַפעלן, — אָן א שיר באַפעלן אַף דײַטש און אַף רוסיש, און אלע האָבן זיך אויסגעלאָזט מיטן באַוווּסטן פּרוסאַקישן פּאַסעק: „טאָדט", „קאַפּוט"... עליע האָט זיך שוין ניט אָפּגעשטעלט לייענען. ער האָט זיך אָנגעשטויסן, וואָס דאָרטן שרײַבט זיך, ער האָט עס געפילט לויט די פּוסטע געסלעך און גאַסן.

איינס האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער טאָר זיך דערוויַיל ניט וואַרפן אין די אויגן, ארומדרייען זיך איבער די געסלעך אָן א ציל און אָן א טאָלק. די נאַכט וועט שוין גיך צופאַלן, און די „קאָמענדאַנט־שאַ" איז דאָ געוויס א גאַנץ שטרענגע. כוץ דעם האָט ער געפילט א מוירעדיקע מידקײַט און זיך גענייטיקט אין אָפּרו, אין א שטיקל דאַך איבערן קאָפּ.

דער סאָלדאַט האָט זיך אוועקגעלאָזט צום שכיינישן געסל, ווו עס האָט געוווינט זײַן אַלטער פרײַנט, דער שוסטער סטעפּאַן, וועלכער האָט אים געהאָלפן דאָס ערשטע מאָל, ווען די קאָמאַנדע איז דאָ א צײַט געשטאַנען.

נאָר ניט דעם קעלער, ניט דעם אַלטן שוסטער האָט ער דאָ שוין ניט געטראָפן. ער האָט זיך געלאָזט גיין צו אַנדערע באַקענטע, נאָר אויך דאָרטן איז געווען פּוסט, קיין זייכער פון מענטשן.

א שרעק איז אים באַפאַלן. די צײַט גייט, און ער ווייסט נאָך אַלץ ניט, וווהין מע טוט זיך א קער. און דאָ האָט ער זיך דערמאָנט אין זײַן באַלעבאָס, אַנדריי פּעטראָוויטשן, גורטשענקעס א גוטער ברודער, בא וועלכן ער האָט געוווינט דאָס פאַריקע מאָל.

מיט הארץ־צאַפּל האָט ער זיך דערקליבן אין א טיף הייפל, צו א קליינינקער אַלטער כאַלופּע. אויב ער וועט אויך דאָ קיינעם ניט טרעפן, איז ביטער, ווי דער טויט. עס וועט אפילע ניט זײַן מיט וועמען זיך האַלטן אָן אייצע.

ער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר.

לאַנג האָט קיינער ניט געענטפערט, נאָר שפּעטער, נאָך דעם, ווי דער גאַסט האָט ענערגישער אָנגעקלאַפּט, האָבן זיך דערהערט טריט, און אַף דער שוועל האָט זיך באַוויזן א בלאַסער, אײַנגעהויקערטער מענטש מיט אָן אָפּגעריבן רעקל אַף די דאַרע אַקסל, אין אַלטמאָדישע ברילן מיט א געפּלאַצט גלעזל. פאַרזשמורעט די אויגן, האָט ער זיך אײַנגעקוקט אין דעם געקומענעם, ניט פאַרשטייענדיק, ווער ער איז, נאָר דער גאַסט האָט זיך גלײַך אָנגערופן:

— אַנדריי פּעטראָוויטש, וואָס זשע, איר דערקענט שוין ניט קיין מענטשן?

— עס איז געוועגדט וואָס פאַר א מענטשן, — האָט דער באַלעבאָס געזאָגט, אײַנקוקנדיק זיך אופמערקזאַם אין דעם זעלנער, — אוי, סוויאַט, סוויאַט, סוויאַט! אינגאַנצן ניט דערקענט! זאָל איך אזוי לעבן — ערנסט גרושקאָ?! דו? דאַנקען גאָט, וואָס איך זע דיך א לעבעדיקן. קום אַרײַן אין כאַטע, וואָס שטייען מיר אַף דער שוועל? מיט וואָס פאַר א ווינט? ערנסט גרושקאָ...

דער גאַסט האָט אריבערגעטראָטן די שוועל און א הייב געטאָן דעם פינגער צו די ליפּן:

— ש־ש־שאַ... דעם דאָזיקן נאָמען, פּעטראָוויטש, זאָלסטו אַף שטענדיק פאַרגעסן. און זאָג עס אונדזערע באַקענטע. איך הייס איצט פּעטראָ לאַזוטין.

יענער האָט אים מאָדנע אָנגעקוקט, א קנייטש געטאָן מיט די אַקסל, שטילערהייט איבערגעכאַזערט זײַן נײַעם נאָמען און געבעטן זיך אויסטאָן און זיך פילן ווי בא זיך אין דער היים.

לויט דעם אוירעכס פאַרוואַקסן און אויסגעצערט פּאָנעם, האָט דער באַלעבאָס פאַרשטאַנען, אַז מיט אים איז עפּעס שלעכטס געשען, ער איז שטאַרק פאַרמאַטערט און צעטומלט, נאָר דערבײַ אויך פאַרשטאַנען, אַז צום אַלעם ערשטן דאַרף מען אופזידן א טשײַניקל טיי. וועגן וועלט־זאַכן וועט מען ריידן שפּעטער, ווען דער אוירעך אליין וועט דערציילן, וואָס איז מיט אים געשען און מיט וואָס פאַר א ווינט האָט עס אים ווידער פאַרטראָגן אהער, אין דער שרעקלעכער שטאָט, ווו מענטשן קאָנען ניט קיין אָטעם טאָן.

די באַגעגעניש מיטן מאַלכאַמאָוועס

יאַ, א שיינע מיַסע, א פריילעכע געשיכטע!

ניט גאַר אַנגענעם איז געווען פעטראַ לאַזוטינען זיך פאַרקלײַבן אין דעם העקדעש, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א בײַפראַנט־שטאַט, ווו ער טאָר ניט אַרויסרוקן די נאָז אַף יענער זײַט שוועל מיט זײַן צײַגעניש.

ערשט ניט לאַנג איז דאָ, אין זאַפּאַראָזשיע, געווען פאַר די דײַטשן דער טיפער טיל, ווו מע האָט געקענט רויק לעבן, שפּאַצירן און זיך פילן אויסער געפאַר, אויב ניט רעכענען דאָס, וואָס די אונטערערדלער האָבן אַפּטלעך דורכגעפירט דיווערסיעס, אַטענטאַטן, און די פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט פון מאָל צו מאָל פון זייערע דניעפּרישע פּלאַוניעס, זײַנען אָנגעפאַלן אַף קלענערע גאַרניזאָנען.

אַצינד איז דער אַרום געווען אָנגעשפּיקעוועט מיט דײַטשישע טײלן. עס זײַנען אַהער געלאָפן דעזערטירן, זעלנער, וואָס זײַנען אָפּגעשטאַנען פון זייערע טײלן, עס האָבן זיך אַרומגעדרייט פאַרוואונדעטע, וועלכע מע האָט אַרויסגעשריבן פון די האָספּיטאַלן, נאָר יענע האָבן זיך אַרומגעדרייט, זיך אויסבאַהאַלטן און ניט געײַלט אין פײַער אַרײַן אָפּגעבן דאָס לעבן פאַרן פיורער.

און די פעלד־זשאַנדאַרמעריע, די פּאָליצײַען האָבן זיך אַרומגעיאָגט, ווי פאַרסאַמטע כײַעס, געזוכט פאַרדעכטיקטע.

דאָס וואָס פאַר דער נאַכט האָט זיך דער אומדערוואַרטער גאַסט דערוווּסט פון זײַן אַמאַליקן באַלעבאָס, האָט אים דערשיטערט. א סאַך סאָוועטישע פּאַטריאָטן האָט מען צעשאָסן, פאַרשפּאַרט אין טורמע, פאַרמוטשעט. די דײַטשישע סאָלדאַטן האָבן אָפּט דורכגעפירט דאָ און דאָרט אַבלאַוועס, פאַרשטאַרקט דעם טעראָר, דורכגעפירט פאַרניכטונג־אָפּעראַציעס קעגן די פּאַרטיזאַנער אין די פּלאַוניעס, און מיט עמעצן פון דער אונטערערד זיך איצט פאַרבינדן איז געווען קימאַט אוממעגלעך. דערבײַ האָט פּעטראָוויטש געציטערט עליען בלײַבן באַם דײַטש אַף זײַן פּאָסטן, ווו ער קען ברענגען מער נוצן.

עליע האָט אַליין פאַרשטאַנען, אַז ער מוז זיך נאָך אַף א שטיקל צײַט פאַרהאַלטן דאָ און זיך פאַרנעמען מיט זײַן אַרבעט.

אָבער וויאַזוי?

ער מוז קריגן געהעריקע פּאַפּירן, זיך צושלאָגן צו א שטיקל ברעג. ער דאַרף ווידער ווערן באַ עמעצן אַן איבערזעצער און האָבן די מעגלעכקײַט זיך אַרומדרייען אַף דער פרײַ.

די פּאָר וואָכן, וואָס ער האָט זיך דורכגעשלאָגן אַהער, האָבן זיך גלאָזט פילן אַלץ שטאַרקער. די נערוון זײַנען געווען אָנגעצויגן. די אַלטע ווונדן האָבן זיך אַלץ שטאַרקער גלאָזט פילן. ער האָט זיך געדאַרפט אָפּרוען, קומען א ביסל צו זיך נאָך אַלע איבערלעבונגען.

עטלעכע מעסלעס איז ער ניט אַרויסגעגאַנגען אַף דער ליכטיקער שײַן, זיך דערנערט מיט וואָס עס האָט זיך געמאַכט. א ביסל מאַרקעס האָט עליע מיט זיך געהאַט, האָט דער באַלעבאָס זיך א פּאָר מאָל אַרויסגעכאַפּט אין מאַרק און עפּעס געקראָגן אַף אונטערהאַלטן די נעשאָמע, נאָר אַף וויפל וועלן די מאַרקעס קלעקן?

ווען דער גאַסט איז א ביסל געקומען צו זיך, האָט ער זיך געפּרוווט אַרויסכאַפּן אַף גאַס אַ וועלטל.

און שוין דער ערשטער אַרויספאָר זײַנער איז געווען א ביטערער.

ער האָט ניט באַוויזן דורכצוגיין קיין צוויי קוואַרטאַלן, ווי ער האָט זיך צונויפגעשטויסן מיט צוויי פּאָליצײַען.

זיי האָבן געוואָלט וויסן, פאַרוואָס עס שפּאַצירט אַרום אַזוי זאָרגלאָז א דײַטשישער זעלנער, ווען מע דאַרף זײַן אַפן פראָנט און ראַטעווען דאָס פאָטערלאַנד?

פעטראַ לאַזוטין האָט גענומען דערקלערן אַף דײַטש, אַז ער גייט אין זײַן טייל, פון וועלכער ער איז אָקאָרשט אָפּגעשטאַנען.

נאָר די צוויי מיט די ביקסן און ווײַסע בענדלעך אַף די אַרבל האָבן אים געבעטן גיין צו זייער נאַטשאַלניק, וואָס קען בעסער זיך אויסטײַנען אַף דײַטש און וועט וויסן, וואָס מיט דעם מענטשן ריידן.

אין א פּערטל שאָ אַרום האָט מען דעם פאַרהאַלטענעם אַרײַנגעפירט אין א דושנע קאַבינעטל, ווו עס איז געזעסן באַם טישל א דיקער פאַרשוין מיט א רויט פאַרשוויצט פּאָנעם און לאַנגע קאַזאַקישע וואָנצעס. ער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס די פּאָליצײַען האָבן

דעם דאָזיקן סאָלדאַט געבראַכט צו אים? וואָס זשע, די אויגן זײַנען בײַ זיי אַרויסגעקראָכן? זיי זעען דען ניט, אַז דאָס איז אַ דײַטש, און ווײַבאַלד אַזוי, דאַרפן זיי אים אָפּפירן אין זשאַנדאַר־מעריע? ער האָט געגנוג צאָרעס מיט זײַנע, מיט די ציווילע, הײַסט עס.

זיי האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ, דאָס הייסט, פאַרשטאַנען און אַוועקגעפירט דעם פאַר־האַלטענעם צום קאָמענדאַנט.

פּעטראָ לאַזוטין איז געגאַן געלאַסן, באַמיִענדיק זיך ניט נערווירן.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער גורל האָט מיט אים מיִעס אַ שפּיל געטאָן, און זײַן לעבן איז איצט קיין גראָשן ניט ווערט.

דער מויעך האָט געאַרבעט אָנגעשטרענגט, פיבערדיק. עס האָט אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק אַרויסכאַפּן דעם רעוואָלווער און זיך אָפּשלאָגן פון די קאַטן, נאָר גלײַך אַן איראָנישן שמייכל געטאָן — אַרום גייען אָפּ און אויף מענטשן, ציווילע און מיליטערישע, אַ שיין פּאָנעם וועט ער האָבן מיט זײַן געווער.

מע האָט אים צוגעפירט צו אַ דרײַשטאָקיקן הויז. בײַ דער מאַסיווער אַרײַנגאַנג־טיר זײַ־נען געשטאַנען צוויי וועכטער אין קאַסקעס מיט אויטאָמאַטן אויף דער ברוסט.

די פּאָליצײַען האָבן איבערגעגעבן די קאָלעגן דעם פאַרהאַלטענעם, און יענע האָבן אים אָנגעוויזן אויף אַ טיר אין עק קאָרידאָר.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט עליע פּאָרזיכטיק אָנגעקלאַפּט אין דער טיר און אַרײַן אין אַ געררומען ליכטיקן קאַבינעט. בײַ אַ גרויסן גלאַנציקן טיש איז געזעסן אַ יונגער קאַפּיטאַן מיט אַ בלאָנדן שיין פּאַרקעמטן קאָפּ האָר און אַ לענגלעך איידל ריין געגאָלט פּאָנעם, מיט אַ פּאָר פּענסנע אויף דער שאַרפער לאַנגער נאָז. ער האָט גערעדט אין טעלעפאָן, ניט אויפהייבנדיק דעם בליק אויף דעם אַרײַנגעקומענעם און אַפילו ניט געענטפערט אויף זײַן אויסגעשריי „הײַל היטלער!”

לויטן שמייכעלע, וואָס האָט געבלאָנקעט אונטער די גלעזלעך פון זײַנע פּענסנע און אויף די דינע ליפּן, איז געווען צו זען, אַז די שטימונג איז בײַם קאַפּיטאַן ניט קיין שלעכטע.

לאַזוטין איז געשטאַנען בײַ דער טיר אַן אויסגעצויגענער, באַמיט זיך בײַקומען דעם אומ־רו, וואָס האָט אים באַהערשט, ניט אַרויסגעבן די פאַרלאָרנקייט.

לאַנג האָט דער דײַטש גערעדט אין טרײַבל, ניט אומגעקוקט זיך אויף דעם געקומענעם. ווען ער האָט געענדיקט דעם געשפּרעך און אַוועקגעלייגט דאָס טרײַבל אָפּן אַפּאַראַט, האָט ער ניט געײַלט צוגערוקט נעענטער צו זיך די גלאָז טיי, וואָס איז געשטאַנען אָפּן טיש, און גענומען זופּן.

— הײַל היטלער! — האָט ווידער אַרויסגעבראַכט דער סאָלדאַט און אַרויסגעוואָרפן די האַנט פאָרויס.

דער נאַטשאַלניק האָט זיך פאַרכלינעט מיט דער טיי, זיך פאַרהוסט, עפּעס אַ בּאָמקע גע־טאָן און אָפּגעמאָסטן מיט אַ קאַלטן בליק דעם פאַרשוין.

— וואָס וועט איר זאָגן?

— איך בין געקומען צו אײַך, הער קאַפּיטאַן, מיט אַ ביטע... איך בין געלעגן אין פעלד־שפּיטאָל. איצט קער איך זיך אום צו מײַן מיליטער־טייל און קאָן זי ניט געפינען. איך בין אַן איבערזשעצער...

דער קאַפּיטאַן האָט ניט געײַלט אויסגעטרונקען די אָפּגעקילטע טיי, זיך אופגעהויבן, אויס־געגלײַכט די ביינער, אַ גענעץ געגעבן, צוגעגאַן צום זעלבער, גענומען זײַן צײַגעניש, לאַנג אַרײַנגעקוקט און אַ קנייטש געטאָן מיט די שמאָלע אַקסל.

עפּעס האָט ער ניט געהערט פון אַזאַ טייל. אויף דעם באַצירק איז, דאַכט זיך, אַזאַ טייל קיינמאָל ניט געווען.

— פּעטראָ לאַזוטין? — האָט ער אָנגעבלאָזן די ליפּן, — אַ רוס, אַ טערק, אַ ווײַסרוס?

— אַ פאָלקס־דויטש. פון דער שטאָט ענגעלס. פון דער קאָלאָניע...

— כּם... אַ פאָלקס־דויטש? און מיט וואָס קאָנט איר דאָס דערווײַזן? כּם... לאַזוטין...

עליע האָט האַסטיק גענומען זיך צעשפּילען, קעדיי באַווײַזן זײַנע ווונדן.

— איך האָב, הער קאַפּיטאַן, בלוט פאַרגאָסן אויף פראָנט פאַר אונדזער גרויסן פירער. עטלעכע מאָל געווען פאַרוווּנדעט. דערצו הערט איר אַליין, ווי איך שפּרעך דויטש.

אַ שמייכעלע האָט אַ בלאָנקע געטאָן איבערן קאַפּיטאַנס פּאָנעם:

— קענען דויטש איז נאָך ניט קיין באַווײַז. עס זײַנען פאַראַן ייִדן, וועלכע ריידן פּער־פעקט אויף אונדזער שפּראַך. רוסן ריידן ניט שלעכט דויטש, אוקראַיִנער... עפּשער זײַט איר גאָר אַ ייִדע?.. לאַזוטין?.. לאַזוטין...

עליע האָט געמאַכט אַ גרימאַסע פון באַליידיקונג:

— הער קאַפּיטאַן, איר דאַרפֿט מיך ניט באַליידיקן. איך האָב געגנוג בלוט פֿאַרגאָסן פֿאַר אונדזער זאַך. די באָלשעוויקעס און די ייִדן האָבן צעשאָסן מײַן פֿאָטער, פֿאַרמוטשעט אין די סטאַלינישע לאַגערן מײַן מוטער גערטרודע קאופֿמאַן...

— גערטרודע קאופֿמאַן? א גלענצנדע פֿאַמיליע, און דו הייסט לאַזוטין?

עליע פֿרענקיס, דאָס הייסט פּעטראָ לאַזוטין, האָט צעפּירט מיט די הענט, ווי ער זאָל זיך אַנטשולדיקן:

— מײַן פֿאָטער איז געווען לאַזוטין, האַלב רוס, האַלב דײַטש, מײַן מאַמע א ריינע דײַטשקע... ניט איך, הער קאַפּיטאַן, האָב בא מײַן געבורט זיך אויסגעקליבן א נאָמען...

— א שאָד, א שאָד! וואָלסט געווען א ריינער דײַטש.

— איך בין גרייט פֿאַרן פֿאָטערלאַנד דאָס לעבן אָפּגעבן... גרייט דערוויַיזן... — האָט ער ווידער אויסגעשריגן, קעדיי דערוואַרעמען דעם ווייכער געוואָרענעם אָפֿיצער. — הער קאַפּיטאַן, איך האָב ניט קיין רעכט צו זיצן אָן אַרבעט, ווען עס פֿלאַקערן די שלאַכטן. ביז איך וועל אָפּזוכן מײַן טייל, בעט איך א צײַטווײַליקע אַרבעט, איך קאָן ניט אַרומגיין ליידיק, עסן אומזיסט דעם פֿיורערס ברויט!

דער קאַפּיטאַן האָט אים ווידער אָפּגעמאָסטן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס:

— זאָגסטו, אַז דו פֿאַרהאַסט ייִדן און רוסישע שווײַנען? וועלן מיר דיך אויספּרוּוון...

ער האָט אַראָפּגענומען פֿונעם אַפּאַראַט דאָס טרײַבל און ערגעץ אָנגעקלונגען.

— דעם לייטענאַנט איינציגע. דרינגנד. יאַוואָל... שנעלער!

ער האָט זיך א שפּיל געטאָן מיטן טרײַבל, ווידער באַטראַכט דעם בלאָנדן זעלנער און אונטערגעשמייכלט: „גערטרודאַ קאופֿמאַן!"... איך האָב געהאַט א גוטע פֿרײַלן גערטרודע קאופֿמאַן ניט אין ענגעלס בא דער פֿאַרשטונקענער וואָלגע, נאָר אָף דעם אָדער. יאָ, יאָ! לייטענאַנט עמיל איינציגע באַם טרײַבל? וווּנדערבאַר. דו הערסט, עמיל, דיר האָט אָפּגעגליקט. דו זוכסט אַן איבערזעצער? אָט שטייט ער לעבן מיר. רעדט פּערפֿעקט דויטש. א פֿאָלקס־דויטש. ער איז אָפּגעשטאַנען פֿון זײַן טייל. מיר וועלן פּרוּוון זי מיט דער צײַט אָפּזוכן... נו, ער וועט דיר אַליין דערציילן. ער גייט גלײַך צו דיר.

דער קאַפּיטאַן האָט אוועקגעלייגט דאָס טרײַבל, זיך צוגעזעצט אָפֿן עק טיש און וואָרף געטאָן:

— נו אָט! זע, לאַזוטין, זאָלסט ניט אונטערפֿירן. דו ווייסט, וואָס מיר טוען מיט זעלנער, וואָס שטייען אָפּ פֿון זייערע טיילן? גוט, וואָס דו ביסט אַליין צו מיר געקומען...

— אַליין... אַליין, הער קאַפּיטאַן! — האָט עליע א צופֿרידענער אויסגעשריגן און מיט אַן אויסגעשריי „הײַל היטלער!" זיך געלאָזט צו דער טיר.

קיין גאָר גרויסע פֿאַרדינסטן פֿאַרן דריטן רײַך, פֿאַר דעם פֿיורער, האָט דער לייטענאַנט עמיל איינציגע ניט געהאַט, אויב ניט רעכענען די עטלעכע מעסירעס אָף זײַנע קאָלעגן פֿון דער בּרווינגס־פֿירמע אין מיונכען, וועלכע מע האָט פֿאַרשלאָסן אין קאָנצלאַגער דאַכאַו, זיי זאָלן דורכלופֿטערן די מויכעס.

אַליין א שטיקל בוי־טעכניקער, א פֿאַרשווין אין די פּופּציקער, מיט א שווערן כאַראַקטער, וואָס האָט מיט קיינעם ניט געקאָנט אויסקומען, האָט ער אָפֿט געביטן די שטעלעס. זײַן כאַראַקטער האָבן פֿיל דערקלערט מיט זײַן אַלטער קרענק — ער איז געכאַפּט געווען אָפֿן אויער און ניט אָף איינעם, נאָר אָף ביידע טאַקע. דערצו נאָך האָט ער געליטן פֿון א שווערער זאַדישקע און אייביק געהאַט צו טאָן מיט דאָקטוירים, פּראַשקעס און פּילן, און דאָס, אייגנטלעך, האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט לאַנג ניט גיין אָף דער מילכאָמע אויספּילן זײַן פּאַטריאָטישן כויוו.

אויסערלעך האָט ער אויסגעזען גאַנץ פֿעסט — א פּולבלעכער, מיט א שטרענג פּרוסאַקיש געזיכט, א שטעל פֿון א גענעראַל, מיט האָנער, נאָר די זאַדישקע און דער געהער האָבן אים געשטערט פֿאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם פּאָסטן אין דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און באַקומען די געהעריקע צאָל קרייצן און מעדאַלן פֿונעם פֿיורער.

אין האַרצן האָט ער זיך גראָדע געפֿרייט, וואָס מע שיקט אים ניט קיין רוסלאַנד, אין פֿײַער, נאָר פֿון צײַט צו צײַט האָט ער דערקוטשעט נאַטשאַלסטווע, זײַנע פּאַרטיי־גענאָסן, אַז ער וויל, קלוימערשט, אָפֿן פֿראָנט... און ער האָט זיך דערשלאָגן. — בעשאַס דאָס פֿאָטערלאַנד האָט דרײַ טעג געטרויערט און געגאָסן טרערן צוליב דעם גרויסן בראָך בא סטאַלינגראַד, איז אָף איינעם פֿון די מיטינגען אַרויסגעשפּרונגען מיט א ספּיטש עמיל איינציגע און זיך געמאָלדן מאָבילירט.

ווען ער האָט זיך אומגעקערט פונעם מיטינג אהיים, האָט זײַן ווײַב, וואָס איז בא אים געגאַן אין די פּליודערן, אים אָפּגעשפּילט אזא כאַסענע, אז כוץ דעם, וואָס ער איז געווען טויב, געהאט א זאַדישקע, האָט ער זיך נאָך אָנגעהויבן פאַרהיקען. דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אז דאָס איז א צײַטווײַליקע דערשײַנונג — די נערוון האָבן ניט אויסגעהאַלטן, נאָר עס וועט איבערגיין צוזאמען מיטן סאָף פון דער מילכאָמע. בא היטלערס איצטיקע געשעפטן אפן רוי־סישן פראָנט הייבן זיך אָן א סאך דײַטשן פאַרהיקען. פון דעם אָבער שטאַרבט מען ניט.

פאַר זײַן פּאַטריאָטישן ספּיטש אפן מיטינג האָט נאַטשאַלסטווע אים צוגעייגנט דעם טיטל „לייטענאנט". די פרוי זײַנע, די ערשטע פליאַטקע־פירערן אין מיונכען, א מאַניקיורשע, וואָס האָט באַדינט די גענעראַלישע ווײַבער, האָט זיך דערשלאָגן, אז מע זאָל עמיל אײַנציגע ניט פאַרשיקן אין די שלאַכט־טיילן, ווו מע קאָן אָנלייגן דעם קאָפּ, נאָר ווײַטער פונעם פראָנט.

און דאָס, אייגנטלעך, האָט אים געבראַכט קיין זאַפּאַראָזשיע, ווו מע האָט אים אײַנגעאָרדנט פאַר א שטיקל אונטערשטופּער אינעם לאַגער פאַר קריגסגעפאַנגענע.

אין זײַנע אָפטע בריוולעך האָט ער זיך בארימט פאַר זײַן עלזען, אז ער געפינט זיך, דאַנ־קען גאָט, אויסער געפאַר, זיצט ווײַט פון די פאָדערשטע פּאָזיציעס — אזוי פירן מילכאָמע איז גאָר ניט שלעכט. נאָר וואָס זשע, בא אזא אַרבעט, ווו יעדער אָבעריעפרייטער קאָן דיך אַרויס־טרײַבן, ווי א ייִנגל און דיך זידלען מיט די לעצטע ווערטער, ווען סטו קיין קרייצן און קיין מעדאַלן ניט באקומען, און עס וואָלט געווען ניט שלעכט, ווען זי רעדט זיך דאָרטן דורך מיט אירע דאַמען, די גענעראַלשעס, זיי זאָלן פּועלן בא זייערע מענער, מע זאָל אים, עמילן, מאכן פאַר א שטיקל נאַטשאַלניק, קעדיי ער זאָל זיך אָפּטער וואַרפן אין די אויגן פון נאַטשאַלסטווע.

דער לאַגער פון די רוסישע קריגסגעפאַנגענע האָט זיך געפונען ניט ווײַט פון דער שטאָט אין די אַלטע האַלב פאַרברענטע קאַזאַרמעס.

די לאַגע אין שטאָט און אַרום איר איז געווען אזוי פאַרפּלאָנטערט, אז די רוסישע טיילן אָדער פּאַרטיזאַנער האָבן זיך געקאָנט פּלוצעם אַרײַנרײַסן אהער און אָנטאָן גרויסע צאָרעס. האָט מען באַטראַכט, אז האַלטן אזוי נאָענט צום פראָנט אזא נעסט פון סאָנים — די קריגסגע־פאַנגענע, — האָט ניט קיין זין, און מע דאַרף זיי אוועקטרײַבן פונדאַנען אין טיפן טיל.

דאָס האָט געבראַכט דערצו, מע זאָל מאכן דעם לייטענאַנט עמיל אײַנציגע פאַר א שטיקל נאַטשאַלניק. מע האָט געגעבן אים א קאָלאָנע געפאַנגענע און זאָל ער זיך מיט איר באַזעצן לעבן אומאַן — כריסטינאָווקע, דאָרטן פּלאַנירט נאַטשאַלסטווע בויען אן אײַזנבאַן־צווײַג, טאָ זאָל דער גרויסער פּאַטריאָט, דער בוי־טעכניקער, באַווײַזן אַף וואָס ער איז פייִק.

אָפּגעקליבן א פאָר הונדערט מענטשן און א גרופּע סאָלדאַטן, האָט ער זיך געגרייט אין ווײַטן וועג אַרײַן.

ווי־ניט־איז — דאָרטן, אין טיל, וועט זײַן רויִקער און דעריקער זיכערער.

אַלץ איז שוין געווען גרייט, נאָר אים איז שווער געווען ריידן מיט די רוסישע שוויַינען. און דאָ האָט אים גאָט אליין צוגעשיקט אן איבערזעצער!

דאָס וואָס דער פּעטראָ לאַזוטין איז צו אים געקומען אָן א שום פּאַפּירל פון זײַן שטרענגן נאַטשאַלניק, דעם קאַפּיטאַן, האָט דעם לייטענאַנט שטאַרק געוווּנדערט. ווי־אזוי זאָל ער זיך מיט אים שאַפן, — ווי מיט א דײַטש, צי ווי מיט א געפאַנגענעם? ער האָט א רוסישן נאָמען מיט א רוסישער פאַמיליע. ער זאָגט, אז ער איז א פאָלקס־דויטש, נאָר גיי קאָנטראָליר אים דורך, אז ער שטאַמט, זאָגט ער, פון דער שטאָט ענגעלס, פון א דײַטשישער קאָלאָניע, גיי פאָרש אויס, אז ווו איז ערגעץ ענגעלס, די וואָלגע און ווו איז זאַפּאַראָזשיע!

זיך ווידער ווענדן צום שטרענגן קאַפּיטאַן, יענער זאָל אים דאָס דערקלערן, האָט דער לייטענאַנט ניט ריזיקירט. יענער האָט אים שוין א פּאָר מאָל אויסגעזידלט, געשריגן אַף אים, אז ער איז א טעמפּער קאָפּ, געדראָט אים אָפּשיקן אַף די פאָדערשטע פּאָזיציעס. ער ווייסט אַליין ניט פאַרוואָס דער שעף האָט געהאַט אַף אים, אַף עמילן, א האַרץ, און אָפּט געמאַכט מיט דער בלאָטע גלײַך, ניט נעמענדיק אין אַכט, וואָס ער, עמיל, איז שוין א באַיאָרטער מענטש, דערצו נאָך א פרײַוויליקער.

אָבער געדענקענדיק דעם קלאָל, אז נאַטשאַלסטווע ווייסט וואָס זי טוט, אז זײַן זאַך איז אויספילן די פאַראָרדענונגען, האָט עמיל א קלאַפּ געטאָן דעם געקומענעם איבער דער פּלייצע און געזאָגט — „יאַוואָל".

עליען איז געוואָרן גרינגער אפן האַרצן.

די פאָר הונדערט קריגסגעפאַנגענע זײַנען שוין געווען גרייט אין וועג. מע האָט בלויז געוואַרט אַף די וואַגאָנען, מיט וועלכע מע וועט דאַרפן פאָרן.

דער לייטענאַנט, דער עלטסטער פון דער קאָלאָנע, האָט געהאַוועט. ס'איז דאָך ניט קיין פּאָשעטע זאַך מיט אַ קליינער גרופּע וועכטער פירן אַזאַ קאָמפּאַניע, וואָס וואָלט דיך גערן דערטרונקען אין אַ לעפל וואַסער, דערשטיקט דיך און זיך פאַנאַנדערגעלאָפן.

ער האָט פאַר זיך געקראָגן אַ פערדל מיט אַ שטיקל ברִיטשקע און זיך אַרומגעטראָגן איבער דער שטאָט, ניט ווייסנדיק פאַר וואָס מע נעמט זיך פריִער.

און אומעטום האָט ער מיט זיך געשלעפּט דעם איבערזעצער.

לאַזוטינען איז דאָס ניט שטאַרק געפעלן. אין זײַן לאַגע וואָלט גלײַכער געווען זיך ווייניקער וואַרפן נאַטשאַלסטווע אין די אויגן, מע זאָל זיך ניט נעמען דערפרעגן, ווער איז ער און פון וואָס פאַרא הימל ער איז אַהער אַראָפּגעפאַלן. די לויפעניש און אײַלעניש איז געווען צו גרויס, די באַוועגונג אויף די וועגן נאָך גרעסער. און ער וואָלט זיך וואָס גיכער געדאַרפט פאַרלירן אין דעם מישמאַש.

אָבער וואָס האָט ער געקאָנט מאַכן, אַז דער לייטענאַנט האָט אים איבערגעגעבן די לייצעס און באַפוילן פאָרן, שאָענווײַז וואַרטן אויף אים דאָ און דאָרטן, צוגרייטן אַלץ אין וועג אַרײַן.

פאַר דעם אַרויספאָרן אויפן נײַעם אָרט האָט מען דעם לייטענאַנט אַרויסגערופן אין שטאַב. קעדיי געבן די לעצטע אָנווײַזונגען, און פּעטראָ לאַזוטין איז געשטאַנען מיט זײַן פערדל אין אַ געדיכט סעדל און געוואַרט. לאַנג איז אַריסגעקומען וואַרטן, און ער האָט באַשטימט זיך דורכגיין אין אַ זײַטיק געסל, מע זאָל אים דאָ, באַם שטאַב, ניט זען.

ער האָט ניט באַמערקט, ווי ער איז שוין געווען אויסער דעם יישעוו. געגאַנגען און זיך אײַנגעקוקט אין די פעלדער, וואָס האָבן זיך געשפּרייט אין ביידע זײַטן פונעם וועג, זיך אײַנגעהערט אינעם געזאַנג פון די זשאַוואָראָנקעס אין הימל. אין דעם דאָזיקן ווינקל איז קיין שום באַוועגונג ניט געווען, און ער האָט געקענט באַטראַכטן, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט.

צײַט האָט ער אויך געהאַט גענוג, ווײַל דער לייטענאַנט האָט זיך דאָרטן פאַרהאַלטן. קיין מענטשן אַרום האָט מען ניט געזען.

צוגעקומען צום קרייצוועג, וואָס איז געווען גאַנץ ווײַט פונעם יישעוו, פון די הײַזער, פונעם מענטשן־טומל, פונעם בײַפּראָנט־מישמאַש, האָט לאַזוטין דערזען אַן אַלטן בוים, צו וועלכן עס איז געווען צוגעקלאַפּט אַ ווענווײַזער מיט אַן אָנשריפט: „ביז דער ווירטשאַפט צוועלף קילאָמעטער".— 1713

און עס איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן.

„מײַן גאָט, ווּהין בין איך פאַרקראָכן? דאָס איז דאָך מײַן קאָמאַנדע!" — האָט אַ שניט געטאָן אין מויעך. אַזוי שנעל האָט זי זיך באַוויזן איבערקלײַבן אַהער? ער קאָן דאָך ערגעץ באַגעגענען זײַנע „באַקענטע"!

אַרומקוקנדיק זיך אין אַלע זײַטן, האָט ער זיך שנעל געלאָזט צוריק. זיך פאַרקליבן אין דער טיפער באַלקע, וואָס האָט זיך געצויגן לענגאויס דעם שטויביקן וועג, אַ צופרידענער, וואָס דער וועג און דער אַרום איז פּוסט, האָט ער געשפּאַנט אַלץ שנעלער. נאָר מיטאַמאָל דערהערט אַ גערויש פון אַ מאַשין, וואָס איז געגאַן אַנטקעגן, מיטן שטויביקן וועג.

די לײַכטע מאַשין, אַן אײַנגעוויקלטע אין געדיכטן שטויב, האָט געײַלט אין יענער ריכטונג, ווּהין עס האָט אָנגעוויזן דער ווענווײַזער, זי איז דורכגעפאָרן, נאָר אין אַ מינוט אַרום האָסטיק פאַרטאָרמאָזירט. דאָס טירל האָט זיך צעפּראַלט, און עליע האָט דערהערט אַ בייזע שטים:

— היי, ערנסט גרושקאָ, קום הער! האַלט!

ער האָט דערפילט, ווי אינווייניק האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן. וואָס פאַר אַ טײַוול קאָן אים רופן? ווער קען אים דאָ? עפּשער האָט זיך אים אויסגעוויזן?

און, ניט אומקוקנדיק זיך, גענומען שפּאַנען גיכער.

דער געשריי, שוין אַ שטרענגערער, האָט זיך איבערגעכאַזערט.

דער מאָטאָר האָט אַ שטאַרקן רעווע געטאָן, עס האָבן אַ סקריפּע געטאָן די טאָרמאָזן, און די מאַשין האָט האָסטיק זיך אַ טראָג געטאָן צוריק. און ניט ווײַט פון אים געבליבן שטיין.

— סאַראַ באַגעגעניש! — האָט זיך אַרויסגערוקט פון דער מאַשין אַ קליינוווּקסיקער, דאַרער פעלדפעבעל מיט אַ לעפּיש־פאַרוווּנדערטן פּאָנעם. אָנגערוקט ווויליונגעריש די פּילאָטקע אויפן שטערן, האָט ער זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, — וואָס זשע, דו דערקענסט שוין קיין מענטשן ניט? ערנסט גרושקאָ?

עליע האָט געקנייטשט מיט די אַקסל, ווי ער זאָל ניט וויסן פון עפּעס צו זאָגן:

— אַנטשולדיקט, הער פעלדפעבעל, נאָר איר האָט אַ טאָעס געהאַט... איך בין ניט ערנסט גרושקאָ. איך קאָן אײַך ווײַזן מײַנע דאָקומענטן.

יענער האָט ביטער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— אזא פוקס, ווי דו, קאָן באַווײַזן הונדערט דאָקומענטן! נאָר ניט מיך וועסטו פירן פאַר דער נאָז, האָסט זיך אַרײַנגעכאַפּט! דײַנע דאָקומענטן וועסטו באַווײַזן דאָרטן, — האָט ער אַ ווונק געטאָן אין דער ריכטונג, וווהין עס האָט אָנגעוויזן דער וועגווײַזער און בריית צעעפנט די טיר:

— ביטע, הער ערנסט גרושקאָ, פאַרנעמען זי פּלאַץ! מירן זיך מיט דיר דורכפאָרן. דאָרטן זוכט מען דיך שוין לאַנג.

— נאָר איר האָט אַ טאָעס! — האָט זיך אָנגעהויבן בייזערן דער פאַרהאַלטענער, — איר האָט ניט קיין רעכט. איך בין פעטראָ לאַזוטין! אָט לייענט מײַנע דאָקומענטן. איך אײַל זיך. דאָרטן וואַרט אָף מיר דער לייטענאַנט...

— נישקאָשע, פוקסעלע, אָפּן אָרט וועלן מיר אַלץ אויסקלאָרן! — און ער האָט באַפּוילעריש אַ מאַך געטאָן מיטן פּויסט, אַז דער איבערזעצער זאָל זיך זעצן אין מאַשין.

לאַזוטין האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן: יאָ, דאָס איז אַלץ. אַזוי אומדערוואַרט אַרײַנפאַלן, און וווען? נאָך דעם, ווי ער איז דורכגעגאַנגען אַזויפיל געפאַרן!

ער האָט זיך אַרײַנגערוקט אין דער מאַשין באַנאַנד מיטן פעלדפעבעל, און די מאַשין האָט גערירט פון אָרט.

מע איז אָפּגעפאָרן אַ קילאָמעטער שווײַגנדיק. דער פעלדפעבעל האָט די גאַנצע צײַט גע־קוקט אינעם שפּיגעלע, אין וועלכן ער האָט געזען זײַן געפאַנגענעם, און ביטער אַ שמייכל געטאָן:

— ביסטו, זאָגסטו, ניט ערנסט גרושקאָ? איך וואָלט דיך צווישן הונדערט דערקענט! נו, אַ פוקסעלע! זיך אַרײַנגעשמוגלט אין קאָמאַנדע און געדינט דעם סוינע! איך בין דעמלט צו־פעליק פאַרבײַגעפאָרן דעם יישעוו, ווען דו האָסט גערעדט פאַרן אוילעם. מע זאָגט, אַז דו האָסט שיין איבערגעזעצט! זייער שיין! גערעדט פאַר די שווײַנען קעגן אונדזער פּיורער! קעגן דײַטשלאַנד!

— אַנטשולדיקט, פעלדפעבעל, נאָר מע וועט פון אײַך לאַכן, ווען איר וועט מיך אַהין ברענגען. איך קען ניט און ווייס ניט פון קיין שום ערנסט...

— וואָס? מע וועט פון מיר לאַכן? איך וועל פאַר דײַן קאָפּ באַקומען אַן אײַזערנעם קרייץ! צען טויזנט מאַרק האָט צוגעזאָגט די געסטאַפּאָ פאַר דיר...

לאַזוטין איז געזעסן און געפרוווט זיך מאַכן הארץ, נאָר דער ווייטעק און דער פאַרדראָס האָט אים געמאַטערט. וואָס טוט מען? זיך איבערגעבן אין די הענט פון געסטאַפּאָ אָף מאַטער־ניש און אומקום? איז ניט גלײַכער זיך נעמען דאָס לעבן?

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אַן אַמפּולע באַהאַלטן אין קעשענע. אַ באַקאַנטער אַפּי־צער האָט אים אַמאָל געגעבן. עס איז גענוג זי צעבײַסן מיט די ציינער, און ער וועט פּאַטער ווערן פון דעם שלאַק, און עס וועלן זיך ענדיקן אַלע זײַנע צאָרעס. נאָר ווי אַזוי דערקלײַבט מען זיך צו איר, אַז דער מאַלכאַמאָוועס נעמט פון אים ניט אַראָפּ דעם בליק, קוקט די גאַנצע צײַט אין שפּיגעלע און איז אָף דער וואַך. עפּשער איז גלײַכער אַרויסציִען דעם רעוואָלווער פון דער טיפער קעשענע?.. נאָר מיטן פעלדפעבעל איז ניט אַזוי גרינג זיך ספּראַווען.

דער וועג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ טיפער באַלקע, נאָך וועלכער עס האָט זיך אָנגעג־הויבן אַ שטאַרקער באַרג־אַרוף. פון רעכטס און לינקס זײַנען געשטאַנען טרוקענע טשערעטן, כאָטש פאַרטרײַב אַהין וועלף.

דער פעלדפעבעל האָט זיך אָפּגעווענדט פון זײַן שאָכן, זיך אײַנגעקוקט אינעם וועג. קעדייי ניט אַראָפּפאָרן אין דער טיפער קאַלייע, האָט ער עטוואָס אַרויסגערוקט דעם קאָפּ פונעם זײַ־טיקן צעעפנטן פענצטער און זיך אײַנגעקוקט אינעם געדיכטן שטויב.

אין דער דאָזיקער רעגע האָט לאַזוטין באַשלאָסן, אַז ער מוז עפּעס גלײַך פאַרנעמען, ער וועט ניט גיין צום טויט, ווי אַ שאָף. אין איין אויגנבליק האָט ער אַרויסגעכאַפּט פון קעשענע דעם רעוואָלווער, מיט אַלע קויכעס אַ זעץ געטאָן מיטן הענטל דעם מאַלכאַמאָוועס זײַנעם אין שלייף. און ווען יענער האָט זיך אָנמעכטיק צוגעשפּאַרט צום ווענטל, אַרויסגעלאָזט דעם רו־דער פון די אָפּגעשוואַכטע הענט, האָט לאַזוטין צוויי מאָל אויסגעשאָסן אין דעם פעלדפעבעל. אַרויסגעשפּרונגען פון דער מאַשין, אָפּגעשטויסן פונעם רודער דעם דערשאָסענעם, זיך צוגע־זעצט אָף זײַן אָרט, אײַנגעשלאָסן דעם מאָטאָר און אַ טרײַב געטאָן די מאַשין טיפער אין די טשערעטן, ווײַטער פונעם שליאַך.

לאַזוטין האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זײַטן, אָפּגעטרייסלט פון זיך דעם שטויב, אויס־געווישט דעם בראַונינג און אים אַרײַנגערוקט אין קעשענע. ער האָט שנעל געבראַכט אין אָר־

דענונג דעם שינעל, די שטיוול און זיך געלאָזט לויפֿן צום ייִשעוו, ווו עס האָט אַף אים גע־וואַרט זײַן פֿערדל מיט דער ברישקע.

עליע האָט ניט געוווּסט, פֿונוואַנען עס האָבן זיך צו אים גענומען קויכעס. ער האָט געוווּסט אײנס — ער מוז זיך וואָס גיכער אָפּטראָגן פֿונעם ווינקל, ווו מע קאָן אים פֿאַרהאַלטן.

א פֿאַרסאָפּעטער און פֿאַרשוויצטער איז לאַזוטין מיט די זײַטיקע הייפֿלעך צוגעקומען צום סעדל, ווו עס האָט אַף אים געוואַרט דאָס פֿערדל מיט דער ברישקע.

נאָך פֿונדערווײַטנס האָט ער דערזען ארומשפּרײַזן דעם לייטענאַנט.

יענער האָט אים אָנגעקוקט בייז, געוואָלט אויסגיסן אַף אים דאָס ביטערע האַרץ, לעמײַ ער האָט געדאַרפֿט אַף אים וואַרטן, נאָר זיך אײַנגעהאַלטן. דער רועך ווייסט אים, צי מעג ער אַף אים שרײַען? אים האָט דאָך צוגעשיקט דער קאַפּיטאַן אַליין און ווער ווייסט, וואָס יענער קער זיך מיט אים אָן?

— אַנטשולדיקט, הער לייטענאַנט, — האָט קוים כאַפּנדיק דעם אָטעם, געזאָגט דער איבער־זעצער, — א פֿאַרשאָלטענע שטאָט... איך בין א האַלבע שאָ אַרומגעלאָפֿן און קיין טואַלעט ניט געקאָנט געפֿינען... דער בויך האָט א כאַפּ געטאָן... געמוזט אַרײַנלויפֿן אין די בוריאַנעס...

— איצט איז ניט קיין צײַט פֿון מאָגנס און בוריאַנעס! — האָט דער שעף זיך א בייזער געטאָן, לאָזנדיק זיך צו דער ברישקע. — מע דאַרף אײַלן. דער עשעלאָן וועט שוין גיך קו־מען. — און א טראַכט געטאָן, אַז ער האָט צו בייז גערעדט מיטן איבערזעצער, עטוואָס ווײ־כער צוגעגעבן:

— איר וועט אַרײַנגיין צום פֿעלדשער און זאָגן, אַז איך האָב באַפֿוילן אײַך געבן פּראָ־שקעס צו בויך־ווייטעק, צום מאָגן, איר זאָלט אינמיטן וועג ווייניקער דאַרפֿן לויפֿן אין די בוריאַנען.

דער אָנטרײַבער האָט א שמייכל געטאָן און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. געגומען די לייצעס, האָט ער פֿאַרקערעוועט צו די זײַטיקע געסלעך און זיך געלאָזט צום לאַגער.

אין א האַלבער שאָ ארום האָט א לאַנגע קאָלאָנע פֿון אויסגעמאַטערטע געפֿאַנגענע, אָפּגע־ריסענע, אָפּגעשליסענע, פֿאַרוואַקסענע, מיט געשווירענע קעפּ, ארומגערינגלט פֿון א וואַך, זיך געלאָזט צו דער אײַזנבאַן, ווו עס האָבן געוואַרט די פֿי־וואַגאָנעס.

אָנגערוקט די פּילאָטקע אַף די אויגן — ניט קיין מיליטערישער, ניט קיין קריגסגעפֿאַנגע־נער — איז געגאַנגען אין דער קאָלאָנע דער נײַער איבערזעצער און אופֿגערודערטער און פֿאַר־שוויצטער. ער האָט נאָך אַלץ ניט געקאָנט קומען צו־זיך נאָך דעם, וואָס ער האָט די לעצטע פּאָר שאָ איבערגעלעבט. אים האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער אַרײַן אין וואַגאָן, זיך פֿאַרקלײַבן אין א ווינקל, זיך אויסשלאָפֿן, וואָס גיכער פֿאַרלאָזן די שטאָט, ווו עס לויערט איבער אים א גרויסע געפֿאַר.

און ער האָט געדאַנקט גאָט, ווען דער עשעלאָן האָט גערירט פֿון אָרט און פֿאַרבײַ די שפּאַרונעס פֿון דער טעפּלושקע האָבן דורכגעשוועבט די אופֿגעריסענע געבײַדעס פֿון דער סטאַנציע.

צווישן אײגענע מענטשן

נאָך פֿיר שווערע מעסלעסן פֿאָרן אין די ענגע און קוטיקע טעפּלושקעס, ווען עס האָט זיך געדאַכט, אַז מע וועט אומקומען פֿון הונגער און דאָרשט, האָט מען זיך מיט גרויסע צאָרעס דערקלײַבן קיין אומאַן.

די קאָלאָנע אויסגעמוטשעטע, אײַנגעשרומפּענע, הונגעריקע מענטשן האָט זיך אויסגע־שטעלט אַף דער קליינער פּלאַטפֿאָרמע, און פֿון אַלע זײַטן האָבן זיך אהער א לאָז געטאָן פֿויערטעס, קינדער, עלטערע מענטשן מיט קלומעקלעך, זיך אײַנגעקוקט אין די פֿאַרוואַקסענע געפֿאַנגענע, צי זײַנען דאָ ניטאָ קיין אייגענע און באַקאַנטע.

די וואָך האָט אָפּגעטריבן די מענטשן, געשאָסן איבער זייערע קעפּ, געדראָט, נאָר דער אוילעם איז אַף א צײַט נעלעם געוואָרן, און איניגיכן ווידער, ווי פֿון אונטער דער ערד, אויס־געוואַקסן און געוואָרפֿן די געפֿאַנגענע שטיקער ברויט, ציבעלעס און קאַרטאָפֿליעס.

אין אַלע עקן האָט זיך געהערט א געיאָמער פֿון פֿרויען און קינדער. דער שרעקלעכער אויסזען פֿון די געפֿאַנגענע האָט אַרויסגערופֿן מיטגעפֿיל. בא אַלעמען זײַנען געווען זין און טאַטעס אַף די פֿראָנטן און מע האָט שוין א לאַנגע צײַט ניט געוווּסט, וואָס איז מיט זיי, ווו זײַנען זייערע ביינער אהינגעקומען.

פון שטאָט זײַנען געקומען עטלעכע נאַטשאַלניקעס. מע איז געגאַנגען לענגויס דעם אומ־געוויינלעכן סטרוי און זיך מיט ביטל אײַנגעקוקט אין די בלאַסע, פאַרוואַקסענע פּנעמער, געדרייט מיט די נעזער: מיט די דאָזיקע לײַדאַקעס וועסטו ניט אויסבויען ניט נאָר קיין אײַזנ־באַן־ליניע, נאָר אַפילע קיין רעכטן אָפּטרעט.

אָבער וואָס האָט מען געקאָנט מאַכן, מע האָט צוגעשיקט אָט די קאַליקעס, וועט מען פּרוּוון מיט זיי קאָכן אַ קאַשע. און ניט בלויז מיט זיי, נאָר מע וועט צונויפטרײַבן די גאַנצע אַרומיקע באַפעלקערונג און בויען! כאָטש אָט די אַלע נאַטשאַלניקעס האָבן גאַנץ סקעפּטיש געקוקט אַף דעם פּלאַן פון בויען אַן אײַזנבאַן־צווײַג אין דעם ראַיאָן. די געשעפטן אַף די פראָנטן זײַנען געגאַנגען ניט גאָר פויגלדיק און מע האָט זיך געגרייט אָפּטרעטן אויך פון דעם קאַנט, דאָס הייסט, לויטן אויסדרוק פונעם גרויסן פירער „אויסגלײַכן די פראָנט־ליניע"...

אַ גאַנצן טאָג האָט מען געהאַלטן די קאָלאָנע אונטער דער מוירעדיק הייסער זון און, ווען די נאַטשאַלניקעס האָבן זיך אָפּגעטראָגן, האָט דער לייטענאַנט באַפוילן זיך באַוועגן ווײַ־טער, ניט צעשטערן די קאָלאָנע, ניט אָפּשטיין — ווער עס וועט אָפּשטיין, וועט דערשאָסן ווערן אַפן אָרט.

און מע איז געגאַן איבערן שטויביקן טראַקט, אַרויסשלאָגנדיק זיך פון די לעצטע קויכעס.

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָט די קאָלאָנע אָפּגעקערט פונעם טראַקט און זיך אויסגע־לייגט אַפן גראָז, ווו עס האָט זיך געמאַכט.

גאַנצפרי האָט מען פון אַ נאָענטן דאָרף געבראַכט עטלעכע אײַזערנע פעסלעך סופּ, ער־זאַץ־ברויט, וואָס האָט זיך צעשאָטן אונטער די פינגער. מע האָט זיך אויסגעשטעלט אין אַ לאַנגער ריי — ווער מיט קאָנסערוון־קעסלעך, ווער מיט פאַרשוואַרצטע, צעבויגענע קאָטע־לאָקלעך. מע האָט ווי־ניט־איז איבערגעכאַפּט, געשטילט דעם הונגער, דערהאַלטן די נעשאָמע, און די קאָלאָנע האָט זיך געלאָזט ווײַטער.

פון דער זײַט האָט זיך געדאַכט, אַז די קאָלאָנע באַוועגט זיך ניט, גייט ניט, נאָר שטייט און וואַקלט זיך אַף איין אָרט.

אין אָט דער קאָלאָנע האָט זיך באַוועגט צוזאַמען מיט אַלע דער נײַער איבערזעצער.

צום ערשטן מאָל האָט מען אים דאָ באַגעגנט פײַנטלעך. ער איז געווען אָנגעטאָן עטוואָס בעסער פון די געוויינלעכע געפאַנגענע. דער לייטענאַנט האָט זיך צו אים אָפט געווענדט, און ער האָט אַף זיך געפילט פײַנטלעכע בליקן פון זײַנע פאַרמאַטערטע שכיינים. מע האָט פאַר אים מוירע געהאַט אַרויסברענגען אַן איבעריק וואָרט, זיך באַהאַלטן פון אים, געטראַכט — דער רועך ווייסט אים, וואָס פאַר אַ מענטש דאָס איז!

אָבער פאַר די טעג, וואָס מע איז געווען אין וועג, האָט מען פאַרשטאַנען, אַז מע האָט אין דעם מענטשן געהאַט אַ טאָעס. דאָס איז געווען אַ האַרציקער און צוגעלאָזענער באָכער, עפּעס אַ ניט געוויינלעכער און ער פאַרהאַסט די דײַטשן מיט זייערע ווילדע פּראַנדקעס פונקט אַזוי ווי אַלע געפאַנגענע.

אין וועג האָט ער געהאָלפן זײַנע נײַע באַקאַנטע מיט וואָס נאָר ער האָט געקאָנט. און, דעריקער — זיי האָבן פון אים געהערט אַ סאַך טרייסט־ווערטער, פון וועלכע עס איז וואַרע־מער געוואָרן אַף דער נעשאָמע. ער האָט זיי אומגעקערט דעם גלויבן, דערציילט אַזעלכע זאַכן, וואָס קיינער האָט וועגן דעם פריִער ניט געהערט.

ביסלעכווײַז האָט מען אָנגעהויבן אַף אים קוקן מיט גאָר אַנדערע אויגן. יאָ, ער האָט געטראָגן אַ דײַטשיש רעקל, אַ פּילאָטקע, נאָר אין דער ברוסט האָט זיך בא אים געשלאָגן אַן אומרויִק האַרץ פון אַ סאָוועטישן פּאַטריאָט.

זײַנע אַנעקדאָטן, דאָס אָפּשפּעטן פון די אָקופּאַנטן, די קלאָלעס, וואָס ער האָט אין זיי אַרײַנגעשאָטן, האָבן געפרייט די מענטשן, אײַנגעהויכט אין די געפאַלענע און אַנטוישטע גלויבן און האָפענונג.

ער האָט זיך צוביסלעך צוגעקוקט צו די מענטשן, געזוכט אַזעלכע, אַף וועלכע מע קאָן זיך פאַרלאָזן. נײַן, ער וועט אַריבערגיין די פראָנט־ליניע, זיך דערשלאָגן צו די פּאַרטיזאַנער ניט איינער אַליין, נאָר מיט אַ גרופּע, טאָקע פון אָט די געפאַנגענע, און ער וועט נעמען נעקאָמע אײַנעם סוינע. צאָלן פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען.

נאָך דעם שווערן, אויסמאַטערנדיקן מאַרש איז מען געקומען אין אַ פאַרוואָרפן דאָרף רוזשעווקע, עטלעכע טעג האָט געדויערט ביז מע האָט זיך ווי־ניט־איז אײַנגעאָרדנט.

דער לייטענאַנט האָט באַפוילן דעם איבערזעצער זײַנעם, ער זאָל געפינען פאַר זיך אַ וווינונג ניט ווײַט פון זײַן שטוב — ער זאָל אים האָבן שטענדיק אונטער דער האַנט.

און פעטראַ לאַזוטין האָט געפונען אַ ווינקל אין דער כאַטע בא אַ באַיאָרטן קאָלווירטלער גנאַט בראַוועץ.

דער באַלעבאָס האָט אים פון אָנפאַנג באַגעגנט פײַנטלעך, נאָר אין אַ פּאָר טעג אַרום, בעסער צוקוקנדיק זיך צו זײַן נײַעם קוואַרטיראַנט, פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז עפּעס אַן אומגעווײנלעכער דײַטש, אײַנגאַנצן ניט ענלעך אַף יענע, וועלכע ער האָט געזען. דער קומט אַלעמאָל אַהיים מיט גוטע נײַעס, עפּעס זעט מען ניט, ער זאָל זיך שטאַרק נעמען צום האַרצן, וואָס אַפּן מיאָוס־טײַך האָבן די סאָוועטישע טײלן צעשמעטערט אַ פאַשיסטישע גרופּירונג, אַרומגערינגלט זי און פאַרניכטעט. אים גייט גאָר ניט אָן, וואָס די רוסישע פּאַרטיזאַנער האָבן אַראָפּגעלאָזט פון די רעלסן עטלעכע עשעלאָנען מיט טאַנקען, וועלכע האָבן געאײַלט צום פראָנט. דער דײַטש האָט זיך פאַרזיכטיק נאָכגעפרעגט בא אים, בא בראַוועצן, וועגן מענטשן, אַף וועלכע מע קאָן זיך פאַרלאָזן. ער זוכט גאָר פאַרבינדונגען מיט פּאַרטיזאַנער.

און אין באַגלײבטע מענטשן, סאָוועטישע פּאַטריאָטן, האָט דער דײַטש אײנגיכן באַגעגנט, און אין דער אומגעגנט האָבן זיך אָנגעהויבן באַווײַזן בלעטלעך — לעצטע ידיעות, וואָס מאָסקווע האָט איבערגעגעבן.

און דער אײַנגעהאַלטענער באַלעבאָס, גנאַט בראַוועץ האָט פאַרשטאַנען, אַז צו דעם האָט אַ שײַכעס זײַן קוואַרטיראַנט, וועלכער הערט דורך די נעכט ראַדיאָ.

די לעצטע צײַט האָבן אין דאָרף געבושעוועט עטלעכע פּאָליצײַען און אַ סטאַראָסטע, אַ געקומענער אַהער פון אויסרײַסעניש. די בראַנזשע האָט די גאַנצע צײַט געשיקערט, גערעבעוועט, זיך אײַזידעקוועט איבערן אוילעם, געכאַפּט מיידלעך און ייִנגלעך און זיי אָפּגעשיקט אין ראַיאָן און פונדאָרטן קיין דײַטשלאַנד. די פויערים האָבן דערציילט וועגן דעם דעם „גוטן דײַטש”. עליע האָט דערפילט, אַז ער מוז וואָס גיכער זיך אַרײַנמישן אין דעם דאָזיקן איניען. זיי כוץ אַלעמען האָבן די פּאָליצײַען אָנגעהויבן אַרײַנשטופן די נעזער אין זײַנע געשעפטן. זיי האָבן געפונען עטלעכע פלוגבלעטלעך מיט סוואָדקעס פון סאָווינפאָרמביוראָ און אָנגעהויבן גיין איבער די כאַטעס מאַכן אונטערזוכונגען.

פעטראָ לאַזוטין האָט דערציילט זײַן שעף וועגן דעם שיקערן דרײַלינג — זיי פאַרשטעלן זיך בלויז פאַר פּאָליצײַען, אין דער עמעסן העלפן זיי די פּאַרטיזאַנער, פירן אַן אַגיטאַציע אין דאָרף, מע זאָל ניט אַרבעטן, זיי ראַבעווען און שטערן אײַנשטעלן אַן אָרדענונג אין די דערפער.

דער שעף איז געוואָרן אויסער־זיך. נײַן, אַזעלכס וועט ער ניט דולדן!

שפּעט באַנאַכט איז די פריילעכע קאָמפּאַניע זיך צונויפגעקומען צום סטאַראָסטע אין קאַנטאָר. מע האָט זיך אָנגעשיקערט אַזוי, אַז אַף די פיס האָט מען זיך שוין האַלטן ניט געקענט. מע האָט געזונגען, געגוואַלדעוועט אַזוי, אַז מע האָט עס געהערט אין צווייטן עק דאָרף. דאָס האָט שוין ניט אויסגעהאַלטן דער שעף. גענומען מיט זיך עטלעכע סאָלדאַטן זײַנע מיט אויטאָמאַטן, האָט מען אַרומגערינגלט די קאַנטאָר, אַרויסגעשלעפּט פונדאָרטן אַלעמען, צוגענומען די ביקסן, אָנגעבראָכן די ביינער און אַרײַנגעוואָרפן אין אַ פינצטערן קעלער. גאַנצפרי האָט מען די קאָמפּאַניע ערגעץ אוועקגעטריבן צעשלאָגענע, צעמאַזיקטע, און מער האָט זיך אַהער קיינער ניט אומגעקערט.

דאָס דאָרף איז אָפּגעריכט געוואָרן, זעענדיק, ווי מע האָט זיך צערעכנט מיט די רויבער. און בלויז גנאַט בראַוועץ האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס שטיקל אַרבעט האָט אָפּגעטאָן דער „גוטער דײַטש”.

אַלע גאַנצפרי האָט מען די קאָלאָנע געפאַנגענע און די אָרטיקע פויערים אַרויסגעפירט פון יענער זײַט דאָרף, ווו מע האָט געבויט דעם אײַזנבאַן־אַנשטיט. זעלטן האָט זיך אַהער געיאָוועט דער שעף — זײַנע פאַראָרדענונגען האָט ער איבערגעגעבן דורך דעם איבערזעצער, וועלכער האָט פונקט ווי דער שעף פאַרשטאַנען, אַז דעם באַפעל צו בויען דאָ אַן אײַזנבאַן־צווײַג האָט עמעצער פון נאַטשאַלסטווע אַרויסגעגעבן נאָך דעמלט, ווען די געשעפטן אַף די פראָנטן זײַנען געגאַנגען ניט שלעכט. אָבער נאָך סטאַלינגראַד, נאָך די שווערע קלעפּ, וואָס די סאָוועטישע אַרמײ האָט דערלאַנגט די דײַטשן און דערמיט אַלץ איבערגעפּלאָנטערט, האָט מען דאָרט אין דער בויונג פאַרגעסן. מע האָט געזאָלט אַהער ברענגען פון דײַטשלאַנד רעלסן, מאַטעריאַלן, נאָר ווען מען איז דאָס איצט געקראָכן אין קאָפּ, אַז מע האָט די גאַנצע צײַט „לויטן ווילן פונעם פיורער” „אויסגעגלײַכט די פראָנט־ליניע” און אומעטום האָט געהערשט אַ פּאַניק.

מע קאָן ניט זאָגן, אז דער אוילעם האָט זיך איבערגעהאַרעוועט, מע האָט זיך ניט געײַלט, מער געזעסן, גערייכערט, ווי זיך געהאַלטן פאַר דעם זאַסטעפּ.

דער איבערזעצער האָט אַף אַלץ געקוקט דורך די פינגער און נאָר געבעטן די מענטשן, אַז ווען זיי וועלן זען, ווי נאַטשאַלסטווע דערנעענטערט זיך, זיך נעמען פאַר דער אַרבעט, קעדיי ער, לאַוזוטין, זאָל ניט כאַפּן קיין פּסאַק.

דער אײַזנבאַן־אָנשיט איז פּאַמעלעך געוואַקסן, זיך געצויגן אַהין, צו כריסטינאָווקע. די רעגנס האָבן אים אָבער גאַנץ אָפּט צעוואַשן, און אַלע מאָל האָט מען אים געדאַרפט פאַריכטן, אופשטעלן. און, ווי אַפּצולאָכעס, האָבן די רעגנס דעם זומער געגאָסן גאַנץ אָפט. מענטשן האָבן געזאָגט, אַז דער אומופהערלעכער געברום פון די סאָוועטישע האַרמאַטן אַף די פראָנטן טרײַבן צונויף די וואָלקנס, און דער הימל הערט ניט אוף צו וויינען.

און אַז די רעגנס גיסן, וואָס זשע פאַר אַן אַרבעט קאָן גיין באַ דער אײַזנבאַן? נאַטשאַל־סטווע האָט אויך ניט אַרײַנגעשמעקט אַהער, ווײַל יענע, וואָס האָבן פריִער באַפוילן בויען דעם אָנשיט, האָבן אין אים שפּעטער אינגאַנצן פאַרגעסן. זיי האָבן געהאַט בילכערע אַרבעטן.

די צײַט איז געגאַנגען, און מע האָט עפּעס ניט געהערט און ניט געזען, מע זאָל ברענגען שפּאַלעס און רעלסן. דער לייטענאַנט האָט זיך אינגאַנצן פאַרלוירן, ניט געוווּסט וואָס ער דאַרף טאָן מיט זײַן קאַלאָנע.

אין איינעם אַ נאַסן טאָג איז ער געקומען פונעם ראַיאָן און געבראַכט אַ יעדיִע, אַז הויכע נאַטשאַלסטווע, אַ קאָמיסיע, קלײַבט זיך קומען אַ קוק טאָן אַף דער בויונג פון דער אײַזנבאַן־ליניע.

באַטראַכט, וואָס מע האָט באַוויזן אופטאָן, איז דעם לייטענאַנט געוואָרן פינצטער אין די אויגן. די קאָמיסיע וועט דאָך ניט האָבן אַף וואָס אַ קוק צו טאָן, מע וועט אים אָפּשיקן אַף די פאָדערשטע פּאָזיציעס, צעשיסן. פאַר אַזאַ לאַנגער צײַט, וואָס ער שטייט דאָ מיט דער קאַלאָנע, האָבן די לײַדאַקעס גאָרניט אופגעטאָן. דער אָנשיט איז דאָך ניט פאַרטיק אפילע אַף קיין פּופּציק פּראָצענט! מע וועט אים מישפּעטן פאַר סאַבאָטאַזש...

דער איבערזעצער האָט אים באַרויִקט. וויפל צײַט איז געבליבן ביז די קאָמיסיע וועט קומען אַהער? אַ וואָך? נישקאָשע. ער וועט זיך דורכריידן מיט די מענטשן און מיט די איינ־ווינער פון די אַרומיקע דערפער. ער וועט מאַכן אַזוי, אַז די טעג וועט די אַרבעט ברענען אונטער די הענט. די קאָמיסיע וועט זײַן צופרידן.

דעם צווייטן טאָג האָט דער איבערזעצער געבעטן זײַן באַלעבאָס גנאַט בראַוועצן און נאָך עטלעכע פּויערים, צו וועלכע די מענטשן הערן זיך צו, מע זאָל צונויפרופן אינדערפרי דעם אוילעם פון דאָרף. ווען אַלע זײַנען זיך צונויפגעקומען, האָט ער געזאָגט:

— צו אײַך איז דאָ אַ גרויסע ביטע. עס דאַרף אין די נאָענטסטע טעג אַהער קומען אַ קאָמיסיע באַטראַכטן, וואָס מיר מיט אײַך האָבן באַוויזן אויסצובויען. אַלע זײַנען זיי איצט, ווי איר פאַרשטייט אליין, בייז, ווי די וועלף, און זיי וועלן אויסלאָזן דאָס ביטערע האַרץ צו אײַך און צו אונדז. איז לאָמיר די עטלעכע טעג אַלע, ווי איינער, אַרויסגיין מיט זאַסטעפּעס צו דער אַרבעט, זאָל די קאָמיסיע זען — די אויגן זאָלן באַ זיי אַרויס — אַז מיר סטאַרען זיך... איר ווייסט, אַז מיט אַרבעט האָבן מיר אײַך ניט שטאַרק דאָ איבערגעלאָדן. ניט אָפּט האָט מען אײַך געטריבן צו דער אַרבעט, ניט אָפּט האָט מען אײַך דערקוטשעט. מע דאַרף דער קאָמיסיע פאַרבלענדן די אויגן. מיר זײַנען אומבאַשיצט, און די הענקער קאָנען מיט אונדז טאָן, וואָס זיי ווילן. זיי זײַנען נאָך געגוג שטאַרק און באַוואָפנט. די קאָמיסיע וועט אוועקפאָרן, אין דער ערד מיטן קאָפּ, וועלן מיר זיך פאַנאַנדערגיין. אַזאַ איז די באַקאָשע צו אַלעמען. נו, באַלעבאַ־טים, מאַסקים?

— זהאָדע, זהאָדע! — האָבן זיך דערהערט אויסגעשרייען פון אַלע זײַטן.

— אַלע האָבן מיך פאַרשטאַנען?

— אַלע! אַלע!

— נו, וויבאַלד אַזוי, בעט איך אַלעמען מאָרגן אינדערפרי אַרויסגיין צו דעם אײַזנבאַן־אָנשיט.

דעם אַנדערן טאָג גאַנצפרי איז דער אוילעם פונעם דאָרף און פון די נאָענטע דערפלעך מיטן גאַנצן קלאַפּער־געצייג אַרויסגעגאַן צו דער אַרבעט. דער לייטענאַנט איז אין אַ פּאָר שאָ אַרום געקומען צו פאָרן, אַ קוק געטאָן, ווי די מענטשן סטאַרען זיך, האָט ער זיך דער־פרייט. אויב, האָט ער געטראַכט, מע וועט אַזוי אַרבעטן, אַז די קאָמיסיע וועט אַהער קומען, וועט אַלץ זײַן גוט.

גאנצפרי האָט מען געוואָרט אַף דער געהויבענער קאָמיסיע, און פּעטראַ לאַזוטין איז אַרומ־געגאַנגען איבער די כאַטעס דערמאָנען דעם אוילעם, אַז מע זאָל ניט פאַרגעסן, וואָס ער האָט זיי געבעטן.

זעט אויס, דער הימל אַליין האָט געהאָלפן די מענטשן. פאַר דעם, ווי די קאָמיסיע איז געקומען אַף דער בוויגע, האָט אַ גאָס געטאָן אַ שלאַקסרעגן. אַ גרויסער אוילעם — קליין און גרויס — איז געשטאַנען באַם אַנשיט מיט די זאַסטעפּעס. פּונדערוויטנס האָט זיך געקענט דוכטן, אַז מע קערט דאָ וועלטן.

אַן אַנדערש מאָל וואָלטן זיך אַלע פאַנאַנדערגעלאָפן אין אַזאַ רעגן, און מער אַהער ניט געקומען, נאָר דאָס מאָל איז מען געשטאַנען און געאַרבעט, מע האָט ניט געוואָלט אונטער־פירן לאַזוטינען.

אינגיכן האָט זיך דערטראָגן אַ געדויש פון צוויי מאַשינעס, און צום אַנשיט זיינען צוגע־קומען פיר אָפּיצערן אין ברעזענטענע שווארצע רעגן־מאַנטלען.

מע האָט באַטראַכט, ווי דער אוילעם אַרבעט, אויסגעהערט, וואָס דער לייטענאַנט האָט דערציילט, באַרויגעז געקוקט אַפן נאַסן פאַרכמאַרעטן הימל און זיך לאַנג ניט פאַרהאַלטן, אַוועקגעפאָרן אין הויז צום קאָלאָנע־נאַטשאַלניק, קעדיי באַהאַנדלען דאָס, וואָס מע האָט גע־זען מיט די אייגענע אויגן, נאָר, דעריקער, נעמען אַ קויסע.

די קאָמיסיע איז געבליבן זייער צופרידן, געלויבט דעם לייטענאַנט דערפאַר, וואָס ער האָט אַזוי פיין אָרגאַניזירט די אַרבעט, צוגעזאָגט, אַז מע וועט בעטן העכערע נאַטשאַל־סטווע, מע זאָל אים אָפּצייכענען.

פּאָטער געוואָרן פון דער קאָמיסיע, איז דער אוילעם זיך גלייך פאַנאַנדערגעגאַנגען. דער לייטענאַנט איז אַרויס אַ צופרידענער און געדאַנקט דעם איבערזעצער, וואָס האָט אים אַזוי גוט געהאָלפן.

אין עטלעכע טעג אַרום איז אָנגעקומען אַ באַפעל, ווו מע האָט אויסגעדריקט דעם לייטע־נאַנט עמיל איינציגע אַ דאַנק דערפאַר, וואָס ער סטאַרעט זיך אַזוי באַ דער בּוויגע פון דער אייזנבאַן־ליניע. מע האָט אים צוגעזאָגט דעם טיטל אָבערלייטענאַנט. ער האָט אויך דערוואַרט אַ מעדאַל...

דער איבערזעצער איז אויסגעוואַקסן אין די אויגן פון עמיל איינציגע, און יענער האָט אים אָנגעהויבן פאַרטרויען נאָך מער, ווי ביז איצט.

דער איבערזעצער איז די גאַנצע צייט געווען פאַרנומען אויך מיט אַנדערע דייגעס. ער האָט שוין געהאַט אַ גרופּע געפאַנגענע, וועלכע זיינען גרייט געווען מיט אים איבערגיין צו די פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן זיך באַוויזן אין די וועלדער אַרום באַלטע. מע האָט געדאַרפט אָנזאַמלען געווער און עס גוט באַהאַלטן. מע האָט שוין אָפּגעזוכט אַ קעלער אין עק דאָרף, ווו מע האָט צוביסלעך פאַרגרייט קוילן און גראַנאַטעס, מעדיקאַמענטן און שפּייז.

סאָף קומט

אווראָם קאַצעוו

באַווײַז מיר די וועלט

דער קאָסמאָנאווט טראַכט

ווען מ׳איז נאָענט — איז מען נאָענט.
איז מען ווײַטער — בענקט מען מער.
טוסטו זיך א הייב אין קאָסמאָס —
ווערט דיר טײַערער די ערד.

צווישן שטערן און לעוואָנעס,
אין די הימלען אָט־אָ דאָ
זעסטו: פון דער ערד קיין שענערס
און קיין בעסערס איז ניטאָ.

יאָ, דעם מענטשן הײַנט און אייביק
פאַר א היים די ערד נאָר טויג.
דאַרפן מיר זי שעצן, היטן,
ווי ס׳שוואַרצאַפּל פונעם אויג.

באַלאַדע וועגן פאָרזיצער פון א קאָלווירט

לעאָניד אָסנאָוויקאָוואַ אָנדענק

ער האָט דאָס פעלד צעאַקערט און פאַרזייט,
באַגיטיקט, און באַוואַסערט, און געיעט עס,
און אויסגעכאָוועט א גערעטעניש אַזאַ,
וואָס עפּשער נאָר אין לעבן איין מאָל טרעפט עס.

און ערעוו שניט דער פאָרזיצער פון דעם קאָלווירט
אַף א שפּאַציר אַרויס איז שעפּן פאַרגעניגן
פון יונגן ברויט און ראַכוועסדיקן פעלד
און הערן פון א שפּעטער שאָ דעם ניגן.

און פּלוצעם: רויך און פײַער אינעם ברויט,
און ס׳פּויזעט אין דעם רויך די נויט, דער טויט.
דער פאָרזיצער פונעם קאָלווירט טוט זיך א וואָרף
צום דאָרף:
— היי, מענטשן! ס׳ברענט! —
און לויפט אליין אין פײַער מיט צעשפּרייטע הענט...

...דאָס פײַער איז באַזיגט. ס׳וועט זײַן א שיינער שניט.
פאַרקוילט עס ליגט דער פאָרזיצער. עס בלײַען זײַנע טריט.

לעאָניד גערשאָוויטש אָסנאָוויקאָוו, דער פאָרזיצער פונעם קאָלווירט „XX פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר״, גראָיסלעפּעטיכער ראַיאָן, כערסאָנער געגנט, איז אומגעקומען בײַסן ראַטעווען פון א סרייפע דאָס קאָלווירטישע פעלד.

א צעשטרײַטער מענטש

א מענטש איז צעשטרײַט, אַף אזויפיל צעשטרײַט —
ער קען ניט דערקענען זײַן שטוב און זײַן ווײַב.

ס'איז זומער, ס'איז ליכטיק, די היץ איז גאַנץ גרויס —
פאַרבלאָנדזשעט דער מענטש אין א ווילד־פרעמדן הויז
און טוט צו דעם ווילד־פרעמדן ווײַבל א ווונק:
„מײַן העסעניו, גיכער א קאַלטינקן טרונק!"

ס'איז ווינטער, ס'איז ליכטיק, די קעלט איז גאַנץ גרויס —
פאַרבלאָנדזשעט דער מענטש אין א ווילד־פרעמדן הויז
און טוט צו דעם ווילד־פרעמדן ווײַב א געשריי:
„מײַן העסעניו, גיכער א הייס גלעזל טיי!"

א טײַערער מענטש, נאָר מעסוקן צעשטרײַט —
ער קען ניט דערקענען זײַן שטוב און זײַן ווײַב.

הענדעלעך און הינדעלעך

די הענדעלעך געקוילעט און די הינדעלעך געלאָזט —
זיי זאָלן לייגן אייעלעך, ווײַסע, ווי דער פראָסט.

די יינגעלעך מאצייוועס האָט מען זעלנעריש צעשטעלט,
די מיידעלעך פאַרקנאַסט מע האָט — עס זאָל נאָך זײַן א וועלט.

די הענדעלעך געקוילעט און די הינדעלעך געלאָזט —
אזוי איז די מילכאָמע זיך מיט אונדז באַגאַנגען פראָסט.

דער שפּאַן איז שוין דײַנער

שטאַרקע צוויי פערד, א געקאָוועטן וואָגן
האָב איך געקויפט. לאָמיר, זונעניו, יאָגן.

באַווײַז מיר די וועלט, די שיינע, די פײַנע.
קינד מײַנס! דער שפּאַן איז אינגאַנצן שוין דײַנער.

העשל ראַבינקאָוו

דרײַ דערציילונגען

יאָמטעוו־שאָען

1

אין הויף בא גדאליע ברומשטיין — א הויף מיט געדיכטע בעז־ביימלעך באם שטאכעטניק — איז אין א באזונדער ערטל אונטער אן אָפדעכל געלעגן דאָס געהילץ, וואָס ער האָט פאר זײַן לעבן אָפגעזוכט אין דער טײַגע און אַף די סקלאדן פון שטאָט — יאסען ווײַסער, גאָלדפארביקע טרוקענע סאָסנע, זילבערפארביקע בעריאָזע. נאָר געווען איז דאָ אן „עליטע", א באזונדערער סאָרט ברעטער, וואָס האָבן נאָך געדענקט גדאליעס יונגע יאָרן, דערוואַרט זיך זײַן צוריקער פון דער מילכאָמע, דערוואַרט זיך, ווען ער איז אַלט געוואָרן... פון אָט אָ דעם געהילץ האָט זיך גדאליע געקליבן אַף דער עלטער מאכן זײַנע סאמע בעסטע „קיילעס" — מוזיקאלע אינסטרומענטן, אויסזינגען זײַן שוואנען־ליד.

— אויב א פידל, — האָט ער געזאָגט זײַנע מעקוראָווים אין אונדזער יִשעוו, — איז זאָל זײַן אפילע ניט קיין אמאטי, ניט קיין סטראדיוואריוס, אָבער מע זאָל קענען אַף דעם שפילן.

און דאָס, האָבן מיר געוווּסט, איז בא גדאליען דער העכסטער לויב פאר אן אינסטרומענט.

נאָר ווער ווייסט, ווען גדאליע וואָלט זיך גענומען פאר זײַן סאמע בעסטער קיילע, ווען ניט יוזיקס קאָנצערט אפן אגיטפונקט.

2

גדאליע ברומשטיין איז א מענטש פון אריבער זעכציק. ער איז וווּקסיק און ברייטפלייציק. איצט שוין א ביסעלע סוטולע. ער טראָגט א באָרד, וועלכע זײַן שאָכן ניקאלײַ רופט אָן „סקאָבעלעווסקע". אַזעלכע בערד זײַנען געווען בא די אַלטע קאזאקן פון הינטער בײַקאל, פונוואנען ער, ניקאלײַ, שטאמט. מיר, די שכיינים, געדענקען נאָך, ווען גדאליע איז געווען א יונג מיט בײַנער. איצט זאָגט מען וועגן אים: „א שיינער זאָקן".

גדאליע איז א סיביריאק. ער אַליין געדענקט שוין שוואך די געשיכטע, וויאַזוי זײַן מישפּאָכע איז מעגולגל געוואָרן אין אָט די ווײַטע מעקוימעס. די געשיכטע וועגן אן עלטערזיידן, א קאנטאָניסט, וואָס האָט אָפגעדינט פינף און צוואנציק יאָר סאָלדאטשינע; א געשיכטע וועגן אן עלטערבאָבען — א מיידל פון א יִדישער מישפאָכע, וועלכע מע האָט פאר עפעס א בילבל געטריבן מיטן עטאפ קיין סאכאלין פון ערגעץ א שטעטל אין ווײַסרוסלאנד; פאר עטלעכע קערבלעך דער נאטשאלסטווע פון דער פערעסילקע האָט מען דאָס מיידל מיט גוואלד אוועקגענומען בא די עלטערן. און דער ניקאלײַעווסקער סאָלדאט האָט מיט איר געשעטלט א כופע. פון יענעם פאָרפאָלק זײַנען עס אוועק די ברומשטיינס דוירעס יִדן־סיביריאקעס, וועלכע האָבן געטריבן געהילץ איבערן שטילן אמגון און איבער דער האסטיקער שילקע, געווען שאָרניקעס, שמידן און קעסלער, נאָר גדאליעס פאָטער האָט זיך ייִנגלווײַז אויסגעלערנט בא א פארשיקטן פון פעטערבורג קונסט־טישלערײַ, דערצו אויך פאריכטן מוזיקאלע אינסטרומענטן. גדאליע האָט געיאַרשנט פונעם פאָטער אָט־אָ־די ביידע פאכן און איז אוועק ווײַטער — גענומען מײַסטרעווען אַליין פידלען און באַיאנען, וועלכע די ארבעטער־יונגען פלעגן גערן קויפן.

בא אונדז אינעם עקשטאָט־יִשעוו האָט גדאליע זיך באַוויזן צום ערשטן מאָל, ווען ער האָט פארענדיקט זײַן דינסט אין די גרענעץ־טײלן. ער איז געפאָרן אהיים קיין בארגוזין און אפן



די רעדאַקציע און די רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" באַגריסן האַרציק דעם שרײַבער העשל ראַבינקאָוו מיט זײַן 70־טן געבורטסטאָג און ווינטשן אים געזונט, אריכאַס־יאָמים און נײַע שעפערישע דערפאָלגן.

וועג אויס נײַגער אראָפּ אין אונדזער שטאָט, וואָס האָט זיך דאַן גענומען בויען, געהאַט בע־דייע פאַרהאַלטן זיך דאָ א טאָג צוויי, ניט מער. איז אָבער דעמלט צום נײַעם וואָקזאַל צוגעפאָרן אַן עשעלאָן איבערוואַנדערער. און דאָרט האָט ער דערזען זי, שיינדלען. דאָס איז געווען א ליבע פון דעם ערשטן קוק. און ס'איז טאַקע געווען אין ווערמען זיך פאַרליבן. אַך, איז דאָס געווען א שיינדעלע! עטוואָס העכער פון מי־טעלן ווּוקס. די גרויסע קאַרע אויגן, ווען זיי פלעגן א שמייכל טאָן פון איר קײַלעכדיקן פּע־נעמל, האָסטו געפילט, אַז ס'איז פאַראַן אַף דער וועלט גליק. קורץ, גדאַליע איז שוין געבליבן א היגער.

אין דעם, וואָס ער איז געוואָרן אונדזער שאָכן, האָט א גרויסן כיילעק ער, ניקאָלײַ סע־דיך, וועלכער איז אַהער געקומען פון אַן אַלט קאַזאַקיש דאָרף הינטער בײַקאַל, פון דאַוריע. א טעסלער, א סטאָליער, האָט ער זיך צום אַלעם ערשטן גענומען אופשטעלן א שטוב און דאַפקע אינעם עקשטאָט־יישעוו, ווײַל דאָרט האָט מען צוזאַמען מיטן הויף געקאָנט אָפּצוימען אויך א היפּשע שטיק שוואַרצערד פאַר א סאָד און א גאָרטן.

גדאַליע האָט זיך געשטעלט אַרבעטן אין דעם ניט גרויסן געהילץ־קאָמבינאַט. דאָרט האָט ער זיך באַגעגנט מיט ניקאָלײַען. ביידע האָבן זיי געהאַלטן, אַז זייער סטאָליער־פאַך איז ניט קיין פּאַשעטע מעלאָכע, און זײַנען גאָר אינגיכן געוואָרן גוטע פרײַנט. דאָס האָט ער, ניקאָלײַ, צוגערעדט גדאַליען בויען אַן אייגן הויז טאַקע בישכיינעס מיט אים, ווו ס'איז נאָך געווען א פרײַ פּלאַץ. גדאַליע האָט זיך מעיאַשעוו געווען מיט זײַן שיינדעלען, און איר, כאָטש זי האָט געאַרבעט אין שטאָט אין א פאָטאָ־אַטעליע, איז דער געדאַנק געפעלן געוואָרן. אין די פאַר־נאַכטן נאָך דער אַרבעט, אין די אָפּרו־טעג האָבן גדאַליע מיט ניקאָלײַען געטיוקעט מיט די העק ביז העט אין דער נאַכט אַרײַן, און צו האַרבסט־צו איז שוין דאָס הויז געשטאַנען אונ־טער א הויכן דאַך. ניקאָלײַ האָט באַפּוצט גדאַ־ליעס פענצטער־בײַשטידלעך מיט די זעלביקע קונציקע שניצונגען, ווי בא זיך, אַרויסרופנדיק קינאָ און אַנציקונג בא די אַרומיקע הויז־באַלע־באַטים.

געאַרבעט האָבן זיי אין צעך פון פּראָסטן מעבל. אַף קיין גאַרניטורן איז נאָך דעמלט אין יענע יאָרן קיין גרויסער נאָכפרעג ניט געווען.

איך געדענק, ווי דער באַרגוזינער, אַזוי האָט מען בא אונדז אינעם עקשטאָט־יישעוו גע־רופן גדאַליען, האָט די ערשטע צײַט געפּרוּווט אײַנריידן דעם דירעקטאָר פונעם געהילץ־קאָמ־בינאַט, א זשוואַוון, פרי גרוי־געוואָרענעם מענטשל, עפענען כאָטש א קליינינקן צעך פאַר מוזיקאַלע אינסטרומענטן. יענער האָט אָבער אָנגעקוקט מיט א צעטראָגענעם, פאַריאָגטן בליק דעם יונגנמאַן אין דער אָפּגעבליאַקעוועטער סאָלדאַטסקער גימנאַסטיאָרקע, וואָס דולט אים א קאָפּ מיט ניט געשטויגענע מײַסעס:

— כאַוּוער! — האָט ער געטײַנעט, — וואָס פאַרא מוזיקאַלע אינסטרומענטן? וואָס פאַרא לאָקשן? פענצטער־ראַמען! טירן! דיל־ברעטער! אָט וואָס מע דאַרף איצט און — א סאַך!

פון זײַן זײַט איז ער געווען גערעכט: די שטאָט האָט זיך דעמלט שטורמיש געבויט. קיי־מאַט יעדער טאָג זײַנען צוגעקומען ניט נאָר נײַע הײַזער, נאָר נײַע גאַסן.

אינגיכן איז געקומען א נײַער דירעקטאָר — א שרײַער און א בייזער יונג. אַליין א געוועזענער סטאָליער, נאָר דאַפקע בא אים האָט גדאַ־ליע געפּועלט, מע זאָל עפענען באַם מעבל־צעך א קליינינקע אָפּטיילונג, דערווײַל כאָטש נאָר פאַר באַלאַלײַקעס און דאָמרעס, פאַר רעמאָנט פון באַיאַנעס און האַרמאָשקעס. ס'איז אָבער געווען „שירפּאָטרעב". גדאַליעס און ניקאָלײַס הענט — הענט פון „קראַסנאָדערעוושטשיקעס" האָבן געבענקט נאָך אַזוינס, ווו זיי זאָלן קאָנען אַרויסווײַזן זייער עמעסע מײַסטערשאַפט. ני־קאָלײַ האָט זיך נאָך דער אַרבעט גענומען אָפּ־געבן מיט דעם, צו וואָס אים האָט פון קינד־ווײַז אָוף געצויגן, — מיט האָלץ־שניצונגען. און

גדאליע האָט אין איינעם פון זײַנע צימערן אַוועקגעשטעלט א טישל מיט געצײַג און, קו־מענדיק פון קאָמבינאַט, זיך געוואשן, אָפּגעפּאַר־טיקט זיך מיט די שטוב־מעלאָכעס, א שמועס געטאָן מיט שיינדעלען, מיט דעם טעכטערל ריווקען און גלײַך זיך געזעצט אין זײַן דריישטול מײַסטרעווען ביז שפּעט אין אָוונט א וואָסער־ניט־איז מוזיקאַלן אינסטרומענט „צוליב דער נעשאָמע". אָט־אָ־דעם צימער האָט ער האלב ערנסט אָנגערופן „מײַן עקספּערימענטאַלער צעך". שאַפן מוזיקאַלע אינסטרומענטן האָט גדא־ליע געהאַלטן פאַר א הייליק, ניט וואָכעדיק טועכץ. אין דער צײַט פון דער אַרבעט פלעגט ער זיך פאַרשפּאַרן אין זײַן „עקספּערימענטאַלן צעך", פאַרהענגען דאָס פענצטער מיט ווײַסע פאַרהענגלעך, זיך אָפּזונדערן פון דער אַרומי־קער וועלט. אין דעם צימער, ווו ס'האָט טערפּ־קע־זיסלעך געשמעקט מיט סקיפּידאַר, מיט לאַק און נאָך עפּעס א געמיש פון פאַרב־רייכעס, האָט קיינער, אויסער שיינדלען און אויסער ניקאָ־לײַען, ניט געטאָרט אַרײַן.

געאַרבעט האָט גדאליע איבער זײַנע מוזי־קאַלע אינסטרומענטן זייער לאַנג, געמאַכט און איבערגעמאַכט. נאָר ביסלעכווײַז האָבן זיך אָף די ווענט פון זײַן וואַרשטאַט־צימער גענומען ווײַזן פידלען, וויאָלאָנטשעלן. שפּעטער האָבן מיר דערזען דאָרט א טשיקאַווע קיילע — א קאָנטראַבאַס, וואָס האָט דערמאָנט א בלאָזזאַק פון א שמיד. און שפּילן אָף אים האָט מען גע־קענט נאָר מיט... א באָרוועסן פוס.

אין די זומערדיקע אָוונטן האָבן אונדזערע שכיינים זיך געמאַכט א מאָדע צונויפקלײַבן זיך אונטער גדאליעס פענצטער. מע גדענקט שוין ניט, וויאַזוי דאָ זײַנען אויסגעוואַקסן עטלעכע רייען בענק. גדאליע פלעגט זיך זעצן אָפּט בא זיך אָפן הויכן געפאַרבטן גאַנעק און געבן אַן אימפּראָוויזירטן קאָנצערט אָף א וואָסער־ניט־איז אינסטרומענט, דערבײַ מיט א שטילן קאָל אײַנקורצן דערציילט דעם אוילעם די געשיכטע פון דער „קיילע", אָף וועלכער ער האָט גע־שפּילט, וועגן אירע מעגלעכקײַטן. דערפאַר האָט דאָס דאָזיקע ערטעלע באַקומען בא אונדז אינעם ייִשעוו דעם נאָמען „גדאליעס קאָנסערוואַטאָ־ריע".

ניקאָלײַ פלעגט שאָענלאַנג אָפּזיצן בא גדא־ליען, זיך צוקוקן מיט גרויס פאַרכאַפּטקײַט צו דער אַרבעט פון זײַנע קלוגע פינגער, וואָס האָבן מיט דער זעלבער געשיקטקײַט און בערייַשאַפט געהאַט צו טאָן מיט די האָלץ־טיילן און מעטאַל־טיילן פון די מוזיקאַלע אינ־סטרומענטן. ער האָט בישטיקע אין דער היים אופגעמײַסטרעוועט א פירסטרוניקע דאָמרע, אויסגעצאַצקעוועט די אויבערשטע דעקע מיט פערלמוטערנע אינקרוסטאַציעס שוואַרץ־מאַטעוו־ווײַס, באדעקט דעם פאנציר מיט בלאסן לאק. איין קלייניקײַט אָבער: אָט־אָ־די פּרעכטיקע דאָמרע, וואָס איז געווען אליין א שטיק קונסט־ווערק, האָט ארויסגעגעבן צוגעדומפּענע, גרילצנדיקע הילצערנע טענער. ניקאָלײַ האָט געפּרוּווט איבערוקן דאָס שטעדעסל אונטער די סטרונעס ארוף, אראָפּ — איין טײַוול! איז ער געקומען מיט איר צו גדאליען:

— אין וואָס שטעקט דער סאָד?

גדאליע האָט גענומען די דאָמרע, א פּויק געטאָן מיטן פינגער־ביינדל אין דער אונטער־שטער דעקע, צוגעלייגט צו איר אַן אויער, זיך אײַנגעהערט אין דער שוואַכער קלאַנגען־ווייברירונג פון די סטרונעס.

— דו זעסט אין דעם האָלץ די שיינע פאָר־מע, — האָט ער געזאָגט, — די שיינע פאָרמע, וואָס דו קאָנסט אים צוגעבן מיט דײַנע גאָל־דענע הענט. אין דעם פאַך איז אָבער וויכטיק דערהערן, צי דאָס האָלץ זינגט, צי האָט עס א נעשאָמע.

ווײַזט אויס, גדאליע האָט טאַקע געהאַט עפּעס א קישעף. דאַכט זיך, וואָס? ער האָט צע־נומען די קיילע, אַראָפּגעשאָבן פון איר אין עט־לעכע ערטער מיט א שאַרפן מעסער צוביסלעך האָלץ, דורכגעזאַפּט דעם גאַנצן קאָרפּוס מיט עפּעס א פאַרבלאָזן געמיש, ווידער צונויפגע־קלייעט, און די דאָמרע האָט אָנגעהויבן שפּילן. גדאליע האָט אים דעמלט געזאָגט:

— שאַפן מוזיקאַלע אינסטרומענטן איז א לאָטעריי: מאַכסט, אשטייגער, א פידל, לייגסט אַרײַן אין אים דײַן גאַנצע קענטשאַפט, די גאַנ־צע דערפאַרונג, וואָס האָסט אָנגעזאַמלט באַם מאַכן אַלע דײַנע פריערדיקע פידלען. נאָר טוסט א פיר מיטן סמיק — „שירפּאָטרעב"! א געוויינ־לעכע קיילע, וועלכע דו קענסט קויפן אין א לאַדן אוניווערמאַג. דערפאַר אָבער וואָס פאַר א גליק, ווען דיר גיט זיך אײַן אויסמײַסטרעווען אַזוינס, וואָס נעמט „ריידן ווערטער".

3

ס'זײַנען געגאַנגען יאָרן. בא גדאליען מיט שיינדעלען איז אויסגעוואַקסן א טאָכטער ריוו־קע, אויסגעוואַקסן פאַר אונדזערע אויגן א שיי־נע, ווי די מאַמע, א געראָטענע, געוואָרן א קינ־דער־דאָקטער. זי איז אָבער געשטאָרבן א יונגע און איבערגעלאָזט א פינפיאָריק ייִנגעלע עלעק. מיט צוויי יאָר צוריק איז אויך אַוועק שיינדעלע. גדאליע האָט איצט געלעבט איינער אַליין אין זײַן געראַמען הויז. זײַן אייניקל עלעק, וואָס האָט זיך בא אים דערצויגן נאָך דער טאָכטערס טויט, האָט פאַרענדיקט דעם כאַבאַראָווסקער

פּאַליטעכנישן אינסטיטוט און איצט געאַרבעט אַפּן באַם אַלס אינזשענער בריקבויער.

דאָ ניט לאַנג האָט ער אין א בריוו צום זיידן באַשריבן, ווי ער האָט אָפּגעגעבן זײַן ערשטע בריק איבער א ניט גרויסן, אָבער בײַז־שטראָמיקן טײַך טולונקע. „די גאַנצע בריגאַדע אונדזערע, — האָט ער געשריבן, — איז געשטאַנען אף א פּליט אונטער אונדזער נײַנקער בריק, און איבער אונדזערע קעפּ האָט דורכגעדונערט דער ערשטער צוג. ס'איז געווען א פּײַערלע־כער אומפאַרגעסלעכער מאָמענט".

גדאַליע האָט אונדז איבערגעלייענט דעם בריוו. ניקאָלײַ האָט טרוימעריש געזאָגט:

— ווען מיר וואָלטן ייִנגער געווען כאָטש מיט א יאָר פינף, וואָלטן מיר זיך אויך אראָפּ־געכאַפּט אהין, אַפּן באַם. וואָס, ניין?

זינט עלעק איז אוועקגעפאָרן, איז בא גדאַ־ליען די שטימונג א דערשלאָגענע. עס כאַפּט אים אָפּטמאָל אָן א בענקשאַפט נאָכן אייניקלס גוטע און ריינע טויבן־אויגן, וועלכע דערמאָנען אים די טאַכטער און דאָס ווײַב. ער קען זיך דעמלט קיין אָרט ניט געפינען. ער זאָגט, אַז ווען עלעק וווינט שוין ערגעץ אין א באַזעסן אָרט, וואָלט ער, גדאַליע, ניט געקוקט אף דער עלטער און די כאַלאַסן, זיך אראָפּגעכאַפּט צו אים, נאָר דאָרט איז נאָך דערווײַל בלויז א „פּונקט" — טײַגע, א צוזאַמענוווינונג אין א באַ־ראַק.

אין יענעם זומערדיקן אָוונט איז גדאַליע גע־שטאַנען באַם שטאַכעטניק פון הויף און צוגע־קוקט, ווי זײַן שאָכן ניקאָלײַ סעדיך נעמט אראָפּ די אַלטע שניצעכצן פון זײַן פענצטער און לאַ־דעוועט צו צו די בלויע לײַסטלעך שפּאָגל־נײַע מיט זייער א שיינעם קונציקן אָרנאַמענט. ניקאָ־לײַ איז אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט צוריק, מיט די פינגער פון ביידע הענט פאַריכט דעם היטע־לע פון צײַטונגס־פּאַפּיר אַפּן קאָפּ, א גלעט גע־טאָן די אראָפּהענגענדיקע טאַראַס בולבישע וואָנצן, א צופּ ארוף געטאָן די גרינע ספּאָרט־הויזן.

— א הויז, — האָט ער געזאָגט צו די אַלע, וואָס זײַנען געשטאַנען און באַטראַכט זײַן אַרבעט, — א הויז איז, ווי א פרײַלן: האָט ליב, אַז מע פּוצט זי און יעדן מאָל מיט א נײַעם פאַסאָן!

און דאָ האָט זיך הינטערן שטאַכעטניק פון גאַס באַוויזן גיטקע. א בלאָנד מיידל אין פּיאָ־נערטע דזשינסן. זי איז פון קאָמיוג צוגעפּעסטיקט צום אגיטפּלאַץ:

— פעטער גדאַליע, — האָט זי ארײַנגעשריִען אין הויף, — פעטער ניקאָלײַ! הײַנט איז אַפּן אגיטפּלאַץ א לעקציע וועגן דער צווישנפעלקער־לעכער לאַגע און יוזיקס א קאָנצערט!

אַפּן אגיטפּלאַץ זײַנען מיר געקומען א בײַ־סעלע צו פרי, געטראָפן דאָרט בלויז עטלעכע באַבעצעס. די אײַנוווינער פון די ארומיקע גאַס־לעך זײַנען נאָך אין אָט דער צײַט געווען פאַר־נומען מיט באַגיסן די גערטנער און מיט שטור־ביקע טועכצן, נאָר אף דעם קליינעם בינעלע איז שוין געזעסן יוזיק, א באָכערל פון א יאָר צוואַנציק — איין און צוואַנציק, מיט א פּאַטלע לאַנגע האָר, וואָס האָט אים געמאַכט ענלעך צו א מיידל. א סטודענט פון וולאַדיוואָסטאָקער קונסט־אינסטיטוט — א באַיאַניסט, פלעגט ער, קומענדיק אהיים אף קאַניקולן, ארויסטרעטן פאַר די אײַנוווינער פון אונדזער עקסטאָט־יישעוו מיט קאָנצערטן.

אַפּן טישל בא דער וואַנט האָבן מיר דערזען א שיינעם גלאַנציקן שוואַרצן באַיאַן מיט א פּערלמוטערנער קלאַוויִאַטור און מיט א היפּשער רײַ ווײַסע רעגיסטער־קנאָפּקעס. איין שנור, וואָס האָט זיך געצויגן פון אים, איז געווען אײַנ־געשלאָסן אין דער ראָזעטקע איבערן טישל; א צווייטער האָט זיך אראָפּגעלאָזט צום דיל און זיך פאַרענדיקט מיט א פּעדאַל. ניקאָלײַ האָט אזש א שמוצער געטאָן מיט די ליפּן:

— אוווּ! א צאַצקע!

אף יוזיקס מיידלשן פּאָנעם האָט זיך באַוויזן א גוטמוטיקער שמייכל:

— ס'איז א טײַערע צאַצקע, פעטער ניקאָלײַ. ס'איז אַן עלעקטראָנישער באַיאַן און געקראָגן האָב איך אים פאַ־באַלאַטע.

— און וואָס איז מיט אים דער מער? — האָט ניקאָלײַ געוואָלט דערגייען.

— דער מער?

יוזיק האָט גענומען שפּילן א פּיעסקע, וועל־כע האָט געזאָלט דעמאָנסטרירן די גרויסע מעג־לעכקײַטן פון זײַן אינסטרומענט. ער האָט גע־ביטן די רעגיסטערס, אריבער פון איין טעמבער צום צווייטן: אָט איז א פידל, אָט א וויאָלאָנ־טשעל, און אָט איז א קלאַרנעט. יוזיקס פינ־גער האָבן טײַוולאָניש־בליציק ארומגעשוועבט איבער די יאָמטעוודיקע ווײַסע קלאַוויש־קנעפּ־לעך. פאַרענדיקט שפּילן, האָט יוזיק אָנגעשפּאַרט די גאָמבע אַפּן באַיאַן, וואָס איז בא אים געשטאַ־נען אף די קני, און אופגעהויבן זײַנע שמייכ־לענדיקע אויגן אף גדאַליען. ער האָט געוווּסט גדאַליעס ניט געהויבענע מיינונג וועגן די מוזי־קאַלע פאַבריק־אינסטרומענטן. גדאַליע האָט גע־האַלטן, אַז אַן עמעסע „קיילע" דאַרף א מײַ־סטער מאַכן מיט די הענט, באַדאַכט, ווי א קונסט־ווערק, ס'זאָל אריבערגיין פון טאַטן צום זון, פון זיידן צום אייניקל. דער מײַסטער דאַרף אין דער קיילע ארײַנגעבן א נעשאָמע, און אין דעם וועט א מאַשין קיינמאָל קיין מענטשן ניט פאַרבײַטן.

מיר זײַנען דערנאָך געגאַנגען אַהיים איבער די שטילע באַנאַכטיקע געסלעך פונעם יישוב. פונעם טײַך האָט געבלאָזן א פריש ווינטל, נאָר די לופט איז געווען אָנגענעם־וואַרעמע. צווישן די ביימער אין די אַרומיקע סעדלעך, צווישן די בלומען און צוניפגעגאָסענע שוואַרצע מאַסיוון האָבן זיך גאָלדיק געצונדן און געלאָשן גלי־ווערעמלעך. די שטאָט האָט געקוקט מיט אירע פײַערן אַף אונדזער יישוב שוין גאָר פון דער נאָענט, אָט נאָך א גאַס, נאָך עטלעכע הײַזער — און זי איז שוין דאָ. דער אוילעם האָט גערעדט וועגן יוזיקס באַיאַן און וועגן זײַן שפּילן, וועלכער האָט שטאַרק דאָס מאָל אויסגענומען: באַך, בעטכאָווען האָט דער מאַזיק געשפּילט אַף אַזא קיילע! גדאַליע האָט געשפּאַנט א הויכער, א דאַרער, עטוואָס א סוטולער, א פאַרטאָנגענער אין זײַנע מאַכשאָווועס, ניט נעמענדיק קיין אָנטייל אין אונדזער שמועס. מיר, די שכיינים, האָבן געוווּסט: אויב גדאַליע גייט אַזוי פאַרכושט, פאַרטאָן אין זיך, ווערט באַ אים געבאָרן עפּעס אן אידיי, און מע דאַרף וואַרטן אַף עפּעס נײַס.

אַזוי איז טאַקע געווען. אין עטלעכע טעג אַרום האָבן מיר דערזען אַף די פענצטער פון זײַן אַרבעטס־צימער די באַוווּסטע ווײַסע פאַרהענגלעך, מיט וועלכע ער טיילט זיך אָפּ אַף א צײַט פון דער אַרומיקער וועלט, פאַרהענגלעך, פאַרצויגענע פון בײַשטידל ביז בײַשטידל אָן א מינדסטן דורכלויכט. אָפּן גאַס האָט מען אים גענומען זען גאָר זעלטן, אין קראָם פלעגט פאַר אים אײַנקויפן ניקאָלײַס ווײַב וואַרוואַרע. אין די אָוונטן האָבן זיך די שכיינים, ווי שטענדיק, געזאַמלט אין „גדאַליעס קאָנסערוואַטאָריע", דאָס הייסט, אָפּן פּלאַץ באַ זײַן הויז — שוין נײַע דוירעס שפּילן אין דאָמינאָ און סטאַם פאַרברענגען נאָך דער אַרבעט אין שאָטן פון די טאָפּאָליעס, וואָס זײַנען נאָך פאַרבליבן באַ אונדז פון דער אַמאָליקער טײַגע. עמעצער האָט געלאָזט א קלאַנג, אַז גדאַליע אַרבעט איצט איבער עפּעס א ביז גאָר טשיקאַווען אינסטרומענט פון דעם „עליטע"־האַלץ, וואָס ער האָט אויסגעהאַלטן א גאַנץ לעבן. מע האָט געפּרוּווט צושטיין צו ניקאָלײַען, ווי צו דעם אָפּטסטן אַרײַנגייער צו אים. וואָס? ניקאָלײַ פלעגט א גלעט טאָן די אַראָפּהענגענדיקע וואָנצן, געהיימניספול צולייגן א פינגער צו די ליפּן:

— טססס! ער שמידט אונטער...

— וועמען?

— א פלוי. אַזוי ווי דער טולער לעווּשאַ...

אַזוי איז אַדורך דער זומער. אין די באַגינענס האָט זיך איבער דער בירע גענומען רויכערן א נעפּל, וואָס איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ געדיכטער און נעענטער. די בלעטער אַף די ביימער לענגויס די הילצערנע טראָטואַרן האָבן אָנגעהויבן געל ווערן און וועלקן. און אין איינעם א זונטיק האָבן די פאַרהענגלעך אַף גדאַליעס פענצטער זיך אָפּגעשאַרט, די פאַראַדטיר פון זײַן שטוב האָט זיך, ווי שטענדיק, צעעפנט פאַר די שכיינים, און מיר האָבן דערזען דעם באַלעבאָס אין א יאָמטעוודיקן אָנצוג, אין א ווײַס אָנגעקראָכמאַלעט העמד מיט אן אויסבינדער. אַליין האָט ער אויך אויסגעזען יאָמטעוודיק, ווי מיט א סאַך יאָרן צוריק.

אינעם זאַל איז אָפּן טיש אין אן אָפּענעם שיידל אַף רויטן סאַמעט געשטאַנען א באַיאַן, ניט קיין איבעריק גרויסער. די דעקעס — גלאַנציק־שוואַרץ לאַקירט. די קלאַוויאַטור — אן איבערגוס פון פּערלמוטער און בורשטין, די זעק־קנייטשן שאַרלעך־רויט — אן עמעסער פײַער־פויגל! גדאַליע האָט שווײַגנדיק אַרופגענומען אָפּן אַקסל דעם רימען, א יאָג געטאָן די פינגער אַרוף און אַראָפּ איבער די קלאַווישן און...

צוערשט האָבן זיך דערהערט מעכטיקע אָרגל־קלאַנגען, וואָס האָבן אָנגעפילט דעם גאַנצן צימער, נאָכדעם האָט עטלעכע טאַקטן דורכגעשפּילט א צאַרטע פידל, וואָס איז גלײַך אַריבער אין דער ברוסטיקער שטים פון א וויאָלאָנטשעל, עטלעכע געציקלטע רולאַדן פון א קלאַרנעט. עמעצער פונעם אוילעם האָט אויסגערופן:

— פונקט ווי באַ יוזיקן!

— אַזא און ניט אַזא, — האָט גדאַליע א שמייכל געטאָן. — מיט איין שטים מערער. — ער האָט געמאַכט א פויזע, א וואָרף געטאָן א שעלמיש־גוטמוטיקן בליק אָפּן אוילעם, און ס'האָבן זיך דערהערט קלאַוויר־טענער. גדאַליעס באַיאַן האָט געשפּילט ווי א פאָרטעפּיאַנע.

באַוויזן פאַר אונדז אַלע מעגלעכקײַטן פון דער נײַער קיילע, האָט גדאַליע מיט א קנאַק גענומען שפּילן א פריילעכס, ווי גאָר מיט יאָרן צוריק, ווען ער איז נאָך געווען יונג און ס'האָבן נאָך געלעבט שיינדעלע מיט דער טאָכטער און עלעק איז געווען מיט אים. די יונגע כעוורע אין דרויסן — זיי אבי מוזיק — זײַנען אוועק א טאַנץ.

אַף דער אויבערשטער דעקע האָט זיך מיר א וואָרף געטאָן אין די אויגן א לענגלעכער זילבערפאַרביקער ראָמב און אַף אים איז געווען אויסגראַווירט: „גדאַליע ברומשטיין — א מאַטאָנע די בויער פון ב א ם"...

א גאַז־שווייסערן

1

אַף די ווענט באַ מיר אין צימער הענגען אײל־עטיודן, אַקוואַרעלן און ליניאָ־גראַווירן — פּייזאַזש־מאָטיוון, וועלכע איך האָב געמאָלט די לעצטע צײַט. צווישן זיי אויך אַ פּאָרטרעט, ריכ־טיקער אַ סעריע וואַריִאַנטן פון איין פּאָרטרעט פון נינעל — אין דער גאַנצער גרייס, ביז די קני, ביז האַלב; אין שווייסער־ברילן און אין אַ בלויער קאַסקע און אויך אָן ברילן, אָן דער קאַסקע. אירע אויגן אָפּשפּעטעריש, גרויסהאַל־טעריש־פאַרטשורעט און באַשיידן גוטמוטיקע; אין אַ טונקל־בלויען קלייד מיט קורצע אַרבל; אין אַ גרין געקעסטלט קליידל מיט אַ ווײַסער בלוזקע; אין אַ ברעזונטענער קורטקע און ברע־זענטענע הויזן מיט אַ שווייסער אין די הענט... אויסער דעם האָב איך נאָך אַ היפּשע פּאַפּקע מיט עסקיזן, ווו דאָס מיידל איז געצייכנט אין פאַרשיידענע אַרבעטס־פּאָזעס און פאַרשיידענע ראַקורסן. אָט אַף אָט־די פּאָרטרעטן קוק איך דערווײַל מיט אַ שווער האַרץ: דאַכט זיך, גענוג אַף זיי ליכט, גענוג לופט, גענוג הימל איבערן קאָפּ פונעם מיידל. אָבער אליין דאָס מיידל... דעם עמעס געזאָגט, טראַכט איך נאָך אויך איצט, אַז דער פּאָרטרעטן־זשאַנער און דאָס טעמאַטי־שע בילד זײַנען ניט מײַן געביט. נאָר ס׳גייט דורך אַ שטיקל צײַט, און איך קער זיך ווידער אום צו מײַן „גאַזשווייסערן״, ווי איך האָב אָנ־גערופן די פּאָרטרעט־עטיודן. איין טור, זאָג איך זיך אליין, — אַ צווייטער, אַ דריטער, אַ צענ־טער — איינער פון זיי מוז געראָטן.

2

אַהער, אָפן ווײַטן מיזרעך, בין איך געקומען נאָכן ענדיקן דעם מאָסקווער סוריקאָוו־אינסטי־טוט און זיך גלײַך צוגעכאַפּט מאָלן די „פּרעכ־טיקע און האַרבע״, ווי מע שרײַבט וועגן איר, ווײַטמיזרעכדיקע נאַטור. פאַר די עטלעכע יאָר האָב איך מײַנע אַרבעטן אויסגעשטעלט אַף די קאַנטישע און זאָנאַלע אויסשטעלונגען. באַ אונ־דזערע מאָלער פונעם ווײַטן מיזרעך אַן סיביר האָב איך געגומען קריגן אַ רעפּוטאַציע פון אַ „פּייִקן פּייזאַזשיסט״. די לעצטע צײַט האָט זיך מיר אָבער פאַרוואָלט אַ פּרווו טאָן די קויכעס אין פּאָרטרעט־זשאַנער און אויך אין אַ סוזשע־טישער קאָמפּאָזיציע. דעריבער, ווען איך האָב געדאַרפט אַרויספאָרן מיט מײַן גרופּע סטודענטן אַף „פּלענער״ סאָף לערניאָר, האָב איך אויסגע־קליבן דעם ייִשעוו טעפּלאָוואָדסק מיט זײַנע פּרעכטיקע טײַגע־אומגעגנטן און דעריקער מיט זײַן צעמענט־זאַוואָד, איינער פון די גרעסטע אָפן ווײַטן מיזרעך. ס׳האָט זיך דאָרט אויך גע־נומען בויען אַ טעץ. קורץ, דאָרט האָט געברויזט אַ לעבן!

„פּלענער״... דאָס איז באַ די סטודענטן פון דער מאָלערײַ־שול די בעסטע צײַט פון לערנ־יאָר. גאַנצע טעג געפינט מען זיך אָפן שויס פון דער נאַטור, מע בלאָנקעט אום אין טײַגע, מע צינדט שײַטערס אָפן ברעג פון דער קאַל־טער, האַסטיק־שטראָמענדיקער בירע, מע באָדט זיך, מע פאַרנעמט זיך מיט פישפאַנג און געיעג. אין דער זומערדיקער טײַגע איז דאָ אַזויפיל פּרעכטיקע פּייזאַזש־מאָטיוון, איינער הערלעכער פונעם אַנדערן. איך האָב געהאָפט, אַז נאָכן אָנ־געשטרענגטן לערניאָר, וואָס האָט צוגענומען די גאַנצע צײַט, וועל איך איצט אָן אַרבעט טאָן!

אין טעפּלאָוואָדסק האָט זיך מײַן גרופּע סטו־דענטן צעטיילט אַף צוויי טיילן. די „פּייזאַ־זשיסטן״ זײַנען אוועק אין די בערג, אין דער טײַגע מאָלן עטיודן. די מערהײַט האָט זיך אָבער געלאָזט אָפן צעמענט־זאַוואָד און אַף דער בויונג פון דער טעץ. איך האָב אויך גענומען אַרומ־בלאָנקען איבער די הויכע דורכגעשטויבטע מיט צעמענט צעכן, איבער די קאַריערן, פונוואַנען טאָג און נאַכט האָבן געיאָגט צום זאַוואָד וואַגאָ־נעטקעס מיט הליבעס קאַלכשטיין. די אַרבעטער האָבן די ערשטע צײַט געקוקט מיט נײַגער אַף מיר: ס׳גייט אום איבער די צעכן אַ הויכער באָ־כער מיט אַ בלאָנדער טשופּרינע אין פּיאָלעטע דזשינסן, אין די הענט אַ בלאָקנאָט און אַ פלאָ־מאַסטער, נאָר גאָר איניגיכן האָבן זיי זיך צוגע־וווינט צו דעם, וואָס איך שטעל זיך אָפּ באַ דעם אָדער באַ יענעם און נעם זיך מאָלן אַ פּאָרטרעט־עסקיז, אַן אַרבעטס־פּראָצעס. צוליב וואָס — איז מיר אליין נאָך געווען ניט אינגאַנצן קלאָר.

איז אָט, שטיי איך איינמאָל אַף די רישטע־וואַניעס פונעם הויפּט־קאָרפּוס פון דער טעץ און קוק אַף דער הערלעכער פּאַנאָראַם, וואָס האָט זיך פאַר מיר געשפּרייט: אינעם טאָל — דער שיינער ייִשעוו מיט זײַנע פילגאָרנדיקע ווײַס־שטייניקע געבײַדעס און באַם האָריזאָנט, וואָס איז אויסגעקאַרבט געווען מיט אַ זיגזאַגאַרטיקער ליניע פון די פּיִאָלעטע באַרג־רוקנס, רייען זיל־בערפאַרביקע נאַפט־רעזערוואַרן, ענלעכע אַף יורטעס פון נאָמאַדן; אַף די וועגן אַ יאָגע־ניש פון לאַסט־מאַשינעס מיט ציגל, סאַמאָסוואַלן מיט בעטאָן.

אונטן, אַ מעטער דרײַסיק פונעם קאָרפּוס, האָב איך באַ צוויי גראָבע ריזיק לאַנגע טרויבן

דערזען א פיגור פון א גאזשווייסערן. פון די רישטעוואַניעס האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אז בא איר אין די הענט צאַפּלען, טאנצן בלוילעכע בליצלעך. דאָס איז געווען א מיידל פון מיטעלן וווּקס, עפּשער עטוואָס העכער. די שוץ־ברילן האָבן צוגעגעבן איר לענגלעך פּאָנעם עפּעס א כשיוועסדיקן ערנסט; די קאַסקע איז בא איר געווען עטוואָס אַראָפּגערוקט אפן רעכטן אויער און פון איר האָבן זיך אפן שטערן אַרויסגע־שלאָגן עטלעכע פּאַסמעס טונקעלע האָר; איר שלאַנקייַט און קרעפטיקע בייגעוודיקייַט האָבן זיך געלאָזט אַרויסזען אפילע פונעם האַמעטע־נעם ברעזענט־רעקל און ברייטע ברעזענטענע הויזן.

איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזט פון די רישטע־וואַניעס און צוגעגאַנגען צו דער שווייסערן, גענומען קוקן מיט אנציקונג, ווי קונציק גלייַך שנירלען זיך אויס איינער נאָכן אנדערן, איינער אפן אנדערן, ווי א בינטל קאַרעלן, די צע־שמעלצטע טראָפּנס פונעם עלעקטראָד אפן טרויבן־אופשניט. פאַרענדיקט, האָט זי מיט א לייַכטן גראַציִעזן קלאַפּ פון דער שמאָלער דלאָ־ניע פאַרלאָשן דעם שווייסער, א שאַר געטאָן אַרוף צום שטערן די שוצברילן. איך האָב דער־זען אירע לענגלעכע טונקל־קאַרע אויגן. זי האָט מיך אָנגעקוקט א ביסל פאַרוווּנדערט, נאָר באַלד איז אף איר פּאָנעם דורכגעלאָפן א קוים באַ־מערקבאַרער שמייכל.

— עמעסע קונסט! מייַסטערשאַפט! — האָב איך אויסגערופן.

— אָנגענעם דאָס צו הערן פון א קינסט־לער, — האָט זי געענטפערט.

— פונוואַנען ווייסט איר, אז א קינסטלער?

— איר זייַט מייַנער אן אלטער באַקאַנטער...

— אן אלטער באַקאַנטער?

— נאָך א מין! בא אייַך האָב איך געהאַט א מיִעסן דורכפאַל. דעם ערשטן אין מייַן לעבן, — האָט זי שמייכלענדיק געזאָגט.

— אזוי אפילע? א דורכפאַל? בא מיר?

— יאָ, בא אייַך.

ווייַזט זיך אַרויס:

מיט א יאָר פינף צוריק האָט זי, דעמלט די פּופּצניאָריקע נינעל אייַזמאַן, די „בעסטע" מאָ־לערן בא זיך אין שול פונעם ייִשעוו, וועמען אלע האָבן פאָרויסגעזאָגט א גלענצנדיקע צוקונפט פון א מאָלערן, געוואָלט אָנקומען אין אונדזער מאָלערייַ־שול, נאָר בייַסן עקזאַמען בא מיר — זי האָט אפילע פאַרגעדענקט מייַן נאָמען און פאַמיליע־נאָמען כיל אַראָנאָוויטש זשאָלקווער — האָט זי אַרייַנגעכאַפּט א „דרייַ" אף געמעל און ניט דורך לויטן קאָנקורס...

„מיט א יאָר פינף צוריק"... דאָס איז געווען מייַן ערשטער לערניאָר נאָכן אינסטיטוט. יאָ, עפּעס מעטושטעש איז בא מיר פאַרבליבן אין זיקאָרן א דאַרינק לאַנגפּיסיק מיידעלע מיט טונ־קעלע צעפּעלעך. איך בין גראָד דעמלט נאָך עפּעס אַרייַן אין קאַנצעליאַריע, ווען זי האָט צוגענומען די דאָקומענטן. אין די לענגלעכע קינדעריש־דערשראָקענע אויגן זייַנען בא איר געשטאַנען גרויסע טרערן, וועלכע זי האָט מיט אלע קויכעס זיך געסטאַרעט באַהאַלטן און ניט געקענט. איך האָב געקוקט איצט אפן מיידל, געוואָלט געפינען אין איר שפּורן פון יענער מיט די צעפּלעך. אָנשטאָט יענע דערשראָקענע אויגן — אויגן, וואָס קוקן אף מיר מיט א דרייסטן שמייכל. עמעס, ווי מיר האָט זיך גע־דאַכט, אויך מיט א קאַפּעלע אָפּשייַ. מעגלעך, ס'איז געווען ניט זי...

„א באַגעגעניש", האָב איך א טראַכט געטאָן און געפּרוּווט אַריבער אף א שפּאַסיקן טאָן:

— געוויס האָט איר מיך ניט איין מאָל נאָך דעם דערמאָנט „צו גוטן"...

— דעמלט — יאָ, — האָט זי געלאַכט.

— א קינסטלערן זייַט איר אלציינס גע־וואָרן, — האָב איך געזאָגט.

— אָבער ניט קיין מאָלערן.

לויט דעם, ווי זי האָט עס אַרויסגעזאָגט, האָט זיך מיר געדוכט, אז א פאַרדראָס, א ניט־גוטער געפיל צו מיר איז בא איר דאָך פאַרבליבן. איך בין דאָך געווען דער, וואָס האָט צעשטערט איר טרוים. איך האָב זיך דערפילט ניט גאָר באַק־וועם, נאָר דאָ איז בא מיר אופגעקומען א גע־דאַנק, וואָס האָט אַרויסגעשטויסן אלע איבע־ריקע: אָט איז דאָך א גלענצנדיקע טעמע פאַר א פּאָרטרעט — א בילד! א גאזשווייסערן!

— נינעל, — האָב איך געזאָגט, — מייַלע, וואָס געווען איז געווען. דערלויבט מיר איצט האַלטן עקזאַמען בא אייַך...

זי האָט מיך פרעגנדיק אָנגעקוקט.

— איך וויל מאָלן אייַער פּאָרטרעט.

זי האָט א שמייכל געטאָן:

— מייַן פּאָרטרעט, צי א „מיידל א גאזשוויי־סערן"?

— אי דאָס, אי יענץ, אויב ס'וועט זיך באַקו־מען.

— ביז איצט האָב איך אייַך געקענט אלס פּייזאַזשיסט.

— געקענט אפילע?

— נו יאָ, וואָס וווּנדערט איר זיך? איך האָב געזען אייַערע פּייזאַזשן אף די אויסשטעלונגען אין כאַבאַראָווסק און אין בירּאָבידזשאַן.

איך האָב זיך דעמלט א שטאַרקן נעם געטאָן פאַרן בילד, געצייכנט פון נינעלן פּילצאָליקע עסקיזן בייַס דער אַרבעט און נאָכדעם אינעם קולטור־פּאַלאַץ, ווו כ'האָב אויסגעפּויעלט אן ערטל אף אוועקצושטעלן דעם מאָלבערט. גע־אַרבעט האָט זיך עפּעס צו לייַכט. מיך האָט

אפילע, דעם עמעס געזאָגט, געשראָקן אָט די דאָזיקע ליַיכטקיַיט. נינעל האָט מיר דערציילט, אַז נאָך איר „דורכפאַל" בא מיר האָט זי פאַרענדיקט די שול, און ווי אַנדערע מיידלעך פונעם יישעוו, אָנגעקומען אַרבעטן אַף דער בויונג פון דער טעץ, געוואָרן א מאַליער. ס'איז איר צוניץ געקומען די נטיָע צו מאָלן, דער אינטערעס צו ליניע און פאַרב. און זי וואָלט מיַיסטאַמע פאַרבליבן בא אָט־אָ דעם פאַך, ווען ניט די בריגאַדע מאָנטאַזשניקעס און שווייסער, וואָס זיַינען אַראָפּגעקומען דעמלט אַף דער בויונג. זי האָט זיך גענומען צוקוקן צו זייער אַרבעט, באַזונדערס צו די עלעקטראָ־ און גאַז־שווייסער און זיך אַליין געזאָגט: אָט דאָס איז דאָס, וואָס זי דאַרף. דאָס איז אי אַרבעט, אי קונסט! פּונקט דעמלט האָט מען באַם היגן מעכאַנישן טעכניקום געעפנט קורסן פון גאַז־שניַידער און שווייסער.

נינעל פלעגט קומען אין קולטור־פּאַלאַץ פּאָזירן גליַיך פון דער אַרבעט, ווי איך האָב זי געבעטן, אין דער ברעזענטענער ספּעצאָווקע. א שאָ צוויי יעדן טאָג האָב איך געאַרבעט איבער דער „שווייסערן", ביזוואַנען דאָס זיַיטיקע ציַימערל פלעגט זיך אָנפילן מיט טונקלעניש. דעמלט פלעג איך זי באַגלייטן אַהיים, צום צווייטן עק יישעוו, ווו זי האָט געוווינט מיט אירע עלטערן. מיר פלעגן מיט איר אָפּזיצן נאָכדעם ביז שפּעט אין דער נאַכט אַפן באַלקאָן און ריידן וועגן מאָלער און בילדער, אין וועלכע זי האָט אומדערוואַרט אַרויסגעוויזן גרויס באַהאַוונטקיַיט. נאָר מער פון אַלץ איז זי געווען פאַרכאַפּט מיט איר אַרבעט, וועגן וועלכער זי האָט געקענט שאָענוויַיז אָפּריידן, וועגן מענטשן, וואָס זיַינען באַוווּסט אַף דער בויונג מיט זייער מיַיסטערשאַפט. איר, נינעל, פאַרטרויט מען אויך גאַנץ קאָמפּליצירטע אַרבעט, אַזויגערופענע דעקע־שווייסונג. עס זיַינען אָבער פאַראַן מיַיסטערס, וואָס קאָנען פאַרקאָכן א נאָט אין אַזעלכע ערטער און אין אַזעלכע פּאָזיציעס, וואָס ס'איז אפילע אומעגלעך זיך פאָרצושטעלן... דאָס זיַינען קינסטלער!

נעכט זיַינען געשטאַנען ווונדערלעכע, מילד־וואַרעמע. פונעם באַלקאָן האָט זיך געזען דער גאַנצער יישעוו מיט זיַינע פיַיערן, דער צעמענט־זאַוואָד מיט זיַינע הויכע טרויבן. מיר פלעגן זיצן ביזוואַנען ס'פלעגן אָנהייבן בלאָזן שפּעט־נאַכטיקע ווינטלעך! די טאָפּאָלן אונטן האָבן ערעוו באַגינען גענומען שטאַרקער רוישן. דעמלט פלעג איך זיך אוועקלאָזן איבער די ליידיקע גאַסן צו דער שול־געביַידע, ווו מיר האָבן גענעכטיקט, מיט א געפיל פון אַן אויסגעצייכנט דורכגעלעבטן טאָג.

ווען די „גאַזשווייסערן" איז פאַרענדיקט געוואָרן, זיַינען אַלע סטודענטן געקומען אין קולטור־פּאַלאַץ א קוק טאָן אַף איר. אייניקע האָבן זיך גוט אָפּגערופן, געפונען אין איר א ריי מיַילעס, נאָר מורע מאַרטיניוק — א בלאָנדע סטודענטקע אין גרויסע שוואַרצע ברילן, ניט קיין איבערגעשפּיצטע, נאָר א בעפּיירעשער טאַלאַנט, — האָט געקוקט אַפן ליַיוונט און געשוויגן.

אָ, איך ווייס גוט אָט־אָ־דעם מין שוויַיגן! נאָר וואָס — מורע! איך אַליין האָב איצט געפילט, געזען: אַפן ליַיוונט איז אין דער גאַנצער גרייס אָנגעמאָלט א מיידל אין א ספּעצאָווקע מיט א שווייס־רער אין די הענט. דער געמעל, דער קאָלאָריט ניט שלעכט. מיר איז אָבער ניט געלונגען איבערגעבן אין איר דאָס, וואָס כ'האָב געוואָלט — א געשטאַלט פון א יונגער הײַנטציַיטיקער אַרבעטערן, איר רײַכע גײַסטיקע וועלט, איר געפיל פון א מענטשן א באַלעבאָס אַף זיַין ערד... און דערביַי א שיינע, צוציִענדיקע פרוי...

וויכטיקער פון אַלץ איז מיר, נאַטירלעך, געווען נינעלס מיינונג. נינעל איז געקומען נאָך דער אַרבעט און א לענגערע וויַילע געקוקט אַפן בילד. אויך אַף איר פּאָנעם האָב איך געלייענט: ס'האָט זיך ניט באַקומען! מיט א ציטעריק האַרץ האָב איך איר אַריַינגעקוקט אין די אויגן: דעם עמעס און נאָר דעם עמעס!

נינעל האָט מיר געזאָגט, אַז זי איז מיר מעקאַנע מיַין טרעניִרטע, געשולטע האַנט, נאָר אַז אָפּט האָט זיך איר בייסן פּאָזירן געוואָלט אַרויסכאַפּן בא מיר דאָס פּענדזל און צוגעבן איר פּאָנעם, איר פיגור אייניקע ליניעס, אייניקע פלעקן, אייניקע פּראָטים, קוים מערקבאַרע, וועלכע איך האָב נאָך ניט געפונען און וואָס אין זיי, האָט זיך איר געדוכט, איז, אייגנטלעך, דאָס איקערדיקע, דאָס פּינקטלעכע, פון וואָס דאָס בילד וואָלט באַקומען לעבן...

בא מיר איז געווען אַזא געפיל, אַז איך בין דורכגעפאַלן ערגער, ווי נינעל מיט פינף יאָר צוריק אַפן עקזאַמען. איך האָב זיך דערפילט שולדיק פאַר די שאָען, וואָס זי האָט אָפּגעגעבן אַף צו פּאָזירן. מיט א שווער געמיט האָב איך אַראָפּגענומען דעם ליַיוונט פונעם מאָלבערט און אוועקגעשטעלט אים אַפן דיל מיטן פּאָנעם צו דער וואַנט.

ס'האָט זיך דערנעענטערט די צײַט, ווען מיר האָבן זיך געדאַרפט אומקערן אין שטאָט. מיט נינעל האָב איך פאַרגעזעצט זיך באַגעגענען. איך האָב געמאָלט איר פּאָרטרעט מיט קויל. איינמאָל האָט זי מיר געזאָגט, אַז זי וויל מיר עפּעס וויַיזן און מיך איַינגעלאַדן קומען סאָף טאָג אין קולטור־פּאַלאַץ. ווען איך בין געקומען, האָט שוין נינעל געוואַרט אַף מיר. זי איז געווען אין א וויַיסער בלוזקע, אין א העל־גרין געקעסטלט קורץ קליידל, איַינגעפּרעסט אין די היפטן. די לענגלעכע שמאָלע אויגן און די הויכע פריזור מיטן בייגל אין דער שפּיץ האָבן איר

צוגעגעבן עטוואָס אַן אָנבליק פון אַ שיינער יאַפּאַנערן. מיר זײַנען אַרײַן אין אַ גערױמען צימער אַפן צווייטן שטאָק.

— דאָס איז אונדזער געוועזענע סטודיע, — האָט זי געזאָגט.

אַף די ווענט זײַנען אונטער גלאָז צעהאַנגען געווען אַקוואַרעלן און גואַשן, ליטאָגראַוויורן און אײל־עטיודן. צווישן זיי האָב איך דערזען עט־לעכע געמעלן, אונטערגעשריבן נינעל אײַזמאַן, 13 יאָר אַלט, 15 יאָר אַלט: „דעם זיידנס בערגל", „מיר גליטשן זיך", „פערדעלע־הויקערל". און אָט שפּעטערע, מער רײַפע: „אונדזער ישעוו", „מאַנטאַזשניקעס". און אָט... נינעל האָט אַ קוק געטאָן אַף מיר אַ ביסעלע שעלמיש: אַף אַ לײַוונט איז אין דער גאַנצער ברייט געשטאַנען אַ מיידל אין אַ ברעזענטענער ראָבע, אין אַ העל־בלויער קאַסקע מיט אַ ווייס־רער אין די הענט — אַ גאַזשווייסערן! קאָמפּאָזיציאָנעל קי־מאַט אַזוי ווי באַ מיר, נאָר אין דער פּאָזע, אין דער גאַנצער פיגור פון דעם מיידל, אינעם ראַ־קורס איז געווען אַזויפיל לעבן, נאַטירלעכקײַט און אויסדריקלעכקײַט!

אַף אָט־אָ־דעם בילד האָט מען פון טעכנישן פּראָפעסיאָנעלן שטאַנדפּונקט נאָך היפּש גע־דאַרפט אַרבעטן, נאָר אין דעם איז שוין געווען אַן אָנדײַטונג אַף דעם, וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן וועגן דער הײַנטצײַטיקער אַרבעטערן און ניט געזאָגט.

— נינעל, — האָב איך ביטערלעך אַ שמייכל געטאָן, — אַפן עקזאַמען דעמלט בין איך דורכ־געפאַלן, ניט איר.

אַ פּאָר טעג פאַר אונדזער אָפּפאָר פון טעפּ־לאָוואָדסק האָב איך זיך אָראָפּגעכאַפּט מיט די סטודענטן „פּייזאַזשיסטן" אין דער טײַגע, גע־בראַכט פונדאָרטן אַ לירישן פּייזאַזש־עטיוד: אַ הויכער וואַלד־אָפּריס איבער אַ לעפּצונג פון דער בירע. דאָס וואַסער אָונטיק בלוילעך־ראָז. דעם עטיוד האָב איך געוואָלט לאָזן נינעל אַן אָנדענק.

נינעל האָט געאַרבעט אין דעם צווייטן אומ־בײַט. איך בין אַוועק געזעגענען זיך מיט איר און איבערגעבן דעם עטיוד. פּלאָנטערנדיק אין דעם לאַבירינט פון די פוסטע און טונקעלע דורכגאַנגען, בין איך אַרויס אַף אַ העל באַלויכ־טענעם מיט צוויי שטאַרקע פּראָזשעקטאָרס פּלאַץ, ווו ס'האָט זיך געבויט אַ נײַער קאָרפּוס. אײַזערנע בעטאָן־קאָנסטרוקציעס האָבן זיך גע־צויגן צו דער פינצטערער הויכעניש און דאָרט קימאַט אונטערן שטערנדיקן הימל, אינעם רי־זיקן שטאָלענעם געפלעכט, ווײַט אונטערן דאַך, האָט געאַרבעט נינעל מיט איר שווייסער, נאָכ־שלעפּנדיק נאָך זיך פון דער ערד צוויי ריזיק לאַנגע שוואַרצע שלאַנגען. פונונטן האָט זיך גע־דאַכט — זי הענגט אין דער לופטן איבער אַ קאָפּשווינדלדיקן אָפּגרונט און קישעפט דאָרט אין דער הייך מיט אַ בלוילעך פלעמל, צע־שפּריצנדיק אין אַלע זײַטן גרויסע גאָלדיקע פונקען. איך האָב אָפּגעוואַרט ביז זי האָט אַף אַ ווײַלע פאַרלאָשן איר שווייס־רער און זי אַ רוף געטאָן.

— כיל אָראָנאָוויטש! — האָט זי אָראָפּגע־שריִען צו מיר פון איר הייך, און די שטים אירע איז צו מיר דערגאַנגען, ווי פון ערגעץ ווײַט, — וואַרט צו אַ ווײַלע. איך פאַרענדיק באַלד די אַרבעט!

איך האָב אַ טראַכט געטאָן:

„און באַ מיר, נינעל, הייבט זי זיך ערשט אָן. און אַלץ פון אָנהייב..."

מינע איסײַעוונע

ווי נאָר ס'איז געוואָרן באַוווּסט, אַז דער די־רעקטאָר פון דער פעדשול מאַריע דמיטריעוונע בעזנאָסיק פאָרט טאַקע אַוועק — מע פירט אַרי־בער איר מאַן דעם פאַלקאָווניק אין אַן אַנדער שטאָט — האָט מינע איסײַעוונע באַשלאָסן, אַז איצט איז ענדלעך געקומען איר צײַט. וואָרעם אויב ניט איצט... אַף מאַנגל אין ענערגישקייט האָט זי זיך ניט געקלאָגט אויך ביז דעם, נאָר איצט האָט זי דערפילט אין זיך אַ באַזונדער שטאַרקע ווילנס־קראַפט. קעדײַ צו דערגרייכן דעם ציל, קאָן זי אויך זיך בייגן, אָבער בייגן, ווי אַ שטאָלענע רוט און באַלד זיך אויסגלײַכן און מיטן גאַנצן קויעך אַ שמיץ טאָן און בלײַבן ווידער הארט — ניט אײַנצוברעכן און ווידער קלאַפּן מיטן גאַנצן קויעך, וואָס זי פאַרמאָגט אין אירע אַכט און דרײַסיק יאָר, באַ איר עפעקטפולן אויסזען און באַ אַלע אירע מײַ־לעס, וואָס טיילן זי אויס פון די איבעריקע לע־רער דאָ, אין דער פעדשול, — קלאַפּן אין איין ריכטונג: זי, מינע איסײַעוונע, דאַרף ווערן דער דירעקטאָר!

עטלעכע טעג איז זי געווען ניט צו דער־קענען, פאַרטיפט, שטיל, באַוועגט זיך מיט פאַ־מעלעכע טריטעלעך איבערן קאָרידאָר פון דער פעדשול, איבערן לערער־צימער (כאָטש ניט אַלעמאָל האָט זיך עס אײַנגעגעבן איר אימפּול־סיווער נאַטור); זיך קימאַט ניט אַרײַנגעמישט אין דעם, וואָס האָט זיך געטאָן אַף דער שול־אָפּטיילונג, מיט וועלכער זי האָט פאַרוואַלטעט. אויפגעהערט גיין צו די לערער אַף די לימודים,

גערעדט מיט א צוגעלאָשן קאָל מיט די סטודענטקעס, וואָס זײַנען צו איר אַרײַנגעקומען אין קאַבינעט לויט זייערע איניאַנים, און אין איר גאַנצן אויסזען איז געווען א פאַרטײַעטע דערוואַרטונג אף עפּעס ביז גאָר וויכטיקס.

אָבער אינגיכן איז זי ווידער געוואָרן, ווי שטענדיק, שטאַרק טעטיק. אינעם לערער־צימער האָט זיך ווידער אָנגעהויבן הערן איר פעסטע קלינגענדיקע שטים. אין א רעדל פון די לערער אָדער אין די געשפּרעכן אויג־אף־אויג האָט זי גענומען אײַנטײַנען, אז מע דאַרף ניט האָבן אין פּעדשול קיין „וואַריאַגן", אז אין אזא גרויסן און שטאַרקן פּעדקאָלעקטיוו וועט מען נאָך געפינען א פּאַסיקן מענטשן פון די אייגענע, וועלכע מע קאָן מיט דער פולער זיכערקײַט אוועקשטעלן באַם רודער.

— דער קאָלעקטיוו איז בא אונדז א באַהעפטער, א צוזאַמענגעלעבטער, — האָט זי גערעדט, — און דאָ וועט קומען א מענטש פון דער זײַט, מיט זײַנע פּאַראַנדקעס, מיט זײַנע קאַפּריזן. דאָס וועט אים ניט געפעלן, יענץ. ער וועט נעמען ברעכן די טראַדיציעס, וואָס האָבן זיך בא אונדז פאַר אזויפיל יאָרן אײַנגעשטעלט, און ביז־וואָס־וועץ, וועט דערפון לײַדן די אַרבעט און מיר אַלע...

אָט די היציקע קורץ געשווירענע פּרוי מיטן ווילנספּולן צונויפגעפּרעסטן מויל, מיט די גרויסע לענגלעכע אויגן — שוואַרצפלוימען, האָט מען דאָ ניט איבעריקס סימפּאַטיזירט, כאָטש אַלע האָבן אנערקענט אירע מײַלעס: אַן אויסגעצייכנטע לערערן פון פּעדאַגאָגיק און באַזונדערס פון פּסיכאָלאָגיע, א פלינקער קאָפּ און א געשליפן צינגל. יעדער אַרויסטרעטונג אף א פּעדראַט אָדער אף א פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג איז אָפּגעטאָקט, אינהאַלטספול, ריכטיק, נאָר אין אירע באַציִונגען מיט די לערער פון דער שול־אָפּטיילונג האָט זיך געפילט עפּעס אַן אינערלעכע קאַלטקײַט, א האַרטקײַט, און איר קורצווײַליקע אָנווועזנהײַט אינעם לערער־צימער האָט געדריקט די אַרומיקע. אפילו ווען זי איז געווען גוט אויפגעלייגט און דערציילט עפּעס שפּאַסיקס אָדער וועגן אירן א היימישן איניען. וועגן „וואַריאַגן" זײַנען אַלע מאַסקים געווען: מע קאָן אויסקומען אָן זיי. עמעס, מע האָט געוווסט מינע איסײַעוונעס מיין און פאַר קיין דירעקטאָר זי ניט געוואָלט. דער פּעדקאָלעקטיוו האָט זיך צעטיילט אף צוויי לאַגערן, יעדערער מיט זײַן אָנגעמערקטן קאַנדידאַט. אייניקע לערערנס, וועלכע האָבן געהאָפט, אז אויב „יאָ" — קאָן עס זיי שפּעטער פאַרעכנט ווערן, און אויב „ניט" — וועט עס ניט שאַטן — האָבן גענומען ריידן, אז קיין בעסערע קאַנדידאַטור פון מינע איסײַעוונע דאַרף מען ניט, און אז דער גאַנצער קאָלעקטיוו דאַרף זאָגן זײַן פעסט וואָרט, דאָרט ווו מע באַדאַרף.

צײַטווײַליק אויספילן די פליכטן פון דירעקטאָר האָט געזאָלט לויט דער שטעלע די פאַרוואַלטערן מיטן לערן־טייל ריווע מאַיסייעוונע וואָלאָדאַרסקע, וועלכע האָט געהאַט גרויס אויטאָריטעט בא די לערער און באַזונדערס בא די סטודענטן פאַר איר אופריכטיק האַרציקער באַנעמונג און שטענדיקער זאָרג פאַר זיי, נאָר ווייסנדיק מינע איסײַעוונעס לאַנגאַניקן טרוים — יענע האָט אים ניט געפּרווט אויסבאַהאַלטן — האָט זי באַשטימט איר פאָרלייגן צו פאַרטרעטן דעם דירעקטאָר, ביז מע וועט צושיקן א מענטשן, און טאַקע אין איינעם פון די נאָענטסטע טעג האָט זי אײַנגעלאַדן מינע איסײַעוונען צו זיך אין קאַבינעט א שמועס טאָן מיקויעך דעם.

— פאַר מיר, — האָט זי געזאָגט, — וועט, ווי איר ווייסט, קלעקן אַרבעט אזוי אויך: פּרילינג־סעסיע, סאָף לערניאָר, אונטערפירן סאַכאַקלען, גרייטן מאַטעריאַלן פאַרן נײַעם יאָר־פּלאַן. איז שטעלט איר אונטער אַן אַקסל, מינע איסײַעוונע. צום נײַעם לערניאָר, דאַרף מען האָפן, וועט דאָך, מיסטאַמע, זײַן א דירעקטאָר, — זי האָט א קוק געטאָן אף איר מיט א פילבאַדײַטיקן שמייכל.

אין די אויגן בא מינע איסײַעוונען האָט א בליץ געטאָן א זיגעריש פֿײַערל, נאָר ס'איז גלײַך פאַרלאָשן געוואָרן. „רוקײַט!" — האָט זי זיך אַליין אָפּגעגעבן א באַפעל. — דאָס איז שוין עפּעס... דאָס הייסט נאָך ניט אָפּן זאָטל, אָבער דעם פוס שוין יאָ אַרײַנגעשטעלט אינעם זאָטלרונג... קלאָר, אָט־אָ־די פּרוי מיט די גוטע קנייטשעלעך אַרום די נאָזווע גרויע אויגן, מיט די פלעגמאַטישע באַוועגונגען איז איר ניט קיין קאָנקורענט. זי טויג ניט פאַר קיין דירעקטאָר. צו ווייך. צו שוואַכע פּלייצעס. און דאָס איז דאַפקע גוט. אַרבעטן וועט מען מיט איר קענען. זי וועט טאָן דאָס, וואָס זי, מינע איסײַעוונע, וועט איר הייסן.

— און מיר, ריווע מאַיסייעוונע, מיינט איר, פּעלט אויס אַרבעט? — האָט זי געוואָלט זאָגן ווי מעגלעך גלײַכגילטיקער און עפּשער אויך מיט א שטיקל פאַריבל אינעם טאָן. אָט איצט, ווען דאָס אײַז האָט זיך גענומען רירן, ווען דער ווינט האָט א בלאָז געטאָן אין אירע זעגלען, די וואָגשאָל האָט זיך א קער געטאָן אף איר זײַט — מעגן די פאַרוואַלטערן מיטן לערנטייל און דורך איר אַלע לערער וויסן, אז איין זאַך איז, וואָס מינע איסײַעוונע פאַרדינט צו פאַרנעמען אזא שטעלע, עפּשער מער פון דעם געוועזענעם דירעקטאָר און עמעצן אַנדערש. א צווייטע זאַך איז, צי איז זי גאָר אין דעם אזוי שטאַרק פאַ־

רינטערעסירט, ווי אנדערע מיינען, נאָר געזאָגט האָט זי טרוקן:

— איך בין, ריווע מאַיסייעוונע, א סאָלדאַט. איך האָב שוין אין מײַן לעבן געשלעפּט ניט איין שווערן וואָגן. איז, מיילע, טוט אָן אָף מײַן האלדז אויך אָט־אָ־דעם כאָמוט.

אין געגנטבילד האָט מען ניט דערווידערט. דאָרט האָט מען שוין געהאַט אין אויג אָף אָט־אָ־דער שטעלע איינע א לערערן פון ראיאָן. און ווער פון דער פּעדשול־אַדמיניסטראַציע וועט צײַטווײַליק פאַרטרעטן דעם דירעקטאָר, איז געווען אלציינס. מינע איסײַעוונע האָט געוווּסט, אַז די לערער, וואָס זײַנען קעגן איר, האָט עס ניט צום גוטן אָנגעשפּיצט. די ערשטע עטלעכע טעג האָט מען וועגן דעם זיך געשושקעט אין דעם לערער־צימער. און יענע פון דער שול־אָפּטיילונג, וואָס האָבן געהאַפּט, אַז אויב „יאָ", קאָן עס זיי שפּעטער פאַרעכנט ווערן און אויב „ניט" — ניט שאַטן, האָבן גענומען ארײַנוואַרפן אין געשפּרעך א וואָרט, אַז דאָס איז געוויס ניט צופעליק, אַז ס'גייט פון אויבן... וואָרעם, האָבן זיי געדרונגען, פאַרוואָס זי, מינע איסײַעוונע, און ניט די פאַרוואלטערן מיטן לערנטייל און ניט די פאַרוואלטערן מיטן הינטערויגיקן סעקטאָר? פאַרוואָס האָט מען זי, זאָל זײַן צײַטווײַליק, אוועקגעשטעלט אין דער שפּיץ פון דער פּעדשול?

„און וואָס דאַרף איצט באַשטיין די הויפּט־טאַקטיק? — האָט בא מינע איסײַעוונען אָנגעשטרענגט געאַרבעט דער געדאַנק. — ערשטנס, דאַרף מען פּאַוואָליע צוגעווינען דעם פּעדקאָלעקטיוו, באַזונדערס די קעגנער, צום געדאַנק, אַז זי, מינע איסײַעוונע פּעטרושאַנסקע, די פאַרוואלטערן מיטן שול־אָפּטייל, קאָן בלײַבן דירעקטאָר. פאַרשטייט זיך, יעדערער קאָן האָבן זײַן מיינונג, נאָר זאָלן זיי דאָס נעמען אין אכט... אינעם געגעבענעם מאָמענט אָבער איז וויכטיק, זייער וויכטיק געווען, קודעמקאָל מיט עפּעס באַדײַטנדיקס א וואָרף טאָן זיך אין די אויגן פאַרן געגנטבילד, פון וועלכן אין א גרויסער מאָס הענגט אָפּ אלץ. און צום גליק איז פאַר דעם געווען א גלענצנדיקע מעגלעכקײַט. אדאַנק איר און נאָכאַמאָל אדאַנק דער אוועקגעפאָרענער דירעקטריסע, מיט וועלכער זי האָט געלעבט ניט איבעריקס בעשאָלעם. גיי ווייס, וואָס ס'קאָן דיר צושפּילן. מע דאַרף אָבער זײַן א געניטער שאַכשפּילער, קענען מאכן א געלונגענעם גאַנג, קענען אויסנוצן א סיטואַציע.

אזא סיטואַציע און אזא אויסשליסלעך שאַרפזיניקער גאַנג מיטן „פערד" איז געווען די מאָלערײַ־שול, וועלכע מע האָט זײַנערצײַט אריבערגעפירט אהער פון דער גרויסער קאַנטישער שטאָט און אָפּגעגעבן איר א העלפט פון דער פירשטאָקיקער פּעדשול־געבײַדע. מאכמעס דעם האָבן צווישן זיך די אָנפירער פון די ביידע שולן — די באַלעבאַטים און די שכניים — פון סאמע אָנפאַנג אײַנגעשטעלט גאַנץ קאַלטע באַציִונגען, וואָס האָבן געפונען זייער מאַטעריעלן אויסדרוק אין דער אופגעשטעלטער טויבער ציגל־וואַנט אינמיטן קאָרידאָר. דאָס האָט אָבער ניט געשטערט די קומענדיקע לערערנס און די קומענדיקע מאָלערס צו געפינען א וועג איינער צום אנדערן.

נאָך מיט א קנאַפּן יאָר צוריק האָט די פאַרוואלטערן מיטן געגנטבילד ארויסגערופן דעם דירעקטאָר פון דער פּעדשול מאַריִע דמיטריִעוונע בעזנאָסיק און געמאָלדן, אַז ס'איז פאַראַן א באַשטימונג פון געגנטויספּירקאָם צונויפגיסן די מאָלערײַ־שול מיט דער פּעדשול. שאַפן דאָרט אַן אָפּטייל, וואָס וועט גרייטן לערער פון מאָלערײַ און צייכענונג פאַר די שולן. דער דירעקטאָר האָט געטײַנעט, אַז ס'קלעקט איר קאָפּדרייעניש מיט איר מיידלשן אוילעם, סײַ אין לערן־קאָרפּוס, סײַ אין דער צוזאַמענוווינונג, איז נאָך האָבן צו טאָן מיט די מאָלערס!.. ס'איז דאָך גאָר אַן אנדער ספּעציפיק! און ניט געקוקט אָפּן באַפעל און אָף די פאַראָרדענונגען, האָט דער דירעקטאָר פון דער פּעדשול קימאַט דאָס גאַנצע לערניאָר געצויגן מיט איבערנעמען די מאָלערײַ־שול. עמעס, אליין די מאָלערײַ־שול האָט אויך געטאָן אלץ, וואָס זי האָט געקענט — זיך ניט „צונויפגיסן".

„איצט איז סאמע די צײַט דורכפירן די אָפּעראַציע",—האָט מינע איסײַעוונע געטראַכט, זיצנדיק אין דעם דירעקטאָרס קאַבינעט.— מיט דעם וועט זי אָף דער פאַרוואלטערן מיטן געגנטבילד גלײַך מאכן אַן אײַנדרוק פון א מענטשן אַן אנטשלאָסענעם, מיט א פעסטער האַנט, אַן אָרגאַניזאַטאָר, ניט ווי די דירעקטריסע, וואָס פלעגט זיך די גאַנצע צײַט קלאָגן, אַז ס'איז איר שווער. מיט די יאָטן — די מאָלער וועט זי זיך ווי־ניט־איז אַן אייצע געבן. און טאָמער שיקט מען פאַרט צו א מענטשן פון דער זײַט, איז מיילע, זאָל יענער זאָרגן.

ס'איז שוין געווען סאָף לערניאָר, ערעוו די עקזאַמענעס. דורך די ברייט צעעפנטע פענצטער פונעם קאַבינעט האָט מען געקענט זען די רייען היכע ווײַסע געבײַדעס אָף יענער זײַט טײַך, די אָפּגעוואַשענע בלויע הימלען. דער קאַבינעט איז געווען פאַרגאָסן מיט שעפּעדיקער פרילינגדיקער זון. פונונטן האָבן זיך דערטראָגן פרייליכע אויסגעשרייען פון די סטודענטן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט וווילײַנאָרדענען דעם פלאַץ פאַר דער פּעדשול־געבײַדע. מינע איסײַעוונע האָט געהייסן דעם סעקרעטאָר אָפּזוכן דעם באַפעל וועגן דער מאָלערײַ־שול. זי האָט אופמערקזאַם איבערגעלייענט די עטלעכע שורעס, אָפּגעגלעט מיטן רויט־לאַקירטן נאָגל א קניי־

טשעלע אפן פּאַפּיר און, אָנלענענדיק דעם קאָפּ
אָף ביידע הענט, זיך אָף א ווײַלע פאַרטראַכט:
די מאָלער וועלן געוויס מאַכן א גוואַלד.
נאָר זי האָט א באַפעל, א באַפעל פון געגנט-
בילד-אָפּטייל. וועט זיי ניט שמעקן... ס'וועלן זיך
בא זיי אויסלאָזן די „זיבן גוטע יאָר". אויס
„פרײַע קינסטלער". זי וועט פון זיי אַראָפּשלאָגן
דעם האָנער. זי וועט דערקלערן די סטודענטן,
אַז אין פּעדשול גרייט מען ניט קיין קינסטלער,
נאָר לערער — לערער פון מאָלערײַ און צייכע-
נונג פאַר די שולן.

זי האָט זיך דערמאָנט דעם מאָלער צפאַניע
דאַווידאָוויטש איילבירט און א שמייכל געטאָן.
אָט-אָ-דער שיינער מאַנצבל מיט די פײַנע גרויס-
שטאָטישע מאַנירן, וואָס קושט איר אַלעמאָל די
האַנט, זינגט בא יעדער באַגעגעניש לויבגעזאַנ-
גען אירע „גרויסע שוואַרצע וווּנדערלעכע
אויגן" און קלײַבט זיך אַלץ מאָלן איר פּאָר-
טרעט, ווי וועט ער רעאַגירן? און די יונגע מאָ-
לער — פון מאָסקווער סוריקאָוו-אינסטיטוט מיט
די פּאַטלעס און בערד, מיט די שאַרפע צינגער,
וועלכע האַלטן די פּעדאַגאָגישע אַרבעט זייערע
ביכלאַל פאַר א צײַטווײַליקן, צופעליקן עפּיזאָד
אין זייער ביאָגראַפיע, זיי וועלן דאָך געוויס
קריכן אָף די ווענט.

אָף א ווײַלע האָט זי זיך געפּרוּווט פאַר-
שטעלן אין דער לאַגע פון מורע מיכײַלאָוונע
סאָקאָלסקע—דעם דירעקטאָר פון דער מאָלערײַ-
שול. אין אָט-אָ-דער מינוט האָט זי אַפילע איר
מיטגעפילט: יאָ, ניט קיין וואַזשנע לאַגע. הײַנט
א דירעקטאָר פון א לערן-אַנשטאַלט און מאָרגן
א געוויינלעכער לערער פון געשיכטע אין דער
פּעדשול. נו, שאַטן וועט מען איר געבן, נאָר
זי, מינע איסײַעוונע, וואָלט אין אַזאַ פאַל אַוועק
אַרבעטן ערגעץ אין אַן אַנדער אָרט. און מײַ-
סטאַמע וועט סאָקאָלסקע טאַקע אַזוי טאָן. מורע
מיכײַלאָוונע איז א קלוגע פרוי. זי האָט אייגנ-
ליבע. און נאָך האָט זי א טראַכט געטאָן: „לאָ-
מיר זיך פאָרשטעלן, אַז מע האָט זי, מינע
איסײַעוונע, באַשטעטיקט אַלס דירעקטאָר,
וואָלט זי גערן אײַנגעגאַנגען אָף אָט דער „צו-
נויפגיסונג"?" זי האָט א שמייכל געטאָן: גע-
וויס — ניט. נאָר איצט... זי האָט א ווײַלע גע-
קוקט מיט אַן אָנגעשטרענגטן בליק אַפן ווײַסן
טעלעפאָן-טרײַבל און ענדלעך אַנטשלאָסן א נעם
געטאָן עס:

— קלאַוודיִע וולאַדימיראָוונע, א גוט מאָרגן.
ס'רעדט מינע איסײַעוונע פּעטרושאַנסקע.
בענטשט אונדז. מיר טרעטן צו אויספּילן אײַער
באַפעל וועגן דער מאָלערײַ-שול.

פון טרײַבל האָט זיך דערהערט א שאַרפע
שטים:

— דאַנקען גאָט. נאָר עפּשער וועט איר
שוין זײַן לאָזן פאַרענדיקן דאָס לערניאָר?

— ניין, ניין, קלאַוודיִע וולאַדימיראָוונע! —
האָט מינע איסײַעוונע היציק אַרײַנגעשריִען אין
טרײַבל, — נאָר ניט אָפּלייגן!

אָף מאָרגן האָט שוין דער זאַווכאָז פון אינ-
דערפרי אָוועקגעשטעלט צוויי אַרבעטער ברעכן
די וואַנט, וואָס האָט גאַנצע עלף יאָר איבערגע-
צוימט די געבײַדע אָף צוויי טיילן. א געדיכטער
קאַלכשטויב האָט זיך גענומען קנויִלן אונטער
דער סטעליע. דורך די אויסגעשלאָגענע לע-
כער האָבן זיך א ווײַז געטאָן שטיקער קאָ-
רידאָר-דיל, געפאַרבט מיט טונקעלער אָכרע,
שטיקער בלוי-געקאַלכטע ווענט (אָף דער זײַט
פון דער פּעדשול האָט אַלץ אויסגעזען אַנ-
דערש). מינע איסײַעוונע איז געזעסן אינעם
דירעקטאָרס קאַבינעט, וווּהין ס'האָבן זיך דער-
טראָגן די הילכיקע קלעפּ פון די אײַזערנע לאָ-
מען אָנעם ציגל. עס איז איר שווער געווען
אײַנזיצן אַפן אָרט. זי האָט געפילט אין זיך א
שפּרודלדיקע ענערגיע. זי האָט האַפּערדיק א
פינטל געטאָן מיט די שוואַרצע געדיכטע ווײַעס:

— אַלזאָ, אין א גוטער שאָ. אָט די וואַנט...
האָבן מיר אײַנגעבראָכן.

הירש רעלעס

צוויטערלעך אין גראָז

פרילינג

און אַט איז ווידער מײַ שוין,
די טשעריאָמוכע איז פאַרקנאַסט.
צו איר זויבערער קלייד דער ווײַסער
קומען פרײלעכע בינען צוגאַסט.

דעם כאַסענע־אויסזען פאַרלאָרן,
געבליבן אין וואָכיקער קלייד, —
די טשעריאָמוכע איז געוואָרן
אויס קאַלע, ווידער מויד.

ס'האָבן ווינטן פאַרטײַעט דעם אָטעם
און דערנאָך מיט א מעכטיקן בלאָז
פון דער קרוין אראָפּגעשאָטן
אַלע צוויטערלעך אין גראָז.

פון דעם אַלעם דער מענטש וועט געניסן
אזא שיינקײַט, אזא גערוך...
און דאָך טוט מיר שטאַרק פאַרדריסן,
וואָס דער פרילינג איז גיך אזוי דורך.

אַף יאַגד

באַם נאַקעטן בוים, פאַראַקשנט,
מיט פאַרקישעפטן כוש און געהער,
די ביקס האַלט איך פעסט באַ דעם אַקסל,
אָנגעצילט צו דעם האָז די־רער.

און דער האָז מיט די צווײַגן זיך אײַסעקט,
שאַרט דאָס נעזל אַהער און אַהין
און איז אין דער רעגע ניט כוישעד,
אַז עס איז הײַנט זײַן יום־האַדין.

אין פראָסטיקן באָר אין דעם שטילן
פלוצלינג האָבן אין מיר זיך צעררײַצט
קעגנזעצלעכע צווײ געפילן,
ווי די שפּאַגעס זיך וואָלטן געקרײַצט.

אָך, עס בריט מיר אזוי אין די שלייפן,
און עס האַלט מיך אָפּ און עס שטויסט...
ווען פלוצלינג ער לאָזט זיך ניט לויפן,
וואָלט אין מיר זיך אזוי ניט צערײַצט,

איינער קילט מיר דעם שאַרפן זינען:
„ניט שיס אין אים, לעבן אים לאָז.
וואָס שטערט דיר אין בלויען באַגינען
דער גרויער אומשולדיקער האָז?

וואָלט אין מיר זיך אזוי ניט צעצונדן
יענער צווייטער געפיל, וואָס פאַרשעמט.
כ'קוועטש ניט ווילנדיק אָן אפן צינגל,
און איך ווער אַף א רעגע פאַרבלענדט.

פאַר וואָסערע זינד? פאַר וועלכע?
ס'איז אזוי אויך זײַן לעבן קורץ.
דו וועסט שענער דען זײַן אין זײַן פעלכל?
וואָס דאַרפסטו פון אים פאַר א נוץ?"

און פון מאַטערניש א באַפרײַטער,
גלײַך דערזע איך מיט פרייד און פאַרדראָס,
ווי ס'אַנטלויפט פון מיר ווײַטער און ווײַטער
דער אָנגעשראָקענער האָז.

אקטועלע פּראָבלעמען פון דער ליטעראַטור-קריטיק

עס איז דער כיוו פון דער קריטיק צו מאַכן אַ טיפן אַנאַליז פון די דערשיינונגען, טענדענצן און געזעצמעסיקייטן אינעם היינטיקן קינסטלערישן פּראָצעס. אַלזייטיק מיטהעלפן צו פאַרשטאַרקן די לע־נינישע פּרינציפּן פון פּאַרטייִשקייט און פאָלקסטימלעכקייט, קעמפן פאַרן הויכן אידייִש־עסטעטישן ניוואָ פון דער סאָוועטישער קונסט.

פון דער באַשטימונג פון צק קפּסס פאַרן 21 יאַנוואַר 1972
וועגן דער ליטעראַריש־קינסטלערישער קריטיק

צווישן די ווערק, וואָס די ייִדישע סאָוועטישע שרייבער גיבן אונדז איבער צו פאַר־עפנטלעכן, שטעלן מיר אוועק אין די נאָענטסטע נומערן פון „סאָוועטיש היימלאַנד" דעם זשאַנער פון ליטעראַטור־קריטיק און ליטעראַטור־פאָרשונג, ווי מע זאָגט, אין דער מיזרעך־וואַנט. מיט דעם זײַנען מיר אויסן אונטערצושטרײַכן די גרויסע פּאַרינטערעסירטקייט פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור אין דעם, אַז אויפן איצטיקן עטאַפּ זאָל די וועג־ווײַזערן, די קריטיק, שטיין דאָרט, ווו זי דאַרף שטיין — אויף דער ברייטער מאַגיסטראַל, אין סאַמע אימפּעט פון דער באַוועגונג, אויף די קער־פּונקטן און שיידוועגן.

פאַרשטייט זיך, מיר וואָלטן געקאָנט אין די פאַרעפנטלעכטע מאַטעריאַלן פאָרשן די ייִדישע קריטיק אָן־און־פאַר־זיך, אירע טראַדיציעס און פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן, קעדיי באַווײַזן, אַז זי האָט פונוואַנען צו שעפּן קויכעס, מאַכן אויפמערקזאַם, אויף וועלכע שעפע־רישע רעזערוון די קריטיק קאָן אויסרעכענען. אָבער דאָס איז איצט ניט אַזוי וויכטיק, ווי דאָס אופרופן גופע די שעפער פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור־קריטיק און געפינען פאַר זיי די ריכטיקע אָנווענדונג, האָבנדיק דערבײַ אין זינען, אַז די פּראַקטיק פון אַלע ליטעראַטורן באַווײַזט איצט אַן אָנשוילעכע שײַכעס צו קריטיק מיצאַד די שעפער פון סאַמע פאַרשיידענע ליטעראַטור־זשאַנרען — פון פּראָזאיקער, דיכטער, פּובליציסטן, וועלכע נעמען זיך אָפּט פאַר דער פּען, קעדיי ניט בלויז רופן צו אַקטיווקייט דעם קריטישן זשאַנער, נאָר אויך קעדיי זײַנע פעלדער צו צעאַקערן. אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור־סוויווע איז דאָס אַ באַזונדערס מערקבאַרע דערשײַנונג.

די באַשטימונג פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי וועגן ליטעראַטור־קריטיק פאַרן 21 יאַנוואַר 1972 גיט אונדז די בעסטע מעגלעכקײַטן אויף צו פאָרסירן די אַנטוויק־לונג פונעם קריטישן געדאַנק אין דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור. מיט אָט דעם ציל טרעט די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" צו, מאָביליזירנדיק די טעטיקע אין דער קריטיק שריפטשטעלער, צו פּובליקירן אַ גרעסערן סכום מאַטעריאַלן, וואָס זיי אַלע צוזאַמען צייכענען אָן דעם ברייטן אינטערעסן־קרײַז פון דער סאָוועטישער ייִדישער קרי־טיק און פאָרשונג אויפן הײַנטצײַטיקן עטאַפּ.

אין שײַן פון דער באַשטימונג
פון צק קפּסס וועגן ליטעראַטור־קריטיק

אהרן גורעלניק

דער קאָמפּאַס פון דער ליטעראַטור

די קריטיק איז, ווי באַוווּסט, דער שפּיגל פון דער ליטעראַטור.

צו וואָס פאַר א גראַד אידייִיש־קינסטלערישער רײַפקײַט עס האָט דערגרייכט די אָדער אנדערע נאַציאָנאַלע ליטעראַטור, וואָס פאַר אַן אײַנפלוס זי האָט אויפן גײַסטיקן לעבן פונעם פאָלק, — וועגן דעם קאָן מען אורטיילן קימאַט אָף זיכער לויט דעם צושטאַנד פונעם קריטישן געדאַנק.

די אינטענסיוויקײַט פונעם אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער „קונסט, וואָס מאָלט מיטן וואָרט" (גאָרקי), די עפעקטיוויקײַט פון איר אויפווירקונג אָף די מויכעס און הערצער פון די לייענער, די ברייטקײַט, מיט וועלכער זי כאַפּט אַרום די דערשײַנונגען פון דער ווירקלעכקײַט, די טיפקײַט, מיט וועלכער זי באַזיניקט זיי, — איז אין פיל הינזיכטן אָפּהענגיק פון דער אַקטיוויקײַט פון דער קריטיק, פון אָט דעם אייגנאַרטיקן קאָמפּאַס פון דער ליטעראַטור.

דער מאַרקסיזם, די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָבן שטענדיק צוגעגעבן א גרויסע באַדײַטונג דער ליטעראַטור־קריטיק, דער באַרײַכערונג פון אירע בעסטע טראַדיציעס.

די גרונטלייגער פונעם וויסנשאַפטלעכן קאָמוניזם ק. מאַרקס און פ. ענגעלס האָבן אונדז איבערגעלאָזט ערשטקלאַסיקע מוסטערן פון א דיִאַלעקטישן אַנאַליז פון די ווערק פון דער קונסט און ליטעראַטור. מע קאָן זיך פאַרופן אָף זייערע באַגײַסטערטע אָפּשאַצונגען וועגן דער שאַפונג פון געטע און באַלזאַק, היינע און עזשען סי, פון פיל אַנדערע גרויסע וואָרט־מײַסטערס. לעבינס געניִאַלע אַרטיקלען וועגן לעוו טאָלסטאָיען דינען אַלס מעטאָדאָלאָגישער פונדאַמענט פאַר דער הײַנטצײַטיקער וויסנשאַפט וועגן ליטעראַטור. פרוכטבאַר האָבן געאַרבעט אַלס טעאָרעטיקער פון דער ליטעראַטור פּלעכאַנאָוו, וואָראָווסקי, לונאַטשאַרסקי, אָלמינסקי און פיל אַנדערע רוסישע מאַרקסיסטן.

די באַשטימונג פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטנ־פאַרבאַנד פאַרן 21 יאַנוואַר 1972 „וועגן דער ליטעראַריש־קינסטלערישער קריטיק" איז נאָך איין איבערצײַגנדיקער באַווײַז, וויפל אויפמערקזאַמקײַט אונדזער פּאַרטיי שענקט דעם דאָזיקן געביט פונעם גײַסטיקן לעבן פון דער געזעלשאַפט, ווי הויך זי שאַצט די אידייִיש־דערציִערישע באַדײַטונג פון דער טעטיקײַט פון די קריטיקער.

אין דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ", אין די זשורנאַלן „וואָפּראָסי ליטעראַטורי" און „ליטעראַטורנאָיע אָבאָזרעניִע", אָף די שפּאַלטן פון אַנדערע אַלפאַרבאַנדישע פּעריִאָדישע אויסגאַבעס ווערן איצט געפירט אינהאַלטסרײַכע דיסקוסיעס וועגן דעם מעהוס און די אויפגאַבן פון דער ליטעראַטור־קריטיק, וועגן איר ראָליע און אָרט אינעם ליטעראַרישן פּראָצעס, ענדלעך, וועגן דעם עצם פאַך אָדער, ווי מע רופט דאָס, וועגן דער „טעכנאָלאָגיע פונעם קריטישן אַנאַליז".

די דאָזיקע פּראָבלעמען רעגן, נאַטירלעך, אויך די הײַנטיקע ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטן און די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד".

דער גרויסער רוסישער רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראַט וויסאַריאָן בעלינסקי האָט נאָך מיט קימאַט הונדערט פופציק יאָר צוריק געשריבן, אַז וועגן דעם פּאָנעם פון א ליטעראַרישן זשורנאַל און וועגן זײַנע פּרינציפּן קאָן מען און מע דאַרף אורטיילן לויט די קריטישע מאַטעריאַלן, וועלכע ער דרוקט. אין די הײַנטיקע באַדינגונגען האָט די דאָזיקע פאָרמולירונג זיך עטוואָס געענדערט: דאָס ערשטע אָרט פאַרנעמען אין א זשורנאַל די עצם ליטעראַרישע ווערק, די פּובליציסטיק, די דאָקומענטאַלע פּראָזע. און אײַנצײַטיק דערמיט, לויט דער אַלטער גוטער טראַדיציע, וועלכע איז אַנטוויקלט געוואָרן מיצאַד דער מאַרקסיסטיש־לענינישער זשורנאַליסטיק, איז דאָך אויך אונדזער ליטעראַטור־קריטיק שוין לאַנג אויפן ענגסטן אויפן פאַרבונדן מיטן עצם לעבן, מיט דער סאָציִאַלער ווירקלעכקײַט, וועלכע ווערט אָפּגעשפּיגלט אין דער ליטעראַ־

טור און טראָגט אַן אויסגעשפּראָכענעם פּובליציסטישן כאַראַקטער.

וועגן דעם האָט ניט לאַנג צוריק געשריבן איינער פון די קאָרעספּאָנדענטן פון דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" — דער פּאַרוואַלטער מיטן קריטישן אָפּטייל פונעם זשורנאַל „סיבירסקיִע אָגני" וולאַדימיר שאַפּאָוואַלאָוו. ער האָט דערמאָנט, אַז אַזעלכע אַרטיקלען, ווי דאָבראָליובאָווס „וואָס איז אַזוינס אָבלאָמאָוושטשינע?" און „ווען זשע וועט קומען דער עמעסער טאָג?", ווי טשערנישעווסקיס „צי איז דאָס ניט דער אָנהייב פון אַן ענדערונג?" און „דער רוסישער מענטש אויף «rende vous»", פּיסאַרעווס „דער דענקענדיקער פּראָלעטאַריאַט", — זײַנען ניט בלויז פּרעכטיקע מוסטערן פון אַ קריטישן אַנאַליז, נאָר אויך שעדעווערן פון עכטער, בוילעטער, קאַמפּערישער פּובליציסטיק. וויפל דרייסטע „לירישע אָפּווײַכונגען" זײַנען פאַראַן אין די דאָזיקע אַרטיקלען, וויפל זײַטלעך זייערע זײַנען געווידמעט ניט דער ליטעראַטור אַלס אַזעלכער, נאָר דעם עצם לעבן, די אַקטועלסטע, שאַרפסטע פּראָבלעמען פונעם לעבן!

נ. דאָבראָליובאָוו האָט געהאַלטן, אַז די הויפּט־אויפגאַבע פון דער קריטיק איז אורטיילן וועגן דעם עצם לעבן, וועגן די לעבנס־פּראָצעסן, וועגן די סאָציִאַלע טיפּן, — אורטיילן, צי עס זײַנען גענוג וואָרהאַפטיק די גרויִעס־איידעס פונעם קינסטלער, פון די בילדער, וועלכע ער האָט אויסגעמאָלט, פון די כאַראַקטערן, וועלכע ער האָט באַשריבן.

עס שאַדט ניט פון צײַט צו צײַט ווידער אומקערן זיך צו די אַלטע עמעסן און קאָנטראָלירן די ריכטונג, מיט וועלכע מיר גייען פאָרויס.

די ליטעראַטור־קריטיק איז אַ הויכע און קאָמפּליצירטע קונסט, וועלכע פאָדערט אידייִשע איבערצײַגטקייט, אַבסאָלוטע צילבאַשטימטקייט, רײַכע קענטענישן און אַ ריכטיקן עסטעטישן כוש. טורגענעוו האָט גערעדט אַפילע וועגן דעם, אַז דער קריטיקער מוז פאַרמאָגן אַ ספּעציִעלן אינסטינקט פאַר שיינקייט.

אַזעלכע זעלטענע אייגנשאַפטן האָבן פאַרמאָגט, אַלס קלאַל, די גרויסע וואָרט־מײַסטערס, וועלכע פלעגן אין זייערע אַרויסטרעטונגען גערן אינטערפּרעטירן די שאַפונג פון זייערע פען־ברידער. לאָמיר אָנרופן, אַשטייגער, פּושקינען און נעקראַסאָוון, גאָנטשאַראָוון, דאָסטאָיעווסקין, שטשעדרינען. גלענצנדיקע אינטערפּרעטאַטאָרן פון ליטעראַטור זײַנען געווען אויך די יידישע קלאַסיקער מענדעלע, שאָלעם־אַליײכעם, פּערעץ.

גרויס איז אויך דער צושטײַער, וועלכן עס האָבן אַרײַנגעטראָגן אין דער ליטעראַטור־קריטיק די הײַנטיקע סאָוועטישע שרײַבער. אין דער זעלבער צײַט איז די קריטיק אַ זעלבשטענדיקער אָפּטייל פון דער ליטעראַטור. זי וואַרפט זיך אונטער אירע אייגענע ספּעציפישע געזעצן, זי רעכנט זיך מיט אירע ספּעציפישע פאָדערונגען, פאָדערט אַ ספּעציִעלע צוגרייטונג און טאַלאַנט.

אין דער דערמאָנטער באַשטימונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד „וועגן דער ליטעראַריש־קינסטלערישער קריטיק" ווערט באַטאָנט, ווי וויכטיק עס איז צו האַלטן זיך בײַ די פאָרגעשריטענע טראַדיציעס, שעפּעריש באַהערשן די אָנגעזאַמלטע דערפאַרונג פון די פאָרגייער.

וו. ג. בעלינסקי האָט די ליטעראַטור־קריטיק גערופן „די זיך באַוועגנדיקע עסטעטיק". אין אָט דער דעפיניציע ליגט אַ טיפער אינהאַלט. היסטאָריזם — דאָס איז אַ קאַטעגאָרישער באַדינג פאַר דער וויסנשאַפטלעכקייט פון דער קריטיק, פאַר דער באַגרינדעטקייט פון אירע אָפּשאַצונגען. „יעדעס קונסט־ווערק, — האָט געשריבן בעלינסקי, — דאַרף אומבאַדינגט באַטראַכט ווערן פון שטאַנדפּונקט פון זײַן באַציִונג צו דער עפּאָכע, צו דער היסטאָרישער הײַנטצײַטיקייט און פונעם קינסטלערס שטעלונג צו דער געזעלשאַפט".

בײַ אָט דעם גענוי און פּינקטלעך פאָרמולירטן קלאַל האַלט זיך אויך אונדזער סאָוועטישע פילנאַציִאָנאַלע ליטעראַטור־קריטיק אין אירע בעסטע מוסטערן.

נ. טשערנישעווסקי, דער פירער פון די רוסלענדישע רעוואָלוציִאָנערן־דעמאָקראַטן אין די זעכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט (דער 150־טער געבורטסטאָג פון אָט דעם גרויסן שרײַבער און דענקער איז מיט אַ קורצער צײַט צוריק אָפּגעמערקט געוואָרן דורכן גאַנצן פאָלק בײַ אונדז אין לאַנד), האָט מיט אַבסאָליוטער קלאָרקייט פאָרמולירט די גרונט־פּרינציפּן פון דער אַזוי־גערופענער „רעאַלער קריטיק". פאַר דער פאַרגאַנגענער צײַט האָבן זיך אַ סך זאַכן געענדערט — און ראַדיקאַל געענדערט, — אָבער די דאָזיקע פּרינציפּן לעבן און זײַנען הײַנטצײַטיק. די דאָזיקע פּרינציפּן האָט אונטערגעכאַפּט די מאַרקסיסטישע קריטיק נאָך ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע, אַנטוויקלענדיק די לענינישע לערע וועגן דער פּאַרטייִישקייט פון דער ליטעראַטור. די דאָזיקע פּרינציפּן היט אָפּ אויך אונדזער פילנאַציִאָנאַלע סאָוועטישע ליטעראַטור־קריטיק, וועלכע פאַרטיידיקט די דערגרייכונגען פונעם סאָציִאַליסטישן רעאַליזם.

דער ציל פון דער קונסט איז — אויסלערנען די מענטשן צו זען און פאַרשטיין דאָס פּרעכטיקע אינעם לעבן, העלפן זיי צו פאַרמערן די עמעסע שיינקײַט אין דער אַרומיקער ווירקלעכקײַט. די קונסט דאַרף מאָביליזירן די קויכעס פון דער געזעלשאַפט צום קאַמף קעגן אַלץ, וואָס שטייט אַפּן וועג צו דעם דאָזיקן אידעאַל. דער מאָקער פון דער קראַפט פון דער ליטעראַטור אַלס אַ קונסט איז — טרײַהײַט די אינטערעסן פונעם פאָלק, די לעבנס־באַדערפענישן פון דער נאַציע. דעם שרײַבערס אָרט איז אינעם אַוואַנגאַרד פונעם קאַמף פאַר אַ ווירדיקער מענטשלעכער האַרמאָנישער צוקונפט.

אַרויסגייענדיק פון אַזעלכע פאָרהאַנאַכעס, האָט

טשערנישעווסקי, לעמאָשל, געשריבן: „קריטיק איז אַן אַרויסזאָגונג וועגן די מײַלעס און כעסרוינעס פון אַוועלכן־ניט־איז ליטעראַרישן ווערק. איר באַדײַטונג — דינען אַלס אויסדרוק פון דער מיינונג פונעם בעסטן טייל פון דעם פּובליקום און העלפן צו פאַרשפּרייטן זי אין דער מאַסע. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער דאָזיקער ציל קאָן דערגרייכט ווערן אַף אַ וויפל־ניט־איז באַפרידיקנדיקן אופן בלויז דאַן, אויב עס וועט זײַן אַן אַלמעגלעכע זאָרג וועגן דער קלאָרקײַט, באַשטימטקײַט און קאַטעגאָרישקײַט".

אין אַן איבערזעצונג אַף דער הײַנטצײַטיקער טערמינאָלאָגיע באַטײַט דאָס, אַז עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער פּאַרטייִשקײַט פון דער קריטיק, וועגן איר פּרינציפּיעלקײַט.

נאָכגיביקײַט, אַרויסדרייען זיך פון זאָגן דעם עמעס, „ווייכהאַרציקײַט" — דאָס אַלץ באַווײַזט די שוואַכקײַט פון דער קריטיק, וואָס איז באַרופן צו אַרויסזאָגן דירעקט, קלאָר און אָן קיינע קונצן די מיינונג וועגן מײַלעס און כעסרוינעס פונעם ווערק, מעג אַפילע איר אַוטאָר זײַן אַ באַוווסטער שרײַבער. קאָנסעקווענטקײַט אינעם אורטיילן — דאָס איז איינע פון די ערשטע פאָדערונגען צו דער קריטיק.

צי לוינט הײַנט נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל איבערכאַזערן אָט די, דוכט זיך, אַלעפבייס־עמעסן? איך מיין, אַז עס לוינט. כאָטשבי דערפאַר, וואָס אין אונדזער הײַנטצײַטיקער ליטעראַטור־קריטיק (דערונטער אויך אין „סאָוועטיש היימלאַנד") זײַנען נאָך ניט אויסגעלעבט ביזן סאָף די עלעמענטן פון סוביעקטיוויזם, פון רעכענען זיך מיטן פּערזענלעכן געשמאַק באַם אָפּשאַצן נײַע ווערק. בלויז אַ פולשטענדיק אָביעקטיווע קריטיק, וועלכע האַלט זיך קוידעמקאָל באַ די אינטערעסן פונעם לייענער, איז פייִיק אַרויסצוווײַזן אַ פּרוכטבאַרע ווירקונג אַף דער ליטעראַרישער באַוועגונג, מיטווירקן דעם פּראָגרעס פון דער קונסט, העלפן די שרײַבער צו באַהערשן די נײַע אידייִש־עסטעטישע הייכן, פאַרפולקומען זייער מײַסטערשאַפט.

שטרענגע פאָדערונגען שליסט אויס קרײַזלערײַ, גרופּן־צוגאַנג צו ליטעראַטור. שטרענגע פאָדערונגען איז די העכסטע פאָרם פון אַכטונג צום שרײַבער, פון צוטרוי צו זײַנע שעפערישע פייִקײַטן, צו זײַנע מעגלעכקײַטן פון וווקס און פאַרפולקומונג.

די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור־קריטיק האָט אַ רײַכע פאַרגאַנגענהײַט. מיר וועלן אָנרופן די נעמען פון די אַמערסטן באַוווסטע ליטעראַטור־קריטיקער: מ. ליטוואַקאָוו, מ. ווינער, י. נוסינאָוו, י. דאָברושין, אַ. גורשטיין, נ. אויסלענדער, יאַ. בראָנשטיין — די הײַנטיקע קריטיקער האָבן אַף וועמען צו גלײַכן זיך. עס האָבן באַ די פאָרגייער, פאַרשטייט זיך, ניט אויסגעפעלט קיין דורכפאַלן און פעלערן. אונדז איז אָבער טײַער דער פּאַטאָס, מיט וועלכן די דאָזיקע קריטיקער און פאָרשער האָבן געאַרבעט. זיי האָבן אויסגעמיטן, אַלס קלאַל, וווּלגאַר־סאָציאָלאָגישע סכעמעס און ראַפּפּ־פּילפּולים, זיי האָבן אין זייערע בעסטע אַרטיקלען געזען די וועלט און די וויזיעס פונעם שרײַבער, פאַרבונדן זײַן שאַפונג מיט די איקער־פּראָבלעמען פון דער צײַט. אַנאַליזירנדיק די קונסטווערק פון די ייִדישע סאָוועטישע דיכטער, פּראָזאַיִקער, דראַמאַטורגן, האָבן זיי זיך באַמיט צו אָפּשאַצן ווי געהעריק די שטאַרקע זײַטן פון די ווערק און ניט פאַרשווײַגן זייערע שוואַכע זײַטן, געבן אַ ברייטע סאָציאַלע און עסטעטישע דערקלערונג דער געשטאַלטן־ און בילדער־וועלט.

וואָס פעלט דער הײַנטיקער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור־קריטיק?

קורץ: אָפּעראַטיווקײַט, קאָמפּעריסקײַט, אָנגרײַפערישקײַט.

ווען מע לייענט אופמערקזאַם די אַרטיקלען און רעצענזיעס (וועלכע זײַנען, ליידער, גאַנץ ווייניק אין צאָל) און פרייענדיק זיך מיט די בעפיירעשע דערפאָלגן פון די אַוטאָרן פון „סאָוועטיש היימלאַנד", איז אין דער זעלבער צײַט שווער אָפּצוזאָגן זיך פונעם געפיל פון אומבאַפרידיקטקײַט, קוידעמקאָל מיט דער אָרעמקײַט פון זייער זשאַנרען־פּאַליטרע.

די קונסט־קריטיק פאַרמאָגט אַ סאַך זשאַנרען: אַרטיקלען, רעצענזיעס, איבערזיכטן, עסייען, ליטעראַרישע פּאָרטרעטן, פּאָלעמישע אַרטיקלען און רעפליקעס, ביבליאָגראַפישע נאָטיצן, פּאַמפלעטן, פּאַראָדיעס — אין אָט דער רעשימע גייען אַרײַן ווײַט ניט אַלע קריטישע זשאַנרען, יעדער פון זיי פאַרמאָגט זײַן אייגענע „אינערלעכע ענערגיע" און איז אויסגערעכנט אַף לייזן באַשטימטע אויפגאַבן. „סאָוועטיש היימלאַנד" דרוקט אָפּטער פון אַלץ אין געביט פון הײַנטצײַטיקער ליטעראַטור דעם זשאַנער „קורצע רעצענזיעס" און איבערזיכט־אַרטיקלען, זעלטענער — באַטראַכטונגען וועגן די פּראָבלעמען פונעם איצטיקן ליטעראַטור־עטאַפּ.

צומאָל דרוקט דער זשורנאַל טעמאַטישע איבערזיכטן מיט אַ גרויסער צאָל טעאָרעטישע פּאַראַלגעמיינערונגען, זיי ווערן באַגלייט מיט רעשימעס, אַלגעמיינע פראַזעס. אָבער אַנאַליזן גיבן זיי אָפּן שפּיץ מעסער.

אַנדערע פּראָבלעם־אַרטיקלען זײַנען אָן און פאַר זיך אָנגעשריבן אַף אַ גאַנץ הויכן פּראָפעסיאָנעלן ניוואָ, אָבער זיי זײַנען צוגעפּאַסט דעריקער צו יוביליי־דאַטעס און טראָגן אַ רעטראָספּעקטיוון כאַראַקטער. די קריטיק פּראָגנאָזירט מיט אַ שוואַכער שטים די ליטעראַרישע אַנטוויקלונג, זי כאַפּט בלויז אָן אויבערפלעכלעכן קוק אינעם מאָרגן. עס איז אָבער אַ באַוווסטע זאַך, אַז גראָד פונעם קענען אַרויסכאַפּן די הויפּטטענדענצן, פּאָרויסזען זיי, און אַנטשפּרעכיק דערצו געבן אַ ריכטונג דער אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור אינגאַנצן גענומען און דער שאַפונג פון באַזונדערע קינסטלער איז אָפּהענגיק דער אויטאָריטעט פון דער קריטיק, איר עפעקטיווקײַט.

קעדיי צו לערנען דעם שרײַבער (ניט קנעלן מיט אים, ניט מוסערן, נאָר טאַקע לערנען),

דאַרף די קריטיק סיסטעמאַטיש פאַרברייטערן איר אייגענע וועלט־אַנשויונג. עס איז ניט גוט, ווען מע לעבט בלויז אויף גרייטן, אָנגעזאַמלטן. בלויז יענער קריטיקער, וועלכער צייכנט זיך אויס מיט פֿילבאַרקייט צו דער געשטאַלט־וועלט פֿונעם קינסטלער, וועט זײַן פֿייִק צו אונטערהאַלטן די נאָוואַטאָרישע זוכענישן אין דער ליטעראַטור.

אין אונדזערע באַדינגונגען, ווען די עסטעטישע קולטור פֿונעם לייענער איז אויסגעוואַקסן ביז אַן אומגעהערטער הייך, איז דער קריטיקער מעכוּיעוו צו באַטראַכטן אַ ווערק אַלס אַ קינסטלעריש גאַנצעס, ניט פֿאַרבײַנפֿאַכן עס מיט פּרימיטיוון אַנאַליז.

און נאָך אַ זאַך ווילט זיך דאָ אָפּמערקן: די ספּעציפֿיק פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" און די מיסיע, וועלכע די צײַטשריפֿט האָט אַרויפֿגעלייגט אויף דער הײַנטיקער ייִדישער ליטעראַטור אין פֿסס״ר, וועלכע איז אַן אָרגאַנישער באַשטאַנד־טייל פֿון דער פֿילנאַציאָנאַלער קולטור פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿונעם אַנטוויקלטן סאָציאַליזם.

אונדזערע קריטעריעס און מאַסשטאַבן פֿון אָפּשאַצן די סאָוועטישע ליטעראַטור קאָנען ניט און טאָרן ניט זײַן נידעריקער פֿון דעם, וואָס די ליטעראַטור, אירע באַזונדערע ווערק, שטעלן מיט זיך פֿאָר אין דער ווירקלעכקייט. אורטיילן וועגן יעדן נײַעם ווערק — וועגן אַ לידער־ציקל אָדער דערציילונג, וועגן אַ ראָמאַן אָדער אַ דראַמאַטישער שאַפֿונג זײַנען מיר מעכוּיעוו פֿון די אַלפֿאַרבאַנדישע פּאָזיציעס, פֿון שטאַנדפּונקט פֿון די ריזיקע אידייִש־עסטעטישע הייכן, וועלכע עס האָט דערגרייכט די קונסט פֿון סאָציאַליסטישן רעאַליזם אינעם לעצטן דריטל פֿון XX יאָרהונדערט, פֿון די פּאָזיציעס פֿון דער גאַנצער פֿילנאַציאָנאַלער מישפּאָכע „אינזשעניערן פֿון מענטשלעכע נעשאָמעס".

די הײַנטיקע ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור־קריטיק איז כּוֹח דעם באַרופֿן צו האַלטן די האַנט אויפֿן דויפּעק פֿון דער אויסלענדישער פּראָגרעסיווער ייִדישער ליטעראַטור, ברייטער אונטערהאַלטן די שפּראָצונגען פֿונעם נײַעם, אַנטשיידן דעמאַסקירן די מאַנעוורען פֿון די בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישע קרײַזן, געבן אַ ווידערשטאַנד די סאָנים פֿון שאָלעם און סאָציאַליזם.

מיר זעען, אַזוי־אַרום, אַז פֿאַר דער ליטעראַטור־קריטיק שטייען אויפֿגאַבן פֿון אַ בעעמעס גלאָבאַלן מאַסשטאַב. מאָביליזירן אַלע קרעפֿטן, כּדי צו לייזן אָט די אויפֿגאַבן — איז די הייליקע פֿליכט פֿון די ליטעראַטן, אונדזער הויכער פּאַטריאָטישער און אינטערנאַציאָנאַלער כּיוו.

די ליטעראַריש־קינסטלערישע קריטיק איז באַרופֿן צו מיטהעלפֿן פֿאַרברייטערן די אידייִשע וועלט־אַנשויונג פֿונעם קינסטלער און פֿאַרפֿולקומען זײַן מײַסטערשאַפֿט. אַנטוויקלענדיק די טראַדיציעס פֿון דער מאַרקסיסטיש־לענינישער עסטעטיק, דאַרף די סאָוועטישע ליטעראַריש־קינסטלערישע קריטיק פֿאַרייניקן די פּינקטלעכקייט פֿון די אידייִשע אָפּשאַצונגען, די טיפֿקייט פֿונעם סאָציאַלן אַנאַליז מיט דער שטרענגקייט פֿון די עסטעטישע פֿאָדערונגען, מיט דער זאָרגפֿולער באַציִונג צום טאַלאַנט, צו די פּרוכטבאַרע שעפֿערישע זוכונגען.

פֿון דער באַשטימונג פֿון צק קפּסס פֿאַרן 21 יאַנוואַר 1972 „וועגן דער ליטעראַריש־קינסטלערישער קריטיק"

הערש רעמעניק

לעוו טאָלסטאָי און די ייִדישע ליטעראַטור

ל. נ. טאָלסטאָיס ווירקונג אַף דער רוסישער און מיזרעוו־אייראָפּעישער ליטעראַטור, אַף דער ליטעראַטור פון אַלע פעלקער אין דער וועלט איז אַלגעמיין באַוווּסט און אָנערקענט. וו. אי. לענין האָט דעריבער געהאַט די פולע רעכט צו באַהויפּטן, אַז טאָלסטאָיס שאַפונג איז אַ טראָט פאָרויס אין דער קינסטלערישער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. „אָט דער מענטש, — האָט געשריבן גאָרקי וועגן דעם אויטאָר פון „קריג און פרידן" און „וואָסקרעסעניע", — האָט אויפגעטאָן ווירקלעך אַ גראַנדיעזע זאַך: ער האָט געגעבן אַ סאַכאַקל פונעם איבערגעלעבטן פאַר אַ גאַנצן יאָרהונדערט, און ער האָט אים געגעבן מיט וווּנדערבאַרער עמעסדיקייט, מיט קויעך און מיט שיינקייט..." „ער האָט אונדז דערציילט וועגן רוסישן לעבן קימאַט אַזויפיל, וויפל די גאַנצע ליטעראַטור אונדזערע"[1].

טאָמאַס מאַן האָט באַמערקט: „די וועלט האָט, קאָן זײַן, ניט געוווּסט קיין אַנדער קינסטלער, בא וועמען דאָס אייביק עפּישע, דאָס האָמערישע זאָל זײַן אַזוי שטאַרק, ווי בא טאָלסטאָיען"[2].

אַלס קינסטלער איז טאָלסטאָי באַוווּסט, לויט וו. אי. לענינס אויסדרוק, ווי אַ מײַסטער פון אַראָפּרײַסן אַלע און אַלערליי מאַסקעס. ער איז אַרײַן אין דער געשיכטע פון דער וועלט־קולטור ניט בלויז אַלס שעפער פון געניאַלע קינסטלערישע ווערק, וועלכע האָבן ניט קיין גלײַכן צו זיך אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער ליטעראַטור, נאָר אויך אַלס גרויסער דענקער, וועלכער שטרעבט צו עמעס און גערעכטיקײַט, צו סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן יוישער. ער איז ניט געווען קיין מאַרקסיסט, אָבער אין זײַנע קינסטלערישע און פובליציסטיש־פילאָסאָפישע ווערק איז ער מיט דער גאַנצער קראַפט פון נעוויִשן פאַטאָס אַרויסגעטראָטן קעגן יעדן מין אונטערדריקונג, קעגן דעם פּאַראַזיטיזם און די אוולעס פון די הערשנדיקע קלאַסן און פאַר די אינטערעסן פון די פאָלקס־מאַסן, פון די אונטערדריקטע, געיאָגטע און געפּלאָגטע מאַסן, וועלכע זײַנען פאַרוואָרטיילט אַף נויט און פּײַן. טאָלסטאָי דער דענקער און דער פרײַדיקער איז געווען ניט ווייניקער פּאָפּולער, באַוווּסט און באַליבט, ווי טאָלסטאָי דער שעפער פון קינסטלערישע ווערק. פון אַלע לענדער און קאָנטינענטן זײַנען צו אים קיין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ געגאַנגען שעלוכים, דעלעגאַציעס, וועלכע האָבן בא אים, בא זייער פאַרטיידיקער, געבעטן, געפאָדערט אַן אייצע, וויאַזוי צו לעבן, וויאַזוי צו קעמפן, וויאַזוי צו שאַפן אַן אַנדער לעבן, אָן אוולעס און נויט.

באַוווּסט און פּאָפּולער איז טאָלסטאָי געווען אויך בא די ייִדישע פאָלקס־מאַסן. זײַנע ווערק זײַנען איבערגעזעצט אַף ייִדיש און העברעיִש אין ראַטנפאַרבאַנד, אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, אין ייִסראָעל און אין אַלע לענדער, ווו עס האָבן געוווינט און עס וווינען ייִדן. טאָלסטאָיען האָבן די ייִדישע מאַסן געלייענט ניט בלויז אַף ייִדיש און העברעיִש, נאָר אויך און דעריקער אַף רוסיש און, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַף ענגליש, אַף דײַטש, אַף פראַנצויזיש און אַנדערע שפּראַכן.

פאַר אַ בוילעטן באַווײַז פון דער אַכטונג און ליבע צו ל. נ. טאָלסטאָיען קאָנען דינען די ווענדונגען פון דער ייִדישער אינטעליגענץ צום שרײַבער אין 1908 יאָר אין צוזאַמענהאַנג מיטן אַכציקסטן יוֹיוול פון זײַן געבורט. פון די פילצאָליקע ווענדונגען, וועלכע זײַנען פאַראַנען אין קסאַוויאַדן־פאָנד פונעם טאָלסטאָי־מוזיי אין מאָסקווע, וועלן מיר דאָ ברענגען בלויז פיר, וועלכע זײַנען ביז גאָר סימפּטאָמאַטיש און כאַראַקטעריסטיש.

טעלעגראַמע פונעם 29 אויגוסט, 1908
קרײַז פון דער ייִדישער אינטעליגענץ אין דער שטאָט וויניצע

לעוו ניקאָלײַעוויטש, דער קרײַז פון דער ייִדישער אינטעליגענץ אין דער שטאָט וויניצע איז גליקלעך צו פאַראייניקן זײַן שטים צו דעם אַלוועלטלעכן כאָר פון גוטע וווּנטשן און באַגריסט

[1] М. Горький. История русской литературы. М., 1939, стр. 295, 296.

[2] Томас Манн. Собрание сочинений, т. 9, М., 1960, стр. 621.

דעם גרעסטן הומאַניסט פון אונדזער צײַט, דעם שטאַרקסטן קעמפער פאַר ליבע און עמעס אין אײַער גרויסער לערע. איר זײַנט דער פאַרטיידיקער פון אַלע אונטערדריקטע, אָן אונטערשייד פון ראַסע און רעליגיע. מיר גלייבן טיף, אַז די דאָזיקע לערע וועט טריִומפירן צווישן די מענטשן, וועט זיי באַגנעדיקן און באַגליקן, און די קומענדיקע דורעס וועלן מיט פיל גליק זאָגן, וואָסערע פּרעכטיקע פּרוכט האָבן געגעבן די זוימען, וועלכע עס האָבן אַרײַנגעוואָרפן אין דער וועלט די גוטע געוינים און נעוויִים, צווישן וועלכע ס'איז געווען אויך לעוו ניקאָלײַעוויטש טאָלסטאָי. אײַער נאָמען וועט אין דער געשיכטע ניט פאַרגעסן ווערן.

טעלעגראַמע פונעם 29 אויגוסט, 1908
אַ גרופּע ייִדישע אינטעליגענץ פון דער שטאָט
ברעסט־ליטאָווסק

טײַערער לעוו ניקאָלײַעוויטש, דערלויבט אונדז צו אײַער 80־טן געבוירנטאָג פאַרייניקן אונדזער שטים צו די פילצאָליקע הייסע באַגריסונגען, וועלכע טראָגן זיך צו אײַך פון אַלע עקן וועלט. מיר זײַנען גליקלעך צו לעבן מיט אײַך אין איין צײַט, זיך דערציִען אויף אײַערע אומפאַרוועלקבאַרע ווערק. זאָל אײַער עמעסדיק מעכטיק וואָרט לאַנג נאָך קעמפן קעגן די פינצטערע קויכעס.

טעלעגראַמע פונעם 29 אויגוסט, 1908
געזעלשאַפט פון אויפזיכט איבער אָרעמע
ייִדישע קינדער פון דער שטאָט קעשענעוו

די געזעלשאַפט פון אויפזיכט איבער אָרעמע ייִדישע קינדער אין דער שטאָט קעשענעוו באַגריסט דעם טײַערן לעוו ניקאָלײַעוויטשן, וואָס אויף זײַנע ווערק ווערן דערצויגן קינדער און יוגנטלעכע... אין אײַער פּערזאָן זעען די ייִדן אַ שטענדיקן מעכטיקן און פילבאַרן באַשיצער פון די צעטראָטענע מענטשלעכע רעכט און אַ גרויזאַמען דעמאַסקירער פון אונטערדריקונג. זאָל אײַער וואָרט נאָך לאַנג קלינגען פרײַ און אונטערהאַלטן די האָפענונג אויף בעסערע צײַטן.
פאַרוואַלטונג פון דער געזעלשאַפט.

טעלעגראַמע פון 28 אויגוסט, 1908
געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן די
ייִדן אין רוסלאַנד
שטאָט קיִעוו

לעוו ניקאָלײַעוויטש, אינעם כוישעך פון דער הײַנטיקער פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער רעאַקציע, וואָס רינגלט אונדז אַרום, פאַראייניקן זיך אַרום אײַער נאָמען אַלע, וועמען עס זײַנען טײַער די אידעאַלן פון פרײַהײַט און אויפקלערונג. די באַפולמעכטיקטע פון דער געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן ייִדן, באַגריסנדיק אײַך מיטן 80־טן געבוירנטאָג, האָפן, אַז דעם גרויסן שרײַבער פון דער רוסישער ערד וועט זיך נאָך אײַנגעבן צו זען בעסערע טעג אין רוסלאַנד.

אויב טאָלסטאָי איז געווען אַזוי פּאָפּולער און באַוווּסט בײַ דער ייִדישער באַפעלקערונג, איז ער אַוודאי און אַוודאי באַוווּסט געווען אין דער ייִדישער ליטעראַטור. אַפילו אַ פּריִאָרי, אָן קיין שום אויספאָרשונג, קאָן מען זיכער באַהויפּטן, אַז די נײַע ייִדישע ליטעראַטור אין 19־טן און אין 20־טן יאָרהונדערט איז ענג פאַרבונדן מיט טאָלסטאָיס שאַפן.

די נײַע ייִדישע ליטעראַטור איז מיט טויזנטער פעדעם ענג און אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער נײַער רוסישער ליטעראַטור פון די לעצטע צוויי יאָרהונדערטער. אין דער ייִדישער, העברעיִשער און אין דער רוסישער ליטעראַטורגעשיכטע און ליטעראַטור־פאָרשונג איז שוין פון לאַנג פעסטגעשטעלט, אַז די ייִדישע ליטעראַטור אויף העברעיִש, אויף רוסיש און אויף ייִדיש האָט זיך אין רוסלאַנד אַנטוויקלט ווי אַ שוועסטער־ליטעראַטור פון דער רוסישער[1]. די ווערק און די שאַפונג פון די ייִדישע קלאַסיקער, פון די גרעסטע מײַסטערס אינעם נאָכקלאַסישן פּעריִאָד (בערגעלסאָן, דער ניסטער) און פון דער סאָוועטישער עפּאָכע זײַנען פאַרבונדן אַזוי אָדער אַנדערש מיט דער שאַפונג פון די קלאַסיקער פון דער רוסישער ליטעראַטור: פּושקין, גאָגאָל, לערמאָנטאָוו, טיוטשעוו, טורגעניעוו, נעקראַסאָוו, שטשעדרין, דאָסטאָיעווסקי, טשעכאָוו, גאָרקי, בלאָק, מאַיאַקאָווסקי, יעסענין, שאָלאָכאָוו.

ווי ווײַט אָרגאַניש און נאַטירלעך עס זײַנען געווען די פאַרבינדונגען פון דער ייִדישער ליטעראַטור מיט דער רוסישער, קאָן מען זען דערפון, וואָס דער גרונטלייגער פון דער ייִדישער קלאַסישער ליטעראַטור מענדעלע מויכער־ספאָרים האָט זײַן ווערק אין העברעיִש אָנגערופן „האבות והבנים" („עלטערן און קינדער"), גענוי ווי טורגעניעוו האָט אָנגערופן זײַן ראָמאַן «Отцы и дети», און דאָס האָט בײַ קיינעם ניט אַרויסגערופן קיין פאַרווּנדערונג. די פּראָבלעם פון עלטערן און קינדער איז אַ שטענדיקע פּראָבלעם פון דער ליטעראַטור. די דאָזיקע פּראָבלעם איז געווען באַזונדערס שאַרף און אַקטועל אין דער מיט פונעם פאָריקן יאָרהונדערט אין רוסלאַנד. דעריבער איז קיין ווּנדער ניט געווען, וואָס מענדעלע האָט אָנגערופן אַזוי זײַן ווערק, ווי טורגעניעוו.

דער זעלבער מענדעלע האָט אָנגערופן די ייִדישע שטאָט—גלופּסק, שאַפנדיק אַזאַ פאַראַלגעמיינערונג, ווי שטשעדרין, וועלכער האָט אָנגערופן די רוסישע שטאָט—גלופּאָוו. און, ווידעראַמאָל, דאָס האָט בײַ קיינעם ניט אַרויסגערופן קיין פאַרווּנדערונג. און לעצטנס: ביידע

[1] גענויער וועגן דעם אין די אַרבעטן פון מ. ווינער (אויף ייִדיש), י. קלויזנער (אויף העברעיִש), וו. לוואָוו־ראָגאַטשעווסקי (אויף רוסיש). זע אויך מײַנע אַ סעריע אַרטיקלען אונטער אַן אַלגעמיינעם קעפּל „קולטור־היסטאָרישע און ליטעראַרישע באַטראַכטונגען" אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 2, 4, 12 פון 1975, אויך די אַרטיקלען „דאָסטאָיעווסקי און דער ניסטער", „נעקראַסאָוו און די ייִדישע דיכטונג", „ס. ה." נומ. 11 און 12 פון 1971.

שרײַבער, מענדעלע און שטשעדרין, האָבן גע־
שאַפן קינסטלערישע סימבאָלישע פּאַראַלגעמיי־
נערונגען פון די פאָלקס־מאַסן, די ייִדישע און
די רוסישע, וועלכע לײַדן פון אונטערדריקונג,
פון נויט און פאַרשקלאַפונג. מענדעלע האָט אָנ־
גערופן זײַן ווערק „די קליאַטשע“, שטשע־
דרין — „קאָניאַגאַ“. מענדעלע און שטשעדרין
זײַנען ביידע געווען סאַטיריקער און האָבן גע־
האַט א סאַך אַלגעמיינס צווישן זיך אין זייערע
שעפערישע מעטאָדן און אין זייערע שעפערי־
שע קינסטלערישע מיטלען פון שילדערן און
פאַרקערפּערן די ווירקלעכקײַט. דעריבער קאָן
מען געפינען בא זיי ענלעכע מאָטיוון, טעמעס,
געשטאַלטן. עס איז אינטערעסאַנט, וואָס
שטשעדרין האָט אָנגעשריבן „קאָניאַגאַ“ שפּע־
טער, ווי מענדעלע „די קליאַטשע“. אַזוי ווי
מענדעלעס „די קליאַטשע“ איז נאָך דעמלט אף
רוסיש ניט דערשינען, און שטשעדרין האָט קיין
ייִדיש ניט געקענט, קאָן מען דעריבער ניט
זאָגן, אַז שטשעדרין איז באַווירקט געוואָרן פון
מענדעלען. דאָס איז פּאַשעט געווען א שעפע־
רישער איבערוף פון צוויי גרויסע שרײַבער.

דאָ וויל איך באַמערקן, אַז ווען עס גייט א
רייד וועגן שעפערישער ליטעראַרישער ווירי־
קונג אָדער פאַרבינדונג, האָבן מיר אינזינען ניט
קיין נאָכמאַכונג, ניט קיין עפּיגאָנישע איבער־
כאַזרונג, נאָר זעלבשטענדיקע נאָוואַטאָרישע
שאַפונג, וועלכע רופט זיך איבער מיט דער
שאַפונג פון קינסטלער פון אנדערע נאַציאָנאַלע
ליטעראַטורן. אַזעלכע איבערופן זײַנען באַדינגט
דעריקער פון די רעאַלע לעבנס־אומשטענדן אין
דער געגעבענער היסטאָרישער עפּאָכע. דאָס
לעבן פון די ייִדן אין רוסלאַנד איז געווען גע־
קניפּט און געבונדן מיטן לעבן פון דער באַפעל־
קערונג אין גאַנץ רוסלאַנד, דעריבער זײַנען נאַ־
טירלעך אויך די ליטעראַרישע פאַרבינדונגען.

דאָס אַלץ איז פעסטגעשטעלט אין דער פאָר־
שונג. עס איז אָבער ביז הײַנטיקן טאָג ניט
אויסגעפאָרשט און אפילע ניט געשטעלט די
פּראָבלעם „טאָלסטאָי און די ייִדישע ליטעראַ־
טור“. איך ווייס ניט קיין איין ארבעט אף דער
טעמע. דאָס איז א גרויסער פאַרזען פון דער
ייִדישער ליטעראַטור־פאָרשונג, וועלכער דאַרף
פאַריכט ווערן, נאַטירלעך, ניט מיטאַמאָל, נאָר
אין א ריי ארבעטן און פאָרשונגען פון די ייִדי־
שע קריטיקער און ליטעראַטור־היסטאָריקער.
ווײַל מע קאָן זיך ניט פאָרשטעלן, אַז די שאַ־
פונג פון אזא ריז פון דער רוסישער און אַל־
וועלטלעכער ליטעראַטור, ווי ל. נ. טאָלסטאָי,
זאָל ניט זײַן פאַרבונדן מיט דער ייִדישער לי־
טעראַטור און זאָל ניט האָבן געווירקט אף איר.

עס זײַנען, עמעס, ברייט קאָמענטירט די באַ־
ציִונגען פון שאָלעם־אַלייכעמען און טאָלסטאָיען,
דער בריוו־אויסטויש צווישן זיי, שאָלעם־אַליי־
כעמס באַגײַסטערטע אָפּרופן וועגן דעם רוסישן
שרײַבער אין א ריי בריוו און אַרויסזאָגונגען.
אָבער דאָס האָט קיין שײַכעס ניט צו שעפערי־
שע פאַרבינדונגען און ווירקונגען. איך וויל
איצט מאַכן א פּרווו צו באַטראַכטן די פּראָבלעם
פון טאָלסטאָיס ווירקונג אף דער ייִדישער לי־
טעראַטור אין סאָף 19־טן און אין 20־טן יאָר־
הונדערט.

אָט די פּראָבלעם איז זייער א קאָמפּליצירטע
און קאָן דערווײַל בלויז געשטעלט און באַ־
טראַכט ווערן אף באַזונדערע בײַשפּילן,
אף באַזונדערע ווערק און שעפערישע פּראָ־
בלעמען. איך נעם אין געגעבענעם פאַל צו־
ליב מײַן אַנאַליז טאָלסטאָיס ראָמאַן „אַנאַ קאַ־
רענינאַ“ און פּרווו באַטראַכטן דאָס ווערק אין
פאַרבינדונג מיט אַנאַלאָגישע און קרויווישע
דערשײַנונגען אין דער ייִדישער ליטעראַטור.
איך וויל נאָכאַמאָל וואָרענען, אַז דאָ האַנדלט
זיך ניט וועגן דירעקטע ווירקונגען און פאַרבינ־
דונגען, נאָר וועגן שעפערישע איבערופן, וועל־
כע האָבן געהאַט אָן אָרט אַמאָל באַוווסטזיניק
און אַמאָל אפילע אויסער דעם באַוווסטזײַן פון־
נעם שרײַבער.

פרײַער פאַר אַלץ דאַרף גיין א רייד וועגן
טאָלסטאָיס שעפערישער ווירקונג אף שאָלעם־
אַלייכעמען. אפן ערשטן, אויבערפלעכלעכן, קוק
קאָן זיך דאַכטן, אַז לויט דער שפּראַך און לויטן
גאַנצן סטיל זײַנען אָט די צוויי גרויסע שרײַ־
בער גאַנץ ווײַט איינער פונעם צווייטן. שאָלעם־
אַלייכעמס פאָלקסטימלעך לאַשן, זײַן פאָלקס־
הומאָר, זײַנע שילדערונגס־מיטלען האָבן ניט
קיין שײַכעס צו טאָלסטאָיס לאַקאָנישן סטיל, צו
זײַן ערנסטן אַרט שילדערן. אָבער אין דער
ווירקלעכקײַט זײַנען אין דער שאַפונג פון ביידע
שרײַבער פאַראַן פּרינציפּיעלע מעטאָדאָלאָגישע
און שעפערישע פאַרבינדונגען.

פון די מײַרעוו־אייראָפּעיִשע רעאַליסטן האָט
טאָלסטאָי גאָר הויך געשאַצט דיקענסן, זײַנע
ווערק האָבן אים צוגעצויגן מיט זייער הומאַני־
שער שילדערונג פון די אונטערדריקטע קלאַסן.
טאָלסטאָי האָט אָפּגעמערקט, אַז דיקענס „האָט
ליב שוואַכע און אָרעמע, און שטענדיק פאַראַכ־
טעט ער די רײַכע“[1]. שאָלעם־אַלייכעם האָט גע־
שריבן, אַז דיקענס האָט געווירקט אף זײַן שאַפן.
און אינדערעמעסן, צי קאָן מען דען ניט זאָגן
וועגן שאָלעם־אַלייכעמען, אַז ער האָט, ווי די־
קענס, ליב געהאַט די שוואַכע און אָרעמע און
האָט שטענדיק פאַראַכטעט די רײַכע? און דאָס
איז דאָך אויך געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר
טאָלסטאָיען. פאָלקסטימלעכקײַט, ליבע צום
פּראָסטן האָרעפּאַשנעם מענטשן — אָט דאָס איז
אין איינער און דער זעלבער מאָס אייגנטימלעך
דעם ייִדישן און דעם רוסישן קינסטלער.

ס'איז אָבער פאַראַן נאָך א ווײַכטיקער מעטאָ־
דאָלאָגישער שעפערישער פּרינציפּ, וועלכער
איז געלעגן אין גרונט פון דער שאַפונג בא
ביידע שרײַבער. דאָס איז עמעסדיקײַט פון דער
שילדערונג. ל. נ. טאָלסטאָי האָט געשריבן:
„דער העלד פון מײַן דערציילונג, וועמען איך
האָב ליב מיט אַלע קויכעס פון מײַן נעשאָמע,
וועמען איך האָב זיך געסטאַרעט פאַרקערפּערן

[1] Д. П. Маковицкий. Яснополянские записки. М., 1923, вып. 2, стр. 25.

אין זײַן גאַנצער שיינקײַט, און וועלכער איז שטענדיק געווען, איז און וועט זײַן פּרעכטיק — דאָס איז דער עמעס״[1].

אַף זײַן אייגנאַרטיקן ייִדישלעכן אויפן האָט שאָלעם־אַלייכעם געשריבן אין טאָך דאָס זעלבע וועגן דעם עמעס אין ליטעראַרישן שאַפן. אין דער פּאָרעדע צו דער צווייטער אויסגאַבע פון „מענאַכעם־מענדל״ לייענען מיר:

„און אַזוי ווי די ייִדישע געשעפטן זײַנען באַרעכאָשעם אומעטום אַלציינס, דאָס הייסט, הייבן הייבן זיי זיך אָן, דאַכט זיך, גאַנץ נישקאָשעדיק, מיט אַזויפיל ביטאָכן און גלענצנדע האָפענונגען, און אויסלאָזן לאָזן זיי זיך אויס, צורמיינסטן, מיט שלים־שלימאַזל, ווי בײַ מײַן מענאַכעם־מענדלען, לאָכיין, באַדאַרף מען לאַנג ניט האָרעווען בײַסן צונויפשטעלן אַ בריוו. מע קאָן אים נעמען גלײַך, ווי ער שטייט און גייט. און טאָמער וועט זיך געפינען איינער פון טויזנטער, וואָס די געשעפטן גייען אים דערווײַל גוט, קאָן ער זיכער זײַן, אַז ס׳איז ניט אַף לאַנג. אַלץ, וואָס איז געבויט אַף לופט און אַף ווינט, מוז סאָפּקאָלסאָף פאַלן. שטאַרק אָנגעלייגט איז דאָס ניט. דערפאַר איז דאָס אָבער עמעס. און דעם עמעס האָבן דאָך אַלע מענטשן ליב...״[2]

שאָלעם־אַלייכעם האָט דעם פּרינציפּ פון עמעסדיקײַט אין קינסטלערישן שאַפן פאַרבונדן מיט טאָלסטאָיס שאַפן. וועגן דעם שרײַבט שאָלעם־אַלייכעמס ברודער אין זײַנע זיכרוינעס וועגן דעם שרײַבער:

„ווען שאָלעם־אַלייכעם האָט מיר אַנטדעקט מאַקסים גאָרקין, האָט ער געזאָגט, אַז דאָס איז אַ גרויסער נײַער שטערן, וואָס האָט זיך באַוויזן אַפן פינצטערן רוסישן הימל. ער האָט פאַרגלײַכט גאָרקין מיט טאָלסטאָיען, וועמען ער האָט אָנגערופן „דער גאָט פון די שרײַבער, — דער לייב״. „לעוו טאָלסטאָי, — טאָלסטאָי לעוו!״ — האָט ער פיל מאָל אונטערגעשטראָכן. דער וויכטיקסטער פאַרגלײַך פון גאָרקין מיט טאָלסטאָיען איז באַשטאַנען דערין, וואָס לעוו טאָלסטאָי און מאַקסים גאָרקי זײַנען ניט פון די שרײַבער, וועלכע טינטלען מיט דער פען, נאָר זיי שרײַבן מיט זייער בלוט. זייער צוועק איז ניט שריפטשטעלערײַ אָן און פאַר זיך, נאָר יעדערער פון זיי זוכט פאַר דער מענטשהײַט דעם עמעס. זיי באַנוגענען זיך ניט מיטן סיפּער־האַמײַסע, וואָס זיי דערציילן אין זייערע ווערק, נאָר אַרום דעם סיפּער־האַמײַסע פירן זיי מיט דעם לעזער אַ וויכטיקן טיפן שמועס וועגן דעם מענטשן און וועגן זײַן לעבן. און יעדער סיפּער־האַמײַסע זעלבסט האָט בײַ זיי אויך זייער אַ טיפן זין״[3].

---

[1] Л. Н. Толстой. Военные рассказы. Тула, 1950, стр. 164.

[2] שאָלעם־אַלייכעם. אויסגעוויילטע ווערק אין 12 בענדער. זיבעטער באַנד „מענאַכעם מענדל״, מאָסקווע, 1936, ז. 22.

[3] וואָלף (וועוויק) ראַבינאָוויטש. מײַן ברודער שאָלעם־אַלייכעם. זיכרוינעס, קיִעוו, 1939, ז. 131.

אַזויאַרום שטעלן מיר דערווײַל פעסט צוויי וויכטיקע מעטאָדאָלאָגישע פּרינציפּן פון קינסטלערישער שאַפונג בײַ טאָלסטאָיען און שאָלעם־אַלייכעמען: עמעסדיקײַט פון דער שילדערונג און הומאַנישע פאַרקערפּערונג פונעם לעבן פון די פאָלקסמאַסן, מיטגעפיל צו זייער אונטערדריקטער לאַגע, שאַרפע קריטיק פון די הערשנדיקע קלאַסן.

די פראַגע באַשטייט אָבער ניט בלויז אין מעטאָדאָלאָגישע פּרינציפּיעלע עסטעטישע פאַרבינדונגען און ווירקונגען. אַ גרויסן אינטערעס שטעלן פאָר די שעפערישע פאַרבינדונגען צווישן די צוויי גרויסע שרײַבער. אָט די פּראָבלעם וועלן מיר פּרוּוון באַטראַכטן אַף טאָלסטאָיס ראָמאַן „אַנאַ קאַרענינאַ״ און שאָלעם־אַלייכעמס ראָמאַן „סטעמפּעניו״.

„אַנאַ קאַרענינאַ״ איז צוגלײַך מיט „קריג און פרידן״ דאָס באַדײַטנדיקסטע ווערק, וואָס האָט אַמערסטן געווירקט אין דער ליטעראַטור. אין „קריג און פרידן״ האָט טאָלסטאָי פאַרקערפּערט דעם היסטאָרישן פּראָצעס אין אייראָפּע און אין רוסלאַנד אין אָנהייב פונעם נײַנצנטן יאָרהונדערט. ער האָט דאָרט געוואָלט אַנטפּלעקן די גרונט־טענדענצן פון דער היסטאָרישער באַוועגונג. ער לאַכט אויס די אַזויגערופענע „גרויסע היסטאָרישע פּערזענלעכקײַטן״, די פירער פון די פעלקער, וועלכע מיינען, אַז זיי פירן אָן לויט זייער ווילן מיט דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג. ער שילדערט נאַפּאָלעאָנען, אַלעקסאַנדער דעם ערשטן, אַלערליי מאַרשאַלן און גענעראַלן און ווײַזט, אַז פון זיי איז גאָרניט אָפּהענגיק. דער גרעסטער און אַנטשיידנדיקער קויעך אין דער געשיכטלעכער באַוועגונג איז דאָס פאָלק, די פאָלקסמאַסן. ווי אָפּגעשטאַנען עס זאָלן ניט זײַן די פאָלקסמאַסן, ווי קלוג עס זאָלן ניט זײַן די פירער, ווערט דער גוירל פון די שלאַכטן, פון די מילכאָמעס און פונעם גאַנצן היסטאָרישן פּראָצעס געלייזט ניט דורך די גענעראַלן און קייסאָרים, נאָר דורך די סאָלדאַטן, פּאַרטיזאַנער, פאָלקס־מענטשן.

אין דער עפּאָפּיי „קריג און פרידן״ האָט ל. נ. טאָלסטאָי אַף זײַן אויפן געלייזט די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פונעם היסטאָרישן פּראָצעס אין פאַרבינדונג מיט דער פּראָבלעם פון פאָלקסטימלעכקײַט. דאָס איז אָבער פאַר אים געווען ווייניק. די היסטאָרישע פאַרגאַנגענהײַט האָט פאַר אים ניט פאַרשטעלט און ניט געקאָנט פאַרשטעלן די אַקטועלע פּראָבלעמען פון דער הײַנטצײַטיקײַט. און אָט די אַקטועלע הײַנטצײַטיקע פּראָבלעמען האָט ער קינסטלעריש פאַרקערפּערט אין ראָמאַן „אַנאַ קאַרענינאַ״. דער ראָמאַן איז געשריבן געוואָרן אין די 70־ער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט. דאָס איז געווען אַ צײַט, ווען אין דער רוסישער ליטעראַטור זײַנען שאַרף געשטעלט געוואָרן די פראַגן פון פאַמיליע־באַציִונגען, פון דער פרויען־עמאַנסיפּאַציע, די פּראָבלעם פון עלטערן און קינדער. די ליטעראַטור האָט ניט אויסגעטראַכט אָט די

דערשײַנונגען און פּראָבלעמען. זיי זײַנען ארויסגעדרונגען פון דער רעאלער ווירקלעכקײַט. די עקאָנאָמישע אנטוויקלונג פונעם קאפּיטאליזם, די נײַע סאָציאלע באציִונגען האָבן געשאפן נײַע פארהעלטענישן אין דער פאמיליע, אָנשטאָט די מיטלאלטערלעכע פאמיליע־באציִונגען מיטן אווטאָריטארן סיידער, אָנשטאָט דעם דאָמאָסטרוי, האָבן אָנגעהויבן זיך אויספּיקן און לאָזן הערן וועגן זיך נײַע פארהעלטענישן און באציִונגען אין דער מישפּאָכע. די פּראָבלעם פון עלטערן און קינדער, פון פרוי און מאן, באזונדערס די לאגע פון דער פרוי, איר אָרט אין דער געזעלשאפט — אָט די אלע פּראָבלעמען זײַנען געוואָרן צענטראלע אינעם רוסישן לעבן און דעריבער אויך אין דער רוסישער ליטעראטור. אָנשטאָט דעם קויעך און דער מאכט פונעם מיטלאלטערלעכן דאָגמאטישן אריסטאָקראטישן אווטאָריטארן געזעץ, וואָס האָט געדריקט איבער אלץ און איבער אלעמען, האָט מיטאמאָל און מיט דער גאנצער קראפט זיך געשטעלט די נײַסטע און די אקטועלסטע פּראָבלעם פונעם לעבן, די פּראָבלעם פון דער פּערזענלעכקײַט, פון אירע קאָנפליקטן און קאָנטראסטן מיט דער געזעלשאפט, פון אירע לײַדנשאפטלעכע דראמאטישע און טראגישע קאָליזיעס.

די פּראָבלעם פון דער פּערזענלעכקײַט, און באזונדערס די לאגע פון דער פרוי, איז אין די זעכציקער און אכציקער יאָרן געשטעלט און פארקערפּערט געוואָרן אין די ווערק פון די אָנגעזעענסטע שרײַבער פון יענער צײַט: אין גאָנטשאראָווס „אָבריוו", אין טורגעניעווס „נאקאנוניע" און „אָטצי אי דעטי", אין דאָסטאָיעווסקיס „פּאָדראָסטאָק" און „בראטיא קאראמאזאָווי", אין שטשעדרינס „גאָספּאָדא גאָלאָוליאָווי", אין טשערנישעווסקיס „טשטאָ דעלאט?", אין אָסטראָווסקיס „גראָזא".

„אנא קארענינא" שליסט זיך אָן לויט איר פּראָבלעמאטיק אינעם אלגעמיינעם שטראָם פון דער רוסישער ליטעראטור פון יענער צײַט. דער ראָמאן איז אָבער ניט בלויז א דערשײַנונג, א באשטאנדטייל פון יענער ליטערארישער עפּאָכע. לויט זײַן עכטן קריטיש־רעאליסטישן סטיל, לויט דער מײַסטערשאפט פון דער שילדערונג, לויט דער טיפקײַט פון דער פּסיכאָלאָגישער אנטפּלעקונג, פונעם פילאָסאָפיש־אידייִשן פארטראכט און דער קינסטלערישער פארווירקלעכונג איז טאָלסטאָיס ראָמאן א סינטעטישע פּאראלגעמיינערונג פון דער גאנצער ליטעראטור אין דער צווייטער העלפט פונעם נײַנצנטן יאָרהונדערט. נאָך „קריג און פרידן" און „אנא קארענינא" איז טאָלסטאָי אנערקענט געוואָרן אלס דער גרויסער קינסטלער פון דער וועלט און פון דער צײַט, און טורגעניעוו האָט געהאט די פולע רעכט אים אָנצורופן „דער שרײַבער פון דער רוסישער ערד".

די זעלבע פּראָבלעמען פון עלטערן און קינדער, פון פרויען־עמאנסיפּאציע זײַנען געווען גילטיק אויך אין ייִדישן לעבן און אין דער ייִדישער ליטעראטור. מיר האָבן שוין פריִער דערמאָנט, אז מענדעלע האָט זיך אין זײַנע ווערק איבערגערופן מיט שטשעדרינען. שאָלעם־אלייכעם האָט הויך געשעצט שטשעדרינען, זײַן סאטירע און זײַנע פאראלגעמיינערונגען פון דער קאפּיטאליסטישער שטאָט. שאָלעם־אלייכעם האָט אָבער געוואָלט שאפן א ראָמאן פונעם ייִדישן לעבן, אָדער, ווי ער האָט זיך שפּעטער אויסגעדריקט, א „ייִדישן ראָמאן". קיין מוסטערן פון אזא ראָמאן האָט ער אין דער ייִדישער ליטעראטור פון יענער צײַט ניט געפונען. שאָמערס שונד־ראָמאנען האָט ער שארף פארורטיילט אלס שעדלעכע פאר דער ייִדישער ליטעראטור. ער האָט אויך קריטיקירט מאָרדכע ספּעקטאָרס סענטימענטאלן ראָמאן פאר דער פארשענערונג פון דער ווירקלעכקײַט. וואָס איז שײַעך מענדעלעס ווערק, זײַנען זיי געווען דורכגעדרונגען מיט אויפקלערערישן גײַסט פון די זעכציקער יאָרן, מיט סאטירע, מיט האסקאָלע, וואָס זײַנען שוין פאר שאָלעם־אלייכעמען אין סאָף פון די אכציקער יאָרן געווען א פארגאנגענער עטאפּ, צו וועלכן ער האָט ניט געוואָלט זיך אומקערן.

ווי קאָמפּליצירט ס'איז געווען די לאגע מיטן ראָמאן אין דער ייִדישער ליטעראטור פון יענער צײַט, קאָן מען באקומען א פאָרשטעלונג פון מענדעלעס א באוווּסטן בריוו צו שאָלעם־אלייכעמען. דעם 28 יון 1888, אין דער צײַט, ווען שאָלעם־אלייכעם איז צוגעטראָטן צו פארווירקלעכן דעם פּלאן פון שאפן א „ייִדישן ראָמאן", און ער האָט שוין געשאפן צוויי ראָמאנען „סענדער בלאנק" און „סטעמפּעניו", האָט מענדעלע געשריבן:

„איך וואָלט אײַך געראטן קיין ראָמאנען ניט צו שרײַבן. אײַער זשאנער איז גאָר עפּעס אנדערס. איר זענט דאָך (ווי איר זאָגט אליין) מײַן אייניקל. איר פארשטייט, וואָס דאָס הייסט?.. פארשטייט זשע טאקע און פאָלגט דעם זיידן, וועט איר איה"ש (אימירצעהאשעם — ה. ר.) זײַן א קיילע־שליימע. איבערהויפּט טויגן אלע ייִדישע ראָמאנען אף קאפּאָרעס. עס גלוסט זיך ברעכן פון זיי"[1].

מענדעלע האָט געהאט א סמאך צו זײַן אומצופרידן מיטן צושטאנד פונעם ראָמאן אין דער ייִדישער ליטעראטור פון יענער צײַט. שאָלעם־אלייכעם איז געווען אין טאָך מאסקים מיט מענדעלען. ער האָט אָבער אין דער פראגע וועגן ראָמאן געהאט אנדערע פּלענער. אָנשטאָט שאָמערס שונד־ראָמאן און דעם סענטימענטאלן ראָמאן פון דינעזאָנען און ספּעקטאָרן האָט שאָלעם־אלייכעם געוואָלט שאפן א נײַעם ראָמאן, א רעאליסטישן ראָמאן וועגן ייִדישן לעבן.

שאָלעם־אלייכעם האָט אין די אכציקער יאָרן, ווי טאָלסטאָי אין די זיבעציקער, געוואָלט שאפן א ראָמאן וועגן די הײַנטצײַטיקע פּראָבלעמען פונעם לעבן. אין דער ייִדישער ליטעראטור איז אזא ראָמאן ניט געווען. ער איז געווען געצוווּנ־

[1] שריפטן. ערשטער באנד. קאטעדרע פאר ייִדישער קולטור בא דער אלוקראִינישער וויסנשאפט־אקאדעמיע, קיִעוו, 1928, ז. 255.

גען זיך צו ווענדן אלס מוסטער צו דער רוסי־שער און צו דער מײַרעוו־אייראָפּעיִשער ליטע־ראַטור. אין „סענדער בלאַנק" האָט ער געוואָלט שאַפן א ייִדישן „קיט־קיטיטש", האָבנדיק פאַר זיך פאַר א מוסטער אָסטראָווסקיס פּיעסע. פון דער צווייטער זײַט, ווייסן מיר, אז אין „סענ־דער בלאַנק" האָט ער געשטרעבט, ווי עמיל זאָ־ליא, שאַפן געשטאַלטן און טיפּן פון א ייִדישער בורזשואַזער פאַמיליע. אין א בריוו צו שימען דובנאָוון דעם 2 סענטיאַבער 1888 האָט שאָ־לעם־אַליי‌כעם געשריבן:

„סענדער בלאַנק" — איז דער ערשטער טייל פונעם ראָמאַן. דעם צווייטן טייל — „מאַרקוס בלאַנק" — ענדיק איך איצט שרײַבן; און דעם דריטן — „דער לעצטער פון דער מישפּאָכע בלאַנק" — וועל איך אָנשרײַבן שפּעטער, אז איך וועל בעסער, גענויער און אלזײַטיק זיך באַקע־נען מיט אונדזער יונגן דאָר, וואָס פאַרדינט אַן ערנסטע שטודירונג. ווי איר זעט, האָב איך זיך דורכגעדרונגען מיט דער זעלבער אידיי, וואָס עמיל זאָליא אין זײַן אומשטערבלעך ווערק „די קאַריערע פון די רוגאָנען"[1].

מיטן ראָמאַן „סענדער בלאַנק" האָט שאָלעם־אַליי‌כעם געשאַפן א ווערק, אין וועלכן עס אַנט־פּלעקט זיך בוילעט זײַן שטרעבונג קינסטלע־ריש צו שטעלן און פאַרקערפּערן אַקטועלע פּראָבלעמען פונעם לעבן, פּראַגן פון אופקום פון א בורזשואַזן טיפּ נאָך דער רעפאָרמע. און באַ־נאַנד דערמיט שאַפט ער אין סאָף פון די 80־ער יאָרן דעם ראָמאַן „סטעמפּעניו", וווּ עס ווערט געשטעלט די פּראָבלעם פון דער אופוואַכונג פון דער פרוי אין די באַדינגונגען פונעם ייִדישן לעבן. און דאָ האָט ער געשאַפן א ווערק, וואָס רופט זיך איבער מיט ל. נ. טאָלסטאָיס ראָמאַן „אַנא קאַרענינאַ".

אין דער קריטיק און אין דער ליטעראַטור־פאָרשונג איז באַווּסט, אז אין די ראָמאַנען „סטעמפּעניו" און „יאָסעלע סאָלאָוויי" האָט שאָלעם־אַליי‌כעם פאַרקערפּערט צוויי פּראָבלע־מען: די טאַלאַנטירטקײַט פונעם פאָלק, דעם גורל פונעם באַגאַבטן פאָלקס־מענטש אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט; דאָס איז איין פּראָ־בלעם. און די צווייטע פּראָבלעם — דער גורל פון דער ייִדישער פרוי אין די באַדינגונגען פּר־נעם פאַרצויגענעם מיטלאַלטער אין דער ייִדי־שער סוויווע. אין דער פאַרקערפּערונג פונעם גורל פון דער פרוי אַנטפּלעקט זיך די פאַר־בינדונג פונעם ווערק „סטעמפּעניו" מיטן ווערק „אַנא קאַרענינאַ".

האַגאַם שאָלעם־אַליי‌כעם האָט אָנגערופן זײַן ראָמאַן „סטעמפּעניו", און דער פידלער סטעמ־פּעניו איז טאַקע א צענטראַלער העלד פונעם ווערק, איז אָבער ראָכעלע פּאַרט די אַקס, אַף וועלכער עס האַלט זיך און באַוועגט זיך דאָס ווערק. וועגן דעם שרײַבט שאָלעם־אַליי‌כעם אין דער ווענדונג צו מענדעלע מויכער־ספאָרים: „ראָכעלע די שיינע שפּילט די גרעסטע ראָליע

[1] «Еврейская старина», 1916, стр. 239.

אינעם דאָזיקן ראָמאַן". סײַ בא שאָלעם־אַליי‌כע־מען, סײַ בא טאָלסטאָיען ווערט די אופוואַכונג פון דער פרוי געוויזן דורך ליבע פון דער פאַר־הייראַטער פרוי צו אַן אַנדער מאַנצבל. בא טאָלסטאָיען פאַרליבט זיך אַנא קאַרענינאַ אין וווראָנסקין, בא שאָלעם־אַליי‌כעמען פאַרליבט זיך ראָכעלע אין דעם טאַלאַנטירטן פידלער סטעמפּעניו. דער שטייגערישער און פּסיכאָלאָ־גישער קאָנפליקט, די „אומגעזעצלעכע ליבע" טראָגט אַן ארויסרופערישן כאַראַקטער. די פרוי ווערט קעגנגעשטעלט דעם גאַנצן אַלטן סיידער, די קאָנסערוואַטיווע און רעליגיִעזע געזעצן, די פון דרויסן אײַנגעשטעלטע זיטלעכע און שטיי־גערישע מינהאָגים. דער שטייגערישער און פּסיכאָלאָגישער קאָנפליקט ווערט ביז גאָר פאַר־שאַרפט און נעמט אָן א געזעלשאַפטלעכן, א סאָציִאַלן כאַראַקטער.

דער קאָנפליקט ווערט געלייזט בא שאָלעם־אַליי‌כעמען דראַמאַטיש. ראָכעלע, די שיינע ייִדי־שע טאָכטער, מיט איר הויכער זיטלעכער מאָ־ראַל זאָגט זיך אָפּ פון איר ליבע צו סטעמפּע־ניון. זי דערלויבט זיך בלויז איין מאָל באַגעג־נענען זיך מיט איר געליבטן און, א געבראָ־כענע, בלײַבט זי מיטן ניט געליבטן מאַן, ווײַל זי איז אַן „אייִשעס איש". די ליבע האָט אופ־געוועקט אין איר דאָס שטרעבן צו א נײַ לעבן. אָבער דער אַלטער סיידער איז שטאַרקער פון אירע געפילן, און זי בלײַבט אַף איר אָרט. בא טאָלסטאָיען ווערט דער קאָנפליקט דערפירט ביז צו א טראַגעדיע. אַנא קאַרענינאַ וויל זיך ניט אונטערוואַרפן די מינהאָגים און זיטן פונעם אַלטן שטייגער, פון דער אַריסטאָקראַטישער וועלט. איר גליק זעט זי בלויז אין ליבע; מיט ליבע צו וווראָנסקין זײַנען פאַרבונדן אַלע אירע פאַרשטעלונגען וועגן א נײַ לעבן. אָבער פונקט ווי בא שאָלעם־אַליי‌כעמען, איז אויך בא טאָל־סטאָיען דאָס אַלטע שטאַרקער פונעם נײַעם. אַנא קאַרענינאַ איז פאַרורטיילט ניט בלויז מאָראַ־ליש, נאָר אויך פיזיש. זי קומט אום.

אין דעם איז דער אונטערשייד, וואָס שאָ־לעם־אַליי‌כעם האָט געזען צווישן א ייִדישן און א רוסישן ראָמאַן. נעמען זיך דאָס לעבן איז ניט געווען אין ייִדישן שטייגער. אָפן קעגנ־שטעלן זיך דעם אַלטן סיידער — צו דעם איז ראָכעלע נאָך ניט דערגאַנגען. ערשט שפּעטער, אין ווערק „טעוויע דער מילכיקער", באַזונדערס אין דער נאָוועלע „האָדל", האָט שאָלעם־אַליי־כעם געוויזן די נײַע פרוי, וואָס רײַסט אײַן מיטן אַלטן לעבן און גייט מיט די וועגן פון דער רעוואָלוציע. אויך לעוו טאָלסטאָי האָט שפּעט־ער געוויזן א נײַעם טיפּ פרוי, קאַטיושאַ מאַ־סלאָוואַ, וועלכע געפינט דעם וועג צו דער רע־וואָלוציע נאָך אומגעהייערע ליידן און פּײַן.

אין טאָך איז ראָכעלעס גורל ניט בלויז דראַ־מאַטיש, נאָר אויך טראַגיש. ווײַל עס איז נאָך א פראַגע, וועמעס גורל איז ערגער — אַנא קאַ־רענינאַס, וועלכע האָט פאַרענדיקט אַלע כעזש־בוינעס מיטן לעבן, צי ראָכעלעס, וועלכע איז פאַרורטיילט אַף שטענדיק צו פאַרבלײַבן מיט א

ניט געליבטן מאַן, אַן איינזאַמע אין דער סוויר־
ווע, וועלכע רינגלט זי אַרום.

געוויסע פאַרבינדונגען אין טאָלסטאָיס און שאָלום־עליכעמס ראָמאַנען קאָן מען פעסט־שטעלן ניט בלויז אינעם קינסטלערישן אַנט־וויקלען און לייזן דעם קאָנפליקט. נאָר אויך אין דער שילדערונג פון דער פסיכאָלאָגיע פון די הויפט־געשטאַלטן אין ביידע ראָמאַנען. איך וועל דאָ ברענגען בלויז איינעם אַזאַ מין בײַשפּיל.

אַנאַ קאַרענינאַ פאָרט פון מאָסקווע, ווו זי האָט שוין אײַנגעשטעלט איר ערשטע באַגעגענישן מיט ווראָנסקין, וועלכע האָבן שוין זיכער פאָ־רויסגעזאָגט אַ פאַרשטייענדיקע שטאַרקע ליבע. „אין פעטערבורג האָט זיך נאָרוואָס אָפּגע־שטעלט דער צוג, און זי איז אַרויסגעגאַנגען. דאָס ערשטע פּנים, וואָס האָט צוגעצויגן איר אויפמערקזאַמקייט, איז געווען דאָס פּנים פון איר מאַן. „אַך, גאָט מײַנער! פאַרוואָס זײַנען בא אים געוואָרן אַזעלכע אויערן?” האָט זי אַ טראַכט געטאָן, קוקנדיק אַף זײַן קאַלטער און סאָלידער פיגור און באַזונדערס אַף זײַנע לאַנגע אויערן, וועלכע האָבן אונטערגעשפּאַרט די ראַנדן פון זײַן קײַלעכדיקער שליאַפּע און האָבן זי דערשיטערט. דערזען זי, איז ער אַוועק איר אַנטקעגן, צונויפלייגנדיק די ליפּן אין אַ גע־וויינלעכן פאַר אים שמייכל און קוקנדיק גלײַך אַף איר מיט די גרויסע מידע אויגן. עפּעס אַ ניט גוטער געפיל האָט איר געדריקט דאָס האַרץ, ווען זי האָט באַגעגנט זײַן אײַנגעשפּאַרטן מידן קוק, גלײַך זי וואָלט געמיינט צו באַגעגע־נען אים אַן אַנדערן. באַזונדערס האָט זי דער־שיטערט דער געפיל פון אומצופרידנקײַט מיט זיך, וועלכן זי האָט איבערגעלעבט בא דער באַגעגעניש מיט אים. אָט דער געפיל איז שוין געווען פון לאַנג אַ באַקאַנטער געפיל, וועלכער איז ענלעך אַף אַ צושטאַנד פון פאַרשטעלן זיך, פון געמאַכטקײַט, וואָס זי האָט איבערגעלעבט אין איר באַציִונגען מיטן מאַן; נאָר פריִער האָט זי ניט באַמערקט אָט דעם געפיל, איצט האָט זי קלאָר און ווייטעקדיק אים דערקענט”.

אַן ענלעכע באַשרײַבונג פון ראָכעלעס פּסי־כאָלאָגישן געמיט־צושטאַנד איז פאַראַן אין שאָ־לעם־אַלייכעמס „סטעמפּעניו”: „עס סווישטשעט און עס פײַפט אין אַלע ווינקעלעך. אַלע שלאָפן געשמאַק אינעם דאַזיקן שטיבל, נאָר איין ראָ־כעלע קאָן ניט אַנשלאָפן ווערן, כאָטש נעם און טו זיך אָן אַ מיִסע — ניטאָ קיין שלאָף!... די לע־וואָנע שײַנט אַרײַן דורך אַ פענצטער, און אַ לאַנגע ווײַסע פּאַסמע פון איר ליכטיקײַט פאַלט אַפן בעטל, אַף וועלכן מוישע־מענדל ליגט צע־וואָרפן מיטן פּנים אַרוף, דאָס מויל אָפן, די אויגן פאַרגלאָצט, דער האַלדז פאַריסן, און אַ קנאָפּ, אַ שאַרפער קנאָפּ שטעקט אַרויס פונעם גאָרגל, אַז עס ווערט אַ מיִעסע זאַך צו קוקן. ראָכעלע וויל ניט קוקן — און קוקט פאָרט; קיינמאָל האָט איר מוישע־מענדל נישט אויס־געוויזן אַזוי העסלעך, ווי אַצינד, ווי אין דער דאַזיקער נאַכט”.

ס'איז קלאָר, אַז קאַרענינס לאַנגע אויערן, וועלכע זעען אויס דערשיטערנדיק אין אַנעס אויגן, האָבן די זעלבע פונקציע, וואָס מוישע־מענדלס שאַרפער קנאָפּ, וועלכער שטעקט אַרויס פונעם גאָרגל און זעט אויס אין ראָכע־לעס אויגן מיִעס און העסלעך. ווײַל דאָ האַנדלט זיך ניט בלויז וועגן דעם, וואָס אַנע און ראָכע־לע האָבן זיך אײַנגעליבט אין אַנדערע מאַנצב־לען, וועלכע זעען אויס אין זייערע אויגן פײַנער און שענער, ווי זייערע מענער. דאָ גייט אַ רייד וועגן דעם, אַז דאָס גאַנצע לעבן פון דער רו־סישער און פון דער ייִדישער פרוי זעט איצט אויס פאַרומערט און פּוסט. אַנאַ קאַרענינאַ קאָן מער ניט לעבן, ווי פריִער. זי קאָן מער ניט דולדן אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש קאַרענינען. אָבער ניט בלויז אים. די גאַנצע אַרומרינגלונג, די צווייעסדיקע זײַטן פון דער אַריסטאָקראַטי־שער סוויווע זײַנען איר דערווידער. זי זוכט אַן אַנדער לעבן מיט ווראָנסקין, אָבער זי געפינט עס ניט. זי מאַכט אַ סאָף צו איר אייגן לעבן.

און אַזוי איז אויך מיט ראָכעלען. שאָלעם־אַלייכעמס ראָמאַן איז געבויט אַף דעם קאָנטראַסט צווישן צוויי וועלטן: דער וועלט פון ליריש־ראָ־מאַנטישער קונסט, פון סטעמפּעניוס שפּיל אַפן פידל, פון איין זײַט, און דער וועלט פונעם קרעמערישן לעבן. ראָכעלע איז מיטן גאַנצן האַרצן אַף דער זײַט פון דער וועלט פון פאָלקס־געזאַנגען, און איר איז דערווידער די אַלטע קרעמערישע וועלט. זי קוקט איצט מיט נײַע געפילן און איבערלעבונגען אַף דעם שטעטל־דיקן מאַרק:

„ער איז ברייט און פּוסט. די קלייטן מיט די רויטע פאַרטעכלעך זײַנען אָפן, און די ווײַבער זיצן אַף פירעקעכיקע בענקלעך און אַרבעטן אַ זאָק מיט אַ שרעקלעכער געשווינדקײַט. בא דער זײַט שטייען מולטערלעך מיט יאַגעדעס, מיט קיכלעך און מיט קאַרזשיקלעך, און אַ ציג גאַנ־וועט זיך אונטער און האָט כיישעק צו מאַכן אַ שטיקל אומגליק, נאָר מע דערלאָזט זי ניט. ווײַט־ווײַט גייען אַ פּאָר אָקסן מיט אַ גרויסער פור סנאָפּעס קאָרן; די פור מאַכט אָן אַ מוירע־דיקן פּאָרעך אַרום זיך, און הינטן גייט נאָך אַ קליין שייגעצל מיט אַ גרויס וואָרעם היטל, מיט אַ טאָרבע, מיט אַ לאַנגער בײַטש און באָרוועס, און אַ גרויסער הונט לויפט אים נאָך מיט אַן אַרויסגעשטעלטער צונג.”

ראָכעלע שטייט און באַטראַכט דאָס גאַנצע „וואָכעדיקע אויסזיכט”. זי האָט געמאַכט אַ פּרווו אַרײַנצוטרעטן אין אַן אַנדער וועלט, אין אַן אַנדער לעבן. אָבער זי האָט איר פּרווו ניט געקאָנט פאַרווירקלעכן. האָט זי זיך אומגעקערט צוריק צום „וואָכעדיקן אויסזיכט”.

אין סאָף 19־טן יאָרהונדערט און אין 20־טן יאָרהונדערט איז טאָלסטאָיס רעאַליזם שאַרף קריטיקירט געוואָרן פון די דעקאַדענטן, מאָ־דערניסטן, אַלערליי „נעאָראָמאַניסטן”. טאָל־סטאָיס רעאַליזם האָט מען געפּרווט קעגנשטעלן דער שאַפונג פון דאָסטאָיעווסקין אין נײַנצנטן יאָרהונדערט און דזשעמס דזשויסן און מאַרסעל

פרוסטן אין צוואנציקסטן יאָרהונדערט. אָנשטאָט לעבעדיקע טיפן און געשטאלטן בא די רעאליסטן און בא טאָלסטאָיען האָט מען געפאָדערט יענוועלטיקע געשפענסטער, אָנשטאָט נאָרמאלע מענטשלעכע געפילן און איבערלעבונגען האָבן די מאָדערניסטן געפאָדערט איראציִאָנעלע עמפינדונגען, וואָס האָבן ניט קיין שײַכעס צו דער ווירקלעכקײַט. טאָלסטאָי איז פארעלטערט — אזוי דערקלערט קאטעגאָריש די פראנצויזישע שרײַבערן נאטאלי סאראָט.

אויך אזא שרײַבער, ווי אלבערטאָ מאָראוויא, זאָגט ארויס דעם זעלבן געדאנק. מאָראוויא דערקלערט: „איך וויל דאָ שטעלן די פראגע — צי ווירקט הײַנט טאָלסטאָיס שאפונג אָף דער הײַנטצײַטיקער ליטעראטור, וויִאזוי, נעמלעך, ווירקט זי און וואָס פאר אַ אָרט פארנעמט זי. און דאָ מוזן מיר אנערקענען, אז פון אלע רוסישע פראָזאיִקער און ראָמאניסטן איז טאָלסטאָיס ווירקונג אָף דער הײַנטצײַטיקער ליטעראטור, מעגלעך, די קלענסטע". „טאָלסטאָי, — זאָגט מאָראוויא, — איז אקטועל, אָבער אקטועל אָף א מאָדנעם אופן, ווי א דעמיורג: טאָלסטאָי — דאָס איז א מיף. ער איז אריבער פון דער ליטעראטור, ווו קיינער מאכט אים שוין ניט נאָך, אין דער ספערע פון בוקן זיך צו אים...״[1]

אָבער די פּאָלעמיק קעגן טאָלסטאָיען, פונוואנען זי זאָל ניט גיין, איז געווען א באווײַז ניט אז טאָלסטאָי איז פארעלטערט, נאָר, פארקערט, אז זײַן שאפונג איז ווירקנדיק אין דער נײַער און אין דער נײַסטער צײַט ניט ווייניקער, ווי אין די פריִערדיקע צײַטן. אין דער געשיכטע פון דער ליטעראטור איז פּאָלעמיק קעגן א באשטימטער טראדיציע אמאָל א גרעסערע באשטעטיקונג און אנערקענונג, איידער די סאמע רוישיקע ליבגעזאנגען. אין פּאָלעמיק, אין שטרײַטן און דיסקוסיעס ווערט אמאָל דערהויבן די פריִערדיקע ליטערארישע טראדיציע. אלעקסאנדער בלאָק האָט וועגן דעם געשריבן: „אז איך רעד מיט מײַן ברודער — דעם קינסטלער, ווייסן מיר ביידע אויסגעצייכנט, אז פושקין און טאָלסטאָי — זײַנען ניט קיין געטער. די פוטוריסטן ריידן וועגן דעם מיט יענע, פאר וועמען פושקין איז שוין שטילערהייט סײַווי א כאם (אן „אריסטאָקראט" אָדער א „בורזשוא"). אָט אין וואָס עס איז כניפע און, הייסט עס, ליגן.

און וואָס, אויב אזוי: פושקינען האָבן אויסגעלערנט ליב האָבן באנײַס — גאָרניט בריוסאָוו, שטשאָגאָלעוו, מאָראָזאָוו אאוו., נאָר די פוטוריסטן. זיי זידלען אים באנײַס, און ער ווערט נעענטער באנײַס. אין „אָניעגינען" האָב איך עס דערפילט". און ווײַטער: „זידלערײַ צוליב נײַעם איז גאָרניט דאָס, וואָס זידלערײַ צוליב אלטן, אפילו דאָס נײַע זאָל זײַן אומבא-

[1] Цит. по книге М. Б. Храпченко. Лев Толстой как художник. М., 1963, стр. 642—643.

ווּסט (דאָס איז דאָך שטענדיק אזוי), און דאָס אלטע — גרויס און באוווּסט. שוין דערפאר, וואָס זידלען אין נאָמען פונעם נײַעם — איז שווערער און פאראנטוואָרטלעכער"[1].

אין דער ייִדישער ליטעראטור פון אָנהייב צוואנציקסטן יאָרהונדערט איז דער מאָדערניזם געווען אין סאמע ברען. אפילו עכטע רעאליסטן האָבן זיך געשעמט צו זײַן רעאליסטן און האָבן זיך געהילט אין מאָדערניסטישע מאלבושים. פונדעסטוועגן, איז דאָס גרעסטע ווערק פון דער ייִדישער ליטעראטור אין דער דאָזיקער עפּאָכע, דאָוויד בערגעלסאָנס ראָמאן „נאָך אלעמען", פארבונדן מיט טאָלסטאָיס רעאליזם, מיט טאָלסטאָיס ראָמאן „אנא קארענינא".

אין ראָמאן „נאָך אלעמען" ווערט טאָלסטאָיס נאָמען דערמאָנט צוויי מאָל. אָט זײַנען די צוויי ערטער:

„דער יונגער סטודענט ליובאשיץ איז געווען א גרויסגופיקער, א וווּקסיקער, א געפאקטער און א בלאָנדער, ווי אלע ליובאשיצעס. ער איז געשטאנען אָנגעשפארט מיט זײַנע ברייטע פלייצעס אָן דער פײַערקאסע און האָט אויסגעזען מיד פונעם וועג. אליין איז ער בעסאכאקל געווען א שטיקל פּאָעט, געדרוקט זײַנע לידער אין א סטודענטישן זשורנאל, זיך דערפאר געגאָלט די וואָנצעס, געכקירעט מעשוגענערווײַז וועגן וואָס ניט איז און האָט געהאט אן אייגענע מיינונג וועגן טאָלסטאָיען"[2].

און אָט איז דאָס צווייטע אָרט:

„אין זאל איז מען דערווײַל געזעסן און גערעדט וועגן דעם, וואָס א גראמאָפאָן זינגט א ביסל אונטער דער נאָז און דערעסט באלד, אז מ'קאָן שטארבן; וועגן דעם, וואָס דער קליינער זיאמקע ווייסט, ווער טאָלסטאָי איז"[3].

און נאָך איין אָרט וועגן טורגעניעוון, וואָס איז אויך זייער סימפּאטאָמאטיש:

„אָט האָט זי דאָ נישט לאנג טורגעניעווס א בוך נאָכאמאָל איבערגעלייענט: א רוסיש מיידל קאָן מער ניט אויסקומען מיטן לעבן, וואָס ארום, גייט זי אוועק אין מאָנאסטיר, און ס'ווערט פון איר גאָרנישט. און זי, מירל, זי איז שוין ניט קיין מיידעלע, און דער מאָנאסטיר איז פון איר אזוי ווײַט און ווײַזט איר אויס אזוי נאריש, מ'האָט זי פון קליינערהייט ניט געלערנט זײַן רעליגיִעז. זי קאָן מער מיט די ארומיקע צושטאנדן ניט אויסקומען. מוז זי אוועקגיין ווײַטער:

„צי זי וועט עפּעס געפינען, ווייסט זי נישט, נאָר אוועקגיין וועט זי"[4].

ווער ס'האָט געלייענט בערגעלסאָנס ווערק און האָט וועגן זיי געטראכט, דער ווייסט, אז אָט דער שרײַבער איז דער גרעסטער קעגנער פון איבעריקער ריידערײַ אין א קינסטלעריש ווערק. זײַן סטיל איז מאקסימאלע שפּאָרזאמ-

[1] Александр Блок. Записные книжки. М., 1965, стр. 198.

[2] דאָוויד בערגעלסאָן. אויסגעוויילטע ווערק, מאָסקווע, 1961, ז. 301.

[3] דאָרטן, ז. 412; [4] דאָרטן, ז. 352—353.

קײַט אין וואָרט און אין זאַץ. און אויב מיר טרעפן בא אים אין זײַן בעסט ווערק „נאָך אַלעמען" צוויי דערמאָנונגען וועגן טאָלסטאָיען און איינע וועגן טורגעניעוון, איז דאָס א בויל־לעטער באַווײַז, אז אין פּראָצעס פון שאַפן אָט דאָס ווערק האָט ער געטראַכט וועגן דער רו־סישער ליטעראַטור, וועגן טורגעניעוון און טאָלסטאָיען.

איך רייד וועגן דעם דערפאַר, ווײַל אין דער קריטיק האָט מען מערער דערמאָנט וועגן דער אויסלענדישער ליטעראַטור, ווען מע האָט באַ־טראַכט בערגעלסאָנס „נאָך אַלעמען". מע האָט גיכער דערמאָנט אַזעלכע שרײַבער, ווי קנוט האַמסון, אויגוסט סטרינדבערג, גיוסטאַוו פלאָ־בער, אָבער ניט קיין רוסישע שרײַבער. דאָס דערקלערט זיך מיסטאָם דערמיט, וואָס בערגעל־סאָן איז באַטראַכט געוואָרן אַלס אימפּרעסיאָ־ניסט, אַלס מאָדערניסט, אָבער בעשום־אויפן ניט אַלס רעאַליסט, און באַזונדערס ניט אַלס אַזאַ רעאַליסט, ווי לעוו טאָלסטאָי, וואָס זײַן קונסט איז שוין „פאַרעלטערט".

עס איז אויסער שום סאָפעק, אַז בערגעלסאָן האָט א סאַך געטראַכט וועגן טאָלסטאָיען און וועגן דעם ראָמאַן „אַנאַ קאַרענינאַ", ווען ער האָט געשריבן „נאָך אַלעמען" און האָט געשאַפן דאָס געשטאַלט פון מירל הורוויץ: דאָס זײַנען געווען יאָרן, ווען טאָלסטאָי איז געשטאַנען אין צענטער פון דער ליטעראַטור און זײַן נאָמען און זײַן שאַפן האָבן צוגעצויגן צו זיך די אויפ־מערקזאַמקײַט פון דער גאַנצער קולטור־וועלט.

די אַלטע פּראָבלעם „וואָס דאַרף מען טאָן?", וועלכע איז געשטאַנען פאַר דער רוסישער לי־טעראַטור אין 19־טן יאָרהונדערט, באַזונדערס די לאַגע פון דער פּערזענלעכקײַט, וואָס האָט איר העכסטע קינסטלערישע פאַרקערפּערונג באַקומען אין טאָלסטאָיס „אַנאַ קאַרענינאַ", איז אין דער ייִדישער ליטעראַטור אַמפולסטן באַ־לויכטן געוואָרן אין דאָוויד בערגעלסאָנס „נאָך אַלעמען". מירל הורוויץ איז, ווי אַנאַ קאַרע־נינאַ, א קלאַסיש געשטאַלט, א פאַרקערפּערונג פון א טויט־אורטייל איבער א גאַנצער געזעל־שאַפטלעכער סיסטעם. קיינער אין דער ייִדישער ליטעראַטור ביז בערגעלסאָנען האָט נאָך אַזוי טיף ניט אַנטפּלעקט די פּסיכאָלאָגיע, די אינער־לעכע איבערלעבונג פון א פרוי. לויט דער קראַפט פון קינסטלערישער פאַראַלגעמיינערונג און פּסיכאָלאָגישער אינדיווידואַליזירונג שטייט דאָס מירל־געשטאַלט אין איין ריי מיט די בע־סטע פרויען־טיפּן פון דער וועלט־ליטעראַטור און, ווי איך מיין, אויך אין איינקלאַנג מיט טאָלסטאָיס אַנאַ קאַרענינאַ.

עס זײַנען, נאַטירלעך, פאַראַן ראַדיקאַלע און גרינטלעכע נאַציִאָנאַלע און סאָציִאַלע אונטער־שיידן און מאָדיפיקאַציעס אין דער גאַנצער פּראָבלעמאַטיק פון ביידע ווערק — פון טאָל־סטאָיס „אַנאַ קאַרענינאַ" און בערגעלסאָנס „נאָך אַלעמען", פון דער צענטראַלער געשטאַלט מירל הורוויץ און אַנאַ קאַרענינאַ. עס זײַנען אָבער פאַראַן אויך וויכטיקערע פאַרבינדונגען אינעם שאַפן און אין דעם סטיל פון ביידע שרײַבער. אַף איינער אַזאַ וויכטיקער פאַרבינ־דונג וועל איך דאָ זיך אָפּשטעלן.

אין איינעם פון זײַנע ערשטע אַרטיקלען וועגן די ערשטע ווערק פון ל. נ. טאָלסטאָי „דעט־סטוואָ אי אָטראָטשעסטוואָ" און „וואָיעניִע ראַס־קאַזי" האָט נ. ג. טשערנישעווסקי געשריבן: „דער פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז קאָן אָננעמען פאַרשיידענע ריכטונגען: איין פּאָעט אינטערע־סירן מערער פון אַלץ די שטריכן פונעם כאַ־ראַקטער; אַן אַנדערן — די ווירקונגען פון די געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען און פון די לעבנס־קאָנפליקטן אַף די כאַראַקטערן; דעם דריטן — די פאַרבינדונג פון געפילן מיט דער האַנדלונג; דעם פערטן — דער אַנאַליז פון די לײַדנשאַפטן; דעם גראַף טאָלסטאָי אינטערעסירט מערער פון אַלץ גופא דער פּסיכישער פּראָצעס, זײַנע פאָר־מעס, זײַנע געזעצן, די דיִאַלעקטיק פון דער נעשאָמע, אויב זיך אויסדריקן מיט א באַ־שטימטן טערמין"[1].

פון דעמלט אָן איז דער טערמין „דיִאַלעקטיק פון דער נעשאָמע" אַרײַן אין דער טערמינאָלאָ־גיע פון דער פאָרשערישער און פּעדאַגאָגישער ליטעראַטור וועגן טאָלסטאָיען. „דיִאַלעקטיק פון דער נעשאָמע" — דאָס איז עפּעס די סאַמע געלונגענע און אויסשעפּנדיקע דעפיניציע פונעם גאַנצן טאָך פון טאָלסטאָיס שאַפן, פון זײַן מײַ־סטערשאַפט פון פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז. ל. נ. טאָלסטאָי האָט מיט זײַן שאַפן פאַראַלגעמיינערט די קינסטלערישע דערגרייכונגען פון דער וועלט־ליטעראַטור אין געביט פון פּסיכאָלאָגי־שער שילדערונג און האָט אויסגעטראָטן נײַע וועגן פאַר דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור.

בערגעלסאָן איז איינער פון די סאַמע דריי־סטע שעפערישע סטיל־נאָוואַטאָרן אין דער ייִדישער ליטעראַטור, און מיט זײַן נאָוואַטאָ־רישן סטיל איז ער פאַרבונדן מיט טאָלסטאָיס מעטאָד פון שילדערן מענטשן, זייער כאַראַק־טער און זייער פּסיכאָלאָגיע, אויפדעקנדיק די דיִאַלעקטיק פון זייער נעשאָמע. איינער פון בערגעלסאָנס וויכטיקסטע אויפטוען אין געביט פון סטיל באַשטייט אין דעם, וואָס ער אַנט־פּלעקט דעם כאַראַקטער פונעם פּערסאָנאַזש, שאַפנדיק אַרום אים א שטימונגס־אַטמאָספער, ווי מיר זעען דאָס אויך בא טאָלסטאָיען, און באַזונדערס אין דעם ראָמאַן „אַנאַ קאַרענינאַ". פאַר אַנאַ קאַרענינאַ און מירל הורוויץ איז די שטימונג און דער אײַנדרוק אַלס רעזולטאַט פון א באַשטימטער געשעעניש וויכטיקער, איידער די געשעעניש גופא.

טאָלסטאָי און נאָך אים בערגעלסאָן האָבן זיך אין זייער שאַפונג געהאַלטן בא דעם שטאַנד־פּונקט, אַז אין א קינסטלעריש ווערק איז דער סיפּער־האַמײַסע, דער פאַקט, דער עפּיזאָד, די

[1] Н. Г. Чернышевский. Избранные литературно-критические статьи. Ленинград, 1950.

פאַרבינדונג צווישן די געשעענישן, די סוזשעטישע און פאַבוליאַרישע קעסיידערדיקײַט פון זייער אַנטוויקלונג — דאָס אַלץ איז ניט דאָס סאַמע וויכטיקסטע. דער אָדער יענער עפּיזאָד קאָן קומען פריִער אָדער שפּעטער. וויכטיקער פון אַלץ איז די רעאַקציע פונעם פּערסאָנאַזש אַף דעם געשעענעם, זײַן פרייד אָדער טרויער, זײַן געמיט־צושטאַנד. דאָס האָט אַ שײַכעס אי צו טאָלסטאָיען, אי צו בערגעלסאָנען. די געשעעניש גופא (די ליבע, דער שידעך, דער טויט פונעם העלד, דער אָדער יענער קאָנפליקט) ווערט געשילדערט פאַרבײַגייענדיק און איז אונטערגעוואָרפן דעם הויפּט־ציל — דער שילדערונג פון דער מענטשלעכער פּסיכאָלאָגיע. טאָלסטאָי איז באַנאַנד מיט דאָסטאָיעווסקין דער גרעסטער מײַסטער פונעם פּסיכאָלאָגישן זשאַנער אין דער רוסישער און מײַרעוו־אייראָפּעיִשער רעאַליסטישער קינסטלערישער פּראָזע. גייענדיק מיטן דאָזיקן וועג, מיט טאָלסטאָיס וועג פון ווײַזן די נעשאָמע־דיִאַלעקטיק, פון בוילעטער פּסיכאָלאָגישער שילדערונג, איז בערגעלסאָן געוואָרן דער שעפער פונעם פּסיכאָלאָגישן זשאַנער אין דער ייִדישער רעאַליסטישער קינסטלערישער פּראָזע — פונעם פּסיכאָלאָגישן ראָמאַן און פון דער פּסיכאָלאָגישער דערציילונג.

איך וויל דאָ באַמערקן, אַז טאָלסטאָיס ראָמאַן „אנא קאַרענינא" און בערגעלסאָנס „נאָך אַלעמען" האָבן איינע און די זעלבע קאָמפּאָזיציאָנעלע סטרוקטור: אַלץ איז אונטערגעוואָרפן דער באַשרײַבונג פון די איבערלעבונגען און דעם פּסיכאָלאָגישן צושטאַנד פון די צענטראַלע העלדנס פונעם ראָמאַן — אנא קאַרענינא און מירל הורוויץ. אַלע באַשרײַבונגען פון אַנדערע געשטאַלטן טראָגן אַ באַהילפיקן כאַראַקטער. אָבלאָנסקי, לעווין, קיטי, וואָראָנסקי, קאַרענין — זיי אַלע האָבן ניט קיין זעלבשטענדיקן כאַראַקטער. זיי שטעלן פאָר אַן אינטערעס און האָבן אַ באַדײַטונג, אַף וויפל זיי קומען אין פאַרבינדונג מיט אנא קאַרענינא, אויב אַפילע זיי אָרדענען אײַן זייער לעבן אָן איר און אַף זייערן אַ באַזונדערן אויפן.

און אַזוי איז אויך אין „נאָך אַלעמען". מירל הורוויץ איז אַ באַסיעכידע ניט בלויז בא איר פאָטער געדאַליע הורוויץ, נאָר אויך באַם אויטאָר פונעם ראָמאַן דאָוויד בערגעלסאָן. די גאַנצע שילדערונג איז אַרום איר און צוליב איר. וועלוול בורנעס, דער קרומער סטודענט ליפּקיס, נאָסן העלער, שמועל זײַדענאָווסקי, מאָנטשיק זײַדענאָווסקי, דער דיכטער הערץ — אַלע ציִען זיך צו איר, האָבן זי ליב ביז פאַרגעטערונג. און זי האָט קיינעם ניט ליב. זי איז די באַסיעכידע, די צעפּעסטעטע, צאַרטע, איידעלע און פאַרטראַכטע באַשעפעניש, וועלכע האָט צו קיינעם קיין אינטערעס ניט און אַפילע צו זיך אַליין אויך ניט. זי ווייסט ניט וואָס צו טאָן מיט זיך און ווייסט ניט וואָס ס'וועט זײַן מיט איר, פּונקט ווי אנא קאַרענינא ווייסט ניט הײַנט, אַז מאָרגן וועט זי זיך וואַרפן אונטערן צוג.

אַ געוויסע ענלעכקײַט קאָן מען באַמערקן בא טאָלסטאָיען און בערגעלסאָנען אויך אין שפּראַך־סטיל, אין דער לאַקאָנישקײַט פון וואָרט און זאַץ, דעריקער אין דיִאַלאָג. טאָלסטאָי, און נאָך אים בערגעלסאָן, האָט געשאַפן אַ נײַעם, אַ פולשטענדיק אָריגינעלן און מערקווירדיקן קינסטלערישן דיִאַלאָג, וואָס גיט איבער די אַנטוויקלונג און די פאַרטיפערונג פונעם פּסיכאָלאָגישן צושטאַנד פון דעם פּערסאָנאַזש, זײַנע געדאַנקען און געפילן. טאָלסטאָי און בערגעלסאָן האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דער פונקציע פונעם דיִאַלאָג אַלס מיטל פון סוזשעטישער אַנטוויקלונג. אַנשטאָט דירעקטע רייד קומען אין טאָלסטאָיס און אין בערגעלסאָנס באַטראַכטע ראָמאַנען מערסטנטייל אומדירעקטע רייד, רעפלעקסעס אין דער דריטער פּערזאָן. דעם דיִאַלאָג פאַרבײַט מערסטנטייל דער אינערלעכער מאָנאָלאָג, און אַנשטאָט דיפערענצירטע רייד ווערט געגעבן דאָס דיפערענצירטע שווײַגן פון די פאַרשוינען, ריכטיקער — דאָס דיפערענצירטע טראַכטן. אַזוי איז בא טאָלסטאָיען, באַזונדערס אין ראָמאַן „אנא קארענינא", אַזוי איז בא בערגעלסאָנען, באַזונדערס אין ראָמאַן „נאָך אַלעמען".

בערגעלסאָנס סטיל אין זײַנע ווערק ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע האָט מען אין אַ געוויסער צײַט כאַראַקטעריזירט אַלס אימפּרעסיאָניזם. דאָס איז אין טאָך געווען אַ ליטעראַטור־היסטאָרישע מיספאַרשטייעניש. בערגעלסאָנס סטיל איז געווען רעאַליזם. פּלעכאַנאָוו האָט געשריבן: „אייניקע פראַנצויזישע קריטיקער האָבן פאַרגלײַכט דעם אימפּרעסיאָניזם מיטן רעאַליזם אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור. און אָט דער פאַרגלײַך האָט אונטער זיך אַ באָדן"[1]

בערגעלסאָנס אימפּרעסיאָניזם איז געווען אַזאַ רעאַליזם, וואָס איז לויט זײַן קינסטלערישן און שעפערישן מעהוס נאָענט צו ל. נ. טאָלסטאָיס פּסיכאָלאָגישן רעאַליזם.

אַ גענויערע אויספאָרשונג וואָלט זיכער פעסטגעשטעלט ל. נ. טאָלסטאָיס ווירקונג אין דער ייִדישער היסטאָרישער ראָמאַניסטיק, אין דער עפּאָפּעיִשער בעלעטריסטיק פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין 20־טן יאָרהונדערט ביז און נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע — אין דער שאַפונג פון אַזעלכע שרײַבער, ווי אַש, אָפּאַטאָשו און אַנדערע.

טאָלסטאָיס רעאַליזם האָט באַקומען זײַן העכסטע פאָרזעצונג און אַנטוויקלונג אין דער סאָוועטישער פילנאַציאָנאַלער ליטעראַטור. ניט געקוקט אַף די אומגעלומפּערטע טעאָריעס פון די ראַפּפּאָווצעס, פּראָלעטקולטאָווצעס, פוטוריסטן, וועלכע האָבן געהאַלטן אין איין שרײַען, אַז טאָלסטאָי איז אַ גראַף, אַ פּאָרעץ, און דעריבער קאָן זײַן שאַפונג קיין שײַכעס ניט האָבן צו דער

[1] Г. В. Плеханов. Избранные философские произведения, т. V. М., 1958, стр. 735.

בנייער סאָוועטישער קולטור און ליטעראַטור, איז טאָלסטאָיס שאַפן אַריין ווי אַן אָרגאַנישער באַ־שטאַנדטייל פונעם גאַנצן רייכן אויצער פון דער פּראָגרעסיווער קולטור פון דער פאַרגאַנגענהייט אין דער נייער קולטור און ליטעראַטור, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פאַר די העכער זעכציק יאָר ראַטנמאַכט. קיין איין קלאַסיקער פון דער וועלט־ליטעראַטור און פון דער רוסישער ליטע־ראַטור האָט ניט געהאַט אַזאַ קאָלאָסאַלע ווירקונג אַף דער פילנאַציאָנאַלער סאָוועטישער ליטעראַטור, ווי טאָלסטאָי.

ל. נ. טאָלסטאָיס ליטעראַריש־קינסטלערישע ווירקונג איז גאָר שטאַרק אין דער שאַפונג פון אַזעלכע גרויסע מייסטערס פון דער סאָוועטי־שער ליטעראַטור, ווי מיכאַיל שאָלאָכאָוו, קאָנ־סטאַנטין פעדין, אַלעקסאַנדער פאַדייעוו. ניט איבערטרייבנדיק, קאָן מען באַהויפּטן, אַז אין שאָלאָכאָווס עפּאָפּיי „טיכי דאָן“, אין פעדינס טרילאָגיע („פּערוויִע ראַדאָסטי“, „נעאָביקנאָווע־נאַיע ליעטאָ“, „קאָסטיאָר“) און אין פאַדייעווס „ראַזגראָם“ פילט זיך שטאַרק די גרויסע טראַ־דיציע פון ל. נ. טאָלסטאָיס רעאַליזם, די ביי גונג צו קינסטלערישער עפּישער און פּסיכאָלאָגי־שער שילדערונג, די מייסטערשאַפט פון סינטע־טישער פאַראַלגעמיינערונג פון גרויסע היסטאָ־רישע געשעענישן אינעם לעבן פון פעלקער און טראַגישע קאָליזיעס אינעם לעבן פון יעכידים.

באַזונדערס בולט איז טאָלסטאָיס ווירקונג אַף די ווערק פון די שרייבער, וועלכע שילדערן די וויכטיקסטע היסטאָרישע געשעענישן פון דער רעוואָלוציע, פונעם בירגערקריג און פון דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע. אין שאָלאָכאָווס, פעדינס, פאַדייעווס, סימאָנאָווס, קאַזאַקעוויטשעס, באַקלאַנאָווס, באָנדאַרעווס פּראָזע פילט זיך מאַמעש, אַז אין פּראָצעס פון שאַפן די ווערק וועגן דער רעוואָלוציע, וועגן די שלאַכטן און קאַמפן צווישן צוויי וועלטן, וועגן דעם זיג פון דער נייער וועלט איבער דער אַלטער און וועגן די העלדישע אופטועס פונעם פאָלק האָבן זיי באַוווסטזיניק אָדער אומבאַוווּ־סטזיניק, אַלס שעפערישן אימפּולס, אַלס שע־פערישע אויפרעגונג געהאַט פאַר זיך אין דער ערשטער ריי טאָלסטאָיס עפּאָפּיי „קריג און פרידן“ וועגן דער פאַטערלענדישער מילכאָמע אין אָנהייב 19־טן יאָרהונדערט. מע קאָן זאָגן, אַז דער נייער סאָוועטישער עפּאָס, דער נייער סאָוועטישער היסטאָרישער ראָמאַן איז ענג פאַרבונדן מיט דער גרויסער טראַדיציע פון טאָלסטאָיס עפּישער קונסט, מיט טאָלסטאָיס רעאַליזם.

באַנאַנד דערמיט האָט טאָלסטאָי געווירקט אויך מיט זיין קונסט פון פּסיכאָלאָגישער שיל־דערונג און באַזונדערס מיט דער שילדערונג פון דער פּסיכאָלאָגיע פון אַ פרוי. ווער ס'באַ־טראַכט די פּסיכאָלאָגיע פון שאָלאָכאָווס אַקסי־ניאַ אין „טיכי דאָן“, וועט מוזן זי אַסאָציירן מיט דער פּסיכאָלאָגיע פון אַנאַ קאַרענינאַ, ניט געקוקט אַף די גרויסע אונטערשיידן פון אָט די צוויי פרויען־געשטאַלטן לויט זייער סאָציאַלער, שטייגערישער און פּסיכאָלאָגישער אויסקומע־ניש.

און דאָס זעלבע קאָן מען אויך זאָגן וועגן דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. מע וואָלט אָן איבעריקער מי געקאָנט פעסטשטעלן טאָלסטאָיס ווירקונג אַף אַ ריי ייִדישע סאָוועטישע שרייבער, די שעפערישע און קינסטלע־רישע פאַרבינדונגען פון דער ייִדישער סאָוועטישער ראָמאַניסטיק מיט טאָלסטאָיס רומפולער טראַדיציע פון רעאַליסטישער עפּישער און פּסי־כאָלאָגישע שילדערונג. איך וועל זיך דאָ באַ־גרענעצן בלויז מיט צוויי ביישפּילן — פון נאָטע לוריעס און יעכיעל פאַליקמאַנס שאַפונג.

עס איז שוין לאַנג באַמערקט געוואָרן אין דער ליטעראַטור, אַז פאַר נאָטע לוריעס סטיל איז כאַראַקטעריסטיש פריער פאַר אַלץ די קלאָר־קייט פון שילדערונג, די פּלאַסטישע און סקולפּ־טורישע באַשרייבונג פון געשעענישן, פון מענטשן און פון זייער פּסיכאָלאָגיע. אין דער היינטצייטיקער ייִדישער ליטעראַטור איז נאָ־טע לוריע דער סאַמע אויסגעשפּראָכענער רעאַ־ליסט. זיין רעאַליזם טראָגט אַן אוניווערסאַלן כאַראַקטער און שליסט זיך איין אין די רעאַ־ליסטישע טראַדיציעס פון דער קלאַסישער לי־טעראַטור, און באַזונדערס אין די רעאַליסטישע טראַדיציעס פון ל. נ. טאָלסטאָיס פּסיכאָלאָגישן רעאַליזם. לוריע איז אוועק מיט די וועגן פון טאָלסטאָיען, בלייבנדיק שטענדיק טריי דער ווירקלעכקייט אין דער פאַרקערפּערונג פונעם היסטאָרישן פּראָצעס און פון דעם אַרומיקן לעבן. דער רעאַליזם איז דאָ אַזוי בולעט און איבערצייגנדיק, אַז מע קאָן מיינען: מע האָט צו טאָן בלויז מיט לעבנס־רעאַליטעטן. אָבער עס איז אויך קלאָר די קינסטלערישע באַדינגלעכ־קייט פון דער שילדערונג און דער אידייִשער און פילאָסאָפישער פאַרטראַכט פונעם שרייבער. אין דעם איז דער וויכטיקסטער שטריך פון לוריעס קינסטלערישער און שעפערישער פאַר־בינדונג מיט ל. נ. טאָלסטאָיס רעאַליסטישער טראַדיציע.

קאָנקרעט פילט זיך נאָטע לוריעס פאַרבינ־דונג מיט ל. נ. טאָלסטאָיס רעאַליסטישער טראַ־דיציע אין דער מייסטערישער פאַרקערפּערונג פונעם געשטאַלט פון עלקע רודנער, וועלכע איז מיט פאַרבאָרגענע פעדעם פאַרבונדן מיטן גע־שטאַלט פון אַנאַ קאַרענינאַ. נאָטע לוריע איז ביכלאַל אַ געניטער מאָלער פון פרויען־גע־שטאַלטן און פרויען־פּסיכאָלאָגיע. דאָס איז צו זען ניט בלויז אין די ראָמאַנען „דער סטעפּ רופט“ און „הימל און ערד“, נאָר אויך אינעם נייעם ראָמאַן „די געשיכטע פון אַ ליבע“.

אין דער קריטיק איז דאָס געשטאַלט פון על־קע רודנער באַטראַכט געוואָרן אין פאַרבינדונג מיטן געשטאַלט פון אַקסיניען אין שאָלאָכאָווס עפּאָפּיי „טיכי דאָן“. אַקסיניעס געשטאַלט איז אָבער ניט איין מאָל כאַראַקטעריזירט געוואָרן אַלס ביז גאָר אייגנאַרטיקער טיפּ פון אַ פרוי אין נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן אַספּעקט און איז פאַרגליכט געוואָרן מיט אַנאַ קאַרענינאַ לויט

אירע פסיכאָלאָגישע ליבע־איבערלעבונגען און לויט איר טראגישן גורל.

נאָטע לוריע ווײַזט דעם גורל פון אן אנדער פרוי אין אנדערע סאָציִאלע באדינגונגען. דאָס געשטאלט פון עלקע רודנער איז נײַ און אייגנארטיק לויט איר לעבן, פסיכאָלאָגיע און סאָציִאלן גורל ניט בלויז אין דער ייִדישער, נאָר אויך אין דער רוסישער און מײַרעוו־אייראָפּעיִשער קלאסישער ליטעראטור. עלקע רודנערס געשטאלט איז נײַ און אייגנארטיק ניט בלויז אין פארגלײַך מיט שאָלעם־אלייכעמס ראָכעלע אין ראָמאן „סטעמפעניו", נאָר אויך מיט עמא באָווארי אין פלאָבערס ראָמאן, מיט טאָלסטאָיס אנא קארענינא און שאָלאָכאָווס אקסיניא. אין אלע אָנגערופענע ראָמאנען איז דער גורל פון דער פרוי א טראגישער. זי איז א קאָרבן פון דער סאָציִאלער ווירקלעכקײַט. איר דערוואכונג צום לעבן און צו גליק ווערט דערשטיקט. אין נאָטע לוריעס געשטאלט פון עלקע רודנער איז געוויזן א נײַער טיפּ פרוי, וואָס איר דערוואכונג און איר שטרעבונג צו א נײַ לעבן ווערן פארווירקלעכט אין קאמף קעגן אלע שוועריקײַטן.

און פונדעסטוועגן איז אויך נאָטע לוריעס פרויען־געשטאלט פארבונדן מיט דער רעאליסטישער קלאסישער טראדיציע פון דער גאלעריי געשטאלטן בא פלאָבערן, בערגעלסאָנען, שאָלאָכאָוון און דעריקער בא טאָלסטאָיען, מיטן געשטאלט פון אנא קארענינא.

אויב נאָטע לוריעס פארבינדונג מיט דער טראדיציע פון ל. נ. טאָלסטאָיס רעאליזם אנטפלעקט זיך דעריקער אין דער שילדערונג פון מענטשלעכער פסיכאָלאָגיע, הויפּטזעכלעך פון פרויען־פסיכאָלאָגיע און מיטן שיקזאל פון דער פרוי, איז פאליקמאנס ראָמאן־עפּאָפּיי, די טרילאָגיע „די שײַן קומט פון מיזרעך", „דער שווארצער ווינט" און „דער אורטייל קומט" (איצט דערשינען אונטערן קעפּל „פײַער און אש"), מערער פארבונדן מיט טאָלסטאָיס עפּאָפּיי „קריג און פרידן". דעם שרײַבער אינטערעסירט און רעגט ניט בלויז דער גורל פון באזונדערע פארשוינען, נאָר דעריקער דער גורל פון פעלקער, דער גורל פון לענדער, די אנטוויקלונג פונעם היסטאָרישן פּראָצעס. ווי אין טאָלסטאָיס „קריג און פרידן", איז אויך פאליקמאנס טרילאָגיע געבויט אף דער פאראלגעמיינערונג פון צוויי עלעמענטן — דעם לעבן פון באזונדערע פארשוינען און דעם לעבן פונעם פאָלק, אינגאנצן גענומען. נאָר דער הויפּט־עלעמענט איז דאָ די היסטאָרישע באוועגונג, וועלכע איז ניט קיין פאָן, ניט קיין אויסערלעכע ארנאזשירונג, נאָר דער גאנצער יעסאָד פון דער קינסטלערישער שילדערונג אינעם ווערק.

די פארבינדונג מיט דער טראדיציע פון ל. נ. טאָלסטאָיס רעאליזם באקומט דאָ איר בוילעטן אויסדרוק אין דעם, וואָס דער אווטאָר טרעט ארויס ווי א קינסטלער און א היסטאָריקער. דער אנטאגאָניסטישער צוזאמענשטויס צווישן צוויי וועלטן באקומט דאָ זײַן קאָנקרעטע אנטפלעקונג אויך אין דער נאציִאָנאלער פּראָבלעם, אין קאמף פון די אונטערדריקטע פעלקער און פון די ייִדישע פאָלקסמאסן קעגן דעם דײַטשישן פאשיזם. די נאציִאָנאלע פּראָבלעם ווערט קינסטלעריש פארקערפּערט אלס א באשטאנד־טייל פון דער גאנצער היסטאָרישער פּראָבלעם, פונעם אלגעמיינעם קאמף פון די פרײַהייטליבנדיקע פעלקער קעגן דעם פאשיסטישן באדריקער. אין דעם אנטפלעקט זיך אויך די פארבינדונג מיט טאָלסטאָיס „קריג און פרידן".

מיט די דאָזיקע נאָטיצן האָב איך ניט געהאט בעדייע צו געבן א גענויע אויספאָרשונג פון דער גאנצער פּראָבלעם טאָלסטאָי און די ייִדישע ליטעראטור. מײַן ציל איז געווען א מער באשיידענער: שטעלן די אויפגאבע פאר אונדזער קריטיק און פאָרשונג.

איך וויל פארענדיקן די נאָטיצן מיט יאנקעוו שטערנבערגס א ליד, וועלכע באווײַזט, ווי גרויס ס'איז דער אינטערעס פון דער ייִדישער ליטעראטור צו טאָלסטאָיען. אינעם ערשטן נומער „סאָוועטיש היימלאנד" (יול — אווגוסט 1961) איז אָפּגעדרוקט דעם דיכטערס א ציקל לידער „דער גיבער פון יאסנע פאָליאנע". אין דער ליד „אין שווייס פון דײַן פּאָנעם" ווערט באזונגען טאָלסטאָיס גרויסקײַט, זײַן קאמף פאר גערעכטיקײַט, פארן גליק פונעם מענטשן:

אזוי ווי אין שווייס פון דײַן פּאָנעם
מיט אײַזן די ערד מוז צעגראָבן
צוזאם מיט די ווערעם, וואָס ווימלען,
צוזאם מיט די בלימלעך אין פלאקער,
איר ברויט זאָל באגערן דיר געבן, —
ביז גרונט דײַן נעשאָמע צעאקער
מיט אלע דאָרט פלאָנטער־געוועבן,
צערײַס אירע אינערע דרימלען,
באמי זיך איר שיכט איבערקערן,
אז „אונטן" זאָל „אויבן" גאָר ווערן,
און אלץ צוליב דעם, אז זאָלסט לעבן
און בענטשן די ערד און די הימלען.

אַ ר ן ר אַ ס ק י ן

מענדעלעס דערציילונגען פון די 80־ער—90־ער יאָרן

אין די יאָרן 1886—1887, נאָך פינף יאָר שווייַגן, איז דערשינען מענדעלעס העברעיִשע דערציילונג „בסתר רעם"[1], אין דער דאָזיקער דערציילונג האָט זיך דער שרײַבער אָפּגערופן אויף די אַקטועלסטע געשעענישן פון זײַן צײַט.

אין „בסתר רעם" און אין די אַנדערע דערציילונגען, וואָס זײַנען נאָך איר געשריבן, דערשײַנט פאַר אונדז מענדעלע, ווי אַ שרײַבער, וועלכער רעאַגירט שאַרף און לײַדנשאַפטלעך אויף אַלץ, וואָס קומט פאָר אין דער ייִדישער סוויווע און אינעם לאַנד בכלל. דערמיט ווערט אָפּגעפרעגט די ברייט פאַרשפּרייטע מיינונג וועגן מענדעלען, אַז ער איז קלויםערשט געווען אָפּגעריסן פון די געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע פּראָבלעמען פון זײַן צײַט, אַז ער האָט בלויז געהאַט צו טאָן מיט דער פאַרגאַנגענהײַט, דעריקער מיט דעם אָוואַר פון די 50־ער — 60־ער יאָרן פון 19־טן יה. וועגן דעם שרײַבערס טיפסטן אינטערעס צו די געשעענישן פון זײַן צײַט זאָגן איידעס אויך זײַנע בריוו, זײַנע אַרויסטרעטונגען אויף געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע וויקוחים און אַפילו זײַן שווײַגן אין די יאָרן 1879—1884.

אונדזער סאָוועטישע מענדעלע־פאָרשונג האָט אָפּגעוואָרפן די אָנגענומענע מיינונג, אַז מענדעלעס שווײַגן סאָף זיבעציקער און אָנהייב אַכציקער יאָרן לאָזט זיך דערקלערן בלויז מיט אַ ריי טראַגישע פּאַסירונגען אין זײַן פּערזענלעך לעבן. נאַטירלעך, האָבן פּריוואַטע אָנגעלעגנהײַטן געשפּילט דאָ אַ געוויסע ראָל, נאָר „איינע פון די וויכטיקסטע סיבעס פון זײַן שווײַגן איז געווען די שווערע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספער פון די אַכציקער יאָרן, די כוואַליע פון פּאָליטישער רעאַקציע אין לאַנד, די ייִדישע פּאָגראָמען און די אַנטיסעמיטישע באַגרענעצונגען פאַר ייִדן"[2].

די ייִדן־רעדיפעס אין די 80־ער יאָרן האָבן אויף דעם שרײַבער געמאַכט אַ דערשיטערנדיקן אײַנדרוק. זיי האָבן אויפגערודערט זײַן געמיט און זײַנען געווען צו אַ פולשטענדיקן קראַך פון אַ ריי אילוזיעס, מיט וועלכע ער האָט ביז דאַן געלעבט. מענדעלע האָט, ווי אַ ריי אַנדערע מאַסקילים, איבערגעלעבט אַ שווערע אַנטוישונג אינעם „אויפגעקלערטן אַבסאָליוטיזם" און אין די ליבעראַלע רעפאָרמען פון די זעכציקער יאָרן, אויף וועלכע די מאַסקילים האָבן געלייגט האָפענונגען. די גרויזאַמע געשעענישן האָבן מענדעלען געצוווּנגען איבערצוקוקן זײַנע פריִערדיקע פּאָזיציעס, דורכמאַכן אַן איבערשאַצונג פון ווערטן, אויסקלאָרן פאַר זיך זײַן אייגענע ליניע, זײַן אייגענעם צוגאַנג צו דעם, וואָס קומט פאָר, זײַן אייגענע שטעלונג צו די פאַרשיידענע שטרעמונגען, וועלכע זײַנען, אַלס רעזולטאַט פון געשעענעם, אויפגעקומען אין דער ייִדישער סוויווע.

דער שרײַבער האָט וועגן דעם קלאָר און דײַטלעך געזאָגט אין זײַנע בריוו: „איך קלײַב זיך אַלץ עפּעס אָנשרײַבן, און איך קאָן ביז איצט זיך ניט נעמען פאַר דער אַרבעט, אין דער נעשאָמע איז פינצטער, שוואַרצע טרויער־וואָלקנס פון די לעצטע פּאָגראָמען בלאָנדזשען אין קאָפּ, און באַ דעם מינדסטן פרווו אַ ריר צו טאָן מיט די געהירן דרייען זיי מיט אַ שרעקלעכן מאַבל פון גאַל. ניין, ניט מיט טינט, נאָר מיט גאַל און בלוט קומט איצט אויס צו שרײַבן... איר וועט מיך פאַרשטיין, מײַן פרײַנט, און איר וועט זיך ניט וווּנדערן, פאַרוואָס מײַן פעדער ליגט באַ מיר אַזוי לאַנג ניט גענוצטערהייט"[1].

די נײַע אָריִענטאַציע מענדעלעס האָט זיך אָנגעהויבן מיטן דערשײַנען פון דער דערמאָנטער דערציילונג „בסתר רעם". זי איז דערשינען ניט אויף קיין ליידיקן באָדן. טאַקע אין די יאָרן פון זײַן שווײַגן האָט מענדעלע געמאַכט פאַר איר אַ ריי „פאַרגרייטונגען" אין ייִדיש. צו זיי געהערן קודעמקאָל די דרײַ בריוו וועגן די „באַרימטע מילכאָמעס פון האַבאַסע קאָמאַנדע און בעשאַס האַמאַיאָווע קאַדאָכעס"[2], אין וועלכע דער שרײַבער רופט זיך אָפּ אויף די פּאָגראָמען פון די יאָרן 1881—1882 און אויף די באַוווּסטע „צײַטווײַליקע קלאָלים" פון 3־טן מײַ 1882 (אויפן סמאַך פון אָט די קלאָלים זײַנען אַרויסגעטריבן געוואָרן פיל ייִדן פון די דערפער).

אין די בריוו זײַנען שוין אָנוועזנד אַ ריי ביל־

---

[1] דערשינען אין אַ ייִדישער איבערזעצונג פון מ. אָלגין, אונטערן נאָמען „צוריק אַהיים".

[2] ה י ל ע ל   א ל ע ק ס א נ ד ר אָ ו. יאָרן פון שווײַגן — יאָרן פון זעלבסטבאַשטימונג. „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 11, 1968, ז. 141.

[1] פון אַ בריוו צו ל. בינשטאָקן, יאַנוואַר 1882. מענדעלע־בוך, ניו־יאָרק, 1959, ז. 473.

[2] געשריבן אין די יאָרן 1882 און 1884, צוערשט פּובליקירט אינעם בוך „מענדעלע און זײַן צײַט", מאָסקווע, 1940, זז. 12—17.

דער און געדאנקען, וועלכע האָבן שפּעטער געפונען א קינסטלערישן אויסדרוק אין „בסתר רעם" און אין אנדערע דערציילונגען. אזוי האָבן מיר דאָ קימאט אין זײַן פולער פאָרם דעם צענטראלן עפּיזאָד פון „בסתר רעם" — דעם עפּיזאָד מיט דער גנייווע אינעם הויף פון מענדעלע מויכער־ספאָרים בײַס דעם פּאָגראָם און דעם שרײַבערס איראָנישע באמערקונגען לעגאבע די צארישע באאמטע. באגלײַך מיט דעם, איז שוין דאָ דײַטלעך אויסגעדריקט מענדעלעס קריטישע באציִונג צו דער ייִדישער בורזשואזער אריסטאָקראטיע אין געשטאלט פון דער אזויגערופענער „העכסטער קאָמיסיע אף איבערקוקן די געזעצגעבונג וועגן ייִדן". אין דער מײַסטערישער פּאראָדיע אף אלעקסאנדער צעדערבוימס א באַרימערישן ארטיקל אין „האמייליץ" ווערט געבעטן אָט דער „מוסטערהאפטער" ייִדישער קלאל־טוער, ער זאָל איבערגעבן א גרוס די פּעטערבורגער ייִדישע גווירים לאנדפרידלער (געמיינט פרידלאנד), זינגבארג (געמיינט גינזבורג), פּאפּילקאָם (געמיינט פּאָליאקאָוו). דאָס איז אן אָנדײַט אף דער קרויוועשאפט צווישן צעדערבוימען און דער ייִדישער גרויסבורזשואזיע. אין דריטן בריוו ווערט אָנגעוואָרפן א בילד פון דער טרויעריקער לאגע פון די ייִדן, ארויסגעטריבענע פון די דערפער, א בילד, וואָס וועט זיך צעוואקסן אין א ברייטערן לײַוונט אין מענדעלעס שפּעטערדיקע דערציילונגען.

אלס „פארגרייטונגען" דארפן אויך באטראכט ווערן מענדעלעס ארטיקל אין „האמייליץ" „איילעכאָ סאר האָעלעף" (1884), אין וועלכן דער שרײַבער באטאָנט, אז ער גייט זיך פאנאנדער מיט דעם וועג פון א. צעדערבוים און זײַן קאָמפּאניע, די האקדאָמע „א סגולע צו די ייִדישע צאָרעס" (1884), ווו מענדעלע לאכט אויס די רעליגיעז־נאציאָנאליסטישע שטרעמונגען אין דער ייִדישער סוויווע, די בריוו צום פּראָפעסאָר פּ. א. בעזסאָנאָוו (1884 — אָנהייב 1885), אין וועלכע ער זאָגט ארויס זײַן שטעלונג צו א ריי פּראָבלעמען פון דער ייִדישער ווירקלעכקײַט פון זײַן צײַט.

די דערציילונג „בסתר רעם" איז געקומען ווי אן אידייִש־קינסטלערישע „אויסלאָדונג", ווי א באפרײַונג פון א שווערער מאסע, וואָס האָט יאָרנלאנג געדריקט. אלץ, וואָס האָט זיך אין מעשעך פון די פינף יאָר פון שטילשווײַגן געזאמלט אין דער טיפסטער טיף פון מענדעלעס געמיט, האָט זיך איצט ווי א מעכטיקער שטראָם ארויסגעריסן אף דער פרײַ. „איך האָב די לעצטע צײַט געארבעט ווי אן אָקס און כ'האָב זייער פיל געשריבן, — דערציילט מענדעלע זײַן פרײַנט ל. בינשטאָק בײַס דער ארבעט איבער „בסתר רעם", — איך בין איצט אינגאנצן אוועק אין דער וועלט פון פּאָעזיע, דאָרטן איז מײַן טרייסט, דאָרטן רו איך אָפּ פון די לעבנס־זאָרגן. די מוזע איז צו מיר ווילגענייגט און איך שרײַב און שרײַב מיט א ברען ווי אין די יונגע יאָרן"[1].

אין „בסתר רעם" און אין אנדערע דערציילונגען איז מענדעלע ארײַנגעטראָטן אין א שארפער פּאָלעמיק מיט יענעם טייל פון דער האסקאָלע־אינטעליגענץ, וואָס האָט אונטערן דרוק פון די געשעענישן זיך אָפּגעווענדט פון די ווייטעקדיקע פּראָבלעמען פונעם הײַנט און גענומען זוכן אן אויסוועג אינעם ראָמאנטיזירן דעם ייִדישן אָוואר. גלײַכצײַטיק איז ער ארויסגעטראָטן קעגן די אטאָבאָכארטאָנו־טעאָריעס, קעגן די פּרווון צו לייזן די טראגישע פּראָבלעמען פון דער ייִדישער באפעלקערונג אף א סעפּאראטן אופן, אָפּגעריסן פון די אלגעמיינע סאָציאלע פּראָבלעמען, וואָס די צײַט האָט ארויסגערוקט אין רוסלאנד. דעם שרײַבערס אנטוישונג אין דער האסקאָלע, זײַן טיפערע אופאסונג פון די סאָציאל־געזעלשאפטלעכע פּראָצעסן האָט פארשטארקט זײַן דעמאָקראטישקײַט, די צוגעבונדנקײַט צו די ברייטע פאָלקס־מאסן.

אין נאָמען פון דער רעכטלאָזער, אונטערדריקטער, אָרעמער מאסע אטאקירט מענדעלע אין דער האקדאָמע צו „א סגולע צו די ייִדישע צאָרעס" (1884) די אלע, וואָס „האָבן די לעצטע צײַט זיך אָנגעוואָרפן צו זײַן אונדזערע רויפים און אָנגעדולט א קאָפּ מיט זייערע בויד־סוואָרעס", די אלע, וואָס „זײַנען פארקראָכן אין דער קדושע און געזוכט א רעפוע גאָר אין א הייליקן יעהי־ראָצן, אין אשרייאָצער זאָגן הונדערט מאָל א טאָג" אָדער „געהייסן אף גאָטס באראָט גיין מיט פארמאכטע אויגן, מיט א ניכטערן מאָגן און ליידיקע קעשענעס מעסטן פעלד דאָרט אף דער מעאָראס האמאכפּיילע..."

דער שרײַבער־דעמאָקראט מענדעלע האָט גוט פארשטאנען, אז פּאָלעמיזירן מיט די „שרײַבערלעך און פּאטריאָטלעך", וואָס „שיטן מיט נײַן מאָס רייד פונעם מויל", מיט הויכער מעליצע און פוסטע רייד, וועלכע פארנעפּלען גאָר דעם מויעך און טעמפּן אָפּ די געפילן, הייסט ארײַנטרעטן ניט נאָר אין אן אידייִש־פּאָליטישער קאָנפראָנטאציע, נאָר אויך אין א ליטערארישע־קינסטלערישער.

די דערציילונגען זײַנען געווען נײַ ניט נאָר לויט זייער אינהאלט, נאָר אויך לויט זייער פאָרם. דאָס איז געווען א נײַ וואָרט אין דער העברעיִשער ליטעראטור. „בסתר רעם" איז געווען דאָס ערשטע העברעיִשע ווערק פון ש.־י. אבראמאָוויטש, וואָס איז געווען געחאסמעט „מענדעלע מויכער־ספאָרים". ס'איז ניט געווען קיין צופעליקײַט. דאָס וואָרט האָט איצט גענומען דער פאָלקס־מענטש מענדעלע מויכער־ספאָרים. ער איז געוואָרן דאָס צענטראלע געשטאלט פון מענדעלעס דערציילונגען.

אינעם „קליינעם מענטשעלע", דער „טאקסע", „פישקע דעם קרומען", אין דער „קליאטשע", „מאסאָעס ביניאָמין האשלישי" איז די אונטערגעשטעלטע דערציילער־פיגור פון מענדעלע מויכער־ספאָרים געווען בלויז א טעכניש הילף־מיטל, זי האָט געשפּילט די ראָל פון עפּעס א מין פארמיטלער צווישן דעם פארפאסער און דעם לייענער אָדער פון א מיטפארפאסער. אין די העברעיִשע דערציילונגען פון די אכציקער — נײַנציקער יאָרן וואקסט די פיגור איבער די „פונקציאָנעל־טעכנישע ראמען" און דערשײַנט אלס א זעלבשטענדיק לעבעדיק געשטאלט.

מענדעלע מויכער־ספאָרים טרעט דאָ ארויס אלס דערציילער פון געשעענישן, אין וועלכע ער נעמט אליין אָנטייל. „דאָס איז א פּאָזיטיווע פיגור פון א פלעביי, פון א קלוגן און טראָגיקן פאָלקס־מענטש, מיט אָפענע אויגן, גיריק געווענדט צו דער וועלט מיט אלע אירע פארבן און קאָלירן, שטארק מאטע־

[1] מענדעלע־בוך, ז. 141.

ריאַליסטיש, שאַרף קריטיש געשטימט בענעגייע דעם ייִדישן אַלטוואַרג און מיטלאַלטער״[1].

דאָס דאָזיקע געשטאַלט ווערט געשטעלט אין צענטער פון די געשעענישן, וועלכע ווערן אויפגענומען דורך זײַן פּריזמע, ווערן דורך אים באַטראַכט, אַנאַליזירט, אָפּגעשאַצט. מיט דער הילף פון דעם דאָזיקן פאָלקס־מענטש באַמיט זיך דער אוטאָר אַרויסזאָגן זײַנע אייגענע איבערלעבונגען, זײַן אייגענע שטעלונג, וועלכע ער סטאַרעט זיך ווי ווײַט מעגלעך דערנענטערן צו דער שטעלונג פון דער פאָלקס־מאַסע.

די ברענענדיקע פּראָבלעמען פון דער צײַט האָבן געפאָדערט פונעם שרײַבער־דעמאָקראַט „ניט נאָר אַרויסשטעלן דאָס ייִדישע לעבן און די וויכטיקסטע איניאָנים, וואָס קומען הײַנט באַ אונדז פאָר״, נאָר „שאַרף דערקלערן די ייִדישע לאַגע און אָנווײַזן, וואָס מע האָט צו טאָן, די ייִדישע לאַגע צו פאַרבעסערן״[2]. דער שרײַבער האָט געפילט, אַז ער איז מעכויעוו אַקטיוויזירן דעם לייענער, וועקן באַ אים דאָס געפיל, אַז מע טאָר מער ניט שווײַגן, מע דאַרף עפּעס טאָן. דאָס, וואָס איז ביז איצט געווען אָנגעשריבן סײַ אין ייִדיש, סײַ אין העברעיִש, האָט מער ניט געקענט באַפרידיקן. טאַקע אין אָט די יאָרן נעמט זיך מענדעלע ענערגיש פאַר דער איבעראַרבעטונג פון זײַנע ייִדישע ווערק. עס קומען אוף די נײַע וואַריאַנטן פון „פישקע דעם קרומען״, פון דער „קליאַטשע״, פון „מאַסאָעס ביניאָמין האשלישי״ און „דאָס ווינטשפינגערל״. אין די נײַצוגעקומענע זײַטלעך, קאַפּיטלען לאָזט זיך הערן דער הייסער אָטעם פונעם צײַט־גײַסט. מענדעלעס ייִדיש ווערט אין זיי דערהויבן צו דער העכסטער קינסטלערישער מאַדרייגע. אַרויסגייענדיק פון דער האַנאָכע, אַז מע דאַרף ריידן צום פאָלק אַף ביידע שפּראַכן, ייִדיש און העברעיִש, פילט איצט דער שרײַבער, אַז זײַן ביז איצטיקער העברעיִשער שפּראַך־נוסעך פּאַסט ניט מער פאַר די אויפגאַבן, וואָס ער האָט פאַר זיך געשטעלט. עס איז נייטיק געווען צו שאַפן אַ נײַעם העברעיִשן נוסעך, אַ מער דעמאָקראַטישן, מער פאָלקסטימלעכן און מער ווירקזאַמען. מענדעלעס דעמאָקראַטיזם האָט אים געהאָלפן זיך צו באַפרײַען פון דער מעליצע, וועלכע האָט געהאַט אַן אָרט אין „האבות והבנים״ און אין אַנדערע זײַנע העברעיִשע ווערק. פאַר די 20 יאָר, וועלכע זײַנען אַדורך זינט די „האבות והבנים״, האָט ער, ווי עס מערקן אָפּ די העברעיִשע פאָרשער פון זײַן שאַפן, זיך טיף אײַנגעגראָבן אין די דוירעסדיקע שפּראַך־אויצרעס און אָנגעזאַמלט אַ רײַכן שפּראַכלעכן מאַטעריאַל — אַנדערש איז ניט מעגלעך זיך פאָרצושטעלן דעם גוואַלדיקן שווונג, וואָס עס האָט באַקומען זײַן העברעיִש־לאָשן אין „בסתר רעם״.

אַ קאָלאָסאַלע באַדײַטונג פאַר דעם נײַעם העברעיִשן נוסעך האָט געהאַט מענדעלעס ייִדיש, וואָס האָט אים געהאָלפן פאַרהיטן אויך אין העברעיִש דעם פרישן צאַפּל פונעם לעבן. „דער באַנײַטער העברעיִש האָט אויפגעלעבט אונטער דער פעדער פון מענדעלען אויך דערפאַר, — האָט געשריבן ש. דובנאָוו, — וואָס ער האָט אים צוגעפּאַסט צו דעם סטיל פון דער פאָלקסשפּראַך פון די רוסישע ייִדן״[1]. ייִדיש האָט טאַקע אין אַ גרויסער מאָס מיטגעווירקט דער לעבעדיקײַט, פאָלקסטימלעכקײַט און פּאַשטעס פון מענדעלעס העברעיִש. ניט אומזיסט האָט י.־ל. פּרעץ געזאָגט וועגן מענדעלעס נײַעם העברעיִשן נוסעך: „אַזוי וואָלט דאָס פאָלק גערעדט, ווען עס רעדט העברעיִש״.

[1] מ. ע ר י ק. וואָס שעצן מיר אין מענדעלען. „פאָרמעסט״, 1936, נומ. 1, ז. 134.

[2] פון מענדעלעס אַ בריוו צו שאָלעם־אַלייכעמען פון 10 יון 1888. מענדעלע־בוך, ניו־יאָרק, ז. 152.

מענדעלע אַליין האָט גוט פאַרשטאַנען, ווי גרויס עס איז זײַן אויפטו. נאָך „בסתר רעם״ און אַנדערע העברעיִשע דערציילונגען, נאָך זײַנע גלענצנדיקע איבעראַרבעטונגען פון די אייגענע ייִדישע ווערק אין העברעיִש האָט מען שוין ניט געקענט שרײַבן העברעיִש, ווי ביז דאַן. „אָט דער סיגנון פון מײַנע דערציילונגען אין העברעיִש, — האָט מענדעלע געשריבן, — איז אינגאַנצן אַ נײַס, וואָס איך האָב אַפּריִער זיך גוט באַראַטן מיט מײַן האַרץ און איך האָב באַשלאָסן: לאָמיר שאַפן אַ העברעיִשן סיגנון, וואָס זאָל זײַן לעבעדיק און זאָל ריידן אַ קלאָרע און פּינקטלעכע שפּראַך, ווי מענטשן פון אונדזערע צײַטן אין אונדזערע ערטער ריידן... דאָס איז געווען אַ גאַנץ שווערע זאַך צו דערגרייכן, און געלויבט איז דער אויבערשטער, וואָס איז מיר געווען באַהילפיק און איך האָב זי געשאַפן. פון זינט דאַן האָבן ייִדישע שרײַבער גענומען זיך באַנוצן מיט אָט דעם נײַעם סיגנון און זיי שרײַבן און דערציילן, דערבײַ דערמאָנט מען ניט און מע דאַנקט ניט דעם באַשאַפער״[2].

ס'איז קימאַט ניט געווען קיין איין געשעעניש, אַף וועלכער מענדעלע האָט זיך ניט געהאַט אָפּגערופן אין זײַנע דערציילונגען. ער האָט אין זיי אויפגעשטעלט אַ מאָנומענט דעם ייִדישן לעבן פון זײַן צײַט מיט אַלע שטריכן און ניואַנסן. מענדעלעס קונסט האָט זיך דאָ דערהויבן צו אַ נײַער מאַדרייגע. דאָס זײַנען ברייטע לײַוונטן פון סאָציאַל־געשיכטלעכער באַטראַכטונג, וואָס צייכענען זיך אויס מיט קאָנדענסירטקײַט, קאָנקרעטקײַט, אָנשוילעכקײַט און וווּ די קאַוואָנע, די טענדענץ, דער „דאָס בין איך אויסן״ ליגט טיף פאַרבאָרגן אינעם בילד, אינעם געשטאַלט, אינעם קינסטלערישן געוועב פונעם ווערק.

אין דער דערציילונג „בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה״[3] (1894—1895), וווּ די האַנדלונג קומט פאָר אַף אַ בוידעם, אַף וועלכן עס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ייִדן פון פאַרשיידענע שיכטן פון פאָלק אויס פּאַכעד פאַר די פּאָגראָמען, גיט מענדעלע מיט דער הילף פון אַ ברייט צעוויקלט אַלעגאָריש בילד, וואָס ווערט באַגלייט מיט אַ סאַרקאַסטישן גאַלגן־געלעכטער, אַזאַ מין פאַראַלגעמיינערטע צייכענונג פון די שוידערלעכע געשעענישן פון יענער צײַט:

„איר'ט אַמאָל געזען, וויאַזוי סע שפּרינגען און סע

[1] מענדעלע מויכער־ספאָרים, אַלע ווערק. וואַרשע, 1928, ב. 22, ז. 63.

[2] פון מענדעלעס אַ בריוו צו ראַווניצקין פון 11 סענטיאַבער 1906. מענדעלע־בוך, ניו־יאָרק, 1959, ז. 203.

[3] אין ייִדיש (איבערגעזעצט פון מ. אַלגין) — „אין דער יעשיווע שעל מײַלע און אין דער יעשיווע שעל מאַטע״.

הייבן זיך בולבעלעך אף א וואסער? מיינט ניט, אז דאָס טוט זיך בעניסים, אז מלאָכים שפּילן זיך דאָ. ניין, די מײַסע איז פּאָשעט בעטאכלעס האפּאַשטעס: סע ווארפט עמעצער אַרײַן א שטיין, אָדער מע דערווארעמט דאָס וואסער, הייבט זיך עס אָן הייבן. אזוי האָבן זיך דעמלט געהויבן אכיינו בניי־יסראָעל, געדראַפּעט זיך, געקלעטערט וואָס העכער... פון דעם פאָל אפן פענצטער, פונעם פענצטער אין הויף אַרײַן, פונעם הויף אף א וואנט, פון דער וואנט ווידער אין א הויף, פון דאָרט אין א הויז אַרײַן, פונעם הויז אף א לייטער, פונעם לייטער אפן בוידעם, העט־העט אין א ווינקעלע אונטער דער סטריכע... ס'איז, ניט הײַנט געדאכט, געווען דעמלט א קאָכעניש, א גוואלד, א געפּילדער. שטיינער זײַנען געפלויגן, האמערס האָבן געפלעט יידישע קעפּ, שויבן האָבן געקלונגען."

דער שרײַבער באנוגנט זיך ניט מיט דער שילדערונג פון די גרויליקע פּאָגראָם־בילדער, ער גיט א קלאָרע אָנדײַטונג, אז די רעדיפעס זײַנען געווען אינספּירירט פונויבן, אז די צארישע רעגירונג איז יאדאכאָס מיט די פּאָגראָמשטשיקעס. דאָס בילד פונעם פּאָגראָם און דער עפּיזאָד מיט דער גנייווע אין מענדעלע־הויף ווערט באגלייט מיט אן איראָנישער באמערקונג, וואָס צילט ניטצווייַדײַטיק אין די צארישע באאמטע:

„ווען באשטראָפט מען דען א גאנעוו און ווען קערט מען אום די גנייווע דעם באלעבאָס אירן? בעשאס ס'איז אוילאָם קעמינהאָגוי, דער גאנעוו פירט זיך ווי א גאנעוו, דה., ער טוט אָפּ זײַן שטיקל ארבעט שטילערהייט, אין דער פינצטער, קיינער זאָל ניט זען, דעמלט איז אף אים דאָ א מישפּעט און א פּסאַק. אָבער ווי איז דער דין, אז מע טוט די ארבעט פראנק און פרײַ, אינמיטן העלן טאָג, אז מע שלאָגט אויס די פענצטער און מע טוט זיך א לאָז איבער די גאסן מיט העק און מיט דרוקעס און מע באלאגערט די שטאָט, ווי די סאָלדאטן, איז דאָך דאָס שוין א מין מילכאָמע. הייסט עס, אז מײַן ציג און מײַן פערד האָט מען געפאנגען בעשאס מילכאָמע. ניט גלאט געגאנוועט, נאָר געפאנגען! פאנגען בייס א מילכאָמע איז שוין גאָר עפּעס אנדערש... האקיצער, וואָס זאָל איך אײַך ברײַען: מיר האָבן געבענטשט גוימל, וואָס מיר זײַנען אָפּגעקומען מיט דער ציג און מיט דעם פערד: זאָלן זיי זײַן פאר אונדז א שיינע, ריינע קאַפּאָרע..."

דער געדאנק וועגן דעם, אז אין די יידן־רעדיפעס, אין די פּאָגראָמען זײַנען שולדיק די רעגירנדיקע קרײַזן, וועלכע זייען באוווסטזיניק האס צווישן פעלקער, קעדיי אָפּצווענדן פון זיך דעם צאָרן פון די פאָלקס־מאסן, גייט דורך ווי מיט א רויטן פאָדעם דורך א ריי דערציילונגען. די פּראָסטע, האָרעפּאשנע מענטשן ווילן ניט וויסן פון פעלקער־סינע, זי ווערט געפלאנצט פונויבן. אין „בסתר רעם" איז דאָ אזא כאראקטעריסטישער עפּיזאָד. מענדעלע מויכער־ספאָרים, נאָך דעם ווי מע האָט אים מיעס בארויבט און באגאנוועט, טרעפט זיך מיט עטלעכע ניט יידישע באלמעלאָכעס, מיט וועלכע ער איז געווען גוט באפרײַנדעט. ער ווערט איבערראשט, ווען אָנשטאָט א פרײַנטלעכן שאָלעם־אַלייכעם, צו וועלכן ער איז געווען געווינט, ווערט ער פון זיי באפאלן מיט גראָבע זידלערײַען. „ווער איז אין דעם שולדיק?" — פרעגט אין פארלעגנהײַט מענדעלע מויכער־ספאָרים. אן ענטפער גיבן אים טאקע די רוסישע האָרעפּאשניקעס אליין: „ווער איז שולדיק?.. לאָזן „זיי" זאָגן. זיי דערציילן אונדז: „פרעמדע לעבן פון אונדזער ארבעט, האלטן אונדז אין איין ראבעווען און גאזלענען. די דאָזיקע גײַרים, וואָס לעבן צווישן אונדז, זאָגן זיי, ווערן וואָס א מאָל רײַכער, קריכן אין די פעדערן אַרײַן, און מיר, די היימישע, זאָגן זיי, ווערן וואָס א טאָג אָרעמער, און נאָך אזעלכע געשיכטעס דערציילן זיי אונדז, מאכמעס זיי האָבן אָף אונדז, נעבעך, גרויס ראַכמאָנעס... דער רוצח זאָל זיי נעמען, אָט די באַלעראַכמאָנעס!.. עפּעס האָבן זיי זיך שטארק פארמערט, די דאָזיקע פּײַנע באַלעראַכמאָנעס, וואָס מאכן זיך אומגעבעטענערהייט אלס אַפּעקונעס איבער אונדז. מיטן מויל ריידן זיי גלאטע ריידעלעך און אין הארצן בא זיי ליגט דער שווארץ־יאָר ווייסט וואָס. אַנו, פּרווט נאָר אומישנע, בעט בא די דאָזיקע בארעמהארציקע, זיי זאָלן אונדז געבן כאָטש איין צעבראָכענעם גראָשן, ווען מיר האלטן שמאָל! וועלן זיי דען ניט אויסנוצן יעדע געלעגנהײַט בייס אונדזערער אָן אייס־צאָרע, גרויסער נויט און דאקעס צו פארקלענערן אונדזער געצאָלטעס, אז זיי וועלן דארפן האָבן אונדזער ארבעט? ברידער, שפּײַט זיי אָן א פולן פּאָנעם, און לאָזן זיי גיין צו אלדע רוכעס!"

ווי א הימן דער ברידערלעכקײַט און פרײַנטשאפט צווישן פּראָסטע מענטשן פון אלע פעלקער קלינגט די דערציילונג „שם ויפת בעגלה"[1] (1890). מענדעלע מויכער־ספאָרים דערשײַנט דאָ דאָס ערשטע מאָל אונטערוועגנס ניט מיט זײַן פערד־און־וועגל, נאָר אין דער באַן. זײַנע רײַזע־באגעגענישן און שמועסן בילדן די כוט־האשעדרע פון דער האנדלונג (פונדאנען, ווארשײַנלעך, גייט א גלײַכער וועג צו שאָלעם־אלייכעמס „באן־געשיכטעס"). דער דערציילער איז דאָ מוישע דער שנײַדער. ס'איז א געשיכטע וועגן צוויי ארבעטס־מענטשן, מוישע דעם שנײַדער און דעם פוילישן שוסטער, וועמען ער, מוישע, רופט אָן „יאָפעס". זיי האָבן א צײַטלאנג געלעבט אין די בעסטע פרײַנטלעכע באציונגען אין איין שטאָט אין פרײַסן. נאָר צײַטן בײַטן זיך: „די ניט שעמס קינדער, — „אנטיסעמיטן" הייסט עס אָף גויִיש, — דערציילט מוישע, — יאָגן און פלאָגן שעמס קינדער פאר אויסגעטראכטע זינד, און איבערהויפּט פארוואָס זיי ווילן אויך עסן און טרינקען מיט מענטשן צוגלײַך... די רײַכע, די מאנהיגים, די דייַטש־זאָגער האָבן זיך אָנגעכאפּט דערינען ווי אָן אן עוון־טאַוו, און דער בלינדער פעבל איז ארויס מיט קוילעס, מיט קלאָלעס: „אָט פונוואַנען עס שטינקט דער העכט, פונוואנען דאָס פאָלק איז אזוי פאראָרעמט! שעמס קינדער, יידעלעך, הייסט עס, זויגן עס אויס דאָס בלוט..." אונטערגעהעצט פון די „רײַכע, מאנהיגים און דייַטש־זאָגער", ווערט „יאָפעס", מוישעס פריערדיקער פרײַנט, פארוואנדלט אין זײַנעם א דאָם־סוינע: „מיט דײַן האָרעוואַניע, — טײַנעט ער צו מוישע דעם שנײַדער, — רײַסטו ארויס דאָס שטיקל ברויט פון אונדזער מויל".

---

[1] אין יידיש „שיים און יאָפעס אין וואגאָן" (איבערגעזעצט דורך מ. אַלגין).

העט שפעטער, ווען דער פוילישער שוסטער איז אדורך אלע „שיווע מעדורע געהענעם", ענלעכע צו די, וועלכע עס האָט דורכגעמאכט זײַן געוועזענער פרײַנט, דער יִדישער שנײַדער, איז ער דערגאנגען צו דעם ביטערן עמעס:

„אצינד, אז מיר איז שלעכט און איך געפין זיך אין אזא צושטאנד ווי דו, ערשט איצט פארשטיי איך שוין, וואָס פאר א מאמאָשעס עס האָבן די זינד, וואָס די זאטע קלערן אויס אָף די הונגעריקע, דער טוישעוו אָף דעם גער און דער שטארקער אָף דעם שוואכן".

מענדעלע פארענדיקט די דערציילונג מיט פאָלגנדע ווערטער:

„ריבוינע־שעל־אוילעם! עס זאָל זײַן דער ווילן פון דיר, גאָט, מײַן גאָט, עס זאָלן נאָך זײַן פיל, פיל טאלמידים אזעלכע — וועט זײַן שעם מיט יאָפעסן ברידער, שאָלעם אָף דער וועלט און פרידן אָף קאָל־יִסראָעל! אָמיין!" אין די דערציילונגען („בסתר רעם", „בימי הרעש", „שם ויפת בעגלה", „די נשרפים" אא.) ווערט אָנגעצייכנט א גרויליק בילד פון דער שרעקלעכער רעכטלאָזיקײַט, אין וועלכער ס'האָט זיך געפונען די יִדישע באפעלקערונג. גענוי ווערט באשריבן אין „שעם און יאָפעס אין וואגאָן" דער גײרעש דײַטשלאנד, ווען „דער גרויסער פאָרעץ מיט דעם נאָמען „ביסמארק" איז געוואָרן שטארק אָנגעדרודלט און האָט גויזער געווען, אז שעמס קינדער, ניט קיין געבאָרענע דײַטשן, זאָלן ארויס פונעם לאנד און מויכל זײַן זיך ווײַטער רוקן! אָט אזוי זײַנען טויזנטער פאמיליעס פארבליבן אָן ברויט, אָן א היים, און מיר האָבן זיך צעזייט און צעשפרייט איבער דער וועלט, ווי די בלינדע שאָף". די פאָגראָמען, די רעדיפעס, די פראָגרעסירנדיקע פאראָרעמונג פון די מאסן, באווײַזט מענדעלע, איז גוירעם דערצו, אז טויזנטער יִדן פארלאָזן די אײַנגעזעסנע ערטער, לויפן פון דאָרף אין שטעטל, פון איין שטעטל אין צווייטן, פון שטעטל אין שטאָט, פון איין שטאָט אין דער אנדערער, פון איין קאנט אין א צווייטן, פון איין לאנד אין א צווייטן — אין געיעג נאָך פארנאָסע, נאָך רו, נאָך שאָלעם, נאָך גליק...

די שילדערונגען פונעם יִדישן דאלעס, פון דער יִדישער רעכטלאָזיקײַט זײַנען ווירקלעך געשריבן „ניט מיט טינט, נאָר מיט גאל און מיט בלוט". די פאראָרעמטע, דערשלאָגענע, רעכטלאָזע, סאָציאל־ און נאציאָנאל־אונטערדריקטע פאָלקס־מאסע שטייט פאר די אויגן פונעם פאָלקס־שרײַבער, אָט ווי א נעסט פון מורעשקעס, וואָס „דער אויבערשטער האָט מיט זײַן גרויס כעסעד זיי ארײַנגעגעבן אינסטינקטן און געפילן און האָט זיי פארזאָרגט מיט קונציקע אייוורים, קעדיי זיי זאָלן קאָנען זוכן זייער ברויט" („בסתר רעם"); אָט ווי „אמעבעס", קליינע באשעפענישלעך, וואָס יעדע פון זיי „קען ליגן א גאנצע צײַט טרוקן, דאר, אָן א סימען פון לעבן. פרוּווסטו אָבער ארופגיסן דערויף א טראָפן וואסער — אהא, סע לעבט שוין, סע שוועבט שוין, סע יאָגט זיך אינעם טראָפן, סע זוכט כאיונע, פריש, לעבעדיק, אקוראט, ווי ס'איז גאָר קיינמאָל ניט געלעגן פארשמאכט" („בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה"). יעדע שורע אין מענדעלעס דערציילונגען איז אָנגעזאפט מיט טיפן נאציאָנאלן און סאָציאלן ווייטעק.

מאָלנדיק די קאטאסטראָפאלע לאגע פון די יִדישע פאָלקס־מאסן, מאכט דער שרײַבער צונישט דעם פארשפרייטן מיטאָס פון „קאָל יִסראָעל כאווײרים". אין דער דערציילונג „לא נחת ביעקב"[1] (1892) ווערט ארויסגעפירט דאָס קאָלאָריטפולע געשטאלט פונעם אופגעקומענעם גוויר, דעם געוועזענעם „קליינעם מענטשעלע", רעב יאנקעוו. מײַסטעריש אָפערירנדיק מיט די „גילגולים", וואָס ס'מאכן דורך אין דער נאטור „קליינע שראָצימלעך", ווײַזט מענדעלע, ווי דער געוועזענער מעשאָרעס יאנקל איז ביסלעכווײַז, אדאנק זײַנע פייִקײַטן נאָכצומאכן „איידעלע יִדן" און געלונגענע „גוטע געשעפטן", „ארײַן אין די גרויסע פעדערן", געוואָרן „א גרויסער פייגל, וואָס צעשפרייט שטארק די פליגלען, פליט הויך איטלעכן איבער די קעפ און הייסט שוין רעב יאנקעוו". אין געשטאלט פון רעב יאנקעוון דעמאסקירט דער שרײַבער די געלט־זעק אין דער יִדישער סוויווע, בא וועמען די מאטבייע האָט אוועקגעריבט אלדאָס מענטשלעכע:

„דאָס געלט פארשטאָפט אים דאָס הארץ, פארשטאָפט אים דעם מויעך. אָפן אָרט פון זיקאָרן דאָרט אמאָל ליגט איצט א קערבל. ווו אין אים איז אמאָל דאָרט געווען א שטיקל יוישער, א קאפ ראכמאָנעס, עטוואָס מענטשלעכקײַט און א שטיקל פארשטאנד, שטעקט איצט א מאטבייע. אין אים טוט, ארבעט די מאטבייע, דאָס גאנצע סייכל איז בא אים נאָר די מאטבייע: זײַן קוקן, הערן, שווערן, טאפן און פילן איז אלץ נאָר די מאטבייע. און בא יעדן איז דאָך פון אייביק אָן שוין אזא טעווע — דערזעען זיי בא עמעצן א גילדענע מאטבייע, מעג ער זײַן א קאלב, א בעהיימע, איז ער בא זיי א גאָט, בוקן זיי זיך צו אים, טאנצן ארום אים, לעקן און גיבן אים גרויס קאָוועד אָפ".

אָט די רעב יאנקעווס, באווײַזט מענדעלע, אָנציִענדיק אָף זיך א מאסקע פון גוטע און פרומע יִדן, באלעטויוועס און מיקלוימערשט באלעראכמאָנעס, זויגן אויס דאָס לעצטע ביסל בלוט פון דער אָרעמער יִדישער מאסע. די דאָזיקע צוואקעס באהערשן אדאנק דעם גאָלד־זאק די גאנצע וועלט. אינעם געראנגל צווישן רעב יאנקעוון און דעם ערלעכן, טיף מענטשלעכן און בעעמעס באגאבטן פאָלקס־מענטש רעב ביניאָמין האלט אָפ דעם ניצאָכן רעב יאנקעוו. רעב ביניאָמין איז פארורטיילט אויסצוגיין פון הונגער, „רעב יאנקעוו, אנטקעגן זשע — געזונט אײַזן, אין אוישער און קאָוועד, באָרעך האשעם, — דרייט ווי פריִער א וועלט און פירט נאָך אלץ דאָס גאנצע שטעטל בא דער נאָז". מיט טיפסטן ווייטעק פאסט דער שרײַבער אוף דעם זיג פון די רעב יאנקעווס, ער גיסט אָף זיי אויס זײַן גאנצן צאָרן — טאקע זיי, וואָס האָבן פארנומען דעם אויבנאָן אין דער יִדישער סוויווע, העלפן מיט דעם גרויסן קורבן, דער מאטעריעלער און גײַסטיקער דעגראדאציע פון דער רעכטלאָזער, גערודעפטער, אָרעמער יִדישער פאָלקס־מאסע. מיט ביטערן כויזעק שרײַבט מענדעלע וועגן דער אזויגערופענער גווירישער „פילאנטראָפיע", דער מיקלוימערשטער „אפעטראָפסעס" פון די רעב יאנקעווס לעגאבע די אָרעמע מאסן:

[1] אין יִדיש (איבערגעזעצט דורך מענדעלען) פארעפנטלעכט אין „הויז־פרײַנט" אין 1895 אונטערן נאָמען „די אלטע מײַסע".

„איבער יעדן גראָשן, וואָס די גווירים גיבן אויס אַף צדקה, מאַכן זיי אַ גאַנצן טאַראַראַם, קעדיי די וועלט זאָל וויסן, אַז ס׳איז נאָך דאָ באַלראַכמאָנעס צווישן יידן. די רײַכע גלופּסקער קאַמצאָנים, וואָס האָבן ניט בעיאַד צו העלפן אַן אָרעמאַן מיט זייער גראָשן, העלפן אים לעכאָלהאַפּאַכעס מיט אַ קרעכץ, אַ זיפץ, גיבן אים ווילע אייצעס, זאָגן אים וואָרעמען מוסער, טרייסטן אים און לערנען זיך פאַרלאָזן אַף גאָט און זײַנע גרויסע כאַסאָדים״ („בסתר רעם״).

„חברים כל ישראל וערבים זה לזה מסיני ועד הנה״[1], — איראָניזירט מענדעלע, ווען ער שילדערט די גרופּע יידן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פון די פּאָגראָמען אַפן בוידעם („בישיבה של מעלה״). דער אָרעמער מויכער־ספאָרימניק מענדעלע פּילט זיך דאָ אַפן בוידעם, אונטער איין דאַך, מײַסע ברודער מיט דעם באַלעבאַטישן פרומאַק רעב שימשן און דעם אַסימילירטן גוויר, דעם „דײַטש״, אַלבערט. אָבער קוים איז די געפאַר פון פּאָגראָם פאַרבײַ, און זיי האָבן זיך אַלע אַראָפּגעלאָזט אַף דער ערד, אין „יעשיווע שעל מאַטע״, איז פונעם „קאָל יִסראָעל אַכים״ קיין זייכער ניט געבליבן. ווען מענדעלע ווענדעט זיך צו יעדן פון זיי באַזונדער נאָך הילף, מאַכן זיי זיך ניט וויסנדיק און לייקענען שטיין און ביין, אַז זיי האָבן ווען־ס׳ניט־איז זיך געהאַט מיט אים געטראָפן.

איבער זיי ביידע, סײַ דעם פאַנאַטיקער שימשן, וואָס טײַנעט אומעטום, אַז „אַ ייד איז באַ אים טײַער נאָר דערפאַר, וואָס ער איז אַ ייד״, סײַ דעם „דײַטש״ אַלבערט, וואָס שעמט זיך מיט דעם, וואָס ער איז אַ ייד, — „פּוילט דאָס יידישע פאָלק, באַקומט אַ שלעכטן איפּעשדיקן רייעך״... — פּירט אויס דער שרײַבער.

די אַטאָבאָכאַרטאָנו־אידעאָלאָגיע, דער רעליגיִעזער פאַנאַטיזם, ווי אויך דער ניהיליזם לעגאַבע דעם אייגענעם פאָלק — דאָס זײַנען, לויט מענדעלען, גלײַכע סימאָנים פון גײַסטיקער דעמאָראַליזאַציע פון פאָלק, וועלכע זײַנען ניט ווייניקער געפערלעך, איידער דער כורבן, וואָס איז געקומען פון אויסן. ווי זײַנע מיטצײַטלער פּערעץ און ביאַליק, טאַדלט מענדעלע אין זײַנע דערציילונגען דעם גײַסט פון האַכנאָע און שקלאַפערײַ אין דער פּסיכאָלאָגיע פון די דויערסלאַנג אונטערדריקטע יידישע מאָסן: „זיי ווערן דערנידערריקט און שווײַגן, הערן, ווי מע זידלט זיי, און ענטפערן ניט. פאַלן קורים און ציִען זיך אויס אין דער לענג און אין דער ברייט מיט אַן אויסערסטער אונטערטעניקײַט״ („בישיבה של מעלה...״).

די רעליגיע, די מיטלאַלטערלעכע דינים און מינהאָגים, אַלטע לעגענדעס און באָבע־מײַסעס האָבן דאָס פאָלק פאַרוויגט און פאַרשלעפּערט, אָפּגעווענדט די מאָסן פון זייערע נויטן און ליידן, פּאַראַליזירט זייער ווילן, אַטראָפירט זייערע געדאַנקען און געפילן, אָפּגעריסן פונעם אַרום מיט זײַנע פײַנען און ראַנגלענישן.

דער שרײַבער פּרוווט אין די דערציילונגען אָנוואַרפן זײַן פּאָזיטיווע פּראָגראַם, וועלכע ער שטעלט קעגן די פאַרשיידענע „סגולעס״ און „באַבסקע מיטלען״, מיט וועלכע ס׳טראָגן זיך אַרום פאַרשיידענע „יידן באַלראַכמאָנעס... באַלעטויוועס און אייצעגעבער״, וואָס „האָבן זיך די לעצטע צײַט אָנגעוואָרפן צו זײַן אונדזערע רופאים און אָנגעדולדט אַ קאָפּ מיט זייערע בויד־סוואָרעס״ (פון דער האַקדאָמע צו „אַ סגולע צו די יידישע צאָרעס״).

די קאַטאַסטראָפאַלע לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין טכום־האַמוישעוו איז אַ פּראָדוקט פון דער אַלגעמיינער אומגערעכטער געזעלשאַפטלעכער סיסטעם — דער דאָזיקער געדאַנק גייט דורך אין אַלע דערציילונגען פון די אַכציקער־נײַנציקער יאָרן, האָגאָם אין ערגעץ ווערט ער אָפן ניט אַרויסגעזאָגט. דער קאַמף קעגן די קאָהאַלשע רעדלפירער און פאַרשיידענע מינים באַלעטויוועס, וואָס האָט געבילדעט דעם פּאַטאָס פון מענדעלעס פריִערדיקע ווערק, ווערט ניט אָפּגעשוואַכט, ער איז אָבער אײַנגעשלאָסן אינעם אַלגעמיינעם אָנגריף אַף אַלע פאַקטאָרן, וואָס זײַנען גורעם צו דער קאָנסערווירונג פון די אַלטערטימלעכע לעבנס־פאָרמען און צו דער פאַרטיפערונג פון דער עקאָנאָמישער און גײַסטיקער פאַרשקלאַפונג פון די ברייטע פאָלקס־מאָסן. די בילדער פון דער שרעקלעכער נויט און רעכטלאָזיקײַט פון דער יידישער באַפעלקערונג באַקומען אין די דערציילונגען אַ מער אַקצענטירטע פּאָליטישע באַפאַרבונג. עס ווערט ראַדיקאַל רעווידירט די באַציִונג צו דער האַסקאָלע. ניט פאַרמינערנדיק איר היסטאָרישע ראָל, באַטאָנט מענדעלע: „איצט ווייסן מיר, אַז ניט פון האַסקאָלע וועט זיך צו אונדז נעמען די געולע. אונדזער אומגליק איז דער דאַלעס, די שיפלעס, די געפאַלנקײַט, די נידעריקײַט, אַי באַ זיך, אַי באַ יענעם. אונדזער איינציקע רפואה איז — ערדאַרבעט... האַסקאָלע־ספאָרים קענען אונדז העלפן ווי דער נעכטיקער טאָג״ („בישיבה של מעלה...״). די רעטונג דאַרף מען זוכן ניט אין בילדונג, ניט אין דער סיסטעם פון קאָהאַלשע „צדאָקעס״ — דער אייציקער אויסוועג איז עקאָנאָמישע געזונטמאַכונג, און זי איז מעגלעך נאָר באַ אַ פולשטענדיקער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער גלײַכבאַרעכטיקונג פון דער יידישער פאָלקס־מאַסע — אַזאַ איז מענדעלעס איקערדיקער געדאַנק.

אין „לא נחת ביעקב״ דערציילט דער שרײַבער וועגן דעם ענטוזיאַזם, מיט וועלכן די אָרעמע שטעטלדיקע מאָסן האָבן אופגענומען די בסורע וועגן דער גרינדונג פון יידישע קאָלאָניעס אין כערסאָנער גובערניע. דאָס פאָלק האָט געשאַפן לידער, אין וועלכע ס׳האָט באַזונגען דעם „גליקלעכן קאַנט״. בלויז די שטעטלדיקע גווירים און קלאַל־טוער האָבן אַרויסגעוויזן ווידערשטאַנד דער אידיי פון אויסוואַנדערונג, ווײַל זיי האָבן אין איר געזען אַ געפאַר פאַר זייער עצעם עקזיסטענץ.

מענדעלע האָט, נאַטירלעך, ניט געהאַט קיינע קאָנקרעטע פּלענער, וויאַזוי צו לייזן אַלע האַרבע פּראָבלעמען פונעם יידישן לעבן פון זײַן צײַט. נאָר ער האָט בעכוש געפילט, אַז די לייזונג דאַרף געזוכט ווערן אינעם לאַנד, וווּ מע לעבט. די דערפאַרונג פון די אַכציקער יאָרן האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז די נאַציִאָנאַלע פּראָבלעם פון די יידישע מאָסן איז ניט קיין ספּעציִעלער „יידישער איניען״, זי איז אַמענגסטן פאַרבונדן מיט די אַלגעמיינע סאָציִאַלע פּראָבלעמען אין צאַרישן רוסלאַנד.

[1] „קאָל יִסראָעל זײַנען כאַווירים און זײַנען אָרעוו איינער דעם צווייטן פון סינײַ ביזדאַנען״.

הירש בעריאַזקין

עזראַ פינינבערג

איי̆ניקע באַאָבאַכטונגען איבער זיַין שאַפונג

אין איינעם פון זײַנע פריסטע אַרטיקלען (1923), באַטראַכטנדיק אַ רײַ פּראָבלעמען פון דער אָקאָרשט אופגעקומענער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג, האָט עזראַ פינינבערג אַזוי געשריבן וועגן אָשער שוואַרצמאַנען: „מיט שוואַרצמאַנען האָט זיך מיטאַמאָל אַרויסגעיאַוועט... דער מענטש, דער העלד פון זײַן אין דער גרויסער ערנסטקײַט פון זײַן גורל".

ס'איז אַן אויסערסט פאַראַנטוואָרטלעכע דערקלערונג, וואָס קען מיט פולער רעכט ווערן אָנגעווענדט אויך צו אים, צו עזראַ פינינבערגן: אַ פריש און פרײַ און האָפערדיק צעזונגענער מענטשלעכער גורל אין אַ פעסטן, אומצערײַסבאַרן בונד מיט אַ סאָציאַל-היסטאָרישן, קאָסמישן און קולטורעלן זײַן.

איך מיין, אַז אין אַ יעטווידן וויפל-ניט-איז אויספירלעכן געשפרעך וועגן פינינבערגס דיכטונג טאָר ניט גיין פאַרלאָרן קיין איינער פון די אויסגערעכנטע אַספּעקטן: קאָסמאָס, געשיכטע, קולטור, אויב מיר ווילן אָפּשאַצן די דאָזיקע דיכטונג אין איר פולן פאַרנעם און ניט-פאַרײַנפאַכטער גאַנצקײַט.

ווי באַוווּסט, איז פינינבערגן זײַן אידייִש-קינסטלערישע גאַנצקײַט אָנגעקומען ניט לײַכט. באַזונדערס סטירעסדיק, אינערלעך צעצווייט און פאַרטונקלט איז געווען דעם דיכטערס אָנהייב. אַן אַכצניאָריקער, האָט פינינבערג מיט אופּריכטיקער היספּײַלעס באַגעגנט דעם לאַנג געווּנטשענעם און לאַנג געגאַרטן „טאָג פון די פאָנען", וואָס האָט אים, אַ באַגײַסטערטן טרוימער, געבראַכט דאָס געפיל פון אַן אַלגעמיין-מענטשלעכער פאַרברידערונג און גלײַכהײַט. און ניט נאָר אַן ערדישן — שיר ניט אַ קאָסמישן גלײַכהײַט-געפיל אין נוסעך און שניט פון וועלעמיר כלעבניקאָווס דעמלט אויסגעשריגענע מיט אַ פול קאָל דיכטערישן געבעט און טפילע: „שטערן — ברידער, בערג — ברידער! געטער — ברידער!"

לײַדער, האָט זיך אינגיכן אַנטפּלעקט, אַז דער פּראָצעס פון איבעראַנדערשן די וועלט איז אַ מער לאַנגזאַמער און קאָמפּליצירטער, איידער עס האָט זיך געקענט פאָרשטעלן פינינבערג מיט זײַן ייִנגלשן אומגעדולד, מיט זײַן צאַפּלדיקן באַגער. דעם גאָר יונגן דיכטער האָט אַרײַנגעבראַכט אין אַ טיפער פאַרלעגנהײַט, אויב ניט אין דערשיטערונג, דאָס טעמפּע אַקשאָנעס, מיט וועלכן דאָס געזעלשאַפטלעך- און מאָראַליש-אָפּגעלעבטע און אַלטע האָט זיך געסטאַרעט קעגנשטעלן דער אַלוועלטלעכער רעוואָליוציאָנערער לעבנס-באַנײַונג. אַזוי זײַנען אַנטשטאַנען יענע ביטערע שורעס וועגן דעם „זיידנס מיטוואָך", „אַף ווערעמדיקן קויט, אַף קרעץ פון שטיין", וועלכע האָבן זיך פאַרגעדענקט אַלעמען.

און ווי עס טרעפט מיט דאָסראָוו קינסטלער, וואָס זײַנען נאָך ניט אימשטאַנד, מאַכמעס דער אָפּגעשיידטקײַט פון אַ קאָלעקטיווער, צילגעווענדטער פּראַקטיק, גויווער זײַן גופע אין זיך דעם אָל פון נעגירטן כאַאָס, די לאַסט פון „געיאַרשנטן פּענט", האָט פינינבערג אָנגעגעבן זײַן קאָמפּראָמיסלאָזן שטרײַט מיט דעם אייגנטימעריש-פּאַטריאַרכאַלן סיידער די פאָרם פון גרויזאַמע, קימאַט אַטאַוויסטישע נאַכט-זעונגען און נאַכט-מאַכשאָוועס: „אין פאַרשאָלטענער נאַכט פלעגט מיך אוראַלטע שרעק... אין דערשלאָגענער הויך קוקן אויגן פון אײַז... אַף געבויגענעם זײַן אין פאַרהוילענעם טכום". (אין דרײַצן יאָר אַרום, אַרויסטרעטנדיק אַפן ערשטן שרײַבער-צוזאַמענפאָר אין מאָסקווע, האָט דער אָנגעזעענער רוסישער פּאָעט וולאַדימיר לוגאָווסקאָי דערציילט וועגן זײַן אייגענעם לעבנס-אָנהייב קימאַט מיט דער זעלבער האַליוצינאַציע- און קאָשמאַרן-שפּראַך: „פון דער יוגנט אָן אין די נאַכט-שאָען פלעגט מיך אַרומכאַפּן דער אייביקער שוידער פאַר אַ זינלאָזן טויט, פאַר אַ ניט-באַזיניקט און צופעליק לעבן, פאַר אַ טראַגישן אײַנרײַס צווישן דעם מענטשן און דער געזעלשאַפט... דאָס איז געווען אַ פערזענלעכע נאַכט-וועלט, און איך האָב געקעמפט קעגן איר... דאָס איז געווען אונדזער סאָציאַלע נאַכט-וועלט, און מיר האָבן געקעמפט קעגן איר").

די רעדאַקציע און די רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" באַגריסן האַרציק דעם קריטיקער הירש בעריאָזקין מיט זײַן 60־טן געבורטסטאָג און ווינטשן אים געזונט, אריכאַס־יאָמים און נײַע שעפערישע דערפאָלגן.

קורץ, אַף עזרא פינינבערגס אָנהייב־עטאַפּ, אַף זײַנע ערשטע ביכער — „אָטעם" (1922) און „לידער" (1925) — איז געלעגן א בוילעטער שטעמפּל פון יענעם מין סאָציאַלן באַוווסטזײַן, וואָס מארקס האָט אים אַמאָל באַצייכנט אלס א מיסטיפיצירט־איראַציאָנעלן „פאַלשן" באַוווסט־זײַן. ווירקלעכע און רעאַלע לעבנס־ווידער־שפּרוכן און לעבנס־קאָנפליקטן נעמען אָן אין אזא מין באַוווסטזײַן א פאַלשן, פאַרקריפּלטן אויסזען — א נאַטירלעכער פאַלג פון יענע אומ־נאַטירלעכע לעבנס־פאַרהעלטענישן, וואָס הערשן אין דער בורזשואזער געזעלשאַפט.

און ס'איז קיין ווונדער ניט, וואָס גראָדע דער דאָזיקער פאַלשער באַוווסטזײַן פינינבערגס האָט געזוכט און געפונען זײַן געשטאַלטלעך־סטיליִ־סטישן אָנשפּאַר אין די טראַדיציעס פונעם אייִ־ראָפּעיִשן, רוסישן און יידישן סימבאָליזם מיט זײַן בוילעט אויסגעדריקטער נעטיִע צום „גרע־נעצלאָזן" און „אייביקן", צום פאַראַלקנט־איִנ־טויִטיוון, צו אזא מין וואָרט־ און בילד־באַטײַט, וועלכער איז קיינמאָל „ניט אויסגעשעפּט"... און שטענדיק פינצטער אין דער לעצטער טיפעניש" (ווי עס האָט דעפינירט דעם סימבאָליזם איינער פון זײַנע רוסישע טעאָרעטיקער, דער דיכטער וויאַטשעסלאַוו איוואַנאָוו).

אָט זײַנען אייניקע בײַשפּילן פון פינינבערגס אויסגעשפּראָכן סימבאָליסטישן גאַנג אין די פריִע זאמלונגען „אָטעם" און „לידער".

ס'האָט שוין מײַן לויטער־פאַרכאַלעמטן ברודער
אַף סטעפּן געפּאַקט און געטויט דער גערודער.
מיט אַשן פאַרכאַוועט,
פאַרשאָטן מיט פינצטערניש גראַוער
מײַן לויטער־פאַרכאַלעמטן ברודער... (1921)

פעסטעט זיך פידל און צערטלט מיט צאַר.
די זוינע, דער הונט און דאָס פוצערל קרעכצן:
— ס'איז א וויסטער באַטאָג און עס גליט טראָטואַר,
ווער געוונען האָט אונדז און פאַרשלײַדערט אהערצו?
(1923)

אינגאַנצן פאַרשיידענע, ניט ענלעכע לויטן געמעל, לויטן ניגן, לויטן טעמאַטישן וועזן פאָע־טישע מוסטערן. אין איין פאַל איז דאָ דער פײַנ־פולער אָפּהילך פון די פּעטליורישע פּאָגראָם־עקסצעסן אַף אוקראַינע; אין צווייטן — א גע־פאַרבטע אין „בייזע" באַדלערישע טענער טיפּע פאַרצווייפלונג אין שײַכעס מיט דעם איינזײַטיק אופגענומענעם נעפּ און ניט־באַגיטיקטע „האַנדלס־טעג אין שטעט געלאָסענע". און דאָך לאָזט זיך באַשײַמפּערלעך שפּירן אין ביידע גע־בראַכטע שטעלן א באַשטימטע סטיליסטישע נאָענטקייט: די צעשוווּמענע שפּיל אַף רעמאַ־זים, די סעמאַנטישע פאַרנעפּלטקײַט און צוויי־דײַטיקייט און קוידעמקאָל, דער „ניט־היגער", מיסטישער קאָלאָריט פון עפּעס א סוידעספול איבערגעטײַטשטער און איבערפאַרוואַנדלטער קעגנשטאַנד־ און מייסים־וועלט.

דאָס מיסטישע, דאָס „ניט־היגע" באַזיצט א פאַרפירערישע פעיִקײַט אריינצוראַימען זײַנע פאַרערער אַן איליוזאָריש געפיל פון אָנגעהערי־קײַט צו „וועלט־געהיימענישן" און „וועלט־אידיי־ען". א סוואָרע, אַז אין פינינבערגס פריִע סימ־באָליסטיש־מיסטישע שוואַכקײַטן איז, אַכוץ זײַן וועלט־אָנשוילעכער ניט־רײַפקײַט, געקומען צום אויסדרוק א שטרעבונג דירעקט זיך פאַרקניפּן אינעם קאָסמישן זײַן, אין אַן אוניווערסאַלער „וועלט־אידיי" — א שטרעבונג, וואָס איז, אויִ־סער אַלעם און אפילו אין איר עקסטרעם פעסיִ־מיסטישן וואַריאַנט, געווען פאָלעמיש געצילט קעגן דער קליינשטעטלדיק־סענטימענטאַלער יידישער אַלקער־ליריק אין אָנהייב יאָרהונ־דערט.

ס'וועט פאַריבער א פאַרהעלטנסמעסיק ניט גרויסע צײַט, און פינינבערג וועט זיך אַנטשיידן באַפרײַען פון זײַנע מעטושטעשע וויזיעס און מיסטיפיצירטע געשפענסטן, פון „פאַרוואָלקנטע קרײַזן" און „קיינמאָל ניט געקענטע" גייערס, אָבער אַף לאַנג, אַף שטענדיק וועט פאַרבלײַבן מיט אים דאָס פּרינציפּיִעלע ניט אָנעמען „גרויע דרויב", די נאָגעניש נאָך גײַסט און אידיי, די הויכע באַדינגלעכקײַט פון קונסט, וואָס מײַדט אויס דאָס נאַטוראַליסטיש־פּריוואַטע און פלאַכע אין נאָמען פון א גרויסן היסטאָרישן איקער.

און זעט, אשטייגער, ווי אומדערוואַרט עס רופן זיך איבער, בא דעם גאַנצן שרײַענדיקן אונטערשייד, צוויי לידער פינינבערגס, דער־ווײַטערטע אייִנס פונעם אַנדערן מיט העכער צוואַנציק שטורמישע יאָר.

„איז שלעכט, אַך, שלעכט אַליין און שלעכט אינצווייען, גרויער דרויב, וואָס וויל ניט אונטערגייען" — דאָס איז פון א ליד געווידמעט ריוריק איוונעוון, א רוסישן פּאָעט־אימאַזשיניסט, סערגיי יעסענינס א נאָענטן פרייַנט. און אָט איז א ליד, געשענקט ע. פאַלקאָוויטשן, געשריבן אין סאַמע ברען פון דער מילכאָמע, וועגן א סאָוועטישן שלאַכטמאַן: „ער טרייַבט די דריבנעקייַט, ער יאָגט די נידעריקייַט און דעם פּלאָפּל". און אין א צווייטער מילכאָמע־ליד: „פון קליינלעכס און געוויינלעכס אָפּגעזונדערט, פון קליינלעכס און געוויינלעכס אָפּגעשיידט..."

ביכלאַל מוז ווערן באַטאָנט, אַז בא אַלע זייַנע וואָגלענישן און פאַרענדערונגען איז פינינבערג געוואַקסן אָרגאַניש — דאָס אַנגעמערקטע אין דער פריִער יוגנט איז מיט דער צייַט ניט אָפּגעוואָרפן געוואָרן, נאָר אָפּדאָסנייַ אופגענומען פון איַנווייניק, זיך אַנגעגאָסן מיט באַווירקנדיק פרישער לירישער קראַפט. אַזוי וואַקסט א בוים פון אַן איינהייַטלעכן וואָרצל.

אָט איז, לעמאָשל, אַזא ספּעציפיש פינינבערגישע אייגנשאַפט, וואָס איז אים נאָכגעגאַנגען פון דער יוגנט אָן: ער ווייסט ניט פון קיין „פּריוואַטע" פּייזאַזשן, פון קיין „איינצלנע" נאַטור־פאַרצייכענונגען. דער שטעטך, די שטרעקע, דער וויאָרסט, די מייַל, די הייך, די לענג און די ברייט — דאָס זייַנען פינינבערגס באַליבסטסטע און פאַרשפּרייטסטע רוים־קאָאָרדינאַטן. אַן איינדרוק, אַז דער פּאָעט זעט פאַר זיך ניט די ערד, וואָס ער באַטרעט מיט די פיס, נאָר די פּלאַנעטע־ערד, וועלכע ער נעמט אַרום מיט זייַן אומרויִקן געמיט און קלוגער לייַדנשאַפט, מיט דער „גרויסער ערנסטקייַט" פון זייַן מענטשלעכער עקזיסטענץ.

אַזא מין אופאַסונג פון רוים פּראָוואָצירט אַן אַנאַלאָגישע צייַט־אופאַסונג.

אין דער זאַמלונג „לידער" איז דאָ א ציקל „קרים" — איינס פון די גרעסטע לירישע ווערק בא פינינבערגן. אָט ווו דער פאַרצייַטיקער באַרג־און־יאַם־און־סטעפּ־לאַנדשאַפט האָט דערלויבט דעם דיכטער פאַנאַנדערוויקלען זייַנע ערדיש־קאָסמישע רעגונגען און געפילן:

איז מעכטיק דער טאָג און קלאָר, און פריש,
און אַז ער קומט אום אין צעהוידעטע מייַלן,
איז מייַן אָטעם געהויבן, געטריבן, פאַרמישט
מיט רויכן, וואָס לויפן בא קאָפּ פון דער ייַילע.

פיל דינינקע רייכעלעך, וויסינקע האָר
אָף שטיינערנע נאַקנס, אין ריזלען, אין איילן, —
געדענקט ניט מייַן רויכל אַוועלכער דאָר,
ווייסט ניט מייַן אָטעם אַוועלכע ווייַלע.

עס דערמאָנט פּאַסטערנאַקס באַרימט „זאָגט מיר, טייַערע, אַוועלכער יאָרטויזנט איז אָפּן הויף". און ס'איז אָבער ניט פּאַסטערנאַק, אַן אַרומגערינגלטער מיט אינטימע שטייגער־פּראָטים פון א רויִק הייפל אין א מאָסקווער געסל. פינינבערגס „דאָר" און „ווייַלע" זייַנען גלייַך ווי פאַרשלונגען פון א קאָסמישער אייביקייַט־צייַט, און די פּערזענלעכקייַט בא פינינבערגן איז פאַרמישט מיטן שטראָם פון אירע יאָרטויזנטער, פונקט ווי דאָס רויכל פונעם באַרג, פון דער ייַילע, איז פאַרמישט מיטן מענטשנס וואָרעמען אָטעם־רויכל.

אין „קרים" האָט זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן דעם דיכטערס לעבעדיק, אַפילע פּאַמיליאַר־ביִאָגראַפיש געשטאַלט: „אַן אַלטע טאָטערקע, פאַרפוצט אין זייַד און סאַמעט, גייט פון מעטשעט, ווי ס'גייט פון שול מייַן מאַמע... פון ווייַט מייַן מאַמע בעט, כ'זאָל זיך ניט דראַפּען סטאַם... און כ'זאָל זיך כאַס־כאַלילע ניט דערטרינקען אין די יאַמען".

אין „קרים" איז דער דיכטער געקומען אין אַן ערשטן באַריר מיט א פּראָבלעם, וואָס וועט אים שפּעטער ניט איין מאָל טאָן א ברי, מיט דער פּראָבלעם: דער מענטש און די נאַטור און די נאַטור אינעם מענטשן („גילגל גוף" וועט עס הייסן שפּעטער): „שווימט נאַקעט פלייש אין פּייַערדיקע פּויסטן. ס'איז מוירעדיק הייס, גלייַענדיק־גלוסטיק".

אין „קרים" האָבן מיר עפּשער צום ערשטן מאָל געטראָפן דעם דיכטער אין דער וואָרהאָפּטיקייַט פון זייַנע באַציִונגען צו מענטשן־שכיינים, מענטשן־פרייַנט, האַגאַם אויך געגומענע אין א באַלייַכטונג פון עפּעס א ווייַטער, ווייַטער קאָסמישער שייַן, אין אַן אייביקן אומבייַט פון ליכט און שאָטן.

זעט, ווי נאַטירלעך, אָף איר אייגענער אַקס, ניט געצווונגען פון קיין פּאַריס אָנגענומענעם סקאַרבאָון „נוסעך" באַוועגט זיך פינינבערגס ליד:

קום איך צוגאַסט צו גיין צום גוטן פרייַנט,
איז ער מיטן יאַם אַוועק פון דר'היים,
נאָר בא זייַן שוועל — רויִקע שייַן,
נאָר זייַן טויער טרויערט ריין.

אַלע שכיינים — שמייכלענדיק געזינד —
קאָנען מיר ניט אויסמאָלן ווו איז ער.
עס קלינגט א פּרוי, עס בלאָזט א ווינט
אָף גאַס פון פרייַנט בא פעלדזן־בערג.

— שכיינים בערדיקע, דאָרעמדיקע ראָד,
מיידל ציטעריקע, ליכטיקער ווייַן,
טיף אין הימל, שטאַרק איז גאָט, —
מיטן יאַם אַוועק מייַן גוטער פרייַנט?

אָף קרומע שטעגן — לייַכטער שפּאַן.
דראַפּעט זיך צום הימל שטיינערנער שליאַך.
אָף קיפּאַריסן בא דעם יאַם
גיסט זיך זיסער אָפּדערנאַכט.

יאָ, אַלץ אין דער ליד, — אָנהייבנדיק פון דער „רויִקער שייַן" באַם שוועל און ביז דעם פּאַרטיק־צערעמאָניִעלן „טיף איז דער הימל, שטאַרק איז גאָט", — אַלץ איז אין איר באַהויכט מיט אַן אייביק פאַרצייַטיקן אורבילד און אורגעמיט. „סע קלינגט א פּרוי, סע בלאָזט א ווינט" — אַטריבוטן פון אַן ערשט דערזעענער אָדער אַפילע ערשט באַשאַפענער וועלט. דאָס ציטעריק מיידל און דער ליכטיקער ווייַן, דער

בערדיקער שאָכן און די דאַרעמדיקע זון־ראָד שטייען האַרט איינס בא דעם אַנדערן, זײַנען פּונקט ווי גלײַכבאַרעכטיקט, און דעם דיכטערס וואַנדלונג צו יעטווידן פון זיי פאָדערט לאַכלוטן ניט קיין מינדסטע ענדערונג פון דער טאָנאַלקייט, פון דעם טעמבר. גופא אינעם אוועקגיין פונעם גוטן פרײַנט „מיטן יאַם" איז פאַראַן אַ ניט פאַרבאַהאַלטענע פאַר גאַרע וועלטן רייצנדיקע ניט־פאַרענדיקטקייט און ניט־דערזאָגטקייט...

פאַרהעלטנסמעסיק פרי איז פינינבערג געקומען צום פאַרשטאַנד, אַז דעם מענטשנס באַהעפטונג מיט דער אייביקייט, מיטן קאָסמאָס קען ניט פאַרווירקלעכט ווערן אַנדערש, ווי בלויז דורך מי און קולטור, דורך די פאַרשיידנאַרטיקסטע פאָרמעס פון אַ געשיכטלעכער און קולטורעלער געדעכעניש.

אַזאַ מין, דוכט זיך, פאַרבײַלויפנדיקע דיכטערישע דעטאַל — דער דיכטער שרײַבט: „באַ ווײַטע ברעגן הוידעט זיך דער פאָנט", און מיר דערמאָנען זיך: דער עווקסינער פאָנט (דער גאַסטפרײַנטלעכער יאַם) — אַזוי האָט בא די אוּראַלטע גריכן געהייסן דער שוואַרצער יאַם, וואָס איז דורכן דאַרדאַנעל־דורכגוס (דורכן העליספּאָנט) געווען פאַרבונדן מיט דעם מיטללענדישן יאַם, דעם אוראַלטן וועג פון דער מענטשהייט. אַ ווינק, אַ קאַרגער אָנדײַט, און דאָס איצטיקע קרימער האַלב־אינדזל מיט באַרוועסע טשאַבאַנען, מיט אַ כאַפּטע כעוורעליט־קאַמיזגיסטן, וואָס זינגען אַ מאַטראָסיש ליד וועגן יאַם, ווערט געשטעלט אין אַן אַלמענטשלעכער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו.

„דאָס ערשט געבוירן שוימען־מיידל איז בא האַרטע פעלדזן שטענדיק דאָ" — אַפראָדיטאַ, די געטין פון ליבע און שיינקייט.

פינינבערגס מער אָדער ווייניקער סטאַבילן אינטערעס צום גריכישן אַלטערטום האָט אין אַ באַדײַטנדיקער מאָס געגנערט זײַן סימבאָליסטישע אָנפאַנג־דערציִונג. גראַדע די סימבאָליסטן האָבן פלײַסיק געזוכט אין דער גריכישער קונסט און מיטאָלאָגיע אַזוינע געשטאַלטן, וואָס זאָלן אַמערסטן אַנטשפּרעכן זייער אייגענעם אידייען־ און געפילן־מעהוס. פינינבערג האָט ליריזירט דאָס מיטאָלאָגישע, ניט מינערנדיק דערבײַ זײַן אוניווערסאַלן באַדײַט.

דאָס ביכל „לידער" האָט דער דיכטער געעפנט מיט אַ ליד וועגן „טײַערן ברודער, טונקעלן סיזיף", וועלכער איז צוליב אַ זינד פאַר די געטער געווען פאַרמישפּעט אייביק צו קײַקלען און ניט דערקײַקלען אַ שטיין צום באַרגשפּיץ... אַרן גורשטיין האָט אין אַן אײַנהאַלטסרײַכן אַרטיקל וועגן פינינבערגן (אַלמאַנאַך „סאָוועטיש", 1935, נומ. 3) ריכטיק באַהויפּטעט, אַז די פיגור פון סיזיפן „איז אַ קאַרעוו נאָר דעם מידן דיכטער", וואָס איז פּעסימיסטיש געשטימט בענגענע דער מענטשהײַטס באַמיִונג אויסצוקערעווען די וועלט צום יוישער און גערעכטיקייט. פון דער אַנדער זײַט אָבער, קאָן מען ניט אײַנזען אין פינינבערגס אַ טראַדיציאָנעלער סימבאָל־פיגור אַ ווילן בײַצוקומען די מידקייט, אַראָפּוואַרפן דעם שטיין פונעם האַרצן.

אין די יאָרן 1925—1926 האָט פינינבערג דערגאַנצט זײַן דאָרעם־ציקל מיט לידער, ווו דער באַפרײַטער פון מידקייט און מאַרעשכוירע ליריש באַהערשטער געפיל פון קולטור און געשיכטע האָט זיך מערקבאַר פאַרברייטערט, און צומאָל אין „מאָדנע", שפּילעוודיק־עקסטראַוואַגאַנטנע פאָרמעס, וואָס דער אורקוואַל זייערער, אַז מע טראַכט זיך אַרײַן, איז אויך אין באַזונדערע באַוווּסטזײַן־ און אופירונג־פאָרמעס פונעם גריכישן אַלטערטום.

אָט איז אַ ליד וועגן אַ קרימער באַרג־אָבסערוואַטאָריע:

באַנאַכט דער אַסטראָנאָם געפּראַוועט האָט אַ
מאָלצײַט,
און געקומען זײַנען אַלע צען באַהעלפער,
באַם ברייטן טיש געהערט האָב איך דער
צוועלפטער:
מע זינגט אַ לויבגעזאַנג די ראַכוועסן די שטאָלצע,
מע זינגט פאַרשיקערט און מע זינגט פאַרליבט
און מע טאַנצט אַ ראָד אַרום שפּאַקטיוו.

„אַ טאַנץ אונטער די שטערן, אַ ראָד אין טורעמל פון די שטערן! עס איז פאַראַן אין דעם אַ בעפײַרעשער און, מעגלעך, ניט־באַזיניקטער מיצאַד דעם דיכטער אָפּקלאַנג פון פּיפאַגאָרס (אַן אַלטגריכישער מאַטעמאַטיקער און פילאָסאָף) „ספערן־מוזיק", וואָס באַאײַנפלוסט מיט איר האַרמאָנישן טאָן־אַרט דעם „מוזיקאַלן" כאַראַקטער פון דער פאַרזענלעכקייט אין אַלע אירע אַנטפּלעקונגען: מאָראַלישע, פּאָליטישע, קאָסמאָלאָגישע. דעם אַסטראָנאָמס אַרבעט מיטן שפּאַקטיוו, זײַן פּראַקטישע טעטיקייט איז דערהויבן דורך אַ יאָמטעוודיקן, קימאַט עקסטאַטישן געפיל פון קריוויִשער פאַרשטענדיקונג מיט דער „ריזלענדיקער הימל־טיף", מיט די „ספערן" און זייער „מוזיק".

„אינדערפרי האָט מיך אוועקגעיאָגט אווטאָמאָביל און טאַווריִען האָט דורכגעשווינדלט, טאַווריִען האָט דורכגעשפּיגלט". ווײַטע עפּאָכעס קומען זיך צונויף: אַ לעבעדיק־רעאַלער הײַנטיקער קרים מיט אווטאָמאָבילן, נאָר אָנגערופן בא זײַן „נעכטיקן" היסטאָרישן נאָמען (לויטן פאַרצײַטיקן טאַווריִען־שייוועט); קרים מיט הײַנטצײַטיק אויסגעשטאַטעטע אָבסערוואַטאָריעס, ווו אַסטראָנאָמען פירן אַ קאַראַהאָד אונטער אַן אויסגעשטערנטן הימל („אָרכעסטריקאַ" האָבן אַזוינע מאַסן־טענץ געהייסן בא די אוראַלטע גריכן).

דער יונגער פינינבערג פלעגט זיך ניט אָפט פאַרופן אָף נעמען פון באַרימטע קינסטלער — דיכטער, מאָלער, מוזיקער, אָבער דאָרט, ווו ער האָט עס יאָ געטאָן, זײַנען דאָס מערסטנטייל געווען קינסטלער, וואָס האָבן געפירט אַן אינטענסיוון שמועס מיט דער נאַטור, מיטן קאָסמאָס, קינסטלער מיט אַן אומגעהויער רײַכער אינערלעכער וועלט און אַזוי צי אַנדערש פאַר־

בונדענע מיט דער קולטור פון סימבאָליזם. דער גרויסער דײַטשישער ליריקער ר. מ. רילקע, לעמאָשל.

עזראָ פינינבערג איז געווען א הייסער אָנ־הענגער און קענער פון דער קלאַסישער דײַ־טשישער ליטעראַטור. שוין אָפּגערעדט פון גע־טען, וועמענס „פאַוסט" ער האָט איבערגעזעצט אַף ייִדיש מיט א זעלטענער מײַסטערשאַפט (אַף דער איבערזעצונג האָט דער דיכטער געאַרבעט, מיט איבעררײַסן, קימאַט דאָס גאַנצע לעבן). איך געדענק, מיט וואָס פאַר א פאַרכאַפּונג פינינ־בערג האָט גערעדט בעשאַס אונדזערער א באַ־געגעניש אין מינסק וועגן א צווייטן דײַטשישן קלאַסיקער — געטעס א מיטצײַטלער — וועגן פרידריך העלדערלינען און זײַנע פרײַהײַטסליבנ־דיקע הימנען־שירים אַף מאָטיוון פון גריכישן אַלטערטום (אַף וויפל איך ווייס, האָט פינינ־בערג איבערגעזעצט עטלעכע הימנען).

ר. מ. רילקען האָט פינינבערג געווידמעט א ליד אין 1923 (צום ערשטן מאָל געדרוקט אין דער לידער־זאַמלונג „די קריגן דויערן", 1930): „באַם זוים פון א הימל א פרעמדן באַזעצט האָט זיך אייגענער ברודער". ס'איז א טיפּיש־סימ־באָליסטיש ליד מיט אן אומקלאָרן פאָרטראַכט און צעשווענקטע קאָנטורן, און עס דערמאָנט רילקעס א פריִען ציקל „אינדזל", וועגן אן איינ־זאַמען וואַנדערער „אַף די וועגן פון אַלוועלט", וואָס „זוכט אינדערבלינד דעם וועג פון פּלאַ־נעטן".

אין „דאָס געזאַנג פון מילדן לאַנד" (1927) רופט אָן פינינבערג דעם רוסישן קאָמפּאָזיטאָר סקריאַבינען: „...סע שפּילט אין היימען וועגן אוילעם־האַזע, וועגן אוילעם־האַבע א געניִאַלער שפּילער סקריאַבין..."

„דאָס געזאַנג פון מילדן לאַנד" איז א פּיל־פּלאַניק ווערק... אין א ליד, געשאַפן מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, וועט דער דיכטער זאָגן: „אונד־זער זײַן — אין בלוט, אין פײַער און אין שיינ־קײַט". „דאָס געזאַנג פון מילדן לאַנד" איז טאַקע וועגן דעם, ווי ס'האָבן זיך פאַנטאַסטיש איבער־געפלאָכטן בלוט און שיינקײַט אינעם אופגע־טרייסלטן און רויִנירטן לעבנסשטייגער אין די יאָרן פון בירגערקריג. דעם אידילישן טרוים פון דער „מאַדאַם" וועגן דעם „שיפל אונטער זון פון איטאַליען" איז קעגנגעשטעלט א האַרבע ראָמאַנטיק, „א ראָמאַנטיק קאָפּויר" (ווי עס האָט זי פּינקטלעך קוואַליפיצירט ה. רעמעניק אין זײַן בוך „סקיצן און פּאָרטרעטן", מאָסקווע, 1975).

„נאַכט אין פעלד. סיביר. ווינטן רײַסן". איי־ליקע וואָקזאַל־שידוכים. וואָגאָנען, אָנגעשטאָפּ־טע מיט זעלנער. א רוסיש מיידל, וואָס לינדערט די לעצטע פּײַן בא א טיפוס־קראַנקן סאָלדאַט. און א פּאָעטישער טרוים וועגן איטאַליען, ווײַל דאָס שיפעלע דאָס גאָלדנס „אַף יאַמען בלאָווע" און די גאַלערייען, ווו „די מאַדאָנעס העגנען", זײַנען פּאַרט שיין און פּאַסן דעם מענטשנס נאַ־טור. און דער געניִאַלער שפּילער סקריאַבין — אן אָנזאָג אַף אויסגעוויטיקטער האַרמאָניע, וואָס וועט נאָך דאַרפן אָנקומען.

באַם יונגן פינינבערג איז דאָ א ליד וועגן דעם געניִאַלן רוסישן קינסטלער ווּרובעלן: „כ'פאָר דאָרט פאַרבײַ אינעם כוידעש מײַ אין א זוניקער פרי, און די אוראַלטע בערג האַלטן ווּרובעלן פעסט, דריקן ווּרובעלן שווער...", „דער פאַרטריבענער גײַסט, דער היימלאָזער דעמאָן אַף א שורע בערג מיט די פליגל פּאַטשט", „דער היימלאָזער גײַסט מיט די פײַ־ער־אויגן וויינט, ווי א קינד אַף די וויסטע פעל־דזן".

פײַער־אויגן... ס'איז אויסגעטיילט און אונ־טערגעשטראָכן דאָס וויכטיקסטע אין ווּרובעלס „דעמאָן" (אין איינער א מאָנאָגראַפיע וועגן דעם מאָלער איז פאַראַן א ספּעציִעל קאַפּיטל „די אויגן").

מע קען זיך פאָרשטעלן א ספּעציִעלע אַרבעט וועגן דעם „אויגן"־מאָטיוו בא פינינבערגן, א באַטיטלטע מיט זײַנער א שורע: „דעם האַרצס גרויסיגיקע דערפאַרונג". א באַלערעוודיקע דערפאַרונג!

„אויסגעדעווערט ווערן אויגן אַף פאַרשאָלט־נעם יאַריד" — ס'איז פונעם לידער־בינטל „שטאָט פאַרקאָוועטע" (1923), ווו די יאַרידע־און ייִעש־שטימונגען באַם יונגן דיכטער האָבן עפּשער דערגרייכט די העכסטע מאַדרייגע. אָבער נאָך דעם, אין א יאָר אַרום:

לײַכט איז דאָס אויג, דאָס אויג דאָס פאַרשײַט:
ס'וועט דער סוינע פון יאָר ניט פאַרמעקן
דאָס אויג, וואָס געווענדט צו הייך און צו ווײַט,
צו הייך און צו ווײַט, און צו שטרעקע.

און נאָכאַמאָל, אין סטיל פון פינינבערגס שפּרודלדיקע אַלוועלט־געפילן: „גרויס בא אונדז די אויגן, שײַן אַף אונדזער פּאָנעם: אן ערד א גרײַזע פליט און פליט אין בלויִ!" און נאָך: „אויגן מײַנע קאָנען, אויגן מײַנע ווייסן טויזנט סרייפעס און טויזנט מײַסים, — טויזנט פריִען אין טויזנט שטעט וועל איך געווינען אין דעם געוועט!..." און נאָך: „און דער טויער פון אויג איז צעפּראַלט און ער גאַרט!..", „פרישע קלאָ־רע פרי־שײַן עפנט מיר די אויגן", „זון אין די גערטנער, זון אין די אויגן...", „מײַן אויג, מײַן וואָגלענדיקס, מײַן אויג, וואָס שטענדיק שטוינט", און נאָך און נאָך...

מאַיאָנטקעס ליכט און שײַן, א צעשטראַלט, א פײַערלעך לויב־געזאַנג דעם אויג, דעם זע־כוש, דער פייִקײַט אופצוכאַפּן און אַרויסבאַקו־מען ניט אַזוי די „פיזישע", די „לאָקאַלע", וויפל די גײַסטיק־עמאָציִאָנעלע אייגנשאַפטן און סי־מאָנים פון אן אַלגעמיינעם אַרום, וואָס האָט זיך, ענדלעך, פון א פײַנטלעך־קעגנערישן פאַר־וואַנדלט אין א פרײַנטלעך־אופגעלייגטן און בלוטיק־קרוּווישן!

אין צוזאַמענהאַנג מיט עזראָ פינינבערגס שאַ־פונג ווערט אָפּטער פון אַלע אַנדערע רוסישע דיכטער אָנגערופן אַלעקסאַנדער בלאָק. אין ערן

גורשטיינס שוין דערמאָנטן אַרטיקל לייענען מיר: „בלאָקס ווירקונג לאָזט זיך פילן אין דער „בלויער" טאַנאַליטעט פון פינינבערגס פּריַיזקן פּערז, אין די מאָטיוון פון דער „אומבאַקאַנטער" און דער „שיינער דאַמע", אין דער קריסטלעך־עטישער באַפאַרבונג פון דער אופאַסונג פון דער רעוואָליוציע" (גורשטיין האָט דאָ אין זינען פּינינבערגס באַוווּסט ליד וועגן דעם „איסי פון דער שטאָט פון ריאַזאַן", בא וועמען קיינער האָט ניט דערקענט יעזוסעס שטריכן און וועלכער איז אומגעקומען אומשולדיק).

איך מיין, אַז ס'איז עטוואָס אַן איבערגעטריבענע באַהויפּטונג: די טאָנאַליטעט באַם יונגן פינינבערגן איז ניט אַף אַזויפיל „בלוי", אַז דאָס זאָל קענען צוציִען אונדזער אופמערקזאַמקייַט, און ניט די „שיינע דאַמע" — אַנדערע פרויען־געשטאַלטן פּרעוואַלירן באַם יונגן ייִדישן דיכטער.

גורשטיין איז פולקום גערעכט, ווען ער שרייַבט, אַז באַם פּריַיזקן פינינבערג איז „דעם דיכטערס פּאָזיטיווע, באַיאַענדיקע טעזע געגעבן געוואָרן אינעם עצעם נאָמען פון זייַן ערשטן בוך, וואָס איז דער „אָטעם", דער לעבעדיקער אָטעם פון זייַן לעבן". און גראַדע אין דעם, אינעם וועלן אַראָפּוואַרפן די מיסטישע שלייערן, אין דער שטרעבונג זיך איבעראַריִענטירן אַף פּערזענלעכע דערוואָרבענע מענטשלעכע ווערטן, קען מען גיכער אייַנזען פינינבערגס קאָנטאַקט מיט בלאָקן, וואָס האָט אין 1908 יאָר געשריבן וועגן זייַנע ערשטע סימבאָליסטישע ווערק: „די לידער וועגן דער שיינער דאַמע — אַ פּריִער באַגינען — יענע כאַלוימעס און נעפּלען, מיט וועלכע עס ראַנגלט זיך די נעשאָמע, קעדיי צו באַקומען דאָס רעכט אַף לעבן".

סייַ אין „אָטעם" און סייַ אין „לידער" איז דאָס סימפּאַטישסטע און פאַרשטענדלעכסטע טאַקע די דאָזיקע ראַנגלעניש, דאָס ניט וועלן גיין אַף האַנאָכעס מיט אַ הויקער־וועלט פון כוישעך און צוויַעס, דאָס אומגעדולדיק־דאָרשטיקע וואַרטן אַף נייַע לעבנס־ווייַענישן און לעבנס־גרוסן, וואָס זאָגן צו מענטשלעכע גאַנצקייַט און זעלבסטפאַרווירקלעכונג.

ס'וועט זיַין בא מיר מיט דיר אַ שלאַכט אַ ביטערע, אַ שלאַכט אַ לאַנגע,
כ'האָב דיך געזאָגט: מיַין קאָפּ ניט פאַלן זאָל אין דעם גערանגל,
מיר וועלן קנוילן זיך און בייַלן זיך, און רייַסן זיך און בייַסן,
און זיַין וועט זיַין, ווי ס'איז אין יענער שיינער מייַסע,
ווי ס'איז אין יענער אוראַלטער אַרמענער ליד:
— געווען פון שטויב דאַוויד. אַוועק אין שטויב דאַוויד. —

און מיטאַמאָל אַ קאָל (וויִאַזוי? פונוואַנען?)
ניין, וואַרט אויס, איך בין נאָך פאַראַנען!..

אָדער:

און איך בין אַלט אינגאַנצן דריַי און צוואַנציק יאָר,
און אומעטיקע שליאַכן אַף דער גרויסער ערד פאַראַנען.
מע דאַרף גיין, גיין זען ביזוואַנען גייט די וואָר
און פונוואַנען נעמען הודיען אָקעאַנען.

און נאָך:

און באַרג און פרי, און אונטערגאַנג און פריַינט,
נאָך ניט געשטראָפענע, נאָך ניט דערמאָנטע.
כ'קאָן דאָ ניט זיַין. כ'דאַרף דאָ ניט זיַין. כ'וויל דאָ ניט זיַין.
ס'איז דאָרטן יאָמטעוו.

און ווי די אויסלייזונג, די באַפריַיונג, דער פריידיקער און געבענטשטער „קאַטאַרסיס":

נו, דו, דער רו'ך זאָל נעמען דיך. נו, זע: מיר זייַנען אויבן:
אָנגעקומען, דורכגעקומען, בייַגעקומען אַלע שטויבן.

אָנגעקומען, דורכגעקומען, בייַגעקומען די ניט־גוטע,
אין די הויכע גערטענער לעבן מיר באַרוטע.

אין די הויכע גערטענער לעבט אַ כאָפּטע ברידער,
דו, דער רו'ך זאָל וויסן דיך, הערסטו? די זינגען ווידער.

ביז די סטעזשקע גליטשט זיך אויס און טרעפט זיך מיטן נידער —
הונדערט טויזנט אומעטן און הונדערט טויזנט לידער.

בא דער גאַנצער ניט־פּרעטענציִעזקייַט איז עס איינס פון די בעסטע און עמאָציִאָנעל־אָנשטעקנדיקסטע לידער פינינבערגס — אַן אָנשוילעכער מוסטער פון זייַן לירישן סטיל.

וועגן אַזוינע לידער קען מען ניט זאָגן, אַז אין זיי ווערט „אָפּגעשפּיגלט" אָדער אפילע „אויסגעדריקט" דעם דיכטערס איבערלעבונג, — ס'איז די איבערלעבונג גופע, אַזוי ווי זי שטייט און גייט, אין איר אורשפּרינגלעכן, ניט אָפּגעקילטן צאַפּל, נאָך ניט פאַרמיטלט פון אַ ציל־באַוווּסטער קאַוואָנע אַרייַנצוברענגען זי אין די ברעגן און ראַמען פון אַ שטרענגער, אָרגאַניזירטער סטרוקטור.

פאַרגלייַכט, אַשטייגער, פינינבערגס צוגאַנג צו דעם וואָרט, ווען ער שטעלט עס אַרייַן אין דער שורע, מיט דעם צוגאַנג פון אַזא מין ערשטראַנגיקן דיכטער, ווי שמועל האַלקין (אַגעוו, אַ נאָענטן צו פינינבערגן לויט דער פּריִער סימבאָליסטישער דערציִונג), און דער גרויסער אונטערשייד צווישן זיי וועט זיך אייַך טייקעף וואַרפן אין די אויגן (עס גייט, פאַרשטייט זיך, ניט קיין רייד פון „בעסער־ערגער". ס'האַנדלט זיך אין דער פאַרשיידנאַרטיקייַט פון שעפעריִשע אינדיווידואַליטעטן, וואָס אַן אַנטוויקלטע ליטעראַטור קאָן זיך ווינטשן).

האַלקין פאָרמירט און פורעמט דאָס וואָרט און די שורע, געשטעלטע צו דינסט אַ טיפן, דיִאַלעקטיש־צעצווייַגטן געדאַנק, אַן אויסגעשטאַנענעם, רויִק און רייַף באַהערשטן געפיל. פינינבערג שמעלצט דאָס וואָרט און די שורע, האָבנדיק אין אַכט ניט אַזוי די קאָמפּאָזיציע

פונעם גאנצן, ווי דעם עמאָציאָנעלן געפילן־פלאַטער, זײַן גרייטקייט אריבערצופלייצן די אייגענע דאלעדאמעס. האלקין באהאלט פון אונדז אויס דעם וועג פונעם געדאנק צום קלאנג, און דאָס וואָרט בא האלקינען נעמט ניט מער, ווי עס „וויל“ דער געדאנק, אמאָל אן אפאָריסטיש פאַריגלטער. פינינבערג איז מער אימפּראָוויזאַציע, ער סטארעט זיך, עס זאָל קלינגען די „אויסשטאטונג“ פונעם ליד. וועגן פינינבערגן קען מען זאָגן, נוצנדיק זײַנע א שורע: ער דיכטעט „מיט האנט און מיט קערפּער, מיט וואָרט און מיט פויזע“. פינינבערגס וואָרט איז מער זשעסט („נו, דו, דער רו'ך זאָל נעמען דיך. נו, זע: מיר זײַנען אויבן“), איידער אָביעקטיווער געדאנקען־אויסלייג. זײַן ריידמעסיקייט איז מעלאָדיש, כאָטש ער ווייסט פון דערציילערישע סוזשעטן. דאָס וואָרט קומט צום פּאַפּיר, קוים איבערכאפנדיק דעם אָטעם, אין א נאטירלעכן העסקעם מיט דער אויגנבליקלעך־איצטיקער איבערלעבונג. דער וואָרט־ און אינטאָנאַציע־צושטאנד — אן אומיטלבארער נעשאָמע־צושטאנד, א הארץ־געשעעניש, א רעאלע מענטשלעכע האנדלונג.

האלקין איז מער „קלאסיקער“, פינינבערג מער ראָמאנטיקער. איך וואָלט געזאָגט, דערלויבנדיק זיך א מין קריטישן „אימפּרעסיאָניזם“: האלקין איז די וויאָלאָנטשעל מיט אירע אָוונטיק־נידעריקע און געדיכטע טענער; פינינבערג איז פליייט און האָרן, וואָס קלינגען באזונדערס ריין אין אן אופגאנג־שאָ „קעגן אופשפּראָצונג פון קאיאָרן“.

א באזונדער כיין און טאם אנטהאלטן אין זיך פינינבערגס וואָרט־ און פּראָזע־איבערכאזערונגען, און ווידעראמאָל מאכמעס דער ניט־אײַנגעכאזערטקייט פון געמיט, וואָס פּולסירט אינעם ליד און איז דורכויס קעגנווארטיק, דורכויס „איצטיק“. און אפילע דאָרט, ווו עס רעדט זיך וועגן א דורכגעמאכטן, א דורכגעגאנגענעם וועג... „אָנגעקומען, דורכגעקומען, בײַגעקומען אלע שטויבן“. ווייניק? האָט איר עס נאָכאמאָל אין סאמע אָנהייב פון א סטראָפע בישכיינעס: „אָנגעקומען, דורכגעקומען, בײַגעקומען די ניט־גוטע“. אָדער: „אין די הויכע גערטענער לעבן מיר בארוטע“. „אין די הויכע גערטענער לעבט א כאָפּטע ברידער“ אאוו.

און אין א צווייטן ליד (1925):

אין די טיפן פון די זומערס טאנצן קאראהאָדן.
לאָמיר לויפן, לאָמיר נאָכלויפן נאָך אָט דעם פאָדעם.
זאָל ער שלעפן, זאָל ער ציִען, זאָל ער אונדז
פארציִען:
העט בא טײַך און העט אף לאָנקע פארטיקט מען די
פריִען:
העט בא טײַך און העט אף לאָנקע און מיט סימכע
אָנגעלאָדן
אין די טיפן פון די זומערס טאנצן קאראהאָדן.

אין די טיפן פון די זומערס פאלט אראָפּ מאטאָנע:
ליד און הימל, ווײַן און מיידל, זון און האָניק.
לויף זשע, יאָג זשע, לאָמיר קלאָרן פאָדעם כאפן:

אויסגעדאָרשט און אויסגעהונגערט דורכגעטרייסלטער
שווארצאפּל.
און אין גערטנער נאָכן הודען, פארן הודען פון
קאנאָנע
אין די טיפן פון די זומערס — ווײַן און זון און
האָניק.

דער זעלבער אויפן פון קרײַזן און קייטלען דאָס ליד, אזוי ווי עס קרײַזט און קייטלט זיך א ברייטער דאָרפישער קאראהאָד. אָדער ווי א הײַפל שטערן־זוכער און שטערן־פאָרשער אין א קרימער בארג־אָבסערוואטאָריע. אָדער ווי די אלט־גריכישע „אָרכעסטריקא“ אונטער אן אָפּענעם הימל.

ניין, פינינבערג צווינגט ניט דאָס ליד אימיטירן מיט זײַן געבוי א רעאלע לעבנס־דערשײַנונג. דער דיכטער איז אויסן יענעם יויוולדיקן נעשאָמע־אופשטײַג, וואָס פירט דאָס ראָד און ווייסט ניט פון קיין מעכיצע צווישן יאָמטעוו און וואָך, אף וויפל עס איז א נאטירלעכע קאָנסעקווענץ פון אן ענטוזיאסטישער געמיינזאמקײַט, פון א טקופע־פרימאָרגן, פון א גוואלדיקן געזעלשאפטלעך־היסטאָרישן אופשטײַג.

דאָס ליד „אין די טיפן פון די זומערס“ איז דער קאמערטאָן, דער פאָרגעזאנג פון פינינבערגס דריטער זאמלונג „לאנד און ליבשאפט“ (1928). מיט „לאנד און ליבשאפט“ האָט זיך פינינבערג זיכער פארפעסטיקט אין דער פילנאציאָנאלער סאָוועטישער דיכטונג אלס אן אקטיווער מיטשעפער פון אזוינע פאָעטן, ווי ניקאָלײַ אסייעוו און ניקאָלײַ אושאקאָוו, פאוולאָ טיטשינא און וולאדימיר סאָסיורא, גאלאקטיאָן טאבידזע און יעגישע טשארענץ (איך רוף אָן אין דער ערשטער ריי יענע דיכטער, וואָס זײַנען אמערסטן נאָענט פינינבערגן אָדער לויטן טעמאטישן שטאָף, אָדער לויטן סטיל, לויט דעם זינגעוודיק־פאטעטישן נוסעך, ווי, צום בײַשפּיל, אסייעוו, וועלכער האָט, אגעוו, זייער געהאלטן פון פינינבערגן — ס'איז מיר אויסגעקומען צו בײַזײַן בא איינער פון זייערע באגעגענישן — און האָט גלענצנד איבערגעזעצט עטלעכע זײַנע לידער).

אין „לאנד און ליבשאפט“ איז פאָרגעקומען א ביז גאָר וועזנטלעכע פאר פינינבערגן „ראַביליטאציע“ פונעם הי, אן אָפּנהערציקע און א רעאליזירטע אין א געוויינלעכער פארן דיכטער זינגעוודיק־עקספּרעסיווער פאָרם:

און אין פרימאָרגן אין פרישן, נײַעם
גאס געפלאסטערט מיט לײַבער ציט,
און איין מאָל און צוויי מאָל, צוויי מאָל און דרײַ מאָל,
דרײַ מאָל און אלעמאָל: הי!
אזא ליבשאפט, פאָטערלאנד!

ווערטער פון הייסן גלויבן און האָפענונג, וואָס פארדינען אונדזער אנערקענונג און אכטונג, ווי א יעטווידע מענטשלעכע עכטקײַט!

די עכטקײַט פון פינינבערגס רעוואָליוציאָנערן פאטריאָטיזם אין „לאנד און ליבשאפט“ האָט

שטאַרק געווירקט אויך אַדאַנק דעם, וואָס פאַר אים, פאַר פינינבערגן, האָבן די נײַע סאָציאַלע באַגריפן ניט פאַרמאָגט קיין מינדסטן שפּור פון טראַדיציאָנעלקייט: אַלעס נײַ און אַלעס ווי צום ערשטן מאָל!

פינינבערגס פאַרליבטקייט אין לאַנד איז אימפּעטפול, דערהויבן און פּרינציפּיעל ניט אַסקעטיש. זי איז אָנגעזעטיקט מיט אַ שעפע געראָכן, פאַרבן און קלאַנגען פון דער נאַטור: מיט פייגלצוויטשערײַ און ביימער־רויש, מיט גראָזן־רייעך און „גלעקלעך, גלעקלעך, גלעקעלעך אין קרײַרע", מיט „ריינע קויכעס, וואָס געבוירן פרילינג".

פינינבערגס רעוואָלוציאָנערע איבערלעבונג איז געשטיצט אַף אַן אַלגעמיינער געזעלשאַפטלעך־סאָציאַלער גאַנצקייט און איז גלײַכצײַטיק דורכויס סוביעקטיוו אין בעסטן, ניט עגאָצענטרישן זין פונעם וואָרט:

אַף היוכער, היוכער סאָסנע אין וואַלד
זינגט דער קאָפּ, דאָס האַרץ, די פּלייצע.
איך זע: אין די שטעט שווימט מײַן געשטאַלט
און ס'גייט אַ פרייד, אַ פרייד־פאַרפּלייצונג...

מײַן האַרץ אַף דער העכסטער פון סאָסנעס, מײַן געשטאַלט אין די שטעט... אַזאַ מין אַרט „סוביעקטיוויזם" זעט פאַר יעדנס רעכט און מעגלעכקייט צו דערפילן זיך אין דער מיט פון דער וועלט און יעדנס כיוו צו נעמען אַף זיך דעם אַכרײַעס פאַר איר.

עזראַ פינינבערג, דער מעכאַבער פון „לאַנד און ליבשאַפט" האָט ניט וויניק איבערגענומען פון זײַנע ערשטע ביכער: די נייגונג צום רוכניעסדיקן, די אַלוועלט־טעמע, די פּרוקטבאַרע באַדינגלעכקייט פון אַזוינע באַגריפן־סימבאָלן, ווי דער גאָרטן, דער פרי, דער יאָמטעוו, דאָס ליכט, וואָס האָבן שאַרף קאָנטראַסטירט צו דעם „גלײַווערניש גרײַזער" פונעם „זיידנס מיטוואָך". מיט פינינבערגן איז פאַרבליבן די מאָראַלישע פרישקייט פון אַזאַ מין, לעמאָשל, געשטאַלט, ווי דער „ניט געפאַנגענער הירש", וואָס „יאָגט דורך דורך אַ וועלט" און „שטורעמט מיט טויאַף די הערנער". עס זײַנען פאַרבליבן די דרײַסטע אַסאָציאַציע־שפּיל, דער פּאָליריטמישער בוי פונעם ליד, די פרײַע סטראָפיק. אָבער דער דיכטער האָט דאָס אַלץ באַרײַכערט מיט אַן אייגנשאַפט, וואָס די ערשטע ביכער האָבן ניט פאַרמאָגט: מיט היסטאָריזם.

אינעם ביכל „אָטעם" איז געווען אַ ליד, געווידמעט אָשער שוואַרצמאַנס אָנדענק. אַ סימוואָליסטיש ליד וועגן „אַ יונג אַ שלעפּער", וואָס איז אוועק „צו ווײַסע נעפּלען, צו קאַדמוינים־סקיפן, צו פאַרצײַטן־בלייכקײַט...". אין „לאַנד און ליבשאַפט" האָט פינינבערג היסטאָריש קאָנקרעטיזירט שוואַרצמאַנס העלדנטאַט און ליריש אים אָנגעווענדט צום אייגענעם לעבנס־גורל: „טאָמער דאַרף מען וואַרטן, ביזקל גראַדע ס'וועט אַ שלעפּ טאָן שטורעם האַרץ דײַנס, האַרץ מײַנס און אַרויף אַף היוכער באַריקאַדע און אוועק אַזוי, ווי אָשער שוואַרצמאַן" (אָשער שוואַרצמאַן, זײַן לעבן און טויט איז, אַגעוו, אַ סטאַבילער מאָטיוו בײַ פינינבערגן. אַ פאַרזענלעך־געזעלשאַפטלעכער מאָטיוו מיט יוגנטלעכע קיִעוו־דערמאָנונגען. מיט אַרומטראַכטן די פּראָבלעם פונעם זינגער, זײַן ראָליע און אָרט אין די וועלט־געראַנגלען).

איך מיין, אַז ניט איין דאָר ייִדישע לייענער האָבן אַף לאַנג פאַרגעדענקט פינינבערגס גרעסערע ליד (פּאָעמע) „באַם דניעפּער", וועגן דעם אַלטן פישער אַלעקסייעוו, אַ פאָטער פון דרײַ פאַרמוטשעטע זין — באָלשעוויקעס, וועלכער האָט איבערן קוים־קוים פאַרפרוירענעם טײַך געבראַכט קיין קיִעוו, אַ פאַרנומענעם פון די ווײַסע, „אַ מאַכנע מיט פאָנען, אַ וואָלקן מיט יונגען, אַ פּאָלק רויטאַרמייער".

אָדער די דערשיטערנדיקע העראָישע עלעגיע „זעקס כאַוויירים ליכטיקע, ווילע", געווידמעט די העלדן און מאַרטירער פון דעם בירגערקריג אַף אוקראַינע, אַ ליד, וואָס איז אָנגעלאָדן ניט בלויז מיט היסטאָרישע — מיט געאָגראַפישע רעאַליטעטן:

זעקס כאַוויירים ליכטיקע, ווילע,
איינער איז געפאַלן באַם פאַנצער־צוג,
געבליבן צעריסן, צעריסן פון קוילן
צווישן זנאַמענקע און קרעמענטשוג...

דעם פינפטן האָט געפּאַקט די בעהאָלע
אַף סטאַנציע פּאָטעש — באַגין האָט געגרויט,
באַם פריילעכן ייִנגל אוורעמעלע סטאָלין
האָט מען געשונדן פון לײַב די הויט...
און דער דריטער אָשער?.. און קאַזימיריק?

און צום סאָף פונעם ליד: „אין נעכט אין טיפע, אין נעכט אין גרויסע, וואָס קלינגען באַנײַס מיט רויש און מיט ווונד..." דער בונד פון די ווערטער, ווי אָפט באַ פינינבערגן, לאָזט איבער אַן אײַנדרוק פון אַ וואַקלדיק־אומזיכערן און ניט־אָבליגאַטאָרישן: נעכט, וואָס קלינגען מיט ווונדן! נאָר דאַפקע פון אָט דער־אָ אומבאַדינגטקײַט רעדט אַרויס דער אומבאַדינגט אייניציקער עמעס פון אומרו און וויי, וועלכע לאָזן ניט אָפּ דעם פּאָעט, כאָטש „אַרום קאָראָסטען, צי קאָראָסטישעוו שלאָפט דאָס מיידל דאָס נײַנטע יאָר" און איבער אוורעמעלע סטאָלינס קייווער האָבן זיך שוין ניט איין מאָל געטוישט די זומערן און די ווינטערס...

אין „לאַנד און ליבשאַפט" האָט זיך אַמפולסטן אַנטפּלעקט פינינבערגס פּאָעטישער סטיל, וועלכן אַ. גורשטיין האָט טרעפלעך דעפינירט אַלס אַ „לירישן היסטאָריזם": „געשעענישן און דערשײַנונגען פון ברייטן געזעלשאַפטלעכן פאַרנעם זײַנען באַוויזן ווי פאַקטן פון דעם דיכטערס פּערזענלעכער ביאָגראַפיע. פינינבערגס „אינדיווידועלע" צײַט האָט זיך שטײַף געקלאַמערט אין דער צײַט דער „היסטאָרישער".

ווי וואָרט זי אַמבעסטן אָפּגעהאַלטן און פאַרהיט, דעם מענטשנס „אינדיווידועלע" צײַט? אין זײַנע קינדער־יאָרן, אין יענע ערטער, ווו די

קינדהייט איז פאַרלאָפן, אין יענע זעונגען און געשעענישן, וועלכע האָבן זי באַגלייט.

איבער פינינבערגס קינדהייט, „איבער שוועלן, איבער הויפן, איבער שטאָט איז מיט כמאַרע פינצטערער געגאַנגען גאָט, און ס'האָט א קינד געזען, און ס'האָט א קינד געהאַרכט...״ ס'איז געווען אָבער נאָך א שיכט בילדער און איינדרוקן, וואָס האָבן זיך פאַרקריצט אינעם קינדס זיקאָרן און אויסגעפאָרמירט זיין באַוווּסטזיין אַף א לעבן פאַרויס: די רעוואָליוציע פון 1905 יאָר.

עזרא פינינבערגס נאָענטער פריינט און ביאָגראַף נ. אויסלענדער שרייבט אינעם נאָכוואָרט צו דעם דיכטערס „געקליבענע ווערק״ (מאָסקווע, 1948): „אין די יאָרן ארום 1905, ווען עזרא איז נאָך גאָר א קינד, איז די שוועסטער — האַגאַם נאָך זייער יונג — שוין אזא איינע, וואָס קריגט אמאָל א צוטריט צו אַן ארבעטער־פאַרזאַמלונג. פון איר הערט עזרא אומפאַרשטענדלעכע, אָבער האָפערדיקע רייד וועגן א „מאַיאָווקע״, א „מאַסאָווקע״...

און אָט לייענען מיר פינינבערגס לידער־ציקל „1905״:

שוועסטער, נעם מיך, פיר מיך באַ דעם הענטעלע,\
שוועסטער, פון די קלאָרע טייכן גייען זיי,\
שוועסטער, ס'גלאַנצט דאָרט פאָן, צו הייך\
געוואונדעטע,\
שוועסטער, קום, אָ, קום אַריין אין ריי.

פון די ליקן קומט א צענדליק, קומט א מייע צו,\
איבער ליקן פלאַקערט, פלאַטערט רויטער אָס.\
מאכנעס העלע אונטער פאָנען פריי־צעווייטעט,\
ביזן רייטער, ביזן אָנפאַל, ביזן ווילדן שאָס.

דער זעקס־און־צוואַנציקיאָריקער דיכטער קוקט אַף דער וועלט מיט די אויגן פון יענעם זעקסיאָריקן קינד, ער לעבט איבער אפסניי יענעמס פריידיקע אופגערעגטקייט, אָבער די דיסטאַנץ צווישן זיי ווערט ניט בעלעם אדאַנק דער צעפלאַקערט־פאַטעטישער שפּראַך־מאַניר, מיט וועלכער פינינבערג דריקט אויס דאָס יינגלשע געמיט, וואָס רעגט אדהייעם.

אין צען יאָר ארום (1935) האָט פינינבערג גענומען אָנטייל אין די „פּאָטיאָמקין״־פייערונגען אין אָדעס (דרייסיק יאָר זינט דעם אופשטאַנד אַף דער באַרימטער פאַנצער־שיף), און ס'האָבן זיך באַוויזן נייע לידער וועגן פינפטן יאָר, וועגן „יאָר פון טכילעס, וויגל־יאָר פון אונדזער אופשטאַנד״. דאָ פרוווט דער דיכטער אָפּהיטן א געוויסן צוריקבליק בענעגייע דעם דירעקט געשילדערטן, א געוויסע רעטראָספּעקציע, אָבער נאָר אינעם סאַמע אָנהייב און ניט אַף לאַנג: דער אוואַר קומט ווידער ארוף, ווי אַן אומבאַשטרייטבאַר לעבעדיקע דראַמאַטישע קעגנוואָרט.

און מע יאָגט\
דורך גאַסן מיט זון,\
און מע שפרינגט\
דורך ריוו און פלויטן,\
די אויגן\
א קוש צו טאָן\
באַ א מאַטראָס\
א טויטן.

און מע פירט אַף שיפלעך\
שפּיין,\
און מע פירט אַף שיפלעך\
פאָנען.\
און מע פירט\
דאָס הארץ דאָס פרייס —\
מאַטראָסן א מאַטאָנע.

לויטן ליריש־דערציילערישן „מאָנטאַזש״ איז עס קימאַט א קאַדר פון סערגיי אייזענשטיינס אומשטערבלעכן פילם „די פאַנצער־שיף „פּאָטיאָמקין״ — א טויטער מאַטראָס אַפן ברעג יאַם מיט א ליכט אין דער האַנט, אונטער א רויטטרויעריקער פאָן און מיט אַן אופשריפט אַף דער ברוסט: „צוליב א לעפל באָרשטש״. און שיפלעך, שיפלעך...

ס'איז ניט בלויז א איבערוף פון עפּיזאָדן און סצענעס אין צוויי פאַרשיידענע ווערק אַף א געמיינזאַמער טעמע. ס'איז א טיף נאָוואַטאָרישע פייִיקייט ארויסצובאַקומען ליריק און פּאַטאָס פון א היסטאָרישער מאַסן־ליידנשאַפט.

זיין פערזענלעכן ביי־זיין און אָנטייל אין די וויכטיקסטע היסטאָרישע געשעענישן פלעגט דער דיכטער זיך סטאַרען פאַרהיטן אפילע אַף א היפּש דערוויטערטן לויט דער צייט מאַטעריאַל. צום ביישפּיל, אינעם ליד „1793״ אַנטשטייט פאַר אונדז פינינבערג ווי א רעוואָליוציאָנערער פלעבייער, א זון פונעם „דריטן שטאַנד״, אַן אופגעבראַכטער קעגן דער צעפוילטער אַריסטאָקראַטישער קנופּיע: „מירן זיי מיט פּיקעס! מירן זיי מיט שטעקנס...״

דעם דיכטערס צעכוואַליעט געמיט בינדט צוגויף עפּאָכעס, און דערפאַר איז ער ביי־זוּנד אינעם ליד וועגן דער פראַנצויזישער רעוואָליוציע, און ניט איינער אליין — צוזאַמען מיט די פּערסאָנאַזשן פונעם „געזאַנג פון מילדן לאַנד״, מיט „זעלנער נאַקעטע״ מיט „פּויערטעס בייכיקע״, — און „ס'פּאַכעט קיעוו־שטאָט מיט האַנט צו שטאָט פאַריזש...״

פינינבערגן האָט אין „לאַנד און ליבשאַפט״ ניט אופגעהערט צו אינטערעסירן די פּראָבלעם פון קולטור און איר באַדייטונג אין א צייט פון גראַנדיעזע סאָציאַלע איבערקערענישן. דערביי איז אויך דאָ אינעם צוגאַנג צו דער פּראָבלעם פאַראַן מער יוירנדיקער געפּיל, איידער אויסגעטראָגענע שטעלונג, מער איבערגאַנג אין איבערפלוס פון צייטן, איידער באַטראַכטע שילדערונג פון א קאָנקרעטער קולטור־דערשיינונג אין א קאָנקרעטער צייט־סיטואַציע.

אין „לאַנד און ליבשאַפט״ איז פאַרעפּנטלעכט א ליד „פּושקין אין אָקטיאַבער״: „ס'איז געקומען מיט מאַכנע כאַווירים א באַרועסער כאַווער און געבן זיין קערפּער אנידערגעשטעלט האָט א שווערע קאַנאָנע״. באַם רוסישן סאָוועטישן דיכ־

טער אלעקסאַנדער פּראָקאָפיעוו איז פאַראַן אַ ליד „אַ מאַטראָס אין אָקטיאַבער": „ער שפּאַנט... פון קאָפּ ביז די פיס אין פּאַטראָנעס, אין באָמ־בעס... פון רעכטס אַ מאַוזער און פון לינקס..." פינינבערגס פּושקין איז ניט קיין היסטאָריש וואָרהאַפטיקער, „אָביעקטיווער" פּושקין. ס'איז פּושקין, אַ דערזעענער מיט די אויגן פון פּראָקאָפיעווס מאַטראָס, אַ דעפּאָרמירטער דורך זײַן סטיכייִש־רעוואָלוציאָנערן „שטורעם און דראַנג": „דיכטער! דו ביסט דאָ געוועזן פאַרליבט אינעם טאַנץ פון כאַאָסן, אין וויכערס אין גיכע, אין זוימען פון אָפּגרונט, אין אופרײַס פון יאָמען... אָט דאָס הייסט אַ וויכער! געוועזן איז אַ שפּילעכל בונט פּוגאַטשאָווער!.."

פּושקין, אַ פאַרליבטער „אינעם טאַנץ פון כאַאָסן"? פּושקין, וואָס פּאַסקנט דעם „אומזיניקן און אומראַכמאָנעסדיקן" פּויערים־קריג, דעם „בונט"? ניין, פּושקינס האַרמאָניש־זוניקע פרײַהייטסליבנדיקע נאַטור האָט זיך אויסגעדריקט גאָר אין אַנדערע פאָרמעס. סימפּטאָמאַטיש אָבער איז פינינבערגס אופריכטיקער פאַרלאַנג צו זען דעם גרעסטן רוסישן דיכטער, רוסלאַנדס ווירדע און שטאָלץ, אַף דער זײַט באַריקאַדע, צווישן די, וואָס האָבן מעסירעסנעפעשדיק געשטורעמט די אַלטע וועלט.

אין פינינבערגס אַ צווייט ליד — „ערמיטאַזש" (1929) — איז די פּראָבלעם פון קונסט און לעבן, קונסט און רעוואָלוציע געלייזט אין אַ הערלעך־אידעאַלן פּלאַן: די פרוי מיטן שפּיגל (ווענערא) פון טיציאַנס באַרימטן לײַוונט, איינע פון די פולבלוטיקסטע און פײַנסטע קינסטלערישע פאַרקערפּערונגען פון לעבנס־שיינקײַט און לעבנס־ריינקײַט, ווערט בײַ דעם דיכטער „אַף אַ וווּנדערלעכן אופן, — ווי עס שרײַבט ריווקע רובין אין אַן אַרטיקל „עזראַ פינינבערג" (אין בוך „שרײַבער און ווערק", 1968), — פאַרבונדן מיט „מענטשן־גוף", וואָס איז „נאַגנדיק נאָך ברוויט אַף רעלסן אומגעפאַלן" צוזאַמען מיט די, וואָס האָבן זיך געשלאָגן באַם פּערעקאָפּ, מיט די „קריגן", וואָס „דויערן". און ווײַטער לייענען מיר באַם קריטיקער: „די אייביקע איידעלע שיינקײַט טרעט דאָ אַרויס, ווי אַזאַ, וואָס באַגײַסטערט דעם מענטשן צום קאַמף פאַר נאָבעלע, ריינע אידעאַלן".

פינינבערג גייט דאָ, אָן סאָפעק, אַף אַ באַוווּסטזיניקער ראָמאַנטישער פאַרשאַרפונג פון זײַן געדאַנק: „ס'איז דו פאַר מײַנע אויגן האָסט געבויט, ווען מ'האָט די טיר פון קעלער־שטוב געריסן..." גופא דער געדאַנק איז אָבער קלאָר און פּרוכטבאַר: די בעסטע הומאַניסטישע רענעסאַנס־אידעאַלן, דער אַרויסגעזונגענער פון די בעסטע וועלט־קינסטלער פײַערלעכער לויב דעם מענטשן געהערן דער נײַער וועלט, וואָס ווערט געבוירן אין שווערע מאַטערנישן און פאַרביסענעם קאַמף.

און אַזוי מענטשלעך־רירנדיק און געזעלשאַפטלעך־באַדײַטונגספול איז די געזעגעניש פונעם דיכטער (אָדער פון זײַן לירישן העלד) מיט דער „פרוי, וואָס מיטן שפּיגל":

די קריגן דויערן
און ס'וועט נאָך זײַן און זײַן....
פאַרבלײַב געזונט,
איך גיי אוועק אָן יאָמער.
פאַרבלײַב געזונט,
דו, לויכטנדיקער פרײַנט,
פאַרבלײַב געזונט!
איך טראָג אוועק דײַן שײַן
צום פעלד צום מאַרסעוווער,
צום פעלד פון דער מילכאָמע.

און דראַמאַטיש איבערפלעכטנדיק הויך־ראַפינירטע ליריק מיט פאָלקסטימלעכן באַלאַדע־מאָטיוו, ענדיקט פינינבערג דאָס ליד:

און ס'קומט די לעצטע שאָ,
און ס'קומט די לעצטע גאָב,
דער לעצטער אויגנבליק
אַף גרויסן פעלד אין קריג, —
זאָל צו מײַן מידן אויג —
ניט קיין שוואַרצער ראָב,
זאָל צו מײַן מידן אויג
די ליכטיקײַט אַראָפּ,
דײַנע, דײַנע,
פרוי, וואָס מיטן שפּיגל!..

„ערמיטאַזש" איז איינס פון די רײַפסטע, צענטראַלסטע ווערק אין פינינבערגס זאַמלונג „די קריגן דויערן" (1930). ס'איז אַ ווידערשפּעניק, צעשויבערט בוך, ווו עס קרייצן זיך איבער, ניט אָנקומענדיק צו קיין סינטעז, פאַרשיידענע צומאָל פּאָליאַרע שעפערישע טענדענצן.

פון „לאַנד און ליבשאַפט" ציט זיך נאָך דער קאַראַהאַד־פאָדעם, דער לײַכטער און גראַציעזער גאָרטן־מאָטיוו, מערקבאַר אַ קאָנקרעטיזירטער מיט וואַרעמע, היימישע שטייגער־דעטאַלן:

מירן הײַנט
אין קליידער־קלייט זיך קויפן
העמדלעך פּראָסטינקע,
וואָס קאָסטן ביליק.
מירן הײַנט אין אַלע סעדער לויפן...
אין דער שטאָט, וואָס אַף די בערג,
איז פרילינג.

נאָר אָט באַמערקן מיר, לייענער, ווי דער דאָזיקער יאָמטעוו־מאָטיוו הייבט אָן זיך צוביסלעכווײַז אויסוועפן. עס פאַרלאָזט אים זײַן אָנפאַנגלעכע ענערגיע און ס'פאַרבלײַבט גיכער אַן איינטאָניקע פאָרמול פון אַן אָנגענומענעם „עטיקעט", איידער אַ ברויזנדיקע עקספּאַנסיווע לײַדנשאַפט.

פינינבערג האָט שוין צו יענער צײַט ניט איין מאָל זיך געהאַט אָנגעשטויסן, אַז דאָס אַרומיקע לעבן איז פיל קאָמפּליצירטער, ווי די צעפלאַטערטע יאָמטעוו־פאָרמול, און אייניקע פון זײַנע דעמלטיקע (סאָף 20־ער יאָרן) „אַנטדעקונגען" האָבן געקלונגען האַרב: „די וועלט איז גרויס, די מענטשן זײַנען נאָך דערווײַל לעפיש, די מענטשן זײַנען בייז" (אין אַ

פריִער געשריבענעם ליד: „איר, אין גאָר דעם לאנד, מילדער, מילדער זײַט!“).

אָבער אָנשטאָט צו באגרײַפן די ארומיקעווירקלעכקײַט אין אירע ספעציפישע ווידער־שפרוכן און שוועריקײַטן, פלעגט דער ראָ־מאנטיקער פינינבערג, א געוווינטער צו שרײַענדיקע קאָנטראסטן, צו א מין גײַסטיקן „מאקסימאליזם“, ניט זעלטן „קאָמפענסירן“ זײַנע ריטאָרישע בײַ־הויצאָעס מיט בילדער און שטימונגען, ארײַנגעבראכטע שיר ניט פון „זיידנס מיטוואָך“ אין „שטאָט־פארקאָוועטער“: „דריבנע יאָרן, כמארע־וואָכן, נעשאָמע מײַנע אף די שטויבן!..“ אאוו.

אין פינינבערגס פערטער זאמלונג דויערן די קריגן צווישן דעם זײַן און דעם שטייגער. פון איין זײַט, אזא מין ליד, ווי „וואָקזאל“ („מיר הוידען זיך א נאכט אף ווערים־הוידע, און דיל פארשפיגענער א היים אונדז ווערט“), און, פון דער אנדערער זײַט, צוויי „קאָסמיש־אָקעאנישע“ לידער, וואָס קלינגען באזונדערס אקטועל אין אונדזער צײַט.

די לידער האָבן א מאָטאָ פונעם באוווּסטן פראנצויזישן סאָציִאליסט און היסטאָריקער זשאן זשאָרעס: „דער מענטש פילט אף זיך מער פון אלץ די פארשיידנארטיקע, שטענדיקע ווירקונג פון דער געזעלשאפטלעכער סוויוווע, דאָך לעבט דער מענטש אין א ברייטערער סוויוווע — אין אלוועלט“. א פולקום הײַנטצײַטיקע אידיי, וואָס האָט שוין אין אלע אירע אספעקטן — קאָסמאָ־לאָגישע, סאָציִאלע, טעכנישע, עקאָלאָגישע — געבוירן א רײַכע ליטעראטור אין אלע לע־שוינעס.

פינינבערג דערמאָנט זיך, א ייִנגל, צו יענער צײַט א געפענטעטן פון א שווערער מיסטיש־רעליגיִעזער קולטור: „איך קוק מיט אויגן מיט פופצניעריקע, די אויגן טוען זיך פרייען: די גרויסע בעריכע, די קליינע בעריכע, אָריִאָן, קא־סיִאָפייע. צו דעם מילך־וועג די אויגן ווענדן זיך: דער מילך־וועג ציט זיך קיין דאָרעם, פון שווארצן יאם צו דעם מיטללענדישן מיטן מילך־וועג קען מען פאָרן?“

און ווײַטער, און שוין אינגאנצן הײַנטצײַ־טיק — אזוי, ווי עס וואָלט געקאָנט זאָגן א קאָס־מאָנאווט בעשאס א שטערן־רײַזע ארום דער פלאנעטע ערד:

כ׳ווער אָן די לאסט,
כ׳פארליר די שוועריקײַט,
אין הייכן
כ׳נעם זיך דרייען
מיט גרויסער בעריכע,
מיט קליינער בעריכע,
אָריִאָן,
קאסיִאָפייע...

„כ׳ווער אָן די לאסט...“ ס׳איז דאָך טאקע די שפירונג פון א קאָסמאָנאווט! און דאָס ווײַטער־דיקע באשטעטיקט עס: „כ׳זינג אף שטרעקעס אף אָנסאָפיקע מיט אלץ, וואָס איז פאראנען. כ׳זינג מיט פאָליוסן, כ׳זינג מיט טראָפיקעס, כ׳זינג מיט אָקעאנען...“ יורי גאגארין האָט דער־ציילט, אז ער האָט זיך צעזונגען, דערזעענדיק פון דער קאָסמישער הייך די ערד, „אזא קליי־ניטשקע, אזא פרעכטיק שיינע און אזא אומ־באשיצטע“.

און די „ערדישע“ באגרינדונג פונעם קאָס־מאָס־געפיל איז בא פינינבערגן אין „די קריגן דויערן“ א רעוואָלוציִאָנער־געזעלשאפטלעכע, א „לאנד און ליבשאפט“־באגרינדונג. „איך פיל מיט בלוט מײַנעם אין יונגע אָדערן אלע ווײַטע און אלע נאָענטע. איך האָב מײַן ערדן־היים. איך זע מײַן פאָטערלאנד אפן שטערן־יאָמ־טעוו“.

אייניקע געלערנטע (דער באוווּסטער ביִאָכי־מיקער א. א. אָפארין, צום בײַשפיל) האלטן, אז דעם מענטשנס ארויסגאנג אין קאָסמאָס איז גע־גליכן לויט זײַן באדײַטונג צו דעם פאָר־פאָר־מענטשהײַטס ארויסגאנג פון די אָקעאן־וואסערן אף דער יאבאָשע. מע קען נאָר באוווּנדערן פי־נינבערגס אינטויִציע, וואָס האָט אים באוויליקט (1929) אוועקשטעלן הארט נעבן דעם ליד וועגן „קאָסמאָנאווט“ א צווייטע ליד — וועגן דעם מענטשן, וואָס טרעפט זיך פאָנעם־על־פאָנעם מיטן אָקעאן און פירט מיט אים אזא געשפרעך: „— טאטע טײַערער, אָקעאן! מיר זײַנען פון דיר אוועקגעגאן! טאטע טײַערער, פארגיב, פארגיב!“ דעם מענטשן קימערט די קרומקײַט פונעם הי־סטאָרישן וועג, וואָס די מענטשהײַט האָט דורכ־געמאכט, דער מאנגל אין זין און פארנונפט, און ער בעט פאר דער דאָזיקער קרומקײַט מעכילע באם וויגעלע, באם אָקעאן: פארגיב, פארגיב „מיט סימכע ליכטיקער פאר אלץ, פאר אלץ, פאר פענט אף הענט און פאר שטריק אפן האלדז!“

די קריטיק האָט מיט גרויס אומצוטרוי בא־געגנט פינינבערגס „קאָסמיזם“. פארשטייט זיך, אן „אבסטראקטן“, פארשטייט זיך, אן „אָפגע־ריסענעם פון לעבן“. און דער דיכטער פלעגט זיך פעריִאָדיש „דערנעענטערן“ צום מאָמענטאלן פאקט: „הונדערט שוועסטער בא די טישן ווערן מאט בא דעם באקן, בא דעם קאָכן שאָקאָלאד“, „מאָרגן, מאָרגן, איבערמאָרגן, נאָך א יאָר, וועט אין אלע צעכן רוישן א מאָטאָר“, „דער צוקער־זאוואָד, די פאבריקן פון מאכאָרקע, די שנײַדער־פאבריק, דער פאריין פון די בויער...“

אוואדע האָט דער רעקאָנסטרוקציע־פעריִאָד, די צײַט פונעם ערשטן פינפיאָר דערווארט פו־נעם סאָוועטישן דיכטער, ער זאָל ברענגען זײַן וואָגיקן צושטײַער דער אומדערמידלעכער מי פון בריגאדעס, צעכן, בויונגען. נאָר טאקע א וואָ־גיקן, אזא, וואָס האָט אין זינען דעם בויער, דעם מענטשן, זײַן אידייִש־עמאָציִאָנעלע וועלט, זײַן קענען באזיניקן דעם הײַנטיקן טאָג אין דער פערספעקטיוו פון א מאסע טעג, וואָס וועלן נאָך זײַן.

פינינבערגס אויבערפלעכלעכע „אגיטקעס“ אין סאָף פון די 20־ער יאָרן זײַנען געווען, אויב איר ווילט, די פארקערטע זײַט פונעם עטוואָס ריטאָרישן פאטאָס אין די לידער מיט קארנא־

וואלן און פאקעל־צוגן „אף בערג און אף וואַ־סער, אף גאַס און אין גאָרטן".

דעם אבסטראקטן פאַטאָס פון יענע לידער פלעגט ערטערווייַז „דערגאַנצן" זייַן הייפעך, זייַן קעגנזאַץ — א פארשמאכטער, א דושנע־צע־פאַליעטער עראָטיזם, א „פייַער־פלאַם פון פלייש און געביין", וואָס „מאַטערט מיט גלוסט".

פינינבערגן האָט געפרייט זייַן פּרייַע און פּע־סטע, „אף קיינמאָל זיך שיידן", באַהעפטונג מיטן סאָוועטישן לאַנד. ער האָט געגלייבט, אז אזא מין באַהעפטונג גאַראַנטירט דער געזעלשאַפט־לעכער פּערזענלעכקייַט איר מענטשלעכע ווירדע און סוווערעניטעט. אָבער פון צייַט צו צייַט פלעגן דעם דיכטער באַזוכן צווייפלהאַפטע „מונ־טערע" שטימונגען פון „טייַנעג" און „פּייַן" „א ציגל צו ווערן אין ווונדער־יעסוידעס".

די קריטיק פלעגט מיט רעכט אָנווייַזן פינינ־בערגן אף א „מוזיקאַלישער פּליסעוודיקייַט", וואָס פאַרפלייצט צומאָל די בוילעטע קאָנטורן פון זייַן פּערז (א. גורשטיין), און דער דיכטער האָט זיך געפּרוּווט „ראַטעווען" מיט אן „אָביעק־טיווער" פאַבול, מיט א סיפּער־האַמייַסעדיקייַט, מיט אן עפּאָס, וואָס האַלעווייַ וואָלט ער עס ניט געהאַט געשריבן: „ייִדל דער שנייַדער קוקט פון דער שפּיץ „קאַלאַנטשאַ" אַראָפּ. — ייִדל, וואָס הערט זיך דאָרט? — שרייַט פונונטן טאָלע דער שוסטער" א. א. וו. („האַרבסט 1919").

אזא זעט אונדז אויס פינינבערגס זאַמלונג „די קריגן דויערן": סטירעס, קאָנטראַסטן, בונטקייַט און צעוואָרפנקייַט, — אייגנשאַפטן, וואָס לאָזן ניט איבער קיין מער אָדער ווייניקער פאַר־גאַנצטן אייַנדרוק. און אויב שוין יאָ ריידן וועגן פאַרגאַנצטקייַט און סינטעז, דערגרייכט זיי דער דיכטער בלויז אין אייניקע לידער, אָבער אין אַזעלכע, וואָס געהערן צו זייַנע שעדעוורען. לעמאָשל, אינעם ווונדערבאַרן ליד „א מענטש ווערט געבאָרן"...

בא לעוו טאָלסטאָיען אין „אַנאַ קאַרענינאַ" איז פאַראַן אזא עפּיזאָד: קיטי גייט צו־קינד, און דער מאַן אירער קאָנסטאַנטין לעווין לעבט איבער, אין א צימער הינטער דער וואַנט, אָט די גע־שעעניש מיט אן אויסטערלישער שאַרפקייַט און אָנשטרענגונג. „עס זייַנען פאַרבייַ נאָך מינוטן, שאָען און נאָך שאָען, און די געפילן פון לייד און שוידער זייַנען געוואַקסן און זיך נאָך מער אָנגעשטרענגט. אַלע געוויינלעכע לעבנס־באַ־דינגונגען... האָבן מער ניט עקזיסטירט פאַר לע־ווינען. ער האָט אָנגעוואָרן דעם צייַט־באַוווסט־זייַן". די געהיימניס פון געבוירן האָט דערהויבן לעווינס נעשאָמע „אף אזא מין הייך, וועלכע זי האָט קיינמאָל ניט באַגריפן פריִער און וווהין דער סייכל האָט שוין ניט באַוויזן זי נאָכצו־פאָלגן".

איך וועל זיך דערלויבן ברענגען עזראָ פינינ־בערגס ליד „א מענטש ווערט געבאָרן" אָן קיר־צונגען, ווייַל עס לאָזט זיך ניט קירצן דער אַרויסגעבראַכטער אינעם ליד פאַרגאַנצטער, אין זיך געשלאָסענער, אינהאַלט:

צי דער הויכריידער שרייַט, צי די פרוי וויינט,
ווייַל דער פּייַן פון געבוירן קרעמפּט זי ווילד?
ביז דער הוילסטער ווייַט פון דער גרויסער הוים,
ביזן העכסטן שטערן איז שאַ־שטיל.

די נאַכט־הייך איז קלאָר, און מע הערט ניט קיין שאָרך,
בלויז דער לויף פון מינוטן איז גרויזאַם גיך.
בא דעם העכסטן שטערן אף דינער האָר
הענגען די פרוי, דאָס קינד, איך.

צי מייַן ווילדער פּייַנט גייט פינצטער אַרויס
מיט דער שאַרפער האַק אין דער טיפער נאַכט?[1]
די קינדערלעך האָבן אין א קינדערהויז
אופגעוואַכט, זיך צעטאַנצט, צעלאַכט?

צי די שווערד קאַזאַקאָווס באַפאַלט און שעכט?
צי א פויגל אין יאַם פליט העל־צעקוועלט?..
מיר הענגען אינדרייַען אין העכסטער פון נעכט
און דער לויף פון דער ערד איז העפקער־שנעל.

די האָר איז דין, און די לופט איז אין היץ.
און מע הערט ניט קיין שאָרך. הא, סע קראַקעט א קראָ?
א מינוט... א מינוט... טוט א קוויטש, א בליץ.
פאַר אַלע דרייַ שרייַט דאָס קינד — כ'בין דאָ!..

כ'בין דאָ!.. כ'בין דאָ!.. א לייַט צווישן לייַט
אף דער גרויסער ערד. איר הערט מייַן שטים?.. —
דער העכסטער שטערן פאַרגייט אין ווייַט,
פאַרגייַט אין הייך: מיר געהערן ניט אים.

ס'איז א טאַטע פאַראַן, ס'איז א מאַמע פאַראַן,
און א קינד איז פאַראַן, ס'איז אין אָנהייב מעסלעס.
אין אַלע פיר זייַטן איז האַרט דאָס לאַנד,
האַרט און צאַרט און אף אייביק פעסט.

די מאַמע איז מיד. און ס'איז מיד דאָס קינד.
און דער טאַטע וועט וואַך זייַן ביזן באַגין,
וועט זען, ווי דער שטערן דער העכסטער פאַרשווינדט
און שלעפּט נאָך זיך נאָך הערעלע דינס.

ס'איז טאָלסטאָיס, ס'איז לעווינס אומרוִקע באַוווּנדערונג פאַר דעם אומגעהויערן סאָד פון געבוירן. און זייער שרעק פאַר דער פרוי, זייער מיטלייַד צו אירע ווייען, אָדער, ווי עס טראַכט לעווין, „די גאַנצע פרויען־וועלט... האָט זיך איצט אין זייַן פאַרשטאַנד אופגעהויבן אזוי הויך, אז ער האָט זי ניט געקאָנט אַרומכאַפּן מיט זייַן פאַנטאַזיע".

די אָנשטרענגונג פון דער מינוט, פון דער שאָ, פון א מענגע שאָען, וואָס לויפן צוזאַמען מיט דער ערד „גרויזאַם־גיך" און „העפקער־שנעל", האָט דערמעגלעכט אזא איבעראַשנדי־קע און גלייַך דערמיט אזא באַרעכטיקטע ווענ־דונג צום קאָסמאָס. די „הוילסטע ווייַט" און דער „ווייַטסטער שטערן" טיילן מיט אים און מיט איר די אוניקאַלע באַדייַטונגסרייַכקייַט פונעם געשעענעם: א נייַער מענטש איז געבאָרן!

אין אזוינע ווערק, ווי „א מענטש ווערט גע־באָרן", האָט דער דיכטער אַראָפּגענומען דעם

[1] אין די ערשטע אויסגאַבן: „צי מאַליוטאַ סקוראַ־טאָוו גייט פינצטער אַרויס מיט דער הענקער־האַק אין מאָסקווער נאַכט?"

ווידערשפּרוך צווישן דעם גײַסטיקן און פֿיזישן. „א מענטש ווערט געבאָרן" איז דורכויס ליריש און סוביעקטיוו־לײַדנשאַפֿטלעך. אָבער גלײַכ־צײַטיק איז דאָ פֿאַראַן א מאַמאַשעסדיק קרעפּ־טיקער קערן פֿון א געשעעניש, פֿון א „פּאַסי־רונג". אין דעם ליד האָט געהאַט א באַשטימטע השפּעה די רוסיש־סאָוועטישע דיכטונג, איר שעפֿערישע קולטור, איר קענען אַרײַנעמען אינעם וואָרט, אינעם ריטם, אינעם גאַנצן פּאָ־ליפֿאָנישן געבוי דעם אופֿקום און דאָס דינאַ־מישע רײַף ווערן פֿון א מענטשלעך ווירדיקער וועלט־אַנשױלעכער איבערלעבונג...

פֿיניגבערג האָט הויך געשאַצט מאַיאַקאָווסקין און א סך פֿון אים געלערנט. מאַיאַקאָווסקי האָט באַײַנפֿלוסט פֿיניגבערגן, ווי פֿיל אַנדערע סאָ־וועטישע דיכטער, מיט זײַן פֿלאַמיקער בירגער־לעכער אַקטיוויטעט, מיט זײַן שאַלנדיקן רעוואָ־ליוציאָנערן טעמפּעראַמענט, וואָס האָט ברייט צעעפֿנט פֿאַר זײַן ליריק א קאָלאָסאַלע וועלט פֿון היסטאָרישע קאַטאַקליזמען.

פֿיניגבערגס קאָל גיסט זיך צונויף מיט מאַיאַ־קאָווסקיס דאָרט, ווו זיי דערציילן וועגן יענע אומפֿאַרגעסלעכע טעג, ווען דאָס לאַנד האָט זיך געזעגנט מיט לענינען. מאַיאַקאָווסקי, יאַנוואַר 1924: „כ'בין גליקלעך, וואָס כ'בין פֿונעם קוילעך א טיילכל, וואָס איך פֿיל אַלעמענס טרערן אין מײַנע אויגן". פֿיניגבערג אין צען יאָר אַרום: „איך בין דאָרט געווען אין טעג אין יענע און בין מיט אַלעמען געגאַן פֿאַרבײַ..." עס פֿאַלן צונויף די מאַסשטאַבן, מיט וועלכע ביידע דיכ־טער מעסטן די גרייס פֿונעם פֿאַרלוסט. מאַיאַ־קאָווסקי: „ביז ווייטעק אויפֿגעפֿראַלט מײַן אָרע־מע רײַע, קימאַט פֿאַרגליווערט איך שטיי אָן אָן אָטעם. עס קומט אויף פֿאַר מיר, באַלויכט מיט פֿאָנען, דער טונקעלער און אומבאַוועגלעכער ערד־קײַלעך". פֿיניגבערג: „און ס'האָבן זיך ברייטער די אויגן צעעפֿנט און שאַרפֿער גע־וואָרן דער געהער. און פֿײַערלעך אַלע אָף די סטעפּן, און אומגעהייער אונדזער ערד". „און געוואָרן דער טאָג איז הויך און ערנסט, ווי די געשיכטע פֿון דער וועלט".

אין 1934 איז דערשינען פֿיניגבערגס אָרדנט־לעכע זאַמלונג „אין ערד און אַנדערע" — א בוך פֿון אויסגעשפּראָכן פּובליציסטישע לידער. פֿי־ניגבערג איז דאָ נאָענט צו מאַיאַקאָווסקין אין דער גלאָבאַלער היסטאָריש־פּאָליטישער טעמע, לײַדער, אָן אָרגאַנישער פֿאַרבינדונג מיט מאַיאַ־קאָווסקיס טיפֿן ליריזם.

אין וועלט־שטעט
ריזיקע
די וועלט־געשיכטע
גייט
מיט קאַמף
און פֿלאַמען־רויך
און מאָרגן־ליכטיקייט.

די גראַפֿיק, דאָס „לייטערל" אין דער שורע איז פֿון מאַיאַקאָווסקין, אָבער די נאַקעטקייט פֿור־נעם פּאָליטישן געדאַנק, די אָפּוואַזנהייט פֿון פּערזענלעכער לײַדנשאַפֿט איז מאַיאַקאָווסקין געווען לאַכלותן פֿרעמד.

מערקווירדיק איז אינעם בוך „אין ערד און אַנ־דערע" דעם אויטאָרס שעפֿערישער אינטערעס צו די ערשטע ייִדישע פּראָלעטאַרישע דיכטער (פֿיניגבערג האָט דערלערנט זייער ירושה אויך ווי א ליטעראַטור־פֿאָרשער). צום בײַשפּיל — אינעם אויסגעצייכנטן פֿראַגמענט וועגן באָוושע־ווערן, ווו באָוושעווערס מוט און ווי ווערן באַ־גלייט פֿון א טראַדיציאָנעלער פֿאַר פֿיניגבערגן קאָסמישער „ספֿערן־מוזיק":

...פֿון פּאַריז דער שטאָט
ביז ניו־יאָרק דער שטאָט
אָף וואַסערן
אָף צעגלאַנצטע —
הימל און הימל
און קאַראַהאָד:
פֿריילעכע שטערן
טאַנצן...
שטערן און שטערן
און האַרץ, וואָס קלאַפּט,
אַלעמענס האַרץ;
ניט איינעמס.
— ריזיקע, העלישע,
וועלטישע קראַפֿט!
שטורעמען
צי ווײַנען?..

אין 1936 יאָר דערשײַנט די זאַמלונג „זינגעוו־דיק". עפּשער אין קיין איינעם פֿון פֿיניגבערגס פּרי־ערדיקע ביכער האָט זיך מיט אַזא פֿולקײַט, ווי דאָ, ניט אַרויסגעוויזן דעם דיכטערס שטרע־בונג פֿאַרייגענען און פֿאַרהיטן די גאַנצע פֿיל־פֿאַרביקײַט און פֿילקלינגעוודיקײַט פֿונעם לעבן אין אַלע זײַנע אַנטפּלעקונגען: „סע האָט זיך מיר אַזוי געוואָלט, פֿון גאָלד צעשטראַלטס זאָל זיך פֿאַרהיטן אַלץ, אַלץ. סע האָט געוויינט דער מונטערער באַגער, קיין שטערנדל ניט אָנצו־ווערן אָף דער ערד".

צו פֿיניגבערגן קערט זיך אום זײַן יוגנטלעכע פֿאַרליבטקײַט אין גאָר־גאָר אַלטע געשטאַלטן און סימבאָלן — צייכנס פֿון אַן אַלגעמיין־מענ־טשלעכן קולטור־אײַנדערפֿרי: „זאָל כאָוואַ פֿאַר־נעמען, זאָל ליבע דערהערן דאָס פֿריילעכע קאָל פֿון העל־אויגיקן עראָס", פֿונעם אַלטגריכישן ליבע־גאָט, א גאָלדן געקרײַזלט ייִנגל מיט פֿריידלעכן פֿײַל־און־בויגן.

אין קיין איינעם פֿון פֿיניגבערגס פּריערדיקע ביכער האָט זיך אַזוי דײַטלעך ניט אַרויסבאַוויזן דעם דיכטערס פֿרײַנטלעכע אופֿגעלייגטקײַט צו א „יוגנט, אומבאַקאַנטן שייוועט", צו א נײַעם מענטשלעכן דאָר.

„זינגעוודיק" איז א כאַראַקטעריסטישע דער־שײַנונג אין דער סאָוועטישער דיכטונג אין מיטן פֿון די 30־ער יאָרן. דאָס בוך שטייט אין א געמיינזאַמער ריי מיט אַזעלכע ווערק, ווי נ. טי־כאָנאָווס „לידער וועגן קאַכעטיע" (1935), ווי

לוגאַװוסקאַיס „דער קאַספּישער יאַם״, פּ. אַנטאָקאַלסקיס „גרויסע שטרעקעס״ (ביידע 1936). עס פאַרבינדט אַט די אַלע ביכער אַ טיף סאָציאַלע אָפּטימיסטישע עמאָציע, וואָס האָט זיך שטאַרק געפילט אין יענע יאָרן, ערעוו נייַע און האַרבע ניסיוינעס, ערעוו דער מילכאָמע. אין „אַן ערד אַן אַנדערער״ איז געווען אַ ליד „פאַרזיי״. אין „זינגעוודיק״ זעט שוין דער דיכטער „דעם אופגאַנג פון דער טוווע״.

עזראַ פינינבערג איז געווען נאָענט צו טיכאָנאָוון, לוגאַווסקאַיען, אַנטאָקאַלסקין, קופּאַלען, בראַווקען, באַזשאַנען מיטן „געפיל פון מישפּאָכע־אייניקייט״ (אַ נאָמען פון פּ. טיטשינעס באַרימט ליד), מיט אַן אינטערנאַציאָנאַליסטישן מאָטיוו פון קולטור־ און פעלקער־פרייַנטשאַפט. פינינבערג דערציילט פון אַ דאָרף באַ מאָסקווע, ווו עס וווינט „אַ צענדליק דיכטער פון ראַטנלאַנד״, וואָס „האָבן זיך צעזונגען, צעשיינט אַף פּאַפּיר פילשפּראַכיק, פילקלאַנגיק, פילקאָלאָריק״. נעמלעך, צו די 30־ער יאָרן געהערן פינינבערגס איבערדיכטונגען פון דער רוסישער, אוקראַינישער, לאַפּאַרישער, קאַבאַרדינער פּאָעזיע און פאָלקלאָר.

„זינגעוודיק״ איז אַן אָפּטימיסטיש בוך, אָבער ניט קיין אידיליש בוך. עס נעמט נאָך אָפּ באַם דיכטער געגנוג האַרץ דאָס דראַמאַטישע, אַפילע דאָס טראַגישע. באַזונדערס דאָס פּאָטאַלע אומרעכט פון טויט, וואָס האָט באַ אים, דעם פּאָעט, אָפּגערויבט אַ קינד.

אין שטערנדל אַ קוש...
און ס׳יאָגט
צום פלאַם אַראָפּ...
זאָג, צו אַ וואָסער
לאַנד
האָסטו דייַן יונגן טאָג,
דייַן פרייַלעכן,
פאַרטראָגן, אָשער?

דיכטונג פאַרבלייַבט — מוז פאַרבלייַבן — דיכטונג אויך דאַן, ווען זי קומט אָן צו אַ בלוטנדיקער מאַטעריע. אָבי דער אופשוידערנדיקער געפיל זאָל ניט ווערן געפעלשט פון אַ פּרעטענציעזער און טאַקטלאָזער „מייַסטערשאַפט״. מיט פינינבערגן האָט עס ניט פּאַסירט. זייַן עכטע מייַסטערשאַפט האָט צוגעגעבן זייַן ווייטעק און צאַר קינסטלערישע וואָג און מאָס פון אַן עמעסדיק־צאַפּלדיקער, אָבער שוין שעפעריש־באַהערשטער איבערלעבונג. און אָט איז זי דאָ, אינעם קעסיידערדיקן אינטאָנאַציע־אָנוווקס, אינעם ניט טראַפּאַרעטן זאַץ־בוי, וואָס פאַלט ניט צונויף מיט די מעטרישע גרענעצן און פליסט זיי אַריבער, אין דער זעלטענער ריטמיש־סינטאַקסישער פאַרגאַנצטקייַט פון דעם פערז און פּעריאָד, אונטערגעוואָרפּענע בלויז דעם לעבעדיקן, ניט אַפּריאָרן אָטעם־ און שטים־געזעץ.

„מיט יונגן קאָל, מיט מיידל־קאָל קלינג מיר אָן אין טעלעפאָן!...״ — דעם טאַטנס פאַרביטערט־קייט קען ניט, וויל ניט מאַסקים זייַן מיט דעם ייִנגעלעס פרי׳ען אוועקגיין.

פינינבערג האָט שטענדיק געפילט די מוירעדיקע געפאַר, וואָס האָט געלויערט איבערן לאַנד, איבערן פאָלק, איבערן קינד: „מייַן לאַנד — אַ קינד, וואָס שטעלט דעם ערשטן טראָט, און פייַנט שוין לאָקערט, שווערד שוין דראָט דעם קינד אין פרי, דעם לאַנד אין בלי״ (1929).

אין „די קריגן דויערן״, אין אָנזיכט פון בראַנד און טויט, רעדט אַרויס איר פאַרומערט האַרץ „אַן ערד — אַ פרוי״: „לאָז מיך כאַטש אַ רעגעלע אַ גרינגינקס אינדערמיטן וועלטן מיך צעזינגען! איך בין דאָך אַ פרייַלעכע, אַ יונגע, גאָר אַ יונגע!...״ אַ קאָסמאָס־ליריזם, וואָס קלינגט באַזונדערס הייַנט, ווען אַ טאָטאַלע אַטאָם־קאַטאַסטראָפע דראָט מיט פאַרניכטונג דער גאַנצער ערד, בעעמעס נאָך „גאָר אַ יונגער״.

אין „זינגעוודיק״ איז שוין די מילכאָמע־געפאַר אָנגערופן באַ איר אייגננאָמען: היטלער. פאַשיזם: „סע רעדט דאָס בלוט אונטער די שטיוול היטלערס״ (1933). דער דיכטער זעט שוין די ערשטע קאָרבאָנעס פונעם פאַשיזם און די ערשטע קעמפער קעגן אים: אינעם דאָרף אונטער מאָסקווע, ווו עס וווינט „אַ צענדליק דיכטער פון ראַטנלאַנד״, איז אויך „אַ בלאָנדער כאַווער, אַ יונגער דייַטש״, אַן אַנטיפאַשיסטישער עמיגראַנט (יאָהאַנעס בעכער? עריך ווייַנערט?).

זומער 1936 איז אין שפּאַניע אויסגעבראָכן דער אַנטיפאַשיסטיש־רעוואָלוציאָנערער קריג קעגן די פראַנקיסטן, קעגן היטלערן און מוסאָלינין. פינינבערג שרייַבט אַ פּאָעמע „שפּאַניע״, ווו מיר טרעפן פיגורן פון קאָמוניסטן — פרייַוויליקע אין די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס: אַ קוילנגרעבער פון פראַנקרייַך, אַ סערב אַ פּאַסטעך, אַ שלאָסער פון דער שווייץ, אַ ייִד אַ שנייַדער פון לעמבערג (אין 1947 יאָר, אין בערלין, האָט מיר עריך ווייַנערט אויסגעזונגען אין ייִדיש זייַן ברייט באַוווסטע ליד „דער רויטער וועדינג״ — ער האָט זי געלערנט פון די ייִדישע פרייַוויליקע אין שפּאַניע).

עזראַ פינינבערג האָט זיך דייַטלעך פאָרגעשטעלט זייַן טיף־נעשאָמעדיקע פליכט, זייַן אָרט אין די קינפטיקע שלאַכטן: „וואָס מייַן לאַנד איז באַשערט — איז מייַן לעבן באַשערט״ (1939). עס האָט אים געריירט אַ כאַווערס אַן אופשריפט אַף אַ געשאָנקענעם בוך: „אויב... ס׳וועלן זיך די דיכטער אויסשטעלן אין שלאַכטרייען אין שטרענגע, מיר וועלן שטיין מיט דיר אין איין שערענגע...״ („מ. דאַניעלן״, 1940).

אין די ערשטע מילכאָמע־טעג איז פינינבערג געוועזן אַקטיוו אינעם זשאַנער פון פּובליציסטישער אַגיטאַציע־ליד: „ער זאָל ניט קומען מיט דער האַק דער בלוטיקער אין שיינע שטעט אַרייַן — צעברעכן אים! צעמיימעסן! צעשמעטערן!״ (יון 1941).

אַגעוו, וועגן זשאַנרען. אינעם ליד „מייַן מאַכנע רופט״ (1943) דערציילט אונדז דער דיכ־

טער וועגן א דיסקוסיע ארום די לידער, וואָס ער האָט געבראַכט פון פראָנט: „זאָגט איינער: — וויל. נאָר צו א וועלכן פון די זשאַנרען פאַ־רעכענען?" ענטפערט דער פּאָעט: „עס איז דער זשאַנער פון שלאַכט־פעלדער. און זעלנערישע באַנען?" דער ענטפער איז א פיגוראַלער, א מע־טאַפאָריסטישער, נאָר ס'איז פאַראַנען אין אים א היפּשער עמעס: קיינמאָל פריִער בא פינינ־בערגן (בא אנדערע פּאָעטן אויך) האָט זיך מיט אזא פולקייַט ניט „אויסגעדיכטעט" די גרויסע ערנסטקייַט פון זײַן גוירל — דערבײַ אין די־רעקטער אָפּהענגיקייַט פון לאַנד, פאָלק, מענטש־הייַט. פינינבערגס וואָרט וועגן קריג מעסט זיך טאַקע מיט אָט־אָ דעם אויסערגעוויינלעכן ערנסט: „כ'וועל אַלץ פאַרצייכענען. ס'וועט זײַן דאָס וואָרט מײַנס פּאַשעט, ווי גאָר דאָס לעבן און ווי גאָר דער טויט". אָט אין א וואָסער „זשאַנער" איז געווען טעטיק עזרא פינינבערג דער מילכאָמע־דיכטער!

וואָס איז שײַעך פינינבערגס זשאַנער און סטיל אין זייער אייגנטלעך קינסטלערישן באַ־טײַט, זײַנען זיי אויך אין א גאָר גרויסער מאָס פאַרורזאַכט פון דעם דאָזיקן אויסערגעוויינלעכן ערנסט. די סוויווע, דער קאָלעקטיוו, די געמיינ־שאַפט, די אומע (אויב נוצן פינינבערגס א באַ־ליבט וואָרט) און דעם דיכטערס אָנגעהעריקייַט צו זיי, טרעטן ארויס אין פינינבערגס מילכאָ־מע־לידער סײַ ווי א טעמאַטיש־אידייִשע, סײַ ווי אַן עטישע, סײַ ווי א פאָרמבילדנדיקע קאַ־טעגאָריע.

א טעמאַטיש־אידייִשע: דאָס אופגעשטאַנענע קעגן די פאַשיסטישע ראָצכים סאָוועטיש פאָלק איז דער הויפּט־העלד בא פינינבערגן, און מיט זײַן אנטשלאָסנקייַט, גוורע און נעקאָמע־דורשט אָטעמט יעטווידע שורע באם דיכטער.

אַן עטישע: אויסער דעם פאָלק, אויסער זײַן שליטע, אָן דער דיוויזיע, אָן דער „מאַכנע", אָן די „שוועסטער אונדזערע", וואָס גייען צוזאַמען „דורך וויי און דורך געשריי און דורך געוויי", אָן די „יונגינקע לייטענאַנטן" און „באַיאַרטע מענער", מאַיאָרן, אָן דעם פרײַנט, וואָס „באַ־דינט קאַנאָנעס", אָן דעם „ראַדיסטן־אָנפירער, דעם פריילעכן דערפינדער", אָן די שכיינים לויטן שפּיטאָל, אָן די כאַווײרים שרײַבער, אומ־געקומענע אין שלאַכט, קורץ, אָן א שלאל אַנ־דערע מענטשן, וואָס רינגלען ארום דעם דיכ־טער־קריגער, איז ער אַליין ניט פאַראַנען — ניט אויסגעדריקט, ניט אנטפּלעקט.

ביסט ער און ער, און ער און איך —
אונטער דעם גערעכטיקן געריכט
פאַר גאָר דעם קומענדיקן ליכט.

א זשאַנער־ און סטיל־בילדנדיקע קאַטעגאָריע: דאָס פעסטע צונויפקומען זיך פון גויראָלעס. די אַלגעמיינע פאַרבונדנקייַט פון יעדן מיט אַלעמען האָבן געבראַכט, אָנשטאָט דעם פאַרשפּרייטן בא פינינבערגן לירישן מאָנאָלאָג, די שטאַרק לירי־זירטע דערציילונג, דעם „ניט־קלאַסישן" עפּאָס, ווו דער אוטאָר, ארויספירנדיק אָביעקטיווע גע־שטאַלטן, ווערט פון זיי ניט באַזײַטיקט און אָף קיין האָר ניט באַאוולט אין זײַן אינדיווידועלן טיקן.

אזא כאַראַקטעריסטישער שטריך: געוויסע טעמעס „שרײַבן זיך ארײַן" בא פינינבערגן סײַ אין די לידער וועגן אַלעמענס אויסקומעניש, סײַ אין די סאַמע לירישע, סאַמע פּערזענלעכע לי־דער. אָט איז א ליד וועגן דעם לאַנד, וועגן דער היים: „מיליאָנען לעבעדיקע גיבן אָפּ פאַר דיר די קעפּ, ס'לעבן ס'איינציקע פאַר דיר, איינ־איינציקע". און אָט איז א ליד „איינציקע־איי־נע", וועגן דער פרוי, אַן אויסגעווײלטער „אָף זוניקן לעבן, אָף גליקלעכן רו־שײַן". איינציקע־איינע — דאָס לאַנד און די פרוי!.. צי איז ניט פאַראַן אין דעם א ווײַטער עכאָ פון דער גע־שטאַלטלעך־עמאָציאָנעלער איינהייַט „רוסלאַנד — פרוי" בא בלאָקן אין זײַן היסטאָריש־פּאַטריאָ־טישן ציקל „אָפן פעלד קוליקאָווער"?

פינינבערגס מילכאָמע־לידער זײַנען צונויפ־געקליבן אין צוויי זאַמלונגען: „פון שלאַכט־פעלד" (1943) און אין „ריזיקן פײַער" (1946). די ערשטע זאַמלונג איז קימאַט אינגאַנצן, מיט קליינע אויסנאַמען, אײַנגעשלאָסן אינעם צווייטן, וואָס האָט שוין לידער וועגן דעם זיג.

בלעטערנדיק די ביכער, באַמערקסטו גלײַך, ווי ברייט ס'איז דאָ פאַרגעשטעלט דאָס „פיזי־שע", דאָס פּלאַסטיש־דערציילעריש, און ווי נאַטירלעך עס הערן זיך פאַרשיידנאַרטיקע מענטשלעכע שטימען... „אין וואַלד פאַרשאָטע־נעם, אין וואַלד קאַדמוינישן" (פינינבערג האָט ליב דאָס דאָזיקע וואָרט! אין „אָטעם": „א פינצ־טערער יאַר אין קאַדמוינישן וואַלד") האַקן סאָלדאַטן ביימער פאַר ערדשטיבלעך.

שוין נאָענט דער געשלעג, גאָר נאָענט איז דאָס בלוט דאָ.
קאַיאָר אָף שטעג פאַרהורבעטן א מענטש א סאָסנע שלעפּט.
— וואָס מאַכט מען, פרײַנט? — דערווײַל מע לעבט.
ווער ווייסט, צי וועט מען מאָרגן לעבן, ברודער,
נאָר כ'וועל דאָס לאַנד ניט אָפּגעבן צו שפּאָט און שאַנד.
דו זעסט מײַן האַנט? אַן אײַזערנע — די האַנט!..

געוויס איז עס ניט קיין פאַקטאָגראַפישע שילדערונג, און דער סאָלדאַט מיט דער סאָסנע איז גלײַכצײַטיק עמעסדיק־פּראָסט און מאָנו־מענטאַל־פּאַטעטיש, ווי פּראָסט און פּאַטעטיש איז אויך דער דיכטער, זײַן גרויסער ערנסט, זײַן באַזיניקטע שײַכעס צו די גרינטלעכע לעבן־יעסוידעס, זײַן שפּראַך „פון לײַב, פון האַרץ, וואָס גרייט איז אומצוקומען, די שפּראַך פון לעצטן שווײַגן און פון לעצטן שטומען". און ס'איז אין קיין שום פאַל ניט קיין אָנמעכטיק־פּאַסיוו אונטערגעבן זיך דעם „בלינדן שיקזאַל": „ווער זײַנען מיר? באם לאַנד — די פרײַע הי־טער... זײַ פעסטער, פוס! זײַ, האַנט, געניטער! פאַרשטײַף זיך, לײַב, אין פלאַם־געוויטער!"

אין פינינבערגס מילכאָמע־לידער טרעפן מיר א רעאַלן פּראָטאָטיפּ. א נאָטיץ אין טאָג־בוך...

„איך הייס ריזשאָוו, ריזשאָוון קען דער גאַנצער פֿאָלק, די גאַנצע דיוויזיע...— וועסט זײַן מיט מיר, וועסט אַרבעטן מיט מיר. דו ווילסט, מיר זאָלן זײַן צוזאַמען?...”

דער דיכטער האָט ליב ריזשאָוון, וועלכער איז דער ערשטער שטויס פאַר דער ליד, נאָר דאָס ליד רופט זיך „אומאַנער ריכטונג”: די הויכרײַ־דערס מעלדן, אז עס גייען „שלאַכטן אין דער אומאַנער ריכטונג! שלאַכטן נעבן אומאַן...” א פּרײַע, ניט בעקיוונדיק אָנגעלאָפּענע קאָמפּאָזי־ציע מיט אַן אינערלעכן סוזשעט: דער וואָלגער באַכער ריזשאָוו און מיליאָנען אַזעלכע, ווי ער, פאַרטיידיקן דאָס לאַנד, אין לאָמיר זיך אַרומ־נעמען, דו „יונג פון רוסלאַנדס יונגן”, ווײַל דאָרט, אין יענעם „יישעוו, ווו די הײַזער פּלאַ־מען”, „אין גרינעם ווינקעלע” אין דאָרעם־מיזרעוו „אונטער דער אוקראַיִנישער זון” זע איך זיך ביז הײַנט אַרומשפּאַנען, א זינגענדיק ייִדיש ייִנגל...”

רוסלאַנדס פריידן און ווייען זײַנען פון שטענדיק געווען זײַנע, פינינבערגס, פריידן און ווייען. אויך אין איין־און־צוואַנציקסטן, בעשאַס דעם גרויליקן הונגער אָף דער וואָלגע, האָט דער דיכטער געשריבן: „איך בין די הונדערט טויזנטער צעבראָויזטע פון ראַסיי, איך בין די הונדערט טויזנטער געשוואָלענע פון וואָלגע”.

מיט עכטער ליבע צום רוסישן פאָלקס־מענטש איז דורכגעדרונגען אַלץ, וואָס דער דיכטער האָט געשריבן אין די מילכאָמע־יאָרן. אַן אומ־געהויערע ווארעמקייט איז פאַראַן אין די שורעס וועגן די „מאַמעס, די קאָלווירטניצעס די טרײַע אין דער געגנט פון דער שטאָט ריאַזאַן”, וואָס האָט אים, א פאַרוואונדעטן, געהאָדעוועט: „עס זײַנען בא אונדז אויכעט קינדער אָפּן פראָנט פאַראַן...”

גופע די סטיליסטיק, די „מאַטעריע” אין פי־נינבערגס ווערק וועגן קריג האָבן זיך קענטיק „דעמאָקראַטיזירט” אין פאַרגלײַך מיט זײַנע פריִערדיקע ווערק.

פינינבערג האָט ניט צופעליק איבערגעדיכ־טעט אין דער צײַט פון דער מילכאָמע נעקראַ־סאָווס כרעסטאָמאַטיע־ליד „מוטערס” („ווען כ'הער פון קריג דעם שווידער־קלאַנג...”). דער נעקראַסאָווישער מוטער־ און פרוי־מאָטיוו פאַר־נעמט א בעקאָוועדיק אָרט אין פינינבערגס אָרי־גינעלער שאַפונג: „אין כמורנע ערנסט איז די שטוב די פּראָסטע. און כמורנע־ערנסט לעבן קאַלטן גלאָז קוקט און קוקט אַרויס די באַלע־באָסטע, ס'זאָל זיך אומקערן דער באַלעבאָס”.

נעקראַסאָוו בא פינינבערגן איז ניט נאָר אַן אָריענטיר, א פּונקט, אָף וועלכן ער גלײַכט זײַן פאַרהאַטעוועטן אין פײַער געפיל פון טרײַ־שאַפט דער רוסישער ערד. נעקראַסאָוו בא פי־נינבערגן איז אויך א העלד פונעם ליד אין א פעסטער ריי מיט אַנדערע העלדן: „לעם שויב — נעקראַסאָווס אָזערע, נעקראַסאָווס ליטעראַ־

אָסיענדיקע טעג... ער גייט אַרום אין וואַלד פאַר־קלערט און קוקט, און הערט: אַפּסנײַ דער לאַ־בער ערד אַדורכגיין הײַנט דורך בלוט און פײַ־ערן באַשערט”.

און נאָך אין איין אָרט קומט פאַר אונדז אָף נעקראַסאָוו:

מיט שטרענגע פּענעמער עס שטייט פאַר מיר די רײַכע מאַסע,
די ערד די רוסישע, איר טוווע און איר צווײַט.
און רוף איך אויס: — נעקראַסאָוו! — שפּאַנט אַרויס נעקראַסאָוו,
א גוואַר א פּאַשעטער, א יונגער שמיד.

די טעמע קולטור, איר גורל און צוקונפט האָבן פינינבערגן געדערגט פון לאַנגאַנען. אָבער באַזונדערס שאַרף בעשאַס דעם קאַמף קעגן די היטלעריסטישע קאַניבאַלן. קולטור אַלס אָביעקט פונעם סוינעס פאַרביסענער פײַנטשאַפט און מוירע און קולטור אַלס א מעכטיק, ווירקזאַם געוועער קעגן דעם פײַנט.

בא פינינבערגן איז דאָ א ליד „פּאַרבלוטיק־טע ביכער”: „כ'האָב פון אַ קלוב א כאַרעוון גע־ראַטעוועט א בינטל ביכער... באַלאָדן כ'האָב די פּלייצע מײַנע מיט א שווערן זאַק און זיך גע־לאָזט דורך באַמבע־וועג צו מײַנע גוטע ברידער לעם קאַנאָנעס און מיט שפּיזן...” א יונגער גע־נעראַל רופט צו דעם פּאָעט: „טאָוואַרישטש קני־גאָנאָשאַ! (כאַווער ביכער־טרעגער — ה. ב.), וואָס טראָגט איר, כאַווער קאָמאַנדיר? — איך טראָג פילאָסאָפן און טראָג פּאָעטן צום פּאָלק מײַנעם, צו מײַן דיוויזיע”.

כ'האָב אויך דערציילט אים, אז צוריק מיט יאָרן
עס האָט אין לאַנד אין אונדזערן,
אין א שטאָט פון דאָרעם
געלעבט א ייִד, וואָס האָט געהייסן מויכער־ספאָרים.
געשריבן האָט דער ייִד דער קניגאָנאָשאַ
אָף דער שפּראַך פון פּאָלק מײַנעם, אָף מײַן
מאַמעס לאָשן.
אין אָדעס ער שלאָפט אַצינד, דער זיידע,
אַרום אים אָף טויזנט מײַל
די אויסגעקוילעטע, די פאַרברענטע איידע...
פון ראָטערדאַם און ביזן שוואַרצן יאַם —
מייסים, מייסים, מייסים.

קיינמאָל איז די פּראָבלעם פון קולטור ניט געשטאַנען אַזוי בלוטיק־נאָענט צו דער פּראָ־בלעם פון אַלמענטשלעכן זײַן צי ניט זײַן, ווי אין די 30—40־ער יאָרן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן פון ביכער־שײַטערס אָף די בערלינער פּלעצער און אויסגעלאָזט זיך מיט קרעמאַטאָרי־אויוונס, מיט אַשווענצים און באַבי יאַר.

אין „וואַלד קאַדמויינישן”, ווו סאָלדאַטן וואַל־גערן ביימער און בויען ערד־שטיבלעך, דער־טראָגן זיך מיטאָמאָל פון א פּאַטעפאָן־פּלאַט „קלאַנגען קענטלעכע, א קענטלעך קאָל” — עס זינגט מיכאָעלס! און קאָמאַנדירן אין א זעמליאַנ־קע בעטן: — זעצט איבער, כאַווער איבערזע־צער... און ער „זעצט” עס איבער: „עס שטו־רעמט מוט פון מוירדים, און אין בלוט קומט

אום די צניעס. עס שטומען גרויסע בערג פון קדושים אף די בערג אף קיעווס... און ס'קומט די אויסלייזונג, ס'קומט דאָס געצאָלטס"...

עזרא פינינבערג האָט געהערט צו די יינגסטע צווישן די אָנהייבער פון דער יידישער סאָוועטישער דיכטונג. ער איז געווען דורכויס זעלבשטענדיק און אָריגינעל, אָבער דעם אקסל פון זיינע מיטצייטלער און פריינט האָט ער געשפּירט שטאַרק.

אמנאָענטסטן איז פינינבערגן געווען אָשער שווארצמאַן, זיין ראָמאַנטישער פאַנטעזיזם, זיין הייסע פארליבטקייט אין דער לעבעדיקער, קויידעמקאָל אין דער וואָלינער, נאַטור, זיין קענען צוזאַמענברענגען דעם טמימעסדיק־פּראָסטן פאָלקס־מאָטיוו מיט א הויכער ארכאַיִק, זיין רעוואָליוציאָנערער אופשטאַנד־פּאַטאָס, זיין איינהייט פון וואָרט און טאַט, פאַר וועלכער ער, שווארצמאַן, האָט באַצאָלט „דעם גרויסן צינש מיט בלוט און פלאַם".

אין איינער פון זיינע ערשטע מילכאָמע־לידער דיכטעט איבער פינינבערג שווארצמאַנען: „און ווער וועט איצט געבויגן זיין? און ווער וועט איצטער טרויערן? דער סוינע באַ די טויערן?!"

דאָוויד האָפשטיין האָט, מיין איך, צוגעצויגן צו זיך פינינבערגן אין אָנהייב וועג מיט א יוגנטלעכן דראַנג צו זעלבסטבאַשטימונג און זעלבסטדערקענטעניש, מיט גייסטיקע זוכענישן און ווייען, מיט „א שאַרפן בליק — אין ווייטסטע ווייטן", מיט „א יונגן גייסט — אין וועלט אין גאַר..." פינינבערגן האָבן, ווייזט אויס, אויך אימפּאָנירט האָפשטיינס נאָוואַטאָרישע פּרוּוון אין ריטם, אינטאָנאַציע, סטראָפיק.

ווער געדענקט ניט האָפשטיינס „פּראַצעסיע": „הייַנט בין איך א שטיקל קלינגענדיקער קופּער..." באַ פינינבערגן אין „אומאַנער ריכטונג" טרעפן מיר: „אין דער לעבעדיקער עפּאָפּייע כ'בין אריַן — א רינגעלע, א פּערל א קלינגענדיקער אין א סטראָפע..." אין דער עפּאָפּיי פון קאַמף און זיג.

די ערשטע יעדיע וועגן אונדזער ניצאָכן, דעם אָנקום פון פרידן, האָט פינינבערג באַגריסט מיט שורעס, וועלכע עס האָט געקענט אָנשרייַבן לייב קוויטקאָ — אזא פאָלקסטימלעכע נאַיִוויטעט איז אין זיי געווען: „ס'האָבן אופגעהערט ריידן די ביקסן. ס'האָבן אָנגעהויבן ריידן געוויקסן".

ביכלאַל קלינגען פינינבערגס אָפּרופן אפן זיג, ווי א טריומפאַלער טרומייט: „העכער — די טויערן פון שיין אף דער ערד! צעעפנט די טירן פון פרייד אף דער וועלט!" דער דיכטער האָט געגלייבט, אז דער זיג איבערן פאַשיזם וועט ברענגען גרינטלעכע ענדערונגען צום גוטן, צום ליכטיקן אינעם אלוועלטלעכן און אלמענטשלעכן לעבנס־סיידער: „בלויז פרייד אָן א ברעג, אָן א זוים וועט די דירעס ווערן געגעבן", „ניט צו א בלוטיקער שרעק וועט מען די קינדער געבוירן"...

עזרא פינינבערגס דיכטונג געהערט צו די שענסטע און באַדייטונגספולע שאַפונגען אין דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור — א פריי און פריש צעזונגענער מענטשלעכער גורל, וועלכער איז פעסט באַהעפט מיטן גורל פונעם לאַנד און פון דעם פאָלק.

...שטודירן טיף די פּראָבלעמען פון טעאָריע און מעטאָדאָלאָגיע פון דער ליטעראַריש־קינסטלערישער קריטיק; ...אַקטיווער פאַרשן דעם הײַנטצײַטיקן קינסטלערישן פּראָצעס, די קאָגניטיווע ווירקונג פון די קולטורן פון די לענדער פון דער סאָציאַליסטישער געמיינשאַפט.

פון דער באַשטימונג פון צק קפּסס פון 21 יאַנוואַר 1972
„וועגן דער ליטעראַריש־קינסטלערישער קריטיק"

אירמע דרוקער

פון לאַנד צו לאַנד

די פאָלקס־לעגענדע איז שטענדיק געווען א פארגרעסער־גלאָז פון דער רעאלער ווירקלעכקייט. צווישן אירע מאזלדיקע און שלימאזלדיקע געשטאלטן פארנעמט א באזונדער אָרט דער פארשאָלטענער ריַיזנדער, דער פליִענדיקער האָלענדער, וואָס ווערט געיאָגט און געטריבן פון בייזע ווינטן און שטורעמס און קאָן קיינמאָל און אין ערגעץ ניט קומען צו קיין ברעג.

אָט די לעגענדע איז נאָך היפש רעאל אין א היפשער טייל פון דער קאפיטאליסטישער וועלט ביז צום היַינטיקן טאָג.

דאָס פאָלק האָט שטענדיק געהאט ווייניק צוטרוי צו ריַיזעס און צו ריַיזנדער. וויפל ביטל און וויפל מיטליַיד איז געווען אין דעם אויסדרוק — „ער פאָרט זוכן גליקן״... דאָס רוסישע ווערטל — „סידי דאָמא דא ניע ריפּיַיסיא״ איז אריַין אין ייִדיש אָט אזוי ווי עס שטייט און גייט.

און ניט נאָר וועגן פאָרן זוכן גליקן, נאָר אפילע וועגן פאָרן צוגאסט זיַינען ייִדן איַינשטימיק געווען, אז „אין דער היים איז בעסער״.

דער אומצוטרוי צו ריַיזעס און צו ריַיזנדער האָט אין דעם טומל און אין גערויש פון די וואָקזאלן אריַינגעוועבט א באזונדער מין טרויער. דאָס אָפּשווימען פון דער שיף, די ערשטע פּאַמעלעך־מאכנדיקע טריט פונעם אָפּגייענדיקן צוג האָבן שטענדיק פארקלעמט די הערצער סיַי פון די פּאסאזשירן און סיַי פון די באגלייטער — ווער ווייסט וווּהין דער צוג און די שיף פירן? עפּשער פארפירן זיי גאָר? ווער ווייסט, צי דער מעשאנע מאָקעם — ענדערן דאָס אָרט — וועט מעשאנע מאזל זיַין — ענדערן דאָס מאזל? אין דער מערהיַיט פאלן איז דאָך שטענדיק געווען פּונקט פארקערט...

ש. אנ־סקי קלאָגט זיך:

> געפלויגן, געלאָפן
> אָן כאיל, אָן וואָפן,
> אָן הילף און אָן האָפן.

צום זעלבן טרויעריקן אויספיר קומט א. ליעסין:

> איך בלאָנדזשע ארום ווי א פרעמדער
> אָן א ציל אף דער וועלט, אָן א שטרעבן.
> איך האָב ניט פאר וועמען צו שטארבן
> און איך האָב ניט פאר וועמען צו לעבן.

און אָט ליגט פאר אונדז דער בוך „ריַיזעס״ פון ארן ווערגעליס. די ערשטע ריַיזע קיין אמעריקע און די וויַיטערדיקע ריַיזעס איבער אייראָפּע.

סארא גליקלעכע ריַיזעס!

ארן ווערגעליס דער סאָוועטישער שלאכטמאן האָט אין דרייסטן קאמף קעגן פאשיזם געוווּסט פאר וועמען צו שטארבן, און אין זיַינע ריַיזעס פון לאנד צו לאנד, ווו ער איז „אָפּגעווען, קאָן מען זאָגן, אומופהערלעך אין מעשעך פון די לעצטע יאָרן אָט אף איינעם, אָט אף א צווייטן פראָנט פונעם קאלטן קריג״ (ז. 421), האָט ער געוווּסט פאר וועמען צו לעבן, אין נאָמען פון וואָס צו קעמפן.

די ערשטע ריַיזע קיין אמעריקע מאכט ווערגעליס דורך צוזאמען מיט א גרופּע שריַיבער, זשורנאליסטן, אקאדעמיקער, פּראָפעסאָרן און מאָלער. די ריַיזע קיין אייראָפּע מאכט ער דורך אליין, נאָר ניט פון זיך אליין, ווי עס האָבן אין זייער ציַיט געטאָן שאָלעם אש און פּערעץ הירשביין, נאָר אלס שאָליִעך פונעם סאָוועטישן פאָלק, פונעם גרויסן סאָוועטנפארבאנד.

מע זאָגט: פרעג ניט דעם, וואָס האָט א סאך געריַיזט, פרעג בא דעם, וואָס האָט א סאך געזען. ארן ווערגעליס האָט א סאך געריַיזט און א סאך געזען. געזען ווי א גאסט, וואָס קומט אף א וויַיל און זעט אף א מיַיל, וואָס דיפערענצירט, שיידט אונטער ליכטיקיַיט פון פינצטערניש, שמאד־שטיק פון ערלעכקיַיט, שלעכטס פון גוטס, נאָענטס פון וויַיטס, פרעמדס פון אייגנס.

דאָס דיכטערישע וואָרט, די דיִאלאָגן און מאָנאלאָגן, דער „דיִאלאָג דורך מאָנאלאָג״, דער הומאָר, סאטירע און שארפזין צילן און טרעפן ניט ווייניקער פון דער הייסער קויל, פון דער שארפער שווערד.

ווי א סאָוועטישער ייִדישער דיכטער איז ארן ווערגעליס אין זיַינע שליכעסן בארופן זיך בא־

קאָנען אויך מיטן לעבן פון ייִדן אין פּאַרשיי־דענע לענדער, ארויס אין אַנגריף קעגן פאַרפּי־רער, העצער און רעכילעס־טרײַבער און איינ־צײַטיק פאַנאַנדערוויקלען די מאַפּע פון דעם ייִדישן דויערס־צוג אַף די דורכגעמאַכטע היס־טאָרישע מאַרשרוטן.

וואָס אכרײַעספּולער די שליכעסן זײַנען, וואָס ברייטער דער פאַרנעם, אלץ מער מעגלעכקײַטן שאַפֿן זיך פאַר די פאַרשיידענע זשאַנרען.

דער פראַנצויזישער קאָמפּאָזיטאָר זשאַן פיליפּ ראַמאָ האָט זיך אַמאָל געהאַט אויסגעדריקט: איך בין אַזוי איבערגעלאָדן מיט מוזיק, אַז גיט מיר אַן אַפּיצײַלן פּראָטאָקאָל, וועט ער באַ מיר גלײַך פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אָפּערע. דאָס זעלבע קאָן זאָגן אַרן ווערגעליס וועגן זײַנע טאָגביכער און נאָטיצן, ווי „גאָרניט איז ניט צוגעטראַכט און ניט צוגעפּוצט" (ז. 31). אלץ, וואָס עס פאַלט אַרײַן צו אים אין די הענט, ווערט פאַרוואַנדלט אין פּאָעזיע, אין אַ מין באַ־זונדערס אייגנאַרטיקער פּובליציסטישער און פּאָעטישער פּראָזע.

ניט צופעליק איז דעם דיכטערס רײַזע־פּראָזע געבוירן געוואָרן איינצײַטיק, אַף דער הייסער מינוט, מיט זײַן רײַזע־דיכטונג. די לידער זײַנען ענג צוזאַמענגעגאָסן מיט דער פּראָזע, זיי באַהאַנדלען, דערגאַנצן און פאַרברייטערן די זעלבע מאָטיוון, אלץ איז פון איין גוס, פון איין אָטעם־באַהויכונג. און ווי שווער ס'זאָל ניט זײַן זיי פאַנאַנדערשיידן, קאָן מען דאָך שאַפֿן צוויי באַזונדערע ביכער, און סײַ די פּראָזע און סײַ די דיכטונג וואָלטן געקאָנט בײַשטיין זייער שטעטל אליין פאַר זיך.

הערש רעמעניק האָט אין זײַן אַרטיקל „דעם דיכטערס פּראָזע" („סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 2, 1977) געזאָגט אַ סאַך ריכטיקס און וויכטיקס וועגן אַרן ווערגעליסעס „רײַזעס". אין איין אַר־טיקל איז אָבער אומעגלעך אויסשעפּן דעם פּאָ־ליטיש־אַקטועלן און קינסטלערישן באַדײַט פון אָט דעם בוך, וואָס איז אַ בעניאָכיד אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, אַ פּאָנעם באַדאָשעס.

דער זשאַנער פון רײַזעס, פון רײַזעס איבער דער וועלט אין אַזאַ ברייטן פאַרנעם נעמען מיר אַרײַן צום ערשטן מאָל בעקאָוועד גאָדל אין אונדזער רײַכן זשאַנער־פאַרמעגן, און ער האָט בעפּיירעש פאַרדינט אַ קאָנקרעטע באַהאַנדלונג פון זײַן טאָכיק אינוווייניקסטן גאַנג, אַרײַנגאַנג און איבערגאַנג.

דער אומדערמידלעכער רײַזנדער אַרן ווער־געליס האָט זיך אַרומגעקוקט פון אלע זײַטן און געזוכט די טריט פון פאָרגייער און פאָררײַזנ־דער אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

„באַ וועמען נאָך, אויב ניט באַ ייִדן, דאַרף זײַן פאַרשפּרייט דער מין ליטעראַטור, וועלכער דערציילט פון רײַזעס איבער קאַנטן און לענ־דער! באַ ייִדן אין זייער צעשפּרייטקײַט וועט איר געפינען אלע פאַרבן פון דער הויט, אלע מאַנירן צו ריידן, אלע געריכטן צום עסן, אלע

מינים בגאָדים, אלע לעשוינעס" (ז. 320). נאָר גיי זוך דעם רײַזע־זשאַנער, אַז עס איז מיט קיין ליכט אים ניט צו געפינען — „ס'איז קימאַט ניט צו זען אין דער ייִדישער ליטעראַטור קיין באַ־שרײַבונגען פון רײַזעס איבער פרעמדע לענ־דער... געוועזן וואַנדערונגען, נאָר ניט קיין רײַ־זעס" (ז. 113). מע איז געלאָפן ווו די אויגן טראָגן — זוכן ערגעץ אין דער וועלט אַ זיכער ווינקל.

ביז איך וועל פאַרנעמען מײַן רײַזע איבער די „רײַזעס", זאָל מיר דערלויבט זײַן אַ דריי טאָן דאָס רעדל אַף צוריק און נעמען אַ קורס אַף די וועגן פון די נעסיִעס און רײַזעס, וועלכע זײַנען יאָ געווען אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור, און דאָס וועט וואַרפן אַ נאָך מער העלע שײַן אַף ווערגעליסעס פּובלי־ציסטישן, פּאָעטיש־פּראָזאַישן און פּראָזאַיש־פּאָ־עטישן בוך.

דער גרויסער העברעיִשער שרײַבער שמועל־יויסעף אַגנאָן זאָגט: „מה יפו פעמותיו של אדם בזמן שאין רודפים אחריו"[1] — „ווי שיין זײַנען דעם מענטשנס טריט אין דער צײַט, ווען מ'יאָגט זיך ניט נאָך אים". צום גרויסן באַדויערן, איז עס ניט באַשערט געווען די ייִדישע שרײַבער פון פריִערדיקע צײַטן, זיי האָבן שטענדיק גע־טיילט דעם ביטערן גורל פון זייער פאָלק, דעם שוידער פון פאַרצייכענען די דאַטעס פון איין גיירעש ביזן צווייטן. שטענדיק זײַנען זיי גע־ווען פון די געפּלאָגטע, פון די געיאָגטע און גע־טריבענע.

די לעגענדע אפילע, וואָס איז אַזאַ ווירטואָ־זישע מײַסטערן אַף גוטע און גליקלעכע סאָפן, האָט, ווי באַוווסט, פאַרענדיקט מיט זייער אַ ביטערן און פינצטערן סאָף די טראַגישע און אומגליקלעכע רײַזע פון דעם גענ־אַלן דיכטער יעהודע האַלייווי.

נאָר לאָמיר ניט פאַרקריכן אין די דזשונגלען פון אונדזער געשיכטע, ווײַל עס קאָנען פאַר־פּלאָנטערן אונדז די טראַגישע נעסיִעס, די פאַר־פּירערישע שיידוועגן, דאָס פאַרבלאָנדזשען אין די לעבנס־וועגן, דאָס אָפּקערן אָן אַ זײַט און די הילפלאָזע אויסגעשרייען — „וווהין?" אַף ניט אַרויסצוקריכן... איך מיין, אַז עס וועט זײַן איבערגענוג צו דערמאָנען בלויז עטלעכע נע־סיִעס פון אונדזערע קלאַסיקער.

מענדעלעס ערשטער אַרויספאָר אין 1854 איז געווען מיט אַ קאָמפּאַניע שלעפּער, בעראָש מיטן הינקעדיקן שלעפּער און שנאָרער אַוור־רעמל. מענדעלע האָט געוואַנדערט איבער ליטע און איבער אוקראַיִנע.

די ביזע־ביזאָיענדיקע וואַנדערונג האָט זיך אַזוי ווײַטעקדיק פאַרקריצט אין הארצן, אַז דער שרײַבער האָט פאַרזאָגט אַ צענטן אליין ניט רײַזן. און ניט אומזיסט האָט ער באַוויזן ביניאַ־מינען און סענדערלען אלס „רײַזנדע", דאָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקײַט זיי אויסצור־

[1] מא יאפו פּאַמיסאָוו שעל אָדאַם ביזמאַן שעיין רוידפים אַכאַראָוו.

לאַכן שאַרף און סאַרקאַסטיש אין זײַן „מאַסאָעס ביניאָמין האַשלישי".

ביניאָמין גייט, און סענדערל גייט אים נאָך, סענדערל טרוימט וועגן עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן, און ביניאָמין „רײַזט", גייענדיק צופוס, און טראָגט זיך אין דער לופטן אַף די פליגלען פון זײַן צעהיצטער פאַנטאַזיע. און לאָזן לאָזט זיך אויס, אַז די ערד איז קײַלעכדיק, און פונוואַנען זיי זײַנען אַנטלאָפן, אַהין האָבן זיי זיך אומגעקערט צוריק.

דאָס סקריפּענדיקע וועגעלע און די אויסגעדיוועטע און אויסגעדאַרטע קליאַטשע, אַף וועלכער עס האָבן געריטן ווער נאָר ס'האָט געהאַט גאָט אין האַרצן, זײַנען ניט אָפּגעטראָטן פונעם זיידנס שרײַבטיש און האָבן אים ניט אופגעהערט צו פירן איבער די טונעיאַדעווקער, גלופּסקער און קאַפּצאַנסקער בלאָטעס, אין וועלכע עס האָבן זיך געטרונקען און געזונקען הונדערטער און טויזנטער לעבנס. און אָט האָט געטראָפן, אַז דער זיידע האָט געמוזט מאַפּסיק זײַן און איז געצווּנגען געווען אַרויס פונעם סקריפּענדיקן וועגעלע און מיטן צוג מאַכן אַ רײַזע אַזש קיין פּעטערבורג — זײַן זון איז געפערלעך קראַנק געוואָרן.

און אויך זי, די צווייטע רײַזע, האָט מענדעלען פאַרשאַפן ווייטעק, ביזאָיען און בושע ניט ווייניקער ווי די ערשטע. דער קלאַסיקער, דער גרונטלייגער פון צוויי ליטעראַטורן, וועמען אַלע האָבן גערופן מיטן גרעסטן ייִראַסהאַקאָווער — זיידע! — באַקומט אין פּעטערבורג וווינונגס־רעכט בלויז אַף עטלעכע טעג, ניט כאַס־וועכאָלילע אַלס ייִדישער שרײַבער, נאָר אַלס לאַקיי...

אין אַ בריוו צום פּראָפעסאָר בעזסאָנאָוו אין 1885 קלאָגט זיך מענדעלע: „ווען אין 1880 יאָר האָט מיך די קרענק פון מײַנע שוין לאַנג ניט געזעענע קינדער אַרויסגעפּאָדערט קיין פּעטערבורג, בין איך געווען געצווּנגען זיך אַרויסגעבן פאַר אַ לאַקיי, אַרומגיין דאָס געזעץ".

אַזוי איז זיך באַגאַנגען דער צאַריזם מיט אַ שרײַבער, וועמענס פּען עס האָט אָנגעשריבן פאָלגנדעס: „פאַר אונדז איז דאָס לאַנד, וואָס האָט געבוירן און באַהאַלטן אַ גאַנצע לאַנגע שורע אונדזערע עלטער־עלטערן, דאָס לאַנד, וווּ מיר אַליין זײַנען געבוירן, אַרבעטן און וועלן שטאַרבן — אונדזער פאָטערלאַנד, און קיינער איז ניט בעקויעך צו צערײַסן דעם בלוטיקן באַנד, וואָס פאַרקניפּט אונדז און אונדזערע קינדער מיטן באָדן פון רוסלאַנד".

אַ דריטע רײַזע, די ערשטע רײַזע קיין אויסלאַנד, אין דער שווייץ, מאַכט דורך מענדעלע אין 1905, ווען אין אָדעס איז מען ניט זיכער געווען מיטן לעבן, די פּאָגראָם־האַק איז געהאַנגען איבער יעדנס קאָפּ.

מענדעלע האָט זיך וועגן זײַן רײַזע אין זשענעווע געכאָכמעט — איר פאַרשטייט, איך בין, פאַר קיין ייִדן געדאַכט, געגליכן צו יענעם אָרעמאַן, וואָס עסט הון נאָר דאַן — אָדער ווען ער איז קראַנק, אָדער ווען די הון איז קראַנק.

אויך דער גענ‍ִאַלער רײַזנדער פונעם „דריטן קלאַס", דער ווירטואָז־מײַסטער פון די „אײַזנבאַן־געשיכטעס" שאָלעם־אַלייכעם איז אין 1906 געצווּנגען געווען מיט זײַן הויזגעזינד לויפן פון די צאַרישע רעדיפעס און פּאָגראָמען קיין אַמעריקע. אַזאַ ווײַטע נעסיִע, און שאָלעם־אַלייכעם האָט ניט געהאַט קיין צעבראָכענעם גראָשן באַ דער נעשאָמע, איז ער געצווּנגען געווען אין מעשעך פון אַ ווינטער אַרומפאָרן מיט פאָרלעזונגען — קיין לעמבערג, קראָקע, טשערנאָוויץ, טאַרנאָפּאָל, פּשעמישל, זלאָטשעוו, בראָד, טאַרנאָוו, קאָלאָמייע אאַ. שטעט, קעדיי ווי־עס־איז צונויפשלאָגן די נייטיקע סומע געלט אַף וועג־הויצאָעס.

אין 1908 מאַכט דורך שאָלעם־אַלייכעם אַ רײַזע קיין איטאַליע, אין נערווי. אַהין איז ער שוין געלאָפן ניט פון פּאָגראָמען, נאָר פונעם מאַלאַכהאַמאָוועס — ער האָט געשפּיגן מיט בלוט.

די דריטע רײַזע איז אויך ווײַט געווען פון אַ לוסט־רײַזע, זי איז, ווי די אַנדערע, געווען אַ געצווּנגענע — אין 1914 האָט די ערשטע וועלט־מילכאָמע געטראָפן שאָלעם־אַלייכעמען אין דײַטשלאַנד. ווי אַלע רוסישע קור־געסט, ווערט ער מיט זײַן הויזגעזינד אַרויסגעשיקט קיין בערלין, פון דאָרטן ראַטעוועט ער זיך אין נייטראַלן דענעמאַרק. אין קאָפּענהאַגען האָט ער זיך אָפּגעוואַלגערט עטלעכע כאָדאָשים באַ די סאַמע שווערסטע באַדינגונגען און איז געצווּנגען געווען ווידער פאָרן קיין אַמעריקע, וועלכע איז אים ווײַט ניט געווען צום האַרצן.

עס געדויערט ניט לאַנג, און שאָלעם־אַלייכעם מאַכט זײַן לעצטע רײַזע, „פונוואַנען מע קאָן קיין בריוול ניט שרײַבן, קיין זאַך ניט איבערשיקן און אַפילע קיין גרוס ניט איבערגעבן" („פונעם יאַריד").

י.־ל. פּערעץ, דער געבענטשטער מיט אָדלער־פליגלען, מיט ברייטן טיפן אָטעם, מיט רײַכסטן שווּנג, מיט דער סאַמע העלסטער פאַנטאַזיע, מיט אַלע געגעבענע פאַר אַ וועלט־רײַזנדער, האָט, ווי אַ געפּענטעטער מיט געבונדענע פיס, איבערגעלאָזט אין דעם רײַזע־זשאַנער בלויז רײַזע־בילדער פון די פּוילישע שטעטלעך, וועלכע ער האָט באַזוכט.

דאָס איז געווען אַ שרעקלעכע רײַזע, אַ רײַזע פון שלעכטס צו ערגערס. אויך וואַרשע איז געווען היפּש געבענטשט מיט ייִדישן דאַלעס, נאָר דאָס, וואָס פּערעץ האָט דערזען אין די קליינע שטעטלעך, האָט איבערגעשטיגן די רײַכסטע פאַנטאַזיע וועגן אָרעמקײַט. ס'איז געווען עפּעס אַ מין רײַזע אין „באַנאַכט אַפן אַלטן מאַרק"...

כאַיִם־נאַכמען ביאַליקס רײַזעס זײַנען געווען אַ סאַך ווײַטערע, ווי פּערעצעס, נאָר אויך ער, ביאַליק, האָט זיי ניט ווײַט מעקאַבל בעאַהאַוואָ געווען, ער האָט זיי באַטראַכט ווי געצווּנגענע, און אַלץ, וואָס ס'איז געצווּנגען, פאַרשאַפט בלויז אַגמעסנעפעש.

— „איך האָב ניט ליב די נעסיעס", — **האָט ביאַליק אין איינעם פון זײַנע בריוו זיך געקלאָגט פאַר א פרײַנט**, — „איך האָב זיי ניט ליב, ניט געקוקט אף דעם, וואָס גראָד זי, די מוזע מײַנע, איז דער הייפעץ פון מיר, די מערהײַט בעסטע זאַכן זײַנע אָנגעשריבן געוואָרן ניט אף מײַן טיש".

און פײַנט געהאַט האָט ביאַליק די נעסיעס, ווײַל ער איז צײַטנווײַז אויסגענוצט געוואָרן פון זיי, ווען ער האָט אַמשטאַרקסטן ניט סימפּאַטיזירט. אים איז דערווידער געווען דער טאַראַראַם, די ראַשיק־רוישיקע **באַגעגעניש, דאָס קלאַפּן אין די טאַצן און דאָס פּויקן אין די פּויקן. ביאַליקן האָבן שטענדיק געשראָקן** „די גאָלדענע ציין און די זשורנאַליסטישע פּנעמער", **און נאָך מער דאָס אויסהערן פאַרשיידענע רעדעס וועגן זיך און ענטפערן אף זיי** — „איך גיי שטענדיק אַרויף אפן רעדנער־עשאַפאָט דער לעצטער".

פאַרן דוכענען אפן רעדנער־עשאַפאָט און נאָכן דוכענען האָט ביאַליק שטענדיק אויסגעלאַכט די „אַמעריקאַנער גליקן". ער איז געווען אויסער־זיך, ווען ס'איז צו אים דערגאַנגען, אַז שאָלעם־אַליכעם און זײַן איידעם בערקאָוויטש קלײַבן זיך פאָרן קיין אַמעריקע. **אים האָט שטאַרק געשראָקן, אַז דער לגור[1] — דאָס צײַטווײַליקע וווינען, דאָס צײַטווײַליקע איבערזיצן די שלעכטע צײַט אין אַמעריקע, זאָל כאַסוועכאַלילע ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין א להשתקע[2] — אין באַזעצן זיך אף שטענדיק. און דאָס איז דאָך דאָס שרעקלעכסטע, וואָס קאָן נאָר זײַן, דאָס קאָן ברענגען צום זעלבסטמאָרד פון זייערע טאַלאַנטן.**

אין איינעם און דעם זעלבן טאָג, דעם דריטן יאַנוואַר 1906, שרײַבט ביאַליק אָן זײַנע צוויי קלאַסישע געזעגענונגס־בריוו — צו בערקאָוויטשן און שאָלעם־אַליכעמען.

אינעם בריוו צו בערקאָוויטשן שרײַבט ער:

„דאָס, וואָס דו און דײַן שווער (שאָלעם־אַלייכעם) טראַכטן פאָרן קיין אַמעריקע, געפינט ניט דעריקער קיין כיין אין מײַנע אויגן. איך האָב מוירע, אַז איר וועט פאַרלוירן גיין אין דעם גרויסן יאַריד. דאָרטן איז דאָ פרײַהײַט — אָבער די פרײַהײַט וואַרפט אָן א גרויסע איימע אף אַזאַ מענטשן, ווי איך.

איך זע צײַטנווײַז די אַמעריקאַנער צײַטונגען און אָן עקל כאַפּט מיך אַרום. וויפל גרויסהאַלטערישקײַט, וויפל גראָבקײַט, וויפל געשמאַקלאָזיקײַט און וויפל ראַש! ראַש! ראַש! און איך האָב פײַנט דעם ראַש בעטאַכלעס סינע.

צי דען האָסטו, מײַן טײַערער, זיך מעיאַעש געווען אין רוסלאַנד אף אייביק? צי דען גלייבסטו ניט נאָך זען דאָ אונדזער טרייסט?

...מיר וועלן נאָך זוכע זײַן זען צײַטן פון פאַרגעניגן אף דער וועלט אין רוסלאַנד. סאָפּקאָלסאָף וועט די פאַרבליבענע נאַציאָנאַלע נעשאָמע אופגעהיט צווישן די ייִדן אין רוסלאַנד.

...זע, זאָלסט ניט פאַרקויפן דײַן נעפעש דער אוווידעזאָרע פון די אַמעריקאַנער טעגלעכע צײַטונגען. בעסער זײַן א גורף ביבין[1] — רייניקן קאַנאַוועס און שלעפּן נעווײלעס.

שרײַבן זאָלסטו נאָר מיטן רועך האַקוידעש, זאָלסט ניט פאַנאַנדערבינדן דעם בונד, וואָס צווישן דיר און צווישן דײַנע כאַווײרים שרײַבער אין רוסלאַנד.

...לערן, לערן, לערן! און שטענדיק זאָלסטו בענקען נאָך דײַן היימלאַנד, נאָך דײַן קליינשטעטל, נאָך דײַן קינדהײַט, נאָך די טעג פון הונגער, נאָכן מאָך, וואָס אין וואַנט פון דײַן פּאַטערס הויז, נאָך דײַנע יוגנט־זינד, נאָך ביאַליקן. אָט די בענקעניש וועלן דיר בײַשטיין אין אָן אייס צאָרע, און זיי וועלן רייניקן דײַן זעל פון יעדער אומרייניקײַט און פּגימע". **(צווייטער באַנד פון ביאַליקס בריוו, זז. 6—7).**

ביאַליקס בריוו צו שאָלעם־אַלייכעמען זײַנען פול מיט טיפן צער פון צעשיידונג:

„וואָס וועט זײַן דער סאָף, פרעג איך דיך, אַדעראַבע, זאָג מיר, ווו איז גאָטס יושער? וואָס אַרט עס אים, לעמאַשל, אַז עס זיצט זיך איינער א ייִד, וועמענס נאָמען ס'איז שאָלעם־אַלייכעם, באַם ברעג פון דניעפּער און שרײַבט שיינע מײַסעס פאַר זײַנע ייִדן — און זיי, די ייִדן, קויקלען זיך פון געלעכטער און האָבן אף א ווײַלע פאַרגעניגן אף דער וועלט נאָך דער שווערער אַרבעט, נאָך דער פאַרמאַטערטקײַט און גרויסע זאָרגן. נאָר גיי פרעג קאַשעס דעם ריבוינעשע־לוילעם!

בעקיצער, זאָל דײַן אַרויספאָר זײַן בעשאָלעם און האָב דערפאָלג אין אַמעריקע, אָבער דײַן פּען היט אָפּ, פאַרקויף זי ניט די הענדלער פאַר שענדלעך געלט!

און אַז עס וועט קומען די צײַט, איז הער מיך אויס, און קער זיך אום צו אונדז, צו דײַנע אַלטע כאַווײרים. סאָפּקאָלסאָף איז ניטאָ אַזאַ גוט לאַנד, ווי רוסלאַנד, און ס'איז ניטאָ אַזאַ גוטע שטאָט, ווי אָדעס! אָדעס! קיין אָדעס!

...און נאָכאַמאָל שאָלעם, שאָלעם דיר. דײַן אַרויסגיין און דײַן אומקערן זיך זאָל זײַן מיט שאָלעם. איך הייב אוף מײַן טיכל פונדערווײַטן. איך וואַרף מײַן הוט און שרײַ הוראַ און וויין שטילערהייט" **(צווייטער באַנד פון ביאַליקס בריוו, זז. 9—10).**

„פּאַיעכאַלי" — א געוויינלעך רוסיש וואָרט, וואָס, ווי א סאַך רוסישע געוויינלעכע ווערטער, ציט נאָך זיך אַן אומגעהייער לאַנגן עשעלאָן פון אַסאָציאַציעס וועגן רײַזנדער, וואָס האָבן איבער גאָר דער גרייס און ברייט פון רוסלאַנד זיך אָנגעשטויסן אף זומפּיקע, פאַרהאַרטעוועטע וועגן, אף אומוועגן און אויסוועגן.

ס'איז גענוג אַרויסריידן דאָס פּאַשעטע וואָרט וועגן פאָרן און אוועקפאָרן, און עס טראָגט זיך ווײַכערדיק דורך די רוסישע „טראָיקע" און עס לאָזט זיך הערן דער פאַרייניזאַמטער, פּאַרלוי־

[1] **לאַגור;** [2] **לעהישטאַקייא.**

[1] **א גורעף בײַוין.**

רענער גלעקל־געקלאנג פון די פּאָסט־פּערד, וואָס זײַנען אין שנייִקן שטורעם אראָפּ פון דעם גלײַכן וועג. עס סקריפּען די רעדער פון די וואנדערנדיקע טשומאקעס, און א געזאלצן, קלאָלעסדיק ווידערקאָל עסט זיך אײַן אין די אויגן און פארביטערט דאָס הארץ.

ס׳איז גענוג ארויסברענגען דאָס פּאָשעטע וואָרט „פּאָרן״, און עס הייבט אָן יארידעווען מיט יארידן, מיט מארק־טעג, מיט כריוקען פון כאזיירים, מיט מעקען פון קי און שעפּסן, מיט הירזשען פון פערד, מיט הילכיקער זיך דינגענ־דיקער האנט־פּאטשערײַ. און די לופט איז אזא שווערשטיקנדיקע, אָן אויסגעמישטע מיט פארשיידענע מענטשישע און באלעכײַישע שווייסן, מיט רייכעס פון טאראן, סמאָלע און דזעגעכץ. „פּאָר איך מיר ארויס אין אָן ענגער בויד״ זינגט זיך פאנאנדער דאָס ייִדישע באלעגאָלישע פאָלקס־ליד און „אף פארשנייטע און פארווייטע וועגן״ לאָזט זיך אראָפּ „א כוישעך, א וויוגע, מע זעט ניט די וועלט״. די ענגע בוידן קאָנען ניט דעריאָגן דעם צוג, וואָס פארמאָגט „א פּײַפער מיט אָן אײַזערנעם קויעך״, וועלכער האלט אין איין קישעפן מיט ווונדער. עפּעס א קלייניקײַט, „פון אונטן גיסט זיך וואסער און פון אויבן גייט א רויך״, און עס יאָגט און עס טראָגט אים, ווי דער רועך דעם מעלאמעד.

דער ווונדער פון דער אײַזנבאן איז געווען אזוי גרויס, אז די ערשטע צײַט האָבן אין די שטעטלעך זיך אפילע געפונען אזעלכע כאכאָ־מים, וואָס האָבן ניט געגלייבט זייערע אייגענע אויגן — ווי קאָן עס זײַן, עס זאָל לויפן אָן פערד? ס׳איז ניט מער ווי א פּאטעפּאלנעס פון די הײַנטיקע אופגעקלערטע לײַט — אָנשטאָט די פערד זאָלן זײַן אין דרויסן, זײַנען זיי אינוויי־ניק, אין די וואגאָנעס...

— „פּאָיעכאלי!״ — האָט יורי גאגארין דעם 12־טן אפּרעל פון 1961 יאָר מיט אָט דעם פּאָ־שעטן וואָרט, ווי מיט א שיים האמפּוירעש, זיך אופגעהויבן אין קאָסמאָס צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער מענטשהײַט און ארומ־גערײַזט די וועלט ארום און ארום.

און אָט מיט דעם וואָרט הייבן מיר אָן רײַזן איבער ארן ווערגעליסעס „רײַזעס״ — „פּאָיעכא־לי!..״

דאָס פליִען פון דעם באָינג איז אזוי בליץ־שנעל, אז „מע לייגט קימאט ניט קיין אכט אף דער וועלט־געאָגראפיע, וואָס שפּרייט זיך אויס אָן אָנשוילעכע אונטער די פליגל פונעם אעראָ־פּלאָן״ (ז. 10). א רײַזע, וואָס האָט אמאָל גע־דויערט וואָכן לאנג, ווערט איצט דורכגעמאכט אין מעשעך פון זיבן שאָ מיט צוואנציק מינוט. „מ׳קאָן, אָפּעסנדיק פרישטיק אין מאָסקווע, זיך דערקלײַבן צו דער וועטשערע קיין וואשינג־טאָן״.

אָט די פאנטאסטישע שנעלקײַט שאפט א מין פייזאזשלאָזן פייזאזש, אין בעסטן פאל א ביז גאָר היפּשע איבערהיפּערונג פון די פייזאזשן, וואָס באגלייטן און קומען אָן אנטקעגן. דאָס געיעג נאָך דער זון פארפּילט די פייזאזשלאָזי־קײַט מיט א העלער, אופמונטערנדיקער ליכטי־קײַט:

„דאָס פליִען פון אונדזער „באָינג״ קאָן מען אָנרופן — א געיעג נאָך דער זון. טראָגנדיק זיך אף מײַרעוו מיט דער שנעלקײַט פון קנאפּע טויזנט קילאָמעטער א שאָ, שטייען מיר קימאט ניט אָפּ פון דער זון, לויפן איר נאָך פוסטריט, און דערפאר פארגייט זי ניט פון אונדזער האָ־ריזאָנט״ (ז. 10).

אָט דאָס וויכערדיקע טראָגן זיך אין דער לופטן האָט ארײַנגעטראָגן גרויסע ענדערונגען אין דער „הימל־טעמע״, אין נאטור־פייזאזש, וואָס איז געווען פארעכנט צו די „אייביקע טע־מעס״.

וועגן דער גרויסער ענדערונג אין פייזאזש פירט ארן ווערגעליס זײַן געשפּרעך מיטן איטאַ־ליענישן מאָלער רענאטאָ גוטוזאָ און מיטן שאכ־מאטיסט מיכאיִל טאל.

רענאטאָ גוטוזאָ האלט, אז ס׳איז א גרויסער אונטערשייד — קוקן אפן הימל פון אונטן ארוף, און קוקן פון די הימלשע הייכן אף דער ערד אראָפּ; עס ענדערט זיך ביז איר קעגנזאץ די פּאליטרע.

„ווען מע קוקט אפן הימל פון אונטן ארוף, זײַנען די כמארעס טונקעלע, שווארצע („שווארץ ווי א כמארע...״). פון אויבן דערזעט מען אָבער, אז זיי זײַנען שניי־ווײַס (מע דארף שוין נוצן דעם אויסדרוק „ווײַס ווי א כמארע...״). און, פארשטייט זיך, דער גאנצער קאָלאָריט ווערט אָן אנדערער, די שטימונג — א פרינציפּיִעל גע־ענדערטע״ (ז. 420).

מיכאיִל טאל האלט, אז באם שפּילן שאָך אין עראָפּלאָן „ווערן אלע מאָסן און פּערספּעק־טיוון אנדערע, איידער דאָ, ווען דו געפינסט זיך אף דער ערד״...

אָט דער נײַער פייזאזש־געמעל, דער נײַער קוק אפן לעבן — אזש פון די הימלשע הייכן — פאלט צונויף מיט ווערגעליסעס קינסטלערישן אני־מאמין: וואָס העכער אין די הימלען, וואָס מער עס גערויערט דער „אויב ניט נאָך העכער״, אלץ גרעסער ווערט די בענקשאפט צו דער מו־טער־ערד, אלץ שענער הייבט זי אָן אויסזען און אלץ פעסטער הייבט זיך אָן פילן די אײַנגע־וואָרצלטקײַט אין איר.

יאָ, וואָס מער הימל איבערן קאָפּ, אלץ מער ערד אונטער די פיס, אלץ שטארקער ווערט די ליבע צום לאנד, צום מענטשן, צו דער וועלט!

ארן ווערגעליס שענקט א סאך אופמערקזאמ־קײַט דעם אורבאניסטישן ארכיטעקטור־פייזאזש, דאָס איז בא אים דער דרויסן, וואָס פירט אינעם אינווייניק פון דעם אָדער יענעם לאנד.

דער אייגנארטיק־אָריגינעלער אורבאניסטי־שער ארכיטעקטור־פייזאזש פארמאָגט א נײַע רײַכע גאמע פון בילדערישקײַט, ריטמישקײַט און סאָציִאלער פארשארפטקײַט. ניו־יאָרק! דער ערשטער אײַנדרוק, דער ערשטער פייזאזש פון דער שטאָט:

„אונטער אונדז — אַן אָקעאַן־צעגאָס פון טעפּעס אַזוינס, וואָס מע קאָן אפילע ניט אָנרופן פּײַערן. ס'איז פּונקט ווי מ'וואָלט אַראָפּגענומען דעם אייבערשטן שיכט פון דער ערד, און דאָרט האָט זיך אַנטפּלעקט דעם אויג א פּײַערדיקע לאַווע, וואָס לויכט און מינעט זיך, שפּילט און גיסט זיך איבער, הייבט זיך אויף ביז אהער, ביז צום „הימל", און פאַלט ערגעץ אין דער נידער, אין דעם ברעג־וואַסער פונעם אָקעאַן, — פון דעם עמעסן, דעם אַטלאַנטישן" **(ז. 10).**

די ניו־יאָרקער אַרכיטעקטור נעמט אויף ווער־געליס ווי „מוסקולאַטור, ווי שטיינערנע מוסקו־לאַטור", **ער נעמט זי אויף ווי** „א שטיינערנע פּאָעמע געשריבן אַף די גראַניטענע אינדזלען און אַף א שטיקל קאָנטינענט".

און ווען ער טראַכט וועגן די גרויסע מענטש־לעכע אופּטועןן, קומט ער צום אויספיר, אַז דאָס איז דער אופּטו פון די „פּאַרהאַרעוועטע מענטשן", **וואָס האָבן אַרײַנגעלייגט אין דער בויונג זייערע בעסטע און לעצטע קויכעס, זייער בלוט און שווייס.**

„און איך טראַכט איצט וועגן דעם פּאַרהאַרע־וועטן מענטש, וואָס האָט דאָר נאָך דאָר און יאָרהונדערט נאָך יאָרהונדערט מיט זײַן בלוט און שווייס געשריבן אַף פיר גראַניטענע אינ־דזלען און אַף א שטיקל קאָנטינענט די שטיי־נערנע פּאָעמע „ניו־יאָרק", די פּאָעמע, אין וועל־כער די שורעס — די הײַזער־פּראָפּילן — שאַפן בליציקע זיגזאַגן, אַנהייבנדיק פון די נידעריקע פּאַרזשאַווערטע דעכער פון האַרלעם און ביז דעם הונדערט צוויי שטאָק פון עמפּײַר סטייט בילדינג" **(ז. 24).**

אין „וואַשינגטאָנער פּייזאַזש זעט מען ניט קיין קוימענס פון פאַבריקן". **די צענטראַלע גאַסן זײַנען** „רײַך און אויסגערוט", **און** „עס דוכט זיך: צווישן דעם גרינס פון די סקוועדן האָט זיך צוגעלייגט אַן אויסגעפּוצטע נעגידעסטע..."

וואַשינגטאָן איז אָבער אייגנצײַטיק צוויי־פּיי־זאַזשיק — אַף די ראַנד־גאַסן וואַרפט אַן אין איי־מע דער פּייזאַזש פון דאַקעס, נויט און אָרעמ־קײַט: „דער קאָנטראַסט איז א דערשיטערנדי־קער. קליינע הײַזקעס. גרויסע נויט. קליינע הונ־געריקע קינדער. גרויסע אַרבעטסלאָזע מאַנצ־בלען" **(ז. 20).**

אומעטום, אין יעדן לאַנד, וווּהין ווערגעליס קומט, אַף וועלכער ערד ער זאָל ניט אופּטרעטן, ווערט ער פאַרכאַפּט צום אַלעם ערשטן פון דער אַרכיטעקטור. און אומעטום דינט בא אים יעדע מין באַזונדערע אַרכיטעקטור, ווי יעדער באַזונ־דערער „קלימאַט", אַלס סאָציאַלער רעגנטגען. אין דער נעפּלדיקער שטאָט לאָנדאָן שטרענגט זיך אָן דער דיכטער צו באַנעמען צום אַלעם ערשטן דעם סאָציאַלן נעפּל:

„אַף די לאָנדאָנער גאַסן איז צוגעפאַלן די נאַכט. די נאַכט און דער נעפּל. ניט גערעכט זײַ־נען די, וואָס זאָגן, אַז דער לאָנדאָנער נעפּל פּאַרדעקט מיט זיך, ווי מיט א גראָבער שאַל, דאָס פּאָנעם פון דער שטאָט. ניין, גיכער איז דער לאָנדאָנער נעפּל א דינע און לײַכטע וואַל, הינטער וועלכער ס'איז אומעגלעך צו באַהאַלטן דאָס פּאָנעם" **(ז. 227).**

אין ווין איז ניט צו באַמערקן די „טעאַטראַ־ליש־פאַרשאַרפטע און איבערגעטריבענע קלאַנ־גען, פאַרבן, ריטמען און פאָרמען פון אַנדערע אייראָפּעיִשע הויפּטשטעט". ווין איז „ענלעך אַף אַן אַלטער שטוב מיט אַלט מעבל. אָבער אין דער דאָזיקער שטוב איז די שטימונג ניט אַזוי פּײַערלעך און זאַרגלאָז, ווי ס'האָט אויסגעזען אין די אַלטע אידיליעס" **(ז. 306).**

די פאַנטאַסטיש־געשפּילטע פאַנטאַזיע פון דער נאַטור און פון די מענטשן — בויער פילן אַן מיט א ליכטיקער און שפּילעוודיקער שײַן דעם דיכ־טערס אויג, דעם דיכטערס האַרץ.

מאַנאַקאָ, די שאַכנטע פון דער פּראַנצויזישער דאָרעמ־שטאָט ניצע, בלויז פערציק מינוט פאַרן מיטן אויטאָמאָביל. ווערגעליס „האַלט אין איין דרייען דעם קאָפּ — פון יאַם צו די אַלפּן, פון די אַלפּן צום יאַם".

„די שיפּוּים פון די בערג זײַנען, ווי ווײַט דאָס אויג כאַפּט, געדיכט באַהאַנגען און אַרומגע־שטעלט מיט ווײַסע און קאָלירטע שטיינערנע און הילצערנע ווילעס. די פאַנטאַזיע פון די בויער האָט זיך דאָ צעשפּילט, וואָלט איך זאָגן, מיט פאַרשײַטקײַט. פאַר די אויגן שווינדלען פּאַלאַצן: איינער הענגט אַף אַן אָפּגרונט, דער צווייטער שפּרינגט קלוימערשט אין יאַם אַרײַן; איינער איז ענלעך אַף א הוידלקע, א צווייטער אַף א בריק; און ווײַטער שטופּן זיך, ווי אַף א מאַסקאַראַד, פּאַלאַצן מיט הערנער און פּאַלאַצן מיט שנאָבלען, פּאַלאַצן — טונעלן, פּאַלאַצן — גראָטן, פּאַלאַצן — האָטעלן, פּאַלאַצן — מאָטעלן, פּאַלאַצן — יאַכטעס און פּאַלאַצן — פּאָשעטע פּאַ־לאַצן" **(ז. 256).**

קאַרלאָווי וואַרי (קאַרלסבאַד) — **דאָס איז די צווייטע שטאָט, נאָך רוים, ווו געטע האָט גע־וואָלט לעבן און וועלכע הומבאָלדט האָט אָנגע־רופן ניט אַנדערש — ווי** „דער בריליאַנט אין א שמאַראַגדענער בראָשקע". **קאַרלאָווי וואַרי, די שטאָט, וועלכע ליגט אַף די באַרג־אַראָפּהאַנגען און אַפן דעק פון אַן ענגן טאָל, ווערט אונדז געוויזן אין איר פאַרנאַכטיקן אויסזען:**

„פאַרנאַכט, ווען אין טאָל צינדן זיך אָן די שטאָטישע פּײַערן, העל־רויטלעכע, וואַרעמע, פּײַטלעכע, וואָלט איך, פון מײַן זײַט, צוגע־געבן, אַז דער קאַרלאָוואַרער באַשפּרענקלטער מיט שײַן טאָל־דורכלויכט אין די בערג זעט אויס ווי אַן אופגעשניטענע גראַנאַט־פּרוכט, פון וועלכער א טייל ווײַמפּערלעך איז שוין פונעם אײַנגעוויידו אַרויסגענומען" **(ז. 422).**

אַרן ווערגעליסן זײַנען דערווידער יענע מין סקעפּטיקער, וואָס רעדן לאָשנהאַרע און זידלען

די וואָלקן־קראַצערס פאַר פאַרשטעלן דעם בען־אָדעם — די זונמענטשן.

דאָס „קריכן אין די הייכן" באַגײַסטערט דעם דיכטער:

קעדיי איך זאָל זען דײַנע אַלע שויבן
און הערן דײַן גאַנצן ראַש, —
דו האָסט מיך מיט גוווּרע אופגעהויבן
אַף הונדערט צוויי עטאַזש.
פאַר דעם נאָר אַליין, פאַר אַזאַ מין קויעך,
פאַר אַזאַ מין דראַנג —
איך בייג זיך אָן, ניו־יאָרק, צו דײַן אויער
און זאָג אַ דאַנק. (ז. 37).

אַרן וועדגעליס איז פאַרכאַפּט פון דער שטאָלטנער יעפּאַסטויערדיקער שטאָט פּאַריזש מיט אַלע אירע קינסטלערישע אוצרות און פאַרמעגנס. „אַ גאַסט פון דער ווײַט ווייסט מאַ־מעש ניט, פון וואָס אָנצוהייבן די באַקאַנט־שאַפט מיט לאָנדאָן" (ז. 206). און וואָס שײַעך רוים, איז דאָך קיין סאָד ניט, אַז אַלע וועגן פון דער לאַנג פאַרגאַנגענער געשיכטע פירן צו אָט דער וועלט־שטאָט. אַזוי — אַ לאַנד נאָך אַ לאַנד, אַ שיינקײַט נאָך אַ שיינקײַט, איין שיינ־קײַט אייגנאַרטיקער און פאַרכאַפּנדיקער פון דער צווייטער.

דער דיכטער ווערט אָבער ניט פאַרבלענדט פון דעם, וואָס ער זעט. ווי פון אַ שאָלעכץ, שיילט ער אויס פון דער אויסערלעכער פּראַכט אַלע מיִעסקײַטן, אַלע פינצטערנישן, וואָס טרעפן זיך אָן אַף טריט און שריט.

די שײַן פון בראָדוויי איז אַ קאַלטע, אַ פאַר־פירערישע:

ס'איז גאָרניט נייטיק דאָפּקע מישן שײַן מיט ליכט.
אָט איז, לעמאָשל, דער בראָדוויי מיט שײַן באַצירט.
די שײַן דאָ אָנעמען פאַר ליכט איז ניט קיין כײוו
(ז. 30)

בראָדוויי דערמאָנט „אַ לעבעדיקן וועזן מיט נערוון און מיט נעגל און מיט ציין".

וואָס ליכטיקער זײַן וואָרט,
אַלץ פינצטערער דער מיין.
וואָס פרייִלעכער דער טאַנץ,
אַלץ מידער איז דער טענצער (ז. 30

די שײַן־פאַרפלייצעניש פון בראָדוויי ווערט קאָמענטירט מיט אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטן פּראָזע־פאַרגלײַך:

„אויב עמעצער וועט דיר גיסן אַפן קאָפּ גאַנ־צע עמערס וואַסער — וועסטו ווערן פּיטש־נאַס, אָבער אין מויל וועט גאָרניט אַרײַנפאַלן, דעם דאָרשט וועסטו ניט שטילן, דאָס וואַסער וועט פאַר דיר פאַרלירן זײַן באַדײַט"... (ז. 31).

יאָ, „אין דעם איינזאַמען פּײַערל אין דעם יעגערס טײַגע־שטיבל" איז „פּאַראַן מער שײַן, איידער אין די טויזנטלאָמפּיקע עמערס שײַן, וועלכע בראָדוויי גיסט אויס דעם מענטשן אַפן קאָפּ" (ז. 31).

בישכיינעס מיט בראָדוויי שטייט אוף טכיִעס־האַמייסים פאַר דעם דיכטערס אויגן דער ווײַ־טער אייערנעכטן:

אַף יענער זײַט ברוקלינער בריק — אַ וווּנדער! —
הייבט אָן זיך דער אַכצנטער יאָרהונדערט (ז. 44)

טונעיאַדעווקע, גלופּסק, קאַפּצאַנסק מיט די איפּעשדיקע בלאָטעס איבערן האַלדז, קעגן וועל־כע אונדזער זיידע מענדעלע האָט אַזוי לײַדנ־שאַפטלעך קעמפעריש געוואָרפן זײַנע פײַלן און וועלכע די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט אויס־געטריקנט און אויסגעמעקט פון דער געאָגראַפּי־שער מאַפּע, זײַנען מעגולגל געוואָרן אַפן אַמע־ריקאַנער באָדן אין וויליאַמסבורג. „איבער דעם פאַרשטילטן געסל, צווישן הײַזער־קרעמלעך, הײַזער־באַטעמעדראָשים, גלאַט אַלטע, אויסגע־קרימטע הײַזער, דרייען זיך אַרום קאַפּאָטעס און שטרײַמלעך, בערד און פּייעס", דרייען זיך אַרום זיבעצן־אַכצניאָריקע יעשיווע־באָכערים מיט דער האָפענונג דערגרייכן די קאַריער פון ראַ־באָנעס, פון פּאַסקענען שײַלעס.

עס לויפן צונויף זיך די ווײַסע זאָקן,
עס קלײַבן זיך אוף די קאַפּאָטעס אײנײנעם.
זיי קוקן זיך צו צו מײַן הוילעך דערשראָקן,
און איך אַף זיי קוק מיט כידעש מיט ריינעם.
באַ מיר אין דער היים וועט מען טײַנען: ס'אַ ליגן,
אַזוינס קאָן מען זען אין מוזיי בלויז ליגן (ז. 45

די געאָגראַפישע צעשפּרייטקײַט פון דעם רײַ־זע־מאַטעריאַל, דער ברייטער פאַרנעם פון די שילדערונגען, דער קאַליידאָסקאָפּ פון באַגעגע־נישן מיט פּרײַנט, מיט האַלבע פּרײַנט, מיט וואַקלענדיקע, מיט הונדערטפּראָצענטיקע סאָ־נים, דער צונויפגוס פונעם הײַנט מיטן היסטאָ־רישן נעכטן אין יעדן לאַנד באַזונדער, — דאָס אַלץ נייטיקט זיך אין אַן אויסערגעוויינלעכער געפּרעסטקײַט פון פאַרב און שילדערונגס־מיט־לען, מע באַדאַרף גלײַך אַפן אָרט מיט אַ וואָרט אַנטוואָפענען און מיט אַ וואָרט באַוואָפענען, מיט געציילטע שטריכן שאַפן אַ לעבעדיקן פּאָר־טרעט. אַרן וועדגעליס דערגרייכט עס אַף אַן עכט מײַסטערישן אופן. אָט דערציילט ער אונדז וועגן זײַנער אַ באַגעגעניש מיט די, וועמענס פּובליציסטיק „עס קלינגט אין די אויערן פון די לינקע אַנטיסאָוועטיש, נאָר עס טרעפט, אַז זי קלינגט אין די אויערן פון די רעכטע פּראָסאָ־וועטיש"; אָט די בירגערלעכע, וואַקלדיקע „לי־בעראַלן", וואָס האַלטן אין איין שטאָלצירן מיט זייער „פּרעסע־פרײַהײַט", ציטערן איימאַס מאָ־וועס פאַרן באָס און באַזונדערס פאַר די ייִדישע מאַקאַרטיס, זיי באַגעגענען זיך מיטן קאָמוני־סטישן רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד" „קאָנספּיראַטיוו" אין אַ פּריוואַטער קוואַרטיר, און זאָל גאָט שוימער אומאַציל זײַן, עס זאָל מעלדן וועגן דער באַגעגעניש די פּרעסע...

דער באַוווּסטער ייִדישער דיכטער יאַנקעוו גלאַטשטיין און דער באַוווּסטער זשורנאַליסט בענציִען גאָלדבערג — אָט זיי ביידע זײַנען עס געוועזן די צוויי „קאָנספּיראַטיווע העלדן".

א ספּעציעלע זיצונג פונעם „איקוף"־פּרעזידיום אין ניו־יאָרק. ווערגעליס קאָן ווי געהעריק אָפּשאַצן די פאַרדינסטן פונעם ליטעראַטור־פאָרשער, זאַמלער און קאָמענטאַטאָר נאַכמען מײַזיל, און ער זאָגט אים אָפּ אָט דער זיצונג „אין גוט מוט" — אַז „זײַן שטול, דוכט זיך, גייט פון מאָל צו מאָל זיך א נייג אָפּ רעכטס, עפּעס דערפאַר, ווײַל א פּיסל באַם שטול איז קירצער פון די איבעריקע, אָדער ס׳קאָן זײַן איבער אַן אַנדער סיבע" (ז. 48).

כאַים שאָשקעס, דער זשורנאַליסט־רײַזנדער פונעם „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" איז געווען באַרימט „ווי א באַגײַסטערטער ניט־עמעס־שרײַבער", ווי דער בערל־אײַזיק פון דער בורזשואַזער און קליינבירגערלעכער ייִדישער פּרעסע. האָט עמעצער געפּרוווט א שווינדל טאָן, אָפּקנאַקן א נײַ געטאָקטן, פּריש־צאַפּלדיקן ליגן, פלעגט מען גלײַך מאַזקער נעשאָמעס זײַן בערל־אײַזיקן — יאָ, איך האָב עס שוין געהערט פון כאַים שאָשקעסן...

דער ליגן איז שטענדיק געווען שאָשקעסעס „עמעס". ווען אַרן ווערגעליס וואַרפט אים אויף וועגן זײַנע ניט געשטויגענע און ניט געפלויגענע שרײַבעכצן, באַליידיקט זיך ניט שאָשקעס, ער גיט אַפילע ניט קיין פינטל מיט אַן אויג. איינגיכן, — זאָגט ער, — וועט אָפּפאַלן די נויטווענדיקײַט אין דעם, ער וועט אוועקגיין אָף פּענסיע. סאַרא שרעקלעכער ציניזם פון א זשורנאַליסט!

אין „קיפּערס ייִדיש בוך־געשעפט" אין ניו־יאָרק בעט ווערגעליס א ייִדישן בוך. אָף דערויף באַקומט ער אַן ענטפער, אַז די ייִדישע אָפּטיילונג וואַלגערט זיך אין קעלער. „די מערהײַט אַמעריקאַנער ייִדן זײַנען קאַלט צו ייִדיש, דרוקט מען ביכער אָף ענגליש".

„— פאַרוואָס זשע איז מען אַזוי הייס צו ייִדיש אין סאָוועטנפאַרבאַנד?

— מע איז „הייס" צום סאָוועטנפאַרבאַנד, ווײַל ס׳איז קאַלט דער קריג".

אין לאָנדאָן באַשטייט די ייִדישע קולטור פון איין פיגאַראָ־שטענצל — שטענצל דאָ און שטענצל דאָרטן. ווו קאָן מען אים יאָ געפינען און ווו קאָן מען אים ניט געפינען? אומעטום איז ער דאָ (אַז אָך און ווי דעם אומעטום!), דער אַלטער פּאָעט, דער אַלטער אַקשן א. נ. שטענצל.

ווער האָט אײַנגעפירט אין א גרויסער קאַלטער סטאָדאָלע דעם סעמינאַר פון ייִדיש וויסן פאַר א הײַפל אַלטע ייִדן און ייִדענעס, וואָס האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן דאָס ביסל, וואָס זיי האָבן אַמאָל געוווּסט? — קלאָר, אַז ער, שטענצל.

— ווער איז דער הויפּט־אַווטאָר און אַרויסגעבער פונעם בראָשור־העפטל „לאָשן און לעבן" — אַוואַדע ער, שטענצל, און ניט קיין אַנדערער.

— און ווער איז דער רעדאַקטאָר? — ער, און טאַקע ער, שטענצל, ער האָט קאָשער פאַרדינט אַזאַ קאָוועד.

— און ווער איז דער פּאַרקויפער פונעם זשורנאַל? — אַוואַדע האָט ער ניט פאַרדינט אַזאַ מין אומקאָוועד, נאָר א פאַקט בלײַבט א פאַקט, ער, שטענצל, איז דער פאַרקויפער.

און גוט האָט געטאָן אַרן ווערגעליס, וואָס ער האָט אין עטלעכע טרעפלעכע שטריכן פאַרצייכנט אָט די זייער טראַגישע, איינזאַמע פיגור פון דעם קשיי־אָוירעפדיקן ערלעכן מענטשן.

שטענצל — דאָס „איז א ייִדישער ליטעראַרישער קאַנדיד, א טראַגיש באָדנלאָזער, צעפּאָלאָשעטער, שטענדיק מאָבילִיזירטער און איינציַיטיק צעטומלטער, אַמאָל א פאַרטאָרמאָזירטער (ווען ס׳איז, דוכט זיך, קלאָר, וויאַזוי צו האַנדלען), און אַמאָל א גוואַלדיק עקספּאַנסיווער (ווען די ענערגיע איז אַרויסגעוואָרפן אָפּן ווינט), קורץ — א קולטור־פאַנאַטיקער אין א האַרצלאָזער סוויווע. ער איז ניט פייִק זיך צו פאַרקויפן, דעריבער קאָן ער ניט אין אָט דער סוויווע צוגעבן גענוג גלאַנץ און מאַסשטאַב זײַן ערלעכער און, אין טאָך גענומען, גרויסאַרטיקער אונטערנעמונג" (ז. 219).

ניט בעסער, ווי אין לאָנדאָן, האַלט עס מיט דער ייִדישער קולטור אין ווין. אָף אַלע פראַגן, וועלכע אַרן ווערגעליס שטעלט דעם דאָקטאָר קורט ווײַס, קומט איין ענטפער — געשפּערט, דאָס הייסט צוגעמאַכט.

— ווי האַלט עס מיטן ייִדישן מוזיי?
„— געשפּערט.
— די ביבליאָטעק?
— געשפּערט.
— דער שפּיטאָל?
— געשפּערט.
— וואָס זשע איז ניט געשפּערט?
— די פרידהאָפע... דרײַ אין ווין, איין און דרײַסיק אין פּראָווינץ.
— צוליב וואָס אַזויפיל בעסאַלמענס?
— מען באַגראָבט די טויטן...
— וואָס נאָך איז ניט געשפּערט?
— די אַלטערס־היים (א מוישעוו־זקיינים).
— זאָגט מיר, איך בעט אײַך, וועלכע זאָרג האָט איצט די קולטוס־געמיינדע?
— אויפזיכט אויף דער מיקווע.
— נאָך?
— הילפע דער אָרמע־לײַט...
— נאָך?
— די שטאָדט־סינאַגאָגע.
— נאָך?
— מער ניכט" (ז. 312).

„די ייִדישע קולטור איז אין בעלגיע א מידבער. אין גאַנצן ייִשעוו ווערט ניט געדרוקט קיין איין ייִדישער אָס. דערפאַר אָבער זײַנען אָרגאַניזאַציעס, פאַרבאַנדן, קרײַזלעך און קלײַזלעך דאָ א שלאַל. מע ציילט אָן באַ פערציק בלויז ציִעניסטישע קאָמיטעטן און פאַרבאַנדן" (ז. 338). אין איטאַליע זײַנען באַ הײַנטיקן טאָג דאָ פינף און דרײַסיק טויזנט ייִדן, מערסטנטייל ספּאַרדישע, אַלע זײַנען זיי איטאַליעניזירט. און

דאָך גייט אַרויס אין רוים אַ זשורנאַל, וואָס טראָגט דעם נאָמען „שאַלאָם", וועמענס אינהאַלט און צילגעווענדטקײַט איז דער הייפּעך פון דעם אויסערלעכן שילד.

דער רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל סעניאָר טאַס איז „אַן איטאַליענער". אַ האָן אין בניי־אָדאָם איז מער באַל־איוורע ווי ער, נאָר וואָס טוט ניט קיין איטאַליענער צוליב פּאַרנאָסע?

אָט דער טאַס מעלדעט בעקויל ראָם:

„— הערט אויס, מיר זײַנען ציִעניסטן. און אין אונדזער זשורנאַל שרײַבן מיר פאַר די איטאַ־ליענישע ייִדן וועגן דעם לעבן אין ייִסראָעל, ניט אין איטאַליע" (ז. 381).

און וועגן נאָך אַ לאַנד שרײַבט דער „שאַ־לאָם", וועגן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד. „גוטס וועגן ייִסראָעל, שלעכטס וועגן סאָוועטנפאַר־באַנד. איטאַליע, די איטאַליענישע ייִדן פאַלן ביכלאַל אַרויס פונעם כעזשבן" (ז. 383).

אָט פון די דאָזיקע און פון ענלעכע געמוי־זעכצן און מידבאָריעס פון דער ייִדישער קול־טור לאָזן זיך הערן די „ווײ־געשרייען" וועגן דעם צושטאַנד פון דער ייִדיש־סאָוועטישער קולטור.

„זיי ווילן ייִדישקײַט בא יענעם, נאָר ניט בא זיך" (ז. 68).

די ווינער ציִעניסטן „שרײַען אָף דײַטש, אַז מע דאַרף זיך באַגיין בעסער מיט ייִדיש אין סאָוועטנפאַרבאַנד".

אָט אָפן באָדן פון די דאָזיקע מידבאָריעס וואַקסן אויס די יעניקע, וואָס זײַנען גרויסע בעריעס צו הוקען און טוקען, פײַפן און סוויש־טשען, זיך קרימען, מאַכן האַוויײַעס און בעשום־אויפן ניט דערלאָזן אָפּנעמען אַ לעבעדיקן גרוס פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. זיי זײַנען דאָך ניט אַבי־ווער, זיי זײַנען יאַרמלקע־יונגעלײַט, וואָס פילן אויס דאָס מיצווע־שליכעס — זיך אָנעמען די קריוודע פון דער ייִדישער קולטור אין סאָ־וועטנפאַרבאַנד.

אַרן ווערגעליס ווענדעט זיך צום אוילעם און שטעלט פאָר איינעם אַזאַ מיטן נאָמען בערעק:

„— זעט, סאַראַ כוצפּע! אַליין קאָן ער קיין קאָמעץ אונטערן אַלעף ניט אַוועקשטעלן און פאָדערן פאָדערט ער ייִדיש לאָשן... פאַר מיר. און נאָך אַ מין פאָדערן" (ז. 250). **מאָריס ראָ־זענפעלדס דעפיניציע וועגן כוצפּע איז ווי אָנ־געמאָסטן פאַר די כוצפּעניקעס פון דעם בע־רעק־מין. אַ כוצפּעניק, — שטרײַכט אונטער מאָ־ריס ראָזענפעלד, — איז דער, וואָס אַליין ניט קאָנענדיק קיין איוורע גייט ער פאַרהערן אַ ראָוו...**

מיט געפּרעסטע שטריכן גיט זיך אײַן ווערגע־ליסן שאַפן אייניקע ביז גאָר געלונגענע פּאָר־טרעטן פון די רעזערוו־קאַדרען פאַר העצער, טומלער און סקאַנדאַלן־מאַכער.

„ווען מיר זיצן אַזוי אין האָטעל־האָל און ריידן, גייט צו אונדז צו אַ ייִד, די גרייס ווי אַ דינאָזאַווער, און טוט צו מיר אַ זאָג מיט אַ קעלכל, שוואַך און דין, ווי אַ קאָמאַר, איך זאָל האַלטן אַ לעקציע „פאַר אַ מיניען שיינע ייִדן" וועגן „דעם אַפּיקוירעס מענדעלע מויכער־ספאָ־רים, וואָס מאַכט אַ קריטיקע אָף די כעסרוינעס פונעם פאָלק ייִסראָעל" (ז. 60).

און אָט איז אַ צווייטער טשודאַק, „אַ מין מאָ־דאָנע אין הויזן".

„אָפן פּײַן געטאָקטן האַלדז — אַ קעפּעלע מיט קוטשעראַווע האָר, די אויגן אַראָפּגעלאָזט, די בעקעלעך צונטער־רויט, אָנגעטאָן אין אַ גרין סאַמעטן רעקעלע מיט אַ ברוינעם קאָלנער". **אים אינטערעסירט, צי אין סאָוועטנפאַרבאַנד זײַנען דערלויבט צוויי מיינונגען וועגן איינער און דער זעלבער זאַך. וועהאָרײַע, אין זײַנע קאָלעקציאָניר־געזאַמלטע אַרויסזאָגונגען וועגן סאַן־פראַנציסקאָ האָט איינער אָן אָדעסיט אָנ־געשריבן שוואַרץ אָף ווײַס, אַז סאַן־פראַנציסקאָ איז ענלעך אָף אָדעס, און אַ צווייטער סאָוועטי־שער טוריסט האָט פאַרגליכן סאַן־פראַנציסקאָ ניט נאָר צו אָדעס, נאָר אויך צו קיִעוו און סאָטשי...** (ז. 83).

אַ דריטער ווייסט ניט, צי מע דאַרף איצט שעלטן, צי בענטשן די ייִדישע שפּראַך.

„איינער אָן אַסימילירטער ייִד שטעלט זיך אוף פון אָרט און זאָגט צו מיר אָף אַ וואָלינער ייִדיש:

— איך בין אַ געקאָנטשעטער אַדוואָקאַט, ווען איר וואָלט מיר, פּרימערנע, ציזוגן, אַז איכן עסן בילקע מיט פּיפּיקעס, גיי איך ווסיאָ ראַוונאָ ניט צייריק צי זשאַרגאָן.

איך ענטפער מיט אַ ניט ווייניקער וואָלינער ייִדיש:

— איך זוג אַך צי פּיפּיקעס מיט בילקע, אַבי מיטשעט ניט דעם זשאַרגאָן" (ז. 90).

אַ פערטער קאָן ניט מויכל זײַן דעם „סאָוועַ־צקי סאָיוז" פאַר דעם, וואָס אין דער מילכאָמע־צײַט האָט מען אים געצווונגען בעפּערעסיע מע־כאַלעל־שאַבעס זײַן — ליגן אין די אָקאָפּעס און שיסן אָף די פאַשיסטן.

„— איך בין אין דער מילכאָמע פאַרוואָגלט געוואָרן פון וואַרשע אין סאָוועצקי סאָיוז, האָט מען מיך געצווונגען גיין אין דער אַרמיִע, און דאָרט האָב איך אַפילע אום שאַבעס געמוזט ליגן אין די אָקאָפּעס... — האָט ער געשריגן. דער זאַל האָט זיך געקאַטשעט פאַר געלעכ־טער" (ז. 339).

אַרן ווערגעליס האָט געהאַט צו זינגען און צו זאָגן פון די פאַרשיידענע פאַרשוינען, מיט וועלכע ס'איז אים אויסגעקומען זיך צוזאַמענ־שטויסן בײַס זײַנע רײַזעס. דאָס „שוואַרצע כאַיִל" איז אומעטום, פון אַלע זײַטן זיך צונויפגע־לאָפן קעגן אים.

דער ניו־יאָרקער „פאָרווערטס" הייבט אוף אָן אַליאַרעם. ער רופט צונויף אַלע פינצטערע קויי־כעס. ער וויל ניט, ער וועט ניט דערלאָזן קיין אויפקלערונג וועגן דער לאַגע פון די ייִדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

10–421

דער „סינאַגאָג־קאָונסיל״ — די אָרגאַניזאַציע פון די אַמעריקאַנער ראַבאָנים — סײַ פון די אָרטאָדאָקסן און קאָנסערוואַטיווע און סײַ פון די רעפאָרם־ראַבאָנים — האָט אַרויסגעלאָזט א קאָמוניקאַט, וואָס רופט צו בויקאָט.

אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל״ ווערט געמאָלדן שוואַרץ אַף ווײַס, אַז דער פּרעזידענט פון דער אַמעריקאַנער ראַבאָנים־אָרגאַניזאַציע וואָרנט „די אַמעריקאַנער ייִדן זיך היטן פון ווערגעליסעס פאַרפירערישע רייד״ (ז. 18).

די ציִעניסטישע ראַדיאָ־סטאַנציע אין מאָנטעווידעאָ „קאָל־ציִען בעורוגוויַ״ און די צײַטונג „הײַנט״ פאַרשטאַרקן זייער פּראָפּאַגאַנדע „וועגן סאָוועטישן רישעס און סינעס ציִען״ אין צוזאַמענהאַנג מיט ווערגעליסעס קומען. זייערע מיטאַרבעטער וועלן ניט גיין הערן דעם גאַסט, עס וועט זײַן גלײַכער בלײַבן זיצן בא זיך אין די רעדאַקציעס און „פּאַרזעצן פּראָטעסטירן קעגן סאָוועטישן אַנטיסעמיטיזם״. נאָר דער ייִדישער אוילעם פון דער אורוגווײַער הויפּטשטאָט, לאָזט זיך אויס, איז גאָר ניט אַזאַ „פּאַסלושנער״ — שטראָמענווײַז זײַנען אַלט און יונג געגאַנגען הערן א לעבעדיק וואָרט וועגן סאָוועטנפאַרבאַנד. דער ביזאָיען פון דעם „בויקאָט״ איז געווען אַזוי גרויס, אַז דער אַרויסגעבער פון דער באַלעבאַטיש־רעליגיעזער וואָכנשריפט „מאָמענט״ ב. מאַרגוליס האָט געמוזט אָפּן ליפניי קאָהאָל וואָיידע אַנערקענען דעם דורכפאַל:

„מיר האָבן זיך דערנידעריקט. עפּעס האָט עס אויסגעוויזן, אַז מיר האָבן זיך דערשראָקן פאַר אים, עפּעס א פּאַכעד איז אונדז באַפאַלן, און מיר האָבן זיך פאַר אים אויסבאַהאַלטן... איז דאָס געווען אין אונדזער אינטערעס און צו אונדזער קאָנוועניענץ? וואָס פאַר א קאָשמאַר איז אונדז באַפאַלן, אַז מיר זאָלן ציטערן פאַרן לפני מי אתה עומד[1]. לפני עניות דעתנו[2] זײַנען מיר געווען ווײַט פון אויסגערעכנט צו זײַן. מיר האָבן מיט אונדזער מאַכרים זײַן ווערגעליסן פּראַקטישעס גאָר ווייניק דערגרייכט — און לאָמיר אויך מעגאַלע סאָד זײַן, — ס׳האָט אַף אים אויך גאָר ווייניק געווירקט״ (זז. 169—170).

און וואָס קאָן זײַן פאַר א גרעסערער ניצאָכן, ווען דער סוינע אַליין הייבט אוף אין דער הויך זײַנע הענט, גיט זיך אונטער און דערקלערט, אַז ער איז באַזיגט.

דער דאָזיקער ניצאָכן, ווי א סאַך אַנדערע, וועלכע ווערגעליס האָט אָפּגעהאַלטן, רעדט וועגן דער שאַרפקײַט פון זײַן געווער, שטרײַכט אַמבעסטן אונטער דעם אידייִש־פּאָליטישן באַדײַט פון זײַנע רײַזעס.

דאָס שוואַרצע כאַיִל טרעט אָבער ניט אָפּ, ווען עס פאַלט דורך אין איין אָרט, פּרוּווט עס זיך פאַרפעסטיקן אין א צווייטן. און זעט נאָר, זעט: אויך די קאַטוילישע גײַסטלעכע און זייער פּרעסע נעמען אָן דעם צאַד פון דער ייִדישער רעאַקציע.

אָנשטאָט איבערגעבן דעם ריכטיקן אינהאַלט פון אַרן ווערגעליסעס א באַריכט און די אָנצאָליקע ענטפערס אַף פאַרשיידענע פראַגן פון די זשורנאַליסטן וועגן לעבן פון די סאָוועטישע ייִדן (די פּרעסע־קאָנפערענץ האָט געדויערט העכער פיר שאָ), האָט די סאָלידע, גאָטספאָרכטיקע צײַטונג „ליבר בעלזשיק״ אָפּן סאַמע שווינדלערישן אויפן פאָרגעשטעלט די זאַך אַזוי, אַז ווערגעליס האָט קלוימערשט געהאַט איין ענטפער אַף אַלע פראַגן — „איך ווייס ניט״... „סאַכאַקל האָב איך, לויט דער קאַטוילישער מיטיילונג, געענטפערט אַכצן מאָל „איך ווייס ניט״. „ווייס איך ניט, צוליב וואָס עס נייטיקט זיך אין אַזאַ אינפאָרמאַציע די צײַטונג „ליבר בעלזשיק״, — האָב איך געזאָגט מײַנע צוהערער, די זשורנאַליסטן פון בריסעל, צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען א מיטאַרבעטער פון „ליבר בעלזשיק״. ווען איך האָב די פראַגע פאַרגעבן דעם דאָזיקן מיטאַרבעטער, האָט ער זיך עטוואָס פאַרויטלט און געענטפערט: „איך ווייס ניט...״ (ז. 336).

דערפאַר אָבער האָט וועגן דעם זייער גוט געוווּסט הענריך הײַנע, ווען ער האָט געזאָגט — „פון דעם ראָוו און פון דעם גאַלעך שטינקט באַגלײַך״...

וואָס מער סאָנים, אַלץ מער קויעך האָט געקוואָלן אין ווערגעליסן, אַלץ שפּיזיקער און שאַרפזיניקער איז געוואָרן זײַן וואָרט, אַלץ מער איז געוואַקסן אין אים די ווירדיקײַט, די ווירדיקײַט פון א סאָוועטישן קעמפער, וואָס האָט געהאַט די פולע רעכט צו זאָגן וועגן זיך די שטאָלצע ווערטער פון וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי:

У советских
собственная гордость:
на буржуев
смотрим свысока.

אָט דער שטאָלץ ברענגט צו א באַזונדער רויִקײַט, צו א באַזונדער זיכערקײַט אין דעם גערעכט, וואָס דער דיכטער שטעלט קעגן יעדן אומרעכט, מיט וועלכן ער באַגעגנט זיך אַף טריט און שריט. רויִקײַט און זיכערקײַט זײַנען די שטענדיקע אָנזאָגער און פאָרגייער פון ניצאָכן!

ווערגעליס קאַעסט זיך ניט, העכערט ניט זײַן שטים, זידלט זיך ניט. די איראָניע, דער הומאָריסטישער שמייכל, די פלינקײַט פון אַנטבלויזן עמעצנס שמאַד־שטיק, פון כאַפּן גלײַך באַם האַנט גיבן אים די מעגלעכקײַט אין א ריי ערטער אויסמײַדן די שווערע סאַטירע־אַרטילעריע, ער צילט, טרעפט און פאַרניכטעט מיט א שפּאַס, מיט בײַסיקער איראָניע.

אין אַזעלכע פאַלן איז ער מער שאָלעם־אַלייכעמדיק, איידער מענדעלע מויכער־ספאָרימדיק. אין זײַן ליד „צוגאַסט בא שאָלעם־אַלייכעמען״ לייענען מיר פאָלגנדיקע שורעס:

דערום זײַנט איר דאָך בא ייִדן א הומאָריסט,
אַז באָרגן א שמייכל מע זאָל בא אײַך קענען...

[1] ליפניי מי אטאָ אוימייד — פאַר דעם, פאַר וועמען דו שטייסט.

[2] ליפניי אניוס דאָאטיינו — געמיינט: לויט אונדזער באַשיידענער מיינונג.

דער אויסלאַכנדיקער שמייכל איז ביז גאָר נײַטיק — „ניו־יאָרק דאַרף אַ שאָלעם־אַלייכעם ווי דאָס לעבן". וויפֿל איראָנישער און סאַרקאַסטישער „כאַפּן באַם האַנט" ליגט אין דעם קימאַט אַנעקדאָטישן פאַל מיט באָריס פּאָלעוואָיס טשעמאָדאַן, וועלכער ווערט באַם איבערפֿירן פלוצעם „פֿאַרלוירן". ס'איז אַ געוויינלעכע זאַך. די פּאָליציי באַדאַרף „אויסטאַפּן דעם באַגאַזש" — טאָמער? עפּשער?

אויך ווערגעליסעס טשעמאָדאַן ווערט אויסגעטאַפּט און אויסגעבוידעקט גראַדע דאַן, ווען דער דיכטער איז ניטאָ אין האָטעל.

אויסגעגאַן כ'בין גאַנץ טשיקאַגאָ
און קיין גאַנגסטער ניט געזען.

און לאָזט זיך אויס, אַז זיי אַליין, די „אויסטאַפּער", זײַנען די עמעסע גאַנגסטערס:

און צוויי מאַנספּאַרשוינען פרעמדע
טרייסלען מײַנע זאַכן אויס —
ניט די הויזן, ניט די העמדלעך,
די פּאַפּירן מײַנע בלויז (ז. 51)

און ניט נאָר לאַכן און אויסלאַכן קען ווערגעליס. דער שטראָם פון ליבע, באַגײַסטערונג, מיטגעפיל, צאַר און באַדויערונג זײַנען דאָ אין דעם בוך גאַנץ היפּש און גאַנץ שטאַרק.

„שאַרל איז אַ פּאָשעטער פּאָלקס־מענטש. צווישן עטלעכע פּענעמער איז זײַן פּאָנעם ניט דאָס שרײַענדיקסטע, צווישן עטלעכע מיינונגען איז זײַן מיינונג ניט די קאַטעגאָרישסטע, ער איז ווי אַ ריפּטל ברויט לעבן דעם גאַנצן לעבל. בלײַבסטו מיט אים אַליין, איז דיר מיט אים גוט" (ז. 107).

אויסגעצייכנט איז דער פּאָרטרעט פונעם באַיאָרטן מאַן, דעם באַאַמטן אין שווייצאַרישן קרעדיט־באַנק, וואָס שיט מיט הויכע עפּיטעטן וועגן דער שווייץ („די שפּאָר־פּושקע פון דער וועלט", „דער הויפּט־מאַרק פון גאָלד") און רעדט אַזוי דערשלאָגן און מיט ווייטעק וועגן זײַנע אייגענע, וואָס זײַנען אין אוישוויץ פאַרגאַזט געוואָרן. דער „אַנשלוס" האָט זיי געטראָפן אין עסטרײַך.

„דאָס פּאָנעם באַם באַיאָרטן מאַן איז אין אָט דער רעגע געווען ווי צעטיילט אַפּצווייען. אין דער צײַט, ווען דער אונטערשטער טייל האָט גערעדט און נערוועז זיך געצוקט, האָבן אין אייבערשטן טייל זיך אָפּגעשטעלט די אויגן, און דער שטערן האָט זיך נאָך שטײַפער אין זיי אָנגעשפּאַרט. מיטאַמאָל האָבן די צוויי טיילן, שטאַרק פאַרשיידענע, גענומען פונקט ווי איבערגיסן זיך איינער אין דעם צווייטן און צווישן זיי האָט זיך דורכגעצויגן אַן אומזעבאַרע ליניע, וועלכע האָט זיי ווידער צונויפגענומען אין איין פּאָנעם, שוין אַ באַדאַכטן און פאַרזיכטיקן") ז. 365).

שרעקלעך איינזאַם זעט אויס דער זעקס־און־זיבעציקיאָריקער זאָקן מאַרק קאַהאַנאָוויטש, וואָס דרייט זיך אַרום איינער אַליין אין זײַנע צען צימערן, און ווי באַהעלט ער ווערט, ווען ער רעדט וועגן זײַנע בילדער־קאָלעקציעס און וועגן טרוים אַ טייל פון זיי אַוועקשענקען דעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

„ס'איז אַ שטילער מענטש, וואָס איז פּונקט אין דער רעגע, ווען דו זעסט אים, זיך מעיאַשעוו וועגן עפּעס מיט זיך אַליין. נאָר אָט הייבט ער אָן ריידן, און דו דערפילסט גלײַך דעם ניסטער" (ז. 233). **מאַרק קאַהאַנאָוויטש איז דעם ניסטערס אַ ברודער.**

„אין לוּוור זעט כיל אַראָנסאָן אויס, ווי ער וואָלט אַליין אַראָפּ פון עפּעס אַ בילד און ווייסט אַלע סוידעס פון דאָרטן. ווען איך שטיי בײַ לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשיס „דזשאָקאָנדע", טוט ער מיך אַ טרייסל באַם אַקסל און פרעגט:

— הינטער איר פּלייצע שפּילט מוזיק, איר הערט?"

כיל אַראָנסאָן איז גוואַלדיק אופגעבראַכט, וואָס מ'האָט מאָנאַ ליזאַן אַוועקגעשיקט קיין אַמעריקע אַף אַן אויסשטעלונג.

„— וואָס פאַרשטייט איר?! מיר זײַנען געשטאַנען פאַר דער געפאַר פון אַ נאַציאָנאַלן אומגליק! די פינף הונדערט מיליאָן נײַע פראַנקן, אַף וועלכע מ'האָט פאַרסטראַכירט „דזשאָקאָנד"ע, האָבן די ווערט אַ שפּײַ אַנטקעגן דעם, וואָס עס האָט געקאָנט מיט איר געשען... יאָ, יאָ! גאַנץ פראַנקרײַך האָט געפאָדערט אַן אַלפאָלקישן רעפערענדום וועגן דער פראַגע, צי עס איז דערלאָזבאַר צו פירן מאָנאַ ליזאַן איבערן אָקעאַן!

און ער ענדיקט מיט אַ שטאָלץ פײַערל אין די אויגן:

— מיר, פראַנצויזן, האַלטן פאַר אומטאַקטיש צו פאָדערן, אַז אַ שיינע פרוי זאָל ערגעץ גיין. דער, וואָס וויל זי זען, דאַרף אַליין צו איר קומען" (ז. 119).

און אָט דער באַגײַסטערטער קונסט־קענער, דער הויך־פליִענדיקער אָדלער כיל אַראָנסאָן איז געצווּונגען זיך אַראָפּלאָזן אַף דער ערד, קעדיי כאַפּן אַ קערנדל:

„אינמיטן וועג בעט אַראָנסאָן אָפּשטעלן די מאַשין:

— איך האָב אין דעם הויז אַ קוינע... דרײַעקזעמפּליאַרן פון מײַן בוך האָט ער שוין אײַנגעשאַפּן פאַר זײַנע קרויווים! וואַרט צו אַ רעגע, איך וועל אָפּנעמען דאָס געלט"... (ז. 118).

אַרן ווערגעליס מאָלט פּאָרטרעטן ניט בלויז פון לעבעדיקע מענטשן, מיט וועלכע ער באַגעגנט זיך, נאָר אויך פון פּאָרטרעטן און סקולפּטורן, וואָס אים איז באַשערט צו זען.

אין איטאַליע אײַלט ווערגעליס באַטרעטן די ערד, אַף וועלכער ס'איז געבוירן געוואָרן און אַף וועלכער עס האָט געשאַפן דער אומשטערבלעכער מיקעלאַנדזשעלאָ. אין פלאָרענץ פאַרשרײַבט ער:

„פיאצאלע מיקעלאנדזשעלאָ זעט אויס אזוי, ווי גלײַך דאָס וואָלט געווען אַן אטעליע פונעם געניאלן מײַסטער, וועמענס נאָמען דער פלאַץ טראָגט; נאָך דעם מײַסטערס אוועקגיין פון דער וועלט שטייען דאָ ניט גערירט די ווערק זײַנע: די סימבאָלישע פיגורן „טאָג", „נאכט", „אינ־דערפרי", „אָוונט", די קאָפּיע פון דער סקולפּ־טור פונעם יונגן העלד דאָוויד" (ז. 414).

פלאָרענץ פארמאָגט ניט בלויז מיקעלאנדזשע־לאָס „דאָוויד", זי פארמאָגט נאָך צוויי. דרײַ „דאָווידס", און ווערגעליס קאָן ניט אוועקפאָרן צוריק קיין רוים, ניט אָנקוקנדיק זיי אלע דרײַ. אלע דרײַ שמידן צו זײַן אויפמערקזאַמקײַט.

„פאר מיר איז דאָס וויכטיקסטע אין „דאָ־ווידן" — די יונגע אייביקײַט זײַנע, דאָס קער־פערלעכע אלס קוואל און באשטעטיקונג פונעם גײַסטיקן קויעך. ווײַסער מארמאָר גיט עס איבער אמבעסטן" (ז. 414).

און אָט איז די כאראקטעריסטיק פון מיקע־לאנדזשעלאָס דאָוויד: „מיקעלאנדזשעלאָס דאָ־וויד איז ווי אַן עפּל אַף דער צווײַג, אין דעם טוי. זײַנע אלע אייגנשאפטן טראָגט ער אין זיך — דערונטער די אומפארמײַדלעכקײַט פונעם זיג איבערן ריז גאָליאַס" (ז. 414).

„ווער איז א ייִד?", „וואָס אזוינס איז א ייִד?", „וויאזוי באדארף אויסזען א ייִד?", „איז דען א סאָוועטישער ייִד א ייִד?" „סאָוועטיש און ייִד, דאָס זײַנען פײַער און וואסער. ווײַל מען ראַ־טעווען דעם סאָוועטישן ייִדן, דארף מען פריִער פון אלץ ארויסשלאָגן פון אים דאָס סאָוועטי־שע".

א וועלט מיט קלאָץ־קאשעס, מיט שײַלעס, און אלע מיט איינעם און דעם זעלבן רעפרען: „ווער מיר זײַנען, זײַנען מיר, אָבער ייִדן זײַנען מיר, וואָס מיר טוען, טוען מיר, אָבער ייִדן בלײַבן מיר".

אָט די „הייסע ייִדן" באווײַזט ווערגעליס אין דער עמעסער ליכט. וואָס מער זיי שרײַען וועגן זייער ייִדישקײַט, אלץ ווייניקער איז צו דער־קאָנען אין זיי דעם עכטן ייִד.

„דו ביסט א ייִד? ניין, ביסט ניט קיין ייִד. א זון טומלט ניט ארום דער מאמעס נאָמען, סײַ ווען ס'איז דער מאמען גרינג, סײַ ווען ס'איז איר שווער" (ז. 62).

דער סאָוועטישער ייִד איז ניט קיין הוילער בוים אָן צווײַגן, ער געדענקט, ווי „אַף שיקערע אָרגיעס האָט מען איבערגעקרימט זײַנע רייד", ווי מע האָט אים געוואָרפן „אין שײַטערס אין טאָלעדאָ", **ער שאצט זײַן געשיכטע, זײַנע רײַכע** קולטור־אוצרעס.

דע דיכטער שטאָלצירט מיט דעם, וואָס דער ייִדישער אלעפבייס איז געווען א שיפר באַ אָלעג קאָשעוואָיען, וואָס „דאָוויד דראגונסקי האָט געצונדן שײַטערס פון גודעריאנס טאנקען".

דער הײַנטצײַטיקער סאָוועטישער ייִד איז א נײַער מין ייִד, און ער קוקט אַף די אלע טומ־לער און העצער ווי אַף דעם אָוואר, וואָס קאָן גאָרניט געבן און באַ וועלכן מ'קאָן גאָרניט נע־מען פארן הײַנט. פארשיידענע אָווארס זײַנען ניט ענלעך איינס אפן צווייטן, ווי „פארשיידענע ייִדן זײַנען פארשיידן".

האָב איך שוין די קינדער מײַנע
ניט געטויוולט, ניט געמאלעט,
און א ייִד איך בין פארבליבן,
און א מענטש באגלײַך מיט אלע.
האָב איך שוין אזויפיל צײַטן
ניט געהאנדלט, ניט געוואנדלט.
וואָס זשע ווילסטו — איך זאָל ווידער
איבערלעבן אָט די שאנדע?
איצט בין איך צו דיר געקומען
וועגן מײַנע וועלטן מעלדן:
ס'וואקסט מײַן וועלט ארומגענומען
מיט די איבעריקע וועלטן" (ז. 237)

ווער זשע פאָרט איז א ייִד?

דעם מענטשן מיר דערקענען לויט די מידעס
און לויט ייִכעס, וואָס אין זיך ער היט.
א ייִד איז דער, וואָס פרעגט ניט, ווער א ייִד איז,
און איז פון זיך אליין א ייִד. (ז. 313).

א ייִד איז דער, וואָס איז מער ניט געגליכן צום איינזאמען בוים, וואָס שטייט אפן מיטן וועג מיט פארוויינטע אויגן, נאָר א בוים איז ער אין וואלד צווישן ביימער.

אין בולגאריע, געפינענדיק זיך צווישן אַן אוי־לעם ספארדים, ווו ער, ווערגעליס, איז דער איינציקער אשקענאזי, דערפילט ער, ווי זיי, די בולגארישע ייִדן, האָבן ניט פאנאנדערגעריסן מיט זייער שטאם, מיט זייער נאציאָנאלער דאָר־דוירעסדיקער קולטור־ירושע.

„איך האָב ארײַנגעקוקט אין זייערע פּנע־מער און נאָכאמאָל און ווידעראמאָל דערזען, אז זיי זײַנען ניט קיין אויסגעוואָרצלטע מענטשן, די קייט פון זייערע דוירעס, דער גאנג זייערער צוזאמען מיט מענטשן פון אנדערע פעלקער — דאָס אלץ איז באזיניקט, און בעשאס דעם זינ־גען זעען זיי אויס ווי ביימער, וואָס רוישן מיט דער קרוין, פילנדיק דעם קויעך פון פאר־וואָרצלטקײַט" (ז. 451).

„ווען דער איטאליענישער לייענער בלע־טערט א איטאליענישן בוך פון א ייִדישן אוו־טאָר, פילט ער באשײַמפערלעך, אז דער אוו־טאָר איז א ייִדישער — סײַ לויט דער הומאָרי־סטישער מאניר, סײַ לויטן ספעציפישן אומעט, לויט דער נייגונג צו מאָנאָלאָגירן, צו אָפּשטעלן זיך באַ דעם אָדער יענעם פאקט און א פילאָסאָ־פיר טאָן, „א דריי טאָן מיטן גראָבן פינ־גער" (ז. 417).

די באגעגעניש מיטן גרויסן העברעיִשן שרײַ־בער שמועל־יויסעף אגנאָן, מיטן וועלט־בא־רימטן מאָלער מארק שאגאל, די סאָציאל־פילאָ־סאָפישע באהאנדלונג וועגן מאהאראל און וועגן גוילעם זײַנען אבסאָליוט ניט קיין זײַטיקע טע־מעס אָן אָרגאנישער שײַכעס צו די צענטרא־לע פּראָבלעמען אין די „רײַזעס". זיי גיסן זיך

הארמאָניש צונויף מיטן אַלגעמיינעם סוזשעטישן שטאָף און באַוויזן, אַז אַלדאָס פּראָגרעסיווע, אין וואָס פאַר אַ שפּראַך עס זאָל ניט געשאַפן ווערן, אַלדאָס טאַלאַנטפולע, וואָס האָט באַרײַכערט די וועלט־קונסט, איז ניט פרעמד דעם סאָוועטיש־יידישן שאַפן, דער יידיש־סאָוועטישער קולטור.

א נײַגעריק־דורשטיקער שרײַבער, האָט אַרן ווערגעליס ניט געקאָנט פאַרבײַגיין די גליקלעכע געלעגנהײַט צו באַגעגענען זיך מיט אַגנאָנען, וועלכער האָט אין צײַט מיט אים געווײַלט באַ דער טעמזע (נאָכן באַקומען אין שטאָקהאָלם די נאָבעל־פּרעמיע).

ווערגעליס גיט אַ ריכטיקע אָפּשאַצונג אַגנאָנס שאַפן, ער נעמט אויף די נאַציאָנאַלע אייגנטימלעכקײַט, וואָס איז באַזונדערס טראַדיציאָנעל געקליידט — אַגנאָן האָט ליב „דעם גײַסטיקן ווײַן אונטערטראָגן אין אַלטע קײלים", **דורך אַ כסידישער מײַסע, מאָשל, אַפאָריזם און וויץ. און טאָן טוט ער עס אויסגעצייכנט, אָפּן העכסטן מײַסטערישן אויפן, און ווי זאָגט דאָרט דער געניאַלער טשאַרלי טשאַפּלין —** „ס'איז קײנמאָל ניט אַלטמאָדיש צו טאָן דאָס, וואָס מ'קאָן טאָן אַמבעסטן".

אַגנאָן איז רעאַליסטיש, פאָלקסטימלעך און טראָגט אומעטום אַ טיפע בענקעניש צו דער גאַליציאַנישער ערד, צו בוטשאַטש, זײַן היים, ווו ער איז געבוירן געוואָרן, אויסגעוואַקסן און ווו עס האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט זײַן שרײַבערישע מוזע.

„קריטיקער פרעגן, — דערציילט אַגנאָן, — פאַרוואָס כ'האָב אין דעם ראָמאַן „אַ גאַסט אַף אַ ווײַל" איבערגעגעבן די „סימבאָלישע שליסלען" פונעם יידישן לעבן אין די הענט פון אַ קאָמוניסט. איצט האָב איך די מעגלעכקײַט צו פרעגן באַ אײַך: צי קענט איר עמעצן אַנדערש, ניט קיין קאָמוניסט, וועמען מע זאָל קאָנען פאַרטרויען די דאָזיקע שליסלען?" **(ז. 240).**

ווער עס האָט געהאַט דאָס גליק צו לייענען גאַנץ אַגנאָן, וועט ער, ווי דער לייענער פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק, קיינמאָל ניט פאַרגעסן די יוירנדיקע אומרויִקע פּראָבלעמען, דעם געראַנגל פונעם נעכטן און אייערנעכטן מיטן הײַנט, דעם געראַנגל פון ליבע און סינע, פון פינצטערניש און ליכט, פון ריינקײַט און אומריינקײַט, פון אויסגעוואָרצלטקײַט, וועלכער ס'איז ניט באַשערט קיין נײַע אײַנגעוואָרצלטקײַט; ער וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן די געשטאַלטן, זייער אַרט ריידן, שטענדיק וועט באַ אים אָפּן שפּיץ צונג ליגן דער אָדער יענער אַפאָריזם, וואָס איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן באַם לייענען און לאָזט זיך ניט פאַרגעסן.

א באַדײַטנדיק אָרט אין ווערגעליסעס בוך פאַרנעמט די באַגעגעניש מיט מאַרק שאַגאַלן. מאַרק שאַגאַל איז פאַרעכנט באַם דיכטער צווישן יענע היסטאָרישע דערשײַנונגען, וועלכע די פאַנטאַזיע זאָגט זיך אָפּ אויפצונעמען ווי קאָנקרעטע מענטשן. און אָט שטייט ער פאַר אים, „דער באַוואַרטער פריילעכער מאַנספּאַרשוין אין צעקנייטשטן פולאָווער", **אַזוי אײנפאַך און פּאָשעט, ווי די יידישע לידער, וועלכע ער, מאַרק שאַגאַל, שרײַבט וועגן וויטעבסק, וועגן זײַן מוטער און פאָטער.**

„אין דער שטערנדיקער נאַכט, וואָס נעכטיקט טיף אין אים", **זעט שאַגאַל זײַן טויטע מוטער, ער הערט איר לעבעדיק קאָל, פּילט איר צאַפּל און ציטער פאַר זײַן גורל, פאַרן גורל פון איר זון:**

— ווו איז מײַן זון? און איצט וואָס טוט ער?
געוויגט האָב איך אַמאָל זײַן מולטער,
זאָל זײַן געבענטשט זײַן וועג און ריין.

שאַגאַל האָט אוועקגעגעבן אַלע פאַרבן, ביזן לעצטן טראָפּן, דער מאָלערײַ, און עס דוכט זיך, אַז די בילדער זײַנע שרײַבט ער מיטן געזאַלצענעם הערינג־ראָסל פון די גרויסע פעסער, וועלכע דער פאָטער זײַנער האָט מיט די לעצטע קויכעס געקויקלט ביז ער איז „אַרײַנגעפאַלן צווישן צוויי אויטאָמאָבילן" **און איז טראַגיש אומגעקומען.**

דעם טאַטנס שמייכל, וואָס „פּליסט אין אַלע כושים", דעם טאַטנס קויעך, „וואָס איז אַריבער צו אים", האָבן אופגעוועקט דעם קינסטלער אין שאַגאַלן, האָבן שטאַרק באַאײַנפלוסט זײַן קונסט. און דעריבער טאַקע, איידער שאַגאַל און ווערגעליס ווערן פאַרפלאָנטערט אין די געדיכטע, גרינע, שמעקנדיקע און פאַרשיקערנדיקע צווײַגן, גייט אוועק אַ רייד וועגן די טיפע וואָרצלען, וועגן דער מאַמען און וועגן דעם טאַטן, וועגן דעם פעטער זיסיע דעם פאַריקמאַכער, וועגן דעם עלטער־פעטער, וואָס האָט שאַגאַלן ניט געוואָלט געבן די האַנט, „ווײַל ער האָט מירע געהאַט, אַז האַלטנדיק אים פאַר דער האַנט, וועל איך אים אָנמאָלן" **(ז. 261).**

עס גייט אוועק אַ רייד וועגן טיפּאַזש, אין וועלכן עס האָט זיך אָנגעשטויסן צום אַלעם ערשטן דאָס דורשטיקע, דאָס קיינמאָל זיך ניט אָנזעטנדיקע אויג פונעם קינסטלער — „פאַרן ייד, וואָס דאַוונט" האָט מיר פּאָזירט אַן אָרעמאַן, וועמען איך האָב געזען גיין איבער די הײַזער... און דעם „גרינעם יידן" האָב איך געמאָלט — טרעפט פון וועמען? — פונעם סלוצקער מאַגיד!" (ז. 262).

זייער טרעפלעך באַמערקט ווערגעליס, אַז „שאַגאַל אַלס קינסטלער האָט זיך אין אָנפאַנג פאָרמירט אין דער, אַזוי צו זאָגן, שאָלעם־אַלייכעמישער עפּאָכע פון דעם יידישן לעבן, אין אַ צײַט, ווען שאָלעם־אַלייכעם האָט שוין מיט דער גאַרער קראַפט באַהערשט די מויכעס פון דעם ווײַטערדיקן דאָר יידישע קינסטלער, און ווען דאָס לעבן גופע פון די יידן אין אַזאַ טכום־שטאָט, ווי וויטעבסק, האָט ניט באַוויזן צו בײַטן דעם „יעהופּעצער סטאַנדאַרט" (ז. 263).

דער פּלײַענדיקער ייִד איבער די דעכער פון וויטעבסק איז ניט איינזאַם, צוזאַמען מיט אים

טראַגן זיך אין דער לופטן מענאַכעם־מענדלשע מאַכנעס.

יאָ, שאַגאַל איז אַ וויטעבסקער מאָטל פּייסי דעם כאַזנס... „מיט פּייקייטן פון אויסערגע־וויינלעכער קונסט־עמפינדונג" (ז. 263).

דער ווונדערלעכער מאָטל פּייסיס פון וויטעבסק האָט אָפּגעפרעגט די זעלבסטצופרידנ־קייט פון דעם בוירזע אוילעם, וואָס האָט זיך גע־האַלטן אין איין רימען און לויבן — כּי טוב[1], ס'איז גוט, און האָט פעסט גענומען די אַלטע וועלט אין זײַנע יונגע הענט. ער האָט זי ניט איבערגעפאַרבט, ניט איבערגעשטעלט, נאָר איבערבאַשאַפן איבעראַנײַס, מיט אַ נײַעם נאָך ניט געזעענעם און געהערטן ביז אים „ברייִ־שיס באַראַ"...

שאַגאַל האָט אַף אַ געוואַגטן נאָוואַטאָרישן אויפן געזאָגט אַף שוואַרץ ווײַס און אַף ווײַס שוואַרץ, און ער האָט אין דעם אויסגעפונען אַן אייגנאַרטיקן רעאַליזם, ווײַל „אויב דו מאָלסט אַ ציג ווײַס און אַ וואָראָנע שוואַרץ, ביסטו ניט קיין רעאַליסט, נאָר אַ שלעכטער באַלמעלאָכע"...

די אויצרעס פון פאַרבן און קאָלירן געפינען זיך ווײַט פאַרן וועלט־באַשאַף. וואָס ווײַטער עס פאַרטראָגט דעם מאָלער, אַלץ מער ווונדער קאָן ער אַנטפּלעקן.

„פון די שיישעס־יעמיי־בערייִשיס[2] — פון זיי דאַרף אַ מאָלער אָנהייבן צו שעפּן זײַנע פאַרבן... שפּעטער, ווען די וועלט איז שוין באַ־שאַפן, איז ניט שײַעך צו שאַפן נײַס, עס בלײַבט איבער בלויז צו קאָפּירן"... (ז. 267).

דער פלײַענדיקער שאַגאַל האָט אין זײַנע פאַרשיידענע פלי־מאַרשרוטן שטענדיק אײַנ־געשלאָסן זײַן היים, שטענדיק ניט אופגעהערט שוועבן איבער וויטעבסק. די פונקען פון די פלאַם־פײַערדיקע רויטע פלאַקאַטן, וועלכע ער האָט געמאָלט צום ערשטן יאָרטאָג פון דער אָק־טיאַבער־רעוואָלוציע, זײַנען קיינמאָל ניט אויס־געלאָשן געוואָרן אין אים.

„איך האָב קיינמאָל ניט פאַרלאָרן מײַן אַלטע היים, וועלכע איך בין געבליבן טרײַ אין מײַן קונסט, ווי אַ מאָלער און ווי אַ זון פון מײַן פאָלק" (ז. 273).

„בײַטן די פאַרב — אין דעם איז די קונץ", — האָט מאַרק שאַגאַל, דער קאָמיסאַר פון קונסט אין וויטעבסק, גערופן זײַנע קאָלעגן די מאָלער.

אָקטיאַבער וויל פאַרבן בונטע —
די רויטע פריִער פאַר אַלץ,
די ברוינע פאַרב די געזונטע,
די פאַרב פון ברויט מיט זאַלץ.
לעמאַנעשעם אויך די בלויע:
אָן הימלען עס איז ניטאָ
ניט קיין פרייד, ניט קיין טרויער,
ניט קיין טויב, ניט קיין קראָ" (ז. 271)

[1] קי טויוו; [2] די זעקס טעג פון וועלט־באַשאַף.

פאַרבן — דאָס איז ניט קיין שפּיל, פאַרב צו־ליב פאַרב איז קיין פאַרב ניט, גיכער איז עס אַ פלעק. פאַרבן — זײַנען בליצן, וואָס רײַסן פאַ־נאַנדער די פינצטערניש און באַהעלן מיט ליכ־טיקייט.

דער ייִסראָעלדיקער קאָמוניסטישער דיכטער אַלעקסאַנדער פּען האָט זיך אין איינער אַ ליד זײַנער אַ שפּיל געטאָן מיט די ווערטער צבעים[1] — פאַרבן און צבועים[2] — געפאַרבטע, פאַלשע, צוואָקעס.

אני פיקסו
השופך כעסו
בצבעים
על כל הצבועים[3]

— איך בין פּיקאַסאָ, וואָס גיסט אויס זײַן קאַס דורך פאַרבן אַף אַלע געפאַרבטע, פאַלשע און צוואָקעס.

„דער גאַנצער מעשוגאַס פון מאָלערײַ", — איז זיך מודיע שאַגאַל, — האָט זיך צעשפּילט אין אים, ווען ער האָט זיך באַקאַנט מיט דעם אילי־סטרירטן רוסישן זשורנאַל „ניוואַ". ער איז זיך אויך מודיע, אַז אַף זײַן שאַפן האָט געווירקט דער רוסישער לובאָק, אַז ער האָט זיך באַנוצט מיט דער פּראָווינציעלער רוסישער אַרכיטעק־טור ווי אַ קוואַל פון פאָרמען. זײַן בילד „די פּרוי, וועלכע שוואַנגערט" איז אַפּילע פון אײַ־ניקע קונסט־קענער אָפּגעשאַצט געוואָרן, אַז זי איז באַווירקט און שטאַמט פון דער רוסישער איקאָנע.

באַהאַנדלענדיק דעם רוסישן מאָטיוו אין שאַ־גאַלס שאַפן, קומט ווערגעליס צום אויספיר, אַז „ווען שאַגאַל וואָלט געשאַפן בלויז די זעקס און נײַנציק גראַווירן, וועלכע אילוסטרירן גאָגאָלס ראָמאַן „טויטע נעפּאַשעס", וואָלט מען אים גע־קאָנט פאַרעכענען צווישן די אַמערסטן קאָלאָ־ריטפולע רוסישע מאָלער" (ז. 267).

די פּאַריזשער מאָטיוון קומען ניט אין קיין סטירע מיט די רוסישע. אין פּאַריזש שאַפט שאַ־גאַל די בילדער „דער קאַצעוו" און „די פּרוי, וועלכע שוואַנגערט", אויך די גאָגאָל־אָפּאַרטן האָט ער געמאָלט אין פּאַריזש.

דורך זײַן פענצטער זעט שאַגאַל פּאַריזש אַף אַן אייגנאַרטיקן אויפן. אויך דאָ טראָגט אים אין דער לופטן. אין דער פּרוי, וואָס „טאַנצט הע־כער פון די פּאַריזשער מאַנסאַרדע־טורעמלעך", זעט אײַן ווערגעליס אַ ווונק אַף דעם ייִדן, וואָס שוועבט איבער די וויטעבסקער דעכער.

עס האָבן זיך געביטן די געשטאַלטן, די אין לופט זיך טראַגנדיקע, „אָבער דער מאָלער שאַ־גאַל — ער האָט זיך ווייניק וואָס געענדערט. איבער זײַן אייפּעל־טורעם, איבער דעם נאָטער־דאַם שוועבט אַרום די פאַרליבטע פּאָר, וואָס איז ווי איבערגעפלויגן פון דעם וויטעבסקער הימל

[1] צוואָיִם; [2] צוווּיִם; [3] אַני פּיקאַסאָ האַשויפעך קאַאַסוי ביצוואָיִם אַל קאָל האַצוווּיִם.

אינעם פאריזשער און וועט פריער אָדער שפּע־
טער צוריק זיך אומקערן" (ז. 273).

דער קוביזם, סימבאָליזם, עקספּרעסיאָניזם און סור־רעאַליזם האָבן ניט געהאַט קיין טיפע שליטע אף שאַגאַלס שאַפן. שאַגאַל, וואָס האָט געשאַפן זײַן אייגענע שאַגאַלישע שול אין דער מאָלערײַ, האָט ניט געקאָנט בלײַבן קיין געטרײַער טאַלמיד פון דער פראַנצויזישער שול מיט אלע אירע „איזמען".

דער גרויסער סאָד פון קאָליר איז וויכטיק און מאַמאָשעסדיק באַם וויטעבסקער מאָטל פּייסי דעם כאַזנס, נאָר ארן ווערגעליס שטרײַכט מיט רעכט אונטער, אז דאָס קאָליר־סוידעסדיקע האָט קיינמאָל ניט אַרויסגעשטויסן דאָס רעאַליסטישע און מענטשלעכע אין שאַגאַלס שאַפן.

יאָ, שאַגאַל גלייבט אין דעם רעגנבויגנדיקן קישעף פון פאַרב, אין די איבערנאַטירלעכע פאַרוואַנדלונגען. אָט וואָס ער זאָגט וועגן זײַנע געמעלן און אילוסטראַציעס צו פּערעצן:

„— מאָלנדיק די אילוסטראציעס צו פערעצן, האָב איך מיטן גאנצן הארצן געגלייבט, אז ס'איז טאקע דאָ אף דער וועלט דער ייִד דער צאדיק, וואָס האָט קאָנטאקט מיט א געטלעכער צויבער־קראפט און איז דער אווטאָר פונעם נעס; אזא צאדיק איז דער קינסטלער, און אזא נעס איז די קונסט" (ז. 265). ביז גאָר אינטערעסאַנט ווערט אינטערפּרעטירט אָט די שאַגאַלישע אופאַסונג אין ווערגעליסעס בילדערישער אויסטײַטשונג: „אין פערעצעס כסידישע דערציילונגען האָט ארײַנגעקוקט א וויטעבסקער כיידער־ייִנגל, וועמענס טאטע און די קרוווים זײַנען געווען כסידים; און דאָס כיידער־ייִנגל האָט בא א צאדיק אײַנגעזען ניט דאָס מיסטישע, נאָר דאָס פאָלקסטימלעכע, יענע צויבער־קראפט, וועגן וועלכער מע פלעגט אין די אָסיען־נעכט, בא ארײַנגעדרייטע לאָמפּן, וועבן א מײַסעלע: „האָט זיך באוויזן אפן שליאך א ייִד מיט א ווײַסער באָרד, א פארשטעלטער, מיט א טאָרבע אף דער פלייצע" (ז. 265).

ווערגעליס דערזעט אין שאַגאַלן דאָס פאַרטרוימטע כיידער־ייִנגל, אויך באַטראַכטנדיק איינס פון זײַנע גרעסטע ווערק — די הונדערט און פינף אָפּאָרטן, געווידמעט דער טאַנאַך־טעמע. דאָ שטייט אויך פאַר די אויגן פונעם קינסטלער „זײַן שטענדיקע נאַטורשטשיצע, די שטאָט אף דער דווינע" (ז. 260), אין די גאָר ווײַטע פערסאָנאַזשן דערפילט ער און פאַרקערפערט די סאַמע נאָענטסטע.

„שאגאלס פּאָעמע מיט אירע 105 קאפיטלען איז ניט קיין אידעאליזאציע פון דער ביבל־לעגענדע, ניט קיין ווערק פון העלעניסטישן נוסעך, נאָר א צונויפפּאָרונג פון דער ביבל מיטן רעאלן לעבן. אווראָם אָווינו באווײַנט סאָרען, פארשטעלנדיק זיך דאָס פּאָנעם מיט א פארהאָרעוועטער, שווערער האנט. אויך ייִרמעיאָהו, דער לײַדנדיקער נאָווי, ווײַנט מענטשלעך־ערדיש. און ריווקע באם שטעטלשן ברונעם איז ערדיש מיידלש. און יויסעף איז שטעטלש אומבאהאָלפן, ווען ער ווערט פארפירט. און מוישע ראביינו, ווען ער צעברעכט די לוכעס, איז מענטשלעך אופגעבראכט..." (ז. 266).

דער עסיי „מיט מאַרק שאַגאַלן" איז אַן אויסגעצייכנטער עסיי! אזוי אימפּעטפול לײַדנשאַפטלעך, בילדעריש, געדאַנקלעך, ליריש און טרעפלעך האָט אין דער ייִדיש־סאָוועטישער ליטעראַטור געקאָנט שרײַבן בלויז פּערעץ מאַרקיש.

ארן ווערגעליסעס אויגן קוקן ניט סטאַם, זיי זעען ווײַט און דרינגען ארײַן טיף. און טאַקע דערפאַר האָט ער ניט נאָר וואָס צו דערציילן, נאָר אויך וואָס צו זאָגן. און זאָגן באַטײַט — אָפּן סמאַך פון דעם דערציילטן מאַכן די גײַסטיקע אויספירן, שטעלן וויכטיקע פּראָבלעמען, פאַרגעבן ערנסטע פראַגן און געבן אף זיי אַ ריכטיקן ענטפער.

ארן ווערגעליס זוכט ניט זײַנע טעמעס, זיי גייען אליין צו אים אין די הענט ארײַן, ווי די פיש אין דער נעץ באַ אַ שעפע־געפאַנג, ער געפינט זיי אף טריט און שריט.

דער הײַנטיקער מאַצעוו איז ענג געשלאָסן מיטן שוידערלעכן נעכטן, וואָס האָט שוין באַוויזן צו פאַרוואַנדלט ווערן אין געשיכטע, מיט דער געשיכטע, וואָס איז אויסגעקריצט אָפן אייגענעם גוירל פון דעם דיכטער און פון דעם גאַנצן דאָר זײַנעם. ווערגעליס הערט ניט אוף צו טראַכטן וועגן דער העראָיִשער סאָוועטישער אַרמיי, וואָס האָט געראַטעוועט די מענטשהײַט פון פאַשיסטישן אומברענגען די וועלט; עס גייט אים נאָך דער ווײ און ווינד פון דעם שרעקלעכסטן צאָרעס ראַבים פון פאַרשיידענע פעלקער, דער ווײ און ווינד פון זעקס מיליאָן טאַטעס און מאַמעס, ברידער און שוועסטער פונעם ייִדישן פאָלק, וואָס נאָך די גרעסטע אינויִם און געהענעם־פּײַניקונגען זײַנען זיי אוועק מיטן רויך פון די קרעמאַטאָריעס.

טרעבלינקע. סאַראַ שרעקלעך וואָרט! עפּשער דאָס סאַמע שרעקלעכסטע אין דער ייִדישער געשיכטע. אַהער אף קיווער־אָוועס קומט ווערגעליס ווי אַן אָוול, ווי אַ מעקוינען, ווי אַ באַווײַנער און באַקלאָגער פון דעם בראָך, וואָס איז גרויס ווי דער יאַם.

מיר זעען אים בלאָנדזשען אין דעם „וואַלד פון שטיינער".

„דאָס גאנצע טרעבלינקער פעלד, ווו עס איז געווען דער טויט־לאגער, איז פארפולט מיט גרויע שטיינער. קליינע און גרויסע. שפּיציקע און פארקײַלעכיקטע. שטיינער — זיידעס מיט אײַנגעבויגענע פלייצעס, שטיינער — טאלייסים, שטיינער — פויסטן, שטיינדעלעך — מיידעלעך מיט אויסגעוואשענע צעפּעלעך... שטיינער — געהאנגענע, שטיינער — אויסגעגאנגענע פון הונגער, שטיינער, וואָס אנטלויפן, און שטיינער פארוווּנדעטע אין שלאכט" (זז. 142—143).

דער דיכטער האַלט ניט אויס און הייבט אוף זײַן שוידערלעך־שרײַענדיקן בעלאַכאַשדיקן גוואַלד, וועמענס ווידערקאָל עס קויקלט זיך פאַ־

נאנדער ווי א דונער. „די ליפּן האָבן געשעפּ־טשעט — ס׳איז געווען א ליד. טאקע דאָ, צווישן די שטיינער, האָב איך זי פארשריבן".

ווערגעליסעס ליד „טרעבלינקער שטיינער" איז איינע פון די שטארקסטע און דערשיטערנ־דיקסטע עלעגיעס אין דער ייִדישער סאָוועטי־שער פּאָעזיע, ס׳איז א ייִרמעיאָהו־עלעגיע, ווע־מענס גוואלד עס וועט קיינמאָל ניט אופהערן, קיינמאָל ניט אנשוויגן ווערן.

ווערגעליס באערט דעם ליכטיקן אָנדענק פון אנא פראנק, דעם יונגן צארטן מיידל, אין ווע־מען עס האָט געריפּט א קינסטלערן און ווע־מענס הארץ האָט זיך ארויסבאוויזן שטארקער ווי דאָס הארץ פון דער פאשיסטישער אכזאָ־ריעסדיקער כייע.

אנא פראנק איז ארייַן אין דער אייביקייט און וועט אייביק דערמאָנען די שאנד פון דעם פא־שיזם און וועט אייביק מאָנען נעקאָמע.

ווערגעליס איז דאנקבאר דעם דענישן פאָלק און איז באגייַסטערט פון זייַן מעסירעסנעפעש, מיט וועלכן עס האָט געראטעוועט די דענעמאר־קער ייִדן פון די דייַטשיש־פאשיסטישע מע־כאבלים.

„די מערהייַט דענישע ייִדן זייַנען גלייַך אוועק אין די וועלדער פון צאָפן־זעלאנד, ארום עלסי־נאָר. דאָ האָט מען זיי קוידעמקאָל פארבאהאלטן אין די קאטוילישע קירכעס, אין אכסאניעס אפן ברעג יאם, פּאָשעט אין די הייַזער און אין די וועלדער" (ז. 355).

דאָס ייִדישע פאָלק איז איבערגעלאָדן מיט גע־שיכטע. איבער אלע וועגן און שטעגן האָט עס איבערגעלאָזט שפּורן פון קאָנטיקע טריט. ארן ווערגעליס גייט זיי ניט פארבייַ. מיט א באזונ־דערער ארכעאָלאָגישער פלייַסיקייַט געפינט ער אויס די געשיכטלעכע שפּורן, קוקט ארייַן אין די שפּיגלען פון זיקאָרן און איז ייִראסהאקאָווע־דיק מאזקיר נעשאָמעס.

היסטאָרישער זיקאָרן איז אומבאדינגט נייטיק פאר יעדן עכטן קינסטלער, און ווער עס פאר־מאָגט אים ניט, איז אויך שטומפּיק אין דער הייַנטצייַטיקייַט, ווייַל זייַנע זעונגען, אופאסונ־גען און שילדערונגען זייַנען אייַנגעשרומפּן אָן דעם נייטיקן פארגלייַך און קעגנשטעלונג, אָן דער מאָס, וואָס ווייַזט, ווי ווייַט מיר זייַנען אוועק פון דער אמאָליקער ווייַט־אָפּגעשיידטער פון אונדז צייַט.

דער הייַנט און דער נעכטן שליסן זיך אייַן אין דעם לאנג פארשוווּנדענעם אָוואר „— עס ליגט פאר דיר פארגליווערטער אָוואר. באשרייַב אים, און פארטיק" (ז. 403).

מיט זייַן באציִונג צום אָוואר גיט ארן ווער־געליס נאָך איינעם א וויכטיקן, צעשמעטערנ־דיקן קלאַפּ די אלע העצערס און רעכילעס־טרייַבער, וואָס האלטן אין איין שרייַען, אז די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור איז „ריין" פון אסאָציאַציעס מיט דער פארגאנגענהייַט פונעם פאָלק.

דער טיטוס־טויער עפנט ברייט פאנאנדער פאר ווערגעליסן א בלאט ייִדישע געשיכטע. ער דערזעט פאר זיך שימען באר גיורא, וועלכן די רוימער האָבן שפּעטער אראָפּגעוואָרפן פון א הויכן פעלדז אין אָפּגרונט. דעם סאָוועטישן דיכ־טער רעגן די ייִדישע קאטאקאָמבעס הינטער רוים, די קאטאקאָמבעס, וועלכע אנטהאלטן אוראלטע קוואָרים, באהעלטענישן, וואנט־גע־מעלן, אופשריפטן אף העברעיִש און ריטועלע באפוצונגען.

עפּשער דאָ געברענט האָבן מענוירעס,
וואָס פון פלאם געראטעוועט זיי האָט
יענער דאָר, בא וועמען נייַע דוירעס
נעמען אָפּ פון אָוואר דעם געבאָט (ז. 401)

און ווען ארן ווערגעליס פאָרט דורך אמסטער־דאם, קאָן ער ניט פארבייַגיין די אמאָליקע ייִדישע געטאָ, די ערד, אף וועלכער ס׳איז גע־בוירן געוואָרן באָרוך שפּינאָזע.

ליכטיקייַט און פינצטערניש: פון איין זייַט באָרוך שפּינאָזע און פון דער צווייטער זייַט דער ראבינאט, גאָטס סטראפּטשעס. א גערונגל, א שווער גערנגל — די פינצטערניש פּרווּט פארלעשן דאָס ליכט דורכן שויפער־בלאָזן פון כיירעם.

דער געבענטשטער באָרוך איז גויוער די כיירעם־קלאָלע, און שטראלן ליכט נעמען ארויסשייַנען פון אים, ווי די בליץ־פארבן פון די דימענטן, וועלכע ער האָט געשליפן.

ווערגעליס דערמאָנט. ער רופט די היסטאָ־רישע שטאָט אמסטערדאם, זי זאָל ניט פארגעסן די ליידן פון באָרוכס מוטער, מעכילע בעטן באם גרויסן דענקער מיט דערוואַרעמען אים אין איר שויס:

אמסטערדאם, שפּינאָזען, זאָגסטו, האָסטו ניט
פארלוירן?
פארליר זשע ניט זייַן מאמען, כאנע־דווירען.
ס׳איז מוידערסטראט נאָך נאס פון אירע טרערן,
דעם כיירעם רייַסן אוף אירע פארדראָסן,
און צייַטן שרייַען, אמסטערדאם, זאָלסט הערן:
— אמסטערדאם, דערוואַרעם אינעם שויס דייַנעם
שפּינאָזען!.. (ז. 157)

און אָט איז פּראָג און דאָרטן — דער רייַכער, ביז איצט אָפּגעהיטער, אויצער פון ייִדישער גע־שיכטע און ייִדישער קולטור.

„אמסטערדאם אָדער רוים באווייַזן געוויינלעך פאר טוריסטן דאָס אָרט, וווּ ייִדן האָבן אין א פארגאנגענער עפּאָכע געהאט זייער געטאָ.
אין פּראָג, דאקעגן, ווערט זאָרגפעליק אָפּגע־היט און קאָמענטירט דאָס, וואָס ייִדן האָבן אין מעשעך פון א יאָרטויזנט געשאפן אינעם לאנד" (ז. 426).

דער דענקמאָל פון יאן גוסן דערמאָנט ארן ווערגעליסן דעם שטארקן רוישעם, וואָס עס האָט אף אים געמאכט אין דער פריִער יוגנט דאָס, וואָס ער האָט זיך דערוווּסט פון היסטאָ־רישע ביכער, „אז גוס און זייַנע נאָכפאָלגער,

רופנדיק דאָס פאָלק צום קאמף קעגן דער רוימישער קירכע, האָבן אין זייערע דראָשעס אופגעלעבט דעם נוסעך פון די נעוויִים. די פראָגער גוסיטן פלעגן זינגען הימנען אף לאָשנקוידעש, וועלכע ס׳האָט פארפאסט פאר זיי דער דיכטער אוויגדאר קארא” (ז. 427).

דער ייִדישער מיטאָס האָט אין פארשיידענע צײַטן און אין קאָלערליי פארוואנדלונגען פארנומען א וויכטיק אָרט אין דעם קויעך האדימיען פונעם פאָלק. מ׳האָט געגלייבט, אז די קאבאָלע, די מיסטיק קאָן דורך פארשיידענע האשבאָעס און ציירופים, באהעפטונגען פון פסוקים און נעמען, אופטאָן אלץ און אלדאָס אומעגלעכע פאר מעגלעך מאכן, אפילע פון ליים איז זי בעקויעך שאפן א מין געהאָרכזאמען מענטשן מיט גאָר א באזונדער קויעך.

אָט דער אויסטערלישער קויעך איז באזונדערס נייטיק געווען אף צו פארטיידיקן די פראָגער געטאָ פון א בלוט־בילבל. און דער פראָגער צאדיק פון 16 יה., דער מאהאראל רעב יעהודע־לייב בען בעצאלעל, אָדער ווי מ׳פלעגט אים רופן „דער גרויסער רעבע ליווא”, האָט באוויזן, אז ס׳איז מעגלעך אָפלייקענען דעם רעליגיעזן פארבאָט איבערצוכאזערן די מאסיי ברייִשיס פון שאפן און באשאפן.

די קאבאָלע, די מיסטיק, די פארשיידענע שפרוכן, די ציירופים האָבן, דוכט זיך, געגעבן דעם מאהאראל פליגלען. די פליגלען זײַנען אָבער געווען פון סאמע אָנהייב איבערגעבראָכענע, דערצו האָבן זיי ווייטיקדיק זיך אָנגעקלאפט אין א געדיכטער פינצטערניש פון ניט וויסן, אף וועלכער וועלט מ׳געפינט זיך.

די לעגענדע אפילע האָט אײַנגעזען, אז דער רועך, דער גײַסט האָט ניט געקאָנט בײַקומען די מאטעריע. „דאָס מאטעריעלע, זײַענדיק א פראָדוקט פון גײַסט, האָט מיט אייגענע קויכעס דעראָבערט פאר זיך זעלבשטענדיקײַט, נאָך מער — בכוירע, ערשטיקײַט” (ז. 423).

דער גוילעם האָט זיך גענומען אזוי אופירן, אז דער מאהאראל האָט פארלוירן די מינדסטע זיכערקײַט אין אים, ער האָט גענומען מוירע האָבן, אז די האק, וועלכע ער האָט אים פארטרויט, וועט צעשפאלטן זײַן אייגענעם קאָפּ. און דער מאהאראל האָט כאראָטע געהאט און זיך באדאכט און האָט ארויסגעטריבן דעם שיים האמפוירעש פונעם גוילעם, ווי מע טרײַבט ארויס א דיבעק, און דער סאָף פון דעם גוילעם איז געוואָרן ווי ס׳איז געווען דער אָנהייב זײַנער — א שטיק ליים.

די טעמע, וואָס איז באוואקסן מיט פארשיידענע פראָבלעמען, האָט לייוויק אויסגענוצט אין זײַן בארימט געוואָרענער דראמאטישער פאָעמע „דער גוילעם”.

אף די שפורן פון דער פראָגער גוילעם־לעגענדע גייט ווערגעליס צוזאמען מיט א צופעליקן באגלייטער, דעם אינזשעניער אין געביט פון עלעקטראָניק שאבסי קאפקא, וואָס איז פארמישט אין שאפן די „הײַנטצײַטיקע גוילעמס”, די ראָבאָטן. שאבסי קאפקא אין דער עפּאָכע פון פאנטאסטישן טעכנישן שוווּנג שטעלט מיט זיך פאָר די רעאלע פארווירקלעכונג פון דער פראָגער גוילעם־לעגענדע.

שאבסי קאפקא דערקלערט מיט א באזונדער זיכערקײַט:

„ווען איך זאָל וועלן, וואָלט מײַן עלעקטראָנישע מאשין אפילע געשריבן ליבע־לידער, אָבער אין לעצטן סאכאקל וועלן די לידער קומען פון מײַן גײַסט, ניט פון די מאשינעס, און פארגעסט ניט, אז איך קאָן די מאשין אָפּשטעלן און — אויס מיט ליבע־לידער” (ז. 430).

דער שעפער פון די „הײַנטצײַטיקע גוילעמס” שאבסי קאפקא און דער נײַגעריקער דיכטער ארן ווערגעליס לאָזן ניט דורך קיין איין אָרט, ווּ די לעגענדע איז געבוירן געוואָרן און סיוזשעטיש זיך אנטוויקלט אין א קייט פון נײַע לעגענדע־רינגען. זיי לאָזן ניט דורך קיין איין אָרט אין דער שטאָט פראָג אף צו באערן די טרוימער, פאָרגייער און פאָרויסזאָגער פון די קומענדיקע מענטשלעכע מעגלעכקײַטן.

דער פלאץ פונעם פראָגער שטאָטישן מאגיסטראט. דאָ „שטייען נאָך אלץ אףביידע זײַטן פון דער ארײַנגאנג־טיר די סקולפטורן פונעם פראָגער ליימענעם גוילעם און פון זײַן באשעפער — דעם מאהאראל” (ז. 428).

דער סקולפטאָר האָט געקוקט אפן גוילעם מיט די אויגן פון דעם מאהאראלס טאָכטער, וואָס איז געווען פארליבט אין דעם פיזיש מעכטיקן גוילעם, און דעריבער זעט דער גוילעם אויס ווי א פארפאנצערטער ריטער מיט א פארבאהאלטענעם פאָנעם. די ליבע פון דעם מאהאראלס טאָכטער האָט פארמאָגט איר באזונדערע טראגישקײַט, וואָס פארברייטערט און פארטיפערט די סאָציִאל־פילאָסאָפישע טראגעדיע פון דעם מאהאראל — די פארליבטע האָט זיך ניט אָנגעשטויסן, אז איר געליבטער איז „א ניט־מענטש, א געשטאלטיקײַט אָן א נעשאָמע”, וואָס קאָן ניט צאָלן מיט ליבע פאר ליבע.

די לעגענדע דערציילט, אז נאָך אדהײַעם „ליגט דאָס ליימענע לײַב פונעם גוילעם אפן בוידעם פון דער פראָגער אלט־נײַ־שול” (ז. 430). **ווערגעליסן ציט צום נעסט פון דער לעגענדע.** „— קומט, לאָמיר צוגיין אין דער אלט־נײַ־שול, — האָב איך געבעטן” (ז. 432).

דער סאָציִאל־פילאָסאָפישער טעמע, וואָס עס פארמאָגט אין זיך די לעגענדע, ווידמעט ווערגעליס אייגנצײַטיק אויך א ביז גאָר אינטערעסאנטן ציקל לידער.

אין זײַן וויקועך מיט די שפּעטערדיקע געוינים, מיט די מײַסטערס פון עלעקטראָנישע ראָבאָטן טײַנעט דער גוילעם, האלעמײַ עס רופט אים צו הילף דער מענטש, וואָס איז באשאפן פון פלייש און בלוט, ווען יענעם סטײַעט ניט קיין קויעך און קיין מוט, און נאָך דעם אלעמען קוקט ער, דער מענטש, אף אים ניט מער ווי אף א ליימענעם טשורבאן.

אף דעם באקומט דער גוילעם א קלאָרן ענט־פער פון דעם בען־אָדאָם:

אויב דו ביסט מעכטיקער פון אונדז, איז אדעראבע — נעם
און מאך פון פלייש א מענטש, און זאָל דײַן האנט זײַן גוירעם
צו געבן אים אזויפיל כיין און שווונג, אזא מין ברען,
אז מענטשן זאָלן אים ניט רופן
לײמענער גוילעם

(ז. 437)

פאראן שרײַבער, וואָס באנוגענען זיך מיט ווייניק. זיי האלטן, אז זיי פארמאָגן אזויפיל, וויפל זיי באדארפן, און זיי באדארפן אזויפיל, וויפל זיי פארמאָגן. ארן ווערגעליס געהערט צו די שרײַבער, וועלכע באנוגענען זיך ניט אפילע מיט קיין סאך. דאָרט, ווו ס'איז דאָ א סאך, ווילט זיך נאָך מער, דאָרט, ווו ס'זײַנען פאראן ווײַטן. ווילט זיך גיין ווײַטער, און דאָרט, ווו ס'זײַנען דאָ הייכן, ווילט זיך שטײַגן העכער, אויב ניט נאָך העכער.

ארן ווערגעליסעס נײַער בוך „רײַזעס" פאר־שאפט גרויסן קינסטלעריש־עסטעטישן פארגע־ניגן, באררײַכערט ביז גאָר מיט ווערטפולע היי־סטאָרישע און היינטצײַטיקע דערקענטעניש־ווערטן, גיט גרויסע מעגלעכקײַטן דעם לייענער אליין צו טראכטן, באטראכטן און דערטראכטן.

„רײַזעס" איז א געשעעניש, א נײַ וואָרט אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור!

ווײַטע, נאָך ניט אויסגעטראָטענע וועגן — דאָס איז ווערגעליסעס ריכטיקער וועג! אָט אף דעם וועג, זײַנען מיר זיכער, וועט ער פאנאנ־דערשפרייטן זײַנע שטאַרקע דיכטערישע פליגל, נעמען נײַע הייכן, אויסשפירן און אנטפלעקן פאר אונדז נײַע טעמעס, נײַע מאָטיוון, וואָס וועלן אונדז באווײַזן די וועלט אין אירע נײַע פארביטערטע קלאסן־צוזאמענשטויסן, אין איר איצטיקן געענדערטן אויסזען.

...טאָגטעגלעך זאָרגן וועגן דעם אידייִש־טעאָרעטישן און פראָפעסיאָנעלן ניוואָ פון דער ליטעראריש־קינסטלערישער קריטיק, העכערן איר ראָליע אינעם לייזן די אופגאבן פון דער קאָמוניסטישער בויונג, אינעם פאָרמירן די עפנטלעכע מיי־נונג, אינעם קאמף קעגן פרעמדע אָנשויונגען און קאָנצעפּציעס.

פון דער באשטימונג פון צק קפסס פארן 21 יאנוואר 1972
„וועגן דער ליטעראריש־קינסטלערישער קריטיק"

מ ו י ש ע   א י ט ק אָ ו י ט ש

די קונסט פֿון איבערזעצן

אין די סאָוועטישע באַדינגונגען, ווו פּרינציפּשאַפֿט און אַכדעס צווישן די פֿעלקער שײַנט מיט אַלע פֿאַרבן פֿונעם רעגנבויגן, פֿאַרנעמען די פּראַגן פֿון איבערזעצונג אַ וויכטיק אָרט אין דער ליטעראַטור און פּובליציסטיק. די סאָוועטישע מענטשן, די סאַמע אַקטיווע לייענער, ווי מע רופֿט זיי אין גאַר דער וועלט, לייענען מיט גרויס אינטערעס ניט בלויז די ווערק, וועלכע ווערן אַרויסגעגעבן אַף זייער מאַמע־לשון, נאָר אויך איבערזעצונגען פֿון אַנדערע סאָוועטישע שפּראַכן און פֿון די שפּראַכן פֿון דער וועלט־ליטעראַטור. דערפֿאַר טאַקע איז באַ אונדז די פּראָבלעם פֿון איבערזעצונג שטענדיק אַקטועל: די „ווירטשאַפֿט" פֿונעם „איבערזעצונגס־צעך" פֿאָדערט אַ וואַכזאַם אויג.

קוידעמקאָל לאָמיר איבערכאַזערן דעם אַלגעמיין־באַוווּסטן עמעס, אַז איבערזעצן באַטײַט ניט איבערשרײַבן. איבערזעצן באַטײַט — שאַפֿן. דער איבערזעצער דאַרף זײַן ניט בלויז אַן אַלזײַטיקער קענער פֿון די שפּראַכן, אַף וועלכע ער אַרבעט, — ער דאַרף אויך זײַן געבענטשט מיט אַ שעפֿערישן טאַלאַנט, מיט אַ הויך אַנטוויקלטן ליטעראַרישן כוש, ער דאַרף באַזיצן די פֿײַקײַט צו „איבערקאָכן" אין זיך דאָס ווערק, וואָס ער זעצט איבער, אַזוי אַז אין דער נײַער שפּראַך (לעמאָשל, אין ייִדיש, ווען מע זעצט איבער, לאָמיר זאָגן, פֿון רוסיש) זאָל עס ליטעראַריש זײַן ניט ווייניקער ווערטפֿול, זאָל זיך לייענען מיט ניט קיין קלענערן אינטערעס, ווי אין דער אָנפֿאַנגלעכער שפּראַך.

עס איז באַוווּסט, אַז באַם איבערזעצן אַ קונסט־ווערק (אַ ראָמאַן, אַ דערציילונג, אַ פּאָעמע, אַ ליד) מוז פֿאַרהיט ווערן ניט בלויז דעם אווטאָרס געדאַנק, זײַן פּאַרטראַכט, נאָר אויך זײַן סטיל. מיטן באַגריף סטיל מיינען מיר ניט די ווערטער (ווען מע זעצט איבער ווערטער אַלס ווערטער, באַקומט זיך קימאַט שטענדיק אַ פֿאַרקריפּלונג פֿונעם עצם געדאַנק, אַ שקלאַפֿערישע טרײַהײַט צום אווטאָרס וואָרט, ניט צו זײַן קינסטלערישן געדאַנק). מיטן באַגריף סטיל זײַנען מיר אויסן דעם אווטאָרס קינסטלערישן מעטאָד פֿון מאָלן בילדער, שילדערן געשעענישן, — די מעלאָדיע פֿון זײַן ווערק.

דאָס געזאָגטע איז אין פֿיל הינזיכטן שײַעך אויך צו דער איבערזעצונג פֿון אַ פּובליציסטיש ווערק. אויב דאָס פּובליציסטישע ווערק איז אָנגעשריבן טאַלאַנטפֿול, עס פֿאַרכאַפּט דעם לייענער מיט דער טיפֿקײַט פֿונעם געדאַנק, שײַנקײַט און זאַפֿטיקײַט פֿון דער שפּראַך, מיטן אַלזײַטיקן אַרײַנדרינגען אין טאָך פֿון דער טעמע, — מוזן די אַלע עלעמענטן פֿאַרהיט ווערן אויך אין דער איבערזעצונג. ווען אין דער איבערזעצונג איז דער געדאַנק בלאַס, אָן זאַפֿט און טעמפּעראַמענט, מעג זי, די איבערזעצונג, זײַן אַבסאָליוט פּינקטלעכע, אָן קיינע פֿאַרקריפּלונגען סײַ אין אינהאַלט, סײַ אין דער שפּראַך, און דאָך איז זי אין קיין פֿאַל ניט קיין איבערזעצונג, נאָר אַן איבערפֿירונג (און איבערפֿירן באַטײַט — קאַליע מאַכן).

איינע פֿון די הויפּט־קרענק פֿון די פּובליציסטישע (און צומאָל אויך פֿון די קינסטלערישע) איבערזעצונגען איז דער מעכאַנישער, בוכשטעבלעכער מעטאָד: דער עצם זין פֿונעם טעקסט, זײַן אינהאַלט, זײַן געדאַנק ווערט אָפּגערוקט אין הינטערגרונט, אָפֿן ערשטן אָרט טרעט אַרויס דאָס וואָרט. מע פֿאַרגעסט, אַז יעדע שפּראַך פֿאַרמאָגט אירע אייגענע ווערטער אַף איבערגעבן געדאַנקען. לאָמיר נעמען, אַשטייגער, דאָס רוסישע וואָרט «незыблемо». די לייענער פֿון ייִדישע צײַטונגען האָבן מיסטאָמע באַמערקט, אַז די בוכשטעבלעכע ייִדישע איבערזעצונג פֿון אָט דעם וואָרט איז „אומגעוואַקלט". אָבער „אומגעוואַקלט" פֿאַרמאָגט אויך נאָך טײַטשן: „אומגעוואַלגערט", „אומגעשלײַדערט", וועלכע מע קאָן אויסדריקן אין רוסיש מיט די ווערטער «опрокинуто», «свалено». לויטן באַטײַט זײַנען די אַנדערע טײַטשן פֿונקט דער היפּעך פֿון «незыблемо». ווי אַזוי זשע זאָל דער לייענער וויסן, ווי מע דאַרף אין געגעבענעם טעקסט פֿאַרשטיין דאָס וואָרט „אומגעוואַקלט"? מע קאָן ענטפֿערן: פֿונעם טעקסט גופֿא איז לײַכט צו פֿאַרשטיין, וואָס דער אווטאָר וויל דאָ זאָגן. אוודאי איז דאָס ריכטיק. עס איז אָבער אויך ריכטיק דער קלאַל, אַז מע טאָר ניט שפּילן זיך מיטן לייענערס געדולד, צווינגען אים אָנשטויסן זיך, וואָס מע מיינט מיט דעם אָדער אַנדערן וואָרט. דאָס נעמט אָפּ באַ אים צופֿיל

צײַט און נערוון. יעדעס וואָרט אין טעקסט מוז זײַן קלאָר און פאַרשטענדלעך.

דער ריכטיקער טײַטש פון «незыблемо» איז — פעסט, ווי שטאָל, ווי אײַזן, ווי א מויער (שטאָלפעסט, אײַזנפעסט, מויערפעסט). א מעפונעק וועט עפשער זאָגן, אז אזא טײַטש איז ניט אינגאנצן אדעקוואט צום רוסישן וואָרט; אָבער דעם לייענער אינטערעסירט קוידעמקאָל דער געדאנק, ניט דאָס הוילע וואָרט. און דער געדאנק איז מיט די ווערטער איבערגעגעבן פולשטענדיק פּינקטלעך. פאַרשטייט זיך, דעם מיין פון «незыблемо» קאָן מען איבערגעבן מיט נאָך אנדערע ווערטער, לויטן גוסט פונעם איבערזעצער. מיר צווייפלען ניט, אז יענע, וועלכע קלײַבן אָפּ נאָר דאָס וואָרט „אומגעוואקלט“, ווייסן, אז כאָטש אזא איבערזעצונג איז אדעקוואט, קאָן מען אויך אין איר געפינען צווייִדײַטיקײַט. זיי מיינען אָבער, אז די נאָענטקײַט צום אָריגינאַל, די פּינקטלעכקײַט און בוכשטעבלעכקײַט פונעם טײַטש איז וויכטיקער. אזא מיינונג איז פעלערהאפט. מע דאַרף ניט פאַרגעסן, אז דער לייענער האָט ניט פאַר זײַנע אויגן דעם אָריגינאַל, וועלכער איז אים לאַכלוטן ניט נייטיק, ווײַל אים אינטערעסירט ניט, צי די איבערזעצונג איז א בוכשטעבלעכע צי א פרײַע, — אים אינטערעסירט דעם אוטאָרס געדאנק, דער אינהאַלט פונעם מאַטעריאַל, אָפּט אויך דעם אוטאָרס סטיל. און אויב צום לייענער דערגייט פולשטענדיק דאָס וואָרט פונעם אָריגינאַל, אָבער ניט פולשטענדיק דער געדאנק (ווײַל דאָס וואָרט האָט צוויי און מער טײַטשן), איז דערפון געדרונגען, אז די איבערזעצונג איז ווײַט פון אן אידעאַלער. נאָך מער — זי איז פּאָשעט ניט קיין געלונגענע.

לאָמיר ארײַנקוקן אין „ביראָבידזשאנער שטערן“ און זען, וויאַזוי מע זעצט דאָרט איבער די רוסישע ווערטער «всемирно историческое значение». דער איבערזעצער שרײַבט: „אַלוועלטלעך־היסטאָרישע באַדײַטונג“. דאָס רוסישע וואָרט «всемирно» איז אָבער אין זיך קוילעל אונדזער וועלט, אונדזער פּלאַנעטע, אױף וועלכער מיר לעבן, און דאָס יִדישע וואָרט אַלוועלט(לעך) פאַרמאָגט א ברייטערן באַגריף, ווײַל אין אים גייט ארײַן דער קאָמפּאָנענט „אַל“, און אַלוועלט (ווי אין דײַטש וועלטאַל) באַטײַט קאָסמאָס, דה. אזא רוים, וואָס נעמט אין זיך ארײַן אָן א שיר וועלטן און פּלאַנעטעס. עס איז, אַזויאַרום, קלאָר, אז «всемирно историческое значение» קאָן איבערגעזעצט ווערן אין יִדיש ניט אנדערש ווי וועלט־היסטאָרישע באַדײַטונג (ניט אַלוועלטלעך). אויב דאָס געזאָגטע איז ניט גענוג איבערצײַגנדיק, לאָמיר פּרוּוון איבערזעצן פון יִדיש אױף רוסיש די ווערטער „וועלט־היסטאָרישע באַדײַטונג“. «мирно историческое» טאָר מען ניט, ווײַל דאָס וואָרט «мирно» שטאַמט דאָ ניט פונעם באַגריף וועלט — Мир, נאָר פונעם באַגריף פרידן — мир. עפּשער איבערזעצן «мировое историческое», וועט עס זײַן אין רוסיש, ערשטנס, צווייִדײַטיק; צווייטנס, זייער ניט געראָטן שפּראַכלעך. קורץ, עס זײַנען ניט נייטיק קיין איבעריקע באַווײַזן, אז „וועלט־היסטאָרישע“ קאָן איבערגעזעצט ווערן אין רוסיש בלויז מיט די ווערטער «всемирно историческое». דערפון איז קלאָר, אז דער יִדישער אויסדרוק „אַלוועלטלעך־היסטאָרישע“ איז ניט גראַמאַטנע, ווי שטענדיק, ווען מע זעצט איבער מעכאַניש, בוכשטעבלעך.

„סאָוועטיש היימלאַנד“ האָט אין נומ. 11 פון 1977 פאַרעפנטלעכט א יִדישע איבערזעצונג פון דער נײַער קאָנסטיטוציע (גרונט־געזעץ) פון פססר. א קאָנסטיטוציע איז, ווי באַוווּסט, א יורידישער דאָקומענט (דאָס גרונט־געזעץ פון לאַנד), און יורידישע דאָקומענטן אָפּערירן געוויינלעך מיט יורידישע טערמינען. די שפּראַך פון אַזעלכע דאָקומענטן איז מערסטנטייל א טערמינאָלאָגישע. יִדיש אָבער, כאָטש עס איז איינע פון די עלטסטע שפּראַכן אין דער וועלט, פאַרמאָגט פּאַקטיש ניט קיין יורידישע טערמינאָלאָגיע, ווײַל ס׳איז ניטאָ קיין יורידישע ליטעראַטור אױף יִדיש. אין דער נײַער קאָנסטיטוציע איז פאַראַן אזא יורידישער טערמין, ווי «подотчетный». ווי זאָל מען אזא וואָרט איבערזעצן אין יִדיש? אויב צוגיין צו דער פראַגע פונעם שטאַנדפּונקט פון מעכאַנישער, בוכשטעבלעכער איבערזעצונג, איז גענוג צעעפענען א דײַטשיש ווערטערבוך, געפינען דאָס וואָרט אין דײַטש, עטוואָס פאַריִדישן עס און ארײַנשרײַבן אין טעקסט פון דער איבערזעצונג. די צײַטונג „ביראָבידזשאנער שטערן“ האָט דעם טערמין «подотчетный» איבערגעזעצט ווי אין דײַטש — „באַריכטפּליכטיקער“. אין יִדיש איז אָבער אזא וואָרט ביכלאַל ניטאָ. עס איז פאַראַן א וואָרט „מיליטער־פאַרפּליכטעטער“ (אין רוסיש «военнообязанный»), וואָס עס טרעפט זיך אין יִדיש זייער זעלטן און האָט צו «подотчетный» לאַכלוטן קיין שײַכעס ניט. „באַריכטפּליכטיקער“ איז א ריינער דײַטשמעריזם, וואָס איז מעסוגל צו פאַרמיסטיקן דאָס יִדיש־לאָשן. כוץ דעם, שמעקט דאָס וואָרט „פּליכטיקער“ צו שטאַרק מיט די צײַטן פון דער לײַבייגנטום־עפּאָכע („טשינשפּליכטיקע“ אאוו.).

וואָס טוט מען אָבער מיטן וואָרט «подотчетный»? דער ענטפער איז אזא: אויב אין דער שפּראַך איז ניטאָ אזא טערמין, דאַרף מען איבערזעצן אין א באַשרײַבערישער פאָרם. עס איז דאָך ניט פאַראַן קיין געזעץ, וואָס זאָל מיסכײַעוו זײַן צו איבערזעצן א רוסישן טערמין אין אַלע סאָוועטישע שפּראַכן דאַפקע אין דער פאָרם פון א טערמין (און די נײַע קאָנסטיטוציע איז אָן ספק איבערגעזעצט אין אַלע סאָוועטישע שפּראַכן). דאָס וויכטיקסטע איז: דער געדאַנק פונעם טערמין זאָל אין דער פולער מאָס דערגיין צום לייענער, און ער זאָל אים ריכטיק פאַרשטיין. «подотчетный» באַטײַט: די פליכט צו אָפּגעבן א באַריכט וועגן דער טעטיקײַט (פונעם טעקסט פון דער קאָנסטיטוציע איז אבסאָליוט קלאָר, וועמען דער באַריכט דאַרף אָפּגעגעבן ווערן, — דעם פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר). די באַשרײַבערישע פאָרם מאַכט פאַרשטענדלעכער פאַרן לייענער דעם אינהאַלט פונעם טערמין. צוליב וואָס זשע דײַטשמעריזירן א טערמין, דערבײַ אונטערטראָגן אים דעם לייענער אין אזא פאָרם, אז ער וועט אים פאַרשטיין ערשט דעמלט, ווען ער וועט ארײַנקוקן אינעם רוסישן טעקסט פון דער קאָנסטיטוציע?

פאַראַן אין רוסיש א באַגריף «заочное обучение». דער עמעסער טײַטש זײַנער איז: די לימודים ווערן געפירט הינטער די אויגן (די שילער — סטודענטן —

באקומען די לעקציעס, דעם לערן־מאַטעריאַל דורך פּאָטשט). אָבער בא יענע, וועלכע זײַנען פאַרליבט אינעם מעכאַניש, בוכשטעבלעכן מעטאָד פון איבערזעצן, האָט זיך אײַנגעוואָרצלט די מיינונג, אַז „הינטער די אויגן" איז צו ווײַט פונעם אָריגינאַל, פונעם רוסישן וואָרט «заочно». „הינטערויגיק" איז, לויט זייער מיינונג, די פּאַסיקסטע, עכט „פאָלקסטימלעכע" איבערזעצונג. „הינטערויגיג" — צי דערמאָנט עס ניט אין רויג פון א הערינג? „אויגיקע" — איז עס דען א וואָרט, ניט קיין פאַרזעעניש? איז דען פאַראַן ערגעץ אין ייִדיש אזא אדיעקטיוו „אויגיקע"? אפילע די אָבהענגער פון „הינטערויגיקע" וועלן ניט איבערזעצן «очная ставка» — אויגיקע שטעלונג!

די פראגע וועגן איבערזעצונג איז אלזײַטיק באַהאנדלט געוואָרן אפן אלפארבאנדישן שרײַבער־צוזאַמענפאָר (יון 1976), וועלכער איז געקומען צום אייניציק ריכטיקן אויספיר: איבערזעצן דארף מען ניט פאַשעט די ווערטער פונעם אָריגינאַל, נאָר דעם געדאנק. די אזויגערופענע „פינקטלעכקײַט" פון דער איבערזעצונג, נאָך וועלכער עס יאָגן זיך פאָרמאַליסטן, איז פאקטיש א סוינע פון דער שפראך און פונעם ווערק, וואָס ווערט איבערגעזעצט, ווײַל פון אזא פינקטלעכקײַט באקומט זיך א פארקריפלונג.

אין געדרוקטע ווערק טאָר נאכלעסיקײַט ניט האָבן קיין אָרט. די ליטעראַרישע שפראך מוז זײַן בא אונדז א קלאָרע, ציכטיקע, זאפטיקע און פולבלוטיקע.

יעשוע הוטנער

באמערקונגען צו „אייניקע באמערקונגען"

אין „סאָוועטיש היימלאנד" נומ. 6, 1977 י. איז אָפּגעדרוקט מיכל יאנקיוווסקיס אַן ארטיקל „אייניקע באמערקונגען", ווו עס ווערן באהאנדלט עטלעכע שפראך־פראגן. ס'איז בעפיירעש צו באגריסן, וואָס דער זשורנאל ווידמעט אופמערקזאמקײַט פראָבלעמען פון אונדזער לאָשן.

דער כאווער יאנקיוווסקי איז געוויס גערעכט, אָנווײַזנדיק אף א ריי מאָמענטן, וואָס פאַראַרעמען די שפראך, דעריקער ווען מע באנוצט ווו מע דארף און ווו מע דארף ניט די פּרעפּאָזיציע „פון". אין טאָך גענומען, איז זײַן גאנץ ארטיקל געווידמעט דעם אויפן, ווי אזוי מע באגייט זיך מיט דער פּרעפּאָזיציע, און ער גיט א ריי אָנווײַזונגען. דאָס איז בעפיירעש א וויכטיקער איניען, און דער אווטאָר איז גערעכט, ווען ער שרײַבט, אז דאָס געברויכן די פּרעפּאָזיציע „פון" איז ארויס פון אונטער יעדן קאָנטראָל. אָבער ווײַט ניט מיט אלע שטעלן אין דעם ארטיקל קאָן מען זײַן מאסקים.

דער כאווער יאנקיוווסקי פארגעסט, אז א שפראך טאָר מען ניט צוימען אין ענגע ראמען, זי אנטוויקלט זיך פרײַ לויט אירע געזעצן. אלטע ווערטער און אויסדרוקן ווערן פארשוווּנדן, נײַע קומען אוף. דאָס, וואָס נעכטן האָט פאר אונדז געקלונגען פרעמד, ווערט הײַנט אײַנגעשלאָסן אין שפראך־אויצער און ברייט באנוצט. מע קאָן ניט און מע טאָר ניט אָפּוואַרפן אויך די ווירקונג אף ייִדיש פון אנדערע שפראכן, באזונדערס פון רוסיש, אזוי, אז מיט אײַנשטעלן פעסטע נאָרמעס — „דאָס מעג מען און דאָס טאָר מען ניט" — דארף מען זײַן זייער פאָרזיכטיק, אויב ניט, באַרײַכערט מען ניט די שפראך, נאָר מע פאַראָרעמט זי. דער באוווסטער ייִדישער שפראךפאָרשער א. זארעצקי פלעגט גאנץ אָפט זאָגן: „מע מעג אזוי, ווײַל אזוי רעדט דאָס פאָלק". באם כאווער יאנקיוווסקי אָבער באמערקט זיך א טענדענץ אײַנצושטעלן נאָרמעס, וואָס זײַנען ניט אלעמאָל אָנעמבאר. לאָמיר אריבערגיין צו קאָנקרעטע בײַשפּילן.

1. דער כ' יאנקיוווסקי שרײַבט: „...עס באקומט זיך א שווער־וואָגיקע „הילצערנע" און מאָנאָטאָנע שפראך, לעמאָשל, „א פּאָליטיק צום שאָדן פונעם שאָלעם", „פון גרויסער וויכטיקײַט", „ער האָט זיך געפונען אין די פאָדערשטע רייען פונעם קאמף".

איך הייב ניט אָן צו פארשטיין, מיט וואָס עס זײַנען שלעכט די דאָזיקע אויסדרוקן. מע קאָן געוויס זאָגן אנדערש, באנוצנדיק ווערבן, נאָר אזוי איז אויך ניט שלעכט. איין אווטאָר האלט פאר נאטירלעך צו שרײַבן: „זייער א וויכטיקע זאך", אַן אנדערער: „דאָס איז א זאך פון גרויסער וויכטיקײַט". אזעלכע סינאָנימישע גלײַכבארעכטיקטע אויסדרוקן האָבן זיך שוין אײַנגעבירגערט אין דער שפראך, און ארופלייגן א וועטאָ אף איינע פון זיי איז ניט נוצלעך.

2. וועגן פרעמדווערטער. פון ווען אָן זײַנען אזוינע ווערטער ווי „פיל", „שנעל", „לאנגזאם", „אָטריאד" געוואָרן פרעמדווערטער? זיי זײַנען דאָך שוין פון לאנג ארײַן אין אונדזער שפראך — אין דער מינדלעכער און אין דער געשריבענער, ליטעראַרישער, און ארויסוואַרפן זיי וועט ווידער באטײַטן פאַראָרעמען ייִדיש. „פיל" — „א סאך", „שנעל" — „גיך", „לאנגזאם" — „פאמעלעך", „אָטריאד" — „מאכנע" זײַנען סינאָנימען גלײַכבארעכטיקטע, און סינאָנימען, ווי באוווסט, זײַנען א באווײַז פון רײַכקײַט פון דער

שפּראַך, נאָרמאַטיוו פאַרבאָטן זײַ טאָר מען ניט. „מאכנע" איז א העברעיִשער עלעמענט, און „אַטריאַד" — א סלאַווישער. ביידע זײַנען שטאַרק פאַרשפּרייט אין יידיש. בא מיר אין די אויערן קלינגט בעסער „פּיאָנערישער אַטריאַד" איידער „פּיאָנערישע מאכנע". און ווען איך וועל האָבן צו טאָן, לאָמיר זאָגן, מיט א ביבלישן טעקסט, און אין אַנדערע פאַלן, וועל איך שרײַבן „מאכנע". אין דעם באַשטייט טאַקע די רײַכקייט און בייגזאַמקייט פון דער יידישער שפּראַך.

3. וועגן „רעצעפּטן" צו „פון": אינעם אַרטיקל זײַנען געוויס פאַראַן אייניקע גאַנץ געלונגענע „רעצעפּטן", ווי לעמאָשל, דורכלאָזן „פון" באַם באַצײכענען צײַט, אָרט און קוואַנטום („אַנהייב לערניאָר", „די צאָל אײַנוווינער" אאַוו.), דאָס באַנוצן דעם פּאַסעסיוו („דעם אַרבעטערס שטימע" אדגל.), אָבער מיט אַנדערע רעקאָמענדאַציעס קאָן מען ניט מאַסקים זײַן. דאָס פאַרבײַטן „פון" אויף „מיצאַד" איז ניט אָנעמבאַר (אויסער, עפּשער, אין געציילטע אויסנאַמען). „א באַגריסונג מיצאַד דעם שרײַבער־פאַרבאַנד" איז אומגעלומפּערט, דאָס איז אַלצײַנס ווי „איך האָב באַקומען א בריוו מיצאַד אײַך". דאָס זעלבע איז אויך „עקספּלואַטאַציע מיצאַד די אַרבעט־געבער".

מע קאָן ניט מאַסקים זײַן מיט דער אײַצע צו באַנוצן וואָס אָפטער „בא" און „אין" אַנשטאָט „פון". זאָגן „פּרעזידיום באַם אויבער־ראַט" אַנשטאָט „פּרעזידיום פון אויבער־ראַט" איז זייער שלעכט. „בא" האָט זײַן ספּעציפישן באַטײַט, און דעריבער באַקומט זיך, אַז דער פּרעזידיום איז א צוגאָב צום אויבער־ראַט און ניט זײַן אָנפירנדיקער אָרגאַן. מע קאָן, פאַרשטייט זיך, זאָגן „א קאָמיסיע באַם אויבער־ראַט", דאָס וועט זײַן ריכטיק. אַזוי איז אויך מיט „אין".

עס קלינגט שלעכט „פּאַרזיצער אין אויספיר־קאָמיטעט" און דאָס גלײַכן.

דאָס זעלבע איז מיט „צווישן". „איינער פון זיי", „א סאַך פון זיי" איז בעסער איידער „צווישן זיי". נאָר דאָס הענגט אָפּ, פאַרשטייט זיך, פונעם קאָנטעקסט.

איך וואָלט געקאָנט ברענגען נאָך בײַשפּילן, נאָר דאָס געזאָגטע איז גענוג צו באַווײַזן, אַז דער כ' יאַנקיוועסקי, יאָגנדיק זיך נאָך נאָרמעס, כאַפּט איבער די מאָס. נאָך איין לעצטער בײַשפּיל. דעם כ' יאַנקיוועסקי געפעלט ניט דער זאַץ אין „ס. ה." נומ. 6, 1973, ז. 63: „ער איז געווען א קעגנער פון די בורזשואַזע מיליטערישע טעאָרעטיקער, וועלכע האָבן איבערגעשאַצט די ראָל פון דער קריג־טעכניק". מיט וואָס האָט דער דאָזיקער זאַץ געזינדיקט קעגן די קלאַלים פון דער יידישער שפּראַך? דער כ' יאַנקיוועסקי לייגט פאָר זײַנע א ווערסיע. איך וואָלט ניט געזאָגט, אַז זי איז בעסער. איך וואָלט געקאָנט פאָרלייגן צוויי־דרײַ אַנדערע ווערסיעס. די יידישע שפּראַך איז גאַנץ רײַך, און יעדן געדאַנק קאָן מען אויסדריקן אין פאַרשיידענע פאָרמען, אָפּהיטנדיק, פאַרשטייט זיך, דעם גײַסט פון דער שפּראַך. די אויפגאַבע פון דעם שרײַבער איז אויסקלײַבן די פּאַסיקע פאָרם, אָפּהענגיק פונעם אינהאַלט, קאָנטעקסט אאַוו. אין דעם באַשטייט טאַקע די רײַכקייט און בייגעוודיקייט פון דער שפּראַך.

דער אויספיר איז: דעם כ' יאַנקיוועסקי קומט בערפיירעש א יאָשער־קויעך, וואָס ער האָט אויפגעהויבן א רײַ שפּראַך־פראַגן, געגעבן אייניקע ניט שלעכטע אײַצעס, נאָר אין פראַגן פון שפּראַך מוז ער זײַן פּאָרזיכטיק, ניט איבערכאַפּן די מאָס און, דעריקער, ניט גיין אָפּן וועג פון אײַנצאַמען זי אין ענגע ראַמען.

צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאַגע

דאַוויד שטערענבערג

(1948—1881)

אין דער געשיכטע פון דער סאָוועטישער מאָלערײַשער קונסט טיילט זיך אויס דאַוויד שטערענבערגס שאַפונג מיט איר אייגנאַרטיקן רעאַליזם, עכטער אָריגינעלקײַט. זײַן מאָלערישע סיסטעם — דאָס איז א געשמעלץ פון פאַרשיידענע אײַנדרוקן, וועלכע ער האָט געשעפּט פון דעם לעבן און פון דער קונסט.

דאַוויד שטערענבערג איז געבוירן געוואָרן אין 1881 אין זשיטאָמיר אין א פאַמיליע פון אן אָנגעשטעלטן. פון די סאַמע פריסטע קינדער־יאָרן האָט דער קומענדיקער קינסטלער געמאָלט און געצייכנט. צו פינף און צוואַנציק יאָר פאָרט ער אוועק קיין אָדעס, ווו ער לערנט זיך אין די קינסטלערישע סטודיעס. אין 1906 וווינט ער שוין אין ווין, דערנאָך אין פּאַריזש.

פון 1906 ביז 1912 לערנט זיך שטערענבערג אין דער שול פון שיינער קונסט, דערנאָך אין דער אַקאַדעמיע אונטער דער אָנפירונג פון די פּראָפעסאָרן אַנרי מאַרטען, וואַן דאָנגען. ער לעבט אינעם באַרימטן ליאַרוש־„בינשטאָק״, ווו עס זײַנען געוועזן די וואַרשטאַטן פון מאָלער פון פאַרשיידענע לענדער.

אין 1912 איז שטערענבערג צום ערשטן מאָל אַרויסגעטראָטן אף דער אויסשטעלונג אינעם פּריילינג־סאַלאָן מיטן „פּאָרטרעט פון דעם מאָלערס פרוי״. אינעם זעלבן יאָר האָט ער אויך אָנטיילגענומען אין האַרבסט־סאַלאָן, און פון דאַן אָן פלעגט ער רעגולער עקספּאָנירן זײַנע בילדער אף די אויסשטעלונגען אין די פּרילינגדיקע און האַרבסטיקע סאַלאָנען און בא די „אומאָפּהענגיקע״ צוזאַמען מיט מאַטיס, אַזאָנפאַן, דערען, מאַרקע, לעזשע, אוטרילאָ, וולאַדאַן.

אין 1914 האָט שטערענבערגס וואַרשטאַט באַזוכט א. וו. לונאַטשאַרסקי. „עס ווילט זיך אָפּמערקן ניט נאָר די ברייטקײַט פון שטערענבערגס זוכענישן אין קונסט... דאָס איז ניט נאָר א מאָלער, נאָר אויך א פּאָעט״ — האָט ער געשריבן אין דער צײַטונג «Киевская мысль».

פאַרן אָנהייב פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע קומט שטערענבערג אף א קורצער צײַט קיין רוסלאַנד. ווען ער קערט זיך אום אין פּאַריזש, באַווײַזן זיך בילדער, וועלכע ער האָט געמאָלט אין זײַן היימלאַנד.

אין 1917 נעמט שטערענבערג אָנטייל אין א געמיינזאַמער אויסשטעלונג מיט מאַטיסן, אַזאָנפאַנען און אוטרילאָ. באַזונדערס באַדײַטנדיק אין דעם פּעריאָד זײַנען איינציקע זײַנע פּאָרטרעטן, די בילדער „אונטער דער הויף״ („אין בינשטאָק״), „שטיינגרובנס״, „מויערער״, „דער אַרבעטער־עמיגראַנט״, „דער פּאָרטרעט פון א פּאָעט״, „אַן אַרבעטער בא דער סענע״, „דער רויטער נאַטורמאָרט״, „דער פרישטיק״.

צום 1916 יאָר האָט זיך אויסגעפורעמט שטערענבערגס מאָלערישער סטיל. באַזונדערס האָט ער אים „פאָרמולירט״ אין „רויטן נאַטורמאָרט״ און אין „נאַטורמאָרט מיט א טאַץ״: די דעמאָנסטראַציע פון אַן איינצלנעם געגנשטאַנד, אונטערשטרײַכנדיק, ווי קליין ער איז אין פאַרגלײַך מיט דעם אַבסטראַקטן רוים, מיטן פּאָן, ווי איזאָלירט ער איז פון דער רעאַלער אומגעבונג. מע קאָן אָן צווייפל זאָגן, אז צו יענער צײַט דעראָבערט שטערענבערג אַלס מאָלער זײַן אייגענע אינדיווידואַליטעט, וועלכע פאַלט ניט אונטער קיינעמס ווירקונג.

נאָך דער פעוראַל־רעוואָליוציע פון 1917 האָט זיך שטערענבערג אומגעקערט אין רוסלאַנד. א געוויסע צײַט האָט ער לויטן אויפטראָג פונעם מאָסקווער ראַט פון אַרבעטער, סאָלדאַטן און פויערים־דעפּוטאַטן זיך פאַרנומען מיט פראַגן פון פאַרהיטן די געשיכטע־און קולטור־אַלטערטימלעכקײַטן, און שפּעטער, נאָכן זיג פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, ווערט ער באַשטימט אַלס אָנפירער פונעם אָפּטייל פון מאָלערײַ באַם פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פון בילדונג. דער גרויסער אָקטיאַבער האָט אים אַרויסגערוקט אַלס א טוער פון דער נײַער קולטור.

אַלץ האָט מען געדאַרפט אָנהייבן פון אָנהייב, — איבערבויען די בילדונגס־סיסטעם אין דער מאָלערײַקונסט, דאָס מוזיי־וועזן, רעאַליזירן לענינס פּלאַן פון מאָנומענטאַלער פּראָפּאַגאַנדע און פיל אַנדערס. צו דער צײַט פאָרמירט זיך ענדגילטיק אויס שטערענבערגס וועלט־אָנשויונג, ער שטעלט זיך אין די ערשטע רייען פון די קעמפער פאַר דער סאָציאַליסטישער קולטור.

אין שטערענבערגס מאָסקווער דירע אין כּאָלועקטאָוו־געסל, שפּעטער אין וכוטעמאַס, פלעגן זיך צונויפקומען מאָלער און פּאָעטן. דאָרט זײַנען געוועזן מאַיאַקאָווסקי, שקלאָווסקי, קופּריאַנאָוו, טאַטלין, אָסמערקין, מייערכאָלד, סאַראַ ליעבעדעוואַ, קוזנעצאָוו, ברוני, טישלער, מאַרשאַק און פיל אַנדערע. אינעם בוך „פּראָפּילן״ האָט דער קונסט־קריטיקער א. עפראָס געשריבן, אַז „אין פּאַריזש איז שטערענבערג געוועזן איינער — אין מאָסקווע אַן אַנדערער. דאָס יאָר 1917 איז געוואָרן די היסטאָרישע גרענעץ פון זײַן שאַפונג״. די דאָזיקע באַהויפּטונג איז אין א געוויסער מאָס צו קאַטעגאָריש, שטערענבערג איז ניט גלײַך געוואָרן „אַן אַנדערער״. איינציקע אַרבעטן פונעם סאָוועטישן פּעריאָד זײַנען לויט זייערע קאָמפּאָזיציאָנעל־געשטאַלטלעכע און טעכנישע אייגנשאַפטן בעליסאָפעק נאָענט צו די געמעלן פונעם פּאַריזשער פּעריאָד. דאָס פאַרשוועריקט די פּראָבלעם פון דער פּעריאָדיזאַציע פון שטערענבערגס שאַפונג, וועלכער האָט קיינמאָל ניט דאַטירט זײַנע ווערק. די אויסנעמלעכע ראַפינירטקײַט איז ענדגילטיק פאַרשוווּנדן פון שטערענבערגס סטיל ערשט אין דער מיט פון די צוואַנציקער יאָרן. צו יענער צײַט באַווײַזן זיך אַזעלכע בילדער, ווי די נאַטורמאָרטן „הערינג״, „א העכט״ און דאָס ברייט באַוווּסטע בילד „אַניסקע״.

אין דער ערשטער העלפט פון די 20־ער יאָרן איז מען אקטיוו ארויסגעטראָטן קעגן די אזויגערופענע „בעספרעדמעטניקעס" און „קאָנסטרוקטיוויסטן", אָברופנדיק זייערע בילדער „בורזשואזע דערפינדונג". אין דער פרעסע און מינדלעך טרעט שטערנבערג ארויס קעגן דער דאָזיקער פאָזיציע, דערווײַזנדיק די נייטיקײַט פונעם מאָלערישן בילד אן און פאר זיך אין דער נײַער געזעלשאפט.

אין 1922 האָט מען שטערנבערגן באשטימט אלס קאָמיסאר פון דער ערשטער סאָוועטישער אויסשטעלונג אין אויסלאנד (דײַטשלאנד, האָלאנד) און אין 1924 יאָר — אלס קינסטלערישן דירעקטאָר פון דער רוסישער אָפטיילונג אף דער צווישנפעלקערלעכער אויסשטעלונג אין פאריזש. דער מאָלער איז אליין אויך געווען אן אָנטיילנעמער פון ביידע אויסשטעלונגען.

אין 1925 יאָר אף דער אויסשטעלונג אין פאריזש האָט שטערנבערג באקומען דיפלאָמען און א מעדאל פאר זײַן מאָלערײַ און זײַנע גראווירן. מיט א דיפלאָם איז אויך געווען אָפגעמערקט זײַן אָנטייל אין דער אויסשטעלונג אין ווענעציע.

אין 1927 איז אין מאָסקווער מוזיי פון מאָלערישער קולטור פאָרגעקומען שטערנבערגס פערסאָנעלע אויסשטעלונג. אין די רעצענזיעס פון יא. טוגענדכאָלד, א. פיאָדאָראָוו־דאווידאָוו, אי. כוויניק, וו. לאָבאנאָוו איז הויך אָפגעשאצט געוואָרן זײַן שאפונג.

צום סאָף פון די צוואנציקער יאָרן האָט שטערנבערג אינטענסיוו געארבעט אינעם פאָרטרעטן־זשאנער. אלס קלאל איז עס געווען א פאָרטרעט — א בילד פון גרויסן פאָרמאט מיט א קאָמפליצירטער קאָמפאָזיציע. אלס אָנהייב פון דעם דאָזיקן ציקל קען מען רעכענען זײַן „אניסקע". אין 1928 שאפט ער דעם לײַוונט „דאָס אלטע", גלײַכצײַטיק ארבעט ער איבער די פאָרטרעטן פון נאָענטע מענטשן. אין די בילדער „ג. שטערנבערג" און „פאָרטרעט פון דעם מאָלערס געזינד" דערגרייכט ד. שטערנבערג גלענצנדיקע רעזולטאטן אין אויסדריקן דעם כאראקטער פון די מאָדעלן.

דורכגעגאנגען דעם פעריאָד פון אנאליטישן באגרײַפן די ווירקלעכקײַט, פול מיט ליבע צום לעבן, קומט דער מאָלער צו סינטעטישער שילדערונג. עס ווערט געפונען דער מאסשטאב פון דעם מענטשנס אופנעמען די ארומיקע וועלט, ניט ארויסרײַסנדיק פון איר באזונדערע געגנשטאנדן.

שטערנבערגס גראפיק, וועלכע איז זײַנערצײַט שטארק בארימט געוואָרן, שטעלט מיט זיך פאָר א גרויסן אינטערעס ניט נאָר מאכמעס איר ריין פראָפעסיאָנעלער ווערט, נאָר אויך פון שטאנדפונקט פון באהערשן דעם לעבנס־מאטעריאל.

ווען שטערנבערג האָט זיך געווענדט צו דער גראפיק, איז ער שוין געווען אן אנערקענטער מאָלער. די מערהײַט גראפישע ווערק זײַנע האָט ער געשאפן אין פעריאָד פונעם אופבלי פון זײַן מאָלערישער שאפונג — פון אָנהייב צוואנציקער ביז דער מיט פון די דרײַסיקער יאָרן. פאר דער צײַט האָט ער געשאפן א סאך קסילאָגראפיעס, אָפאָרטן און ליטאָגראפיעס, וועלכע זײַנען א באדײַטנדיקער בײַטראָג אין דער סאָוועטישער קונסט.

אין דער גראפיק האָט שטערנבערג פיל געארבעט איבערן פייזאזש. אין די ערשטע פייזאזשן פילט זיך נאָך זײַן צוגאנג, ווי צו די נאטורמאָרטן, וואָס גיט צו, אגעוו, די ארבעטן פון דעם זשאנער א באזונדער אייגנארטיקן כיין. דער צויבער פון די מאָסקווער הייפלעך, די לירישע אָפגעשיידטקײַט פון די ראנד־געסן, דאָס אָנגעשטרענגטע לעבן פון די יאם־פאָרטן, די אינטעריערן און פענצטער — יעדער מאָטיוו ווערט פארוואנדלט אין א קליינער נאָוועלע, וואָס האָט איר אָנהייב און איר פאָרזעצונג ערגעץ אין אנדערע צײַטן, אויסערן רוים פונעם מאָלערס בילד. מיט א שטריך, קימאט ניט אָפרײַסנדיק די האנט פון דער ברעט, העפט דער מאָלער זײַנע פייזאזשן, וואָס זײַנען פול מיט לירישע געפילן. אין דער גראפיק האָט ער געשאפן אויך א ריי פאָרטרעטן: „דער פאָרטרעט פון א פויער", „דער פאָרטרעט פון דער טאָכטער", „דער רויטארמייער".

שטערנבערגס אינטענסיווע ארבעט אין דער גראפיק אין מעשעך פון קימאט צען יאָר האָט לאָגיש אים געפירט צו דער קינסטלערישער אויספאָרמירונג פונעם בוך. אין סאָף פון די צוואנציקער יאָרן אילוסטרירט ער ביכער פון פארשיידענע אווטאָרן, באזונדערס קינדער־שרײַבער. אָ. גוריאן „גאלו און מגאטר", א. מאריִענגאָף „באָרקע — דער פיזקולטורניק", וו. סמירנאָווא „מאנאָי", וו. מאיאקאָווסקי „פאר קינדער", נ. סאקסאָנסקאיא „ליאלקעס און ביכער"; ער שאפט אויך ביכלעך־בילדלעך אָן א טעקסט — „פיזקולטור", „אוזאָרן", „בלומען", „מײַנע שפילצײַגן", „טיי". זײַן סאמע באדײַטנדיקער אופטו אין דער ביכער־גראפיק זײַנען געווען די איליוסטראציעס צו ר. קיפלינגס לידער־זאמלונג „40 נאָרד — 50 וועסט" אין ס. יא. מארשאקס איבערזעצונג. פאר דעם בוך האָט דער מאָלער געשאפן א ריי גראווירן אף האָלץ, וועלכע זײַנען אינטערעסאנט מיט דעם, וואָס פינקטלעך באגלייטנדיק דעם טעקסט, פינקטלעך איבערגעבנדיק די געשטאלטלעכע סטרוקטור פון קיפלינגס ליד, האָבן זיי גלײַכצײַטיק פארמאָגט א זעלבשטענדיקע ווערט. זיי זײַנען פונקט אזוי פרעכטיק אף דער וואנט, ווי אין בוך.

אין מעשעך פון אלע יאָרן האָט שטערנבערג ניט אָפגעשטעלט זײַן געזעלשאפטלעכע טעטיקײַט. אין 1930 יאָר האָט ער דער ערשטער פון די מאָלער באקומען דעם בעקאָוועדיקן טיטל — פארדינסטפולער קינסטלער פון רספסר, און ווען עס האָט זיך געשאפן דער מאָסקווער פאריין פון די מאָלער, קלײַבט מען אים אויס אלס פארטרעטער פונעם פאָרזיצער פון דער פארוואלטונג. ברייט איז דער קרײַז פון זײַנע געזעלשאפטלעכע פליכטן. ער פארנעמט זיך מיטן מוזייווען, אָרגאניזירט סאָוועטישע אויסשטעלונגען אין אויסלאנד. אקטיוו און פרינציפּיִעל טרעט ער ארויס אין דער פרעסע וועגן די סאמע אקטועלע פראָבלעמען פון דער סאָוועטישער קונסט. ד. שטערנבערג נעמט אן אָנטייל אין די וויכטיקסטע אויסשטעלונגען פון זײַן צײַט.

אין די יאָרן פונעם קריג מיטן פאשיזם, אן עוואקויִרטער אין אירקוטסק, אָרגאניזירט שטערנבערג דעם ארויסלאָז פון פלאקאטן „אגיט־פענצטער" לויטן בײַשפיל פון מאיאקאָווסקיס „פענצטער פון „ראָסטא".

אין שטערנבערגס בילדער, וועלכע ער האָט געשאפן אין סאָף פון די פערציקער יאָרן, קימאט פאר זײַן טויט, ווערט די געשילדערטע ווירקלעכקײַט באוויזן אין וווּנדערלעכע פארבן. דער אינהאלט פון די קליינע לײַוונטן איז א טיף פערזענלעכער, פונקט ווי זיי וואָלטן געווען בלעטלעך פון אן אייגנארטיקן „טאָגבוך פון דעם קינסטלערס געפילן". אין זיי איז פאראן א גרויסע פסיכאָלאָגישע קראפט און פילאָסאָפישע טיפקײַט. דער קינסטלער האָט אונטערגעפירט א סאכאקל פון אלץ, וואָס ער האָט געשאפן און איבערגעלעבט.

אין אלע געביטן, אין וועלכע דאוויד שטערנבערג איז געווען טעטיק, האָט ער איבערגעלאָזט אינטערעסאנטע און באדײַטנדיקע ווערק. זייער אָריגינעלקײַט, ניט ענלעכקײַט אף אנדערע, זײַנען א רעזולטאט פון דעם קינסטלערס זעלטענעם גוירל, פון זײַן מערקווירדיק לעבן. שטערנבערגס שאפונג איז דורכגעדרונגען מיטן געפיל פון דער צײַט. זײַן הייסע ליבע צום מענטשן געפינט אויך הײַנט דעם וועג צו די הערצער פון אונדזערע מיטצײַטלער.

מ. לאזארעוו

ערצוו דער פּרעמיערע

דער קאָלעקטיוו פונעם נײַעם ייִדישן מוזיקאַלן קאַמער־טעאַטער
אַף אן אופנעם באַם מיניסטער פון קולטור פון רספּסר
יו. ס. מעלענטיעוו

צוריק מיט א יאָר, דעם 4 יול 1977, האָט דער מיניסטאָרן־ראַט פון דער רוסלענדישער סאָוועטישער פעדעראַטיווער רעפּובליק אָנגענומען א באַשטימונג וועגן עפענען אין ביראָבידזשאַן א געגנטלעכע פילהאַרמאָניע און א ייִדישן מוזיקאַלן קאַמער־טעאַטער. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דאָזיקער דאַטע האָט דער מיניסטער פון קולטור פון רספּסר יורי סעראַפּימאָוויטש מעלענטיעוו אופגענומען דעם גאַנצן קאָלעקטיוו פונעם נײַ־געשאַפענעם טעאַטער, וועלכער גייט דורך דעם אָרגאַניזיר־פּעריאָד און רעפּעטירט די ערשטע שטעלונג אין מאָסקווע.

דער מיניסטער האָט אָפּגעמערקט, אז דאָס עפענען א נײַעם ייִדישן מוזיקאַלן טעאַטער איז א וויכטיקע דערשײַנונג אינעם קולטור־לעבן פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט. ער האָט אונטערגעשטראָכן, אז פאַרן קאָלעקטיוו שטייען איצט פאַראַנטוואָרטלעכע אופגאַבן — פאָרזעצן און אַנטוויקלען די בעסטע טראַדיציעס פון דער ייִדישער טעאַטראַלער קונסט, שאַפן ספּעקטאַקלען אַף א הויכן אידייִש־קינסטלערישן ניוואָ. יו. ס. מעלענטיעוו האָט געווונטשן דעם טעאַטער שעפערישע דערפאָלגן באַם שאַפן זײַנע ערשטע ספּעקטאַקלען און אין זײַנע קומענדיקע גאַסטראָלן אין ביראָבידזשאַן, אין די שטעט פון דער רוסלענדישער פעדעראַציע, ווי אויך אין אנדערע סאָוועטישע רעפּובליקן.

דער פאַרוואַלטער פונעם קולטור־אָפּטייל פון כאַבאַראָווסקער קאַנט־אויספּירקאָם איוואַן מיכײַלאָוויטש בריט האָט אַף דער באַגעגעניש דערציילט וועגן די צוגרייטונגען אין ביראָבידזשאַן צום אופנעם פונעם נײַעם טעאַטראַלן קאָלעקטיוו. די קאַנטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן שוין באַשטעטיקט דעם פּראָיעקט פון דער בויונג פון א געבײַדע פאַרן ייִדישן מוזיקאַלן קאַמער־טעאַטער. אין ביראָבידזשאַן איז אין פולן גאַנג די בויונג פון א וווינונגס־הויז פאַר די אַרטיסטן — 100 דירעס מיט אַלע באַקוועמלעכקײַטן. אינעם געגנטלעכן צענטער איז געשאַפן געוואָרן א פילהאַרמאָניע, וועלכע איז צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן די גאַסטראָל־רײַזעס פון דעם נײַעם טעאַטער איבער די שטעט פון כאַבאַראָווסקער קאַנט און אפן ווײַטן מיזרעך, ווי אויך די באַדינונג פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט מיצאַד אנדערע קינסטלערישע קאָלעקטיוון און באַזונדערע אַרטיסטן־אויספירער, וועלכע וועלן אײַנגעלאַדן ווערן פון מאָסקווע, לענינגראַד און אנדערע קולטור־צענטרען פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

דער קינסטלערישער אָנפירער פונעם ייִדישן מוזיקאַלן קאַמער־טעאַטער יורי שערלינג האָט אינפאָרמירט דעם מיניסטער און די אָנטיילנעמער פון דער באַגעגעניש וועגן דער אַרבעט פונעם קאָלעקטיוו. דער טעאַטער האַלט איצט אין פאַרענדיקן די רעפּעטיציעס איבער דער אָפּערע „א שוואַרץ צײַמל פאַר דער ווײַסער שקאַפּע" (מוזיק פון יו. שערלינג, ליברעטאָ פון אי. רעזניק און כ. ביידער, קינסטלערישע אויספורעמונג פון אי. גלאַזונאָוו). עס ווערט געגרייט אויך א קאָנצערט־פּראָגראַם. אינעם פּאָרטפעל פונעם טעאַטער געפינען זיך איצט די ליברעטאָס פון א ריי אנדערע אָפּערעס, דערונטער „די ייִדישע טאָכטער פון טאָלעדאָ" (לויט ל. פויכטוואַנגערן).

בייסן אופנעם זײַנען בײַגעווען דער שעף פון דער פאַרוואַלטונג פון מוזיקאַלע טעאַטערן באַם קולטור־מיניסטעריום פון רספּסר א. א. מאַקאַראָוו, זײַן שטעלפאַרטרעטער א. פּ. אושקאַריאָוו, דער גענעראַל־דירעקטאָר פון „ראָס־קאָנצערט" וו. ס. כאָדיקין און אנדערע אָנפירנדיקע טוער פונעם קולטור־מיניסטעריום פון רספּסר.

11–421

פון דאַוויד שטערענבערגס אויסשטעלונג אין מאָסקווע (1978)

אויטאָפּאָרטרעט, 1920

פּאָרטרעט פון א פרוי, 1912

באם פענצטער, 1916

עטיוד בא דער סענע, 1913



נאטורמאָרט, 1914

באם טײַך. זשיטאָמיר, 1914

א גאסן־הענדלער, 1920

אין א פאריזשער פאָרשטאָט, 1907—1912

גאַסטראָל־רײַזעס איבערן לאַנד

ניט לאַנג צוריק האָב איך באַקומען פֿון זאַפּאָראָזשיע אַן אויסשניט פֿון דער געגנטלעכער צײַטונג — אַן אַרטיקל, וואָס הייבט זיך אָן מיט אַזעלכע ווערטער:

„אין יענעם אָוונט זײַנען אין זאַפּאָראָזשיע געגאַנגען צוויי ספּעקטאַקלען. אינעם געגנטלעכן מוזיקאַליש־דראַמאַטישן טעאַטער אויף נ. שטשאָרס׳ נאָמען האָבן די צושויער געקוקט די אוקראַיִנישע פֿאָרשטעלונג „דאָס פֿינגערל מיט בריליאַנטן“, און אויף דער בינע פֿונעם קאָנצערט־זאַל אויף מ. גלינקאַס נאָמען האָבן די געסט פֿון מאָסקווע באַוויזן דעם ספּעקטאַקל „דער פֿאַרקישעפֿטער שנײַדער“ לויט דער דערציילונג פֿונעם גרויסן ייִדישן שרײַבער שאָלעם־אַלייכעם. מיט דער דאָזיקער פֿאָרשטעלונג האָט אָנגעהויבן זײַנע גאַסטראָלן אין זאַפּאָראָזשיע דער מאָסקווער ייִדישער דראַמאַטישער אַנסאַמבל...“

שוין אַ היפּשע צײַט איז דורכגעגאַנגען, זינט אונדזער קאָלעקטיוו איז געווען אין אָט דער דאָרעמדיקער אינדוסטריִעלער שטאָט, נאָר ביז איצט קומען אָן בריוו און אָפּרופֿן וועגן יענע גאַסטראָלן. דער צושויער פֿאַרגעסט אונדז ניט, ער לאַדט אונדז אײַן אויף נײַע באַגעגענישן.

אַלע מאָל, ווען מיר קערן זיך אום קיין מאָסקווע פֿון אַן אָרדנטלעכער גאַסטראָל־רײַזע, ציִען מיר אונטער סאַכאַקלען פֿון דער אַרבעט. מיר בלעטערן דעם אָפּרוף־בוך, וואָס איז איבערגעפֿולט מיט דאַנקאויסדרוקן און ווינטשן, און עס שטייען אויף פֿאַר אונדזערע אויגן טויזנטער צושויער פֿון פֿאַרשיידענע שטעט.

באַזונדערס אינטערעסאַנט זײַנען געווען די לעצטע גאַסטראָלן פֿונעם אַנסאַמבל אין לעטלאַנד. ריגע האָט אונדז באַגעגנט מיט אַ ברייטן קאַבאַלאַס־פּאָנעם. די לעטלענדישע מעלוכע־פֿילהאַרמאָניע האָט זייער גוט אָרגאַניזירט אונדזער אַרבעט. מיר האָבן אין מעשעך פֿון עטלעכע טעג, בײַס דער אַנסאַמבל האָט גאַסטראָלירט אין ריגע, דאַוגאַווּפּילס און רעזעקנע, געפֿילט אַ פֿרײַנטלעכע באַציִונג מיצאַד דער דירעקציע און פֿון אַלע טוער פֿון אָט דעם בעעמעס שעפֿערישן אַנשטאַלט. אין ריגע האָבן מיר צום ערשטן מאָל באַוויזן אונדזער נײַעם ספּעקטאַקל לויט מוישע גערשענזאָנס פּיעסע „הערשעלע אָסטראָפּאָליער“.

„הערשעלע אָסטראָפּאָליער“ האָבן מיר געשטעלט אויך אין דאַוגאַווּפּילס און אין רעזעקנע, און מיר האָבן געהאַט זייער אינטערעסאַנטע באַגעגענישן, שמועסן מיט די צושויער. ס׳האָט זיך געמאַכט אַ טאָג, ווען מיר זײַנען געווען פֿרײַ פֿון דער אַרבעט, האָבן מיר אויסגענוצט די צײַט פֿאַר אַן עקסקורסיע קיין יורמאַלאַ — איינעם פֿון די שענסטע ערטער אין בײַבאַלטיק. דאָרט האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט אַ נאַציִאָנאַלן אַנסאַמבל, וועלכער האָט אונדז באַוויזן אַ קאָנצערט פֿון אויסערסט אָריגינעלער קונסט.

האַיאָר זײַנען מיר קימאַט די גאַנצע צײַט אין וועג. די ערשטע גאַסטראָלן האָבן מיר געהאַט אין דער הויפּטשטאָט פֿון דאָנבאַס — דאָנעצק. דערנאָך האָבן מיר געגעבן ספּעקטאַקלען אין זאַפּאָראָזשיע, כערסאָן, ניקאָלײַעוו, פֿון דאָרט זײַנען מיר געפֿאָרן קיין מאָלדאַוויע און אַרויסגעטראָטן אין טיראַספּאָל, בענדערי און בעלץ. דער מאַרשרוט איז געווען אַ קאָמפּליצירטער, נאָר אומעטום זײַנען בײַ אונדז געווען פֿריידיקע באַגעגענישן. מיט גרויס דערפֿאָלג האָבן מיר אין מאָלדאַוויע געשטעלט דעם „פֿאַרקישעפֿטן שנײַדער“ און „הערשעלע אָסטראָפּאָליער“.

אונדז איז, פֿאַרשטייט זיך, ניט אַלצײַנס פֿאַר וועמען צו שפּילן. מע קאָן ניט זאָגן, אַז דער „פֿאַרקישעפֿטער שנײַדער“ און „הערשעלע אָסטראָפּאָליער“ זײַנען ספּעקטאַקלען, מיט וועלכע דער אַנסאַמבל האָט „אַנטדעקט אַמעריקע“. אָבער זינט די דאָזיקע פֿאָרשטעלונגען פֿון אונדזער ייִדישער טעאַטראַלער קלאַסיק זײַנען צום לעצטן מאָל באַוויזן געוואָרן אויף דער בינע, איז אַוועק שוין אַ היפּש ביסל יאָרן. טויזנטער עלטערע צושויער האָבן געזען די ספּעקטאַקלען אין מאָסקווער גאָסעט, אין קיִעווער, מינסקער, טשערנאָוויצער און אַנדערע ייִדישע טעאַטערן. און דאָך האָבן זיי איצט געקוקט אונדזערע פֿאָרשטעלונגען מיט אינטערעס און פֿאַרגעניגן. פֿריידיק איז דאָס, וואָס די מערהײַט פֿון אונדזערע הײַנטיקע צושויער זײַנען יונגע מענטשן פֿון אַלע שיכטן פֿון דער באַפֿעלקערונג — אַרבעטער, אינזשעניערן, דאָקטוירים, וויסנשאַפֿטלעכע טוער, בויער. אינעם אָפּרוף־בוך, וואָס מיר האָבן אײַנגעפֿירט, געפֿינען זיך הונדערטער אַרויסזאָגונגען און אָפּשאַצונגען. אָט זײַנען אייניקע פֿון זיי:

„אין נאָמען פֿון אַ גרופּע יאַמלײַט־פּאָליאַרניקעס דריקן מיר אויס אונדזער דאַנקבאַרקײַט פֿאַר די פּרעכטיקע ספּעקטאַקלען, וואָס מיר האָבן געקוקט. זיי האָבן געמאַכט אויף אונדז אַ טיפֿן אײַנדרוק מיט דער טאַלאַנטפֿולער שפּיל פֿון די אַקטיאָרן, מיט דער זאַפֿטיקער שפּראַך, וואָס האָט געקלונגען פֿון דער בינע.

ווירקלעכער מיטגליד פֿון דער געאָגראַפֿישער געזעלשאַפֿט פֿון פּסס״ר, קאַפּיטאַן פֿון ווײַטע יאַם־רייסן ס. אַ. קאַליקאַ, אַרקטיק, בוכטע טיקסי“.

„שאָלעם־אַלייכעם האָט געשריבן: „לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן“. אַ גרויסן דאַנק אײַך, וואָס איר האָט אונדז מיטן ספּעקטאַקל צוגעגעבן געזונט. די מישפּאָכע גרינבערג (אַ פּעדאַגאָג, אַ בוכהאַלטער, אַ שילער פֿונעם 9־טן קלאַס). שטאָט בענדערי“.

„דעם ספּעקטאַקל האָב איך געקוקט מיט פֿאַרגעניגן. איר האָט באַוויזן אַ שטיק פֿונעם אַמאָליקן לעבן, און גלײַכגילטיק צו דער שפּיל איז קיינער ניט געבליבן... איסער קופּערמאַן, 6־מאָליקער וועלט־טשעמפּיִאָן פֿון שאַשקעס, צווישנפֿעלקערלעכער גראָסמייסטער, פֿאַרדינסטפֿולער ספּאָרט־מײַסטער פֿון פּסס״ר, ריגע“.

ריגע, כערסאָן, זאַפּאָראָזשיע, דאָנעצק, טיראַספּאָל און אַנדערע שטעט פֿון לעטלאַנד, אוקראַיִנע און מאָלדאַוויע זײַנען, ווי מע זאָגט, ערטער מיט אַ טראַדיציִאָנעלן ייִדישן צושויער. פֿאַר די לעצטע יאָרן אָבער האָט זיך שטאַרק געענדערט די דעמאָגראַפֿיע, און פּראַקטיש געפֿינען מיר אונדזער אַודיטאָריע אין יעטווידן קאַנט. דאָס האָט באַשײַמפּערלעך באַוויזן די לעצטע גאַסטראָל־רײַזע איבער די שטעט

א סצענע פונעם ספעקטאקל „הערשעלע אָסטראָפּאָליער“

פון אוראל און סיביר. בא פולגעפאקטע זאלן האָבן מיר געשפילט אין נאָוואָסיבירסק, אופא, טשעליאַבינסק, אָמסק, קראסנאָיארסק. אין מײַ כוידעש האָבן מיר זיך אומגעקערט פון א גאסטראָל־רײַזע איבער די גרעסטע שטעט פון ווײַסרוסלאנד — וויטעבסק, באָברויסק, האָמעל, פּאָלאָצק און אנד. און אומעטום — דער זעלבער דערפאָלג, דער זעלבער הארציקער קאבאָלאס־פּאָנעם.

האָבנדיק אזא דאנקבארן צושויער, פארשטייען מיר די גרויסע פאראנטוואָרטלעכקײַט, וואָס איז אָף אונדז ארופגעלייגט.

„שאָלעם־אַלייכעם, גערשענזאָן — דאָס איז גוט, די קלאסיקער האָבן פארדינט, מע זאָל זייערע ווערק באווײַזן נאָכאמאָל און ווידעראמאָל. אָבער פארגעסט ניט, אז מיר לעבן אין א צײַט, ווען דאָס סאָוועטישע פאָלק בויט דעם קאָמוניזם. ווו זשע איז דער נײַער רעפערטואר?“ — אזא טײַנע האָבן מיר ניט איין מאָל געהערט בײַם די שמועסן מיט די צושויער, אויך אינעם אָפרוף־בוך כאזורן זיי זיך אָפט איבער.

מיר נעמען דאָס אין אכט און פארברייטערן דעם רעפערטואר מיט פּיעסן, וועלכע שפּיגלען אָף די הײַנטצײַטיקײַט. שוין היאָר וועלן מיר באווײַזן דעם ערשטן ספּעקטאקל אָף אָט דער טעמע.

פאר דער לעצטער צײַט זײַנען פארגעקומען ענדערונגען אינעם ארטיסטן־באשטאנד פון דעם אנסאמבל. עטלעכע אקטיאָרן זײַנען אוועק אָף פּענסיע. ס'איז געשטאָרבן ביניאָמין שווארצער. מיר האָבן פארלוירן אזעלכע טאלאנטפולע מײַסטערס, ווי כאַיִם ספּיוואק און זאלמען מיימאן, וועלכע פלעגן בא אונדז שפּילן הויפּט־ראָלן. איצט האָט זיך דער קאָלעקטיוו פארפולט מיט נײַע באגאבטע שוישפּילער. באנאנד מיט די וועטעראנען — זינאָווי קאמינסקי, מאניע קאָטליאראָווע, מיכאל שאפּירא, באָריס סאָראקא, רימע שווארצער — האָבן זיך אײַנגעגלידערט אינעם קאָלעקטיוו די ייִנגערע שוישפּילער — מארק הייכמאן, יעלענא ניקאָלסקאיא־איליינא, גענאדי אבראמאָוו, עמע אדאמאָווסקאיא. ס'האָט זיך אומגעקערט אָף דער ייִדישער בינע דער ארטיסט יויסעף לעוואָקוויטש. דאָס גיט א מעגלעכקײַט ניט בלויז אופצושטעלן א ריי ספּעקטאקלען, וועלכע דער אנסאמבל האָט געשפּילט אין די פריערדיקע יאָרן און דער צושויער האָט זיי זייער ווארעם אופגענומען, נאָר באוײַכערן דעם רעפערטואר מיט נײַע, ווערטפולע ווערק.

יויסעף ריקלין
פארדינסטפולער קונסט־טוער פון קאסער, קינסטלערישער אָנפירער פונעם מאָסקווער ייִדישן דראמאטישן אנסאמבל

א באגעגעניש פונעם קאָלעקטיוו פון דעם אנסאמבל מיט ארטיסטן פון גאמביע

ב לעטערנדיק זשורנאַלן און צייטונגען

שאָלעם־אַלייכעמס אייניקל בעל קאופמאַן צוגאַסט אין מאָסקווע

מיט העכער צען יאָר צוריק האָט דער זשורנאַל „אינאָסטראַנאַיאַ ליטעראַטורא״ אָפּגעדרוקט א גרעסערע דערציילונג „ארוף מיט די טרעפּ, וועלכע פירן אַף אַראָפּ״, און די סאָוועטישע לייענער האָבן זיך באַקאַנט מיט דער יונגער אַמעריקאַנער לערערן סילוויאַ באַרעט — מיט אָט דעם דענקענדיקן, מוטיקן, פילבאַרן און פריילעכן מענטשן. די אַלע מײַלעס זײַנען איר געווען אויסערסט נייטיק, קעדיי אײַנהאַלטן זיך אַפן פײַנלעכן פּאָסטן פון א לערערן פון די עלטערע קלאַסן אין איינער פון די געוויינלעכע ניו־יאָרקער שולן. די דערציילונג האָט זיך פאַרגעדענקט סײַ אַדאַנק איר דערשיטערנדיקן כאַראַקטער פונעם עצעם מאַטעריאַל, סײַ צוליב דער אָריגינעלקײַט פון איר געבוי, אָבער דעריקער אַדאַנק דער האַרציקײַט און דעם הומאָר, דער איראָניע פונעם ניכטערן און אין אַלגעמיין אָפּטימיסטישן קוק פון דעם אַווטאָר אַף דער פאַקטישער זאַכלאַגע.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אַווטאָר, בעל קאופמאַן, אין דער פאַרגאַנגענהײַט א שול־לערערן, איצט א לעקטאָר און א זשורנאַליסט, איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעטראָטן מיט א בעלעטריסטיש ווערק. דערצו איז זי שאָלעם־אַלייכעמס אַן אייניקל, געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן אין רוסלאַנד, קען גוט רוסיש און האָט אַפן גאַנצן לעבן פאַרהיט איר ליבע צו דער ליטעראַטור פון גאָגאָלן און גאָרקין. וועגן דעם האָט זי שוין דערציילט אַליין, דערציילט אַף רוסיש. דאָס איז געווען אין 1968, ווען זי איז געקומען צוגאַסט קיין סאָוועטנפאַרבאַנד און האָט באַזוכט די רעדאַקציע פונעם זשורנאַל „אינאָסטראַנאַיאַ ליטעראַטורא״. די קאָנטאַקטן פונעם זשורנאַל מיט דער שרײַבערן זײַנען ניט איבערגעריסן געוואָרן: אין 1973 האָט „אינאָסטראַנאַיאַ ליטעראַטורא״ אָפּגעדרוקט בעל קאופמאַנס פאַרצייכענונג „און ווידעראַמאָל ארוף מיט די טרעפּ, וועלכע פירן אַף אַראָפּ״ מיט א נאָכוואָרט פונעם קריטיקער וו. לאַקשינאַ. איצט איז בעל קאופמאַן אָפּסנײַ אין מאָסקווע, און א גאַסט אין דער רעדאַקציע. צוזאַמען מיט איר איז געקומען צו אונדז אין לאַנד איר מאַן — דער פּראָפעסאָר סידניי גלאַק, א סאָציאָלאָג און היסטאָריקער, לייענט לעקציעס אין די הויכשולן פון ניו־יאָרק. בעל קאופמאַן רעדט אַף דער שפּראַך פון אירע קינדער־יאָרן מיט גרויס פאַרגעניגן, זי רעדט פרײַ. שוין פון די ערשטע ווערטער באַקומט דער שמועס אַן ענערגישן טעמפּ: זי, אונדזער גאַסט, איז א מענטש מיט זייער א פריילעכן כאַראַקטער, רעאַגירט אַף אַלץ שנעל, מיט א שפּאַס, אין קעשענע נאָך א וואָרט דאַרף זי ניט קריכן. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אַן אייגנשאַפט פון דער נאַטור, אָבער בײַ איר איז דאָס אויך אין א געוויסער מאָס א פּראָפעסיאָנעלע געוווינהײַט. א סאַך יאָרן טרעט זי אַרויס מיט לעקציעס פאַר א גרויסער אַאודיטאָריע און איז געוואָרן, ווי זי דריקט זיך אויס, „א שטיקל אַקטריסע: איך לייען ניט קיין לעקציעס, איך פיר א פאָרשטעלונג״.

— וועגן וואָס זשע רעדט איר?

— איך האָב צוויי הויפּט־טעמעס. אַף די גרויסע יאָר־קאָנפערענצן פון די שול־לערער רייד איך וועגן דעם לערערס מי. איך רייד פריילעך, נאָר ערנסט, קעדיי די לערער זאָלן זיך בעסער פילן אַף זייער אַרבעט. ווען זיי הערן מיך, לאַכן זיי, עס טרעפט אָבער אויך, אַז זיי וויינען...

די צווייטע טעמע מײַנע — דאָס איז שוין פאַר קלענערע אַאודיטאָריעס — וועגן שאָלעם־אַלייכעמען און ייִדישן הומאָר, וועגן הומאָר ביכלאַל, וועגן דעם, וויאַזוי דער הומאָר העלפט צו לעבן און אויסלעבן זיך, באַזונדערס — אין שול. כוץ דעם, פיר איך סעמינאַרן אין די אוניווערסיטעטן, אין די שרײַבער־סטודיעס.

— דערציילט, זײַט אַזוי גוט, וועגן אײַערע ליטעראַרישע איניאַנים. וואָס שרײַבט איר איצט?

(דאָ לוינט צו מיטיילן, אַז ניט לאַנג צוריק איז דערשינען די פינף־און־פערציקסטע אויפלאַגע פון איר דערציילונג „ארוף מיט די טרעפּ, וועלכע פירן אַף אַראָפּ״, און בריוו פון לייענער, וועלכע זײַנען צומאָל אַדרעסירט פּאָשעט: „ניו־יאָרק, סילוויאַ באַרעט״, האָט בעל קאופמאַן באַקומען אין מעשעך פון די אַלע יאָרן).

— איך האָב פאַרעפנטלעכט א צענדליק אַרטיקלען אַף פּעדאַגאָגישע טעמעס, געשריבן זיי אין טאָן פון א פּערזענלעכן שמועס, אָפט א קאָמישן, נאָר אין טאָך זייער אַן ערנסטן.

צו אָט די אייגנאַרטיקע פאַרצייכענונגען־באַטראַכטונגען, צומאָל ריין פּערזענלעכע, צומאָל — האַלב־בעלעטריסטישע, וואָלט זייער געפּאַסט דער ברייטער באַגריף „עסיי״. פאַרשטייט זיך, אַז זיי אַלע זײַנען אָנגעזעטיקט מיט גלײַכווערטלעך, אָבער צײַטנווײַז אין א גאַנץ ביטערן קאָנטעקסט. אָט, אַשטייגער, וויאַזוי בעל קאופמאַן הייבט אָן דאָס אַרטיקל „ענטפערט אַף די פראַגעס פון אײַערע קינדער. פלאַנצט אין זיי ליבע צו קענטעניש״: „פאַראַן אַזאַ אַנעקדאָט. א מענטש פאָרט אינעם אַווטאָבוס מיט זײַן קליינינקן

זון. דאָס ייִנגל דריקט זיך צו מיט דער נאָז צו דער שויב און האַלט אין איין פרעגן: „טאַטע, וואָס ליגט אין דער לאַסטמאַשין?" „איך ווייס ניט". — מורמלט דער טאַטע, וועלכער איז פאַרטיפט אין א צײַטונג. „און פונוואַנען נעמט זיך א רעגן?" — „שטער מיר ניט!" — „און וואָס איז דאָרט אָנגעשריבן?" — „וועסט זיך אַמאָל אָפּטשעפּען פון מיר?" דער פּאַסאַזשיר, וואָס זיצט פון הינטן, טוט א טאַרע דעם טאַטן פאַר אַן אַקסל: „א נײַגעריק ייִנגעלע בא אײַך" — „ווי זשע דען! — ענטפערט דער טאַטע. — אַנדערש וועסטו דאָך גאָרנישט ניט אויסלערנען זיך..."

דער שרײַבערן גיט זיך אײַן אויסצומײַדן דעם דידאַקטישן טאָן אויך אין אַזאַ אָפן דידאַקטיש אַרטיקל, ווי „לערנט זיך שענקען מאַטאָנעס". דאָס אַרטיקל שטאַמט פון אירע דערינערונגען וועגן דעם, וויאַזוי שאָלעם־אַלייכעם פלעגט שפּאַצירן מיט זײַנע אייניקלעך און מיט א ברייטן זשעסט שענקען בעלאַטשקען אַן אַזערע, טאַמאַרעלען — א וועלדל, און וויפל פרייד ער האָט געקאָנט זיי פאַרשאַפן מיט אָט די „מאַטאָנעס"...

— און אַף א גרויסן ווערק אַרבעט איר ניט?

— איך אַרבעט. נאָר שרײַבן איז מיר איינזאַם און שווער. איך האָב ליב אַרויסטרעטן פאַר מענטשן. איך האָב ליב הערן אַפּלאָדיסמענטן, און א מאַשינקע אַפּלאָדירט דאָך ניט, זי קלאַפּט, און פאַרטיק... מיטן ערשטן בוך האָט מיך קיינער ניט געאײַלט, און געגאַנגען איז עס לײַכט. איך האָב דעמלט געלייענט לעקציעס אין אוניווערסיטעט און האָב, געדענק איך, געזאָגט צו מײַן קאָלעגע, אַז איך שרײַב א בוך וועגן דער שול, איך זאָג זיך דאָרט אַרויס זייער שאַרף וועגן דער נאַטשאַלסטווע, און דערפאַר האָב איך מוירע, איך זאָל ניט האָבן קיין אומאָנגענעמלעכקײַטן. „נו, וואָס רעדט איר, בעל, — זאָגט מיר מײַן קאָלעגע, — באַאומרויִקט זיך ניט, ווער לייענט עס?" איצט האָב איך צוגעזאָגט, אַז צו דעקאַבער וועל איך אָפּגעבן א טייל פונעם נײַעם בוך.

— אויב ס'איז ניט קיין סוד, וועגן וואָס שרײַבט איר אין אָט דעם בוך?

— לאַכלוטן ניט וועגן קינדער און ניט וועגן פּעדאַגאָגיק. איר ווייסט, אַז זייער א סאַך ביכער האָט מען שוין אָנגעשריבן וועגן דעם, ווי מענטשן פאַרליבן זיך. און איך וויל דערציילן, וויאַזוי צווײ נאָענטע מענטשן הערן אויף ליב האָבן איינער דעם צווייטן. א פּסיכאָלאָגישער ראָמאַן. איך וויל אָנשרײַבן וועגן דעם פולשטענדיק ערנסט, אָבער מיט הומאָר. אויך אין טראַגישע פאַלן קאָן מען דאָך א שמייכל טאָן.

דער שמועס רירט אָן א סאַך טעמעס, אונדז אינטערעסירט, פאַרשטייט זיך, בעל קאופמאַנס מיינונג וועגן ליטעראַטור, קודעמקאָל וועגן דער הײַנטיקער ליטעראַטור אין די פאַראייניקטע שטאַטן. זי רופט אָן צווישן אירע ליבלינגען סעלינדזשערן, וואָס „שווײַגט שוין לאַנג", דזשאָן אַפּדײַקן („ער אַרבעט אין אַלע זשאַנערן דרייסט, האָט קיין מוירע ניט פאַר אַן עקספּערימענט"), סאָל בעלאָו, דזשאָן גאַרדנערן. פון די נײַסטע — רענאַטאַ אַדלערס בוך „דער לויף־טראַק", די דערשינענע ביאָגראַפיע פון טשערי קראָוופאָרד (א באַוווּסטע טעאַטער־טוערין), די מאָנומענטאַלע דערציילונג פונעם נעגערישן זשורנאַליסט אַלעקס היילי — „וואָרצלען".

— און ביכלאַל, אַז מע פרעגט מיך, וואָס לייען איך איצט, זאָג איך: „אַנאַ קאַרענינאַ", טשעכאָוון הער איך ניט אויף צו לייענען די גאַנצע צײַט (די נעמען פון טשעכאָווס דערציילונגען האָבן זיך עטלעכע מאָל געהערט בײַם אונדזער שמועס). די סאָוועטישע ליטעראַטור? איך לייען זי אופמערקזאַם. אָט ניט לאַנג צוריק האָב איך באַקומען א זאַמלבוך פון דערציילונגען, אָפּגעדרוקט אין „נאַש סאָוורעמעניק", — צווײ נעכט בין איך ניט געשלאָפן, געלייענט!

מיט באַדויערונג געזעגענען מיר זיך מיט בעל קאופמאַן. ס'איז ווירקלעך פאַראַן עפּעס היימישס אין אָט דער אַמעריקאַנער פרוי, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין רוסלאַנד און איז אַן אייניקל פונעם מערקווירדיקן שרײַבער. פון אים האָט זי א סאַך געיאַרשנט: דעם ליטעראַרישן טאַלאַנט, די גרויסע מענטשלעכע וואַרעמקײַט און, פאַרשטייט זיך, דעם הומאָר, וואָס העלפט ניט בלויז לעבן, נאָר אויך פאַרהיטן די יוגנט.

אי. לעווידאָוואַ

ייִדיש — מ. איטקאָוויטש

דאָס איז טשיקאַווע

באַ לעוו טאָלסטאָיס אייניקל

די פענצטער פון דער דירע אין רוים זײַנען פאַרהאַנגען פון דער סאַרפּענדיקער זון. זיי קוקן אַרויס צו מוראַ טאַרטאַ — צו דער „קרומער וואַנט“, וועלכע האָט זיך פאַרהיט נאָך פון נאַפּאָלעאָנס צײַטן. אַף דער וואַנט פונעם צימער — אַן אַלטע פאָטאָגראַפיע: די פּיריאָריקע טאַניע שטייט אַפן שניי און שטרעקט אויס די הענט צום זיידן, צו לעוו ניקאָלײַעוויטש טאָלסטאָיען.

טאַטיאַנאַ מיכײַלאָוונאַ אַלבערטיני־סוכאָטינעס מאַמע איז טאָלסטאָיס באַליבטע טאָכטער טאַטיאַנאַ לוואָוונאַ, און אַ נאָמען פאַרן אייניקל האָט צוגעקליבן דער זיידע אַליין. מיט 50 יאָר צוריק האָט טאַטיאַנאַ לוואָוונאַ גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אינעם צוגרייטן דעם 100־יאָריקן יובילײַ פונעם גרויסן שרײַבער. איצט גרייט זיך איר טאָכטער מיט ניט ווייניקער ענערגיע אָפּצומערקן די נײַע יובילײַ־דאַטע — דעם 150־טן געבורטסטאָג.

— ניט לאַנג צוריק בין איך געווען אין מאָסקווע, — זאָגט זי.— עס איז געווען אַ פרייד צו הערן וועגן די יובילײַ־פּלענער אינעם סאָוועטנפאַרבאַנד. ס׳דערשײַנען נײַע ביכער, אַלמאַנאַכן, קינאָפילמען...

אין רוים לעבן די קינדער פון טאָלסטאָיס אייניקל — לוידזשי, מאַרטאַ און קריסטינאַ. לוידזשי, וואָס גיט זיך אָפּ מיט קינסטלערישער פאָטאָגראַפיע, רעדט אַ ביסל רוסיש, און לייענען לייענט ער פרײַ. עס וואַרפט זיך אין די אויגן זײַן פּאָרטרעט־ענלעכקײַט מיטן יונגן טאָלסטאָי. קריסטינאַ האָט נאָכן באַזוכן מאָסקווע געזאָגט דער מוטער: „איצט וועל איך זיך נעמען דערלערנען די שפּראַך. עס טויג ניט, אַז טאָלסטאָיס אַן אוראייניקל זאָל ניט ריידן אַף זײַן שפּראַך...“

— איר זײַט בײַ אײַער לעצטער רײַזע, מינאַסטאַם, ווידער געווען אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ?

— פאַרשטייט זיך, — ענטפערט טאַטיאַנאַ מיכײַלאָוונאַ. — אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ האָבן זיך אָנגעהויבן די אַרבעטן פון גרייטן זיך צום יובילײַ. און אין מאָסקווע האָבן מיר אַ סאַך צײַט פאַרבראַכט אין דעם מוזיי אַף קראָפּאָטקינסקאַיאַ.

ט. מ. אַלבערטיני־סוכאָטינאַ האָט אין מאָסקווע איבערגעגעבן די סאַמע ווערטפולע מאַנוסקריפּטן פון איר היימישן אַרכיוו און די עפּיסטאָליאַרע ירושה פון איר מוטער. דאָס האָט געהאָלפן פּובליקירן אין דער סעריע ליטעראַרישע מעמואַרן די דערינערונגען פון טאַטיאַנאַ מיכײַלאָוונאַ. די סאָוועטישע אַרכיוון זײַנען באַרײַכערט געוואָרן מיט די אָריגינאַלן פונעם טאָגבוך פון ט. ל. סוכאָטינאַ־טאָלסטאָי, וואָס גרייט זיך צום דרוק.

— עס איז נאָך פאַרבליבן מײַן קאָרעספּאָנדענץ מיט דער מוטער, — זאָגט טאַטיאַנאַ מיכײַלאָוונאַ, — אונדזער איבערשרײַבן זיך, ווען מיר האָבן געלעבט אין פאַרשיידענע שטעט. אוואַדע זײַנען מײַנע בריוו ניט אינטערעסאַנט: „היט זיך, קיל זיך ניט צו, לוידזשי הוסט אונטער...“ אין דער מוטערס בריוו אָבער זײַנען פאַראַן פיל ווערטפולע פאַקטן און באַשרײַבונגען וועגן באַוווּסטע מענטשן, דעריבער האָבן זיי אַ גרויסע ווערט. נאַטירלעך, ס׳וועט מיר זײַן שווער צו שיידן זיך מיט אָט די רעליקוויעס. נאָר די בריוו האָב איך באַשלאָסן איבערגעבן קיין מאָסקווע.

טאַטיאַנאַ מיכײַלאָוונאַ טראָגט אַף דער האַנט אַן אַלטן סיגנעט.

— דאָס איז אַ מישפּאָכע־רעליקוויע. לעוו ניקאָלײַעוויטש האָט דעם סיגנעט געשענקט זײַן פרוי סאָפיאַ אַנדרייעוונאַ. אויסער דעם, פאַרמאָגט מײַן געזינד נאָך אַ זעלטענעם סוווועניר: אַ ביכל אין דער פאָרם פון אַ קאַלענדאַר, ווו אַף יעדן זײַטל האָבן אָנגעשריבן זייערע אויטאָגראַפן די געסט, וועלכע זײַנען אין דעם דאָזיקן טאָג געבוירן געוואָרן. לעוו ניקאָלײַעוויטש אַליין האָט פאַרצייכנט: „געבוירן געוואָרן אין דעם דאָזיקן טאָג אַפן לעדערנעם דיוואַן...“

...די זון איז שוין פאַרגאַנגען, ווען כ׳האָב זיך אָפּגעזעגנט מיט אָט דער גראָווער, נאָך זייער שלאַנקער און מונטערער פרוי.

וו. אַרדאַטאָווסקי.

■

כראָניק

ייִדישע שרײַבער אין דער איבערזעצונג אַף אַנדערע שפּראַכן

אונטער דער רובריק „דערשינענע ביכער“ טיילט מיט די צײַטונג „ליטעראַטורנאַ אוקראַיִנאַ“ וועגן נאָטע לוריעס נײַ בוך „די געשיכטע פון אַ ליבע“, אַרויסגעגעבן אין פאַרלאַג „ראַדיאַנסקי פּיסמעניק“ אין מיכײַלאָ סידאָרענקאָס איבערזעצונג. די צײַטונג גיט אַ הויכע אָפּשאַצונג דעם ראָמאַן „די געשיכטע פון אַ ליבע“: „דאָס איז אַ רירנדיקע שילדערונג וועגן דער ניט לײַכטער ליבע צווישן שלוימע זאָנענטאַל און יעכעוועד פּעווזנער... דער הויפּט־העלד האָט אַפן גאַנצן לעבן פאַרהיט צו יעכעוועד זײַן רײנעם, לויטערן יוגנט־געפיל“.

„אויסער דעם ראָמאַן, — שרײַבט די צײַטונג, — זײַנען אין דעם בוך אײַנגעשלאָסן אַ ריי דערציילונגען, וואָס שילדערן די שעפערישע מי, די גײַסטיקע שיינקײַט און הערלעכקײַט פון אונדזערע סאָוועטישע מענטשן“.

* * *

אין אַן אַנדער נומער פאַרעפנטלעכט די „ליטעראַטורנאַ אוקראַיִנאַ“ וועלוול ווערניקס דרײַ לידער אין דער איבערזעצונג אַף אוקראַיִניש פון די קיִעווער דיכטער ד. בילאָוו, אַ. קאַצנעלסאָן, אַ. מיאַסטקיוווסקי. די לידער ווערן באַגלייט מיט אַן אַרײַנפיר פון מאָטל טאַלאַליעווסקי, אין וועלכן עס ווערט געזאָגט: „וועלוול ווערניק האָט אָנגעהויבן דרוקן זײַנע ערשטע לידער נאָך פאַר דער פּאָטערלענדישער מילכאָמע. אַ דיכטער־קאָמוניסט און אַן אַרבעטסווועטעראַן, אַרבעט ער אויך איצט אַף אַ קיִעווער פאַבריק, און אין דער פרײַער צײַט גיט ער זיך אָפּ דער פּאָעטישער שאַפונג. איצט האָט וו. ווערניק צוגעגרייט צום דרוק זײַן ערשט ביכל אונטערן נאָמען „דאָ איז מײַן היים“.

* * *

דער זשורנאַל „דרוזשבאַ נאַראָדאָוו“ האָט אין זײַן יוני־נומער פאַרעפנטלעכט אַ רעצענזיע פון לעוו פּרוכטמאַן אַף דאָוויד בראָמבערגס לידער־זאַמלונג „עלטער אַף יאָר“ (דערשינען אין פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“).

■

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע

קוריאָזן? גיכער פון אַלץ — פאַקטן, וואָס זײַנען כאַראַקטעריסטיש פאַר א פרעמדער צו אונדז וועלט

מוירע פאר שאָלעם

וואָס קאָן פאָרקומען, אויב אפן נאָענטן מיזרעך זאָל „אויסברעכן דער שאָלעם"?

ווען סאדאט האָט איַינגעלאדן בעגינען קיין עגיפּעט, קעדיי פאָרזעצן דאָרט די שפּיל פון „איבערבעטן זיך", איז, ווי באַוווּסט, צוזאמען מיטן „כיירוט"־פּרעמיער געקומען צום ניל א גרופּע ייִסראָעל־זשורנאַליסטן. צווישן די, וועמען ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אז די רייד וועגן שאָלעם זײַנען ערנסטע, איז געווען איינער א יאנקעוו עפּשטיין, און ס'איז אים באַפאלן א פּאַכעד. אָט וואָס ער האָט שפּעטער געשריבן אין „הצפה" (23 דעקאבער פאַריקס יאָר):

„אין שאָטן פון די פּיראמידן האָבן מיר געקלערט וועגן די אויסזיכטן און געפאַרן פונעם שאָלעם... דער שאָלעם קאָן ברענגען דעם ייִסראָעל־בירגער צעלאָזנקײַט. ביז איצט זײַנען מיר געווען קאָנצענטרירט אלס געזעלשאפט אין באַלאגערונג. די געפאַר האָט אונדז פאַרייניקט, דער האַס האָט אונדז פאַרבונדן... דאָס אופלעבן די וויסטעניש און דאָס דערפילן אנדערע נאַציאָנאַלע מיסיעס וועלן ניט לאָקן דעם יונגן דאָר, וועלכער זוכט בעסער פּראָפעסיאָנעלע קאַריערעס. אזא איז דאָ די מוירע, אז עס וועט זיך צעפאַלן די נאַציאָנאַלע דיסציפּלין"...

אויב איר מיינט, אז די פּאַטאָלאָגישע מוירע פאַר שאָלעם איז בלויז אַן אינערלעכע דערשײַנונג אין דער מעדינע, האָט איר א טאָעס. ניט לאַנג צוריק האָט עפראַ‍ים קאציר, דעמלט דער ייִסראָעל־פּרעזידענט, צונויפגערופן א סעמינאַר צו „דיסקוטירן די פּראָגעס פון ייִדישער אידענטיטעט און פון דער גײַסטיקער יערושע פונעם ייִדישן פאָלק". לייענען מיר וועגן דעם א באַריכט אין דער פּאַריזשער צײַטונג „אונדזער וואָרט", פאַרן 12 יאַנוואַר ד. י. און דאָרט ווערט איבערגעגעבן, אז „אין פאַרלויף פונעם סעמינאַר איז א סאַך גערעדט געוואָרן וועגן דער אויסווירקונג פון דער שאָלעם־בסורע, וועלכע דערנעענטערט זיך. דער היסטאָריקער ייִסראָעל פינסטיין פון לאָנדאָן האָט געוואָרנט וועגן דער סאַקאָנע, אז דער יונגער דאָר אין ייִסראָעל וועט, אין פאַל פון א נאָרמאַליזאציע אין ראַיאָן, זיך אָפּרײַסן פונעם ייִדישן פאָלק אין די טפוצעס". א צווייטער אָנטיילנעמער פונעם סעמינאַר — פּראָפעסאָר מוישע דייגוויס — האָט אונטערגעשטראָכן, אז „אָט די פּראָבלעם איז באַרעכטיקט גראָד איצט, ווען ייִסראָעל געפינט זיך אין מיטן פון די שאָלעם־געשפּרעכן"...

צום גרויסן באַדויערן (אין דער ערשטער ריי און אין דער גרעסטער מאָס — פאַרן ייִסראָעל־פאָלק), קאָן מען דערווײַל ניט באַשטעטיקן מיט פאַקטן די באַהויפּטונג פון די אָנטיילנעמער פון קאַצירס סעמינאַר, אז „די שאָלעם־בסורע דערנעענטערט זיך" און אז „ייִסראָעל געפינט זיך אין מיטן פון די שאָלעם־געשפּרעכן". פאַרקערט, פאַר דער צײַט פון דער פּרעזידענטשאַפט פון עפראַ‍ים קאציר, איבערהויפּט פאַרן לעצטן יאָר, בעשאַס פּרעמיער־מיניסטער אין דער מעדינע איז מענאַכעם בעגין, האָט זיך די שאָלעם־בסורע היפּש דערווײַטערט. און איינע פון די סיבעס דערפון איז די אַלגעמיינע פּאָליטישע אַטמאָספער אין די רעגירונגס־קרײַזן פון ייִסראָעל, אין די ציִעניסטישע „קאָרידאָרן פון דער מאַכט" און אין יענע אימפּעריאַליסטישע ספערן פון נעם קאַלטן קריג, וווּ עס ווערט פאַקטיש פאַרמירט די הײַנטצײַטיקע סיטואַציע אין ייִסראָעל און בײַ די רעאַקציאָנער־אַראַבישע פאַרבינדעטע פון ייִסראָעל.

זייער מוירע פאַר שאָלעם איז ניט עפּעס אַנדערס, ווי די מוירע פאַרן מאָרגנדיקן טאָג, ווען עס וועלן זיך צוזאַמענטרעפן די פאַרברידערטע פעלקער.

זאָגט ניט „פּאַלעסטינע", נאָר „ערעץ־ייִסראָעל"...

מיר ווילן דאָ מאַכן אופמערקזאַם אַף דער אונטערהעצערישער ראָל פון געוויסע זשורנאַליסטן אינעם צעבלאָזן די טעריטאָריעלע אַמביציעס בײַ די הערשנדיקע קרײַזן פון ייִסראָעל. אָט איז א פּרישער בײַשפּיל.

אַף א זיצונג פון דער קנעסעט האָט דער פּרעמיער־מיניסטער מענאַכעם בעגין געפונען פאַר נייטיק באַנײַס א קאָן זיך פאָרשטעלן פאַרן אוילעם. „איך בין אַן ערעץ־ייִסראָעלדיקער ייִד", — האָט ער געמאָלדן, מיינענדיק מיט דעם אונטערצושטרײַכן, אז ער איז אַן אָנהענגער פון אויסשפּרייטן מיט גוואַלד די טעריטאָריע פון ייִסראָעל איבער גאַנץ פּאַלעסטינע. דער אומאָפּהענגיקער דעפּוטאַט, פּרוי שולאַמיט אַלאָני האָט אים אין צוזאַמענהאַנג דערמיט דערמאָנט, אז אַן ערעץ־ייִסראָעלדיקער ייִד איז ער געווען אונטער דער ענגלישער מאַנדאַט־אַדמיניסטראַציע. איצט, האָט אַלאָני אײַנגעקנעלט מיט בעגינען, אין מעדינאַס ייִסראָעל, איז ער א ייִסראָעלדיקער ייִד. קלאָר און לאָגיש.

קומט דער זשורנאַליסט א. אַלפּערין און קאָמענטירט אַזוי דעם ווערטער־אויסטויש אין קנעסעט: „יעדער ייִד דאַרף פּראָקלאַמירן, אז עס איז דאָ ערעץ־ייִסראָעל, און ניט פּאַלעסטינע, — ווי פּרעמיער בעגין האָט פּראָקלאַמירט אין דער קנעסעט"... ער אַליין, דער זשורנאַליסט, פירט זיך אוף מיט שאָוויניסטישער גראָדליניקײַט: „שוין זינט א סאַך יאָרן, ווי איך רוף מײַנע פרײַנט אין אונדזערע אייגענע ציִעניסטישע רייען און אין ברייטן ייִדישן קלאַל, אז ווען זיי טרעטן אַרויס מיט רעדעס וועגן די פּראָבלעמען פון מעדינאַס ייִסראָעל, זאָלן זיי זיך אָפּהאַלטן, באַזונדערס ווען זיי רעדן ענגליש, פון באַנוצן דעם אויסדרוק פּאַלעסטײַן, נאָר זאָגן ערעץ־ייִסראָעל... ער גיט צו וויסן, אז דאָס

לאַנד פּאַלעסטינע האָבן צוגעטראַכט די רוימער, „און איצט, בא דער נײַער לאַגע, האָט אַראַפאַטס טעראָריסטן־באַנדע אַף אַ טײַוולאָניש־אויסגערעכנטן אויפן זיך אָנגערופן „פּאַלעסטינער באַפרײַונגס־אָרגאַניזאַציע“ מיט דעם ראָצכישן ציל אומצוברענגען מעדינאַס יִסראָעל, וועלכע איז אַ טייל פון ערעץ־יִסראָעל, אין דער צײַט, ווען „פּאַלעסטײַן“ ווערט פאַרבונדן מיט אַן אויסגעטראַכטער פיקציע פון „פּאַלעסטינער“ („אונדזער וואָרט“, 16 יאַנוואַר ד. י.).

לייענענדיק די דאָזיקע פּלאַפּלערײַ, וואָלט אַ נאַיִווער מענטש געקאָנט מיינען, אַז אַ. אַלפּערין איז אַן אַמהאָרעץ, און אין קומענדיקן נומער פון דער צײַטונג וועט די רעדאַקציע פאַריכטן דעם פעלער. ס'איז אָבער ווײַט ניט אַזוי. די געדונגענע אָפּסאַמער פון די מויכעס לייקענען באַוווּסטזיניק די עקזיסטענץ פונעם פּאַלעסטינער פאָלק, און צוליב דעם טויג אויך דער שווינדל פון פאַרבײַטן די הײַנטיקע אופשריפטן אַף דער געאָגראַפישער מאַפּע מיט פאַרצײַטיקע.

דער אַמעריקאַנער סענאַט און דער רעבע

צי האָט איר געהערט וועגן מענאַכעם־מענדל שניירסאָנען? צי ווייסט איר, וואָס פאַרא טויוועס ער האָט געטאָן דעם יִדישן פאָלק? מיר האָבן די דאָזיקע פראַגע געשטעלט אַ פּאָר צענדליק סאָוועטישע יִדן, וועלכע האָבן צוליב דעם אָדער יענעם איניען באַזוכט די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“. קיין איינער האָט ניט געקאָנט געבן אַן ענטפער, — ניט דער געאָלאָג פון טיומען, ניט די ביראָבידזשאַנער גרינסציכטלערן, ניט דער אינזשעניער פונעם מאָסקווער אווטאָמאָביל־זאַוואָד, ניט אַפילע דער ארײַנגעקומענער מיט אַ מאַנוסקריפּט אווטאָר פונעם זשורנאַל, אַ יִדישער שריפטשטעלער, וואָס האָט זיך אָקאָרשט אומגעקערט פון אַ רײַזע איבער געוועזענע טכום־ערטער. עמעס, דער לעצטער האָט מיט אַ שמייכל באַמערקט:

— שאַט, איך שטויס זיך אָן. מיסטאַמע האָט זיך באַוויזן אַ טשודאַק, וועלכער האָט אַף טשיקאַוועס צונויפגעפּאָרט אין זײַן אייגננאָמען און אין דער פאַמיליע שאָלעם־אַלייכעמס מענאַכעם־מענדל מיט דעם פערסאָנאַזש פון דער פאָלקס־ליד „מעסטעטשקאָ לאַדינאָ, מאָגיליאָווסקויו גובערניִיו, דוכאָוונאָמו ראַבינו שנייערסאָנו...“

דערפאַר אָבער האָט אַ טוריסט פון ניו־יאָרק, וועמען מיר האָבן פאַרגעבן די זעלבע פראַגע, יאָ געוווּסט, ווער עס איז מענאַכעם־מענדל שניירסאָן. אָבער אין שײַכעס מיט די מײַסים־טויווים פון דער אָנגערופענער פערזאָן האָט ער אַרויסגעזאָגט אַ האַרבע מיינונג:

— איך בין אײַך מויכל די טויוועס, וואָס אַ פאַרביטערטער אָבסקוראַנט קאָן טאָן דעם יִדישן פאָלק... פאַרגעסט ניט, אַז ס'איז אַ שאַנדע דאָס אַליין, וואָס אין לעצטן פערטל פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט ווערט אין אַ ציוויליזירט לאַנד אָפּגעהיט אַ מיטאַלטערלעכער רעליגיִעזער „הויף“.

אָט טאַקע, וויִאַזוי' עס ווערט מיצאַד דער אָפיציִעלער אַמעריקע „אָפּגעהיט און געפלעגט“ דער אַטאַמאַן פון דער ליבאַוויטשער סעקטע, איינער פון די פינצטערסטע אָבסקוראַנטן אין דער הײַנטצײַטיקער יִדישער רעליגיִעזער סוויווע — מענאַכעם־מענדל שניירסאָן, ווילן מיר דאָ באַווײַזן מיט אַ פרישן בײַשפּיל.

סאָף אַפּרעל ד. י. האָט דער סענאַט פון די פאַרייניקטע שטאַטן — די געזעצגעבערישע פּאַלאַטע פונעם דאָרטיקן פּאַרלאַמענט — צונויפגערופן אַ ספּעציִעלע פײַערלעכע מעסיבע. אַף די בענק זײַנען געזעסן 100 סענאַטאָרן, לעבן סטענדער פאַר די אָראַטאָרן איז געשטאַנען דער וויצע־פּרעזידענט פונעם לאַנד וואָלטער מאָנדייל. וואָס איז געשען?

איר ווייסט ניט?! דער סענאַט פון אַמעריקע האָט, זעט איר דאָך, געדענקט, אַז דער מיסטער מענאַכעם־מענדל שניירסאָן איז אין דעם טאָג אַלט געוואָרן 76 יאָר — עמעס, ניט קיין קײַלעכדיקע דאַטע, אָבער...

ס'איז אַ סאָד אַף גאַנץ בראָד, אַז דער ליבאַוויטשער „הויף“ איז אַ צענטער פון די מעשוגעווילדע סקאַנדאַל־דעמאָנסטראַציעס קעגן סאָוועטנפאַרבאַנד און דער סאָציִאַליסטישער געמיינשאַפט, וועלכע ווערן סיסטעמאַטיש דורכגעפירט אין ניו־יאָרק אונטער „יִדישע נאַציִאָנאַלע“ לאָזונגען — מיט סייפערטוירעס, טאַלעס־אָנטועכץ, שויפערבלאָזן אאַז״וו.

אין דעם סטערעאָטיפּ פון אַ מיטיילונג אין דער בורזשואַזער יִדישער פּרעסע לייענען מיר וועגן דער אויבנדערמאָנטער מעסיבע: „סענאַטאָר דזשאַוויטס האָט האַרציק געבענטשט און געלויבט דעם רעבן פאַר זײַן מעסירעסנעפעש צו ראַטעווען דאָס יִדישע פאָלק פון גײַסטיקער פאַרלענדונג“...

דער אַמעריקאַנער סענאַט און זײַנע סענאַטאָרן האַלטן, אַז דאָס יִדישע פאָלק וואָלט פאַרלענדעט געוואָרן, ווען פון זייער לאַנד זאָל זיך אָפּטאָן די שאַנד פון דער יִדיש־אָבסקוראַנטישער אַנטיסאָוועטישער כוליגאַנערײַ...

כוצפּע פון אַ גובערנאַטאָר

אַ גרויס גליק האָט געטראָפן די סאָוועטישע יִדן: ס'האָט זיך צו זיי געווענדט מיט אַ דראָשע אַליין „דער גווּוערנאָר“ (דער גובערנאַטאָר) פונעם אַמעריקאַנישן שטאַט ניו־יאָרק. גערעדט האָט ער דורך דער ראַדיאָ „ליבערטי“ („פרײַהײַט“), וועלכע איז באַוווּסט מיט דעם, וואָס זי טרײַבט רעכילעס אַף די פרײַהײַטליבנדיקע פעלקער. נאָר ספּעציִעל צו די סאָוועטישע יִדן איז די „פרײַהײַט“, זאָגט זי, גוטוויליק, ווײַל זי האָט ניט קיין אַנדער מיין, ווי „באַפרײַען“ זיי פון דער פעלקער־מישפּאָכע, אין וועלכער זיי לעבן, און אײַנשליסן זיי אין נײַע געטאָס...

ס'איז פּונקט געווען כאַנעקע אַף דער וועלט, און דער „גווּוערנאָר“ האָט טאַקע גאַנץ קונציק אַ דריי געטאָן די טעמע פון זײַן ספּיטש נעענטער צום איניען: „איך, אַ פרײַער אַמעריקאַנער, שליס זיך אָן אין אײַערע באַמיִונגען (אין די באַמיִונגען פון די סאָוועטישע יִדן. — רעד. „סאָוועטיש היימלאַנד“), אַז אײַערע קינפטיקע כאַנעקעס (די כאַנעקעס בא די סאָוועטישע יִדן! — רעד. „סאָוועטיש היימלאַנד“) זאָלן געפײַערט ווערן אין באַדינגונגען פון פרײַהײַט“.

עפּעס, — טראַכט זיך דערבײַ, — איז דאָ ניט קעשורע. ער איז דען כאָסערדייע, דער ניו־יאָרקער גובערנאַטאָר? וואָס עפּעס פּלוצעם, אין איין שיינעם טאָג, אַרויס מיט אַ רעקאָמענדאַציע צו די יִדן פון מאָסקווע, אוראַל, קיִעוו און ביראָבידזשאַן, זיי זאָלן אײַנפירן כאַנעקע, און דערהויפּט — אויסקלײַבן דעם אַמעריקאַנער וואַריִאַנט פון פרײַהײַט?

די רעטעניש פאַרלירט איר קישעף, ווען מע הערט ווײַטער די רייד פונעם גובערנאַטאָר (ווי עס האָט זיי איבערגעגעבן די יִדישע טעלעגראַפן־אַגענטור „איטאַ“): „איך ברענג אַ גרוס פון יערושאָלאַיִם, פונוואַנען איך האָב זיך נאָרוואָס אומגעקערט פון אַ באַזוך. איך האָב געהאַט אַ באַגעגעניש מיטן פרעמיער בעגין. איך קאָן אײַך פאַרזיכערן, אַז דאָס יִסראָעלדיקע פאָלק איז באַזאָרגט וועגן גוירל פון זייערע ברידער איבער דער גאָרער וועלט, דעריקער אין מיזרעך־אייראָפּע און סאָוועטנרוסלאַנד...“

אהאַ! איצט ווערט די זאַך קלאָר. דער שטאַטסטשינאָווניק באַם פּאָטאָמאַק טרעט אַרויס ווי אַ שאָליִעך פון די יִסראָעלדיקע עקסטרעמיסטן, דערבײַ ווײַזט ער אַרויס אַ צווייפאַכע כוצפּע, ריידנדיק אין נאָמען פונעם יִסראָעלדיקן פאָלק און קומענדיק אומגעבעטן מיט פרעכע אייצעס צו די סאָוועטישע יִדן.

דאָס פּראָגרעסיווע ישׂראל קעמפט

א דעמאָנסטראַציע פון אראבער פונעם נעגעוו קעגן צוריבן בא זיי די ערד.



מיר ווענדן זיך צו דער ישראל־רעגירונג,

זי זאל זיך אָפּהאַלטן פון דורכפירן באָדן־קאָנפיסקאַציעס ביי דער אראבישער באַפעלקערונג אין מדינת ישראל.

ראָס איז אַן אַקט פון שרייענדיקער עוולה. א חוץ דעם, אויב מיר ווילן א בריק פאר צינויפלעבן און פארשטענדניש מיט אונדזערע שכנים, דאַרפן מיר אָפּהיטן די מענטשלעכע באַציונגען צווישן ביידע פעלקער, וואָס לעבן אונטער איין הימל.

אורי אבנרי, נתן יעלין מור, פראָפ׳ דן מירון, דעפ׳ מאיר פעיל, פראָפ׳ וואלטער גראב, עמוס קינן, פראָפ׳ יצחק דאנציגער, דעפ׳ אברהם לעווענ־בראון, סילוואַ קשת, יהושע סאָבאָל, פראָפ׳ שאול פאָגעל, יעקב רברבי, פראָפ׳ ל. נ. פויזנער, גרשון פלאָטקין, פראָפ׳ אריה זאקס, דן קדר, פנחס עשת, ד״ר יהודה נאמן (דזשאד), פראָפ׳ קלמן אלטמאַן, ארטור גאָלרייך, ד״ר טוביה שלאנסקי, עודד קאָטלער, יאיר גארבוז, אליקים יאַרון, דוד מוכטאר (סמוראי), שמואל שלום, יבי.

ווענדונג פון ישׂראלדיקע געזעלשאַפטלעכע טוער (פאַרעפנטלעכט אין דער צייטונג „דער וועג״).

א דעמאָנסטראַציע אין די אָקופּירטע שטחים.

דאָס פּראָגרעסיווע ייִסראָעל קעמפט

די ייִסראָעל־פּאָליציי צערעכנט זיך מיט דעמאָנסטראַנטן.

קעגן יאַקרעס!

דאָס פאָלק פאָדערט סאָציאַלע גערעכטיקייט.

פאַרשיידנס

אלעקסאנדער דיומא אף קאווקאז

אלעקסאנדער דיומא, דער אוטאָר פון די בארימטע „דריַי מושקעטיאָרן", „גראַף מאָנטע־קריסטאָ", „קיניגן מארגאָ", האָט ליַידנשאפטלעך ליב געהאט ריַיזעס. אין 1858 איז ער געקומען קיין רוסלאנד, אף קאווקאז, און אין א יאָר ארום האָט ער פארעפנטלעכט אין פאריזש זיַינע ריַיזע־פארציַיכענונגען.

אין זיַינע פארנאָטירונגען דערציילט דיומא וועגן פיל געשעענישן און באגעגענישן, דערין אויך וועגן זיַין באזוך אינעם מאָלערישן ווינקל פון קאכעטיע — „די קייסערלעכע ברונעמס", וועלכע זיַינען דאן געווען א רוסישע מיליטערישע פעסטונג.

די רוסישע אָפיצערן האָבן איַינגעאָרדנט דעם פראנצויזישן גאסט א שיינעם קאבאָלעס־פּאָנעם. בייס די געשפרעכן האָט מען דערמאָנט לערמאָנטאָוון, בעסטוזשעוו־מארלינסקין, וועלכע זיַינען אמאָל דאָ געווען. דיומא איז געווען זייער אופגעלייגט און האָט זיך ניט געניייטיקט אין קיין איבערזעצער, וויַיל אלע ביַיוועזנדיקע האָבן גוט גערעדט אף פראנצויזיש.

דער גאסט האָט אויך באזוכט דעם אוראלטן שלאָס פון דער קיניגן טאמארע און דעם בארימטן אילינער פעלדז לעבן אים.

אין די געוועזענע „קייסערלעכע ברונעמס" (איצט — שטאָט ציטעלי־צקאראָ) דערציילט מען ביז היַינט־צו־טאָג וועגן דעם באזוך פונעם גרויסן פראנצויז. דאָ האָט זיך פארהיט דאָס הויז, ווו ער האָט אמאָל זיך אָפּגעשטעלט.

(„איזוועסטיא")

דאָס „אטאמאנישע" הויז אין אוראלסק

זאמלענדיק מאטעריאלן וועגן דעם פּוגאטשאָווער בונט, איז א. פושקין דורכגעפאָרן די ערטער פונעם פאָלקס־אופשטאנד. אין אוראלסק (ביזן 1775 יאָר — יאיִצקער שטעטל) האָט מען דעם דיכטער באשטאט אינעם סאמע בעסטן הויז. די דאָזיקע צווייגאָרנדיקע שטיינערנע געבײַדע הייסט פון לאנגאָנען „אטאמאנישע". דאָ האָט געוווינט זשוקאָווסקי, וועלכער האָט באגלייט דעם קינפטיקן אימפּעראטאָר אלעקסאנדער II אין א ריַיזע איבער רוסלאנד. וו. דאל, ארבעטנדיק אין אָרענבורג, איז געקומען צו פאָרן קיין אוראלסק צוליב טאָפּאָנימישע פאָרשונגען און האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט אין דעם דאָזיקן הויז. דורך די גרויסע רונדע פענצטער האָבן זיך געקוויקט מיט דער שיינקיַיט פון די אוראלער וועלדער ל. טאָלסטאָי, וו. קאָראָלענקאָ, א. טאָלסטאָי, ד. פורמאנאָוו, א. גיַידאר, מ. שאָלאָכאָוו, — זיי אלע האָבן, אין פארשיידענע ציַיטן, אויך געוווינט אין די דאָזיקע אלטערטימלעכע צימערן.

איצט האָט מען אין דעם „אטאמאנישן" הויז געעפנט א ליטערארישן פיליִאל פונעם געגנטלעכן קאנטקענטעניש־מוזיי.

(„ליטעראטורנאיא ראָסיִא")

אויך מיר „וועלט־רעקאָרדן"

אין דעלאווער איז א לעבעדיקער מענטש אָפּגעלעגן אין א טרונע 122 טעג... א צווייטער האָט געיאָגט א באסקעטבאָל־פּילקע אפן שפּיל־פלאץ אין מעשעך פון 60 שאָ אָן א מינדסטן איבערריַיס... דער וועלט־טשעמפּיִאָן אף גיין „צוריקוועגס" איז ווידער ארויס אפן סטארט... מיט טעלעפאָן־מיטיילונגען און בריוו מיט אָט די אינפאָרמאציעס זיַינען פול די מיַירעוו־ציַיטונגען. נאָר זעט אויס, אז דעם גרעסטן אינטערעס האָבן אזעלכע סענסאציעס פאר די צונויפשטעלער פון „גינעסעס בוך פון וועלט־רעקאָרדן".

„גינעס" איז די סאמע באוווסטע אירלענדישע בירברויעריַי־קאָמפּאניע. טאקע בא איינעם פון אירע דירעקטאָרן, כיו ביוועער, איז געבוירן געוואָרן די אידיי ארויסצוגעבן אן ענלעכן ספראוואָטשניק, וועלכער איז דאָס ערשטע מאָל דערשינען אין 1954 מיט א טיראזש פון 187 טויזנט עקזעמפּליארן, און היַינט־צו־טאָג איז דער טיראזש אויסגעוואקסן ביז 30 מיליאָן.

דער בוך איז בארימט איבערהויפּט מיט דעם, וואָס ער אינפאָרמירט וועגן די סאמע אומגעלומפּערטע זאכן: ווער פארמאָגט די לענגסטע אין דער וועלט וואָנצעס אָדער באָרד, ווער איז לענגער פון אלעמען אויסגעשטאנען אף איין פוס. אינעם בוך ווערן אויסגערעכנט די „טשעמפּיִאָנען" פון אופעסן אייער איניינעם מיט דער שאָלעכץ, מושלען, מאקאראָנעס און אויך אזעלכע „פּראָדוקטן", ווי אווטאָמאָבילן און וועלאָסיפּעדן.

די פארלעגער פון „גינעסעס בוך פון וועלט־רעקאָרדן" זאָגן, אז אלע פארפיקסירטע רעקאָרדן, וואָס ווערן אין אים געבראכט, ווערן סקרופּולעז דורכגעקאָנטראָלירט. און פונדעסטוועגן וויַיזט זיך ניט זעלטן ארויס, אז דער רעקאָרד, וועגן וועלכן ס'האָט מיטגעטיילט „גינעסעס בוך", איז פּאָשעט אן אויסגעטראכטער.

(„זא רובעזשאָם")

צו דער געשיכטע פון עפּיגראַפן

א. פּושקין האָט אין „יעווגעני אָניעגין" געשריבן: „ער האָט געקענט לאטיַין אַף אזויפיל, קעדיי צו פאנאנדערקלײַבן זיך אין עפּיגראַפן..." אין יענע צײַטן, און אויך שפּעטער, זײַנען עפּיגראַפן געווען זייער פארשפּרייט. ליב געהאט עפּיגראַפן האָט פּושקין גופא, ווי אויך גאָגאָל, טורגעניעוו, לערמאָנטאָוו, דאָסטאָיעווסקי, סאלטיקאָוו־שטשעדרין און פיל אנדערע בארימטע שרײַבער.

„עפּיגראַף" איז א גריכיש וואָרט, וואָס באטײַט „אויפשריפט". דאָס איז א ציטאַטע, א סענטענץ, א גלײַכוואָרט, וואָס ווערן אוועקגעשטעלט פארן טעקסט פון א ליטערארישן ווערק אָדער פאר זײַנע קאַפּיטלעך.

אין 1902 האָט דער פּעטערבורגער זשורנאל „פּאָטשטאַליאָן" אונטערגערעכנט, אז בא פּושקינען איז פאראן העכער 70 עפּיגראַפן, בא גאָגאָלן — ניט ווייניקער פון 20, קימאט אזויפיל איז פאראן בא טורגעניעוון. און בא לעוו טאָלסטאָיען, האָט אָפּגעמערקט דער זשורנאל, איז דאן ניט ארויסגעגאנגען קיין איין ווערק אָן די דאָזיקע קורצע ארײַנפיר־שורעס.

דער עפּיגראַף, האָט אונטערגעצייגן א סאכאקל דער זשורנאל, — דאָס איז די פארבינדונג פון דער קעגנוואַרט מיט דער פארגאנגענהײַט, פונעם נײַעם מיטן אלטן, ער איז א בריק, וואָס איז איבערגעוואָרפן פון אונדז צו אונדזערע ליטעראַרישע פאָרגייער.

(„ליטעראַטורנאיא ראָסיאַ")

עס לאַדט אײַן דער מאַנעזש

די געבײַדע פונעם מאָסקווער מאַנעזש איז א פּרעכטיקער היסטאָרישער און ארכיטעקטור־דענקמאָל. זי איז אויסגעבויט געוואָרן אין 1817 לעקאָוועד דעם טריומפאלן זיג פונעם רוסישן פאָלק איבער נאפּאָלעאָנס ארמיי אין דער פאָטערלענדישער מילכאָמע פון 1812 יאָר.

פאר זײַן 160־יאָריקער געשיכטע האָט דער זאל פונעם מאַנעזש א סאך מאָל געביטן זײַן צילגעווענדטקײַט. דאָ זײַנען אײַנגעאָרדנט געוואָרן פּילצאָליקע פאָטערלענדישע און צווישנפעלקערלעכע אינדוסטריעלע אויסשטעלונגען, אויסשטעלונגען פון לאנדווירטשאפטלעכער אויסשטאטונג, אווטאָמאָבילן, בלומען און די רוסישע עטנאָגראַפישע אויסשטעלונג. ביז דער עפענונג פון דער מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע האָט דער מאַנעזש, אדאנק דער פּרעכטיקער אקוסטיק, געדינט אלס קאָנצערט־זאל.

אין 1957 האָט מען די געבײַדע איבערגעגעבן די מאָלער פאר א צענטראלן אויסשטעלונג־זאל. אין מעשעך פון די לעצטע צוויי צענדליק יאָר זײַנען דאָ דורכגעפירט געוואָרן העכער הונדערט קינסטלערישע אויסשטעלונגען, וועלכע ס'האָבן באזוכט צוואנציק מיליאָן מענטשן.

יעדע אויסשטעלונג איז דאָ א יאָמטעוו, א נײַער בײַטראָג אין דער אנטוויקלונג פון דער פּלאסטישער קונסט. די טויער פונעם זאל האָבן דורכגעפירט טויזנטער עקסקורסיעס, באגעגענישן מיט מאָלער און סקולפּטאָרן, לעקציעס, עס איז טעטיק באשטענדיק א פאָלקס־אוניווערס'יטעט פון קונסט.

(„איזוועסטיאַ")

„שטימען, וואָס האָבן פונסנײַ א קלונג געטאָן"

אן עכט אוניקאלע פּלאַט אונטער אזא נאָמען האָט ארויסגעלאָזט די אלפארבאנדישע פירמע „מעלאָדיאַ". דער דיסק, וואָס קלינגט 45 מינוט, איז א רעזולטאט פון קימאט א צוועלפיאָריקער מי פון די מיטארבעטער פון דער פאָנאָטעקע באַם שרײַבער־פארבאנד פון פססר, פונעם מעלוכישן ליטעראַטור־מוזיי און פון די ספּעציאַליסטן־רעסטאווראַטאָרן פון דער פירמע. זיי האָבן צונויפגעזאמלט ווייניק־באַוווּסטע, אפילע פארגעסענע, פארנאָטירונגען, וואָס מ'האָט אויסגעפונען אין פארשיידענע יאָרן אין די ארכיוון און אין די פּריוואַטע זאמלונגען פון קאָלעקציאָנערן.

אַף די פּלאַטן קלינגען די שטימען פון ל. טאָלסטאָי, ל. אנדרייעוו, א. בלאָק, ס. יעסענין, א. בעלי, וו. מאיאקאָווסקי, י. אוטקין, מ. זאָשטשענקאָ, וו. ווערעסײַעוו, נ. אָסטראָווסקי, יו. אָלעשא, ב. פּאסטערנאק, פון פיל אנדערע דיכטער און שרײַבער, וועלכע לייענען זייערע לידער, דערציילונגען, אויסצוגן פון דראמאטישע ווערק.

די הײַנטצײַטיקע טעכניק, די דערפארונג און מײַסטערשאפט פון די רעסטאווראַטאָרן האָבן דערלויבט באדײַטנדיק פארבעסערן די קוואליטעט פונעם קלאנג פון די דאָזיקע פארנאָטירונגען, וואָס זײַנען דערגאנגען צו אונדז אין דער פאָרם פון פאָנאָגראַפישע וואליקעס, עבאָניט־דיסקן, טאשמעס. צו דער פּלאַט זײַנען בײַגעלייגט טעקסטן, וועלכע העלפן דעם צוהערער צו באקומען אן אלגעמיינע פאָרשטעלונג וועגן דער דעקלאמאציע־מאניר פון די מײַסטערס פונעם דיכטערישן וואָרט.

(„ווערטשערניאַיאַ מאָסקווא")

ביראָבידזשאַן: דער בוי=אָטעם אין צענטן פינפיאָר



א נײַער שמיד־צעך אפן זאוואָד „דאַלסעלמאַש“.



דער לענין־דענקמאָל אין געגנטלעכן צענטער.

דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָמפּלעקס אין באַבריצינער סאָווירט.



ביראָבידזשאַן: דער בוי=אָטעם אין צענטן פינפיאָר

פאַרן אָפּליפערן א נײַע פאַרטיע קאָמבײַנען.

מע נעמט אַראָפּ די גערעטעניש פון קוקורוזע
אין דזשנעווער סאָווירט.



כראָניק

ביראָבידזשאַנער נײַעס

די נײַע סאָוועטישע קאָנסטיטוציע אין דער איבערזעצונג אף ייִדיש

אין כאבאראָווסקער ביכער־פארלאג איז דערשינען אין א באזונדער בראָשור די נײַע סאָוועטישע קאָנסטיטוציע אין דער איבערזעצונג אף ייִדיש (טיראזש — 3000 עקזעמפּליארן). די בראָשור ווערט איצט פארקויפט אין די ביכער־קראָמען פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט.

ס'וועלן רוישן יונגע וועלדער

עס וואקסן און פארברייטערן זיך די שטאָכים פון יונגע וועלדער ארום די שטעט, ארבעטער־ייִשוווים און דערפער פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט. יערלעך ווערן דאָרט פארפלאנצט מער פון צוויי טויזנט העקטאר. האיאָר וועט דער דאָזיקער שעטעך דערגרייכן 3200 העקטאר. הויפטזאכלעך ווערן אויסגעזעצט סאָסנע־ און צעדער־ביימער. אין דער ארבעט נוצט מען ספּעציעלע וואלד־פארזיי־מאשינעס.

ארום דעם קוראָרט „קולדור", לעמאָשל, איז שוין פאר הײַנטיקס יאָר פארפלאנצט געוואָרן 450 העקטאר יונגע וועלדער, וועלכע וועלן אוסבילדן א פּרעכטיקע אָפּרו־זאָנע. אף א שעטעך פון 950 העקטאר וועלן צוקומען נײַע פלאנצונגען אין דער אָפּרו־זאָנע ארום דער שטאָט ביראָבידזשאן.

וואכזאמקײַט פון מאשיניסטן

דער מאשיניסט פון א טעפּלאָוואָז וואלערי בעוס און זײַן געהילף וויקטאָר מאקוכין האָבן געפירט אן אָנגעלאָדענעם עשעלאָן פון ארכארא קיין אָבלוטשיע. פּלוצעם האָט אונטער די רעדער פונעם לאָקאָמאָטיוו זיך דערהערט א טויבער קלאַפּ און א סקריפּעריי. עטלעכע סעקונדערס — און דער עשעלאָן איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. באם באטראכטן דעם וועג האָט זיך ארויסגעוויזן, אז עס האָט געפּלאצט א רעלס.

אין א פערטל שאָ ארום איז אָנגעקומען א רעמאָנט־בריגאדע, און נאָך מיט פופצן מינוט שפּעטער האָבן בעוס און מאקוכין אוועקגעפירט דעם עשעלאָן ווײַטער. לויט א באפעל פונעם שעף פון דער פארוואלטונג פון דער וויטמיזרעכדיקער אײַזנבאן, זײַנען די מאשיניסטן פון דער אָבלוטשיער לאָקאָמאָטיוו־דעפּאָ וו. וו. בעוס און וו. מאקוכין באלוינט געוואָרן מיט אָנדענק־זייגערס.

גליקלעכע קינדהײַט

א פײַערונג, געווידמעט דעם אלוועלטלעכן טאָג פון באשיצן די קינדער, איז פאָרגעקומען אין ביראָבידזשאנער שטאָטישן פּארק פאר קולטור און אָפּרו. גרויס לויב האָט פארדינט דער ליטעראריש־מוזיקאלער מאָנטאַזש אין דער אויספילונג פון א קינדערשן אנסאמבל. כיינעוודיק זײַנען געווען די ארויסטרעטונגען פון די דערצויגלינגען פון די ביראָבידזשאנער קינדער־גערטנער.

אין דעם זעלבן טאָג איז פאָרגעקומען א קאָנקורס אונטערן דעוויז „אלאָ, מיר זוכן טאלאנטן!" און א צווייטער — פון געמעלן אפן אספאלט „זאָל זײַן שאָלעם".

פיזקולטור און ספּאָרט

סטארטן פון יונגע

אפן כאבאראָווסקער סטאדיאָן אף וו. אי. לענינס נאָמען זײַנען פאָרגעקומען קאנטישע פאר־מעסטונגען פון די יוגנט־קאָמאנדעס, אין וועלכע עס האָבן זיך באטייליקט העכער 200 ייִנגלעך און מיידלעך. די יונגע ספּאָרטלער האָבן זיך פארמאָסטן אין פארשיידנע קאטעגאָריעס פון לײַכטער אטלעטיק, שווימערײַ און אנדערע מינים ספּאָרט. די ביראָבידזשאנער קאָמאנדע האָט פארנומען דאָס דריטע אָרט.

דער זיג פון די קאָמבײַנבויער

אינעם געגנטלעכן פוטבאָלטשעמפּיאָנאט האָבן זיך באטייליקט 9 קאָמאנדעס פון די שטעט ביראָבידזשאן און אָבלוטשיע, פון די ייִשוווים ניקאָלײַעווקע, פּריאַמורסקאָיע, טעפּלאָאָזערסק. א זיג האָבן אָפּגעהאלטן די פילמאָליקע טשעמפּיאָנען — פוטבאָליסטן פונעם זאוואָד „דאלסעלמאש".

געגנטלעכער שאָך־טורניר

אינעם שאָך־קלוב פון דער געגנטלעכער ספּאָרט־שול האָט זיך פארענדיקט דער קלאסיפיקאציע־טורניר פונעם געגנטלעכן ראט פון דער פרײַוויליקער ספּאָרט־געזעלשאפט „ספּארטאק", אין וועלכן עס האָבן אָנטיילגענומען 13 שאכמאטיסטן פון פארשיידנע קאטעגאָריעס.

דער ארבעטער פון דער ביראָבידזשאנער ניי־פאבריק אלעקסאנדער קאָגאן האָט אָנגענומען 9 אייגלעך פון 11 מעגלעכע און פארנומען דאָס ערשטע אָרט.

נײַעס פון אויסלאנד

א נײַע רומענישע איבערזעצונג פון „שיר־השירים"

אין בוקארעשטער פארלאג פאר וויסנשאפט און ענציקלאָפּעדיע איז דערשינען אין דער קאָלעקציע „ביבליאָטעקא אָריענטאליס" אן איבערזעצונג אין רומעניש פון „שיר־השירים".

דער רומענישער דיכטער יאן אלעקסאנדרו האָט איבערגעדיכטעט די „שיר־השירים"־פּערזן אין דער רומענישער פּאָעטישער שפּראך דירעקט פון העברעיִש (ער איז דער אָנפירער פון די העברעיִשע קורסן אין בוקארעשטער אוניווערסיטעט) און זיי באגלייט מיט באמערקונגען און קאָמענטארן.

דאָס איז ניט בלויז א איבערזעצונג, נאָר א פאָרשערישע אויסגאבע מיטן אָריגינעלן העברעיִשן טעקסט, צו וועלכן עס זײַנען צוגעגעבן איבערזעצונגען אין גריכיש, לאטיין, ווי אויך צוויי אנדערע עלטערע רומענישע איבערזעצונגען.

דער רעדאקטאָר פונעם בוך איז יודל סעגאל, די הקדאָמע האָט געשריבן דער פּראָפעסאָר פונעם בוקארעשטער אוניווערסיטעט זאָיע דומיטרעסקו־בושלענגא.

ביולעטען פון דער ייִדישער געמיינדע אין סאראיעוואָ

די ייִדישע געמיינדע אין סאראיעוואָ גיט ארויס א ביולעטען, וועלכער אנטהאלט א רייכן אינפאָרמאטיוון מאטעריאל. באזונדערס אינטערעסאנט איז די אינפאָרמאציע וועגן דער טעטיקײַט פון די ייִדישע געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס אין יוגאָסלאוויע.

אין ביולעטען איז פארעפנטלעכט א מיטיילונג וועגן דעם ייִדישן היסטאָרישן מוזיי אין באָסניע און הערצעגאָווינע.

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

יאָפע, יודל (1941—1882)

— פּראָזאַיִקער. געבוירן אין באָרזנע, טשערניגאָווער געגנט, אוקראַיִנע; פרי געבליבן א יאָסעם, דערצויגן געוואָרן בא א שוועסטער אין ניעזשין, געארבעט אלס לערנייִנגל בא א שנײַדער. צו 13 יאָר זיך אויסגעלערנט לייענען און שרײַבן ייִדיש. אין די יונגע יאָרן אָנטיילגענומען אין דער ארבעטער־באַוועגונג אין פארשיידענע שטעט און שטעטלעך פון אוקראַיִנע, בעסאַראַביע, ווײַסרוסלאַנד און ליטע. באַנאַנד דערמיט אָנגעהויבן אויך זײַן ליטעראַרישע טעטיקײַט, געדרוקט דערציילונגען, לידער און סקיצן אין די ייִדישע אויסגאַבעס פון יענער צײַט („לעבן און וויסנשאַפט", „די וואָך", „דער שנײַדער" און אנדערע). פון 1921 געוווינט אין מאָסקווע און אקטיוו זיך באַטייליקט אין דער ליטעראַטור־באַוועגונג אלס פּראָלעטאַרישער שרײַבער, געדרוקט זײַנע ווערק אין דער ייִדישער סאָוועטישער פּרעסע פון יענער צײַט („שטערן", „פּראָליט" און אנד.).

ווערק: „פון אמאָל", דערציילונג, מאָסקווע, 1928; „אין קעסלגרוב", דערציילונגען, דאָרט, 1929; „א דירע", דערציילונגען, דאָרט, 1929; „אין קאַמף", דערציילונגען, דאָרט, 1932; „פון טרעפּ צו טרעפּ", דערציילונגען, דאָרט, 1933; „אָרטשיק ברוק", דערציילונגען פאַר קינדער, דאָרט, 1939; „אָנוווּקס", ראָמאַן אין 4 טיילן, דאָרט, 1934; „דאָס איידעמל", ראָמאַן, דאָרט, 1936; „פרישע קויכעס", ראָמאַן, דאָרט, 1940; „אפן גלײַכן וועג", דערציילונגען, דאָרט, 1941.

ביבליאָגראַפיע: ז. רייזען, „לעקסיקאָן", ב. 1; ש. ניגער, „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע 29 אַפּרעל, 1927; ב. אָרשאַנסקי, „די רויטע וועלט", כאַרקאָוו, מאַרט, 1930; מ. מיזשיריצקי, „די רויטע וועלט", כאַרקאָוו, אָקטיאַבער, 1931; ב. ווייסמאַן, צײַטונג „פּראָלעטאַרישע פאָן", נומער 59, קיִעוו, 1934; ד. טשאַרני, „צוקונפט", ניו־יאָרק, אָקטיאַבער, 1935; י. דאָברושין, צײַטונג „איינִיקײַט", 5 יול, 1942; נ. י. גאָטליב, „סאָוועטישע ליטעראַטור", מאָנטרעאַל, 1945.

יעהודיס (פּסעוודאָנים פון ראָכל בערנשטיין, 1869 —?)

—דראַמאַטורג. געבוירן אין מינסק, געלערנט בא פּריוואַטע לערער. געווען באַווירקט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און דער פאָרגעשריטענער רוסישער ליטעראַטור. געווען פארבונדן מיט ייִדישע שרײַבער, זיך פאַרינטערעסירט מיט דער ייִדישער ליטעראַטור און אליין אָנגעהויבן שרײַבן לידער, פּראָזע און דראַמאַטישע ווערק. איר ערשטע זאַך — „א ווינטער־שאַבעס" — א קאַפּיטל פון אירע יוגנט־זיכרוינעס — האָט זיך געדרוקט אין דער צײַטונג „פרײַנד" (פּעטערבורג, 1907); פראַגמענטן פון א ראָמאַן און אן איינאַקטער „בא דער ארבעט" געדרוקט אין זשיטלאָווסקיס „דאָס נײַע לעבן", נום. 4, ניו־יאָרק, 1909; א דראַמאַטישע סצענע „אין אונדזערע טעג" (דאָרטן, נום. 7—8, פון 1911). נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע געדרוקט אירע ווערק אין דער ייִדישער סאָוועטישער פּרעסע.

ווערק: „דער ערשטער מײַ", פּיעסע אין דרײַ אקטן וועגן דער ייִדישער ארבעטער־באַוועגונג ערעוו דער ערשטער רוסלענדישער רעוואָליוציע פון 1905, מיט א פאָרוואָרט פון ב. אָרשאַנסקי, מינסק, 1925.

ביבליאָגראַפיע: ז. רייזען, „לעקסיקאָן", ב. 1; ז. זילבערצווײַג, „לעקסיקאָן פון ייִדישן טעאַטער", ב. 2.

יודאָווין מוישע (1966—1896)

— דיכטער. געבוירן אין בעשענקעוויטש, וויטעבסקער געגנט. דעביוטירט מיט לידער אין 1913. נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע געווען איינער פון די ערשטע ייִדישע פּראָלעטאַרישע שרײַבער. זײַנע לידער זײַנען געווען געדרוקט אין די ערשטע ייִדישע סאָוועטישע אויסגאַבעס: „די קאָמוניסטישע וועלט", „כוואַליעס", „רויטער שטערן".

ווערק: „קנוילן", לידער, וויטעבסק, 1922.

ביבליאָגראַפיע: ב. אָרשאַנסקי — „די ייִדישע ליטעראַטור אין ווײַסרוסלאַנד נאָך דער רעוואָליוציע", מינסק, 1931; מ. ברוקאַזש, איינער פון די ערשטע, זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", נום. 3, 1976.

יודיצקי, אווראָם (1943—1885)

— היסטאָריקער, ליטעראַטור־פאָרשער. געבוירן אין א שטעטל פון קיִעווער גובערניע. באַקומען א טראַדיציאָנעלע דערציִונג אין כיידער און אין א יעשיווע, אָנטיילגענומען אין דער ארבעטער־באַוועגונג. אין 1912 געלעבט אין פּעטערבורג, דערנאָך אין ווילנע. בײַס דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, ווען די דײַטשן האָבן זיך דערנעענטערט צו דער שטאָט, זיך עוואַקויִרט קיין אירקוטסק. אין אָנהייב פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע געלעבט אין מיטלאַזיע, געארבעט אין א קאָלווירט. געשטאָרבן אין טאַשקענט. אָנגעהויבן שרײַבן אף היסטאָרישע און ליטעראַרישע טעמעס נאָך ביז דער רעוואָליוציע, זיך געדרוקט אין די ייִדישע און העברעיִשע אויסגאַבעס („די יודישע וועלט", „הזמן", „די ארבעטער־שטימע" און אנדערע). נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע אקטיוו זיך באַטייליקט אין די ייִדישע סאָוועטישע וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבעס איבער געשיכטע און ליטעראַטור־געשיכטע: „ביבליאָלאָגישער זאַמלבוך" (מאָסקווע, כאַרקאָוו, מינסק, 1930), „דער אפּיקוירעס" (מאָסקווע, 1924 — 1925), „סאָוועטיש" (מאָסקווע, 1938,), „שריפטן" (קיִעוו, 1928), „די רויטע וועלט", „היסטאָרישער זאַמלבוך" און אנדערע.

ווערק: „דער וועג צו אָקטיאַבער" (רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין רוסלאַנד, 1895—1917), קיִעוו, 1925; „פּאָליט־איוורע פאַר פּאָליטשולן", מאָסקווע, 1926; „אָקטיאַבער־טעג", מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, קיִעוו, 1927; „פּאַריזשער קאָמונע", כאַרקאָוו, 1931; „נאַראָדאָוואָלצעס" (מאַטעריאַלן־זאַמלונג צום 50־יאָריקן יוביל פון „נאַראָדנאַיא וואָליא"), מאָסקווע — כאַרקאָוו — קיִעוו, 1932; „עטיודן

פון אלט־ייִדישער געשיכטע" (לויט א. ראַנאָוויטשעס בוך „עטיודן איבער דער געשיכטע פון דער אַלט־ייִדישער רעליגיע" און אַנד. קוועלן), מאָסקווע, 1940; „ייִדישע פאָלקסלידער" (צוזאַמען מיט י. דאָברושין), מאָסקווע, 1940; „דער אויצער, אָדער די גענאַרטע וועלט", פאַרוואָרט צו דער אויסגאַבע פון י. אַקסענפעלדס ווערק, אונטער דער רעדאַקציע פון מ. ווינער און א. יודיצקי, כאַרקאָוו, 1931.

ביבליאָגראַפיע: ז. רייזען, „לעקסיקאָן", ב. 1; ק. מאַרמאָר אין דער צײַטונג „מאָרגן־פרײַהייט", ניו־יאָרק, 12 אַפּרעל, 1931; כ. ווערבער — „אָפּן וויסנשאַפטלעכן פראָנט", נומ. 3—4, מינסק, 1933; „לעקסיקאָן פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור", פערטער באַנד, ניו־יאָרק, 1961, זז. 252—255.

יודעלסאָן, אַרן (1907—1937)

— דיכטער. געבוירן אין ריגע. פון די יונגע יאָרן געווען טעטיק אין דער קאָמוניסטישער יוגנט־באַוועגונג אין פוילן און אין ליטע. פון 1928 געלעבט אין ראַטנפאַרבאַנד, געענדיקט דעם אוניווערסיטעט אין מינסק און אַקטיוו זיך באַטייליקט אין דער ליטעראַרישער באַוועגונג פון יענע יאָרן. שעפערישע טעטיקײַט אָנגעהויבן אין 1923 אין די אומלעגאַלע ייִדישע אויסגאַבעס פון לעטלאַנד. אין די 30־ער יאָרן געדרוקט זײַנע ווערק אין די סאָוועטישע ייִדישע זשורנאַלן און צײַטונגען. זײַן דיכטונג איז געווידמעט הויפּטזאַכלעך אַקטועלע פּראָבלעמען פון דער סאָציאַליסטישער בויונג אין יענער צײַט.

ווערק: „קאָמבינאַט", פּאָעמע, מינסק, 1931; „גרענעצן", לידער און פּאָעמעס, מינסק, 1934; „באַ אונדז אין לאַנד", פאַרצייכענונגען, דאָרט, 1934; „רויטפּאָניקער קאָלווירט „קלאַס" (צוזאַמען מיט פ. שענקער), פאַרצייכענונגען, דאָרט, 1934; „זאַנגען", לידער, דאָרט, 1936.

ביבליאָגראַפיע: מ. כאַשטשעוואַצקי, זשורנאַל „פּראָליט", נומ. 3—4, כאַרקאָוו, 1930; ה. בלאָשטיין, „נײַערד", נומ. 1, ריגע, 1932; ל. צאַרט, זשורנאַל „שטערן", נומ. 3, מינסק, 1932; א. דאַמעסעק, זשורנאַל „שטערן", נומ. 4—5 מינסק, 1935; דער זעלבער, זשורנאַל „שטערן", נומ. 10, מינסק, 1936; כ. דונעץ, זשורנאַל „די רויטע וועלט", נומ. 3, כאַרקאָוו, 1933; י. בראָנשטיין, „שעפערישע פּראָבלעמען פון דער דיכטונג", מינסק, 1936.

יערוסאַלימסקי, אַרן (1902)

— פּעדאַגאָג, פּובליציסט, היסטאָריקער. געבוירן אין קיִעוו, פאַרענדיקט דעם ייִדישן סעקטאָר פונעם קאָמוניסטישן אוניווערסיטעט פאַר די פעלקער פון מיזרעוו אָף מאַרכלעווסקיס נאָמען („מיזרעווקע"), דעם ריאַזאַנער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, די אַספּיראַנטור פונעם מאָסקווער מעלוכע־אוניווערסיטעט, קאַנדידאַט פון היסטאָרישע וויסנשאַפטן, דאָצענט. געלייענט לעקציעס פון געשיכטע אין פאַרטייִשולן, מיטלשולן (פּעדאַגאָגישע טעכניקומס) און הויכשולן. גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער קאָמיוגישער באַוועגונג, געווען א מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע פונעם קאָמיוגישן ליטעראַריש־פּאָליטישן זשורנאַל „כוואַליעס" (וויטעבסק), רעדאַקטאָר פון „רויטער יוגנט" (קרעמענטשוג), פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אין „יונגוואַלד" און אין „עמעס". די לעצטע יאָרן געדרוקט א רײ אַרטיקלען אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". אָף רוסיש פּובליקירט אין די היסטאָרישע וויסנשאַפטלעכע זשורנאַלן און זאַמלונגען פאָרשונגען וועגן דער געשיכטע פון דער אַרבעטער־ און פּויערים־באַוועגונג אין רוסלאַנד און אַנד.

ווערק: „פּאָליטאָלעפּבייס פון א קאָמיוגיסט" (צוזאַמען מיט ש. גאָלוביצקי און י. לעזמאַן), מאָסקווע, 1925; „אָף דער וואָך פון סאָציאַליסטישן פּאַטערלאַנד" (צוזאַמען מיט ש. גאָלוביצקי), מאָסקווע, 1928; „היט אָפּ דײַנע רעכט, יונגער אַרבעטער!", מאָסקווע, 1928; „די „מיזרעווקע" — אונדזער קלײנינקער אינטערנאַציאָנאַל", זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 2 פון 1974; „ליכטיק זאָל ווערן" (צום 90־טן יאָרטאָג, זינט עס איז דערשינען די ערשטע סאָציאַליסטישע בראָשור אין ייִדיש). דאָרט, נומ. 6, פון 1975.

ביבליאָגראַפיע: ש. ווייצנפעלד „דער לעבנסוועג פון א וועטעראַן", זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 1 פון 1978.

כאַלאַדענקאָ, שיפרע (1909—1974)

— דיכטער, דאָוויד האָפּשטיינס שוועסטער. געבוירן אין דאָרף באַרטקאָוו־רודניאַ (וואָלין, אוקראַינע). פאַרענדיקט דעם פיזיש־מאַטעמאַטישן פאַקולטעט פונעם מאָסקווער מעלוכע־אוניווערסיטעט און א שטיק צײַט געאַרבעט לויט איר ספּעציאַליטעט, אָנטיילנעמענדיק אין וויסנשאַפטלעכע עקספּעדיציעס אָפן צאָפן, וואָס עס האָט שפּעטער געפונען אַן אָפּשפּיגלונג אין איר שאַפונג.

ש. כאַלאַדענקאָ האָט געדרוקט אירע ערשטע לידער אין זשורנאַל „שטראָם" (1922) און איז אין פאַרלויף פון א האַלבן יאָרהונדערט באַוווסט געוואָרן אַלס אָנגעזעענע ייִדישע סאָוועטישע דיכטערן, וועלכע באַזינגט דאָס סאָוועטישע לעבן, די געפילן פון דער סאָוועטישער פרוי און מוטער. די לעצטע יאָרן זיך געדרוקט אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". אירע לידער זײַנען איבערגעזעצט אָף רוסיש און אַנדערע שפּראַכן.

ווערק: „לעבן", לידער, קיִעוו, 1937; „גאַנצפרי", נאָוועלן, מאָסקווע, 1940; „לידער", קיִעוו, 1940; „אונדזער קראַפט", לידער, מאָסקווע, 1947; „דאָס וואָרט", מאָסקווע, 1974.

ביבליאָגראַפיע: י. נוסינאָוו, זשורנאַל „די רויטע וועלט", נומ. 9, כאַרקאָוו, 1926; ד. טשאַרני, „ליטעראַרישע בלעטער", נומ. 3, וואַרשע, 1927; ע. קאַרמאַן, „ייִדישע דיכטערנס", אַנטאָלאָגיע, טשיקאַגאָ, 1928; ב. י. גאָטליב, „צוקונפט", ניו־יאָרק, 1951; ב. מײַזיל, „דאָס ייִדישע שאַפן און דער ייִדישער שרײַבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד". ניו־יאָרק, 1959; י. טשערניס, „וועגן ש. כאַלאַדענקאָס בוך „דאָס וואָרט", זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 4, 1975; ש. גאָרשמאַן, „צאַרטע פּאַסטעכס", דאָרט, נומ. 5, 1977.

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

שאָלעם־אלײכעם

נאָך א פראגמענט פון „שיר־השירים"

בוזי לאָזט זיך גײן, איך — נאָך איר. גרינג און גיך גײט בוזי. גרינג, װי א סארנע, װי אן אינד..., טראָגט זי זיך אין פילפאַ׳רביקן פעלד, װאָס ציט זיך אָן א סאָף און אָן א ברעג. איר פּאָנעם שײַנט אַף דער שײַנענדיקער זון, און אלע פארבן פונעם פעלד פי׳נקלען זיך אָפּ אין אירע אױגן, אין אירע שײנע בלױע פארטרא׳כטע שיר־השירים־אױגן.

קײנמאָל, קײנמאָל איז נאָך בוזי ניט געװען אזױ די עמעסע שולא׳מיס פון שיר־השירים, װי אין דעם דאָזיקן טאָג.

— דערקע׳נסט, בוזי, דאָס דאָזיקע פעלד?

— אמאָל האָט דאָס געהערט צו דיר...

— און דאָס בערגל?

— דײַן בארג. אמאָל איז דאָס געװען אלצדי׳נג דײַנס, אלצדינג דײַנס...

זאָגט מיר בוזי מיט א גרינג שמײכל אַף די שײנע ליפּן. נאָר עס װײַזט זיך מיר אױס, אז זי לאכט פון מיר, װי זי פלעגט לאכן פון מיר אמאָל, מיט יאָרן צוריק.

— זיצן מיר?

— זיצן מיר.

איך זעץ מיך אװע׳ק אפן בערגל און מאך אן אָרט פאר איר. בוזי זעצט זיך אװעק אקע׳גן מיר.

— אָט דאָ, געדענקסטו, בוזי, האָב איך דיר אמאָל דערצײלט, װיִאזױ איך...

בוזי פארכאפּט און ענדיקט פאר מיר:

— װיִאזױ׳ דו הײבסט זיך אױף... און פליסט, װי אן אָדלער, ביז דער כמארע, העכער פון דער כמארע, איבער פעלדער, איבער װעלדער, איבער בערג, איבער טאָלן, איבער יאמים און מידבאָ׳ריעס, ביז דו קומסט אַף יענער זײַט האָרײ־כױ׳שעך, אין א קרײ־שטאָ׳לענעם פּאלאץ. דאָרט זיצט דײַן פּארקי׳שעפטע באס־מאלקע שױן זיבן יאָר און װארט, ביז דו װעסט זיך דערבא׳רעמען אַף איר און װעסט קומען צו פליִען... זי אױסלײזן, באפרײַען — כא־כא־כא!

Бузя идет («пускается в путь»), я — за ней. Легко и быстро идет Бузя. Легко, как серна, как лань..., несется она по разноцветному полю, что простирается без конца и без края. Лицо ее сияет на сияющем солнце, и все цвета поля отсвечивают в её глазах, в её прекрасных голубых задумчивых глазах из «Песни песней».

Никогда, никогда еще Бузя не была, как настоящая Суламифь из «Песни песней», как в этот день.

— Узнаешь, Бузя, это поле?

— Когда-то оно принадлежало тебе...

— А горка?

— Твоя гора. Когда-то всё это было твое, всё твое, — говорит мне Бузя с легкой усмешкой на красивых губах. Мне кажется, что она смеется надо мной, как смеялась когда-то, много лет назад.

— Сядем?

— Сядем.

Я усаживаюсь на горке и устраиваю место для нее. Бузя садится против меня.

— Вот здесь, Бузя, помнишь, я тебе когда-то рассказывал, как я...

Бузя прерывает и заканчивает за меня:

— Как ты поднимаешься... и летишь, как орел, к туче, выше тучи, над полями, над лесами, через горы, через долины, через моря и пустыни, пока прилетишь за Черные горы в хрустальный дворец. Там сидит твоя заколдованная царевна вот уже семь лет и ждет, чтобы ты над нею смиловался и прилетел... выручить её, освободить — ха-ха-ха!

קעגנװארט און פארגאנגענהײַט

בוזי לאָזט זיך גײן — האָט זיך געלאָזט גײן. גרינג און גיך גײט בוזי — איז בוזי געגאנגען. גרינג טראָגט זי זיך — האָט זי זיך געטראָגן. דאָס פעלד ציט זיך — האָט זיך געצױגן. דאָס פּאָנעם שײַנט — האָט געשײַנט. אלע פארבן פונעם פעלד פינקלען זיך אָפּ אין אירע אױגן — האָבן זיך אָפּגעפינקלט... דערקענסט, בוזי? — דו האָסט דערקענט? איצט געהערט דאָס צו דיר — אמאָל האָט דאָס געהערט צו דיר. איצט איז דאָס אלצדינג דײַנס — אמאָל איז דאָס געװען אלצדינג דײַנס. זאָגט מיר בוזי — האָט מיר בוזי געזאָגט. עס װײַזט זיך מיר אױס, אז זי לאכט פון מיר — עס האָט זיך מיר אױסגעװיזן, אז זי האָט געלאכט פון מיר. איך זעץ זיך אװעק און מאך אן אָרט פאר איר — איך האָב זיך אװעקגעזעצט און האָב געמאכט אן אָרט פאר איר. בוזי זעצט זיך אװעק — האָט זיך אװעקגעזעצט. בוזי פארכאפּט און ענדיקט פאר מיר — בוזי האָט פארכאפּט און האָט געענדיקט פאר מיר. דו הײבסט זיך אױף און פליסט — דו האָסט זיך אױפגעהױבן און ביסט געפלױגן. ביז דו קומסט אין א קרישטאָלענעם פּאלאץ — ביז דו ביסט געקומען... דאָרט זיצט דײַן באס־מאלקע און װארט — דאָרט איז געזעסן דײַן באס־מאלקע און האָט געװארט. דו דערבארעמסט זיך אַף איר — דו האָסט זיך דערבארעמט... דו קומסט צו פליִען — דו ביסט געקומען צו פליִען.

שרײַבט אָן די פּאָריקע זאצן אין צוקונפט. לעמאָשל: בוזי װעט זיך לאָזן גײן. גרינג און גיך װעט בוזי גײן. גרינג װעט זי זיך טראָגן...

לײענט איבער דעם פּאָריקן פראגמענט עטלעכע מאָל און דערצײלט אים זיך אָדער עמעצן.

סובסטאנטיװן אײנצאָל און מערצאָל

מענלעכער מין (דער): אָדלער־ס, בארג — בערג, ברעג־ן, דאך — דעכער, האָן — הענער, הונט — הינט, װאלד — װעלדער, װעג־ן, זון — זין, טאָג—טעג, טאָל־ן, יאם־ען, ים, מידבער—מידבאָריעס, פּאלאץ־ן;

װײַבלעכער מין (די): אינד־ן, באס־מאלקע־ס, האנט — הענט, װאָד־ן, װעלט־ן, זון־ען, זײַט־ן, טאָכטער — טעכטער, ליפּ־ן, נאכט — נעכט, כמארע־ס, פארב־ן, צײַט־ן, קעשענע־ס, שטאָט — שטעט;

נייטראַלער מין (דאָס): אויג־ן, אייגל־עך, אָרט — ערטער, בערגל־עך, דאָרף — דערפער, וואָרט - ווערטער, יאָר־ן, מויל — מײַלער, פּאָנעם — פּנעמער, קלייד־ער, שמייכל־ען.

שרײַבט אָן דאָס ווײַטערדיקע אין מערצאָל. דער ליכטיקער טאָג. די שיינע נאַכט. דאָס פריילעכע יאָר. דער בלויער הימל. די בלויע פאַרב. דאָס פריילעכע פּאָנעם. די שײַנענדיקע זון. די גרינגע האַנט. דאָס גרינגע שמייכל. דער פּילפאַרביקער וואַלד. דאָס פּילפאַרביקע פעלד. דער קרישטאָלענער פּאַלאַץ. די פאַרקישעפטע באָס־מאַלקע. דײַן באַרג און דײַן טאָל.

לעמאָשל: די ליכטיקע טעג, די שיינע נעכט... דײַנע בערג און דײַנע טאָלן.

ווערבאַלע סטרוקטורן און זייערע פונקציעס

די ווערבאַלע קאַטעגאָריעס — צאָל, פּערזאָן, צײַט, מאָדוס, גע׳נוס און אַספּע׳קט — ווערן מערסטנס אויסגעדריקט[1] דורך (זעלבשטענדיקע אָדער באַהילפיקע)[2] פּערזאָ׳ניקע ווערבן, אינפיניטיוון אָדער פּאַרטיציפּן.

א זעלבשטענדיקער פּערזאָניקער ווערב (מיט א צוגאָב, מיט „זיך״ אָדער אָן זיך) קומט אין קעגנוואַרט, האָט די פלעקסיעס „־סט, ט, (ע)ן״, שטימט מיטן סוביעקט אין פּערזאָן און אין צאָל און איז אין זאַץ דער פּרעדיקאַט[3]. א זעלבשטענדיקער פּערזאָניקער ווערב באַטײַט:

1) א טוּונג, וואָס קומט פאָר בעשאַ׳סן ריידן[4]. לעמאָשל: איצט גיי איך אַהיי׳ם[5]; איך זיץ און שרײַב; עס בליצט, עס דונערט[6]. עס גייט שוין א רעגן.

2) א טוּונג, וואָס קומט פאָר אָפּט: איך גיי אַף דער אַרבעט און פון דער אַרבעט צופו׳ס; ער לייענט נאָך אָן ברילן[7]; אין יענע מעקוי׳מעס[8] גייען רעגנס גאַנץ זעלטן (ניט אָפּט)[9].

3) א שטענדיקע טוּונג אָדער אייגנשאַפט[10]: א מענטש גייט אַף צוויי פיס, א טויטע קו גיט ניט קיין מילך; ריין וואַסער באַשטייט פון וואַסערשטאָף[11] און זויערשטאָף[12]. ריינע לופט באַשטייט הויפּטזאַכלעך פון זויערשטאָף און שטיקשטאָף[13].

אין א ריי פאַלן[14] קאָן א פּערזאָניקער ווערב — קעגנוואַרט — באַטײַטן א טוּונג, וואָס איז שוין פאַרגעקומען אָדער וואָס וועט ערשט פאָרקומען. לעמאָשל, טעוויע דער מילכיקער דערציילט:

1) געווען איז דאָס... אין בויבעריק טאַקע. פאָר איך מיר אַזוי מיט מײַן וועגעלע[15] איבער די דאַטשעס, שטעלט מיך עמעצער אָפּ[16]... 2) אינגיכן[17] שיקט מען אים אַוועק... עס איז בײַ אונדז געבליבן[18], אַז איך פאָר זיך דורך קיין יעהופּעץ (שאָלעם־אַליי‌כעם).

אין דער ערשטער פּראָזע רעדט זיך וועגן טוּונגען, וואָס זײַנען שוין פאָרגעקומען. אָבער קעדיי׳ צו מאַכן צוויי טוּונגען לעבעדיקער, בילדערישער[19], ברענגט זיי טעוויע אין קעגנוואַרט — אין דער פאָרמע, וואָס מיר זײַנען געוווינט אופצונעמען איר אינהאַלט[20], ווי אַן איצטיקע[21] טוּונג. ענלעך דערצו[22] איז אויך אין דער צווייטער פּראָזע, צווישן די דאָרטיקע[23] דרײַ טוּונגען זײַנען פאַראַן צוויי (שיקט מען אַוועק, איך פאָר זיך דורך), וואָס דאַרפן ערשט פאָרקומען[24]. קעדיי אָבער פאָרצושטעלן קומענדיקע טוּונגען[25] אַלס מער זיכערע[26], ברענגט מען זיי אָפּט אין קעגנוואַרט.

אייניקע פּערזאָניקע ווערבן קאָנען זײַן זעלבשטענדיקע און באַהילפיקע. לעמאָשל:

I. זעלבשטענדיקע: ער איז איצט אין שטוב; ער האָט א סאַך ביכער, ער האָט כיישעק און געדולד[27]; ער האַלט[28] זייער פון פיזקולטור, ער האַלט פון מענדעלען; ער טוט שטענדיק א סאַך גוטס[29], ער טוט מיר א צוליב[30]; זײַן האַלטונג[31] גיט צו כיישעק צו דער אַרבעט;

II. באַהילפיקע: ער איז שוין געקומען; ער האָט אַלץ צענומען און צעגעבן[32]; ער האַלט אין צענעמען, ער האַלט אין צעגעבן; ער טוט (גיט) א שפּרונג, ער טוט (גיט) א טרונק.

און אייניקע פּערזאָניקע ווערבן קומען נאָר אַלס באַהילפיקע. לעמאָשל: אַז ער וועט געפינען, וועט ער אָפּגעבן; ווען ער וואָלט געהאַט, וואָלט ער אָפּגעגעבן; ער פלעגט צענעמען און פלעגט צעגעבן.

Перевод: 1) большей частью выражаются; 2) самостоятельными или вспомогательными; 3) сказуемое; 4) во время речи; 5) домой; 6) молния сверкает, гремит; 7) без очков; 8) в тех местах; 9) довольно редко; 10) постоянное действие или свойство (качество); 11) чистая вода состоит из водорода; 12) и кислорода; 13) чистый воздух... главным образом... из кислорода и углекислого газа; 14) в ряде случаев; 15) со своей повозкой; 16) кто-то меня останавливает; 17) вскоре; 18) мы решили («у нас осталось»); 19) чтобы сделать... живее, образнее; 20) привыкли воспринимать её содержание; 21) как теперешнее; 22) близко (похоже) к этому; 23) между тамошними; 24) которые должны еще произойти; 25) чтобы представить будущие действия; 26) более уверенными; 27) желание и терпение; 28) он ценит, уважает; 29) много добра; 30) делает одолжение, оказыват услугу; 31) поведение; 32) разобрал и раздал.

דאָצענט ע. פאַלקאָוויטש

איז געווען אמאָל א פּאַסטעכל





איז געווען אמאָל א פאַסטעכל,
א פאַסטעכל,
איז בא אים פאַרלאָרן געגאַנגען א שעפעלע,
א שעפעלע.
גייט ער, זעט ער: פאָרט א פור מיט שטיינדעלעך,
מיט שטיינדעלעך,
ט׳ער געמיינט, אז דאָס איז פון שעפעלע די ביינדעלעך,
די ביינדעלעך.
זאָגט ער:
אדויני, אדויני, אדויני!
טשי ניע באַטשיוו טי,
טשי ניע ווידזיאַל טי,
מאַיעי אָווצי?

מאכט ער:
— ניעט!
בידא, בידו,
אָווצי נישטאָ,
א יאַק זשע יאַ
דאָ דאָמו פרידו?!

גייט ער, זעט ער: פאָרט א פור מיט דערנערלעך,
מיט דערנערלעך,
האָט ער געמיינט, אז דאָס איז פון שעפעלע די הערנערלעך,
די הערנערלעך.

זאָגט ער: אדויני אאוו.

גייט ער, זעט ער: פאָרט א פור מיט ניסעלעך,
מיט ניסעלעך,
האָט ער געמיינט, אז דאָס איז פון שעפעלע די פיסעלעך,
די פיסעלעך.
זאָגט ער:
אדויני, אדויני, אדויני!
טשי ניע באַטשיוו טי,
טשי ניע ווידזיאַל טי,
מאַיעי אָווצי?

מאכט ער:
— ניעט!
בידא, בידו,
אָווצי נישטאָ,
א יאַק זשע יאַ
דאָ דאָמו פרידו?!

In *Theatre News*, we are printing an item, "Touring the Country", by I. Ryklin, director of the Moscow Jewish Drama Company. During its last tour of the Soviet Union, the company put on "The Bewitched Tailor" (after Sholem Aleichem) and a première of the comedy "Hershele of Ostropol" (from the play by M. Gershenson).

"This year," writes I. Ryklin, "we have been almost constantly on the road. We began our tour in Donetsk, capital of the Donbass. Then we staged shows in Zaporozhye, Kherson, and Nikolayev, and so to Moldavia, where we appeared in Tiraspol, Bendery, and Beltsy. We were given a warm welcome everywhere we wennt.

The last stage of our tour in Latvia was particularly successful. The republic's philharmonic society organised our work extremely well. We attracted general attention in Riga, Daugavpils and Resekne."

Since its very first issue (August 1961), "Sovietish Heimland" has featured art insets with half-tone and colour reproductions of the best work by Soviet and foreign artists. In seventeen years, the reader has viewed a whole gallery of work by such outstanding artists as M. Axelrod, N. Altman, S. Verkhovsky, S. Gershov, M. Gorshman, S. Gruzberg, I. Zisman, A. Gluskin, G. Inger, T. Kaplan, G. Kravtsov, Yu. Pen, Z. Tolkachev, A. Tyshler, R. Falk and S. Yudovin. We have also published work by L. Zevin, M. Sokolik, and Hero of the Soviet Union M. Gurevich, artists who died in the last war.

Considerable attention has been given to the work of such artists as Marc Chagall, Kh. Sutin and others, and there have been insets featuring the work of Bulgarian, Polish and Canadian artists. Contemporary sculpture has also found a place in our magazine: "we have featured the work of I. Chaikov of Moscow, N. Mogilevsky, P. Krivorutsky, M. Futerman of Leningrad, and others.

Our current issue contains reproductions of work by Moscow artist D. Shterenberg.

Our regular features also appear in the current issue: *From the Journals and Newspapers, Editorial Commentary, Items of Interest, Chronicle, Material for a Lexicon of Yiddish Literature* and a new feature, *Jewish Folk-Songs.*

Translated by Alex Miller

CC of the CPSU on 21 January 1972. The author traces the continuity from Chernyshevsky and Belinsky to contemporary Soviet literary criticism. Noting the role of our precursors, who evolved a scientific methodology in this genre, Guralnik concludes that we must try to be more up-to-date, hard-hitting, stylistically varied, more single-minded and analytical in articles, reviews and surveys.

Hersh Remenik's article, "Lew Tolstoy and Jewish Literature", anticipates the Tolstoy jubilee which is to be given special prominence in our September issue. In his research study, Remenik demonstrates the mutual liking between the great Russian author and Jewish men of letters at the time and also the creative link between Sholem Aleichem and Tolstoy which found expression in the friendly correspondence between these two writers for the people. Tolstoy had a tremendous and fertile influence on such original Jewish prose writers as I. L. Peretz, D. Bergelson, Der Nister and others. This connection and this influence only go to emphasise that the literature of any people cannot develop inside a narrowly nationalist framework and that Jewish literature, as part of our multinational Soviet literature, bears within itself the heritage of the great Russian literary traditions.

A. Raskin's observations deal with the problems of the work of classic Jewish writer Mendele Mocher Seforim during the 80s and 90s the last century when, after a period of silence, he returned to literature with his short and long stories "In the Days of the Troubles", "Back Home", "The Garret Conference" and others, in which he reacted passionately to the urgent problems raised by the events of his time. Raskin draws the reader's attention to the fact that Mendele, who despised the Palestionophile trend, appeals in his stories for socially useful activity in the land "where we were born, work and will die", to quote his own words.

G. Beryozkin's article deals with the work of *Erzo* Fininberg (1899–1946), the outstanding Jewish poet whose work reflected certain features of revolutionary romanticism in the verse of the 20s, 30s and 40s. Beryozkin examines carefully and in detail the poet's work and the whole complex process of his personality in development, from the first book, "Breathink" (1922), and "Verse" (1925), to his last works, "From the Battlefield" (1943) and "In the Great Fire" (1946). Analysing Fininberg's poetry, Raskin discusses many aspects of his talent, his attachment to Russian poetry, especially that of N. A. Nekrasov, his enthusiasm for world history and culture (Goethe, Hugo), and his passionate devotion to and love for his Soviet homeland.

In her essay, "From Land to Land" (about Aron Vergelis' book *Travels),* Irme Druker takes the reader on an excursion into the history of memoir writink and explains its function and social-political significance.

A man of our own times, a Soviet writer and traveller, goes round the world to record everything he sees and hears in words and images for a literature that serves the causes of peace, socialism and progress. As Irme Druker writes: "Aron Vergelis has travelled far and seen much. He has seen as a guest who can tell the light from the darkness, honesty from villainy, good from evil, the near from the far, the kindredfrom the alien." The author of the essay gives an analysis of Vergelis' travels through America, France, Austria and other countries, defining their literary and social-political significance.

Translator I. Itkovich has an article in our feature *Problems of Language* in which he discusses precision and aptness of translation and the right choice of idioms and phrases when translating publicistic material, especially from Russian into Yiddish. Purity of language is also discussed by I. Gutner.

Ninel used to come and pose for me at the Recreation Centre straight from work, as requested, and in her tarpaulin overalls. I worked for about two hours every day until twilight filled the room. Then I used to see her home, as far as the other end of the settlement, where she livedwithherparents...

When "The Gas-Welder" was finished, my students came to the Centre and had a look at it. A few of them saw merit init, and only ont fair-haired girl student in black spectacles–not an outstanding pupil, but genuinely gifted–looked at the canvas and said nothing. Oh, I know that kind of silence so well! But now I could see it for myself: it was a full-length portrait ofagirl in working overalls with a welding tool in her hands; the drawing and the colours weren't too bad; but I had failed to put over what I had been aiming for–the image of a young working-girl who was also beautiful..

Naturally, what mattred most to me was Ninel's own opinion. She came and looked at the painting on its easel for some time. I looked into her eyes with a trembling heart: I wanted the truth, thewhole truth, and nothing but the truth!

Finally, Ninel said that she envied my trained hand, which was clearly well-disciplined; but many times while posing she had wanted to snatch the brush from me and give her face and figure in the portrait certain highly elusive strokes and lines which I had failed to find and in which, as she thought, the whole essence of the matter lay.

I felt as if I had flunked an exam, just as Ninel had done htat day at the art school. I glumly took the painting from the easel and stood it on the floor with its face to the wall.

The time was approaching when I would have to return to the city. Ninel and I had arranged to meet, since she had toldme that she wanted to show me something and had asked me to come over to the Recreation Centre at the end of the day. When I got there, Ninel was already waiting for me. She was wearing a white blouse and a pale-green short check shirt pulled in at the waist. We went upstairs into a spacious room on the second floor.

"This is our own special studio..."

Water colours, gouaches, linocuts and oil paintings were hund on the walls under glass. Among them I noticed several drawings signed Ninel Aizman, aged 13 and 15. The drawings were called: "Grandfather's Hill", "Out Riding", "The Little Hump-backed Horse" and later, more mature work: "Our Settlement", "The Assemblymen" and finally... Ninel looked at me slyly: the canvas depicted a girl standing in tarpaulin working clothes, in a pale-blue helmet and with a welding tool in her hands. The gas-welder! The composition was almost identical with mine, but there was so much life and naturalness in her attitude, her whole figure, in the perspective!

From the professional point of view, quite a lot of work needed doing on that picture; but it already had what I had failed to catch–the miage of a young working-girl who was also beautiful...

Our section *Literary Criticism* begins with an editorial introduction which states:

"Among all the contributions submitted to us by writers for publication, we have picked out for inclusion in the next few issues the ones which are concerned with literary criticism and research.

A decree by the Central Committee of our Party dated 21 January 1972 'On Literary Criticism' enables us to encourage the development of this genre in Soviet Jewish writing. The editors of 'Sovietish Heimland' intend to publish a wide range of items reflecting the various interests of Soviet Jewish literature today."

The August issue of our magazine is indeed packed with serious scholarship and features Doctors of Philology Uran Guralnik and Hersh Remenik of Moscow, Arn Raskin, a critic from Kursk, Minsk literary historian Grigori Beryozkin and Odessa essayist Irme Drunker. The state of criticism, as Pushkin once wrote, of itself demonstrates the extent to which a whole literature has formed." In this issue, the reader will be able to familiarise himself with a wide range of literary ideas.

In his article, "The Compass of Literature", Uran Guralnik examines the state of contemporary Jewish criticism in the light of the Decree of the

valley, the beautiful district with its white high-rise buildings, while on the horizon, a zig-zag of violet mountain crests, towered the silvery oil tanks, like the yurtas of nomads; on the sides of the building site itself there was the incessant traffic of lorries carrying bricks and of tip-ups loaded with cement.

I saw the girl gas-welder below, about thirty metres from the main block near two gigantic pipes. From the scaffolding, it looked as though pale-blue sparks were trembling and dancing in her hands. She was a girl of medium height, perhaps a little taller. The protective goggles gave her rather long facemarked seriousness. Her helmet was tipped slightly over towards her right ear and a few dark wisps of hair protruded from under the helmet on her brow. Her gracefulness and willowy suppleness were unmistakeable in spite of the clumsy tarpaulin jacket and the baggy trousers of the same material. I came down from the scaffolding, went up to the girl and watched fascinated as she skilfully laid the molten drops of filler smoothly on the pipe joints one after another, one after another like beads of coral. When she had finished, she switched off the welding apparatus by giving it a light and graceful blow with the flat of her hand and pushed the goggles up on to her forehead. I could see a pair of elongated, dark-brown eyes. She looked me up and down with a somewhat surprised air, but then an elusive smile flitted across her face.

"Real art! Mastery!" I exclaimed.

"Nice to hear that from an artist," she replied.

"How d'you know I'm an artist?"

"Well, you're an old friend of mine.'

"Old friend?"

"I should say so! I flunked at your place. The first time in my life," she said with a smile.

"Really? Flunked? At my place?"

It turned out that five years ago, Ninel Aizman, a fifteen-year-old schoolgirl and "the best artist" in her village, for whom everybody had predicted a brilliant future, tried to get into our art college; but I have her "only passable" for drawing at the exam (she actually remembered my full name) and she was dropped from the competition...

Five years ago! That had been my first year as a teacher after institute. Yes, it was all very vague now, but I couldstilljust remember a skinny, long-legged girl with dark pigtails. I had happened to go into the office for some reason just as she was picking up her documents–her child-like, frightened eyes had been brimming with tears which she had tried her hardest to hold back, but without success. Now I looked at the girl and attempted to find in her traces of the one with the pigtails. Eyes looking at me, not in fright but with bold mockery. True, with some respect also, as it seemed to me...

"What an encounter!" I thought, and I attempted to strike a more flippant note. "You must have had pretty bad memories of men..."

"At the time, yes," she laughed.

"But you became an artist anyway," I said.

"Not a painter, though."

Something in her voice showed that her annoyance and ill-feelings towards me were still active. After all, I was the one who had shattered her dreams. I felt uneasy, but then a thought occurred to me that drove everything else out of my head: what a beautiful subject for a portrait–a gas-welder!

"Listen!" I said, "let me see if I can pass a test with you as the examiner this time. I want to paint your portrait!"

She laughed.

"My portrait, or a portrait of a girl gas-welder?"

"Both, if it comes off."

"I've always known of you as a landscape painter."

"You actually knew..."

"Yes. What are you looking so surprised at? I've seen your landscapes at exhibitions in Khabarovsk and Birobijan."

With great vigour, I began work on her portrait and drew many sketches during work and afterwards at the Recreation Centre, where I wangled myself a corner in which to set up my easel. Ninel told me that after failing her exam at the art school, she finished secondary shool and, like all the other girls in the settlement, went to the power station project and became a workman, apainter. Strange to say, her knowledge of easel painting helped her in her job, as did her interest in line and colour. She might have remained in that trade if it hadn't been for a team of assemblymen and welders who came to the same project. She began to take more and mor enotice of their work, especially electric and gas welding, and said to herself: "That's for me! That's work and art combined!"

Hirsch Reles of Minsk who made his début as a poet in 1936 also has some new verse for us. One of his most recent books, *The Echoes of Time,* was translated into Russian and was brought out in Moscow in 1974.

Our August number also features poems by Avrom Katzev of Kherson. Primarily a children's poet, he quite often publishes verse for adults.

In our last issue, we discussed at some length the work of prose writer Grigori Rabinkov of Birobidjan, with special reference to his new book of short stories, *The Fellow Countrymen,* put out by "Sovietsky pisatel" publishers in 1977. This time, we are printing three new stories by him: "Festival Hours", "Mina Isayevna" and "The Gas-Welder". In them the writer described the everyday cares of the people living in the Far East. Here is an abridged translation of the third.

The Gas-Welder

The walls of my room ar houng with studies in oils, water colours and linocuts of various landscapes which I have done recently. Among them is a portrait, or rather a series of variations on one portrait. Her name is Ninel: she is seen full height, three-quarters, half height, wearing welding goggles and a pale-blue helmet; a sketch of her without the goggles and helmet. Her eyes are mocking, proud, and shyly good-natured; she is wearink a light-blue dress witho short sleeves, or a green check dress and a white blouse; or she's in a tarpaulin jacket and tarpaulin trousers and is holding a welding tool... I also have a folio of sketches in which the same girl is shown in various working attitudes and from various angles. And yet I look at these portraits with a heavy heart: there seems to be enough light in them, enough air, and plenty of sky overhead; but the girl herself... To tell the truth, even now I think that the portraits and compositions are not my line. But time passes and I return to my "Gas-Welder", as I have named this series of studies for aportrait. One attempt, I tell myself–the second, the third, the tenth–one of them is bound to be a success.

I came out here to the Far East after graduating at the Moscow Surikov Art Institute and immediately developed a passion for painting the "sumptuous and austere" ladsscape, as they call it. For several years, I exhibited my work at regional and local exhibitions. I began to acquire a reputation as a capable landscape painter among the artists of the Far East and Siberia. Recently, however, I'd had an urge to try my sertngth at portraits and compositions. Consequently, when I had to take my students out on a field excursion at the end of the academic year, I picked the Teplovodsk region with its magnificent stretches of taiga and, above all, its cement factory, one of the biggest in the Far East. Moreover, work had begun on a new thermo-electric station. In other words, Teplovodsk was a hive of activity!

For art collge students, a field expedition is the best part of the year. They spend whole days in the bosom of nature, wander about the taiga, light campfires on the banks of hte cold, fast-flowing Bira, swim, gohunting, shooting and fishing. The taiga in summer provides magnificent landscapes, each more beautiful than the last. I hoped that, after the intensive work of the academic year which had taken up all my time, I would be free to devote myself entirely to something of my own!

In Teplovodsk, my student group splitup into two parts: the "landscapers" went into the mountains and the taiga to paint hteir studies. The majoriy, however, chose to go to the cement factory and the thermo-electric project. I, too, began wandering round he high-roofed workshops covered all over with cement dust and round the quarries from which trucks loaded with clumps of lime came rumbling night and day. At first, the workers stared at me with evident curiosity: who was the tall young man with the long fair hair in faded jeans carrying asketch pad and felt pen?–They soon got used to me stopping near one of the workers and making a quick sketch for a portrait. But even I wasn't quite sure what I was doing it for.

So there I was one day, standing on the scaffolding of the main block of the thermo-electric project and looking at the magnificent view spread out in front of me: the

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland" ("The Soviet Homeland")
No. 8, August, 1978

"Sovietish Heimland" No. 8 begins with "Revival", the memoirs of L. I. Brezhnev, General Secretary of the CC of the CPSU and Chairman of the Presidium of the Supreme Soviet of the USSR.

In *Pravda*, 10 May 1978, the writer A. Chakovsky noted that "Revival" is not only an important contribution to memoir literature dealing with the post-war history of the Soviet Union, but is an important event in the spiritua, social and political life of the country. We are publishing a translation of Brezhnev's reminiscences into Yiddish so that our readers at home and abroad will be able to familiaries themselves with this outstanding record of recent events, absorb it, and acquire a deeper understanding of the labour achievements of Soviet people in the post-war restoration of our homeland.

Prose in this issue includes a continuation of *The Teacher from Medjibozh,* Kievan Hershel Polyanker's novel with which we began the last issue. The hero of the story, it will be remembered, is an indefatigable and resourceful character who has been all through the war and has come out of it every bit as life-loving and optimistic, looking things cheerfully in the face, like his famous fellow countryman Hershel from Ostropol, the hero of the folk-tales.

We are featuring a new cycle of poems by Avrom Gontar of Moscow. Last year ,the "Sovietsky pisatel" publishers brought out a collection of his poems entitled *Negine* ("Refrain"). Gontar is now at work on a new book and we are publishing a selection of poems from it in this issue. Here is one of them.

The Quarrel

Why do you give me such a frown?
The sun from up on high looks down
And rain is far away.

Don't try to pick a quarrel with me:
First there'll be rain, and then there'll be
Thunder at break of day.

My dear, you're right in everything–
I just heard thunder rumbling
Like a far avalanche.

You always go against the grain:
Even tomorrow it won't rain;
What you say isn't sense.

When a tear trembles in your eyes
I hear the thunder in the skies;
Heaven darkens just before
The rain begins to pour.

Друкер пишет: «Арон Вергелис много ездил и много видел. Видел как гость, который отделяет свет от тьмы, честность от плутовства, добро от зла, близкое от далекого, родственное от чуждого». Автор эссе аналитически исследует путевые заметки А. Вергелиса по Америке, Франции, Австрии и другим странам, определяя их литературное и общественно-политическое значение.

Под рубрикой *«Вопросы языка»* выступает переводчик И. Иткович. Его статья посвящена проблемам точности и адекватности перевода, верному выбору идиом и фразеологизмов при переводе публицистических текстов, в частности с русского языка на еврейский. Проблемам чистоты языка посвящена также заметка И. Гутнера.

В рубрике *«Театральные новости»* помещен материал «Гастроли по стране», написанный художественным руководителем Московского еврейского драматического ансамбля И. Рыклиным. Во время своей последней гастрольной поездки по городам страны ансамбль показал спектакль «Заколдованный портной» (по Шолом-Алейхему) и премьеру комедии «Гершеле Острополер» (по пьесе М. Гершензона).

«В этом году, — пишет И. Рыклин, — мы почти все время в пути. Начали мы гастроли в столице Донбасса — городе Донецке. Затем мы дали спектакли в Зопорожье, Херсоне, Николаеве, оттуда поехали в Молдавию, где выступили в городах Тирасполе, Бендерах, Бельцах. Повсюду нас встречали радушно.

Особенно успешными были заключительные гастроли нашего ансамбля в Латвийской ССР. Республиканская филармония отлично организовала работу. В Риге, Даугавпилсе, Резекне мы были окружены всеобщим вниманием».

Начиная с первого своего номера (август, 1961) журнал систематически печатает на художественных вклейках тоновые и цветные репродукции лучших произведений советских и зарубежных художников. За семнадцать лет перед читателями прошла огромная галлерея работ таких замечательных художников, как М. Аксельрод, Н. Альтман, С. Верховский, С. Гершов, М. Горшман, С. Грузберг, И. Зисман, А. Глускин, Г. Ингер, Т. Каплан, Г. Кравцов, Ю. Пэн, З. Толкачев, А. Тышлер, Р. Фальк, С. Юдовин. Печатались работы погибших на войне художников Л. Зевина, С. Соколика, Героя Советского Союза М. Гуревича.

Большое внимание уделялось творчеству таких художников, как М. Шагал, Х. Сутин и др., давались вклейки с произведениями болгарских, польских, канадских художников. Современная скульптура также нашла отражение на страницах журнала. Публиковались работы московского ваятеля И. Чайкова, ленинградских скульпторов — Н. Могилевского, П. Криворуцкого, М. Футермана и др.

В нынешнем номере журнала читатель найдет репродукции работ московского художника Д. Штеренберга.

Публикуются в этом номере и материалы постоянных рубрик: «Листая журналы и газеты», «Комментарии редакции», «Это интересно», «Хроника», «Материалы для лексикона еврейской литературы» и новая рубрика «Еврейские народные песни».

сатель-эссеист Ирмэ Друкер. «Состояние критики, писал когда-то А. С. Пушкин, само по себе показывает степень образованности всей литературы». В работах этого номера читателю открывается широкий диапазон литературной мысли.

У. Гуральник в своей статье «Компас литературы» рассматривает состояние современной еврейской критики в свете постановления ЦК КПСС от 21 января 1972 года. Автор проводит историческую преемственную линию от Чернышевского и Белинского до современной советской литературной критики. Отмечая роль предшественников, разработавших научную методологию в этом жанре, У. Гуральник ставит проблемы: необходимо добиваться большей оперативности, боевитости, жанрового разнообразия, большей целенаправленности и аналитичности в статьях, рецензиях, обзорах.

Статья Г. Ременика «Лев Толстой и еврейская литература» как бы предваряет толстовский юбилей, который будет широко отмечаться в сентябрьском номере журнала. В своем исследовании Г. Ременик показывает взаимную приязнь великого писателя земли русской и творцов еврейской литературы того времени, творческую связь Шолом-Алейхема с Толстым, выразившуюся в дружеской деловой переписке двух народных писателей. Огромно и плодотворно то влияние, которое оказал Л. Н. Толстой на прозу еврейских писателей — таких самобытных, как И.-Л. Перец, Д. Бергельсон, Дер Нистер и др. Эта связь и влияние лишний раз подтверждают, что литература любого народа не может развиваться в рамках узконациональных, и что еврейская литература, как часть многонациональной советской литературы, несет в себе и наследие великих русских литературных традиций.

Литературоведческие наблюдения А. Раскина посвящены проблемам творчества классика еврейской литературы Менделе Мойхер-Сфорима, периоду 80—90-х годов прошлого века, когда он после долгого молчания вновь выступил в литературе с рассказами и повестями «В дни смятения», «Назад домой», «Чердачное заседание» и др., в которых страстно отозвался на актуальные вопросы, выдвинутые событиями своего времени. Автор статьи акцентирует внимание на том, что Менделе, презрев палестинофильские настроения, призывает в своих рассказах к общественно-полезной деятельности на той земле, «где мы родились, работаем и умрем», как писал Менделе.

Г. Березкин посвящает свою статью творчеству Эзро Фининберга (1899—1946), выдающегося еврейского поэта, в чьем творчестве отразились черты революционно-романтической поэзии 20—40-х годов. Г. Березкин внимательно и подробно рассматривает творчество поэта, весь сложный процесс становления его личности, начиная с первых книг «Дыхание» (1922) и «Стихи» (1925) и кончая его последними книгами «С поля боя» (1943) и «В великом огне» (1946). Анализируя поэзию Э. Фининберга, он раскрывает многие грани его дарования, его привязанность к русской поэзии, в частности к поэзии Н. А. Некрасова, увлеченность мировой историей и культурой (Гёте, Гюго), горячую преданность и любовь к советской Родине.

Читатель, который прочтет эссе Ирмы Друкера «Из страны в страну» (о книге Арона Вергелиса «Путешествия»), сделает экскурс в историю жанра путевых заметок, узнает о его назначении и общественно-политической значимости.

Человек нового времени — советский писатель и путешественник — ездит по миру, чтобы все увиденное и услышанное обратить в слова и образы литературы, служащей миру, социализму и прогрессу. Ирмэ

поселка, приехала на строительство ТЭЦ, стала маляром. Познания живописи, как ни странно, пригодились ей в работе, как и интерес к линии и цвету. И, возможно, она так и осталась бы при этой профессии, если бы не бригада монтажников и сварщиков, которые прибыли тогда же на стройку. Она начала приглядываться к их работе, особенно к электро- и газосварке и сама себе сказала: вот то, что мне нужно. Это и работа, и искусство!

Нинель приходила позировать во Дворец Культуры прямо с работы, как я просил её, в брезентовой робе. Часа два ежедневно я работал, пока комната не наполнялась сумерками. Тогда я провожал её домой, на другой конец поселка, где она жила со своими родителями...

Когда «Газосварщица» была закончена, мои студенты пришли в ДК посмотреть на неё. Некоторые нашли в ней ряд достоинств, только одна белокурая студентка в больших черных очках — не выдающегося, но истинного дарования человек — смотрела на полотно и молчала. О, я хорошо знаю это молчание! Но теперь я и сам видел: на полотне во весь рост нарисована девушка в спецовке и со сваркой в руках; и рисунок и колорит вроде неплохи; однако мне не удалось передать то, что хотелось — образ молодой работницы и при этом красивой женщины...

Важней всего мне, естественно, было мнение самой Нинели. Она пришла, долго смотрела на мольберт. С дрогнувшим сердцем я заглядывал в её глаза: мне нужна правда и только правда!

Наконец Нинель сказала, что завидует моей тренированной руке, в которой ощущается школа, но как часто во время позирования ей хотелось выхватить кисть и придать своему лицу и фигуре на портрете отдельные черточки и линии, едва уловимые, которые я не нашел и в которых, как ей кажется, собственно и выражена вся суть.

У меня было такое чувство, как будто я провалился на экзамене — как Нинель тогда в училище живописи. Удрученный, снял я полотно с мольберта и поставил его на пол лицом к стене.

Приближалось время, когда я должен был вернуться в город. С Нинель мы договорились о встрече, так как она мне сказала, что хочет кое-что показать мне, и попросила в конце дня прийти во Дворец Культуры. Когда я пришел, Нинель уже ждала меня. Она была в белой блузке, в светло-зеленом клетчатом коротком платье, зауженном в бедрах. Мы поднялись в просторную комнату на втором этаже.

— Это наша самодеятельная студия...

На стенах под стеклом были развешаны акварели и гуаши, линогравюры и масляные этюды. Среди них я увидел несколько рисунков с надписью Нинель Айзман, 13 лет и 15 лет. Рисунки назывались: «Дедушкина горка», «Мы катаемся», «Конек-горбунок» и поздние более зрелые работы: «Наш поселок», «Монтажники» и наконец... Нинель посмотрела на меня лукаво: на полотне во всю ширь стояла девушка в брезентовой робе, в светло-голубой каске, со сваркой в руках. Газосварщица! Композиционно почти как у меня, но в её позе, во всей фигуре, в ракурсе было столько жизни, естественности!

Над картиной этой, с профессиональной точки зрения, надо было еще немало поработать, но в ней уже было то, что я хотел и не смог выразить — образ молодой работницы и при этом красивой женщины...

Перевел Лев Фрухтман

Отдел *литературной критики* начинается редакционным вступлением, в котором сказано:

«Из всех произведений, которые присылают нам авторы для опубликования, мы в ближайших номерах особо выделили те, что относятся к жанру критики и литературоведения.

Постановление ЦК КПСС от 21 января 1972 года «О литературно-художественной критике» дает нам возможность форсировать развитие этого жанра в советской еврейской литературе. Редакция «Советиш геймланд» приступает к публикации широкого круга материалов, которые призваны отразить разнообразные интересы советской еврейской литературы на современном этапе».

Августовский номер «Советиш геймланд» действительно насыщен серьезными исследованиями. В нем выступают доктора филологических наук Уран Гуральник и Герш Ременик (Москва), критик из Курска Арн Раскин, минский литературовед Григорий Березкин, одесский пи-

его блокнот и фламастер... Но вскоре они привыкли к тому, что я останавливаюсь возле того или иного рабочего и делаю набросок портрета. Для чего — мне самому это было еще неясно.

Так вот, стою я однажды на лесах главного корпуса ТЭЦ и гляжу на величественную панораму, которая расстилается предо мной: в долине — красивый район с его многоэтажными белокаменными строениями, а у горизонта, который вырисовывался зигзагообразно линией фиолетовых горных хребтов, высятся серебристого цвета нефтяные резервуары, похожие на юрты кочевников; на стенах котлована — непрерывное движение грузовых машин с кирпичом и самосвалов с бетоном.

Внизу, метрах в тридцати от главного корпуса, около двух гигантских толстых труб я увидел газосварщицу. С лесов мне показалось, что у неё в руках дрожат, пляшут голубые искорки. Это была девушка среднего роста, может, чуть повыше. Защитные очки придавали её продолговатому лицу некую значительную серьезность. Каска была слегка сдвинута на правое ухо, из-под каски на лоб выбилось несколько темных прядок. Её стройность и пружинистая гибкость чувствовались даже сквозь неуклюжую брезентовую куртку и широченные брезентовые брюки. Я спустился с лесов и, подойдя к сварщице, стал смотреть с восхищением, как мастерски ровно ложатся на стыки труб один за другим, один на другой, как связки кораллов, расплавленные капли электрода. Закончив, она легким грациозным ударом своей твердой ладони погасила сварочный аппарат и сдвинула защитные очки на лоб. Я увидел её удлиненные темно-карие глаза, она же оглядела меня несколько удивленно, но тут же по её лицу пробежала едва уловимая усмешка.

— Настоящее искусство! Мастерство! — воскликнул я.

— Приятно это слышать от художника, — ответила она.

— Откуда вам известно, что я художник?

— Вы мой старый знакомый...

— Старый знакомый?

— Еще какой! Я у вас с треском провалилась. Впервые в своей жизни, — сказала она с улыбкой.

— Даже так? Провалилась? У меня?

— Да, у вас.

Выяснилось следующее:

Лет пять назад пятнадцатилетняя школьница Нинель Айзман, «лучшая художница» своего поселка, которой все пророчили блестящее будущее, сделала попытку поступить в наше училище живописи, но на экзамене я (она даже запомнила мое имя и отчество) поставил ей «тройку» за рисунок, и она не прошла по конкурсу...

Лет пять назад!.. Ведь это был мой первый учебный год после института. Да, весьма туманно, но все же осталась в моей памяти худощавая длинноногая девчушка с темными косичками. Я по какому-то делу зашел в канцелярию, как раз когда она забирала документы — в её по-детски испуганных глазах застряли слезы, которые она изо всех сил старалась удержать и не могла. Теперь я смотрел на девушку и пытался найти в ней следы той, с косичками. Глаза, которые смотрят на меня не испуганно, а со смелой усмешкой. Правда, как мне показалось, с некоторым почтением...

«Ну и встреча!» подумал я и сделал попытку перейти на шутливый тон:

— Наверняка, вы меня с тех пор не раз поминали «добром»...

— Тогда — да, — рассмеялась она.

— Художником вы все равно стали, — сказал я.

— Но не живописцем.

По тому, как она это произнесла, мне показалось, что досада, недоброе чувство ко мне у неё все-таки осталось. Ведь я был тот, кто разбил её мечты. Я почувствовал себя неловко, но тут мне пришла в голову мысль, вытеснившая все остальное: вот ведь прекрасная тема для портрета — газосварщица!

— Послушайте! — сказал я, — позвольте мне теперь держать экзамен у вас. Я хочу нарисовать ваш портрет!

Она усмехнулась:

— Мой портрет, или портрет девушки-газосварщицы?

— И то и другое, если удастся.

— До сих пор я знала вас как пейзажиста.

— Даже знали...

— Ну да, что вас удивляет? Я видела ваши пейзажи на выставках в Хабаровске и Биробиджане.

Я с большой энергией принялся за её портрет, писал многочисленные эскизы во время работы и после работы, во Дворце Культуры, где я вытребовал себе угол для того, чтобы поставить мольберт. Нинель мне рассказала, что после её провала на экзаменах в училище живописи она закончила школу и, как все другие девушки

Со своими новыми стихами знакомит нас и минчанин Гирш Релес. Поэтический дебют Г. Релеса состоялся еще в 1936 году. Одну из последних книг, в переводе на русский язык — «Отзвуки времени» — поэт издал в Москве в 1974 г.

В августовской книжке «Советиш геймланд» читатель встретится со стихами Аврома Кацева (Херсон), по преимуществу детского поэта, выступающего нередко и со стихами для взрослых.

В прошлом номере мы обстоятельно говорили о творчестве прозаика Григория Рабинкова (Биробиджан) в связи с его новой книгой рассказов «Земляки», выпущенной издательством «Советский писатель» в 1977 году. В нынешнем номере публикуются три новых рассказа Г. Рабинкова — «Праздничные часы», «Мина Исаевна», «Газосварщица». В них писатель вновь показал людей дальневосточного края, их трудовые будни. Приводим сокращенный перевод рассказа «Газосварщица».

Г. Рабинков

Газосварщица

На стенах моей комнаты развешаны этюды маслом, акварели и линогравюры разнообразных пейзажей, которые я писал в последнее время. Среди них и портрет, вернее, серия вариантов одного портрета — Нинели: во весь рост, до колен, в половину роста, в сварочных очках и голубой каске; набросок без очков и каски. Глаза её насмешливые, гордо прищуренные и скромно добродушные; в голубом платье с короткими рукавами, в зеленом клетчатом платье с белой блузкой; в брезентовой куртке и брезентовых штанах, со сваркой в руках... Кроме того, есть у меня еще целая папка эскизов, в которых эта девушка запечатлена в различных рабочих позах и ракурсах. Вот на эти-то портреты смотрю я с тяжелым сердцем: кажется, достаточно в них света, воздуха, много неба над головой девушки. Но сама она... Правду сказать, я думаю еще и теперь, что жанр портрета и тематический рисунок не моя область. Но проходит время и я вновь возвращаюсь к своей «Газосварщице», как я сам назвал эту серию портретных этюдов. Одна попытка, говорю я себе, — вторая, третья, десятая — одна из них должна быть удачной.

Сюда, на Дальний Восток, я приехал по окончании московского Суриковского института, и сразу же пристрастился рисовать «пышную и суровую», как о ней пишут, дальневосточную природу. Несколько лет я выставлял свои работы на краевых и зональных выставках. У художников Дальнего Востока и Сибири я начал приобретать репутацию способного пейзажиста. В последнее время, однако, мне захотелось испробовать свои силы в портретном жанре и сюжетной композиции. Поэтому, когда я должен был выехать со своей группой студентов на «пленер»* в конце учебного года, то я выбрал район Тепловодска с его великолепным таежным массивом и, главным образом, цементным заводом, одним из крупнейших на Дальнем Востоке. Там начала также строиться и ТЭЦ. Короче, в Тепловодске кипела жизнь!

«Пленер»... это для студентов художественного училища лучшая пора года. Целые дни проводят они на лоне природы, блуждают по тайге, жгут костры на берегу холодной и быстрой Биры, купаются, занимаются рыбной ловлей и охотой. В летней тайге столько великолепных пейзажей, один краше другого. Я надеялся, что после напряженного учебного года, отнимавшего все время, я теперь поработаю вовсю!

В Тепловодске моя группа студентов разделилась на две части: «пейзажисты» ушли в горы, в тайгу писать этюды. Большинство, однако, направилось на цементный завод и на строительство ТЭЦ. Я тоже принялся бродить по запорошенным цементом высоким цехам, по карьерам, откуда день и ночь шли вагонетки с глыбами известняка. Рабочие первое время смотрели на меня с любопытством: ходит по заводу какой-то высокий парень с белокурой шевелюрой, в выцветших джинсах, в руках

---

* «Пленер» (франц.) — занятие живописью на открытом воздухе (Прим. переводчика).

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская Родина»)
№ 8, август, 1978

Восьмой номер журнала мы открываем публикацией воспоминаний Генерального секретаря ЦК КПСС, Председателя Президиума Верховного Совета СССР товарища Л. И. Брежнева «Возрождение».

В «Правде» от 10 мая 1978 года писатель А. Чаковский отмечает, что «Возрождение» явилось не только большим вкладом в мемуарную литературу, посвященную послевоенной истории нашей Советской Родины, но и важным событием в сегодняшней духовной, общественно-политической жизни страны. Мы публикуем воспоминания Л. И. Брежнева на еврейском языке, чтобы читатели «Советиш геймланд» в нашей стране и за рубежом смогли ознакомиться с этим выдающимся документом современности, осмыслить и глубже понять трудовой подвиг советских людей в послевоенном восстановлении нашей отчизны.

Из прозы читатель найдет в этом номере продолжение романа Гершла Полянкера (Киев) «Учитель из Меджибожа», которым мы открывали прошлый номер. Напомним, что герой этого произведения — неутомимый, находчивый человек, прошедший войну и оставшийся таким же жизнелюбом и оптимистом, смотрящим на жизнь прямо и весело, подстать своему знаменитому земляку Гершеле из Острополья — герою народных сказаний.

С новым стихотворным циклом выступает Авром Гонтарь (Москва). В прошлом году издательство «Советский писатель» выпустило его сборник стихов под названием «Нэгине» («Напев»). Сейчас поэт работает над новой книгой, цикл из которой и печатается в настоящем номере журнала. Приводим перевод одного из стихотворений цикла.

Спор

Зачем же брови хмуришь ты?
Ведь солнце смотрит с высоты,
Дождя в помине нет.

Не спорь, известно мне о том,
Что будет дождик, а потом
Гроза придет чуть свет.

Родная, ты права во всем —
Я только что услышал гром,
Он, как лавина с гор.

Всё у тебя наоборот:
Дождь даже завтра не пойдет,
Ты снова мелешь вздор!..

Когда в твоих глазах слеза,
Мне сразу слышится гроза,
Мрачнеет небосвод,
И хлынет дождь вот-вот.

Перевел П. Градов

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

Ежемесячный
литературно-художественный журнал

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:
Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон,
Нотэ Лурье. Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер, Г. Полянкер,
Г. Ременик, С. Фрай,
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17

Телефоны:
главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
М. Сафронович, С. Черняк

Корректор М. Ландман

Сдано в набор 30.V.1978 г. Подписано к печати 17.VII.1978 г. Формат 70×108/16. Бумага типографская № 1. Печ. л. 13+0,25 вкл. (усл. печ. л. 18,15). Бум. л. 6,5+0,125. Цена 50 коп. Зак. 421.

Ордена Трудового Красного Знамени московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» при Государственном комитете Совета Министров СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1978 г.

31-52б

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 8

1 9 7 8

В НОМЕРЕ:

Л. И. Брежнев. Возрождение.

Г. Полянкер. Учитель из Меджибожа (Роман. Продолжение).

Г. Рабинков. Три рассказа.

Стихи А. Гонтаря, А. Кацева, Г. Релеса.

Актуальные проблемы литературной критики

У. Гуральник. Литература и современность.

Г. Ременик. Лев Толстой и еврейская литература (к 150-летию со дня рождения Л. Н. Толстого).

А. Раскин. Рассказы Менделе-Мойхер-Сфорима 80—90-х гг.

Г. Березкин. Некоторые наблюдения над лирикой Эзры Фининберга.

И. Друкер. Из страны в страну (о книге А. Вергелиса «Путешествия»).

Вопросы языка. Статьи М. Итковича и Е. Гутнера.

Театр и эстрада. Перед премьерой; И. Рыклин. Гастроли по стране.

Листая журналы и газеты. Комментарии редакции. Это интересно. Разное. Хроника. Материалы для лексикона советской еврейской литературы.

Резюме на русском и английском языках.